STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06616

DOS LEBN FUN KLIM SAMGIN

Maksim Gorky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מאקסים גארקי

דאס לעבן פון קלים סאמגין

(פערציק יאָר)

יידיש מ. ביידין

II.

פארלאג „כוחות"

ווארשע

1929

M. Gorki
Życie Klimà Samgina
Tłumaczył M. Najdin
Składano w zecerni
P. Krymera, Puławy.
Druk. B-ci Wójcikiewicz,
Warszawa, Pawia 10.

קאַפּיטל 4.

זונענשיין, דורכגעזייעטע דורכן מישלין פון די פּאַרהאַנגען אויף די פענצטער און דורך דעם אַ געמילדערטע, האָט אָנגעפילט דאָס גאַסטצימער מיט שמעקעדיקער וואַרעמקייט פון פריילינגדיקן מיטנטאָג. די פענצטער זענען אָפן, אָבער דער מושלין וויגט זיך נישט, די בלעטער פון די בלומען אויף די פענצטער־אָנשפּאַרן — זענען אומבאַוועגלעך. קלים סאַמגין האָט געפילט, אַז ער איז אָפּגעוואוינט געוואָרן פון אַזאַ שטילקייט און אַז זי נייט אים עפּעס אויף אַ נייעם שטייגער זיך איינצוהערן אין דער מוטערס ווערטער.

— דו ביסט זייער, זייער מעניש געוואָרן, — האָט וויעראַ פּעטראָוונאַ געזאָגט דאַכט זיך שוין דאָס דריטע מאָל. — בײַ דיר זענען אפילו די אויגן טונקעלער געוואָרן.

זי האָט באַגעגנט דעם זון מיט אַ פרייד, אַן אומגעריכטער פאַר אים. קלים איז פון דער קינדהייט אָן צוגעוואוינט געוואָרן צו איר טרוקענער איינגעהאַלטנקייט, געוואוינט געוואָרן צו ענטפערן אויף דער מוטערס טרוקנקייט מיט דרך־ארצדיקער גלייכגילטיקייט, און אַצינד איז נייטיק געווען צו געפינען עפּעס אַן אַנדערן טאָן.

— נו, און — דמיטרי? — האָט זי געפרעגט. — שטודירט די אַרבעטער־פראַגע? אָ, גאָט! איבעריקנס, איך האָב טאַקע אַזוי

געטראַכט, אַז ער וועט זיך פאַרנעמען מיט עפּעס פון דעם מין. טימאָפעי סטעפּאַנאָוויטש איז איבערצייגט, אַז דידאַזיקע פראַגע ווערט קינסטלעך צעבלאָזן. ס׳זענען דאָ מענטשן, וועלכע ס׳דאַכט זיך, אַז דייטשלאַנד, שרעקנדיק זיך פאַרן וואוקס פון אונזער אינדוסטריע, פירט עס אַריין צו אונז דעם אַרבעטער־סאָציאַליזם. וואָס רעדט דמיטרי וועגן פאָטער? פאַר דידאָזיקע אַכט חדשים, — ניין מער! — האָט איוואַן אַקימאָוויטש מיר נישט געשריבן...

זי איז געווען אָנגעטון פּאַראַדמעסיק, גלייך זי וואָלט דערוואַרט געסט אָדער זי וואָלט זיך אַליין געקליבן צו גאַסט. דאָס ליליע קלייד, שטייף איינציִענדיק דעם ביוסט און טאַרס, האָט צוגעגעבן איר פיגור עפּעס אָנגעשטרענגטס און אַרויסרופנדיקס. זי האָט גערייכערט אַ פּאַפּיראָס, דאָס — איז אַ נייעס. ווען זי האָט געזאָגט:

— גאָט מיינער, ווי שנעל ס׳פליט די צייט! — האָט קלים אין טאָן פון אירע ווערטער דערהערט אַ באַקלאָגן זיך, דאָס איז אויך געווען נישט כאַראַקטעריסטיש פאַר איר.

— דו ווייסט, — אין דער פאַסטענצייט בין איך גענייט געווען צו פאָרן קיין סאַראַטאָוו, צוליבן ענין פון פעטער יאַקאָוו; זייער אַ שווערע נסיעה: איך קען דאָרט קיינעם נישט און בין אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט צו די אָרטיקע.. ראַדיקאַלן, זיי האָבן מיר אַ סך קאַליע געמאַכט. ס׳איז מיר גאָרנישט געלונגען צו מאַכן, אַפילו קיין זעונג מיט יאַקאָוו אַקימאָוויטש האָט מען נישט געגעבן. כ׳בין זיך מודה, אַז איך האָב זיך נישט זייער אַוועקגעברענגט וועגן דעם. וואָס וואָלט איך אים געקאָנט זאָגן?

קלים האָט איינשטימיק אָנגעבויגן דעם קאָפּ.

— יאָ, מיט אים איז שווער.

דער מוטערס באַרעדעוודיקייט האָט אים אַ ביסל געבערענגט אין פאַרלעגנהייט, אָבער ער האָט זיך באַנוצט מיט איר און געפרעגט: וואו איז לידיאַ?

— זי איז אַוועקגעפאָרן אין מאָנאַסטיר אַריין מיט אַלינאַ טעליעפּניעוואַ, צו איר מומע, דער סופּעריאָרקע. דו ווייסט, זי האָט

ענדלעך באַגריפֿן, אַז זי פֿאַרמאָגט נישט קיין סצעניש טאַלענט.
ואָס איז גוט. אָבער זי דאַרף נאָך פֿאַרשטיין, אַז זי האָט בכלל קיין
שום טאַלענט נישט. דעמאָלט וועט זי אויפֿהערן צו קוקן אויף זיך
זי אויף עפּעס אַן אויסנאָם און וועט אפֿשר זיך אויסלערנען...
ורך-ארץ האָבן פֿאַר מענטשן.

וויעראַ פּעטראָוונאַ האָט אַ זיפֿץ געטון, אַ בליק געבנדיק
אויפֿן זייגער, צוהערנדיק זיך צו עפּעס.

— דו האָסט געהערט, אַז די טעליעפּניעוואַ האָט זיך געפֿו-
ען אַ רייכן חתן?

— איך האָב אים געזען אין מאָסקווע.

— יאָ! וואָס איז ער?

— עפּעס אַ מין ליז, — האָט געזאָגט קלים, קוועטשנדיק מיט
די אַקסלען.

— דאַכט זיך, טימאָפֿעי סטעפּאַנאָוויטש איז געקומען...

די מוטער איז אויפֿגעשטאַנען, געגאַנגען צו דער טיר, אָבער
די טיר האָט זיך ברייט אויפֿגעפּראַלט, אויפֿגעעפֿנט דורך וואַראָוו-
קעס מעכטיקער האַנט.

— אַהאַ, דער יוריסט, ביסט געקומען, וואָס מאַכסטו; נו,
ווייז זיך באַר!

ער האָט באַלד אָנגעפֿולט דאָס צימער מיט סקריפּען פֿון די
נייע שיך, מיט קלאַפּערייַ פֿון איבעררוקן שטולן, און אויף דער
באַס האָט אַ פֿערד אַ פֿאַרסקע געטון, ס'האָבן זיך צעשריגן ייַנ-
געלעך און ס'איז הויך אַרויפֿגעפֿלויגן אַ הילכיקער טענאָר:

— קויפֿט צי-בע-לעסצי-בע-לעס-צי-בע-לעס-ציבעלע-עס!

— וויערא, — טיי, זיי אַזוי גוט. האַלב אַכט איז די ויצונג.
אַ סובסידיע דיר אויף דער שולע האָט די שטאָט באַשלאָסן צו
געבן, הערסט?

אָבער זי איז שוין נישט געווען אין צימער. וואַראַווקאַ האָט
אַ קוק געטון אויף דער טיר און אויפֿטרייסלענדיק מיט דער האַנט
די באָרד, שווער זיך אַרייַנגעקוועטשט אין פֿאָטעל.

— נו, וואָס, יוריסט, וויאַזוי? אויב צו משפּטן לויטן

בנים, — האָט די ווּיסנשאַפט נישט שלעכט דיך געגאַרט. דערצייל!

אָבער אַרייַנבליקנדיק מיט די בערישע אייגעלעך אין קלימס אויגן אַריין, האָט ער אים אַ פּאַטש געטון איבער דער קני און אַליין אָנגעהויבן דערציילן:

— אַ צייטונג וויל איך אַרויסגעבן, האַ? אַ צייטונג, ברודער. מיר וועלן פּרוּוון פאַרבייטן די קיך-רכילות מיט אַן אָרגאַניזירטער געזעלשאַפטלעכער מיינונג.

אין עטלעכע מינוט אַרום אַריבערקייקלענדיק אין עסצימער אַריין דעם קיילעכיקן גוף זיינעם, האָט ער, שנעל אויסמישנדיק מיטן לעפעלע די טיי אין גלאָז, געשריגן:

— וואָס איז דען אַזוינס פאַר אונז, רוסן, די סאָציאַלע רעוואָלוציע? דאָס איז דער פּראָצעס פון פאַרבייטן לייַנענע הויזן אויף אָנשטענדיקע הויזן...

קלימען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די מוטער גייט אום אַרום וואַראַוואָקען מיט דעמאָנסטראַטיווער הכנעה, מיט באַליידיקונג, וועלכע זי קאָן נישט אָדער וויל נישט באַהאַלטן. אָנפילדערנדיק אַ האַלבע שעה, אויסטרינקענדיק דריי גלעזער טיי, איז וואַראַווקאַ פאַרשוואונדן, ווי ס'פאַרשווינדט פון דער טעאַטער-בינע, באַלעבוּדיק דאָס שטיק, אַן עפּיזאָדישע פיגור.

— ס'איז צו באַוואונדערן ווי פיל ער אַרבעט, — האָט געזאָגט די מוטער, אָפזיפצנדיק. — איך זע אים כמעט נישט... ווי אַלע קולטור-אַרבעטער, האָט מען אים נישט ליב.

וויערא פּעטראָוונאַ האָט לאַנג איינגעטענהט וועגן דער עם-הארצות און דעם טעמפּן כעס פון סוחרטום, וועגן דעם קורצזיכטיקן דענקען פון דער אינטעליגענץ, צו הערן זי איז געווען לאַנגווייליק און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז זי באַמיט זיך צו באַטויבן זיך אַליין. נאָכדעם, ווי וואַראַווקאַ איז אַוועקגעגאַנגען, איז אויפסניי געוואָרן שטיל סיי אין שטוב סיי אויף דער גאַס, בלויז דער מוטערס טרוקענע שטימע האָט געקלונגען, איינאַרטיק שטייגנדיק, אַראָפּגידערנדיק. קלים איז געווען צופרידן, ווען זי האָט מיד אַ זאָג געטון:

— איך מיין דו ביסט מיד?
— מיר וואָלט זיך געגלוסט דורכצוגיין. און דו — ווילסט נישט?

— אָ, ניין, — האָט זי געזאָגט, צוגלעטנדיק מיט די פינגער אָדער באַמיענדיק זיך צו באַהאַלטן די גרויע האָר אויף די שלייפן.

קלים איז אַרויסגעגאַנגען אויף דער גאַס, ווען ס'איז שוין פינצטער געוואָרן. די הילצערנע ווענט און פּאַרקנס פון די הייזער האָבן נאָך געעטעמט מיט וואַרעמקייט, אָבער ערגעץ־וואו לינקס איז אויפגעגאַנגען די לבנה און אויף די גרויע קיזלשטיינער פון ברוק האָבן זיך געלייגט קילע שאָטנס פון ביימער. די שויבן פון די פענצטער זענען באַשמירט מיט געלער פעטקייט פון פייער, די זעלטענע שטערן — זענען דעסגלייכן טראָפּעלעך פעטער שווייס. די הייזער זענען צוגעפּלאַטשט צו דער ערד, זיי צעגייען, דאַכט זיך, אומבאַמערקט, צעשווימענדיק איבער דער גאַס אין שאָטנס; פון הויז צו הויז פליסן אין טונקעלע שטראָמען די פלעטער. אין שטאָטישן גאָרטן, איבערן וועגל אַ־ום דער סאַזשעלקע, האָבן פּאַ־מעלעך געשפּרייזט מענטשן, איבערן גלעזערנעם קרייז פון שוואַרצן וואַסער זענען פויל געשוואומען נישט הויכע שטימען. קלים האָט זיך דערמאָנט אָן ראַזענבאַכס ביכער, אָן דער גיעכאַיעוואַ; זי וואָלט באַדאַרפט וואוינען אָט דאָ, אין דער־דאָזיקער שטילקייט, צווישן די געלאַסענע מענטשן.

ער האָט זיך אָוועקגעזעצט אויף אַ באַנק, אונטער אַ געדיכטן אָפּדאַך פון קוסטעס; די אַלעיע האָט שאַרף זיך פאַרבויגן אויף רעכטס, הינטערן אַריינדריי זענען געזעסן עפּעס מענטשן, צוויי; איינער פון זיי האָט טויבלעך געוואָרטשעט, דער אַנדערער האָט געשאַרט מיט אַ שטעקן אָדער מיט דער פּאַדעשווע פון שטיוול איבער נישט איינגעטרעטענעם, סקריפּענדיקן שטיין־זאַמד. קלים האָט זיך איינגעהערט אין דעם מאָנאָטאָנישן וואָרקען און דערקענט די לאַנג באַקאַנטע געדאַנקען:

— ער, ווי טאָלסטאָי, זוכט גלויבן, און נישט די וואָרהייט. פרייַ דענקען וועגן דער וואָרהייט קאָן מען בלויז דעמאָלט, ווען די

וועלט איז פאַרוויסט: בעם־צו פון איר אַלץ, אַלע זאַכן, דערשיינונגען און אַלע דיינע פאַרלאַנגען, אַ חוץ איינעם: באַקענען דעם געדאַנק אין זיין מהות. זיי ביידע דענקען וועגן מענטש, וועגן גאָט, וועגן גוטס און שלעכטס, אָבער דאָס זענען בלויז אויסגאַנגס־פונקטן צום זוכן די אייביקע, אַלץ אַנטשיידנדיקע וואָרהייט.

— איר האָט נישט קיין רובל, — האָט געפרעגט דראָנאָוו זוייערע שטימע.

קלים סאַמגין איז אויפגעשטאַנען, וועלנדיק אומבאַמערקט אַוועקגיין, אָבער ער האָט באַמערקט, לויט דער באַוועגונג פון די שאָטנס, אַז דראָנאָוו און טאָמילין זענען אויך אויפגעשטאַנען, גייען אין זיין זייט אַריין. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט, זיך איינגעבויגן באַהאַלטנדיק דאָס פנים.

— איך האָב נישט קיין רובל, — האָט געזאָגט טאָמילין מיטן זעלביקן טאָן, וואָס ער האָט גערעדט וועגן דער אייביקער וואָרהייט.

נישט אויפהייבנדיק דעם קאָפּ, האָט קלים אַ קוק געטון נאָך זיי. אויף דראָנאָווס פיס זענען געווען אַלטע שטיוול מיט אויסגעקרומטע אָפּצאַסן, אויפן קאָפּ — אַ ווינטערדיק היטל, און טאָמילין איז אין אַ לאַנגן, ביז די קנעכלעך, שוואַרצן פּאַלטן, אין אַ קאַפּעלוש מיט ברייטע ראַנדן. קלים האָט אַ שמייכל געטון, געפינענדיק, אַז דאָסדאָזיקע אָנטועכץ שטרייכט זייער כאַראַקטעריסטיש אונטער די משונהדיקע פיגור פון דעם פּראָווינציעלן חכם. פילנדיק זיך געניטן אַנגעזעטיקט מיט זיין פילאָזאָפיע, האָט ער נישט געשפירט קיין פאַרלאַנג צו באַזוכן טאָמילינען און מיט אומצופרידנקייט אַ קלער געטון וועגן דער אומפאַרמיידלעכער באַגעגעניש מיט דראָנאָוון.

אין גאָרטן איז געוואָרן שטילער, ליכטיקער, די מענטשן זענען פאַרשוואונדן, צעגאַנגען געוואָרן; אַ גריגלעכער פּאַס לבנה־שיין האָט זיך אָפּגעשפיגלט מיט שוואַרצן וואַסער פון סאַזשעלקע, אָנפילנדיק דעם גאָרטן מיט דרימלדיקן. נישט באַשווערנדיקן אָטעם. שנעל איז צוגעגאַנגען אַ מענטש אין אַ געלן אָנצוג, זיך אַוועקגעזעצט לעבן קלימען, שווער אָפּזיפּצנדיק אַראָפּגענומען דעם

שטרויענעם קאַפּעלוש, האָט אָפּגעווישט דעם שטערן מיט דער האַנט־פלאַך, אַ קוק געטון אויף איר און בייז געפרעגט:

— אין ביליאַרד שפּילט איר נישט, סטודענט?

אויסהערנדיק דעם קורצן: ניין, איז ער אויפגעשטאַנען און פּונקט אַזוי שנעל אַוועקגעגאַנגען ווייטער, פאָכענדיק מיטן קאַפּעלוש, און, אָפּגעגאַנגען אַ פינפצען טריט, האָט ער הויך אויסגעשריגן:

— אַן אומזיסטער פּרעסער, ס'זענען גרין די אויערן!

און טייוולאָניש אַרויסלאַכנדיק, איז ער נעלם געוואָרן. קלים האָט אויך אַ לאַך געטון, איז אָן מחשבות געזעסן נאָך עטלעכע מינוט און אַהיימגעגאַנגען.

אויפן פערטן טאָג איז אָנגעקומען לידיאַ.

— אָ, געקומען צו פאָרן! — האָט זי אַ זאָג געטון, פאַרוואונדערט אויפהייבנדיק די ברעמען. איר פאַרוואונדערונג, די נישט אַנטשלאָסן אויסגעשטרעקטע האַנט און דער בליק, וואָס האָט שנעל זיך דורכגעגליטשט איבער קלימס פּנים, דאָס אַלץ האָט אים געצוואונגען, אַנכמורענדיק זיך, אַוועקצוגיין פון איר. זי איז פולער געוואָרן, אָבער אירע אויגן, אַרומגערעמטע מיט שאָטנס, האָבן זיך פאַרטיפט און דאָס פּנים האָט אויסגעזעען קרענקלעך. אויף איר איז אַ גרוי קלייד, אַרומגעכאַפּט מיט אַ פּאַסיק, אַ שטרויענער הוט, אויטערגעבונדן מיט אַ ווייסן וואַל; אַזוי אָנגעטון רייזן די ענגלישע דאַמען איבער עגיפּטן. מיט וויערא פּעטראָווגאַ האָט זי זיך אויך באַגריסט נאַכלעסיק, אַ מינוט פינף זיך געקלאָגט אויף דער לאַנגווייליקייט פון מאָנאַסטיר, אויפן שטויב און דער בלאָטע פון וועג און איז אַוועקגעגאַנגען זיך איבערטון, פאַרשטאַרקנדיק קלימס נישט אָנגענעמען איינדרוק.

— וויאַזוי האָסטו זי געפונען? — האָט געפרעגט די מוטער, קוקנדיק אין שפּיגל אַריין, פאַרריכטנדיק די פריזור און טאַקע באַלד אונטערגעזאָגט אַן ענטפער:

— זי שפּילט שוין אַ ביסעלע, דאָס איז די ווירקונג פון דער שולע.

צו דער אָוונט־טיי איז געקומען אַליינס. זי האָט אויסגעהערט

סאַמגינס קאָמפּלימענטן, ווי אַ דאַמע, וואָס איז גוט באַקאַנט מיט אַלע קאָמבינאַציעס פון חניפה־ווערטער, אירע פולע אויגן האָבן געקוקט אין קלימס פנים אַריין מיט לייכטן שמייכעלע.

— הערט נאָר, — ער רעדט מיט מיר אויף איר! — האָט זי אויסגעשריגן. — דאָס איז עפּעס ווערט. אָך, אַזוי גאָר? דו האָסט געזען מיין חתן? אַ הומאָריסטישער, אמת? און אַ קנאַק געבנדיק מיט די פינגער, האָט זי באַטעמט צוגעגעבן: — אַ חכם! אַ שיקלדיקער, אָן אייפערזיכטיקער. ס'איז לוסטיק מיט אים ביז געהירן־דערשיטערונג.

— און אַ רייכער...

— דאָס איז, נאַטירלעך, בעסער פון אַלעם!

אַראָפּלעקנדיק פון אירע הערלעכע ליפּן דאָס שנעלע שמייכעלע, האָט זי אַ פרעג געטון:

— דו טאַדלסט?

זי האָט זיך אויסגעאַרבעט אַ זינגענדיקע שפּראַך, גרויסאַרטיקע, נאָר ווייכע און זיכערע זשעסטן, יענע פרייהייט פון באַוועגונג, וועלכע ווערט אין טוזהרישן קרייז גערופן גאַלאַנץ. מיט יעדן קער פון קערפּער האָט זי פלינק און שטאָלץ אונטערגעשטראָכן די באַזיגנדיקע קראַפט פון איר שיינקייט. קלים האָט געזען, אַז די מוטער באַוואונדערט אַליינען מיט טרויער אין די אויגן.

— די חברטעס וואַרפן מיר פאָר, אַז — האָט אַ מיידל געלאָזט זיך פאַרנאַרן פון געלט, — האָט גערעדט די טעליעפּניעוואַ, אָננעמענדיק מיטן צווענגעלע קאָנפעקטן פון שעכטל. — באַזונדער שטעכט מיך לידיאַ, לויט אירע דינים מוז מען לעבן מיט אַ געליבטן און דורכויס אין אַ געצעלט. אָבער איך בין — אַ שטייגערהאַפטע און אַ וואָדעווילישע, מיר איז בייטיק אָן אָנשטענדיק הויז און אייגענע פערד. מיר איז דערקלערט געוואָרן: „באַ אייך, טעליעפּניעוואַ פעלט איגנאַנצן די פאַרשטענדעניש פון דראַמאַטיזם“. דאָס האָט געזאָגט נישט אַבי ווער, נאָר — ער אַליין, וועלכער פאַרפאַסט דראַמעס. און מיט אַ געליבטן — אָן דראַמעס קאָן מען

נישט לעבן, דאָס ווערט באַוויזן אין די לידער און אין דער פּראָזע...

— דידאָזיקע האָט די שולע מער קאַליע געמאַכט, ווי ליידיען, — האָט אַ קלער געטון קלים. די מוטער האָט אויסגעטרונקען אַ שאָל טיי און איז אומבאַמערקט אַוועקגעגאַנגען. לידיאַ האָט געהערט דער חברטעס זאַפטיקע שטימע, שמייכלענדיק מיט אַ קוויכבאַמערקבאַרן שמייכל פון די דינע ליפּן, אפנים זייער בריענדיקע. אַלינאַ האָט קאָמיש דערציילט אַ דראַמאַטישן ראָמאַן פון עפּעס אַ גימנאַזיסטקע, וואָס האָט זיך פאַרליבט אין אַן אינטעליגענטן איינבינדער.

— אַן אמתער אינטעליגענטער, אין ברילן, מיט אַ בערדל. די הויזן — מיט בּיפן אויף די קניען, פלעגט זינגען שבחים נאַדסאָנס זויערע לידער, יאָ! אָט, לידאָטשקאַ, ווי שרעקלעך דאָס איז, ווען אַן אינטעליגענט און אַ געצעלט? אָבער מיין ליוטאָוו — איז אַן אַלטפרענקישער, אַ סוחר, משטיינס געזאָגט, פאַרגעטערט פּושקינען; דאָס איז אויך אַן אַלטפרענקישקייט — פּושקינען צו לייענען. אַצינד איז דאָך אין דער מאָדע דערדאָזיקער, — ווי הייסט ער? וויטעבסקי, ווילענסקי?

מיט די ראָזע פינגער, וואָס זייערע נעגל האָבן געבלישטשעט ווי פּערלמוטער, האָט זי אָנגענומען די קאָנפעקטן און, אָפּבייסנדיק פון זיי קליינטשיקע שטיקעלעך, אַרויסגעוויזן אירע ווייסע ציין. איר שטימע האָט געקלונגען גוטמוטיק, די בוימלדיקע אויגן האָבן ליבלעך געגלאַנצט.

— איך מיט ליוטאָוון האָבן נישט ליב קיין גרויזאַמע לידער:

גלייב: נאָך אויפשטיין וועט בעל
און פרעסן דעם אידעאַל...

מילא, זאָל אים וואויל באַקומען.

זי האָט זיך פּלוצלינג צעפלאַמט, איז אַזש אַ ביסל אונטערגעשפּרונגען אויף דער שטול.

— אוי, לידושקאַ, סאָרע לידלעך איך האָב דערהאַלטן היינט

פון מאָסקווע ! עפּעס אַ נייער דיכטער ברוסאָוו, בראָסאָוו, — וואונדערלעך ! זיי זענען עטוואָס. . . נישט באַשיידן, אָבער די מוזיק, די מוזיק !

זי האָט שנעל גענישטערט אין די פאַלדן פון קלייד, זוכנדיק די קעשענע, געפונען, אַ פּאַך געטון מיטן צעקנייטשטן קאָנווערט.

— אָט. . .

אין עסצימער איז רוישיק אַריינגעלאָפן די קיילעכיקע סאַמאָוואַ און נאָך איר, אַזויווי אַריבערגייענדיק אַ וואַסער איבער גליטשיקע שטיינער, האָט פאָרזיכטיק געשפּאַנט אַ הויכער יינגערמאַן אין בלויע הויזן, אין אַ העמד פון נישט געפּאַרבטער לייוונט, אין עפּעס אַזויגע סאַנדאַלן אויף די באָרוויסע פיס.

— ליבע חברטעס, דאָס איז אַ שווינעריי ! — האָט געשריגן די סאַמאָוואַ. — איר זענט געקומען צו פאָרן — און שווייגט, וויסנדיק, אַז איך קאָן אָן אייך נישט לעבן.

— און אָן מיר אויך נישט, — האָט מיט אַ געדעמפּטן באַס אַ זאָג געטון אַ יינגערמאַן מיט אַ ווילד אויסזען.

— און אָן דיר אויך, גאָטס שטראָף, אָן דיר אויך, יאָ ! באַקענט זיך מיידלעך : אינאָקאָוו, דאָס קינד פון מיין נשמה, אַ נעוונדניק, ער וועט זיין אַ שרייבער.

צעקושט זיך מיט די חברטעס, האָט די סאַמאָוואַ זיך אַניידערגעזעצט לעבן קלימען, אָפּווישנדיק איר פאַרשוויצט פּנים מיטן עק פון קאָפּ-טיכל, באַטראַכטנדיק סאַמגינען מיט אַ פרייל עכן בליק.

— סאַראַ שפּילעכל דו ביסט געוואָרן !

זי האָט גלייך זיך איבערגעקייקלט צו לידיען, זאָגנדיק :

— נו, מען האָט מיך משלח געווען אַלס לערערין, ווי געפעלט עס דיר ?

אויף איר אָרט האָט זיך שווער אַוועקגעזעצט אינאָקאָוו ; אַ ביסל אָפּרוקנדיק די שטול אין אַ זייט פון קלימען, האָט ער צוגעקעמט מיט די פינגער די רויטלעכע, לאַנגע האָר און שווייגנד אָנגעשטעלט די בלויע אויגן אויף אַליען.

קלים האָט נישט געזען די סאַמאָוואַ העכער דריי יאָר ; אין

דער צייט איז זי פֿאַרוואַנדלט געוואָרן פֿון אַ לימפּאַטיש, אומגעלומפּערט אונטערוואַקסנדיק מיידל, אין אַ דאָרפֿישער פּערקאַל-פריילין. אירע האָר, אויסגעבּרענטע אויף די שלייפֿן, זענען פֿאַרבּונדן געווען מיט אַ ווייס טיכל, די בּאַקן האָבּן שטייף זיך פֿאַררונדיקט, די אויגן האָבּן געגלאַנצט לעבּהאַפּט. גערעדט האָט זי הויך, מילד באַשיטנדיק זי׳ שפּראַך מיט פֿאָלקסטימלעכע ווערטלעך, ראָז שמייכלענדיק. ס׳איז געווען אין איר עפּעס וואולגאַרס, פֿון וואָס קלים האָט אינערלעך זיך געקרומט. אינאַקאָוו איז ענלעך צו אַ נאַרישעוואַטן דאָרפֿישן פּאַסטוך. אין אים איז אויך גאָר-נישט פֿאַרבּליבּן פֿון דעם גימנאַזיסט, וואָס קלים האָט אים געדענקט. אויף זיין בּייניקן, בּאַשפּרענקלטן פּנים האָט נישט שיין געשטאַרט אַ טעמפּע נאָז, ס׳האָבּן זיך נערוועיש צעבּלאָזן בּרייטע נאָזלעכער, אויף דער אייבּערשטער ליפּ זענען שאַרף געוואַקסן שיטערע, טאָטערישע וואָנסעס. דער בּליק פֿון די בּלויע אויגן האָט אָפּט און סתּירותדיק זיך געבּיטן, דאָ אַ צו פֿיל פֿרויענהאַפּטיק ווייכער, דאָ נישט בּאַרעכטיקט שטרענג. דער בּולטער שטערן האָט שוין שניטן פֿון קנייטשן.

— קיין מאַכאָרקע קאָן מען דאָ נישט רייכערן? — האָט ער שטילערהייט אַ פֿרעג געטון קלימען; סאַמגין האָט אים פֿאָרגעלייגט אַוועקצוגיין צום פֿענצטער, וואָס איז געעפֿנט אין גאָרטן אַריין און איז אַליין מיט אים אַוועקגעגאַנגען. דאָרטן, אַרויסנעמענדיק פֿון קעשענע אַ טיטון-בּייטעלע, פּאַפּיר, האָט אינאַקאָוו צונויפֿגעוויקלט אַ היניטיש פּיסל, פֿאַררייכערט, אַ פּאַך געטון אינדערלופֿטן מיטן שוועבּעלע, פֿאַרלעשנדיק עס און געזאָגט מיט אַ זיפֿץ:

— סאַראַ טייוולאָנישע...

— ווער?

אינאַקאָוו האָט אַ ווייז געטון מיט די אויגן אויף אַלינען.

— דידאָזיקע. ווי אַ חלום.

איינהאַלטנדיק דעם שמייכל, האָט קלים געפֿרעגט:

— מיט וואָס פֿאַרנעמט איר זיך?

אינאַקאָוו האָט אַ ריר געטון מיטן אַקסל.

— אזוי, בכלל... כ'ארבעט. אין הארבסט האָב איך געכאַפּט פיש אויפן קאַספּי. אינטערעסאַנט. כ'שרייב קאָרעספּאָנדענציעס, טיילמאָל.

— מען דרוקט?

— ווייניק. כ'שרייב זעלטן, כלומרשט.

ווען אינאָקאָוו איז געשטאַנען, האָט זיך אין אים אָנטפּלעקט עפּעס קלינאַרטיקס: די אַקסלען — זענען ברייטע, און דער אונטערשטער טייל — שמאָל, די פּיס דין.

— איך קלער ערנסט זיך צו פאַרנעמען מיט פיש־פאַנג... מיט איכטיאָלאָגיע.

די מיידלעך האָבן באַם טיש זייער געפילדערט, אָבער די סאַמאָווּאַ האָט פונדעסטוועגן געכאַפּט אינאָקאָווס ווערטער:

— וועסט שרייבן, — האָט זי אַ געשריי געטון.

אינאָקאָוו האָט אַרויסגעוואָרפן דורכן פענצטער אַ נישט דעררייכערטן פּאַפּיראָס, שטאַרק אַרויסגעבלאָזן פון מויל עסנדיקן רויך און איז צוגעגאַנגען צום טיש, זאָגנדיק:

— שרייבן דאַרף מען ווי פלאָבער אָדער מען דאַרף אינגאַנצן נישט שרייבן. באַ אונז שרייבט מען נישט, נאָר מען פלעכט לאַפּטשעס פאַר דער נשמה.

ער האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט אָן דעם אָנלען פון דער שווערער שטול און מיט גרויס היץ אָנגעהויבן רעדן, געדיכט אַקצענטירנדיק די אָ:

— אָט זענען מיר די ערשטע מדינה אין אייראָפּע לויט דער שפּע פון פיש, אָבער דאָס פיש־כאַפּן איז באַ אונז אַ באַרבאַרישס, מיר פירן די פיש־אינדוסטריע — רויבעריש, גזלניש. קיין אַסטראַכאַן פלעגט קומען צו פאָרן דער פּראָפעסאָר גרים, אַן איכטיאָלאָג, איך פלעג אים באַגלייטן אויף די פאַנג־פונקטן, איז ער אַ בלינדער, אומישנע אַ בלינדער...

— איז דען הערינג בייטיק דעם פאָלק, — האָט געשריגן די סאַמאָווּאַ, אָפּווישנדיק די שטייפע באַקן אירע מיט אַ נישט אָנגעעם געל טיכעלע.

אָלינאַ האָט אָן צערעמאָניעס הילכיק געלאַכט, קוקנדיק אויף

איר. שיקלענדיק אויף אינאָקאָוון; לידיאַ האָט געקוקט אויף אים צומרוישענדיק די אויגן, ווי מען באַטראַכט עפּעס ווייטס און אומ־פאַרשטענדלעכס. און ער, צוקלאַפּנדיק מיט דער שווערער שטול אין דער פּאָדלאָגע, האָט זעלבסטפאַרגעסעריש געדויבעט:

— אַראַלער ים. קאַספּישער ים, אַזאָווער, שוואַרצער ים, און די צפונדיקע, און די טײַכן. . .

— אויסטרוקענען זאָלן זיי! — האָט זיך צעיאַכמעט די סאַמאָוואַ. — כ'קען נישט הערן!

לידיאַ איז אויפגעשטאַנען און האָט איינגעלאַדן אַלע אינדער־הייך, צו זיך. קלים האָט זיך פאַרהאַלטן אויף אַ מינוט באַם שפּיגל, באַטראַכטנדיק דאָס בלעטערל אויף דער ליפּ. פון גאַסטצימער איז אַרויסגעקומען די מוטער; זייער געלונגען פאַרגלייכנדיק אינאָקאָוון און די סאַמאָוואַן מיט אַמאַטאָרן פון דראַמאַטישער קונסט, וועלכע שפּילן אַ שלימזלדיקן וואָדעוויל, האָט זי אַרויפגעלייגט די האַנט אויף קלימס אַקסל, געפרעגט:

— ווי געפעלט דיר אַלינאַ

— זי פאַרבלענדט.

— און — נישט קיין נאַר, כאָטש זי שטיפט... גראַבּ־לעך.

גלעטנדיק דעם אַקסל, האָט זי שטיל געזאָגט:

— אָט זי וואָלט געווען אַ כּלה פאַר דיר, האַ?

— אָבער, מאַמאַ, דאָס איז דאָך — אַ געץ! — האָט גע־ענטפערט דער זון, צוזאַכנדיק. — מען דאַרף דאָך האָבן צענדלי־קער טויזנטער אַ יאָר, כּדי ווירדיק צו באַצירן אים.

— דאָס — יאָ! — האָט די מוטער ערנסט געענטפערט און אָפּגעזיפצט. — דו ביסט גערעכט.

קלים איז אַוועק צו לידיען. דאָרטן זענען די מיידלעך גע־ווען, ווי אין דער קינדהייט, אויף דער קאַנאַפּע; זי האָט שוין שטאַרק אָפּגעבלאַקירט, אירע פּרוזשינעס האָבן זקניש געסקריפּעט, אָבער זי איז פאַרבליבן פּונקט אַזוי ברייט און ווייך, ווי געווען. די קליינע סאַמאָוואַ האָט זיך פאַרקליבן אויף דער קאַנאַפּע מיט די פיס; ווען קלים איז צוגעקומען, האָט זי אים פריי געמאַכט אַן

אָרט לעבן זיך, אָבער קלים האָט זיך אוועקגעזעצט אויף אַ שטול.

— ער איז אַלץ דער אייגענער, אַ זייטיקער, — האָט די סאַמאָוואַ געזאָגט צו די חברטעס, אַ שטויס געבנדיק די שטול מיטן פוס אין דעם אומגעלומפּערטן שוך. אַלינאַ האָט פאַרגעלייגט קלי־מען צו דערציילן וועגן פּעטערבורג.

— יאָ, וואָסערע מענטשן לעבן דאָרט? — האָט אַרויסגעמורמלט אינאַקאָוו, זיצנדיק אויפן זייטיקן אָנלען פון דער סאָפע מיט ווערעוווקעס אַ גראָבן ציגאַר אין די ציין.

קלים האָט אָנגעהויבן דערציילן נישט געאיילט, פאָרזיכטיק צוקלייבנדיק די ווערטער, וועגן די מוזייען, טעאַטערן, וועגן די ליטעראַרישע אָוונטן און די אַרטיסטן, אָבער ער האָט באַלד מיט פאַרדראָס באַמערקט, אַז ער דערציילט נישט אינטערעסאַנט, מען הערט אים נישט אויפמערקזאַם.

— די מענטשן זענען דאָרט נישט בעסער, נישט קלוגער, ווי אומעטום, — האָט ער פאַרגעזעצט. — זעלטן ווען באַגעגע־נען אַ מענטש, וואָס די גרונט־פראַגע פון זיין יש זאָל זיין די לי־בע, דער טויט. . .

לידיאַ האָט פאַרריכט אַ פאַסמע האָר, וואָס האָט זיך אַראָפּ־געלאָזט אויפן אויער און אויף איר באַק. אינאַקאָוו האָט אַרויסגענומען דעם ציגאַר פון מויל, אָפּגעשאָקלט דאָס אַש אין דער גאָרשטש אַריין פון דער לינקער האַנט און צונויפקוועטשנדיק זי אין אַ פויסט, תּרעומותדיק באַמערקט:

— דאָס לערנט אַזוי ליעוו טאָלסטאָי. . .

— ווייניקער פון אַנדערע.

— ס׳זענען דאָ אַנדערע אויך?

— איר באַצירט זיך נעגאַטיוו צו די פראַגן פון דעם מין?

אינאַקאָוו האָט אַריינגעשטעקט די לינקע האַנט אין קעשענע, זי דאָרט אָפּגעווישט.

— איך ווייס נישט.

קלים האָט דערפילט, אַז דערדאָזיקער בחור דענערווירט

אים. שטערנדיק צו באַהערשן די אויפמערקזאַמקייט פון די מיידלעך.

— מסתמא אַ פּראָפּאַגאַנדיסט און, הפּנים, אַ נאַר.

ער האָט גענומען רעדן מיט מער העפטיקע ווערטער, אָבער זיך געפלייסט, אַז זיינע ווערטער זאָלן קלינגען ווייך און איבערצייגנד. דערציילנדיק וועגן מעטערלינקן, וועגן „די בלינדע" וועגן ראָדענבאַכס „שפּינרעדל פון די נעפּלען", האָט ער, וואַרפנדיק בליקן אויף אינאַקאָוון, שטרענג גענומען רעדן וועגן פּאָליטיק:

— אונזערע פּאָטערס האָבן מיט צופיל התמדה זיך פאַרנומען מיט לעזן די פראַגן פון מאַטעריעלן כאַראַקטער, אינגאַנצן איגנאָרירנדיק די פּראָבלעמען פון גייסטיקן לעבן. פּאָליטיק איז אַ געביט פון זעלבסטזיכערקייט, וואָס פאַרטעמפּט די צומערסטן טיפע געפילן פון די מענטשן. אַ פּאָליטיקער, דאָס איז אַ באַגרענעצטער מענטש, ער האַלט די אומרויקייט פון גייסט פאַר עפּעס אַ הויט־קראַנקייט. די אַלע פּאָלקסטן, מאַרקסיסטן, — זענען מענטשן פון מלאכה, און דאָס לעבן פאָדערט קינסטלער, שעפער...

האַלטנדיק דעם ציגאַר, ווי אַ ליכטל, האָט אינאַקאָוו מיטן פינגער פון דער לינקער האַנט צעהאַקט די בלויע רויך־ספּיראַלן.

— אָט, האָבן זיך באַוויזן מענטשן פון גאָר אַן אַנדערן געדאַנקען־גאַנג, זיי אַנטפּלעקן פאַר אונדז די געהיימנישפולע גרענעצלאָזיקייט פון אונזער אינערלעך לעבן, זיי באַרייכערן די וועלט פון געפיל, פון פאַנטאַזיע. דערהייבנדיק דעם מענטש איבער דער פאַרקריפּלטערווירקלעכקייט, ווייזן זיי זי אַלס מער נישטיק, ווינציקער שרעקלעך, ווי זי זעט אויס, ווען דו שטייסט אויף איין גיוואַ מיט איר.

— אין דער לופט — וועסטו נישט לעבן, — האָט נישט הויך געזאָגט אינאַקאָוו און אַרייַנגעשטעקט דעם ציגאַר אין דער ערד פון אַ בלומענטאָפּ.

קלים איז אַנטשוויגן געוואָרן. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט אַרויסגעזאָגט עפּעס נישט ריכטיקס, אפילו אים נישט באַקאַנטס. ער האָט נישט געטרויט די צופעליקע געדאַנקען, וועלכע פלעגן

פֿון צייט צו צייט דערשיינען בײַ אים פֿון ערגעץ־וואו פֿון דער זייט, אָן צוזאַמענהאַנג מיט אַ באַשטימטער פּערזאָן אָדער בוך. דאָס, וואָס אַרויסגייענדיק פֿון אַנדערע מענטשן, פֿלעגט צונויפֿפֿאַלן מיט זיין גרונט־שטימונג און לייכט פֿאַראייגנט ווערן דורך זיין זכרון, האָט זיך אים אויסגעוויזן אַלס מער זיכער, ווי דידאָזיקע וואָגלדיקע, פֿלוצלינג אויפֿפֿלאַקערנדיקע געדאַנקען; אין זיי איז געווען עפּעס נעפּעפֿלעכס, זיי האָבן אַזוי וויי געדראָעט אוועקצורייסן און אָפּציען אין אַ זייט פֿון דעם זאַפּאַס שוין פֿעסט צוגעאייגנטע מיינונגען. קלים סאַמגין האָט נעפֿלהאַפּט זיך משער געווען, אַז די מורא פֿאַר די אומגעריכטע געדאַנקען איז סותר עפּעס אַ געפֿיל זיינס, אָבער דידאָזיקע סתירה איז אויך געווען נישט קלאָר און פֿאַרשלונגען געוואָרן דורכן באַוואוסטזיין פֿון דער נויטווענדיקייט צו באַשיצן זיך קעגן דעם מבול מיינונגען, וואָס זענען אים אָרגאַניש פֿיינדלעך געווען.

אַ ביסל אַ צערודערטער האָט ער אַ קוק געטון אויף די צוהערער, זייער אויפֿמערקזאַמקייט האָט אים באַרויקט, און לידיעס שטאַרער בליק האָט אים זייער געשמייכלט.

פֿאַרטראַכט צעפֿלעכטנדיק און פֿאַרפֿלעכטנדיק דעם עק פֿון איר צאָפּ, האָט זי סאָמאָוואַ געזאָגט:

— דראָנאָוו פֿילאָזאָפֿירט אויך, דער אומגליקלעכער.

— יאָ, אַ נעבעכדיקער, — האָט באַשטעטיקט איבאַקאָוו, אַ שאָקל געבנדיק מיטן געקרייזלטן קאָפּ. — און אין גימנאַזיע איז ער געווען אַ ספּריטנע ייִנגל. איך רעד אים צו: גיי אין דאָרף אַריין אַלס לערער.

סאָמאָוואַ איז אויפֿגעבראַכט געוואָרן:

— וואָס פֿאַר אַ לערער איז ער! ער איז אַ שלעכטער... איך קען אים ווייניק. און האָב אים נישט ליב.

איבאַקאָוו איז אַוועקגעגאַנגען, וואַקלענדיק זיך, האָט זיך אַנידערגעשטעלט בײַם פֿענצטער און פֿון דאָרטן געזאָגט:

— ווען מען האָט מיך אַרויסגעוואָרפֿן פֿון גימנאַזיע, האָב איך געקלערט, אַז דאָס איז דראָנאָווס אַ טובה, אַז ער האָט מיך פֿאַרמסרט, איך האָב אים אפֿילו אַנומלט געפֿרעגט: דו האָסט מיך

פאַרמסרט? ניין, זאָגט ער. נו, פיין. נישט דו, איז נישט דו. איך האָב געפרעגט אויס נייגיריקייט.

רעדנדיק, האָט אינאָקאָוו געשמייכלט, כאָטש זיינע ווערטער האָבן נישט געפאָדערט קיין שמייכל. פון אים האָט די גאַנצע הויט אויפן בייניקן פנים ווייך און שטראַליק זיך געקנייטשט, די זומערשפרענקעלעך האָבן זיך צונויפגערוקט איינס צום אַנדערן, דאָס פנים איז טונקלער געוואָרן.

— געוויס אַ נאַר, — האָט קלים באַשלאָסן.

— יאָ, דראָנאָוו איז אַ שלעכטער, — האָט פאַרטראַכט געזאָגט לידיאַ, — אָבער ער ביוזערט זיך לאַנגווייליק, גלייך די בייקייט איז זיין פאַך און זי האָט אים דערעסן...

— אַ חכמה ביסטו, לידושאַ, — האָט אָפּגעזיפצט די טעליעפניעוואַ.

— אַ מיידל — מיט פעפער, — האָט איינגעשטימט די סאַמאָוואַ, אַרומנעמענדיק לידיען.

— הערט, — האָט זיך געווענדט צו איר אינאָקאָוו. — פון ציגאַר שפירט זיך אַ קירגיז. איך מעג רייכערן אַ ביסל מאַכאָרקע? איך וועל — אין פענצטער אַרויסלאָזן.

קלים איז פלוצלינג אויפגעשטאַנען, צוגעגאַנגען צו אים און געפרעגט:

— איר געדענקט מיך נישט?

— ניין, — האָט געענטפערט אינאָקאָוו, נישט געבנדיק קיין קוק אויף אים, פאַררייכערנדיק אַ פאַפּיראָס.

— מיר האָבן זיך צוזאַמען געלערנט, — האָט נישט אָפּגעלאָזט קלים.

אַרויסלאָזנדיק פון מויל אַ לאַנגן שטראָם רויך, האָט אינאָקאָוו אַ טרייסל געטון מיטן קאָפּ.

— איך געדענק אייך נישט. אין פאַרשידענע קלאַסן, צי וואָס?

— יאָ, — האָט קלים געזאָגט, אַוועקגייענדיק פון אים.

— וואָס טו איך עס, נאָכוואָס? — האָט ער אַ קלער געטון.

לידיא איז פארשוואונדן פון צימער, אויף דער קאנאפע האבן טומלדיק זיך געשפארט די סאמאווא און אלינא.

— להלוטין נישט איטלעכע פרוי איז דערויף, אז זי זאל געבוירן קינדער, — האט באליידיקט געשריגן אלינא. — די גאר העסלעכע און גאר שיינע באדארפן דאס נישט טון.

די סאמאווא האט דורך געלעכטער דערווידערט:

— נארעלע! וואס זשע: מיך שיקן אין א מאנאסטיר אדער אויף קאטארגע, און אויף דיר — מתפלל זיין צו גאט?

קלים האט געשפרייזט איבערן צימער, טראכטנדיק: ווי שנעל און נישט צום דערקענען ס'ענדערן זיך אלע. נאר ער איז אלץ דער אייגענער — א זייטיקער, האט באמערקט די סאמאווא.

— דערמיט דארף מען שטאלץ זיין, — האט ער זיך דער־מאנט. אבער אים איז פונדעסטוועגן געווען טרויעריק.

ס'איז אריינגעקומען טאניא קוליקאווא מיט אן אנגעצונדענעם לאמפ אין די הענט א שטילע און פלאטשיקע, ווי א שאטן.

— פארמאכט דאס פענצטער, א נישט וועט אנפליען א גרויע אומריינקייט, — האט זי געזאגט. — דערנאך, צוהערנדיק זיך צום וויכוח פון די מיידלעך אויף דער קאנאפע, א קוק געבנדיק פארמרוזשעט אויף איבאקאוס ברייטער פלייצע, האט זי אפגע־זיפצט:

— איר וואלט בעסער ארויסגעגאנגען אין גארטן.

מען האט איר נישט געענטפערט. זי האט א שנעל גע־טון מיטן נאגל אין מילך־ווייסן אבאזשור אריין, געהערט א ווײַלע דעם קלונג פון גלאז, מיט געניגטן קאפ אין א זייט און איז רוישלאז נעלם געווארן, פארטיפנדיק מיט עפעס קלימס טרויער.

ער איז ארויסגעגאנגען אין גארטן אריין. דארטן איז שוין געווען בלויליך־טונקל; די בינטלעך ווייס בעז האבן אויסגעזען בלויע. די לבנה איז נאך נישט אויפגעגאנגען, אין הימל האבן מאט געלויכטן חמרים שטערן. א געמישטער דופט פון בלומען האט זיך דערהויבן פון דער ערד. די אטלאסענע בלעטער האבן קיל באריַרט דא דעם האלז, דא א באק. קלים איז געגאנגען איבערן

סקריפענדיקן זאַמד פון וועגל, דער רעש פון די געשפּרעכן, אַרויס־גיסנדיק זיך פון פענצטער, האָט אים געשטערט צו קלערן, און ס׳האָט זיך אויך נישט געוואָלט קלערן וועגן גאָרנישט. דער גע־דיכטער ריח פון די בלומען האָט פאַרשכורט און קלימען האָט זיך געדאַכט, אַז דרייענדיק זיך איבערן וועג פון גאָרטן, גייט ער אוועק ערגעץ־וואו פון זיך. פּלוצלינג איז דערשינען לידיאַ און געגומען גיין לעבן אים, שטאַרק הילנדיק די ברוסט מיט דער שאַל.

— דו האָסט גוט גערעדט. גלייך דאָס וואָלט געווען — נישט דו.

— אַ דאַנק, — האָט ער איראָניש געענטפערט.

— איך האָב היינט דערהאַלטן אַ בריוו פון מאַקאַראָוון. ער שרייבט, אַז דו האָסט זיך זייער געענדערט און ביסט אים געפעלן געוואָרן.

— אַזוי גאָר? שמייכלהאַפט.

— לאָז אָפּ דעמדאָזיקן טאָן. פאַרוואָס זאָל עס דיך עפּעס נישט פרייען, אַז דו געפעלסט? דו האָסט דאָך ליב צו געפעלן, איך ווייס...

— איך האָב דאָס נישט באַמערקט אין זיך.

— דו ביסט שלעכט געשטימט? פאַרוואָס ביסטו אוועקגע־גאַנגען פון זיי?

— און — דו?

— זיי האָבן מיר דערעסן. אָבער דאָך איז נישט באַקוועם, לאָמיר אַריינגיין.

לידיאַ האָט אים גענומען אונטער דער האַנט, רעדנדיק פאַר־טראַכט:

— איך בין געווען זיכער, אַז איך קען דיך, אָבער היינט האָסטו מיר אויסגעוויזן אַן אומבאַקאַנטער.

קלים סאַמגין האָט פאַרזיכטיק און דאַנקבאַר צוגעדריקט איר האַנט, פילנדיק, אַז זי האָט אים אומגעקערט צו זיך אַליין.

אין צימער האָט מען אויפגערעגט געשריגן. שטייענדיק באַם קלאַוויר, האָט אַלינאַ זיך אָפּגעפּאַכעט פון דער סאַמאָוואַ, וועלכע איז געשפּרונגען אויף איר ווי אַ הון, אויסרופנדיק:

— אומפאַרשעמטקייט! ציניזם!

און איגנאַקאָוו, שמייכלענדיק אַ ביסל פאַרלוירן, האָט גערעדט אויף אָ:

— אייגנטלעך, איז מיר שטענדיק ליבער ציניזם ווי צביעות, אָבער איר פאַרטיידיקט פאָרט די פּאָעזיע פון פאַמיליען־בעדער.

— אַלינאַ, מען קאָן דאָך נישט...

— מען קאָן! — האָט אַ געשריי געטון די טעליעפּניעוואַ, אַ טופּע געבנדיק מיטן פוס. — איך — וועל באַווייזן. לידאַ, הער, איך וועל איבערלייענען אַ ליד. איר, קלים, אויכעט... איבעריקנס, איר... נו, אַלץ איינס...

איר פּנים האָט געפלאַמט, די פוילע אויגן האָבן געבלישטשעט, זי האָט צעבלאָזן די נאָזלעכער, אָבער אין איר אויפגעבראַכטקייט האָט קלים געזעען עפּעס אומגעראָטנס און קאָמישס. ווען זי האָט אַרויסכאַפּנדיק פון קעשענע אַ בייגעלע פּאַפּיר, קריגעריש אַ פּאָך געטון דערמיט, האָט סאַמגין נישט ווילנדיק אַ שמייכל געטון, — דער זשעסט אַלינעס איז אויך געווען אַ קינדיש־קאָמישער.

— איך געדענק אַזוי אויך, — האָט זי, באַרויקנדיק זיך, דערקלערט און זאָרגפעלטיק באַהאַלטן דאָס בייגעלע. — אָט, הערט.

פאַרמאַכנדיק די אויגן איז זי עטלעכע סעקונדעס געשטאַנען שווייגנדיק, אויסגלייכנדיק זיך, און ווען אירע געדיכטע ווייַעס האָבן פּאַמעלעך זיך אויפגעהויבן, האָט קלימען זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס מיידל איז פּלוצלינג אויסגעוואַקסן אויף אַ קאָפּ העכער. מיט אַ האַלב קול, מיט איין אָטעם, האָט זי אַרויסגעזאָגט:

— „ס'האָבן ליידנשאַפטלעכע שאָטנס אויף טונקעלן געלעגער צרומגעוויינגלט, זיך געלייגט, זיך פאַרבאָרגן, געלאָקט"...

געשטאַנען איז זי, אויפגעהויבן דעם קאָפּ און די ברעמען, פאַרוואונדערט אַרויסקוקנדיק אין דער בלויליכער פינצטערניש הינטערן פענצטער, אירע הענט זענען געווען אַראָפּגעלאָזט לענג־אויס דעם קערפּער, די צעעפנטע, ראָזע האַנט־פלאַכן אַ ביסל צוועקגענומען פון די היפטן.

— „כ׳זע אין דער טונקלקייט שניצונגען קניעשע, היפש, ווייס־מירמלנע, שאטירונגען האר"... — האט קלים געהערט.

די ניעכאיעווא פלעגט אפט פליסטערן אזעלכע קרענקלעך חושימהאפטע געדיכטן און זיי האבן תמיד געוועקט בא קלימען גאנץ באשטימטע עמאציעס. אלינא האט אזוינע עמאציעס נישט געוועקט זי האט פארוואונדערט און אײנפאך דערציילט מיט פרעמדע ווערטער עמעצנס א חלום; אין קלימס זכרון האט אויפגעוואכט דאס בילד פון דעם מיידעלע, וועלכע האט לאנג שוין אמאל געממזרט דעקלאמירט דאס איר ליבע געדיכט פון פעטן. אבער אצינד האט אויך קיין ממזרישקייט נישט געקלונגען אין דעם ליידנשאפטלעכן ליד, נאר בלויז פארוואונדערונג. דאסדאזיקע געפיל טאקע האט קלים געהערט אין די געדיכטע טענער פון דער שיינער שטימע, געזעען אויפן געזיכט, בלאס געווארענעם פון בושה אדער פון שרעק, און אין די פארברייטערטע אויגן. דאס קול האט אלץ אראפגענידערט, באשווערט פון די באוואוסטלאזע ווערטער. דעקלאמירנדיק געלאסענער און אנמעכטיקער, גלייך זי וואלט מיט שוועריקייט פונאנדערגעקליבן נישט דייטלעך אנגעשריבנס, האט אלינא פלוצלינג ארויסגעברענגט איין שורה הויך, פארלייכטערט אפזיפצנדיק.

— „א, ווייטער פרימארגן אויף ים־ברעג צעשוימטן, מאדנע־פורפורנע פארבן פון יינגן באגין"...

ס׳האט זיך געדאכט, אז מיט אנשטרענגונג חזרט זי איבער די ווערטער פונם דיכטער, וואס שטייענדיק לעבן איר, זאגט ער איר אונטער אומגעהערט פאר אנדערע די געפרעסטע ווערטער.

אנגעשפארט אן דער וואנט, האט קלים שוין נישט פארשטאנען די ווערטער, נאר געהערט בלויז די ריטמישע קול־וויבראציעס און צוגעשמידט געקוקט אויף לידיען; זי איז, שאקלענדיק זיך, געזעסן אויף דער שטול, קוקנדיק אין איין ריכטונג מיט אלינען.

— „...כאאס", — האט געזאגט אלינא דאס לעצטע ווארט פון געדיכט און זיך אראפגעלאזט אויפן טאבורעט באם קלאוויר, פארדעקנדיק דאס פנים מיט די הענט.

— מוראדיק גוט, — האט ארויסגעמורמלט אינאקאוו.

די סאַמאָוואַ איז שטיל צוגעגאַנגען צו דער הברטע, האָט געלעט געטון איר קאָפּ און געזאָגט, אָפּזיפצנדיק:

— דו דאַרפסט נישט חתונה האָבן, דו ביסט — אַן אַקטריסע.

— ניין, ליובאַ, ניין...

אינאַקאָוו האָט שווערמוטיק זיך גענומען איילן.

— ליובאַ, מיר דאַרפן גיין.

— איך אויך, — האָט געזאָגט אַלינאַ, אויפשטייענדיק.

זי איז צוגעגאַנגען צו לידיען, שווייגנדיק, שטאַרק זיך צעקושט מיט איר און געפרעגט אינאַקאָוון:

— נו, וואָס?

— איר האָט מנצח געווען — מוראדיק גוט! — האָט ער געענטפערט, שטאַרק טרייסלענדיק איר האַנט.

זיי זענען אַוועקגעגאַנגען. די לבנה האָט געלויכטן אין אָפּענעם פענצטער אַריין. לידיאַ האָט צוגערוקט אַ שטול צום פענצטער, זיך אַוועקגעזעצט, אַנידערגעלייגט די עלנבויגנס אויפן אַנשפּאַר. קלים האָט זיך אַוועקגעשטעלט דערלעבן. אין דער בלוילעכער טונקלקייט האָט בולט זיך אויסגעשניטן דער פּראָפיל פון דעם מיידל, ס'האָט געגלאַנצט איר טונקל אויג.

— ווען ליבע דעקלאַמירט זי אומפאַרגלייכלעך, — האָט געזאָגט לידיאַ, — אָבער איך מיין, אַז זי טרוימט בלויז, און פילט נישט. מאַקאַראָוו רעדט אויך ווען ליבע יומטובדיק און אויכעט... דערלעבן. פילן, פילט — ליוטאָוו. דאָס איז אַ וואונדערלעך אינטערעסאַנטער מענטש, אָבער ער איז עפּעס אַזאַ אָפּגעבריטער, ער האָט מורא פאַר עפּעס... עס איז מיר טיילמאָל אַ רחמנות אויף אים.

געערעדט האָט זי, נישט קוקנדיק אויף קלימען, שטיל און אַזויווי קאָנטראָלירנדיק די אייגענע געדאַנקען. זי האָט זיך אויסגעגלייכט, פאַרוואָרפנדיק די הענט הינטערן קאָפּ; אירע שפּיציקע ברוסטן האָבן הויך אויפגעהויבן דאָס לייכטע געוועב פון דער בלוזע. קלים האָט אָפּוואַרטנדיק געשוויגן.

— ווי מאָדנע דאָס איז... דו ווייסט, — אין שולע האָט

מען זיך געדרייט אַרום מיר עקשנותדיקער און מער, ווי אַרום איר. נאָר איך לגבי איר בין דאָך כמעט אַ פּאַרזעניש. און איך פּלעג זיך זייער באַליידיקן — נישט פאַר זיך, נאָר פאַר איר שיינקייט. אַ געוויסער... אויסטערלישער מענטש, דיאַמידאָוו, נישט פּשוט — דיעמידאָוו, נאָר — דיאַמידאָוו, זאָגט, אַז אַלבאַ איז שיין אָפּ־שטויסנד. יאָ, אַזוי האָט ער טאַקע געזאָגט. אָבער... ער איז אַן אומגעוויינלעכער מענטש, אים איז גוט צו הערן, נאָר גלייבן אים איז שווער.

איידער סאַמגין האָט באַוויזן צו זאָגן, אַז ער פאַרשטייט נישט אירע ווערטער, האָט לידיאַ געפרעגט, אַרונטערבליקנדיק אונטער זייַנע ברילן:

— און האָסט באַמערקט, אַז, דעקלאַמירנדיק, ווערט זי ענ־לעך צו אַ פיש? די הענט האַלט זי ממש ווי פלוס־פעדערן.

קלים האָט איינגעשטימט:

— יאָ, די פּאָזע איז אַ הילצערנע.

— פון דעם האָט מען זי נישט געקענט אָפּגעוויינען אין שולע. דו קלערסט, כ׳רעד לשון־הרע? כ׳בין מקנא? ניין, קלים, דאָס איז נישט דאָס, — האָט זי פאַרגעזעצט, אָפּזיפצנדיק. — איך מיין, אַז ס׳איז פאַראַן שיינקייט, וועלכע וועקט נישט... קיין גראָ־בע מחשבות, ס׳איז פאַראַן?

געוויס, — האָט געזאָגט קלים. — דו רעדסט מאָדנע. פאַר־וואָס מוז שיינקייט וועקן דווקא גראָבע...

— יאָ, יאָ, דו דערווידער נישט! ווען איך וואָלט געווען שיין, וואָלט איך געוועקט דווקא גראָבע געפילן...

אַ זאַג געטון דאָס אַנטשלאָסן און אייליק, האָט זי באַלד געפרעגט:

— ווי אַזוי האָסטו אָנגערופן דעם שרייבער וועגן די בלינדע? מעטערלינק? שאַף מיר דאָס ביכל. ניין, ווי וואוג־דערלעך, וואָס דו האָסט גראָד הייַנט גענומען רעדן וועגן דעם טאַמע עיקר!

איר שטימע האָט אַ קלינג געטון ליבלעך, ווייך און האָט

דערמאָנט קלימען די האַלבּ פאַרגעסענע טעג, ווען זי פלעגט קליי-נערהייט, מיד וואָרנדיק פון די שפּילערייען, אים פאַרלייגן:

— קום, לאָמיר אַ ביסל זיצן.

— מיך לאָזן נישט רוען דידאָזיקע פראַגן, — האָט זי גע-רעדט, קוקנדיק אין הימל אַריין. — מיט אַ צייט צוריק האָט מיך דראַנאָוו געפירט צו טאָמילינען; ער איז אין דער מאָדע, טאָמי-לין. אים לאַדט מען איין אין אינטעליגענטישע הייזער, פרעדיקן. אָבער מיר דאַכט זיך, אַז אַלץ אין דער וועלט פאַרוואַנדלט ער אין ווערטער. איך בין נאָך אַמאָל אויך געווען בּאַ אים, אַליין; ער האָט מיך אַריינגעוואָרפן, ממש ווי אַ קעצל אין אַ טייך אַריין, אין דידאָזיקע קאַלטע ווערטער, דאָס איז אַלץ.

הגם זי האָט דאָס געזאָגט אָן באַקלאָגן זיך, שפּאָטיש, האָט קלים פונדעסטוועגן זיך דערפילט גערירט. ס'האָט זיך פאַרגלוסט צו רעדן מיט איר איינפאַך, אַ גלעט צו געבן איר האַנט.

— דערציי'ל עפּעס, — האָט זי אַ בעט געטון.

ער האָט אָנגעהויבן דערציילן איר וועגן טוראָבאָיעוו, טראַכטנדיק:

— פון אפשר וואָלט ער איר געזאָגט וועגן דער ניעכאַיעווא?

אויסהערנדיק זיינע איראָנישע רייד נישט מער ווי אַ מינוט, האָט לידיאַ געזאָגט:

— דאָס איז נישט אינטערעסאַנט.

אָבער תיכּף כמעט אַ פרעג געטון כּלאחר יד:

— ער איז שטאַרק קראַנק?

— איך ווייס נישט, — האָט פאַרוואונדערט געענטפערט קלים.

— פאַרוואָס פרעגסטו? ד. ה. פאַרוואָס מיינסטו

— איך האָב געהערט, אַז ער האָט — שווינדזוכט.

— ס'באַמערקט זיך נישט.

אַנטשוויגן ווערנדיק, האָט לידיאַ שטאַרק אָפּגעווישט מיטן טיכל די ליפּן, די באַק, דערנאָך געזאָגט, אָפּזיפצנדיק:

— אין שולע בּאַ אונז איז געווען טוראָבאָיעווס אַ חבר, אַ

פולשטענדיק אומדערטרעגלעכער מחוצף, נאָר אַן אײַסערגעווײנלעך טאַלענטירטער. און — פּלוצלינג...

נערוועיש אויפציטערנדיק, איז זי אויפגעשפּרונגען אויף די פיס, צוגעגאַנגען צו דער קאַנאַפּע, זיך אַרומגעהילט מיט דער שאַל און שטייענדיק דאָרטן גענומען רעדן מיט אַן אויפגעבראַכטער שטימע:

— דו גיב נאָר אַ קלער, ווי שרעקלעך דאָס איז, — בײַ צוואַנציק יאָר קראַנק צו ווערן פון אַ פרוי. דאָס איז — נידערטרעכטיק! דאָס איז שוין — געמיינהייט! ליבע און — דאָס...

זי האָט זיך אָפּגערוקט פון קלימען און איז כמעט אַנידערגעפאַלן אין ווינקל פון דער סאָפּע.

— נו, וואָס זשע פאַר אַ ליבע? — האָט אַרויסגעמורמלט סאַמגין.

לידיאַ האָט מיט כעס אים איבערגעריסן:

— אַך, לאָז אָפּ! דו פאַרשטייסט נישט. דאָ דאַרף נישט זיין קיין קראַנקייטן, קיין ווייטיקן, קיין שום שמוציקס...

שאָקלענדיק זיך, אײַנגעבויגן דעם רוקן, האָט זי גערעדט דורך די ציין:

— און אַלץ בכלל איז אַזאַ גרויל! דו ווייסט נישט: דער פאָטער האָט ווינטער זיך עקזאַלטירט מיט אַ וואָדעוויל־אַקטריסע; אַ דיקע, אַ רויטע, אַ באַנאַלע, ווי אַ הענדלערקע. איך בין נישט זייער גוט מיט וויערא פּעטראָוונאַ, מיר האָבן נישט ליב איינס דאָס אַנדערע, אָבער — רבונו של עולם! ווי איר איז שווער געווען! די אויגן זענען בײַ איר משוגע געוואָרן. האָסט געזען, ווי זי איז גרוי געוואָרן? ווי גראָב דאָס אַלץ איז און שרעקלעך. די מענטשן טרעטן איינער דעם אַנדערן. איך וויל לעבן, קלים, אָבער איך ווייס נישט — וויאַזוי?

די לעצטע ווערטער האָט זי אַרויסגעבראַכט אַזוי שאַרף, אַז קלים איז אָפּהענטיק געוואָרן. און זי האָט געפּאָדערט:

— נו, זאָג, וויאַזוי לעבן?

— פאַרליב זיך, — האָט ער שטיל געענטפערט. — ווער ס'וועט ליב קריגן, וועט שוין אַלץ קלאָר ווערן.

— דו ווייסט דאָס? האָסט איבע־געלעבט? ניין. און — ס'וועט נישט זיין קלאָר. ס'וועט נישט זיין. איך ווייס, אַז מען דאַרף ליב האָבן, אָבער איך בין זיכער — מיר וועט דאָס נישט גע־לינגען.

— פאַרוואָס?

לידיאַ האָט געשוויגן, פ רביסן די ליפּן, אָנשפּאַרנדיק זיך מיט די עלנבויגנס אָן אירע קניען. איר ברוינלעך פּנים איז טונקלער געוואָרן פון בלוט־צופלוס, זי האָט פאַרבלענדט צוגעמאַכט די אויגן. קלימען האָט זיך זייער געגלוסט צו זאָגן איר עפּעס טרייסט־דיקס, אָבער ער האָט נישט באַוויזן.

— אַט בין איך געווען אין טעאַטער־שולע, כדי נישט צו זיין אינדערהיים און אויך דערפאַר, וואָס איך האָב נישט ליב קיין אַקו־שעריע־וויסנשאַפטן, קיין מיקראָסקאָפּן און דעסגלייכן, — האָט לי־דיאַ אָנגעהויבן רעדן אין פאַרטראַכטקייט. איך האָב אַ חברטע מיט אַ מיקראָסקאָפּ, זי גלייבט אין אים, ווי אַן אַלטע אין דער הייליקער קאָמוניע. אָבער דורכן מיקראָסקאָפּ זעט מען נישט נישט קיין גאָט, נישט קיין טייוול.

— זיי זעט מען דאָך אויך נישט דורכן טעלעסקאָפּ, — האָט נישט דרייסט אַ שפּאַס געטון קלים און פאַראיבל געהאַט אויף זיך פאַר דער אומדרייסטקייט.

לידיאַ האָט, אַרונטערנעמענדיק די פיס, זיך אַנידערגעזעצט אין ווינקל פון דער סאָפע.

— מיר דאַכט זיך, — האָט אַנטשלאָסן אָנגעהויבן קלים, — איך בין זאָגאַר זיכער, אַז די מענטשן, וועלכע גיבן פרייהייט זייער פאַנטאַזיע, לעבט זיך לייכטער. נאָך אַריסטאָטעל האָט גע־זאָגט, אַז די אויסטראַכטעניש איז וואָרשיינלעכער פון דערווירק־לעכקייט.

— ניין, — האָט [redacted]נטשלאָסן דערווידערט לידיאַ, — דאָס איז נישט אַזוי.

— אָבער צי איז דען פּאָעזיע — נישט קיין אויסטראַכ־טעניש?

— ניין, — האָט נאָך מער שאַרף געזאָגט דאָס מיידל. — איך קען זיך נישט שפּאַרן, אָבער איך ווייס, — דאָס איז נישט ריכטיק. איך — בין נישט קיין אויסטראַכטעניש.

און אָנרירנדיק מיט דער האַנט קלימס עלנבויגן, האָט זי אַ בעט געטון:

— רעד נישט, ווי טאָמילין, מיט ציטאַטן...

דאָס האָט אַזוי צעמישט קלימען, אַז ער האָט זיך אָפּגערוקט פון איר און אַרויסגעמורמלט:

— ווי דו ווילסט...

אַ מינוט, צוויי, האָבן ביידע געשוויגן. דערנאָך האָט לידיאַ שטיל דערמאַנט:

— ס'איז שוין שפּעט.

אויסטוענדיק זיך בײַ זיך אין צימער, האָט קלים געשפּירט אַ שאַרפע אומצופרידנקייט. פאַרוואָס איז ער אָפּהענטיק געוואָרן? ער האָט שוין נישט דאָס ערשטע מאָל באַמערקט, אַז ביחידות מיט לידיען פילט ער זיך דערדריקט און אַז נאָך יעדער באַגעגעניש וואַקסט דאָס־דאָזיקע געפיל.

— איך בין נישט קיין גימנאַזיסט, וואָס איז פאַרליבט אין איר, נישט מאַקאַראָוו — האָט ער געטראַכט. — איך זע גוט אירע חסרונות, און אירע מעלות זענען מיר, אייגנטלעך, נישט קלאָר, — האָט ער איינגעטענהט מיט זיך. — וועגן שיינקייט האָט זי גערעדט באַריש. און בכלל רעדט זי איבערגעקלייגט... נישט באַטירלעך פאַר אַ מיידל פון אירע יאָרן.

באַמיענדיק זיך צו פאַרשטיין, וואָס אים ציט צום דאָזיקן מיידל, האָט ער נישט געשפּירט אין זיך נישט בלויז קיין פאַר־ליבטקייט, נאָר אפילו די פיזיאָלאָגישע נייגיריקייט, וואָס איז אויפגעוועקט געוואָרן דורך די געשעפּטסלעכע צערטלעכישן פון מאַרגאַריטען און דער באַגיריקייט פון דער ניעכאַיעווא. אָבער אים האָט אַלץ מער אומבאַזיגבאַר געצויגן צו לידיען און אין דערדאָ־זיקער ציונג האָט ער נעפּלהאַפט חושד געווען אַ סכנה פאַר זיך.

טײַלמאָל האָט זיך אויסגעוויזן, אַז לידיאַ באַציט זיך צו אים מיט יענער זעלבסט־אײַנרעדעניש, וועלכע איז געווען בײַ אים אין דער קינדהייט, ווען אַלע מיידלעך, אַ חוץ לידיען, האָבן זיך אויסגעוויזן אַלס נידעריקערע וועזנס, ווי ער. דערמאָנענדיק זיך, אַז אין דער דינינקער, בויגעוודיקער חברטע זײַנער האָט תּמיד געלעבט אַ שטרעבונג צו קאָמאַנדעווען, האָט קלים זיך אָפּגעשטעלט אויף דער סברא, אַז אַצינד האָט דידאָזיקע שטרעבונג אומגאָרמאַל זיך צעוואַקסן, איז שווער געוואָרן, און טאַקע מיט איר כּוח ווירקט עס לידיאַ אַזוי דערדריקנדיק. זי איז — נישט אין דעם, וואָס לידיאַ רעדט, זי באַהאַלט זיך אונטער די ווערטער און פאַדערט באַפעלעריש, אַז קלים סאַמגין זאָל ווערן אַן אַנדערער מענטש. זאָל אַנדערש טראַכטן, רעדן, פאָדערט עפּעס אַן אומגעוויינלעכע אָפּנהאַרציקייט. זי באַלערנט:

— דו רעדסט צו דאָקטאָראַליש און האַלטסט זיך מיט מענטשן ווי אַ באַאַמטער פון כּפּעציעלע אויפטראַגן. פאַרוואָס שמייכלסטו אַזוי אָנגעצויגן?

דאָס אַלץ האָט געוועקט אין קלימען אַ געפיל פון פּראָטעסט, אַ באַוואוסטזיין פון נויטווענדיקייט זיך צו פאַרטיידיקן, און דאָסדאָזיקע באַוואוסטזיין האָט, דערמאַנענדיק אָן מאַקאַראָוון, דיקטירט:

— כ׳וועל נישט לייגן קיין אַכט אויף איר, און פּטור. איך וויל דאָך גאָרנישט פון איר.

ער האָט געפּרוּווט זיך האַלטן אומאָפּהענגיק, געפּלייסט זיך איבערצוצייגן לידיען, אַז ער באַציט זיך צו איר גלייכגילטיק, זיך נעדרייט איר אויף די אויגן און זייער געוואָלט, אַז זי זאָל באַמערקן זײַן אומאָפּהענגיקייט. זי האָט, באַמערקנדיק, געפרעגט כּלאחר יד:

— אויף וועמען בלאָזסטו זיך?

און דערנאָך האָט זי צודרינגלעך אויסגעפרעגט:

— פאַרוואָס געפעלט דיר „אונזער האַרץ"? דאָס איז — נישט נאַטירלעך; אַ מאָנסביל באַדאַרף נישט געפעלן אַזאַ בוך.

נישט תּמיד איז לײַכט געווען צו ענטפערן אויף אירע פראַגן. קלים האָט געפילט, אַז אונטער זיי איז באַהאַלטן אַ פאַרלאַנג צו

באַפּן אים בײַ סתירות און נאָך עפּעס, וואָס איז אויך באַהאַלטן אין דער טיפקייט פון די שוואַרצאַפּלען, אין דעם קלאַמערהאַפטן, שטו־דירנדיקן בליק.

איינמאָל, נישט קענענדיק מער אויסהאַלטן, האָט ער בײַ אַ זאָג געטון:

— דו עקזאַמענירסט מיך, ווי עפּעס אַ ייִנגעלע.

לידיאַ האָט פאַרוואונדערט געפרעגט:

— טאַקע באמת?

און אַ בליק געבנדיק אין זײַנע אויגן אַרײַן מיט אַן אומ־פאַרשטענדלעכן שמייכל, האָט זי געזאָגט גענוג ווייך:

— ניין, דיך קאָן מען אפילו ייִנגערמאַן נישט אָנרופן. דו ביסט אַזאַ...

אַ זוך געבנדיק אַ וואָרט, האָט זי געפונען דאָס ווײַער אומ־באַשטימטע:

— באַזונדע־ער.

און, ווי געווײַנלעך, אָנגעהויבן אויספּ־עגן:

— וואָס געפינסטו אין ראָדעגבאַכן? דאָס איז שוים פון שלעכטן זײַך, לויט מײַן מיינונג.

איינמאָל אינאָוונט, ווען אין די פענצטער אַרײַן האָט ווילד געשמיסן אַ פרילינגדיקער שלאַקס־רעגן, קלימס צימער האָט אַלע מאָל אויפגעפלאַקערט מיט אַ בלוי פייער און די שויבן פון די פענצ־טער האָבן, אויפציטערנדיק פון די דונערן, געיאָכצט, געקלונגען, האָט קלים, אַ לייריש געשטימטער, אַ קוש געטון דעם מיידלס האַנט. זי האָט זיך באַצויגן צום קושן זשעסט רויק, גלייך זי וואָלט אים גאָרנישט געשפּירט, אָבער ווען קלים האָט נאָכאַמאָל געפרווט אַ קוש טון, האָט זי געלאַסן אַוועקגענומען איר האַנט:

— דו גלייבסט מיר נישט, נאָר איך, — האָט אָנגעהויבן קלים, אָבער זי האָט איבערגעריסן זײַנע רייד.

— ווינציקער פון אַלעם ביסטו ענלעך צו אַ קאַוואַלער פון דע גריע. איך בין אויך נישט קיין מאַנאָן.

אין אַ מינוט אַרום האָט זי, אַ ציטער געבנדיק, גע־זאָגט:

— איך מיין, אַז צומיינסט אָפּשטויסנד האָבן ליב פרויען אַקטיאָרן.

קלים האָט באַומדויקט געפרעגט:

— פאַרוואָס זשע דווקא אַקטיאָרן?

זי האָט נישט געענטפערט.

אַזעלכע געדאַנקען פלעגן בא איר קומען אומגעריכט, אָן צוזאַמענהאַנג מיטן פריערדיקן און קלים האָט שטענדיק געפילט אין זיי עפעס פאַרדעכטיקס, אַנדייטנדיקס. צי האַלט זי נישט אים פאַר אַן אַקטיאָר? ער האָט זיך שוין משער געווען, אַז ווען וואָס לידיאַ זאָל נישט רעדן, קלערט זי וועגן ליבע, ווי מאַקאַראָוו וועגן גורל פון די פרויען, קוטוזאָוו וועגן סאָציאַליזם, ווי די ניעכאַיעוואַ האָט פלומרשט געטראַכט וועגן טויט, ביזוואַנען איר איז נישט געלונגען אַרויסצוקריגן קיין ליבע. קלים סאַמגין האָט אַלץ מער נישט ליב געהאַט און מורא געהאַט פאַר מענטשן, באַנומע פון איין אידעע, זיי אַלע זענען באַגוואַלטיקער, אַלע זענען אָנגעשטעקט מיט דער שטרעבונג צו פאַרשקלאַפן.

נישט זעלטן האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז לידיאַ שפילט מיט אים, דאָס האָט פאַרטיפט זיין אומפריינדשאַפט צו איר, פאַרשטאַרקט אויך זיין אָפּהענטיקייט. אָבער ער האָט מיט פאַרוואונדערונג פעסטגעשטעלט, אַז אויך דאָס שטויסט אים נישט אָפּ פון דעם מיידל.

ערגער פון אַלעם פלעגט ער זיך פילן, ווען זי פלעגט ראַפּטום, אינמיטן שמועס, פאַרזונקען ווערן אין עפעס אַ מין פאַרגלייווערטקייט. פעסט צונויפפרעסנדיק די ציין, ברייט צעעפנט די אויגן, פלעגט זי קוקן שטאַר און אַזויווי דורך אים; אויפן ברוינלעכן פנים פלעגט זיך באַווייזן אַ שאָטן פון אומבאַוווסטע טראַכטונגען. אין אַזאַ מינוט האָט זי אויסגעוויזן אַ פלוצלינג אַלט־געוואָרענע, אַ דורכדרינגלעכע און געפערלעך קלוגע. קלים פלעגט אַראָפּלאָזן דעם קאָפּ, נישט איבערטראָגנדיק איר בליק, דערוואַרטנדיק, אַז באַלד וועט זי אויסקלערן עפעס אומגעווינלעכס, נישט נאָרמאַלס און וועט פאָדערן, אַז ער זאָל אויספירן דעמדאָזיקן איינפאַל. ער האָט מורא געהאַט, אַז ער וועט נישט קאָנען איר

אַפּזאָגן. און בלויז איינמאָל האָט ער געפונען אין זיך גענוג דרייסטקייט צו פרעגן:

— וואָס איז מיט דיר?

— גאָרנישט, — האָט זי געענטפערט, ווי איטלעכער, מיט אַ געוויינלעך און פוסט וואָרט.

נאָך דערנאָך, קוים באַלייכטנדיק איר געזיכט מיט אַ לאַנגזאַמען שמייכל, האָט זי געזאָגט:

— דער ש ו ו י י ג ע ר האָט געכאַפּט. פּאַוולאַ. — דו געדענקסט? — די דינסט, וואָס האָט אונז באַגנבעט און איז אָן שום שפּורן נעלם געוואָרן? זי האָט מיר דערציילט, אַז ס׳איז דאָ אַזאַ באַשעפעניש — אַ ש ו ו י י ג ע ר. איך פאַרשטיי, — איך זע אים כמעט, — ווי אַ וואָלקן, אַ נעפּל. ער נעמט אַרום, דרינגט אַרײַן אין דעם מענטש און ליידיקט אים אויס. דאָס איז — אַ קילקייט אַזעלכע. אין איר פאַרשווינדט אַלץ, אַלע געדאַנקען, ווערטער, דער זכרון, דער פאַרשטאַנד, — אַלץ! ס׳פאַרבלייבט אין דעם מענטש בלויז איינס: די שרעק פאַר זיך. דו פאַרשטייסט?

— יאָ, — האָט געענטפערט קלים, קוקנדיק, ווי ס׳לעשט זיך איר געמאַכטער שמייכל און טראַכטנדיק: — דאָס איז — שפּיל. געוויס — אַ שפּיל!

— און איך — פאַרשטיי נישט, — האָט זי פאַרגעזעצט מיט אַ נײַ, שאַרף שמייכעלע. — נישט וועגן זיך, נישט וועגן די מענטשן — פאַרשטיי איך נישט. איך קאָן נישט טראַכטן... דאַכט זיך מיר. און איך קלער נאָר טאַקע וועגן די אייגענע טראַכטונגען. אין מאָסקווע האָט מען מיך באַקענט מיט איינעם אַ סעקטאַנט, אַזאַ פּשוטער, אַ מאָרדעלע פון אַ הונט. ער האָט זיך געשאָקלט און געמורמלט:

עס זינגט דער פוס — וואוהין גיי איך?
עס זינגט די האַנט — נאָכוואָס נעם איך?
און ס׳זינגט דער גוף — צווואָס לעב איך?

— אמת, אויסטערליש? אַזאַ פשוטער, אַ דאַרער. דאָס איז נישט נייטיק, לויט מיין מיינונג.

קלים האָט איינגעשטימט:

— נישט נייטיק.

— און — אפשר — איז נייטיק? פונוואַנען ווייסטו: יאָ ציִ ניין?

זי פלעגט כסדר אַזוי טון: זי צווינגט איינצושטימען מיט איר און באַלד שפּאַרט זי אָפּ איר אייגענע באַהויפּטונג. קלים פלעגט לייכט מיט איר מסכּים זיין, נאָר שפּאַרן זיך האָט ער נישט געוואָלט, האַלטנדיק עס פאַר פּרוכטלאָז, זעענדיק, אַז זי הערט נישט אויס די דערווידערונגען.

ער האָט אויך געזעען, אַז זיינע באַזונדערע שמועסן מיט לידיען געפעלן נישט דער מוטער. וואַראַווקאַ האָט זיך אויך געכמורעט, געקייעט די באָרד מיט די רויטע ליפּן און געזאָגט, דאָס פלעכטן די פייגל נעסטן נאָכן אויסלערנען זיך פליען. פון אים האָט געווייעט מיט שטוב קער לאַנגווייליקייט, מידקייט, פאַרביסנקייט. ער פלעגט קומען אַהיים אַ צעקנאָדערטער, פּונקט ווי נאָך אַ געשלאָג. אַריינקוועטשנדיק דעם שווערן קערפּער זיינעם אין לעדערנעם פאָטעל, האָט ער געטרונקען זעלצער-וואַסער מיט קאָניאַק, האָט פאַרנעצט די באָרד און זיך געקלאָגט אויף דער שטאָט-פאַרוואַלטונג, אויף דער זעמסטוואָ, אויפן גובערנאַטאָר. ער האָט געזאָגט:

— אין רוסלאַנד לעבן צוויי שבטים: די מענטשן פון איינעם קאָנען טראַכטן און רעדן בלויז וועגן דער פאַרגאַנגענהייט, די מענטשן פון צווייטן — בלויז וועגן דער צוקונפט און, אומבאַדינגט, וועגן דער זייער ווייטער. די געגנוואַרט, דער מאָרגנדיקער טאָג, אינטערעסירט כמעט קיינעם נישט.

די מוטער איז געזעסן קעגן אים, אַזויווי פּאָזירנדיק פאַר אַ פּאָרטרעטיסט. לידיאַ פלעגט אויך פריער זיך בייען צום פאָטער נישט זייער ליבלעך, אָבער אַצינד האָט זי גערעדט מיט אים ביטולדיק, געקוקט אויף אים גלייכגילטיק, ווי אויף אַ מענטש, וואָס איז איר נישט נייטיק. דער שווערער אומעט האָט אַרויסגעשטופּט

קלימען אויף דער גאַס, דאָרט האָט ער געזעען, ווי אַ שכּורער שטאָטסמאַן האָט געקויפט באַ אַ גראָבער, איינאויגיקער פּויערטע הונערשע אייער. ער האָט זיי אַרויסגענומען פון קיישל און, אַ קוק געבנדיק דורך יעדן איי אויף דער שייַן, אַריינגערוקט זיי אין קעשענע, צורעדנדיק אויף טאָטעריש:

— יאַקשי. טשאָך יאַקשי.

איין איי האָט ער אָוועקגעלייגט לעבן דער קעשענע און עס צעטרעטן, אונטער דער פּאָדעשווע פון שמוציקן שטיוול האָט געקליאַפּטשעט די יאַיעטשניצע. פאַרן האָטעל „מאָסקווע" זענען אויף אַ צעבראָכענער שילד געזעסן טויבן, אַריינקוקנדיק אין אַ פענצטער; אין דעם פענצטער איז געשטאַנען אַ שוואַרצוואָנסיקער מענטש אָן אַ מאַרינאַרקע און, צופּייפנדיק, האָט ער פאַרזאָרגט־אָנגעכמורעט באַטראַכט און געצייגן די בלויע שעלקעס. אָן אַלטיטשקע מיט אַ ליבלעך פּנים, שטופּנדיק פאַר זיך אַ וועגעלע, אין וועלכן ס'האָבן זיך באַוועגט, כאַפּנדיק די לופט, קלייניקע ראָזע הענטעלעך, — די אַלטיטשקע האָט. פאַרטשעפּנדיק קלימען מיט אַ רעדל פון וועגעלע, בייז אַ געשריי געטאָן:

— איר זעט נישט? און — אין ברילן!

און אָפּשטעלנדיק זיך אַ שמעק צו טון טאַבאַק, האָט זי לאַנג און הויך גערעדט עפּעס וועגן די אַפּיקורסים, די סטודענטן. קלים איז געגאַנגען און געטראַכט וועגן סעקטאַנט, וועלכער מורמלט: — „ס'זינגט דער פּוס — וואוהין גיי איך?", וועגן דעם שכּורן שטאָטסמאַן, דער שטרענגער אַלטיטשקער, וועגן דעם שוואַרצוואָנסיקן מענטש, דעם פאַראינטערעסירטן מיט זיינע שעלקעס. וואָסער זינען איז אין לעבן פון דידאָזיקע מענטשן?

אין אַ שמאָלינקן, טעמפּן געסל צווישן פאַרפוילטע פּלעטער שפּילן זיך פּילדערדיק אַ מאָן צוואָנציק יינגעלעך אין קעגלען. אין דער זייט ליגט, מיטן בויך אויף דער ערד, איינאָקאָוו, אַ באָרוועסער, אָן אַ היטל; זיינע צעשויבערטע האָר גלאַנצן אויף דער זון ווי זייד, דאָס קאָלירטע פּנים איז צונויפגעקנייטשט אין אַ גליקלעכן שמייכל, די זומער־שפּרענקעלעך ציטערן. ער שרייט מיט אַ בעטנדיקן טאָן, אויפגערעגט:

— פעטיאַ — אײַל זיך נישט! רויק! שלאָג דעם פּאָפּ!... דעם פּאָפּ... עך, דערלעבן!

אינאָקאָוו האָט אָפט געשימערט אין קלימס אויגן. אָט גייט ער ערגעץ־וואו, ברייט שפּאַנענדיק, קוקנדיק אויף דער ערד, באַהאַלטן די הענט, צונויפגעקוועטשטע אין אַ פויסט, הינטערן רוקן, אַזוי ווי טראָגנדיק אויף די פּלייצעס אַן אומגעזעענע משא. אָט — זיצט ער אויף אַ באַנק אין שטאָט־גאָרטן, צעלאָזט די ליפּן, פאַרכישופט באַאָבאַכטנדיק די קאַפּריזנע שפּילערייען פון די קינדער. פון סוטערינע פון דעם סוחר סינעווס הויז זענען אַרויסגעקראָכן אויף דער גאַס טויזנטער עפּעס אַזוינע ווערם, זיי ווימלען, קריכן אַרויף אויפן גרויען שטיין פון פונדאַמענט, באַדעקנדיק אים מיט לעבעדיקן, שוואַרצן געוועב, קריכן איבערן פּאַנעל אונטער די פיס פון מענטשן־המון, די מענטשן טרעטן זיי אָפּ דעם וועג, מאַנכע מיט שרעק, אַנדערע — מיט עקל און וואָרטשען, מאַנכע — ביין־פאַרזאָגעריש, אַנדערע — שאָדנפריידיק.

— נישט צום גוטן. נישט צום גוטן איז דאָס.

— שט־טותים, — שרייט אינאָקאָוו, לאַכט הויך, אָפּדעקנדיק די נישט גלייכע, בייזע ציין און דערקלערט:

— ס'איז עפּעס פאַרפוילט געוואָרן...

די מענטשן רוקן זיך אָפּ פון אים, דעם לאַנגן און מאָגערן, פונקע ווי פון די ווערם.

איינמאָל האָט קלים אים געטראָפן פנים אל פנים, געוואָלט זיך באַגריסן, אָבער אינאָקאָוו איז פאַרבייגעגאַנגען, די אויגן אויסגעגלאָצט, ווי אַ בלינדער, פאַרביסן די ליפּ.

צוויי, דריי מאָל איז אינאָקאָוו צוזאַמען מיט ליובאָוו סאָמאָוואַ אַריינגעקומען צו לידיען און קלים האָט געזען, אַז דערדאָזיקער קלינאַרטיקער בחור פילט זיך בײַ לידיען ווי אַ נישט גערופענער גאַסט. ער האָט אומזיניק, ווי אַן איינשלאָפנדיקער אָקון אין אַ צעבער וואַסער, זיך געדרייט פון איין ווינקל אין אַנדערן, אויפטרייסלענדיק מיטן לאַנגהאָריקן קאָפּ, דאָס קאָלירטע פנים זיינס האָט זיך געקרומט. די אויגן האָבן געקוקט אויף די זאַכן אין צימער מיט פרעגנדיקן בליק. ס'איז קלאָר געווען, אַז לידיאַ איז

אים נישט סימפּאַטיש און אַז ער באַטראַכט זי. ער פּלעגט ראַפּ־טום צוגיין און, מיט אויפגעהויבענע ברעמען, ברייט צעעפנטע אויגן, פרעגן:

— טורגעניעוון — האָט איר ליב?

— איך לייען.

— ל. ה. — ווי אַזוי עפּעס — איר לייענט? איר האָט געלייענט?

— נו, גוט, כ'האָב געלייענט, — האָט איינגע־שטימט לידיאַ, שמייכלענדיק, אָבער אינאַקאָוו האָט באַלערנד זי דערמאַנט:

— מען לייענט די ביבל, פּושקינען, שעקספּירן, אָבער טור־געניעוון לייענט מען דורך, כדי צו דערפילן אַ העפלעכקייטס־חוב לגבי דער רוס־שער ליטעראַטור.

דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן רעדן נאַרישקייטן און עזות־קייטן:

— טורגעניעוו איז — אַ צוקער־בעקער. בײַ אים איז נישטאָ קיין קונסט, נאָר — טשאַסטעס. אמתדיקע קונסט איז נישט זיס, זי איז תּמיד מיט אַ ביטערן טעם.

געזאָגט און איז אָוועקגעגאַנגען. אַ צווייט מאָל, אויך אַזוי אומגעריכט, האָט ער געפרעגט, צוגייענדיק פונהינטן, איינבייגנדיק זיך איבער איר אַקסל:

— „די אומעטיקע געשיכטע" טשעכאָווס — האָט איר גע־לייענט? ס'איז טשעקאָוו, האַ? אַ פּראָפעסאָר האָט דאָס גאַנצע לעבן עפּעס געלערנט, און אויפן סוף — זיך אָנגעשטויסן: „נישטאָ קיין אַלגעמיינע אידעע". אויף וואָס זשע פאַר אַ קייט איז ער גע־זעסן דאָס גאַנצע לעבן? מכּוח וואָס זשע האָט ער, — אָן אַן אַל־געמיינער אידעע, — מענטשן געלערנט?

— אָבער — אַן אַלגעמיינע אידעע, דאָס איז נישט קיין אַל־געמיין אָרט? — האָט געפרעגט לידיאַ.

אינאַקאָוו האָט פאַרוואונדערט אַ קוק געטון אויף איר און אַרויסגעמורמלט:

— אַזוי גאָר? י־יאָ... איך האָב נישט געקלערט. איך ווייס נישט.

— און ער האָט פאַרגעזעצט עקשנותדיק:

— בײַ טשעכאָוון איז אויך נישטאָ קיין אַלגעמיינע אידעע. בײַ אים איז אַ געפיל פון אומצוטרוי צום מענטש, צום פאָלק. ליעסקאָוו, זעט איר, האָט געגלייבט אין מענטש, אָבער אין פאָלק — אויך ניט זייער. ער האָט געזאָגט: „נישטיקייט סלאַוויאַנישע, היימיש מיסט". אָבער ער, ליעסקאָוו, האָט דורכגעדרונגען גאַנץ רוסלאַנד. טשעכאָוו האָט אים זייער אַ סך צו פאַרדאַנקען.

— איך זע דאָס נישט, — האָט מיט נייגיריקייט באַטראַכטנדיק אינאָקאָוון, געזאָגט לידיאַ.

— איר לייענט זיי נאָר איינעם נאָכן אַנדערן, וועט איר זען...

ער האָט זיך צוגערירט מיטן פינגער צום מיידלס אַקסל, צווינגענדיק זי אָפּצורוקן זיך.

— הערט נאָר: וואו איז עס די שיינע הברטע אייערע?

— מסתמא בײַ זיך אינדערהיים. איר דאַרפט זי?

לידיאַ האָט געשמייכלט, די זומערשפּרענקעלעך אויף אינאָקאָווס פנים האָבן אויך געציטערט, די ליפּן האָבן קינדיש זיך צעפלאָסן, און די אויגן האָט געגלאַנצט ווייך געלעכטער.

— כ'האָב קאָמיש געפרעגט? נו, ס'מאַכט נישט אויס! מיר איז זי, פאַרשטייט זיך, נישט נייטיק, נאָר — ס'איז מיר אינטערעסאַנט: ווי אַזוי וועט זי לעבן? מיט אַזאַ שיינקייט — שווער. און, אגב, איך קלער אַלץ, אַז בײַ אונז דאַרף עפּעס אַ מין לאָלאַ מאָנטעס דערשיינען בײַ דעם נייעם קייסער.

— ער האָט זיך פאַרליבט אין איר, מער נישט, — האָט געזאָגט די סאָמאָווא, צערטלעך קוקנדיק אויף איר פריינד. — ער איז בײַ מיר אַ בעלן אויף קאָלירטס...

— כ'האָב זיך פאַרליבט, דאָס איז — שטותים. איך קאָן מיך גאָר אפילו נישט פאַרליבן. נאָר, פּשוט, דידאַזיקע פריילין טרייבט מיך אַרײַן אין גרויסע טראַכטונגען. שוין צופיל איז

זי — נישט אויפֿן אָרט. דערי־בער — איז מיר טרויעריק צו קלערן וועגן איר.

— פרווט נישט צו קלערן, — האָט אים אַן עצה געגעבן לידיאַ.

אינאָקאָוו האָט זיך פֿאַרוואונדערט, אַ הייב געטון די ברעמען.

— מ׳קאָן דען דאָס — זעען און נישט קלערן?

ווען ער און די סאַמאָווא זענען אַוועקגעגאַנגען, האָט קלים אַ פֿרעג געטון לידיען.

— פֿאַרוואָס רעדסטו מיט אים אין אַ טאָן פֿון אַן אַלטער פּריצה?

לידיאַ האָט שטילערהייט אַ לאַך געטון און דערקלערט, צונויפֿקרייצנדיק די הענט אויף דער ברוסט, קוועטשנדיק מיט די אַקסלען:

— איך פֿיל אויך, אַז דאָס איז אומגעלומפּערט, אָבער קיין אַנדערן טאָן קאָן איך נישט געפֿינען. מיר דאַכט זיך: לאָמיך מיט אים אַנדערש אַ רעד טון, וועט ער מיך אַוועקזעצן צו זיך אויף די קניען, אַרומנעמען און אָנהייבן אויספֿרעגן: וואָס זענט איר אַזוינס?

קלים האָט אַ קלער געטון און געזאָגט:

— יאָ, פֿון אים קאָן מען דערוואַרטן כּלערליי עזות־קייטן.

איינמאָל, אין אָוונט, איז די סאַמאָווא געקומען אַליין, זייער אַ מידע און, קענטיק, אַ באַומרויִקטע.

— איך נעכטיק בײַ דיר, לידושאַ, — האָט זי דערקלערט. — מיין ליבסטער גרישוק איז אַוועקגעגאַנגען ערגעץ־וואו אין קרייז, ער דאַרף זעען, ווי די פּויערן וועלן זיך בונטעווען. גיב מיר צו טרינקען עפּעס, נאָר נישט קיין מילך. ווײַן, אפשר, האַ?

קלים איז אַראָפּגעגאַנגען אונטן, האָט געבראַנגט אַ פֿלאַש ווייסן ווײַן, זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט, אײַנדרייען, אויף דער סאָפֿע און לידיאַ האָט אָנגעהויבן אויספֿרעגן די חברטע: וואָס פֿאַר אַ מענטש איז אינאָקאָוו.

— איך ווייס גאָרנישט, פֿרײַנד מײַנע! — האָט אָנגעהויבן

די סאַמאָוואַ, צענעמענדיק די הענט מיט שטוינונג, וועלכע קלים האָט אָנגענומען אַלס אויפּריכטיקע.

— איך בין באַקאַנט מיט אים זעקס יאָר, כ'לעב מיט אים דאָס צווייטע יאָר, אָבער איך זע אים זעלטן, וואָרים ער שפּרינגט אַלץ אין פאַרשידענע זייטן פון מיר. ער פליט אַריין, ווי אַ פעלדבין, גיט זיך אַ דריי, זשומשעט אָן אַ ביסל און פלוצלינג: „ליובאַ, מאָרגן פאָר איך קיין כערסאָן." — Merci, monsieur. Mais pourqoi? מײַנע ליבע, — ס'איז שרעקלעך אומגעלומפּערט און אפילו שמערצלעך אין אונזערס אַ דאָרף צו רעדן פראַנצויזיש, אָבער — ס'ווילט זיך! מסתמא כדי צו פאַרטיפן די אומגעלומפּערטקייט ווילט זיך, און אפשר צוליב דעם, אַז מען זאָל זיך דערמאָנען וועגן עפּעס אַנדערש, וועגן אַן אַנדער לעבן.

אָנגעהויבן רעדן האָט זי ליצנותדיק, מיט קאָמישע אינטאָנאַציעס, אָבער פאַרגעזעצט שוין פאַרטראַכט, הגם אויך נישט אָנווערנדיק דעם טרויעריקן הומאָר:

— מען דאַרף, זאָגט ער, קענען רוסלאַנד. אַלץ קענען — דאָס איז זיין פּונקט. ער האָט עס אפילו אין די לידער געזאָגט:

אָבער איך וועל דידאַזיקע קייטן צערייסן
דערויף איז מיר טאַקע בעגעבן דער וויל
דערצו האָט מיר טאַקע דערוועקט די נשמה
דער וויסנס-פאַנאַטיקער, שטן!

— און, אָט איז ער נישטאָ. און קיין בריוו איז נישטאָ, און איך בין אַליין אויך אַזוי ווי נישטאָ. פּ ! צלינג, — קריכט ער אַריין אין דער טיר, אַ ליבלעכער, אַ שולדיקער. דערציי'ל, — ווו ביסטו געווען, וואָס געזעען? דערציילט ער עפּעס נישט זייער וואונדערלעכס, נאָר פּונדעסטוועגן....

אין דער סאַמאָוואַס אויגן האָבן זיך באַוויזן טרערן, זי האָט אַרויסגענומען דאָס טיכל, פאַרשעמט אָפּגעווישט די אויגן און אַ שמייכל געטון:

— די נערוון. איז אַלזאָ: אין מאַריופּאָל, זאָגט ער, האָט ער

אַלמנה, אַ סוחרטע, חתונה געהאַט מיט אַ מאַטראָס, אַ נעגער, דער נעגער האָט אַנגענומען פּראַוואָסלאַווישן גלויבן און זינגט אין קיר־כע, אויפן לינקן קלירָאָס, אַלס טענאָר.

די סאַמאָוואַ האָט הויך אַרויסגעכליפּעט, ווידער פאַרדעקנדיק מיטן טיכל די אויגן.

— אין נעגער גלייב איך נישט, דעם נעגער האָט ער אויס־געטראַכט. אָבער אויסטראַכטן משונהדיקס — דאָס איז אויך זיין „פערדל". ער אַמפּערט זיך מיטן לעבן אַקוראַט ווי מיט אַ קאַפּריזנע ווייב: אַך, דו ביסט גאָר אַזוי? נו, קאָן איך נאָך גע־שפּיצטער. אַך, קינדער מיינע, שרעקט ער מיך מיט דעם! באַ אונז אין דאָרף איז געווען אַ מוראַדיקער לאָבוז, מיקעשקאַ באָביל, ער האָט קיינעם נישט געלאָזט לעבן מיט זיינע לאָבוזערייען. ווען גרי־שאַ האָט דאָרט געוואוינט, האָט ער זיך צוגעקוקט צו אים און אָנ־געהויבן באַ יעדער באַגעגעניש זיך שטעלן פאַר אים אויף די הענט, מיט די פיס אַרויף. אַלע לאַכן — וואָס אַזוינס? און מי־קעשקאַ לאַכט אויך. אָבער די מיידלעך, די בחורים האָבן אים אָנ־געהויבן רייצן: אָבער דו, באָביל, קאָנסט נישט אַזוי־אַ! יענער איז אין כעס געוואָרן, געכאַפּט זיך שלאָגן מיט גרישען. אָבער גרישאַ איז שטאַרקער, האָט ער אים אַנידערגעוואָרפן אויף דער ערד און אָנגעהויבן רייסן באַ די אויערן, ווי עפּעס אַ יינגל, און באָביל איז שוין באַ אַ פערציק יאָר אַלט. רייסט ער און רעדט צו: קונדיי־סעווע נישט, קונדייסעווע נישט! קונדייסעווען קאָן איך בעסער, און נאָך בעסער פאַר דיר!

די סאַמאָוואַ האָט זיך אַ קרום געטון און אָפּזיפצנדיק, פאַר־נעזעצט שטילער.

— דעם אמת זאָגנדיק, איז דאָס נישט אָנגענעם געווען צו זעען, ווען ער איז געזעסן אויף באָבילס רוקן רייטנדיק. ווען גרי־גאָרי איז בייז, איז דאָס פּנים באַ אים... אַן אומהיימלעכס. נאָכ־דעם האָט מיקעשאַ געוויינט. ווען מ'וואָלט אים איינפאַך געשלאָגן, וואָלט ער זיך נישט געווען אַזוי באַליידיקט, אָבער דאַ — באַ די אויערן גאָר! מען האָט פון אים אַזוי חוזק געמאַכט, אַז ער איז אַוועקגעגאַנגען אין פּאַלוואַרק צו די זשאַדאָווסקי'ס אַלס פּאַראַבעק.

כ׳בין זיך מודה — איך האָב זיך געפרייט, וואָס ער איז אוועקגע־גאַנגען, ער פלעגט אַריינוואַרפן מיר דורכן פענצטער אין צימער אַריין כלערליי מיאוסקייטן, געפגרטע מייז, מוילווערף, לעבעדיקע יעזשן, און איך האָב שרעקלעך מורא פאַר יעזשן!

די סאָמאָוואַ האָט אַ ציטער געטון, אויסגעטרונקען אַ גלעזל ווײַן און, אָפּלעקנדיק די ליפּן, געזאָגט אַזוי־ווי זי וואָלט זיך דערמאָנט עפּעס ווײַט־פאַרגאַנגענס:

— די פויערן האָבן ליב געהאַט גריגאָרין. ער פלעגט זיי דער־ציילן אַלץ, וואָס ער ווייסט. און אין דער אַרבעט איז ער תמיד גרייט צו העלפן. ער איז אַ גוטער טשעסלאַר. האָט פאַרראַכטן פורן. אַרבעטן קאָן ער יעדע אַרבעט.

און שווערמוטיק געשוויגן אַ ווײַלע, האָט זי צוגעגעבן, זיפצנדיק:

— ער אַרבעט פריילעך.

אויסגעהערט די דאָזיקע דערציילונג, האָט קלים באַשלאָסן, אַז אינאַקאָוו איז ווירקלעך אַן אומנאָרמאַלער און געפערלעכער מענטש. אויפן צווייטן טאָג האָט ער מיטגעטיילט זיין אויספיר לידיען, אָבער זי האָט געזאָגט זייער אַנטשלאָסן:

— אַזעלכע געפעלן מיר.

— אָבער דו ביסט, דאַכט זיך, אים נישט זייער צום האַרצן.

לידיאַ האָט צוגעשוויגן, פון דער זייט אַ בליק געבנדיק אויף אים.

אין אַ צוויי טעג אַרום איז די סאָמאָוואַ געקומען צו לויפן זייער אַן אויפגערעגטע.

— דער גובערנאַטאָר האָט באַפוילן אַרויסצושיקן אינאַקאָוון פון שטאָט, ער איז באַליידיקט פון דער קאָרעספּאָנדענץ וועגן דער לאָטעריי, וועלכע זיין ווייב האָט איינגעאָרדנט לטובת די נשרפים. מען זוכט גרישען, ס׳איז געקומען פּאָליציי, זיי האָבן געפאָדערט, אַז איך זאָל זאָגן, וואו ער איז. אָבער — איך ווייס דאָך גאָרנישט! זיי גלייבן נישט.

זי האָט, זיצנדיק אויף דער שטול, זיך אָנגעכאַפּט באַם קאָפּ און, שאָקלענדיק זיך, פאַרגעזעצט:

— איך קאָן דאָך נישט זאָגן: ער איז אַוועקגעגאַנגען אַהין, וואו די פויערן בונטעווען! און דאָס ווייס איך אויך נישט... וואו זיי בונטעווען דאָרט.

לידיאַ האָט אָנגעהויבן זי באַרויקן, אָבער זי האָט גערעדט, אַלע מאָל אַרויסכליפּענדיק:

— דו פאַרשטייסט נישט. ער איז דאָך באַ מיר אַ בלינדער צו זיך אַליין. ער זעט זיך נישט. אים איז נייטיק אַ פירער, אַ ניאַנקע דאַרף ער, איך בין טאַקע לעבן אים אין דערדאָזיקער ראָלע... לידיאַ, בעט דעם פאָטער... איבעריקנס — ניין, מען דאַרף נישט!

זי האָט זיך אָפּגעריסן פון דער שטול, האָט שנעל אַ קוש געטון די חברטע און זיך געלאָזט גיין צו דער טיר, אָבער זיך אָפּגעשטעלט און געזאָגט:

— איך קלער, אַז דראָנאָוו האָט אויסגעפּלוידערט וועגן דער קאָרעספּאָנדענץ, קיינער, חוץ אים, האָט נישט געוווּסט וועגן איר. און זיי זענען געוואויר געוואָרן צו שנעל. זיכער דראָנאָוו... זייט געזונט!

זי איז אַוועקגעגאַנגען און אַט שוין מער ווי צוויי וואָכן זעט מען זי נישט אין שטאָט.

קלים האָט זיך דערמאָנט דאָס אַלץ, זיצנדיק אין שטאָטגאָרטן איבער דער סאַזשעלקע, באַטראַכטנדיק די צעקרומטע אָפּשפּיגלונג זיינע אינם גרינלעכן וואַסער. בעצנדיק די שפּיצרוט אין וואַסער, האָט ער געשפּריצט אויפן ווייסן פלעק און, צעברעכנדיק אים, נאָכגעקוקט, ווי ס'קומט ווידער אַרויס זיין קאָפּ, די אַקסלען, ס'בלישטשען די ברילן.

— נאָכוואָס זענען נייטיק אַזעלכע מענטשן, ווי די סאָמאָוואַ, אינאָקאָוו? וואונדערלעך פאַרפּלאָנטערט, פאַרמיסטיקט איז דאָס לעבן, — האָט ער געטראַכט, איבערצייגנדיק זיך, אַז דאָס לעבן וואָלט געווען לייכטער, איינפאַכער אויך אָן לידיען, וועלכע ווייזט אוודאי זיך אויס בלויז דערפאַר אומבאַגרייפלעך, ווייל זי איז פּחדנות-

ריק, פּחדנותדיקער פון דער ניעכאַיעוואַ, אָבער וואַרט פּונקט אַזוי אָנגעשטרענגט אויף אַ גינסטיקער געלעגנהייט, אָפּצוגעבן זיך לויטן ווילן פון אינסטינקט. ס'וואָלט געווען רויקער צו לעבן אָן טאָמיליבען, קוטוזאָוון, אפילו אָן וואַראַוואַקען, בכלל אָן די אַלע חכמים און פּאָקוסניקעס. צופיל מענטשן איז דאָ, וואָס שטרעבן אָנצוהענגען אַנדערע זייערע איינפאַלן, סברות און אין דעם באַהויפּטן זיי דעם ציל פון זייער לעבן. טוראָבאָיעוו האָט נישט שלעכט געזאָגט:

— איטלעכער פון אונז גייט איבער דער ערד מיט אַ גלעקל אויפן האַלז, ווי אַ שווייצאַרישע קו.

ווען געדאַנקען פון דעם קאָליר און מין פלעגן דערשיינען באַ סאַמגינען, האָט ער גוט געפילט, אַז אָט דאָס — זענען די אמתדיקע געדאַנקען זיינע, יענע, וועלכע שיידן אים ווירקלעך אונטער פון אַלע אַנדערע מענטשן. אָבער ער האָט אויך געפילט, אַז אין דידאָזיקע געדאַנקען איז פאַראַן עפּעס נישט אַנטשלאָסנס, נישט אַנטשידנס און נישט דרייסטס. אַרויסזאָגן זיי אויפן קול האָט זיך נישט געוואָלט. ער האָט זיי געקאָנט באַהאַלטן אפילו פאַר לידיען.

אויפן וואַסער פון סאַזשעלקע איז לעבן דעם ווייסן פלעק פון זיין טוזשורקע פלוצלינג דערשינען אַ טונקעלער פלעק און אין דער זעלבער סעקונדע האָט אַ וויבעריש קול באַלייריקט אים אַ פרעג געטון:

— וואָס האַלטסטו זיך עפּעס אַזוי גרויס, סאַמגין?

קלים האָט אויפגעציטערט, אַ פּאַך געטון מיט דער שפּיצרוט, איז אויפגעשטאַנען, — לעבן אים איז געשטאַנען דראָנאָוו. די פּאָטשעווקע פון צעקנאַדערטן היטל איז אים אַראָפּגעפאָרן אויפן שטערן און האָט נאָך מער אַפּגעשטופּט די אויערן, פון אונטערן דאַשעק אַפּער האָבן געבלישטשעט די לויפנדיקע אייגעלעך.

— איך האָב דאָך דיך געבעטן צו זען זיך מיט מיר. די סאַמאָווואַ האָט דיר געזאָגט?

— כ'האָב נישט געהאַט קיין צייט, — האָט געזאָגט סאַמגין, אַריקנדיק אַ ראַצנדיקע, האַרטע האַנט.

— און צו זיצן איבער דעם דומפּיקן וואַסער איז דאָ
ביים?

שנייצנדיק די נאָז און הוסטנדיק האָט דראַגאָאו געשפּיגן אין
דער סאָזשעלקע אַריין, קלים האָט באַמערקט, אַז די שפּייען פאַלן
פּינקטלעך אין איין פּונקט אַריין, אָדער זייער נאָענט צום דאָזיקן
פּונקט, — אין זיין, קלימס. ווייסן היטל, וואָס איז אָפּגעשפּיגלט
געווען אין וואַסער.

ער האָט זיך אָפּגערוקט, אויפמערקזאַם אַ בליק געבנדיק אין
איוואַן דראַגאָאוס פּנים אַריין. אויפן שטאַרק אויסגעדאַרטן פּנים האָט
בייז זיך באַוועגט אַ רויט, געשוואָלן געזל, אויפגערעגט האָבן גע-
בלאַנצט די אויגן, זיי זענען געוואָרן העלער, קעלטער און זענען
שוין נישט אַזוי פּיבערהאַפט געלאָפן, ווי דאָס האָט געדענקט קלים.
מיט אַן אומבאַקאַנט, פּאַנפּענדיק קול האָט דראַגאָאו אָפּגעריסן און
שנעל דערציילט, אַז ער לעבט שלעכט, קיין אַרבעט האָט ער נישט,
צוויי וואָכן האָט ער געוואַשן פּלעשער אין אַ קעלער פון אַ ביר-
סקלאַד — און זיך פאַרקילט.

— קיין פּאַפּיראָסן האָסטו נישט?

— איך רייכער נישט.

— יאָ, כ'האָב פאַרגעסן. און וועסט נישט רייכערן?

— כ'ווייס נישט, האָט געענטפערט קלים, קוועטשנדיק
מיט די אַקסלען.

— געוויס וועסטו נישט.

דראַגאָאו האָט צעצויגן, מיט אַ פייף, אָפּגעזיפצט, זיך פאַר-
הוסט, דערנאָך געזאָגט:

— הייסט עס — דו לערנסט זיך? און מיך, זעסטו, האָט
מען צערייצט און — אַרויסגעוואָרפן. מען וואָלט מיך נישט גע-
ווען אַריינגעשטופּט אין גימנאַזיע, וואָלט איך געמאָליעוועט
שילדן אָדער איקאָנעס, כ'וואָלט פאַרראַכטן זייגערס. כ'וואָלט בכלל
געאַרבעט עפּעס גרינגס. און אַצינד, אָט, לעב אַ נישט דערעג-
דיקטער.

קלים האָט אַ קוק געטון אויף זיין אָפּשטייענדיק אויער,
אַ קלער געטון:

— דו וואָלסט נישט געווען געשלעפּט אין גימנאַזיע אַריין, קיין פּאַרוועריטע ביכער.

ער האָט אפילו געוואָלט זאָגן דאָס דראַגאַוון, אָבער יענער, ווי ער וואָלט געטראָפן זיין מחשבה, האָט אַליין גענומען רעדן:

— ווען דידאַזיקע אידיאָטן האָבן מיך אַרויסגעטריבן פון גימנאַזיע, האָבן דאָרט בלויז דריי פון זיבעטן קלאַס געלייענט טאָלסטאָיס בראַשורן, און אַציגד...

ער האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט.

— די מוחות נעמען אַלץ מער זיך גריבלען. דאָ האָט זיך באַוויזן אַ ישעיה הנביא, אַ שטייגער ווי דיין פעטער, רעדט ער איינלעבע קינדער, זייט העלדן, פאַרטרייבט דעם קייסער.

— דו — וואָס? ביסט מסכים צו פאַרטרייבן?

— איך שפּיל נישט אין דעם שפּיל. איך, ברודער, גלייב נישט נישט די פעטערס, נישט די מומעס.

מיט אַ לייכט שמייכעלע אויף די קרומע ליפּן, גלעטנדיק דעם טונקעלן פוך אויף דער גאָמבע, האָט דראַגאַוו גענומען רעדן גוטמוטיקער:

— טאָמילינען — גלייב איך. דערדאָזיקער פּאָדערט פון מיר גאַרנישט, שטויסט מיך נישט אין ערגעץ. ער האָט איינגעאָרדנט באַ זיך אויפן בוידעם עפּעס אַ מין אַלוועלטלעך בית־דין און — איז צופרידן. ער גראָבט זיך אין ביכער, אין אידעען און דערוויזט זייער פּשוט, אַז אַלץ אויף דער וועלט איז געבייט מיט ווייסע פעדעם. ער, ברודער, לערנט איינס — אומגלויבן. דאָ איז שוין — נישט אייגננוציק, האַ?

און אַריינבליקנדיק אין קלימס אויגן, האָט ער איבערגעחזרט:

— דאָס איז דאָך, — אָן אייגננוצן?

— יאָ...

דראַגאַוו האָט אַראָפּגענומען דאָס היטל און אַ פּאַטש געטון דערמיט איבער דער קני, פאַרזעצנדיק נאָך מער באַרויקט.

אַ מערקווירדיקער מענטש. לעבט — קרומט זיך נישט. מיט עטלעכע טעג צוריק האָט מען דאָ עפּעס עמעצן געפירט צו דער לויה און איינער פון די מלווים האָט שטעקאַווע אַ זאָג געטון: „ניין און דרייסיק יאָר געלעבט — זיך געקרומט, מער נישט אויסגעהאַלטן — געשטאָרבן". טאָמילין — וועט אַ סך אויסהאַלטן.

„שטאַרק איז דער טאַטער — וועט זיך נישט צעברעכן;
אַדערדיק, דער הונט, — ר'וועט צעריסן נישט ווערן!"

גרויע וואָלקנס האָבן זיך אויפגעהויבן פון הינטער די ביימער, דאָס וואַסער האָט אָנגעוואוירן זיין פעטן גלאַנץ, ס'האָט אַ זיפץ געטון אַ קילער ווינט, באַדעקט די סאַזשעלקע מיט דראָבנער גערונצלטקייט, ווייך אַ רויש געטון מיטן בלעטערוואַרג פון די ביימער, איז פאַרשוואונדן.

— ער וועט נאָך לאַנג רעדן? — האָט אַ קלער געטון קלים, פון דער זייט באַטראַכטנדיק דראָגאָוון.

— ער האָט אָנגעשריבן אַ ווערק „וועגן דריטן אינסטינקט", איך ווייס נישט, אין וואָס ס'האַנדלט זיך. נאָר דעם עפּיגראַף האָב איך באַמערקט: „איך זוך נישט קיין טרייסט, נאָר בלויז די וואָרהייט". ער האָט געשיקט דעם כתב־יד צו עפּעס אַ פּראָפעסאָר אין מאָסקווע, יענער האָט אים געענטפערט מיט גרינעם טינט אויפן ערשטן בלאַט פון כתב־יד: „אפּיקורסות און נישט צענזורעל".

מיט בולטער הנאה, אָבער נישט הויך און עפּעס אַזוי אומגעראָטן האָט ער זיך צעלאַכט, צעציטערנדיק דאָס היטל אויף די פינגער פון די הענט.

— ער וואָלט, נאַטירלעך, אויסגעגאַנגען פון הונגער — האָט די קוכערין אים געראַטעוועט. זי האָלט אים כּאַר אַ הייליקן. זי האָט אים אָנגעטון אין מאַנס מלבושים, גיט אים צו עסן, צו טרינקען. און שלאָפט אפילו מיט אים. וואָס זשע?

„בחינם ווערט גאָרנישט געגעבן. דער גורל פאַרלאַנגט אויסקויף־קרבנות.“

די קוכערין איז אים, דעם פילאָזאָף, — דער גורל.

געריעדט האָט דראַנאָוו האַסטיק און געשווינד, ווערנדיק זאָגן צווישן צוויי הוסט־אָנפאַלן וואָס מער. צו הערן אים איז געווען שווער און לאַנגווייליק. קלים האָט זיך פאַרקלערט, באַטראַכטנדיק, ווי דראַנאָוו מאַכט אַ תּל פון היטל.

— באַם ליטעראַט פּיסעמסקי איז דער גורל אויך געווען אַ קעכין; ער איז אָן איר אויף דער גאַס נישט אַרויסגעגאַנגען. נאָר, אַט, מיין גורל זעט מיך נאָך אַלץ נישט.

סאַמגינען האָט זיך פלוצלינג פאַרגלוסט צו פרעגן וועגן מאַרגאַריטען, אָבער ער האָט דערשטיקט דעמדאָזיקן פאַרלאַנג, מורא האָבנדיק נאָך מער צו פאַרציען דראַנאָווס פלוידעריי און פאַרשטאַרקן דעם פאַמיליאַרן טאָן זיינעם. ער האָט זיך דערמאַנט, ווי דערדאָזיקער אומגעלומפּערטער בחור האָט, אויסלאַכנדיק מאַקאַראָווס מאַטערנישן, געזאָגט ביטולדיק און ציניש:

— אַ קריפּל. וואָס האָט ער מורא? ער וואָלט דאָס ערשטע מאָל פאַרמאַכט די אויגן, ווי ער וואָלט ריצינאייל איינגענומען, און פטור אַן עסק.

— דיין פעטער מאַכט קולות וועגן ליבע...

— ער איז אַרעסטירט...

— כ׳ווייס. אָבער באַ אים איז ליבע — צוליב געשלעג...

— דאָס איז, אפשר, ריכטיק, — האָט אַ קלער געטון קלים.

— אָבער טאָמילין שליסט אויס פון זיינע אָפּעראַציעס אי די ליבע, אי צלדאָס איבעריקע. דאָס, ברודער, איז נישט שלעכט. אַן שווינדל. דו וועסט נישט אַריינגיין צו אים? ער ווייסט, אַז דו ביסט דאָ. ער ליובט דיך: דאָס זאָגט ער, איז אַ מענטש מיט אַן אומאָפּהענגיקן שכל.

— געוויס, וועל איך אַריינגיין, — האָט געזאָגט קלים. —

איך דאַרף צופֿאָרן אויף דער זומערוואוינונג, צו מאַכן אַ געוויסע אַרבעט; מאָרגן וועל איך טאַקע פֿאָרן...

קיין אַרבעט האָט ער נישט געהאַט, אויף דער זומערוואוי־נונג האָט ער זיך נישט געקליבן צו פֿאָרן. נאָר אים האָט זיך נישט געגלוסט גיין צו טאָמילינען און אים האָט אַלץ מער געברענגט אין פֿאַרלעגנהייט דראַגאָווס פֿאַמיליאַרער טאָן. קלים האָט זיך גע־פֿילט אומאָפּהענגיקער, ווען דראַגאָוו האָט בייז פֿאַראיבל געהאַט אויף אים, און אַצינד האָט דראַגאָווס פֿילרעדעוודיקייט געוועקט די געפֿאַר, אַז ער וועט זוכן אָפּטע טרעפֿונגען און בכלל שטערן צו לעבן.

— דו, איוואַן, דאַרפֿסט נישט קיין געלט?

ער האָט אַליין באַלד פֿאַרשטאַנען, אַז וועגן דעם האָט מען געמוזט פֿריער אָדער שפּעטער פֿרעגן.

דראַגאָוו איז אויפֿגעשטאַנען, האָט זיך אומגעקוקט, פּאַמעלעך אַרויפֿגעצויגן דאָס היטל אויף זיין פּלאַטשיקן שאַרבן און אויפֿסניי זיך אַוועקגעזעצט, זאָגנדיק:

— כ'דאַרף.

באַקומענדיק דאָס געלט, האָט ער אויסגעצויגן דעם פֿוס מיט אַ שאַרפֿן זשעסט, אַריינגערוקט עס אין קעשענע פֿון די צעק־אָדערטע הויזן, פֿאַרשפּילעט דאָס איינציקע קנעפּל פֿון דעם גרויען רעקל, וואָס איז אויסגעריבן געווען אויף די עלנ־בויגנס.

— כ'וועל די שטיוול פֿאַרריכטן.

און אויסשפּייענדיק אין טונקעלן וואַסער פֿון דער סאַזשעל־קע, האָט ער דערציילט צוליב עפּעס:

— פֿאַרגאַנגענעם זומער האָט דאָ, אין די אויגן פֿון שפּאַ־צירנדיקן פּובליקום, זיך אויסגעטון נאַקעט און גענומען זיך באָדן דער היגער פּאָליציי־שעף מוסין־פּושקין. און אין עטלעכע טעג אַרום האָט ער באַ זיך אין דאָרף אָנגעהויבן שיסן פֿון פֿענצטער מיט וועלפֿישן קאַרטעטש אין אַ סטאַדע, וואָס האָט זיך אומגעקערט פֿון פּאַשע. די פּויערן האָבן אים געבונדן, געבראַכט צו פֿירן אין שטאָט אַריין, און דאָ האָבן די דאָקטוירים פֿעסטגעשטעלט, אַז דער

פּאָליציי־שעף איז שוין לאַנג, אַ חדשים צוויי, אַראָפּ פון זינען. אין דעמדאָזיקן צושטאַנד פון משוגעת האָט ער זיך פאַרנומען מיט די לויפנדע ענינים, געמשפּט מענטשן. און בראָנסקי, אויכעט אַ פּאָליציי־שעף, שטראָפירט די פויערן מיט אַ פינפציקער, אויב זיי נעמען נישט אַראָפּ די היטלען פאַר זיין פערד, ווען דער קאַניוך פירט עס באָדן.

קלים איז געזעסן נאָך אַ מינוט צוויי, האָט זיך געזעגנט און איז אַוועקגעגאַנגען אַהיים; באַם אַריינדריי פון וועגל האָט ער זיך אומגעקוקט: דראָבנאָוו איז נאָך געזעסן אויף דער באַנק, איינגעבויגן אַזוי, גלייך ער וואָלט זיך געקליבן צו פאַרזינקען אין פינצטערן וואַסער פון דער סאַזשעלקע. קלים כאַמגין האָט מיט פאַרדראָס אַ שטאָמפּער געטאָן די ערד מיט דער שפּיצרוט און גענומען גיין שנעלער.

ער איז געווען זייער נישט צופרידן פון דעראָזיקער באַגעגעניש און פון זיך אַליין פאַר דער פאַרבלאָזיקייט און פלעגמאַטישקייט, וועלכע ער האָט אַרויסגעוויזן, שמועכנדיק מיט דראָבנאָוון, מעכאַניש אויפנעמענדיק זיינע רייד, האָט ער זיך באַמיט משער צו זיין: וועגן וואָס שושקעט זיך לידיאַ שוין דריי טעג מיט אַליִנען און פאַרוואָס זענען זיי היינט ראַפּטום אַוועקגעפאָרן אויף דער זומערוואוינונג? די טעליעפּניעוואַ איז באַאומרויקט, זי האָט, דאַכט זיך, געוויינט, די אויגן זענען באַ איר מיד; לידיאַ גייט זאָרגזאַם אום אַרום איר, פאַרבייסט ביז די ליפּן.

ער איז געגאַנגען אַקעגן דעם ווינט איבער דער הויפּטגאַס פון שטאָט, די גאַס איז שוין באַצירט געווען מיט די פייערן פון די לאַמטערן און געוועלבער; אים אונטער די פיס זענען געפלויגן שטיקלעך פּאַפּיר, דאָס האָט דערמאַנט אָן דעם בריוו, וועלכן לידיאַ און אַלינאַ האָבן נעכטן געלייענט אין גאָרטן, ס'האָט דערמאַנט אָן אַלינעס אויסגעשריי:

— ניין, וואָס איז דאָס? דאָס הייסט — אַ כאַם!

— שוין זשע האָט זי דאָס געמיינט ליוטאָוון? — האָט געטראַכט קלים. — מסתמא האָט זי נישט איין ראָמאַן.

דער ווינט האָט געשפּריצט אין פּנים אַריין מיט טראָפּנס

רעגן, וואַרעמען, פּונקט ווי דער ניעכאַיעוואַס טרערן. קלים האָט גענומען אַ דראָזשקע און באַהאַלטנדיק זיך אונטער דער לעדערנער בויד פון עקיפּאַזש, אויפגעבראַכט אַ קלאָרער געטון, אַז לידיאַ ווערט פאַר אים אַ פּרעניות, אַ קראַנקייט, שטערט צו לעבן.

קומענדיק צו פאָרן אַהיים, האָט ער קוים באַוויזן זיך אויפצוטון, ווי כ׳׳ענען אָנגעקומען ליוטאָוו און מאַקאַראָוו. מאַקאַראָוו, אַ צעקנאָדערטער, אַ צעשפּליטערטער, האָט געלויכטן מיט שמייכלען און באַטראַכט דאָס גאַסטצימער, אַקוראַט ווי אַ באַליבטן טראַקטיר, וואו ער איז שוין לאַנג נישט געווען. ליוטאָוו, איינגעאַנצן אַ פלאַנעלענער, אין העל געלע לאַטשן, איז געווען מיט גאָרנישט צום פאַרגלייכן אומגעלומפּערט. ער האָט אָפּגעגאָלט דאָס בערדל, איבערלאָזנדיק שיטערע וואָנסעלעך פון אַ קאָטער, דאָס האָט נישט אָנגענומען אָפּגעדעקט זיין פּנים, אַצינד האָט זיך דאָס אַז סגעווין קלימען ווי אַ פּנים פון אַ מאָנגאָל, ליוטאָווס גראָבליפּיק מויל איז נישט לויטן פּנים גרויס, דורך דעם שמייכל, ניבערהאַפּטן און קרומען, גיבן צלע מאָל אַ גלאַנץ דראָבנע, נישהאַפּטע ציין.

קלימען האָט פאַרחידושט די אייניקע גרינגשעציקייט, מיט וועלכער ליוטאָוו האָט אַ קוש געטון דער מוטערס האַנט און אַ דריי געטון מיטן האַלז, אַרומנעמענדיק איר פיגור מיט די אויסגעקרומטע אויגן.

— אַ שעמעוודיקער אָדער אַ מחוצף? — האָט קלים זיך געפרעגט, אומפריינדלעך באַאָבאַכטנדיק, ווי ליוטאָווס שוואַרצאַפּלען לויפן שנעל איבער וואַראַוואָקעס צונטער־רויטן פּנים און איז נאָך מער פאַרחידושט געוואָרן דערזעענדיק, אַז וואַראַוואָקאַ האָט מקבל פּנים געווען דעם מאָסקווער מיט פאַרגעניגן און אפילו דורכאַרצדיק.

— מיין פעטער, ראַדעיעוו, האָט אייך מיטגעטיילט...

— ווי דען, ווי דען, — האָט אויסגעשריגן וואַראַוואָקאַ, צורוקנדיק דעם גאַסט אַ פּאָטעל.

— איר קויפט צאַפּ די ערד פון אַ געוויסן טוראַבאָיעוו...

— יאָ.

— דאָרט איז פאַראַן אַ קוועסטיאָנירטער טייל; טוראַבאָיעווס

רעכט צו באַלעבאַטעווען איבער אים ווערט קוועסטיאָנירט דורך דער מומע פון מיין כלה צ׳ל׳נאַ ניקאָלאַיעוונאַ טעליעפּניעוואַ, די חברטע פון אייער טאָכטער.

קלים האָט געהערט, אַז ליוטאָוו מאַכט נאָך דאָס קול פון דעם ווינקל־אַדוואָקאַט פון „קאַשירער אַלטפּרענקישקייט“, רעדט מיט אַ טאָן פון אַ פּראָצעס־פירער, מיט אַ כיוון פּאָנפּענדיק.

— געוויס האָט אַלינאַ טאַקע אים אָנגערופן כאַם...

— ...וועלכע, איך האָף, איז געזונט?

— פולשטענדיק. הייגט איז זי אַוועקגעפאָרן אויף דער זו־מערוואוינונג צוזאַמען מיט אייער כלה...

— הייגט? — האָט אַ פרעג געטון ליוטאָוו און איז אויפגע־שטאַנען, אָנשפּאַרנדיק זיך מיט די הענט אין די הענטלעך פון פאָ־טעל, אָבער ער האָט גלייך זיך אַראָפּגעלאָזט, זאָגנדיק: — נישט געקוקט אויפן מיאוסן וועטער?

קלים האָט דערפילט אין דערדאָזיקער באַוועגונג עפּעס אויסטערלישס און אָנגעהויבן זיך צוקוקן צו אים אויפמערקזאַ־מער, אָבער ליוטאָוו האָט שויך איבערגעביטן דעם טאָן, רעדנדיק מיט ווראַווקען וועגן דער ערד געשעפטלעך און רויק, אָן פּאַקוסן.

פּאַרדעכטיק איז געווען דער מוטערס קינסטלעך געמאַכטע פאַרוואונדערונג, מיט וועלכער זי האָט אויפגענומען מאַקאַראָוון. אַזוי האָט זי מקבל פּנים געווען בלויז מענטשן נישט אָנגענעמע, אָבער צוליב עפּעס איר נייטיקע. ווען ווראַווקאַ האָט אַוועג גע־פירט ליוטאָוון צו זיך אין קאַבינעט אַריין, האָט קלים אָנגעהויבן זי באַאָבאַכטן. שפּילנדיק זיך מיטן לאָרנעט, ליב שמייכלענדיק, איז זי געזעסן אויף דער קאָזעטקע, מאַקאַראָוו אויף אַ ווייכן פּוף אַקעגנ־איבער איר.

— קלים האָט מיר געזאָגט, אַז די פּראָפעסאָרן האָבן אייך ליב...

מאַקאַראָוו האָט צוגעלאַכט:

— ס׳איז לייכטער איבערצוגעבן די וויסנשאַפט, ווי אויפצו־נעמען זי...

— נאָכוואָס טראַכט זי אויס ? — האָט קלים גע־פּרוווט זיך משער זיין. — איך האָב קיינמאָל נישט געזאָגט עפּעס ענלעכס.

ס׳איז אַרייַנגעקומען די דינסט און געזאָגט צו וויערא פּעט־ראָוונאַ :

— דער הער בעט אייך...

ווען די מוטער איז אייליק אַרויסגעגאַנגען, האָט מאַקאַראָוו אַ פרעג געטון פאַרוואונדערש :

— אַלינאַ איז הייַנט אַוועקגעפאָרן ? מאָדנע.

— פאַרוואָס ?

— ווייַל... אַזוי !

קלים האָט אַ שמייכל געטון :

— אַ סוד ?

— ניין, נאַרישקייטן... דו ביסט נישט געזונט אָדער בייז ?

— כ׳בין מיד.

קלים האָט אַ קוק געטון דורכן פענצטער. פון הימל האָבן זיך אָפּגעקלעפּט גרויסע שטיקער וואָלקנס און זענען אַראָפּגעפאַלן הינטער די דעכער, הינטער ביימער.

— ס׳איז נישט העלפן, וואָס איך האָב זיך געשטעלט מיט דער פלייצע צו אים, — האָט קלים פלעגמאַטיש אַ קלער געטון, אָבער ער האָט זיך נישט אומגעדרייט, פרעגנדיק :

— זיי האָבן זיך צעקריגט ?

אָנשטאָט מאַקאַראָוס ענטפער האָט זיך דערהערט דער מו־טערס שטרענגע פראַגע :

— איך מיינט נישט, אַז פאַראייַנפאַכונג — איז אַ סימן מובהק פון נאָרמאַלן שכל ?

ליוטאָוו, פאַררייכערנדיק אַ פּאַפּיראָס, וואָס האָט קרום גע־שטעקט אין אַ בורשטינענעם מונדשטוק, האָט געסמאָטשקעט מיט די ליפּן, געפּינטלט און געמורמלט :

— פון אַ גאַיון... אַ גאַיון...

ער, די מוטער און וואַראַווקאַ האָבן זיך צונויפגעשטופּט אין דער טיר, אַזוי ווי נישט אַנטשליסנדיק זיך אַרייַנצוגיין אין צי־

מער ; מאַקאַראָוו איז צוגעגאַנגען, אַרויסגעצויגן דעם פּאַפּיראָס פון ליוטאָווס מונדשטוק, אַריינגערוקט אים אין ווינקל פון זיין מויל און פריילעך געזאָגט :

— אויב ער האָט אייך אַרויסגעזאָגט עפּעס שרעקלעכס — גלייבט אים נישט ! דאָס איז — צוליב עפּאַטאַזש.

און ליוטאָוו, אַרויסנעמענדיק דעם זייגער, קלאַפּנדיק מיטן מונדשטוק איבערן שייבל, האָט אַ פרעג געטון :

— מיר גייען, קאָנסטאַנטין ?

און זיך געווענדט צו וואַראַווקען :

— וועט איר צואיילן טוראָבאָיעוון ?

לעבן דעם מאַסיוון וואַראַווקען האָט ער אויסגעזעען אַ האַלב דערוואַקסן ייִנגל, ער איז געשטאַנען אַראָפּגעלאָזט די אַקסלען, טו־ליענדיק זיך, און אים איז זאָגאַר געווען עפּעס שיטערס, גע־פּלעפּטס.

ווען די אומגעריכטע געסט זענען אַוועקגעגאַנגען, האָט קלים באַמערקט :

— אַ מאָדנער וויזיט.

— אַ געשעפּטסלעכער וויזיט, — האָט וואַראַווקאַ פאַר־ראָכטן און טאַקע באַלד, שפּילנדיק זיך מיט דער באָרד, צודריקנ־דיק קלימען מיטן בויך צו דער וואַנט, אָנגעהויבן קאָמאַנדעווען :

— מאָרגן אינדערפרי פאַר־צו אויף דער זומערוואוינונג, אָרדן דאָרט איין פאַר דידאָזיקע צוויי אַ צימער אונטן, און אויבן פאַר טוראָבאָיעוון. פאַרשטייסט ? נו, אַלזאָ...

ער איז אַוועקגעגאַנגען צו זיך אינדערהיים, שפּרינגענדיק איבער די טרעפּ אַקוראַט ווי אַ ייִנגל. די מוטער האָט אַ קוק גע־טון נאָך אים, אָפּגעזיפצט און זיך פאַרקרומט, זאָגנדיק :

— גאָט מיינער ! ווי אַנטיפּאַטיש ס'איז דער ליוטאָוו ! וואָס האָט אין אים געפונען אַלינאַ ?

— געלט, — האָט נישט ווילנדיק געענטפערט קלים, זעצנ־דיק זיך צום טיש.

— ס'איז גוט, וואָס דו ביסט נישט קיין ריגאָריסט, — האָט געזאָגט די מוטער, אָנטשווייגן ווערנדיק. קלים האָט אויך געשוויגן,

נישט געפינענדיק וועגן וואָס צו רעדן מיט איר. זי האָט אָנגעהויבן רעדן נישט הויך און משמעות קלערנדיק וועגן עפּעס אַנדערש:

— אַ שרעקלעך פּנים בײַ מאַקאַראָון. אַזאַ אויפֿרײַצנדיקס, ווען מען קוקט אין פּראָפֿיל. און אַנפֿאַס — איז עס אַ פּנים פֿון אַ צווייטן מענטש. איך זאָג נישט, אַז ער איז צווייפּנימדיק אין אַ נישט גינסטיקן זינען פֿאַר אים. ניין, ער איז... אומגליקלעך צווייפּנימדיק...

— ווי אַזוי דאַרף מען דאָס פֿאַרשטיין? — האָט קלים אויס העפֿלעכקייט אַ פֿרעג געטון; אַ קוועטש געבנדיק מיט די אַקסלען, האָט ווײַראַ פּעטראָוונאַ געענטפֿערט:

— אַן אײַנדרוק.

זי האָט נאָך גערעדט עפּעס וועגן טוראַבאָיעוון. קלים האָט, נישט הערנדיק, געקלערט:

— זי ווערט אַלט. פּלוידעריש.

ווען זי איז אַוועקגעגאַנגען, האָט ער דערפֿילט, אַז אים האָט אַרומגעכאַפּט, ממש ווי אַ צוג־ווינט, אַ ביז איצט נישט באַקאַנט, שמערצלעך געפֿיל פֿון אָנגעזעטיקטקייט מיט עפּעס אַ ביטערן רויך, וועלכער האָט, אויסעסנדיק די מחשבות און פֿאַרלאַנגען, אַרויסגערופֿן כמעט אַ פֿיזישן איבל. גלײַך אין זײַן קאָפּ, אין זײַן ברוסט וואָלטן פֿלוצלינג שטיל זיך אָנגעצונדן, אָבער ברענען נישט, נאָר טליִען זיך לאַנגזאַם אויס די מענטשלעכע פֿעיקייטן צו טראַכטן און רעדן, די פֿעיקייט צו געדענקען. דערנאָך איז אָנגעקומען אַ ציִענדיקער, ווי ווייטיק, עקל צום אַרומיקן, צו דידאַזיקע ווענט, מיט די קאָלירטע קוואַדראַטן פֿון די בילדער, צו די שוואַרצע שויבן פֿון די פֿענצטער, דורכגעהאַקטע אין דער פֿינצטערניש, צום טיש, פֿון וועלכן ס'האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ פֿאַרסאַמענדיקער ריח פֿון פֿאַרברייטער טיי און הילצערנע קוילן.

קלים האָט עקשנותדיק געקוקט אין אַ ליידיק גלאָז אַרײַן, געהערט דאָס דינע פֿישטשען פֿון אויסגייענדיקן סאַמאָוואַר און מעכאַניש איבערגעחזרט פֿאַר זיך דאָס וואָרט:

— אומעט.

דער אומעטיקער שכל האָט נישט געפֿאָדערט און נישט אויפֿ־

געלעבט קיין שום אַנדערע ווערטער. אין דעמדאָזיקן צושטאַנד פון אינערלעכער שטומקייט, איז קלים סאַמגין אַריבערגעגאַנגען אין זיין צימער אַריין, האָט געעפנט דאָס פענצטער און זיך אַוועקגעזעצט, אַרויסקוקנדיק אין דער פייכטער השכות פון גאָרטן, צוהערנדיק זיך, ווי ס׳קלאַפּט און ס׳פּייפט דאָס צוויי-זילביקע וואָרט. נעפּלהאַפט האָט זיך אַ טראַכט געטון, אַז, מסתמא, אָט אין אַזאַ צושטאַנד פון זינלאָזער דערשלאָגנקייט, גייען אַראָפּ פון זינען די פּאָליציי-שעפן. מיט וואָסער כוונה האָט דראַגאָוו דערציילט וועגן די פּאָליציי-שעפן? פאַרוואָס דערציילט ער, כמעט שטענדיק, עפּעס אַזוינע ווילדע אַנעקדאָטן? קיין ענטפערס אויף די פראַגן האָט ער נישט געזוכט.

ווען אים איז קאַלט געוואָרן, האָט ער אַזויווי זיך אַרויסגעגליטשט פון דער פוסטקייט פון זעלבסטפאַרגעסונג. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ס׳איז אַריבער עטלעכע שעה, אָבער פויל אויסטוענדיק זיך, כדי זיך צו לייגן אין בעט אַריין, האָט ער דערהערט אַ ווייטן קלינג פון אַ קירכן-גלאָק און ער האָט אָפּגעציילט בלויז עלף קלעפּ.

— נישט מער? מאָדנע...

שלאָפן האָט ער זיך געלייגט, פילנדיק זיך צעקוועטשט, צעבראָכן, און זיך אויפגעכאַפּט, איבערגעוועקט פון אַ קלאַפּ אין דער טיר, די דינסט האָט אים געוועקט צום צוג. ער איז שנעל אַראָפּגעשפרונגען פון געלעגער און עטלעכע סעקונדעס געשטאַנען מיט פאַרמאַכטע אויגן, פאַרבלענדט פונם וואונדערלעך העלן בליאַסק פון דער פרימאָרגן-זון. די פייכטע בלעטער אויף די ביימער דורכן אָפענעם פענצטער האָבן אויך בלענדנדיק געלויכטן, אָפּשפּיגלענדיק אין די קרישטאָלענע טראָפּנס פון רעגן פאַרשידנפאַרביקע, קורצע און שפּיציקע שטראַלעכלעך. אַן אויפפרישנדיקער ריח פון פייכטער ערד און בלומען האָט אָנגעפילט דאָס צימער; די קילקייט פון פרימאָרגן האָט געקיצלט די הויט. קלים סאַמגין האָט, אויפציטערנדיק, אַ קלער געטון:

— אַ משונהדיקע שטימונג איז געווען בײַ מיר נעכטן.

אָבער צוהערנדיק זיך צו זיך, האָט ער געפונען, אַז

פֿון דערדאָזיקער שטימונג איז אים אין פֿאַרבליבן אַ לייכטער שאָטן.

— די קראַנקייט פֿון וווּקס פֿון דער נשמה, — האָט ער באַשלאָסן, אייליק אָנטוּצנדיק זיך.

אינאָוונט איז ער געזעסן אויף אַ זאַמדיקן באַרג באַם ברעג פֿון אַ סאָסנע-וועלדל, געמישט מיט בעריאָזעס; אויף אַ הונדערט טריט פֿון אים, האָט פֿאַר זיינע אויגן ליבלעך געשטראָמט דער טייך, אַ פֿאַרשידנפֿאַרביקער אין די שטראַלן פֿון דער זון, ס׳האָט געברענט דער בראַקאַטענער דאַך פֿון דער מיל, באַהאַלטן צווישן די אויסגעקרומטע ווערבעס, די פֿעלדער, נאָכן טייך, האָבן פֿרייִלעך זיך געהויבן מיט תּבֿואות. קלים האָט געזען אַ פּייזאַזש ענלעך צו אַ קאָלירִיק בילדל פֿון אַ קינדער-ביכל, כאָטש ער האָט געוואוּסט, אַז דאָסדאָזיקע אָרט שעמט מיט זיין שיינקייט. אויפֿן הויקער פֿין באַרג, וואָס איז מיט זיין פֿאָרם ענלעך געווען צו דעם פֿאַראַדנעם הוט פֿון פֿרידנסריכטער, האָט וואַראַווקאַ אויפֿגעבויט אַ גרויסע, צוויישטאָקיקע זומערוואוינונג, און איבער די משופּעדיקייטן זענען אַראָפּגעקראָכן צום טייך נאָך זעקס פֿאַרביקע הייזלעך, באַפּוצטע מיט שניצוּנגען אין רוסישן סטיל. אין עקסטן, רעכטס, האָט געוואוינט אַליגעס אָפּיעקון, אַ מרה-שחורהדיקער זקן, אַ מיטגליד פֿון קרייז-געריכט, די איבעריקע דאַטשעס האָבן אויך געהאַט געדונגען שטאָט-לייט, נאָר זיי האָבן נאָך נישט דאָ געוואוינט.

ס׳איז געווען זייער שטיל, בלויז זשוקעס האָבן געהודזשעט אין דראָבנעם בלעטערוואַרג פֿון די בעריאָזעס, און דער אָוונטיקער ווינט, וואַרעם זיפֿצנדיק, האָט גערוישט מיטן שטעכעכץ פֿון די סאָסנעס. שוין נישט איינמאָל האָט קלים געהערט אין דער שטילקייט די זאַפֿטיקע שטימע, דאָס ווייכע געלעכטער צאַלינעס אָבער ער האָט עקשנותדיק נישט געוואָלט גיין צו די מיידלעך. לויטן רויך פֿון די קוימענס פֿון וואַראַווקעס דאַטשע, לויט די געעפֿנטע פֿענצטער און דעם פֿאָרען זיך פֿון דער דינסט, האָבן לידיאַ און אַלינאַ געדאַרפֿט פֿאַרשטיין, אַז ס׳איז עמעצער געקומען צו פֿאָרן. קלים איז עטלעכע מאָל אַרויסגעגאַנגען אויפֿן באַלקאָן פֿון דער דאַ-

טשע און לאַנג דאָרט געשטאַנען, האָפנדיק, אַז די מיידלעך וועלן אים באַמערקן און קימען צו לויפן. ער האָט געזעען לידיעס דינע פיגור אין דער אָראַנזש-בלוזע און בלויען קלייד, געזעען אַליגען אין רויטן. ס'איז שווער געווען צו גלייבן, אַז זיי האָבן אים נישט באַמערקט.

ס'וואָלט גוט געווען ראַפּטום צו דערשיינען פאַר זיי און זאָגן אָדער טון עפּעס אומגעוויינלעכס, איבעראַשנדיקס, למשל, אויפהייבן זיך אינדערלופטן אָדער אַריבערגיין, אַזויווי איבער דער ערד, דורך דעם שמאָלן, נאָר טיפן טייך אויף יענעם ברעג.

— ווי נאַריש דאָס איז, — האָט זיך פאַרגעוואָרפן קלים און זיך דערמאַנט, אַז די לעצטע צייט שימערן נישט זעלטן אַזוינע קינדישע געדאַנקען פאַר אים, ווי שוועבעלעך. כמעט שטענדיק זענען זיי צונויפגעבונדן מיט טראַכטונגען וועגן לידיען און תמיד, נאָך זיי, קומט אַ שטילע אומרויִקייט, אַ נעפּלהאַפטע פאַרגעפיל פון געפאַר.

ס'איז שנעל טונקל געוואָרן. אין דער בלויקייט, איבערן טייך, זענען געבליבן הענגען אויף דינע שטראַלן-פעדעמלעך דריי שטערן און האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אין טונקעלן וואַסער, ווי פעטע טראָפּנס. אין אַליגעס דאַטשע האָט מען אָנגעצונדן פייער אין צוויי פענצטער, פון טייך איז אַרויסגעשוואומען אַ משונהדיק גרויס, קוואַדראַטיש פנים מיט געלע, צעגאָסענע אויגן, באַדעקט מיט אַ קאַפּטור. אין עטלעכע מינוט אַרום זענען פון גאַנעק פון דער דאַטשע אַראָפּגעגאַנגען אויפן ברעג די מיידלעך און. אַלינאַ האָט באַקלאָגלעך אויסגעשריגן:

— גאָט, סאַראַ אומעט! איך וועל נישט אויסהאַלטן...

— קום שוין, — האָט געזאָגט לידיאַ, מיט בפירושן פאַרדראָס.

קלים איז אויפגעשטאַנען און שנעל גענומען גיין צו זיי.

— דו? — האָט זיך פאַרוואונדערט לידיאַ. — פאַרוואָס אַזוי געהיימנישפול? ווען ביסטו געקומען צו פאָרן? פינף?

אַ חוץ פאַרוואונדערונג האָט קלים דערהערט אין אירע ווערטער פרייד. אַלינאַ האָט זיך אויך דערפרייט.

— אויסגעצייכנט! מיר פֿאָרן אין אַ לאָדקע. דו וועסט וויאָסלעווען. נאָר, כ׳בעט דיך, קלים, מען דאַרף נישט קיין חכמהדיקע שמועסן. איך ווייס שוין אַלע חכמות, פֿון די איכטיאָזאַורוסן ביז די פֿלאַמאַריאָנס, דער באַשערטער מײַנער האָט מיר אַלץ דערציילט.

אָן ערך אַ האַלבע שעה האָט קלים געוויאָסלעוועט אַקעגן שטראָם, די מיידלעך האָבן געשוויגן, צוהערנדיק זיך, ווי מירביק ס׳פּליושקעט אונטער די קלעפּ פֿון די וויאָסלעס דאָס טונקעלע וואַסער. דער הימל האָט אַלץ רײַכער זיך באַצירט מיט שטערן, די ברעגעס האָבן געטעמט מיט שכורער פֿרילינג־וואַרעמקייט. אַלינאַ האָט אַ זיפֿץ געטון און געזאָגט:

— מיר ביידע, לידאָק, זענען צדקניותן און דערפֿאַר טוט אונדז סאַמגין, אַזאַ ווײַסינקער מלאך, אַריבערפֿירן לעבעדיקערהייט אין גן־עדן אַרײַן.

— כאַראָן, — האָט שטיל געזאָגט קלים.

— וואָס? כאַראָן איז אַ גרויער און מיט אַ גרויסער באָרד און דו דאַרפֿסט ביז אַ קליין בערדעלע אויך נאָך לאַנג צו לעבן. דו האָסט מיר געשטערט, — האָט זי קאַפּריזנע פֿאָרגעזעצט. — איך האָב צוגעטראַכט און געוואָלט זאָגן עפּעס קאָמיש, און דו... ס׳איז צום באַוואונדערן, ווי ווײַט אַלע האָבן ליב צו פֿאַרריכטן און אָנצווייזן! די גאַנצע וועלט איז עפּעס אַ מין אויסבעסערונגסאַנשטאַלט פֿאַר אַלינאַ טעליעפּניעוואַ. לידיאַ האָט אַ גאַנצן טאָג דערדריקט מיט די אומעטיקע ווערק פֿון עפּעס אַ מעטעלקינען, מעטאַלקינען. דער אָפּיעקון פֿאַרזיכערט מיך גאָר ערנסט, אַז די „הערצאָגין אויס הערצאָלדשטיין“ איז נישט קיין היסטאָרישע פֿרוי, נאָר זי איז אויסגעטראַכט דורך אָפּענבאַכן פֿאַר דער אָפּערעטקע. דער פֿאַרשטאָרבענער חתן מײַנער האַלט מיך פֿאַר אַ נאָטיץ־ביכל, וואוהין ער טראָגט אַרײַן, צום אָפּהיטן, זײַנע געדאַנקען...

לידיאַ האָט זיך שטילערהייט צעלאַכט, קלים האָט אויך אַ שמייכל געטון.

— ניין, ערנסט, — האָט פֿאָרגעזעצט דאָס מיידל, אַרומנעמענדיק די חברטע און שאָקלענדיק זיך צוזאַמען מיט איר. — ער

וועט מיך איבגיכן אינגאַנצן פֿאַרשרייבן! און אַרייַנפֿאַלנדיק אין אַ לי־רישן טאָן, רעדט ער ווי אַ דיאַטשאָק.

נאָכמאַכנדיק ליוטאַוס שטימע, האָט זי אויסגעזוגגען אונטער דער נאָז:

— „אָ, הערלעכע טאָכטער! נעם אַראָפּ פֿון מיר דעם נדר פֿון שווייגן, כּדי צו זאָגן דיר די נחתדיק־האַרציקע ווערטער”. ער, זעט איר, איז זיכער, אַז דאָס איז קאָמיש.

פֿאַרטראַכט האָט אַ קלינג געטון לידיעס שטימע:

— דו באַציסט זיך צו אים לייכטזיניק. ער איז — אַ שע־מעוודיקער, אים צעטומלען די אויגן...

— יאָ? לייכטזיניק? — האָט שטיפֿעריש געפֿרעגט אַלינאַ. — און וויאַזוי וואָלסטו זיך באַציגן צו אַ חתן, וועלכער דערציילט דיר כּסדר וועגן מאַטעריאַליזם, אידעאַליזם און אַנדערע לעבנס־גרוילן? קלים, דו האָסט אַ כּלה?

— נאָך נישט.

— שטעל דיר פֿאָר, אַז דו האָסט שוין. וועגן וואָס וואָלסטו גערעדט מיט איר?

— נאַטירלעך, וועגן אַלעם, — האָט געזאָגט סאַמגין, פֿאַר־שטייענדיק, אַז ס'איז פֿאַר אים אַ געהעריקע מינוט. מאַכנדיק פֿוי־זעס פֿולשטענדיק נאַטירלעכע און צוגעפּאַסטע צו די באַוועגונגען פֿון די וויאָסלעס, האָט ער באַדעכטיק אָנגעהויבן רעדן וועגן דעם, אַז גליק מיט אַ פֿרוי איז מעגלעך בלויז מיטן באַדינג פֿון פֿול־קאָם אויפֿריכטיקער גייסטיקער נאָענטקייט. אָבער אַלינאַ האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט און איראָניש איבערגעריסן זיינע רייד:

— דאָס האָב איך שוין געהערט. מסתּמא קוואַקען די זשאַבעס אויך וועגן דעם אייגענעם...

קלים האָט זיך נישט פֿאַרלוירן און געזאָגט:

— אָבער איטלעכע פֿרוי האַלט זיך פֿאַרפֿליכטעט איין מאָל אין חודש צו זאָגן ליגנט, צו באַהאַלטן זיך...

— פֿאַרוואָס — נאָר איין מאָל? — האָט אַלץ אַזוי, מיט

איראָניע, געפֿרעגט אַלינאַ, אָבער לידיאַ האָט טויב אַ זאָג געטון:

— דאָס איז מוראדיק ריכטיק.

— וואָס — איז ריכטיק? — האָט געפֿרעגט אַלינאַ אומגעדולדיק און — זיך אויפֿגעבראַכט:

— אײַך איז נישט אַ בושה, סאַמגין?

— נײַן, מיר איז טרויעריק, — האָט געענטפֿערט קלים, נישט אַ קוק געבנדיק אויף איר און אויף לידיען. — מיר דאַכט זיך, אַז ס'זענען פֿאַראַן...

ער האָט געוואָלט זאָגן — מײדלעך, אָבער ער האָט זיך אײַנגעהאַלטן.

— פֿרויען, וואָס אויס געפֿיל פֿון פֿאַלשער בושה פֿאַראַכטן זײ זיך דערפֿאַר, וואָס די נאַטור, באַשטראָפֿנדיק זײ, האָט אָפּגעטון אַ גראָבע נאַרישקייט. און ס'זענען פֿאַראַן מײדלעך, וועלכע האָבן מורא ליב צו האָבן, ווײַל זײ דאַכט זיך: די ליבע דערנידעריקט, דערנידערט זײ צו חיות.

ער האָט גערעדט פֿאַרזיכטיק, מורא האָבנדיק, אַז לידיאַ זאָל נישט דערהערן אין זײַנע ווערטער קײן עכאָ פֿון מאַקאַראָווס געדאַנקען, געדאַנקען, וואָס זענען איר אַוודאי גוט באַקאַנט.

ס'קאָן זײַן מאַנכע פֿירן זיך אַפֿילו... נישט רײנלעך דערפֿאַר, וואָס זײ אײלן זיך אָפּצוליבן, ווילן וואָס שנעלער אויסלעבן אין זיך דאָס פֿרויִשע, — לויט זײער אויפֿפֿאַסונג: דאָס חיהשע — און פֿאַרבלײַבן אַ מענטש, באַפֿרײַט פֿון די פֿאַרגוואַלטונגען פֿונעם אינסטינקט...

— דאָס איז וואונדערבאַר ריכטיק, קלים — האָט אַרויסגערעדט לידיאַ, נישט הויך, נאָר דײַטלעך.

קלים האָט געפֿילט, אַז אין דער שטילקייט, איבער דער קלאַנגלאָזער באַוועגונג פֿון טונקעלן וואַסער, קלינגען זײַנע ווערטער סוגעסטיוו.

— איר קענט אַזעלכע פֿרויען? כאָטש אײנע? — האָט שטיל, און איבער עפּעס בײז, געפֿרעגט אַלינאַ.

— יאָ. אָדער נײַן? — האָט זיך דערקינדיקט בײַ זיך

קלים. — ניין איך קען נישט. אָבער איך בין זיכער, אַז אַזעלכע ברויען דאַרפֿן זיין.

— געוויס, — האָט געזאָגט לידיאַ.

קלים איז אַנטשוויגן געוואָרן. די מיידלעך האָבן אויך געשוויגן, אַרומהילנדיק זיך מיט אַ שאַל האָבן זיי פֿעסט זיך צוגעטוליעט איינעם צום אַנדערן. אין עטלעכע מינוט אַרום האָט אַלינאַ פֿאַרגעלייגט:

— מ׳וועט שוין צוריקפֿאָרן?

די לאָדקע האָט זיך אַ וויג געטון און רוישלאָז געניימען שווימען שטראָם־אויף. קלים האָט נישט געשאַרט, נאָר בלויז געקערעוועט מיט די וויאָסלעס. ער איז געווען צופֿרידן. ווי לייכט ער האָט געצוואונגען לידיען זיך צו אַנטפּלעקן! אַצינד איז פֿולשטענדיק קלאָר, אַז זי האָט מורא ליב צו האָבן און דידאָזיקע מורא — איז אַלץ, וואָס אים האָט זיך אויסגעוויזן רעטזלהאַפֿט אין איר. און זיין אומדרייסטקייט לגבי איר דערקלערט זיך דערמיט, וואָס לידיאַ שטעקט אים אַ ביסל אָן מיט איר מורא. ס׳איז וואונדערלעך איינפֿאַך אַלץ, ווען די קאָנסט זען.

קלערנדיק, האָט קלים געהערט אַלינאַס בייזע טענות:

— פֿונדעסטוועגן איז מען נישט אויסגעקומען אָן אַ חכמה־דיק שמועסל! אָך, ס׳וועלן מיך פֿאַריאָגן דידאָזיקע שמועסלעך ערגעץ־דאָרט „וואו ס׳איז נישטאָ נישט קיין טרויער, נישט קיין זיפֿצן, נאָר לעבן״... שנעל־לויפֿיקס.

אַלינאַ האָט זיך הויך צעלאַכט, שאָקלענדיק זיך, פּאַטשנדיק זיך מיט די הענט איבער די קניען, איבערחזרנדיק:

— אוי, רבונו של עולם!

הן דאָס געלעכטער הן אירע זשעסטן האָט קלים געפֿונען אַלס גראָבע.

אַראָפּגעלאָזט די האַנט הינטערן באָרט, האָט לידיאַ אַזוי שטאַרק אַ וויג געטון די לאָדקע, אַז איר חברטע האָט זיך דערשראָקן.

— ביסט משוגע?

אַ שפּריץ געבנדיק מיט וואַסער אין איר פּנים אַריין און

בלעטנדיק מיט דער נאסער האַנט די אייגענע באַקן, האָט זי געזאָגט:

— פּחדנטע.

אויף איין זייט פון שוואַרצן פּאַס וואַסער האָבן זיך דערהויבן געלע בערגלעך זאַמד, אויף דער צווייטער האָבן אומבאַהעגלעך געשטאַרט שטעכיקע קוסטעס. אַלינאַ האָט אָנגעוויזן מיט דער האַנט אויפן ברעג:

— זע, לידיאַ: דער קאָפּ פון דער ערד האָט זיך אָנגעבויגן צום וואַסער טרינקען, און די האָר האָבן זיך קאַפּויער געשטעלט.

— אַ קאָפּ פון אַ חזיר, — האָט געזאָגט לידיאַ.

ווען זיי האָבן זיך געזעגנט, האָט קלים דערפילט, אַז זי האָט אַ דריק געטון זיין האַנט זייער שטאַרק און געפרעגט אומגעווינלעך ליבלעך:

— דו ביסט געקומען אויף אַ גאַנצן זומער?

אַלינאַ האָט, קוקנדיק אויף די שטערן, געזאָגט:

— הייסט עס, מאָרגן וועט קומען מיין באַשערטער?

אַרומנעמענדיק לידיען, האָט זי פּאַמעלעך גענומען גיין צו דער דאַטשע, קלים האָט, כאַפּנדיק זיך אָן די לאַפּעס פון די יינגע סאָסנעס, גענומען קריכן איבערן גלייכפאַליקן שפּוע פון באַרג. דורכן שאָרך פון שטעכעכץ און סקריפּען פונם זאַמד האָט ער געהערט דער טעליעפּניעוואַס געלעכטער, דערנאָך אירע ווערטער:

— ...טוראָבאָיעוו. ווי אַזוי זשע, קרוינעניו, וועסטו לעבן צווישן צוויי פייערן?

— יאָ, — האָט אַ קלער געטון קלים. — ווי אַזוי?

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, איינהערנדיק זיך, אָבער ער האָט שוין נישט געקאָנט פונ נדערקלייבן קיין ווערטער. און לאַנג, ביז ווייטיק אין די אויגן, האָט ער געקוקט אויפן טייך, אַ פולשטענדיק אומבאַוועגלעכן אין דער פינצטערניש, אויף די מאַטע אָפּשפּיגלונגען פון די שטערן.

צומאָרגנס אינדערפרי זענען פון דער סטאַציע אָנגעקומען

ליוטאָוו און מאַקאַראָוו, הינטער זיי איז געפּאָ־ן אַ פור, סאָליד אָ־
געלאָדן מיט וואַליזעס, קעסטלעך, מיט עפּעס ראָלקעס און פּעקלעך.
קלים האָט נאָך נישט באַוויזן צו מכבד זיין מיט טיי, ווי ס'איז
דערשינען וואָראָוקעס באַקאַנטער דאָקטאָר ליובאָמודראָוו, אַ מענטש
אַ מאָגערער, אַ לאַנגער, אַ פּליטשקער, אַ געגאָלטער, מיט קליינינ־
קע אײגעלעך פון גאָלדיקער פאַרב, זיי האָבן זיך באַהאַלטן אונטער
שוואַרצע בינטעלעך אָנגעכמורעטע ברעמען. קלים האָט פאַרבראַכט
מיטן דאָזיקן דאָקטאָר כמעט דעם גאַנצן טאָג, ווייזנדיק אים די
דאַטשעס. דער דאָקטאָר האָט געקוקט אויף אַלעם אַרום מיט פאַר־
צאָקטן בליק פון אַ מענטש, וועלכער באַקענט זיך מיט אַן אָרט,
וואו ער דאַרף לעבן קעגן זיין ווילן. ער האָט געביסן די ליפּן,
לעבן זיינע אויערן האָבן זיך באַוועגט עפּעס אַזוינע קײלעכלעך,
און אַריבערגייענדיק פון איין דאַטשע צו דער אַנדערער, האָט ער
געמורמלט:

— אַזוי. מילא, נו. זייער גוט.

לסוף האָט ער געזאָגט קלימען אַנטשלאָסן מיט אַ באַס:

— אַלזאָ, לאָזט איבער פאַר מײַנעטוועגן דידאָזיקע.

אָבער פאַרריכטנדיק אויפן קאָפּ דעם גרויען, צעקנייטשטן
קאַפּעלוש, האָט ער צוגעגעבן:

— אָדער — דידאָזיקע.

קלים איז מיד געוואָרן פון דאָקטאָר און פון דער בײַגיריי־
קייט, וואָס האָט אים געפּייניקט אַ גאַנצן טאָג. ס'האָט זיך געוואָלט
וויסן: ווי אַזוי האָבן זיך באַגעגנט לידיאַ און מאַקאַראָוו, וואָס טוען
זיי, וועגן וואָס רעדן זיי? ער האָט גלייך באַשלאָסן צו גיין אַהין,
צו לידיען, אָבער פאַרבייגייענדיק זיין דאַטשע, האָט ער דערהערט
ליוטאָווס קול:

— ניין, וואַרט צו, קאָסטיאַ, לאָמיר נאָך אַ ביסל זיצן...

ליוטאָוו האָט גערעדט נאָענט, הינטער דער ענגער גרופּע
בעריאָזעס, עטוואָס נידעריקער פונם שטעגל, איבער וועלכן קלים
איז געגאַנגען אָבער מען האָט אים נישט געזען, ער איז, אפנים,
געלעגן, מ'האָט אַרויסגעזען מאַקאַראָווס היטל און אַ בלוי רויכל
איבער דעם.

— ס'ווילט זיך מיר זידלען, קריגן זיך מיט עמעצן, — האָט דייטלעך געקלונגען ליוטאָווס קלאָרנעטן־שטימע. — מיט דיר, קאָסטיע, איז נישט מעגלעך. ווי אַזוי וועל איך זיך קריגן מיט אַ ליריקער?

— פונדעסטוועגן פּרוּוו.

— ניין, איך וועל נישט.

— מען זאָגט — פּ ע ט איז אַ שלעכטער. אָבער — אַ לי־ריקער.

קלים האָט זיך אָפּגעשטעלט, אים האָט זיך נישט געגלוסט צו זען נישט ליוטאָוון, נישט מאַקאַראָוון. אָבער דאָס שטעגל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אונטן, גייענדיק דאָ אַרום, וואָלט ער אומפּאַר־מיידלעך באַמערקט געוואָרן. און אַרויפגיין אינדערהייך אויפן באַרג האָט זיך אויך נישט געגלוסט, קלים איז געווען מיד; און סיי ווי סיי וואָלטן זיי דערהערט דעם קלאַפּ פון זיינע טריט. דעמאָלט קאָנען זיי אַ קלער טון, אַז ער האָט אונטערגעהערט זייער שמועס. קלים סאַמגין איז געשטאַנען און, אָנכמורענדיק זיך, געהערט:

— נאָכוס טרינקסטו אין איר אָנוועזנהייט? — האָט גלייכ־גילטיק געפרעגט מאַקאַראָוו.

— כדי זי זאָל זען, איך בין — אַן ערלעכער חברה־מאַן.

— אַ היסטעריקער ביסטו. און — טראַכטסט אויס אַ סך. האָסט ליב, נו, האָב זשע ליב, „אָן טראַכטונגען אָן צער, אָן פּאַטאַלע מחשבות".

— דערויף דאַרף מען אַרויסהאַקן די געהירן פון מיין קאָפּ.

— דאַן טשעפּע זיך אָפּ פון איר.

— דערויף איז ניטיק ווילן.

מאַקאַראָוו האָט אַ מינוט צוויי גע־עדט מיט אַ האַלב קול און אַזוי שנעל, אַז קלים האָט געהערט בלויז אָפּגעריסענע שטיק־לעך פראַזן:

— דער עגאָיזם פון געשלעכט... סימולאַציע...

דערנאָך האָט ווידער אָנגעהויבן ליוטאָוו, אויך נישט

הויך, נאָר עפּעס אַזוי דורכדרינגלעך צו קריצן אויף דער שטילקייט.

— ס׳איז זייער ראַציאָנעל און זייער אינטערעסאַנט. אָבער דו האָסט פאַרגעסן, אַז איך בין אַ סוחרישער זון. דאָס פאַרפּליכ־טעט צום אויסמעסטן און אָפּוועגן מיט דער גאַנצער מעגלעכער גענויקייט. אַלינאַ מאַרקאָוונען פעלט אויך נישט קיין פּראַקטישע קלוגשאַפט. זי זעט, אַז דער קינפּסטיקער באַגלייטער פון אירע ער־שטע לעבנס־טריט קאָן זיך לגמרי נישט פאַרגלייכן צו אַדאָניסן. ער איז זאָגאַר — אומפאַרגלייכלעך. אָבער זי ווייסט און האָט באַרעכנט, אַז ער איז — דער איינציקער יורש פון דער פירמע „ברידער ליוו־טאָוו. פוך און פעדערן״.

מאַקאַראָוויס וואָרקעריי האָט אויף עטלעכע סעקונדעס איבער־געריסן ליוטאָווס רייד.

— פריינד מיינער, דו ביסט נאַריש, ווי אַ שוועבעלע, — האָט פאָרגעזעצט ליוטאָוו. — איך קויף דאָך נישט קיין בילד, נאָר איך וויקל מיך פונאַנדער פאַר אַ פרוי, מיט וועלכער נישט בלויז מיין זינדיקער גוף, נאָר אויך די הונגעריקע נשמה מיינע באַגערט צונויפצוגיסן זיך. און אָט, צערטלענדיק די הערלעכסטע האַנט פון דערדאָזיקער פרוי, זאָג איך: „וואָפן פון וואָפנס״. „וואָס איז דאָס ווידער?״ פרעגט זי. איך ענטפער: אַזוי קלוג האָט אָנגערופן די מענטשלעכע האַנט איין פאַרצייטישער גריך. „אָבער איר וואָלט בע־סער״, זאָגט זי — „מיט אייגענע ווערטער גערעדט, אפשר וועט אַרויסקומען אַמיזאַנטער״. דו, הער, קאָסטיאַ, אַמיזאַנטער! און פּטור. איך גאַף: צי בין איך דען באַשאַפן געוואָרן צום אַמיזירן?

— נו, גענוג, וואָלאָדימיר. גיי שלאָפן, — האָט הויך און בייז געזאָגט מאַקאַראָוו. — איך האָב דיר שוין געזאָגט, אַז איך פאַרשטיי נישט דידאַזיקע... המצאות. איך ווייס אייננס: די פרוי בעבוירט דעם מאַנספאַרשוין פאַר דער פרוי.

— אַ טאָפּעלע אפּיקורסות...

— מאַטריאַרכאַט...

ליוטאָוו האָט דין אַ פייף געטון און די ווערטער פון די פריינד זענען געוואָרן אומדייטלעך.

קלים האָט פאַרלייכטערט אָפּגעזיפצט. הינטערן קאָלנער איז אים אַריינגעקראָכן עפּעס אַ פליגעלע און האָט געשפּאַצירט איבערן רוקן, אַרויסרופנדיק אַן אומפאַרטראָגלעכע בייסעניש. עטלעכע מאָל האָט ער געפּרוווט פאָרזיכטיק אַ רייב טון דעם רוקן אָן אַ שטאַם פון אַ בעריאָזע, אָבער דער בוים האָט געסקריפּעט און זיך געוויגט, רוישנדיק מיט די בלעטער. ער איז פאַרשוויצט געוואָרן פון אויפרעגונג, פאָרשטעלנדיק זיך, אַז אָט באַלד וועט מאַקאַראָוו אויפשטיין, זיך אַרומקוקן און אים דערזעען, ווי ער הערט אונטער.

ליוטאָווס טענות האָט ער געהערט מיט פאַרגעניגן, ער האָט אפילו אַ מאָל צוויי אַ שמייכל געטון. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער אויף מאַקאַראָווס אָרט וואָלט גערעדט קלוגער, און אויף ליוטאָווס פראַגע: —

— בין איך דען צום אַמיזירן? — וואָלט ער געענטפערט מיט דער פראַגע:

— נאָר — צוואָס דען?

אויפן אָרט, וואו מאַקאַראָוו איז געזעסן האָט זיך נאָך אַלץ געדרייכערט אַ בלוי רויכל, קלים איז אַראָפּגעגאַנגען אַהין; אין דעם זאַמדיקן גריבל האָבן זיך געשלענגלט גאָלדענע און בלויע פייערווערם, אויפגרעסנדיק די רויטע נאָדלען און דראָבנע שטיקלעך אַטלאַסענע בעריאָזן קאָרע.

— סאַראַ קינדעריי, — האָט אַ קלער געטון קלים סאַמגין און פאַרשיטנדיק דאָס ברענענדיקע פייער מיט זאַמד, האָט ער פלייסיק צוגעטרעטן דאָס זאַמד מיטן פוס. ווען ער האָט זיך אויסגעגלייכט מיט וואַראַווקעס דאַטשע האָט פון פענצטער שטיל אַ רוף געטון מאַקאַראָוו:

— וואוהין גייסטו?

מיטן אומפאַרמיידלעכן פּאַפּיראָס אין די ציין, מיט עפּעס אַ פּאַפּיר אין דער האַנט, איז ער געשטאַנען זייער בילדעריש און גערעדט:

— די מיידלעך זענען אין צעררייצטע שטימונגען. אַלינאַ

האָט מורא, אַז זי האָט זיך פאַרקילט און קאַפריזעוועט. לידיאַ איז נישט פריידלעך געשטימט, האָט אָנגעשריגן אויף ליוטאָוון, פאַר דעם, וואָס ער האָט נישט באַגיטיקט „באַשקירצעוואַס טאָג-בוך“.

מורא האָבנדיק, אַז מאַקאַראָוו וועט אויך גיין צו די מיידלעך, האָט סאַמגין באַשלאָסן צו באַזוכן זיי שפעטער און איז אַרייַנגעגאַנגען אין צימער. מאַקאַראָוו האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול, צעשפיליעט דעם קאָלנער פון העמד, אַ טרייסל געטון מיטן קאָפ און אַוועקלייגנדיק אַ העפט מיט דין פאַפיר אויפן פענצטער-אָנשפאַר, האָט ער אַוועקגעשטעלט אויפן העפט דעם אַש-בעכער.

— אַלע, ברודער, זענען עפעס אַזוי אומרויק לאַנגווייליק, — האָט ער געזאָגט, כמורעדיק זיך, צעשויבערנדיק די האָר מיט דער האַנט. — פון דער ליטעראַטור איז נישט צו זען, אַז די מענטשן אין דער פאַרגאַנגענהייט זאָלן האָבן איבערגעלעבט אַזאַ אויסטערלישע לאַנגווייליקייט. אפשר איז דאָס גאָר — נישט קיין לאַנגווייליקייט?

— איך ווייס נישט, — האָט געענטפערט קלים, שפירנדיק טאַקע אַ לאַנגווייליקייט. דערנאָך האָט ער פויל צוגעגעבן: — מען זאָגט, אַז ס'באַמערקט זיך אַן אויפלעבונג...

— אַ ביכלדיקע.

קלים האָט צוגעשוויגן, צוקוקנדיק זיך, ווי אין דעם רויטלעכן זונענשטראַל שימערן מאָדנע פאַרבלאָזע פליגן; מאַנכע פון זיי, אַזוי ווי זעענדיק אין דער לופט אַן אומבאַוועגלעכן פונקט, האָבן לאַנג געציטערט אַרום אים, נישט אַנטשליסנדיק זיך אַוועקצוזעצן, דערנאָך זענען זיי געפאַלן כמעט ביז דער פאָדלאָגע און אויפסנייאַרויפגעפלויגן צום דאָזיקן, אומגעזעענעם פונקט. קלים האָט אַ ווייז געטון מיט די אויגן אויפן העפט:

— וואָס איז דאָס?

— אַ פראָיעקט פון פראָגראַם פונם „סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד“. ער האַלט, אַז די בשותפותדיקע ערד האָט געמאַכט אונזער פויער פאַר מער עמפינדלעך צום סאָציאַליזם, ווי דעם פויער פון מערב. אַן אַלטע געשיכטע. דערמיט אינטערעסירט זיך ליוטאָוו.

— אויס לאַנגווייליקייט ?

מאַקאַראָוו האָט אַ קוועטש געטון מיט די אַקסלען.

— נ-ניין, ער האָט צו פּאָליטיק עפּעס זיינס אַן אייגענע באַציונג. דאָ פאַרשטיי איך אים נישט.

— און אין אַלעם איבעריקן, אַ חוץ דעם, וואָס איז ער אַזוינס ?

אויפהייבנדיק די ברעמען, האָט מאַקאַראָוו פאַררייכערט אַ פּאַפּיראָס, געוואָלט אַרייננוואַרפן דאָס ברענענדיקע שוועבעלע אין אַשבעכער, נאָר אַריינגערוקט עס אין אַ גלאָז מילך.

— אָ, צום טייוול !

אַרויסגעגאָסן די מילך הינטערן פענצטער, האָט ער נאָכגעקוקט דעם ווייסן שטראָם און מיטגעטיילט מיט פאַרדראָס :

— אויף די בלומען. ס'איז דאָ פאַראַן אַ פּיאַנינאָ?

עד האָט, משמעות, פאַרגעסן אָן קלימס פראַגע אָדער נישט געוואָלט ענטפערן.

— נאָכוואָס דאַרפסטו אַ פּיאַנינאָ ? דו שפּילסט דען? — האָט טרוקן געפרעגט סאַמגין.

— שטעל דיר פאָר, איך שפּיל ! — האָט קנאַקנדיק מיט די צונויפגעקוועטשטע פינגער געזאָגט מאַקאַראָוו. — כ'האָב אָנגעפאַנגען פּון געהער, דערנאָך אָנגעהויבן נעמען לעקציעס... דאָס איז נאָך געווען אין גימנאַזיע. און אין מאָסקווע האָט מיין לערער מיך אָנגערעדט אַריינצוטרעטן אין קאָנסערוואַטאָריע. יאָ. פעיקייטן, זאָגט ער. איך גלייב אים נישט. כ'האָב נישט קיין שום פעיקייטן. אָבער, — אָן מוזיק איז שווער צו לעבן, אָט וואָס, ברודער...

— די פּיאַנינאָ איז אָט אין יענעם צימער, בּאַ דער מוטער, — האָט געזאָגט קלים. מאַקאַראָוו איז אויפגעשטאַנען, האָט נאַכלעסיק אַריינגערוקט דאָס העפט אין קעשענע אַריין און איז אַוועקגעגאַנגען, רייבנדיק די הענט.

ווי נאָר ס'האָבן אַ קלונג געטון די ערשטע אַקאָרדן פון פּיאַנינאָ, איז קלים אַרויסגעגאַנגען אויף דער טעראַסע, געשטאַנען אַ מינוט, קוקנדיק אויפן נאָכטייכיקן שטח, וואָס איז אָפּגעגרענעצט געווען רעכטס מיט אַ שוואַרצן האַלב-קרייז פון וואַלד, לינקס —

מיט אַ באַרג פון בלויע וואָלקנס, הינטער וועלכע ס'האָט זיך שוין געהאַט פאַרקייקלט די זון. אַ שטילער ווינט האָט ליבלעך געטריבן צום טייך גרין־גרויע כוואַליעס תבואה. ס'האָט געקלונגען אַ זינגעוודיקע מעלאָדיע פון אַן אומבאַקאַנט מינאָר־ליד. קלים איז אוועקגעגאַנגען צו דער דאַטשע פון דער טעליעפניעווא. אַ בערדיקער פויער מיט אַ הילצערנעם פוס האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג.

— צו פאַנגען אַ וועלספיש זענט איר נישט קיין בעלן, הער?

קלים האָט אָן ווערטער זיך אוועקגעדרייט.

— אַ וועלס — פון אַ צוויי פוד, — האָט דער פויער פאַרומערט אים נאָכגערעדט.

אַלינעס דינסט האָט געזאָגט קלימען, אַז די פרייליין איז נישט געזונט, און לידיאַ איז אוועקגעגאַנגען שפּאַצירן; סאַמגין האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צום טייך, אַ בליק געטון שטראָם־אויף, שטראָם־אָפּ — לידיען זעט מען נישט. מאַקאַראָוו האָט געשפּילט עפּעס זייער שטורעמדיקס. קלים איז אוועק אַהיים און אויפסניי זיך אָנגעשטויסן אויפן פויער, יענער איז געשטאַנען אויפן שטעגל און האַלטנדיק זיך אָן דער לאַפּע פון אַ סאָסנע, האָט ער געגראַבלט דאָס זאַמד מיטן הילצערנעם פוס, באַמיענדיק זיך אויסצוקריצן אַ קרייז. פאַרטראַכט אַ קוק געבנדיק אין קלימס פּנים אַריין, האָט ער אים אָפּגעטרעטן דעם וועג און געזאָגט שטילערהייט, כמעט אין אויער אַריין:

— אַ סאָלדאַטקע איז אויך פאַראַן... אַ געשמאַקע!

ווען קלים איז אַרויפגעגאַנגען אויף דער טעראַסע פון דער דאַטשע, האָט מאַקאַראָוו אויפגעהערט צו שפּילן און ס'האָט איילים אַ שווים געטון ליוטאָיוס קוויטשעדיקע קעלעכל:

— דאָס פאָלק האָט וועגן אַלעם געטראַכט, ליבע לידיאַ טימאָפעיעוונאַ, הן וועגן גן־עדן פון אומוויסן הן וועגן גיהנום פון דערקענטניש.

קיין פייער איז אין צימער נישט געווען, די טונקלקייט האָט אויסגעקרומט ליוטאָווס פיגור, צונעמענדיק אירע בולטע קאָנטורן, און לידיאַ, אין אַ ווייס קלייד, איז געזעסן באַם פענצטער און אויפן

מושלין פון דעם פאַרהענגל איז בלויז קענטיק געווען איר געלאָקטער, שוואַרצער קאָפּ. קלים איז געבליבן שטיין אין דער טיר, הינטער ליוטאָווס פּלייצע און געהערט:

— ווען דער פון גן־עדן אַרויסגעטריבענער אדם האָט זיין אומגעקוקט אויפן עץ־הדעת, האָט ער דערזעען, אַז גאָט האָט שוין אומגעבראָכן דעם בוים: ער האָט אָפּגעדאַרט. און דאָ איז דער טייוול צוגעטרעטן צו אדמן און זאָגט: קינד פאַרטריבנס, האָסט נישט קיין אַנדערן וועג, ווי אויף ענוים ערדישע. און ער האָט פאַרשלעפּט אדמן אין ערדדישן גיהנום און אים געוויזן די גאַנצע הערלעכקייט און די גאַנצע מיאוסקייט, וואָס זיי האָט טאַקע געשאַפן דער טמאם פון אדמן. אויף דערדאָזיקער טעמאַ האָט דער מאַדיאַר אימרע מאַדאָטש זייער אַ באַדייטנדיקע זאַך אָנגעשריבן, אָט, ווי אַזוי מען דאַרף דאָס פאַרשטיין, לידאָטשקאַ, און איר...

— איך רעד נישט וועגן דעם, — האָט לידיאַ געזאָגט. — איך גלייב נישט... ווער איז דאָס?

— איך, — האָט געענטפערט קלים.

— פאַרוואָס דערשייגסטו אַזוי געהיימנישפול?

קלים האָט דערהערט אין איר פראַגע פאַרדראָס, האָט זיך באַליידיקט און צוגייענדיק צום טיש, אָנגעצונדן דעם לאָמפּ. ס'איז אַריינגעקומען, זשמורענדיק זיך, דער צעשויבערטער מאַקאַראָוו, האָט פון דער זייט אַ קוק געטון אויף ליוטאָוון און געזאָגט. אָנשפּאַרנדיק זיך מיט די הענט אין ליוטאָווס אַקסלען, אַריינקוועטשנדיק אים אין דעם געפלאָכטענעם פאָטעל אַריין:

— שלאָפסט אַליין נישט, — מאַכסטו אַנדערע שלעפעריק?

לידיאַ האָט געפרעגט:

— נאָכוואָס האָסטו אָנגעצונדן דעם לאָמפּ? ס'האָבן אַזוי גוט געלויכטן די שקיעה־שטראַלן.

— דאָס איז נישט קיין שקיעה־שטראַלן, נאָר אַ שטורם, — האָט קלים פאַררעכטן און געוואָלט פאַרלעשן דעם לאָמפּ, אָבער לידיאַ האָט אַ זאָג געטון:

— לאָז אָפּ.

שטילערהייט צופייפנדיק האָט מאַקאַראָוו געשפּרייזט אי־

בער דער טעראַסע, דאָ דערשיינענדיק, דאָ פאַרשווינדנדיק, באַלויכטן פון דעם שווייגזאַמען בליאַסק פון די בליצן.

— פירט מיך צו, — האָט לידיאַ זיך געווענדט צו ליוטאָוון, אויפשטייענדיק פון דער שטול.

— מיט פאַרגעניגן.

ווען זיי זענען אַרויסגעקומען אויף דער טעראַסע, האָט מאַקאַראָוו דערקלערט:

— איך וועל אויך גיין.

אָבער לידיאַ האָט געזאָגט:

— ניין, מען דאַרף נישט.

די הענט פאַרוואָרפן הינטערן האַלז, האָט מאַקאַראָוו אַ מינוט, צוויי, געקוקט, ווי ליוטאָוו העלפט לידיען גיין, אַוועקפירנדיק פון איר קאָפּ די צווייגלעך פון יינגער סאָסנע, דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן רעדן, שמייכלענדיק צו קלימען.

— האָסט געהערט? מען דאַרף נישט. אָפּטער פון אַלע אַנדערע ווע־טער, וואָס באַשטימען איר באַציונג צו דער וועלט, צו די מענטשן, זאָגט זי: מען דאַרף נישט.

פאַררייכערנדיק אַ פּאַפּיראָס, האָט מאַקאַראָוו געלאָזט אויסברענען דאָס שוועבעלע ביזן סוף און, אָנשפּאַרנדיק זיך מיטן אַקסלאָן ביישטידל פון דער טיר, פאַרגעזעצט מיטן טאָן פון אַ דאָקטאָר, וואָס דערציילט פאַר אַ קאָלעגע די געשיכטע פון אַן אינטערעסאַנטער קראַנקייט.

— שמועסנדיק מיט איינעם, זאָרגט זי זיך שטענדיק, אַז קיין אַנדערער זאָל נישט הערן, זאָל נישט וויסן, וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. זי האָט אַזוי־וי מורא, אַז די מענטשן וועלן נעמען רעדן נישט אויפריכטיק, אין אוניסאָן איינער דעם אַנדערן, אָבער־כאָטש סתירות אינטערעסירן זי, — האָט זי אַליין נישט ליב אַרויסצורופן זיי. ס׳קאָן זיין, זי קלערט, אַז איטלעכער מענטש פאַרמאָגט אַ סוד, וועלכן ער איז מסוגל מיטצוטיילן בלויז דער פריילין לידיאַ וואַראַווקאַ?

קלים האָט געפונען, אַז מאַקאַראָוו רעדט ריכטיק און אים האָט פאַרדראָסן: פאַרוואָס דווקא מאַקאַראָוו, און נישט ער זאָגט

דאָס? און קוקנדיק אויפן חבר דורך די ברילן, האָט ער געטראַכט, אַז די מוטער איז גערעכט: מאַקאַראָווס פּנים איז — צווייענדיק, ווען נישט זיינע קינדישע, נאַרישעוואַטע אויגן, — וואָלט דאָס געווען אַ פּנים פון אַ פאַרדאַרבענעם מענטש. צושמייכלענדיק, האָט קלים געזאָגט:

— דו ביסט פונדעסטוועגן פאַרליבט אין איר.

— איך האָב דיר שוין געזאָגט — ניין.

מאַקאַראָוו האָט אַ בלאָז געטון אויפן פּאַפּיראָס אַזוי, אַז פון זיין פייער האָבן אַ פלי געטון פונקען.

— פונדעסטוועגן איז זי אַן איינגערעדענישן. מיר דאַכט זיך אפילו, אַז זי דערשאַצט זיך נישט. זי פילט גוט, אַז דאָס לעבן — איז אַן ערנסטער ענין און איז נישט צוליב אָנגענעמע פאַרווייליגען. טיילמאָל דאַכט זיך, אַז אין איר ברויזט אַ פיינדשאַפט צו זיך אַליין, ווי זי איז נעכטן געווען.

מאַקאַראָוו איז אַנטשוויגן געוואָרן, דערנאָך האָט ער זיך שטיל צעלאַכט, זאָגנדיק:

— אַ געוויסער נאַטורוויסנשאַפטלער, מיינער אַ באַקאַנטער, זייער אַ באַגאַבטער בחור, נאָר — אַ נבלה און אַן אַלפאָנס, — ער לעבט אָפן מיט אַ רייכער אַלטער באָבע, — האָט גוט געזאָגט: „מיר לעבן אַלע אויף די קעסט פון דער פאַרגאַנגענהייט". איך האָב אים איינמאָל פאַרגעוואָרפן דאָס, האָט ער זיך אַזוי — אויסגעדריקט. דאָ, ברודער, איז פאַראַן עפּעס...

— איך זע נישט גאָרנישט, אַ חוץ ציניזם, — האָט געזאָגט סאַמגין.

ס'האָט זיך אָנגערוקט אַ שטורם. אַ שוואַרצע כמאַרע האָט פאַרדעקט אַלץ אַרום מיט אַ נישט דורכדרינגלעכן שאָטן. דער טייך איז פאַרשוואונדן און בלויז אין איין אָרט האָט דאָס פייער פון דער טעליעפּניעוואַס פענצטער באַלויכטן דאָס געדיכטע וואַסער.

זייער קנאַפּ איז מאַקאַראָוו ענלעך געווען צו יענעם בחורל אין דער לייוונטענער, פאַרבלוטיקטער בלוזע, וועלכן קלים האָט

מיט שרעק געפירט איבער דער גאַס, דידאָזיקע נישט ענלעכקייט האָט געוועקט אי בייגיר, אי פּאַרדראָס.

— דו האָסט זיך געענדערט, קאָנסטאַנטין, — האָט נישט באַגיטיקענד באַמערקט סאַמגין, — מאַקאַראָוו האָט, שמייכלענדיק, געפרעגט:

— צום בעסערן?

— כ'ווייס נישט.

מאַקאַראָוו האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ און אַ פיר געגעבן מיט דער האַנט איבער די צעשאָטענע האָר:

— מיר דאַכט זיך: כ'בין רויקער געוואָרן. ס'איז בא מיר, ווייסטו, אַזאַ איינדרוק פאַרבליבן, ווי איך וואָלט נאָך אַ חיה רעה זיך געיאָגט. כ'האָב נישט אין זיך געשאָסן, נאָר אין איר. און נאָך: כ'האָב הינטערן ראָג אַ קוק געטון.

געשוויגן אַ ווײַלע, האָט ער גענומען דערציילן פאַרטראַכטערהייט און שטיל:

— אין דער קינדהייט האָב איך פאַר גאָרנישט קיין מורא געהאַט, נישט פאַר קיין פינצטערניש, נישט פאַר קיין דונער, נישט פאַר געשלעגן, נישט פאַרן פייער פון נאַכט־שׂרפות; מיר האָבן געוווינט אין אַ שכורער גאַס, ס'האָט דאָרטן אָפט געברענט. נאָר אַט, פאַר ראָגעס — האָב איך אפילו באַטאָג מורא געהאַט: ס'פלעגט זיך מאַכן — כ'גיי אויף דער גאַס, מען דאַרף פאַרקערעווען הינטער אַ ראָג, פלעגט זיך מיר שטענדיק דאַכטן, אַז דאָרטן לאָקערט אויף מיר עפּעס, נישט קיין ייִנגלעך, וואָס קאָנען מיך צעממ־תן און בכלל — נישט רעאַלס, נאָר עפּעס אַזוינס... פון אַ מעשהלע. ס'קאָן זיין דאָס איז גאָרנישט געווען קיין שרעק, נאָר אַ צו באַגיריק וואַרטן אויף עפּעס, נישט ענלעכס צו דעם, וואָס איך האָב געזען און געוואוסט. איך, ברודער, האָב שוין צו צען יאָר געוואוסט אַ סך... כמעט אַלץ, וואָס מען דאַרף נישט וויסן אין דאָזיקן עלטער. מעגלעך, אַז איך האָב געוואַרט דערויף, וואָס מיר איז נאָך נישט באַקאַנט געווען, אַלץ איינס: ערגערס צי בעסערס, אַבי אַנדערס.

קוקנדיק אויף קלימען מיט לאַכנדיקע אויגן, האָט ער טיף אָפּגעזיפצט:

— און אַצינד קיק איך הינטער אַלע ראָגעס רויק, וואָרים איך ווייס: אפילו הינטער יענעם ראָג, וועלכן מען האַלט פאַר דעם סאַמע שרעקלעכסטן, איז אויך נישטאָ גאָרנישט.

— איך האַלט, אַז דאָס סאַמע שרעקלעכסטע אין לעבן — איז שקר! — האָט געזאָגט קלים סאַמגין מיט אַן אומבויגזאַמען טאָן.

— יאָ. און — נאַרישקייט... לויט מיין מיינונג לעבן די מענטשן זייער נאַריש.

ביידע זענען אַנטשוויגן געוואָרן.

— כ׳וועל גיין נאָך אַ ביסל שפּילן, — האָט געזאָגט מאַקאַראָוו.

איבערן טיש אַרום דעם לאָמפּ האָבן געשימערט נישט ניי־טיקע, גרויע באַשעפעניש, זיי האָבן זיך אָפּגעבריט, זענען גע־פאַלן אויפן טישטוך, באַדעקנדיק עס מיט אַש. קלים האָט פאַר־מאַכט די טיר צו דער טעראַסע, אויסגעלאָשן דאָס פייער און איז געגאַנגען שלאָפן.

הערנדיק, ווי ס׳ברילט, זיך דערנענטערנדיק, דער דונער, האָט קלים זיך פאַרטראַכט וועגן עפּעס נישט ממשותדיקס, וואָס האָט זיך נישט איינגעלייגט נישט אין קיין ווערטער, נישט אין קיין בילדער. ער האָט זיך געשפּירט אין אַ שטראָם פון נישט אָנגרייפּבאַרס; אין אַ שטראָם, וואָס איז פאַמעלעך דורכגעגאַנגען דורך אים, נאָר האָט אַזוי־ווי געפּלייצט אויף מחוץ דעם מוח, אין דעם טויבן געבריל פון דונער, אין דעם קלאַפּן פון די זעלטענע, היפשע טראָפּנס פון רעגן איבערן דאַך, אין דעם ליד פון גריג, וואָס מאַקאַראָוו האָט גע־שפּילט. אומעטיק אַ וואָרף געטון עטלעכע צענדליק שווערע טראָפּנס, איז די כמאַרע אַריבערגעגאַנגען, דער דונער איז געוואָרן שטילער, דערווייטערטער. הער האָט אַ בליץ געטון אין פענצטער אַריין די לבנה און די שיין האָט אַזוי ווי אַ שטויס געטון אַלץ אַרום, ס׳האָט זיך אַ באַוועג געטון דאָס מעבל, ס׳האָט זיך אַ וואַקל געטון די וואַנט. בא דער מיל האָט שרעקיק זיך צעבילט אַ הונט, מאַקאַראָוו

האָט אויפגעהערט שפּילן, ס'האָט אַ קלאַפּ געטון די טיר, נישט הויך האָט אַ קליגג געטון ליזשטאָווס קול. דערנאָך איז אַלץ פאַרשוויגן געוואָרן און אין דער פאַרגליווערטער שטילקייט האָט קלים נאָך שטאַרקער דערפילט דעם לויף פון דעם נישט אויסגעפאָרמטן געדאַנק.

דאָס איז נישט ענלעך געווען צו דעם אומעט, וועלכן ער האָט נישט לאַנג איבערגעלעבט, דאָס איז געווען אַ חלומהאַפטע, זומרויקע עמפּינדונג פון פאַלן אין עפּעס אַ מין אָפּגרונט אַריין און פאַרבײַ זײַנע געוויינלעכע געדאַנקען, אַנטקעגן עפּעס אַ נײַעם, אים פיינדלעכן געדאַנק. זײַנע רעיונות זענען געווען ערגעץ-וואו אין אים, אָבער דעסגלײַכן ווערטערלאָזע און מאַכטלאָזע, ווי שאָטנס. קלים סאַמגין האָט נעפּלהאַפט געפילט, אַז ער דאַרף אין עפּעס מודה זײַן זיך פאַר זיך גופא, אָבער ער האָט נישט געקאָנט און מורא געהאַט צו פאַרשטיין: אין וואָס אייגנטלעך.

ס'האָט זיך צעשפּילט דער ווינט, ס'האָבן גערוישט די סאָסנעס, אויפן דאַך האָט עפּעס גערעמפּט צוגעפּייפּט; לבֿנה-שײַן האָט זיך אַרײַנגעריסן אין צימער, איז פאַרשוואונדן דערין... און אויפסניי האָבן דאָס צימער אָנגעפולט שאָרכן און פליסטערן פון דער פינצטערניש. דער ווינט האָט שנעל צעזייעט די קורצע פרילינגסנאַכט, דער הימל האָט קאַלט זיך צעגרינט. קלים האָט אַרומגעהילט מיט דער קאָלדרע דעם קאָפּ, פלוצלינג אַ קלער געבנדיק:

— אין אמתן — בין איך אָן שום באַגאַבונג.

אָבער דערדאָזיקער אײַנפאַל, נישט באַליידיקענדיק אים, איז פאַרשוואונדן געוואָרן און ער האָט אויפסניי זיך אָנגעהויבן צוהערן, ווי דורך אים פליסט, אויסליידיקענדיק, פאַרמלאָזס.

אויפגעשטאַנען איז ער פרי, שפּירנדיק אין קאָפּ עפּעס אַ מין שטויב, קלערנדיק:

— פונוואַנען, פון וואָס, דערשײַנען בײַ מיר אַזעלכע שטימונגען?

ווען ער האָט, אייגער אַליין, געטרונקען טיי, זענען אָנגעקומען טוראָבאָיעוו און וואַראַווקאַ, גרויע, אין רעגן-מאַנטלען; וואַראַווקאַ איז ענלעך געווען צו אַ פעסל, און טוראָבאָיעוו האָט אפילו אין דעם גרויען, ברייטן זאַק נישט אָנגעוואוירן זײַן אויסטערלישקייט, און אַראָפּוואַרפנדיק פון די אַקסלען די לייוונט, האָט ער זיך

אויסגעוויזן קלימען נאָך מער אויסגעגלייכט און מערקווירדיק מאַגער, זיינע קאַלטע אויגן האָבן זיך פאַרטיפט אין די בלוילעכע שאָטנס און עפּעס זייער טרויעריקס, שלעכטס האָט קלים אויפגעכאַפּט אין זייער אומבאַוועגלעכן בליק.

אויסטרייסלענדיק דעם שטויב פון דער באָרד, האָט וואַראַווקאַ געזאָגט קלימען, אַז די מוטער בעט אים נאָך מאָרגן אינאָוונט זיך אומצוקערן אין שטאָט אַריין.

— ס'קומען צו איר צו פאָרן דידאָזיקע מוזיקאַנטן, דו קאָנסט זיי, נו, איז...

ער האָט אומבאַשטימט אַ מאַך געטון מיט דער רויטער האַנט, און קלים האָט אַ קלער געטון כמעט מיט כעס:

— וואַראַווקאַ און די מוטער טרייבן מיך, דאַכט זיך, בכיוון, זיי ווילן, אַז איך זאָל וואָס וויניקער פאַרבלייבן מיט לידיען.

ס'האָט זיך אויך אַ קלער געטון, אַז די אים באַקאַנטע מענטשן זאַמלען זיך צוזויף אַרום אים מיט אויפפאַלנדער שנעלקייט, אַ נאַטירלעכע בלויז אויף דער טעאַטער־בינע אָדער אויף דער גאַס, באַם זען עפּעס אַן אומגליק. צו פאָרן אין שטאָט אַריין האָט זיך נישט געגלוסט, ס'האָט גערעגט די נייגיריקייט: ווי אַזוי וועט לידיאַ באַגעגענען טוראָבאָיעוון?

וואַראַווקאַ האָט אַרויסגעשלעפּט פון זיין דיקן פאָרטפעל פלאַנען, פּאַפּירן און גערעדט וועגן די האָפענונגען פון די ליבעראַלע „זעמצעס" אויפן נייעם קייסער. טוראָבאָיעוו האָט אים געהערט מיט אַ נישט דורכדרינגלעכן פּנים, זופנדיק מילך פון גלאָז. אין דער טיר פון דער טעראַסע איז געבליבן שטיין ליוטאָוו, אַ נאַסהאַריקער, אַ רויטער און האָט דערקלערט, פינטלענדיק מיט די שיקלדיקע אויגן:

— און איך — האָב מיך אָפּגעבאָדן!

— צו פרי, ר־ריזיקאַליש, האָט תרעומותדיק געזאָגט וואַראַווקאַ. — אָט, דערלויבט צו באַק... פאַרשטעלן אייך...

קלים האָט באַמערקט, אַז טוראָבאָיעוו האָט אַ דריק געטון ליוטאָווס האַנט זייער נאַכלעסיק, זיין אייגענע האָט ער תיכּף אַריינ-

גערוקט אין קעשענע און זיך אָנגעבויגן איבערן טיש צונויפֿקײַק־לענדיק אַ קײַלעכל פֿון ברויט. װאַראַיוקאַ האָט שנעל צונויפֿגע־רוקט דאָס געשיר, צעװיקלט אַ פֿלאַן און קלאַפֿנדיק איבער זײַנע גרינע פֿלעקן מיטן שטילעכל פֿון טײַ־לעפֿעלע. האָט ער געוו..ען רעדן װעגן די װעלדער, זומפּן, זאַמדן, און קלים איז אויפֿגעשטאַ־נען און אַװעקגעגאַנגען, פֿילנדיק, אַז אין אים צעפֿלאַקערט זיך אַ שנאה צו דידאָזיקע מענטשן.

אין װאַלד, אויפֿן באַרג, האָט ער אויסגעקליבן אַן אָרט, פֿונװאַנען מען האָט גוט געזען אַלע דאַטשעס, דעם טײַך־ברעג, די מיל, דעם װעג אין נישט גרויסן דאָרף ניקאַנאָװאָ, װאָס איז געלעגן נישט װײַט פֿון װאַראַװוקעס דאַטשעס. ער האָט זיך אַװעקגעזעצט אויפֿן זאַמד אונטער די בעריאָזעס און אויפֿגעעפֿנט ברונעטיערס ביכל „סימבאָליסטן און דעקאַדענטן“. אָבער צו לייענען האָט געשטערט די זון, און נאָך מער די גויטװעדיקייט צו זען, װאָס ס'טוט זיך דאָרט, אונטן.

לעבן דער מיל האָט אַ בערדיקער פֿויער אין אַ רויט העמד, אַ לעכערלעך קלײנטשיקער, פֿאַרשטאָפּט מיט פּאַקעלעס די דנאָ פֿון אַ לאָדקע, די דומפּע קלעפּ פֿון דעם הילצערנעם העמערל האָבן דײַטלעך געקלונגען אין דער שטילקייט.

פֿונקט אַזאַ קלײנטשיקע פֿויערטע האָט, אַלע מאָל אַ שאָקל געבנדיק מיטן פּאָדל, געטריבן צום טײַך גענז. צװײ ייִנגעלעך מיט װענטקעלעך אויף די פּלײצעס גײען מיטן ברעג, אײנער — אַ געלער, דער אַנדערער אַ בלויער. אָט שפּרייזט מאַקאַראָװ, פֿאָכענדיק מיטן האַנטוך; ער איז צוגעגאַנגען צום בריקל פֿון טײַך־באָד, האָט אַראָפּגעהאָנגען אַ באָרװעסן פֿוס אין װאַסער אַרײַן, אַרויסגעכאַפּט און אַ טרײסל געטון מיט אים, פֿונקט װי אַ הונט. דערנאָך האָט ער זיך אַנידערגעלײגט מיטן בויך אויפֿן בריקל אינדערברייט, אָפּ־געװאַשן דעם קאָפּ. דאָס פּנים און איז לאַנגזאַם אַװעקגעגאַנגען צו־ריק צו דער דאַטשע, אָפּװישנדיק אין גאַנג די האָר; ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט אַרומגעװיקלט מיטן האַנטוך דעם קאָפּ, ער װיל אים אָפּרײַסן.

צוגעװאַרעמט פֿון דער זון, פֿאַרשכורט פֿון די באַרוישנדיקע

אראָמאַטן פון וואַלד, איז קלים אַנדרימלט געוואָרן. ווען ער האָט אויפגעעפנט די אויגן, — איז אויפן ברעג פון טייך געשטאַנען סוּראָבאָיעוו און, אַראָפּגענומען דעם קאַפּעלוש, האָט ער זיך גע-דרייט, ווי אויף אַ שאַרניר. נאָך אַלינאַ טעליעפּניעוואַ, וועלכע איז געגאַנגען צו דער מיל. און לינקס, אינדערווייטנס, אויפן וועג אין דאָרף אַריין, איז ממש געשוואומען איבער דער ערד לידיעס דיקע הייסע פיגור.

— האָט זי אים געזעען? האָבן זיי גערעדט?

ער איז אויפגעשטאַנען, האָט געוואָלט אַראָפּגיין צום טייך. אָבער אים האָט אָפּגעשטעלט דאָס געפיל פון שווערער אומפריינד-שאַפט צו טוראָבאָיעוו, ליוטאָוון, צו אַלינען, וועלכע פאַרקויפט זיך, צו מאַקאַראָוון און לידיען, וועלכע ווילן נישט אָדער קאָנען נישט איר אָנווייזן אויף איר אומפאַרשעמטקייט.

— ווען איך וואָלט געווען אַזוי נאָענט מיט איר, ווי זיי.. אָבער, איבעריקנס, כאַפּט זיי דער רוח...

ער האָט פויל זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן זאַמד, וואָס איז שוין שטאַרק צעוואַרעמט געווען פון דער זון און געני־מען אויסווישן די ברילן־גלעזלעך, באַאָבאַכטנדיק טוראָבאָיעוון, וועלכער איז נאָך אַלץ געשטאַנען, פאַרקוועטשט זיין בערדל מיט צוויי פינגער און פאָ-כענדיק מיטן גרויען קאַפּעלוש אין זיין פּנים אַריין. צו אים איז צוגעקומען מאַקאַראָוו און אָט גייען זיי ביידע אין דער זייט פון דער מיל.

— אינדעראמתן זענען די אַלע חכמים — לאַנגווייליקע מענטשן. און — פאַלשע, — האָט זיך סאַמגין געצוואונגען צו קלערן, פילנדיק, אַז אים באַהערשט אויפס"יי די שטימונג פון דער איבערגעלעבטער נאַכט. — אין דער נשמה פון איטלעכן פון זיי, אונטער די ווערטער, ליגט זיכער עפּעס אייגנפּאַכס. דער חילוק צווישן זיי און מיר איז בלויז דערין, וואָס זיי קאָנען זיך ווייזן אַלס גלויבי-קע און אומגלויביקע, און בּאַ מיר איז נאָך נישטאָ נישט קיין פעס-טער גלויבן, נישט קיין שטאַנדהאַפטיקער אומגלויבן.

קלים סאַמגין האָט נישט דאָס ערשטע מאָל זיך פאַרגע-שטעלט, ווי אין אים רייסט זיך מעכאַניש אַריין פון דרויסן אָן

אַ שיעור שאַרפע, גלייכווערטיקע געדאַנקען. זיי זענען ווידערשפּרעכיק און מען מוז אָפּטיילן פון זיי יענע, וועלכע זענען צומיינסט גינסטיק פאַר אים. אָבער ווען ער האָט געפּרוווט ברענגען אין אָרדנונג אַלץ, וואָס ער האָט געהערט און געלייענט, צו שאַפן אַ קרייז פון מיינונגען, וועלכער זאָל אים דינען אַלס פּאַנצער קעגן דער פאַרגוואַלטונג פון די חכמים און זאָל אין דער זעלבער צייט מיט גענוגנדער פאַרביקייט אונטערשטרייכן זיין פּערזענלעכקייט, — פלעגט זיך אים דאָס נישט איינגעבן. ער האָט געפילט, אַז אין אים דרייט זיך אַ לאַנגזאַמער געווירבל פון פאַרשידענע מיינונגען, אידעען, טעאָריעס, אָבער דערדאָזיקער געווירבל מאַכט אים נאָר שוואַך, נישט געבנדיק גאָרנישט, נישט איינזייגנדיק זיך אין דער נשמה, אין שכל. טיילמאָל האָט אים שוין געשראָקן דאָסדאָזיקע שפּירן זיך אַליין, ווי אַ ליידיקייט, אין וועלכער ס'קאָכן אומאויפהערלעך ווערטער און געדאַנקען, קאָכן, נאָר דערוואַרעמען נישט. ער פלעגט אַפילו זיך פרעגן:

— איך בין דאָך נישט קיין נאַר?

אין דעמדאָזיקן הייסן טאָג, ווען ער האָט, זיצנדיק אויפן זאַמד, געקוקט, ווי פון דער מיל קערן זיך אום טוראַבאַיעוו, מאַקאַראָוו און צווישן זיי אַלינאַ, — האָט אין זיין קאָפּ אויפגעפלאַקערט אַ טרייסטנדיקע השערה:

— איך רעג זיך בחינם אויף. אינדעראמתן — איז אַלץ זייער איינפאַך: ס'איז נאָך נישט אָנגעקומען מיין צייט צו גלייבן. אָבער ערגעץ טיף אין מיין נשמה צייטיקט זיך שוין אַ קערנדל פון אמתדיקן גלויבן, פון מיין גלויבן, ער איז מיר נאָך נישט קלאָר, אָבער זיין פאַרבאָרגענער כוח שטויסט עס אָפּ פון מיר אַלדאָס פרעמדע, נישט דערלויבנדיק מיר אויפצונעמען עס. ס'זענען פאַראַן אידעען פאַר מיר און נישט פאַר מיר; איינע דאַרף איך דורכפילן, די אַנדערע דאַרף איך נאָר וויסן. איך האָב נאָך נישט באַגעגנט קיין אידעען „כעמיש קרובישע" מיר. קוטוזאָוו זאָגט ריכטיק, אַז פאַר יעדן סאָציאַלן יחיד עקזיסטירט אַ קרייז בליקן און מיינונגען, כעמיש אים קרובישע.

די דעריבערונג וועגן קוטוזאָוון האָט אַ ביסל צעטומלט קלימען, ער האָט זיך דערפילט אינגאַנצן אָנגעשטויסן אַן

עפעס א סתירה, אָבער ער איז שנעל זי פאַרבייגעגאַנגען, זאָגנ־דיק זיך:

— דאָ איז פאַראַן אַ פּלאָנטער, אָבער ער באַווייזט נאָר, אַז באַנוצן זיך מיט פרעמדע אידעען — איז געפערלעך. ס'איז דאָ אַ קאָרעקטאָר, וועלכער באַמערקט דידאַקטיקע גרייזן.

דערנאָך האָט סאַמגין אויפסניי זיך אומגעקערט צו זיין השערה:

— אַט פאַרוואָס מיר דאַכט זיך טיילמאָל, אַז מיינע געדאַנקען קאָכן אין אַ ליידיקן רוים. און דאָס, וואָס איך האָב געפילט באַנאַכט, איז, געוויס, די אָנרייפונג פון מיין גלויבן.

ער האָט פאַרזיכטיק אַ שמייכל געטון, דערפרייט פון זיין אַנטדעקונג, נאָר נישט איינגאַנצן נאָך איבערצייגט אין איר ווערטפולקייט. אָבער איבערצייגן זיך אין דעם איז שוין נישט שווער געווען; געקלערט נאָך עטלעכע מינוט, איז ער אויפגעשטאַנען אויף די פיס, מיט פאַרגעניגן זיך אַ ציי געטון, אויסגלייכנדיק די מידע מוסקולן און איז מונטער אַוועקגעגאַנגען אהיים.

וואַראַווקאַ און ליוטאָוו זענען געזעסן באַם טיש, ליוטאָוו מיטן רוקן צו דער טיר; אַריינגייענדיק אין צימער, האָט קלים דערהערט ליינע ווערטער:

— די ערשטע פידל אין אַ צייטונג איז נישט דער לייט־אַרטיקלער, נאָר דער פעליעטאָניסט...

וואַראַווקאַ האָט באַגעגנט קלימען רוגזאַדיק:

— וואו ביסטו געווען? מען האָט דיך געזוכט צום פרישטיק און נישט געפונען. און וואו איז טוראָבאָיעוו? מיט די פריילינס? הם... יאָ! אַט וואָס, קלים, זיי אַזוי גוט, שרייב איבער דידאַקטיקע צוויי פּאַפּירלעך.

ליוטאָוו האָט אַ בליק געטון אויף קלימען פון אונטערן שטערן אַפער, פאַרדעכטיק, דערנאָך, צובייגנדיק זיך איבער אַ בויגן פּאַפּיר און אונטערשטרייכנדיק עפעס מיטן בליישטיפט, געזאָגט:

— דער פעטער וועט, מסתמא, נישט איינגיין אויף אייערע באַדינגונגען.

און נערוועיש אַ כאַפּ געגעבנדיק אַ פלעשל פון טיש, האָט ער אָנגעגאָסן אין זיין גלאָז אַריין ביר. דריי פלעשלעך זענען שוין געווען ליידיק. קלים איז אַוועקגעגאַנגען און, איבערשרייבנדיק די פּאַפּירן, זיך צוגעהערט צו וואַראַוועקעס און ליוטאָווס אומדייטלעכע שטימען. די שטימען זענען באַ ביידע געווען כמעט אַלציינס הויכע און זיי האָבן צייטנווייז אַזוי מאָדנע אַרויסגעקוויטשעט, ווי ס׳וואָלטן זיך געבייזערט, בענקענדיק, צוויי קליינע הינטלעך, פאַרשלאָסענע אין צימער.

טוראָבאָיעוו, מאַקאַראָוו און די פרייליינס זענען דערשינען ערשט צו דער אָוונט-טיי. קלים האָט גלייך באַמערקט, אַז לידיאַ איז געשטימט נישט פריילעך, פאַרטראַכט, אָבער ער האָט דאָס דערקלערט מיט מידקייט. מאַקאַראָוו האָט געהאַט אַ מינע פון אַ מענטש, וואָס האָט זיך ערשט אויפגעכאַפּט, אַ צעשטרייטער שמייכל האָט צעצויגן זיינע שיין געשניצטע ליפּן, ער האָט, ווי געוויינלעך, אומאויפהערלעך גערייכערט, דער פּאַפּיראָס האָט זיך גערויכט אין מויל-ווינקל און זיין רויך האָט געצוואונגען מאַקאַראָוון צו פאַרמרוזשען דאָס לינקע אויג. ס׳איז געווען מאָדנע צו זען, ווי אויפמערקזאַם און פאַרוואונדערט אַלינאַ קוקט אויף טוראָבאָיעוון, און אין די קאַלטע אויגן פון דעם פריצל איז קענטיק פאַרזאָרגטקייט, אָבער דאָס געוויינלעכע שאַרפע שמייכעלע — איז נישטאָ. זיי אַלע זענען אָנגעקומען אין דער מינוט, ווען קלים סאַמגין האָט באַאָבאַכטעט דאָס בילד פון דעם ווערטער-שטורם צווישן וואַראַוועקען און ליוטאָוון.

ס׳איז געווען עפּעס הונגעריקס, ליידנשאַפטלעכס און, ענדלעך, אַפילו קאָמישס אין דער היציקייט, מיט וועלכער דידאָזיקע מענטשן האָבן זיך געשפּאַרט. ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז זיי האָבן שוין לאַנג געזוכט אַ געלעגנהייט צו באַגעגנען זיך, כדי צו שליידערן אין די פּנימער איינער דעם אַנדערן איראָנישע אויסגעשרייען, צו קרימען זיך מיט חוזקדיקע גרימאַסן און אויף כלערליי אופנים זיך קעגנזייטיק אַרויסצוווייזן אומאַכטונג. וואַראַוועקאַ איז גע-

וועסן, נאַכלעסיק צעלייגט זיין קערפּער אינם געפּלאָכטענעם פּאָטעל, אויסגעצויגן די קורצע פיס, אַריינגערוקט די הענט אין די קעשענעס פון די הויזן, — ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט אַריינגעשטעקט די הענט אין זיין בויך אַריין. הערנדיק, האָט ער אָנגעבלאָזן די רויטע באַקן, צוגעמרוזשעט די בערישע אייגעלעך, און ווען ער האָט גערעדט, האָט זיין גרויסע באָרד כוואַליעגהאַפּטיק זיך אויסגעבויגן אויפן באַטיסט פונם העמד, ממש ווי אַ ריזיקע צונג, וואָס איז גרייט אַלץ אַראָפּצולעקן.

— דערלויבט, דערלויבט! — האָט ער דורכדרינגלעך אויסגעשריגן. — איר האָט אָנערקענט, אַז די אינדוסטריע פון לאַנד געפינט זיך אין אַן עלעמענטאַרן מצב און נישט געקוקט אויף דעם אָנערקענט איר פּאַר מעגלעך, אפילו אַלס נויטווענדיק, איינצופלאַנצן אין די אַרבעטער האַס צו די אינדוסטריעלער?

— כע־כע־כע! — האָט ליוטאָוו געלאַכט מיט אַ פּאָנפּענדיק, רייצנדיק געלעכטער. — צו דעם גיט נאָך צו, אַז דער קלאַסןהאַס פּאַרהאַלט אומפּאַרמיידלעך די אַנטוויקלונג פון דער קולטור, ווי ס'ווייזט באַשיינפּערלעך דער ביישפּיל אין אייראָפּע...

קלימען האָט געחידושט דאָסדאָזיקע געלעכטער, אין וועלכן ס'איז נישט געווען קיין שום לעכערלעכס, נאָר ס'האָט בולט געקלונגען רייצנדיקע חוצפּה. ליוטאָוו איז געזעסן אויפן ראַנד פון אַ שטול, איינגעבויגן דעם רוקן, אָנשפּאַרנדיק זיך מיט די האַנט־פלאַכן אין די קניען. קלים האָט געקוקט, ווי זיינע שיקלדיקע אויגן ציטערן אין דער שטרעבונג זיך אָפּצושטעלן אויף וואַראַוקעס געזיכט, נאָר זיי קאָנען דאָס נישט און שפּרינגען, צווינגענדיק ליוטאָוון צו דרייען מיטן קאָפּ. קלים האָט אויך געזען, אַז דערדאָזיקער מענטש רופט אַרויס אַן אומפּריינדשאַפט צו זיך פון אַלע, אַ חוץ לידיען, וועלכע האָט אָנגעגאָסן טיי. מאַקאַראָוו האָט אַרויסגעקוקט אין דער געפענטער טיר פון דער טעראַסע און בפירוש גאָרנישט געהערט, קלאַפּנדיק מיט אַ לעפעלע איבער די נעגל פון דער לינקער האַנט.

— אָבער — די מאַטיוון? אייערע מאָטיוון? — האָט אויס-

געשריגן ווארצווקא. — וואָס באַוועגט אייך צו אָנערקענען דעם האָס...

— דער פאַמיליע-נאָמען, — האָט אַרויסגעקוויטשעט ליו-טאָוו. — כ'האָב גרויזאַם*) פיינט די לאַנגווייליקייט פון לעבן...

טוראָבאָיעוו האָט זיך אַ קרום געטון. באַמערקנדיק דאָס, האָט אַלינאַ זיך אָנגעבויגן צו לידיען, איר איינגערוימט עפּעס און באַהאַלטן דאָס פאַררויטלטע פּנים הינטער די אַקסל. נישט געבנדיק קיין בליק אויף איר, האָט לידיאַ צוועקגעשטופּט איר שאָל און זיך אָנגעכמורעט.

— וולאַדימיר איוואַנאָוויטש! — האָט אויפגעפאָדערט וואַ-רצווקאַ. — מיר רעדן ערנסט, אמת?

— פולשטענדיק, — האָט אויפגערעגט אַ געשריי געטון ליוטאָוו.

— וואָס-זשע ווילט איר?

— פרייהייט!

— אַנאַרכיזם?

— ווי איר ווילט. ווי באַלד פירשטן און גראַפן פרעדיקן בײַ אונדז עקשנותדיק אַנאַרכיזם, — דערלויבט זשע אויך אַ סוחרישן זון גוטמוטיק אַ ביסל צו פּלוידערן אויף דערדאָזיקער טעמאַ. דער-לויבט דעם מענטש איבערצולעבן די גאַנצע זיסקייט און די גאַנצע גרויל, — יאָ, די גרויל! — פון פרייהייט פון האַנדלונג. אומבאַ-גרענעצט דערלויבט.

— און דערנאָך? — האָט הויך אַ פרעג געטון טוראָ-באָיעוו.

ליוטאָוו האָט זיך אַ וויג געטון אויף דער שטול אין זייט אַריין, אויסגעשטרעקט צו אים די האַנט.

— און דערנאָך וועט ער זיך אַליין, מיטן אייגענעם ווילן באַגרענעצן. ער איז — אַ פּחדן, ער איז אַ מענטש — אַ גיריקער. ער איז אַ קלוגער, ווייל ער איז אַ פּחדן, טאָקע דערפאַר. דער-

*) אויף רוסיש שטייט דאָ דאָס וואָרט: ליוטאָ. — איבערז.

לויבט אים איבערצײַשרעקן זיך פֿאַר זיך אַלײן. דערלויבט דאָס און איר וועט באַקומען הערלעכע, מילדע מענטשן, טיכטיקע מענטשן, וועלכע וועלן תּיכּף זיך צוימען, וועלן ביַנדן זיך אַלײן און אײנער דעם אַנדערן און וועלן איבערגעבן... און וועלן זיך איבערגעבן דעם גאָט פֿון וואוילטעגערישן און פֿרידלעכן לעבן...

וואַראַווקאַ האָט אויפֿגעבראַכט אַרויסגעריסן די האַנט פֿון קעשענע און זיך אָפּגעיאָגט:

— אַנטשולדיקט, דאָס איז... נישט ערנסט!

— מען מעג זאָגן עטלעכע ווערטער? — האָט אַ פֿרעג געטון טוראַבאָיעוו. און נישט וואַרטנדיק אויף קײן תּשובֿה, האָט ער אָנגעהויבן רעדן, נישט קוקנדיק אויף ליוטאָוון:

— ווען איך הער וויכּוחים, שאַפֿט זיך בײַ מיר אַ ביסל אַ באַליידיקנדיקער אײַנדרוק: מיר, רוסישע מענטשן, קאָנען נישט געוועלטיקן מיטן שׂכל. בײַ אונדז פֿירט נישט דער מענטש זיך מיט דער מחשבֿה, נאָר זי פֿאַרקנעכטעט אים. איר געדענקט, סאַמגין, קוטוזאָוו פֿלעגט אָנרופֿן אונדזערע וויכּוחים „פּאַראַד פֿון פּאַראַדאָקסן“?

— נו? איז — וואָס זשע? — האָט העפֿטיק אַ קוויטש געטון ליוטאָוו.

— בײַ אונדז איז פֿאַראַן אַן אַ שיעור מענטשן, וואָס, אָנגעמענדיק אַ פֿרעמדן געדאַנק, קאָנען זײ נישט, האָבן אַפֿילו אַזוי מורא צו קאָנטראָלירן אים, אַרײַנצוטראָגן אויסבעסערונגען פֿון זיך, נאָר, פֿאַרקערט, זײ שטרעבן בלויז אויסצוגלײַכן אים, פֿאַרשפּיצן און אַרויסטראָגן איבער די גרענעצן פֿון דער לאָגיק, איבער די גרענעצן פֿון מעגלעכן. בכלל דאַכט זיך מיר, אַז דאָס דענקען פֿאַר אַ רוסישן מענטש איז עפּעס אומנאַטירלעכס און אַפֿילו שרעקנדיקס, הגם רייצנדיקס. דאָסדאָזיקע נישט קאָנען אָפּערירן מיטן פֿאַרשטאַנד רופֿט אַרויס בײַ אײנע אַ מורא פֿאַר אים, אַ פֿײַנדשאַפֿט צו אים, בײַ אַנדערע — אַ קנעכטיש אונטערוואַרפֿן זיך זײַן שפּיל, דעם שפּיל, וואָס דעמאָראַליזירט אָפּט די מענטשן.

— ליוטאָוו האָט שטאַרק געריבן די הענט און געשמייכלט, און קלים האָט אַ קלער געטון, אַז אָפּטער פון אַלעם, כמעט אפילו שטענדיק קומט אים אויס צו הערן שיינע געדאַנקען אויסן מויל פון אומאָנגענעמע מענטשן. אים זײַנען געפעלן ליוטאָווס געשרייען וועגן דער נויטווענדיקייט פון פרייהייט, אים האָט אויסגעזען ריכטיק טוראָבאָיעווס אָנווייזונג אויף דער רוסישער אומקענטעניש צו אָפּערירן מיטן געדאַנק. פאַרטראַכטנדיק זיך, האָט ער נישט דערהערט עפּעס אין טוראָבאָיעווס רייד און איז איבערגעשראָקן געוואָרן פון ליוטאָווס געשריי:

— גאַווהדיקע דרשות!

— בײַ אונז איז פאַראַן אַ באַרבאַריש לעכצן נאָך אַ געדאַנק, אַ באַזונדער גלאַנציקן, דאָס דערמאָנט דאָס גלוסטן פון ווילדע מענטשן צו גלעזערנע קרעלן, — האָט גערעדט טוראָבאָיעוו, נישט געבנדיק קיין בליק אויף ליוטאָוון, באַטראַכטנדיק די פינגער פון זײַן רעכטער האַנט. — איך מיין, אַז נאָר דערמיט קאָן מען דערקלערן אַזעלכע קוריאָזן, ווי וואָלטעריאַנער — פעאָדאַליסטן, דאַרוויניסטן — פּאָפּישע קינדער, אידעאַליסטן צווישן סוחרים פון ערשטער גילדע און מאַרקסיסטן פון דעמזעלבן קלאַס.

— דאָס איז — אַ שטיין אין מיין גאָרטן אַרײַן?

— ניין, איך וויל נישט פאַרטשעפּען קיינעם; איך באַמי זיך דאָך נישט צו איבערצייגן, נאָר — כ'דערצייל, — האָט געענטפערט טוראָבאָיעוו, אַ קוק געבנדיק אין פענצטער. קלימען האָט זייער פאַרוואונדערט דער ווייכער טאָן פון זײַן ענטפער. ליוטאָוו האָט זיך געדרייט, אונטערשפּרינגענדיק אויף דער שטול, שטרעבנדיק צו דערווידערן, האָט ער באַטראַכט אַלע אין צימער, אָבער זעענדיק, אַז מען הערט טוראָבאָיעוון אויפמערקזאַם, האָט ער צוגעשמייכלט און געשוויגן.

— איך ווייס נישט, צי קאָן מען דערקלערן דידאָזיקע באַגיריקייט צו פרעמדס אַלס נויטווענדיקייט פאַר די אָרגאַניזירנדיקע אידעען פון אונזער לאַנד, — האָט געזאָגט טוראָבאָיעוו, אויפשטייענדיק.

ליוטאָוו איז אויך אויפגעשפּרונגען!

— און די סלאַוויאַנאָפילן ? די פאָלקיסטן ?

— „אייגע זענען שוין נישטאָ, און די אַנדערע זענען ווייט” פון דערווירקלעכקייט, — האָט געענטפערט טוראַבאַיעוו, צום ערשטן מאָל פאַר דער גאַנצער צייט פון וויכוח אַ שמייכל געבנדיק.

אַרויפשפּרינגענדיק אויף אים, האָט ליוטאָוו געשריגן :

— אָבער איר, איר זענט דאָך אויך נישט זעלבשטענדיק אין די געדאַנקען. אוי, ניין ! טשאַאַדאַיעוו...

— האָט אַ קוק געטון אויף רוסלאַנד מיט די אויגן פון אַ קלוגן און ליבנדיקן אייראָפּעער.

— ניין, וואַרט-צו, זאָגט נישט אונטער...

אַרויפשפּרינגענדיק אויף טוראַבאַיעוון, האָט ליוטאָוו אים אַרויסגעשטופּט אויף דער טעראַסע און דאָרטן אַ געשריי געטון :

— קלאַסן-אידעאָלאָגיע...

מען האַלט, אַז קיין אַנדערע איז נישט מעגלעך...

— אַ מאָדנער טיפּ, — האָט אַ מורמל געטון וואַראַווקאַ און לויט זיין שיפן בליק אין אַלינעס זייט, האָט קלים פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז געזאָגט געוואָרן וועגן ליוטאָוון.

אַ מינוט צוויי האָבן די פיר אין צימער געשוויגן, צוהערנדיק זיך צום וויכוח אויף דער טעראַסע, דער פינפטער, מאַקאַראָוו, איז אָן בושה געשלאָפן אין ווינקל, אויף אַ נידעריק בענקעלע. לידיאַ און אַלינאַ זענען געזעסן באַנאַנד, אַקסל צו אַקסל, לידיאַ האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ, איר פּנים האָט מען נישט אָנגעזעען, די הברטע האָט איר עפּעס געשושקעט אין אויער אַריינצוגעמאַכט די אויגן, האָט וואַראַווקאַ גערייכערט אַ ציגאַר.

אַצינד, ווען מיר האָבן געוויזן איינער דעם אַנדערן די פּעצער פון אונזער אָריגינאַליטעט... וואָס איז ?

אַ דריטע שטימע, אַ הייזעריקלעכע און פאַראומערטע, האָט אַרויסגערעדט :

— אפשר ווילט איר פאַנגען אַ וועלס, מיינע הערן ? דאָ

לעבט, פון אייער הנאה וועגן, א וועלט, פון א דריי פוד... ס'איז אינטערעסאַנט צום פּראָווירן זיך...

קלים איז אַרויסגעגאַנגען אויף דער טעראַסע, פאַר איר איז געשטאַנען דער פויער מיטן הילצערנעם פוס און אויפהייבנדיק דאָס פוטערנע פּנים זיינס, האָט ער גערעדט, איינבעטנדיק:

— איך וואָלט אייך פאַר אַ קערבלעך פינף און צוואַנציק אויסגעצייכנט איינגעאָרדנט דאָס געפאַנג. דער פיש — איז אַ גע־פערלעכער. איר וואָלט זיך נאָכדעם געקאָנט רימען פאַר די אייגע־נע, באַקאַנטע...

טוראַבאַיעוו איז אַוועקגעגאַנגען אין אַ זייט. ליוטאַוו האָט, אויסשטרעקנדיק דעם האַלז, אויפמערקזאַם באַטראַכט דעם פויער, דעם ברייטפּלייציקן, אין דעם גרויסאַרטיקן שייטל גרויע האָר, אין דעם רויטן העמד אָנם פּאַסעק; אַנדערטהאַלבן פיס זיינע זענען געווען אָנגעטון אין בלויע הויזן. אין איין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ מעסער, אין דער אַנדערער אַ הילצערן קריגל און, רעדנדיק, פּאַרשניצט מיטן מעסער דעם אויסגעשטשערבעטן ראַנד פון קריגל, וואַרפנדיק בליקן אויף די הערן פון אונטן אַרויף מיט די העלע אויגן. דאָס פּנים איז בײַ אים געווען אַ געשעפּטלעכס, זאָגאַר אַ מרה־שחורהדיקס, דאָס קול האָט געקלונגען האָפנונגסלאָז, און ווען ער האָט אויפגעהערט צו רעדן, האָבן זיינע ברעמען שווערמוטיק זיך אָנגעכמורעט.

ליוטאַוו איז אייליק אַראָפּגעגאַנגען צו אים און גע־זאָגט:

— קומט.

ער האָט זיך געלאָזט גיין צום טייך. דער פויער האָט אומ־געלומפּערט אים נאָכגעהיפּעט. אין צימער האָט זיך צעלאַכט אַלינאַ.

— ווי געפעלט אייך ליוטאַוו? — האָט קלים געפרעגט טו־ראַבאַיעוון, וועלכער האָט זיך צוגעזעצט אויפן פּאַרענטש פון דער טעראַסע. — אָריגינעל?

— ער איז נישט פון יענע מענטשן, וואָס רופן אַרויס מיין אַכטונג, אָבער — אינטערעסאַנט, — האָט געענטפערט טוראַבאַיעוו.

אַ קלער געבנדיק אַ ווײַלע און שטילערהייט. — ער האָט זייער גיפּטיק געזאָגט וועגן קראַפּאָטקינען, באַקונינען, טאָלסטאָיען און וועגן דעם רעכט פֿון אַ סוהרישן זון גוטמוטיק אַ פֿלוידער צו טון אַ ביסל. דאָס איז — דאָס סאַמע קלוגסטע, וואָס ער האָט געזאָגט.

איינע נאָך דער אַנדערער זענען אַרויסגעקומען פֿון צימער לידיאַ און אַלינאַ. לידיאַ האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף די שטיגן פֿון דער טעראַסע, אַלינאַ, אַ קוק געבנדיק פֿון אונטער דער דלאָניע אַפּער אויף דער אונטערגייענדיקער זון, איז רווישלאָז, מיט אַ גליטשיקן גאַנג, פּונקט ווי איבער אייז, צוגעגאַנגען צו טוראַבאַיעוון.

— דאָס האָב איך שוין גאַרנישט געקלערט, אַז איר האָט אויך ליב צו פֿירן וויכּוחים!

— דאָס איז — אַ חסרון?

— יאָ, געוויס. דאָס איז — זקנמעסיק...

— „אונזער דור קען נישט קיין יוגנט“, — האָט געזאָגט טוראַבאַיעוו.

— אוי, נאַדסאָן! — האָט ביטולדיק, מיט אַגרימאַסע, אויסגערופֿן אַלינאַ. מיר דאַכט זיך, אַז פֿירן וויכּוחים האָבן ליב בלויז מענטשן שלימזלדיקע, אומגליקלעכע. גליקלעכע — לעבן שווייגנדיק.

— אַזוי גאָר?

— יאָ. און די אומגליקלעכע איז שווער זיך מודה צו זײַן, אַז זיי קאָנען נישט לעבן און דעריבער רעדן זיי, שרײַען זיי. און אַלץ — דערלעבן, אַלץ נישט וועגן זיך, נאָר וועגן דער ליבע צום פֿאָלק, אין וועלכער קיינער גלייבט גאָרנישט.

— אָהאָ! איר זענט אַ מוטיקע, — האָט געזאָגט טוראַבאַיעוו און שטילערהייט, ווייך זיך צעלאַכט.

אי דער ליבלעכער טאָן, אי דאָס געלעכטער האָבן אויפגערעגט סאַמגינען. ער האָט איראָניש אַ פֿרעג געטון:

— דאָס רופֿט איר אָן מוט? ווי אַזוי זשע וועט איר אָנרופֿן די נאַראָדאָוואָלצעס, די רעוואָלוציאָנערן?

— אויך מוטיקע מענטשן. באַזונדער יענע, וואָס מאַכן די רעוואָלוציע אומאייגנוציק, אויס בייג־ריקייט.

— דאָס רעדט איר וועגן אַוואַנטוריסטן.

— פאַרוואָס ? וועגן די מענטשן, וועלכע ס'איז ענג צו לעבן און וועלכע באַמיען זיך צו פאַרשנעלערן די געשעענישן. קאַרטעס און קאָלומבוס זענען דאָך אויך אויסדריקער פון פאָלקס־ווילן, פּראָפעסאָר מענדעליעעוו איז נישט ווייניקער רעוואָלוציאָנער, ווי קאַרל מאַרקס. בייגיריקייט איז טאָקע מוט. און ווען בייגיריקייט פאַרוואַנדלט זיך אין ליידנשאַפט, איז עס שוין — ליבע.

אַ קוק געבנדיק אויף טוראָבאָיעוון דורך דעם אַקסל, האָט לידיאַ געפרעגט :

— איר רעדט אויפריכטיק ?

— יאָ, — האָט ער נישט באַלד געענטפערט.

קלים האָט געשפירט, אַז דערדאָזיקער מענטש דענערווירט אים אַלץ מער. אים האָט זיך געוואָלט דערווידערן קעגן דעם גלייכשטעלן בייגיריקייט מיט מוט, אָבער ער האָט נישט געפונען קיין דערווידערונגען. ווי תמיד ווען מען האָט אין זיין אַנוועזנהייט געזאָגט פאַראַדאָקסן מיטן טאָן פון אַן אמת, האָט ער מקנא געווען די מענטשן, וואָס קאָנען דאָס טון.

ליוטאָוו האָט זיך אומגעקערט און געשריגן, פאָכענדיק מיטן טיכל :

— באַגינען וועלן מיר גיין כאַפּן דעם וועלס ! כ'האָב אויסגעדונגען פאַר דרייצען רובל.

אַרויפגעלאָפן אויף דער טעראַסע, האָט ער אַ פרעג געטון אַלינען :

— באַשערטע ! איר האָט קיינמאָל נישט געכאַפּט קיין וועלס ?

זי איז דורכגעגאַנגען פאַרביי אים, זאָגנדיק :

— נישט קיין פיש, נישט קיין זשוראַוון אין הימל...

— כ'באַרשטיי ! — האָט אַ געשריי געטון ליוטאָוו. —

איר ווילט ליבערשט אַ מייזע אין די הענט אריין*) ! מיין אָנער־קענונג !

קלים האָט געזען, אַז אַלינאַ האָט האַסטיק זיך אַ דריי אום געטון, געמאַכט אַ טריט צום חתן, אָבער זי איז צוגעגאַנגען צו לידיען און זיך אוועקגעזעצט לעבן איר, אַרומצופנדיק זיך, פונקט ווי אַ הון פאַר אַ רעגן. רייבנדיק די הענט, קרימענדיק די ליפּן, איז ליוטאָוו געשטאַנען, באַטראַכטנדיק אַלע מיט אויפגערעגט לויפנדיקע אויגן, און דאָס פּנים איז באַ אים אַזויווי פאַרשכורט געוואָרן.

— מיר לעבן אין באַגיין עבירות, — האָט ער אַרויסגע־מורמלט. — און, אָט, דער פויער... יאָ.

דאַכט זיך אַלע האָבן באַמערקט, אַז ער האָט זיך אומגעקערט אין נאָך אַ מער צעיאַכמעטער שטימונג. — טאַקע דערמיט האָט סאַמגין זיך דערקלערט די אומהעפלעכע, אָפּוואַרטנדיקע שווייגעניש אַלס תשובה ליוטאָוון. טוראָבאָיעוו האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיטן רוקן אָן דער געטאָקטער קאַלאָנקע פון דער טעראַס ; צונויפגעקרייצט די הענט אויף דער ברוסט, אָנכמורענדיק די געהאָפטענע ברעמען, האָט ער אויפמערקזאַם געכאַפּט ליוטאָווס לויפנדיקען בליק, אַזוי ווי דערוואַרטנדיק אַן אָנפאַל.

— איך — בין מסכים ! — האָט געזאָגט ליוטאָוו, מיט דראָבנע טריט צוגייענדיק האַרט צו אים. — ס'איז ריכטיק: אָדער מיר בלאָנדזשען אַרום אין די הייל̈ן פון שכל אָדער מיר אַנטלויפן פון אים, ווי איבערגעשראָקענע נאַראָנים.

ער האָט אַ פּאָך געטון מיט דער האַנט אַזוי שנעל, אַז טו־ראָבאָיעוו האָט, אַ פינטל געבנדיק, זיך אַ רוק אָפּ געטון, אויס־מיידנדיק אַ קלאַפּ. ער האָט זיך אַ רוק געטון און בלאָס גע־

---

*) פאַראַן אַ רוסיש שפּריכוואָרט : „זאָג נישט צו קיין זשוראַוו אין הימל, גיב בעסער אַ מייזע אין די הענט אריין.״ אויף יידיש איז דאָ אַן ענלעך גלייכווערטל : „בעסער אַ נאָענטער גראָשן איידער אַ ווייטער גילדן״. — איבערז.

וואָרן, ליוטאָוו האָט, אַפּנים, נישט באַמערקט די באַוועגונג און נישט געזעען דעם בייזן אויסדרוק, ער האָט פאַרגעזעצט, טרייסלענדיק מיט דער האַנט, ווי דער זיך טרינקענדיקער באָריס וואַראַווקא.

— אָבער — דאָס איז דערפאַר, וואָס מיר זענען אַ מעטאַפיזיש פאָלק. — באַ אונז איז אין יעדן פּראָווינציעלן סטאַטיסטיקער אַ פּיפאַגאָר פאַרבאָרגן און אונזער סטאַטיסטיקער נעמט אויף מאַרקסן ווי סוועדענבאָרגן אָדער יאַקאָוו בעמע. אויך די וויסנשאַפט קאָנען מיר נישט פאַרשטיין אַנדערש ווי אַלס מעטאַפיזיק, פאַר מיר, דהיינו, איז מאַטעמאַטיק — מיסטיק פון ציפערן, און פשוטער — אַ כשוף.

— נישט ניי, — האָט שטיל אַריינגעשטעלט טוראָבאָיעוו.

— דאָס איז — נאַרישקייטן, אַז דער דייטש — איז כלומרשט אַ געבוירענער פילאָזאָף, דאָס איז — שטותים! — האָט אַראָפּלאָזנדיק די שטימע און זייער שנעל גערעדט ליוטאָוו און באַ אים האָבן זיך איינגעבויגן די פּיס. — דער דייטש פילאָזאָפירט מעכאַניש, אויס טראַדיציע, פאַכמעסיק, אין די יום-טובים. אָבער מיר — ליידנשאַפטלעך, זעלבסטמערדעריש, טאָג און נאַכט, סיי אין חלום סיי אויף דער ברוסט פון דער געליבטער, סיי אויפן טויטן-בעט. אייגנטלעך, פילאָזאָפירן מיר נישט, וואָרים דאָס איז באַ אונז, זאָלט איר וויסן, נישט פון שכל, נאָר — פון דמיון, מיר — רעזאָנירן נישט, נאָר — טרוימען מיט דער גאַנצער קראַפט פון דער היהשער נאַטור. די חיהשקייט — פאַרשטייט נישט אין טאַדלענדיקן, נאָר אין מעסטנדיקן זינען.

אַ צעפאַך געבנדיק מיט די הענט, האָט ער אָנגעצייכנט אין דער לופט אַ ברייטן קרייז.

— אָט אַזוי פאַרשטייט. גרענעצלאָזיקייט און אומגעזעטיקטקייט. קיין שכלען ווערט באַ אונז נישט אַנטדעקט, באַ אונז זענען — שגעונדיקע טאַלענטן. און מיר אַלע שטיקן זיך, אַלע — פון אונטן ביז אַרויף. מיר פליען און פאַלן. אַ פויער דערהייבט זיך צו פּרעזידענט פון וויסנשאַפט-אַקאַדעמיע, אַריסטאָקראַטן נידערן

אַראָפּ אַלס פויערן. און וואו וועט איר נאָך געפינען אַזאַ פאַר־שידנאַרטיקייט און שפע פון סעקטעס, ווי בא אונז ? און — סאַמע אַבערגלויבישסטע : סקאָפּצעס, כליסטן, רויטער טויט. זעלבסט־צינ־דער, אין דמיון ברענען מיר, פון איוואַן דעם גרויזאַמען און אוואַקום דעם פּראָטאָפּאָפּ, ביז באַקונין מיכאַילאַ, ביז ניעטשאַיעוון און ווסעוואָלאָד גאַרשינען. ניעטשאַיעוון — פּטויסט נישט אָפּ, מען מאָר נישט ! וואָרים דאָס איז — אַן אויסגעצייכנט רוסישער מענטש ! ליטן גייסט — אַ לייבלעכער ברודער קאָנסטאַנטין לעאָנטיעוון און אויך קאָנסטאַנטינען פּאָביעדאָנאָסצעוון.

ליוטאָוו איז אונטערגעשפּרונגען, האָט געפּאַכעט מיט די הענט, אינגאַנצן צערייסנדיק זיך, אָבער גערעדט אַלץ שטילער, טיילמאָל — כמעט אין פּליסטער. אין אים האָט זיך באַוויזן עפּעס אומהיימלעכס, שכורדיקס און ווירקלעך לײדנשאַפטלעכס, דורך און דורך חושימהאַפּטיקס. ס'איז קענטיק געווען, אַז טוראָבאָיעוון איז שווער צו הערן זיין פּליסטער און שטילן געוואַי, צו קוקן אין דעם־דאָזיקן אויפגערעגטן, רויטן פּנים אַריין מיט די אויסגעלענקטע אויגן.

— ווי אַזוי־זשע וועט מיט אים לעבן אַלינאַ ? — האָט אַ קלער געטון קלים, אַ בליק געבנדיק אויף דעם מיידל ; זי איז געזעסן, אַנידערגעלייגט דעם קאָפּ אויף לידיעס קניען, לידיאַ האָט, שפּילנדיק זיך מיט איר צאָפּ, אויפמערקזאַם געהערט.

— איר זענט, דאַכט זיך, אין אַ סך מסכים מיט דאָסטאָ־יעווסקין ? — האָט געפרעגט טוראָבאָיעוו. ליוטאָוו האָט זיך אַ רוק געטון פון אים.

— ניין ! אין וואָס ? לחלוטין נישט. כ'האָב נישט ליב.

אין דער טיר האָט זיך באַוויזן מאַקאַראָוו און בייז אַ פרעג געטון :

— וולאַדימיר, ווילסט מילך ? קאַלטע.

— דאָסטאָיעווסקי איז אונטער דער ווירקונג פון דער קאַ־טאָרגע. וואָס איז אַזוינס זיין קאַטאָרגע ? אַ פּאַראַד. ער איז ווי אַן אינספּעקטאָר אויף אַ פּאַראַד אויף דער קאַטאָרגע געווען. און דאָס גאַנצע לעבן האָט ער גאָרנישט געקאָנט שרייבן, אַ חוץ וועגן קאַ־

טאַרזשניקעס, און אַ רעכטפאַרטיקער מענטש איז באַ אים אַן „אי־דיאָט". דאָס פאָלק האָט ער נישט געקענט, וועגן אים נישט גע־טראַכט.

ס'איז אַרויסגעקומען מאַקאַראָוו, האָט דערלאַנגט לידיען אַ גלאָז מילך און זיך אַנידערגעזעצט לעבן איר. הויך אַרויסוואַר־טשענדיק:

— ס'וועט נעמען אַ מאָל אַ סוף צום דאָזיקן ווערטער־מבול?

ליוטאָוו האָט אים אַ דראַ געטון מיט דער פויסט.

— אונזער פאָלק — איז דאָס פרייסטע אויף דער ערד. עס איז מיט גאָרנישט געבונדן פון אינעווייניק. דיווירקלעכקייט — האָט עס נישט ליב. עס האָט ליב קונצן, פאָקוסן. כשופמאַכערס און בעלי־מופתניקעס. גליקזעליקע. עס איז אַליין אַזאַ — גליקזעליקער. מאָרגן קאָן עס אָננעמען מאַכמעדאַניזם — אויף אַ פרווו. יאָ, אויף אַ פרווו. ס'קאָן פאַרברענען אַלע זיינע שטובן און כאַליאַסטרעטווייז אַוועקגיין אין מדבריות, אין די זאַמדן, צו זוכן די אָפּאָנישע מלוכה.

טוראַבאַיעוו האָט אַריינגערוקט די הענט אין קעשענעס און קאַלט געפרעגט:

— און — וואָס זשע, סוף כל סוף?

ליוטאָוו האָט זיך אומגעקוקט, משמעות דערויף, כדי צו ציען אויף זיך נאָך מער אויפמערקזאַמקייט און געענטפערט, שאַקלענדיק זיך:

— אָט דאָס, אַז דאָס פאָלק וויל פרייהייט, נישט יענע, וועלכע ס'זאָגן אים צו די פּאָליטיקער, נאָר אַזעלכע, וואָסערע ס'וואָלטן אים געקאָנט געבן די פּאָפּן, די פרייהייט — שרעקלעך און פאַרשידנאַרטיק צו זינדיקן, כדי זיך איבערצושרעקן און — איינגעשטילט צו ווערן אויף דריי הונדערט יאָר אין זיך גופא. אָט אַזוי! ס'איז אָפּגעטון. אַלץ איז אָפּגעטון. ס'זענען באַגאַנגען געוואָרן אַלע זינד. ריין!

— אַן אויסטערלישע... טעאָריע, — האָט געזאָגט טוראַבאַ־יעוו, קוועטשנדיק מיט די אַקסלען און איז אַראָפּגעגאַנגען פון דער

טראַסע אין דער צאַלטיקער פינצטערניש, נאָר אָפּגײענדיק אַ טריט צען, געזאָגט הויך:

— פונדעסטוועגן איז דאָס — דאָסטאָיעווסקי. אויב נישט לויט די געדאַנקען, איז לויטן גייסט...

ליוטאָוו, פאַרמרוזשענדיק די קרומע אויגן, האָט אַרויסגע־מורמלט:

— ...מיר לעבן אין באַגיין זינד און אויף אומצוברעג־גען — די נסיונות... וועסט נישט זינדיקן — וועסטו נישט תשובה־טון, וועסט נישט תשובה־טון, — וועסטו נישט דערלייזט ווערן...

אַלע האָבן געשוויגן, קוקנדיק אויפן טייך: איבערן שוואַרצן וועג האָט רוישלאָז זיך באַוועגט אַ לאָדקע, אויף איר נאָז האָט געברענט און קרייזלדיק זיך געדרייט אַ פלעמל, אַ שוואַרצער מענטש האָט פאַרזיכטיק געדרייט מיט די וויאָסלעס, און אַ צווײ־טער, מיט אַ לאַנגן שטעקן אין די הענט, איז געשטאַנען איינגע־בויגן באַם באָרט און געצילעוועט מיטן שטעקן אין דער אָפּשפּיג־לונג פון פייער אויפן וואַסער; די אָפּשפּיגלונג האָט וואונדערלעך געביטן די פאַרמען, ווערנדיק ענלעך דאָ צו אַ גאָלדענעם פיש מיט אַ מענגע פלוספעדערן, דאָ צו אַ טיפן, ביזן גרונט פון טייך, רויטן גרוב, וואוהין דער מענטש מיטן שטעקן וויל אַריינשפּרינגען, נאָר דעצידירט זיך נישט.

ליוטאָוו האָט אַ קוק געטון אין הימל אַריין, דעם מילד באַ־צייטן מיט שטערן, אַרויסגענומען דעם זייגער און געזאָגט:

— ס'איז נאָך נישט שפּעט. איר ווילט זיך דורכשפּאַצירן, אַלינאַ מאַרקאָוונאַ?

— שווייגנדיק — וויל איך.

— אינגאַנצן שווייגנדיק?

— כ'קאָן דערלויבן אַרמעניש אַנעקדאָטן.

— מילאַ, פאַר דעם אויך — אַ דאַנק! — האָט געזאָגט ליו־טאָוו, העלפנדיק דער כלה אויפצושטעלן זיך, זי האָט אים גענומען אונטער דער האַנט.

ווען זיי זענען אַוועקגעגאַנגען אויף אַ דרייסיק טריט, האָט לידיאַ שטיל אַ זאָג געטון:

— איך האָב אויף אים רחמנות.

מאַקאַראָיו האָט עפּעס נישט דייטלעך אַ וואָרטשע געטון, און קלים האָט געפרעגט:

— פאַרוואָס — רחמנות?

לידיאַ האָט נישט געענטפערט, באַר מאַקאַראָוו האָט מיט אַ האַלבן קול געזאָגט:

— האָסט געזען — ער שרייט? דאָס וויל ער זיך פאַרשרייען.

— איך פאַרשטיי נישט.

— נו וואָס איז דאָ נישט צו פאַרשטיין? — לידיאַ איז אויפגעשטאַנען.

— פיר מיך צו, קאָנסטאַנטין...

זיי זענען אויך אַוועקגעגאַנגען. ס'האָט געסקריפּעט דאָס זאמד. אין וואַראַוווקעס צימער האָבן דייטלעך און שנעל געקנאַקט די ביינדלעך פון רעכן-געוועבק. דאָס רויטע פייער אויף דער לאָדקע האָט געבערענט ווייט, בײַ דער מיל-גראָבליע. קלים, זיצנדיק אויף דער שטיג פון דער טעראַסע, האָט געקוקט ווי אין דער פינצטערניש פאַרשווינדט דעם מיידלס פיגור און ער האָט איינגעטענהט מיט זיך:

— איך בין דאָך נישט פאַרליבט אין איר?

כּדי נישט צו טראַכטן איז ער אַריינגעגאַנגען צו וואַראַוו־קען, געפרעגט, צי דאַרף מען אים נישט העלפן? ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן — מען דאַרף. אַ שעה צוויי איז ער געזעסן בײַם טיש, אַראָפּנעמענדיק אַ קאָפּיע פון אַ פּראָיעקט פון וואַראַווקעס אָפּמאַך מיט דער שטאָט-פאַרוואַלטונג מכּוח בויען אַ ניי טעאַטער. ער האָט געשריבן און עמפּינדלעך זיך איינגעהערט אין דער שטילקייט, אָבער אַלץ אַרום האָט פאַרשטיינערט געשוויגן. קיין שטימען, קיין שאָרך פון טריט.

באַגינען צו טאָג איז קלים געשטאַנען אונטער די ווערבעס

בּאַ דער מיל-גראַבליע, הערנדיק, ווי דער פויער מיטן הילצערנעם פוס דערציילט מיט אַ האַלב קול התפעלותדיק:

— אַ וועלס — האָט ליב קאַשע; פּראָסע, אָדער, אַ שטייבער, גרעטשענע קאַשע, דאָס איז די סאַמע ערשטע ליבע זיינע. מיט קאַשע קאָן מען אַ וועלס אויף וואָס איר ווילט אָפּקויפן.

דעם פויערס הילצערנער פוס האָט אַראָפּגעזונקען אין זאַמד. ער איז געשטאַנען, זייטיק אויסגעדרייט, האָט זיך געהאַלטן מיט דער שטאַרקער, קרומער האַנט אָן אַן אָפּגעבראָכענער צווייג פון אַ ווערבע. ער האָט געצוקט מיטן אַקסל, אַרויסשלעפנדיק דעם הילצערנעם פוס פון זאַמד; איבערשטעלנדיק אים אויף אַן אַנדער אָרט, איז דאָס האָלץ אויפסניי אַריינגעקראָכן אין דעם שיטנדיקן באָדן און אויפסניי האָט דער פויער זיך אויסגעבויגן אויף אַ זייט.

— קאַשע האָט מען אים געגעבן, דעם רוצח, — האָט ער גערעדט, נאָך מער אַראָפּלאָזנדיק דאָס קול. זיין פוטערן פּנים איז געווען פייערלעך, אין די אויגן האָט געבלישטשעט וויכטיקייט און פרייד. — די קאַשע איז בּאַ אונז ווי ווייט מעגלעך הייס אָפּגעקאָכט און — אין אַ טאָפּ, און דער טאָפּ איז געשפּאָלטן, איר פאַרשטייט דידאָזיקע זאַך?

ער האָט אַ וואונק געטון צו ליוטאָוון און זיך געווענדט צו וואראַווקען, כמעט אַ מאַיעסטעטיש, אינם כאַלאַט פון קערשן קאָליר, אין אַ גרינער, גאָלד-געהאָפטענער טובעטייקע און קאָלירטע סאַפיאַנען-שטיוול.

— ער וועט, הייסט עס, איינשלינגען דעם טאָפּ, און דער טאָפּ בּאַ אים אין בויך, דער געשפּאָלטענער, וועט זיך צעפאַלן און דאָ וועט די קאַשע אָנהייבן ברענען אים די קישקעס, איר פאַרשטייט, אייער גענעדיקייט, דידאָזיקע זאַך? אים — טוט וויי, ער — נעמט זיך וואַרפן, ער — שפּרינגען, און דאָ וועלן מיר אים...

די זונען-שטראַלן האָבן זיך אָנגעשפּאַרט אין וואָראַווקעס פּנים, ער האָט גליקזעליק געזשמורעט די אויגן און געגלעט מיט די הענט זיין קופּערנע באָרד.

ליוטאָוו, אין אַ צעקנאָדערטן אַנצוג, באַזייעט מיט רויטע באָדלען פון שטעכעכץ, האָט אויסגעזען ווי אַ מענטש, וואָס האָט

נאָר־וואָס זיך אויפגעכאַפּט נאָך אַ שטאַרקער הוליאַנקע. דאָס פּנים איז בײַ אים געל געוואָרן, די ווייסלען פון די האַלבצעדולטע אויגן זענען אָנגעגאָסן מיט בלוט; ער האָט, צושמייכלענדיק, גערעדט צו דער כּלה, שטיל און הייזעריק:

— נאַטירלעך, זאָגט ער ליגנט! אָבער קיין שום טייוול, אַ חוץ אַ רוסישן פּויער, קאָן נישט אויסטראַכטן אַזאַ אומזין!

די נישט אויסגעשלאָפענע פּרייליכס זענען געשטאַנען באַנאַנד, כּסדר געגענעצט און אויפגעציטערט פון דער פרימאָרגן־קילקייט. אַ ראָזלעך פּאַרעלע האָט זיך דערהויבן פון טייך און דורך אָט דעם פּאַרעלע האָט קלים אויפן ליכטיקן וואַסער געזען די באַקאַנטע פּנימער פון די מיידלעך — ענלעכע נישט צום אונטערשיידן; מאַקאַראָוו, אין אַ ווייס העמדל מיט צעשפּיליעטן קאָלנער, מיט אַנטבלויזטן האַלז און צעשויבערטע האָר, איז געזעסן אויפן זאַמד בײַ די פיס פון די מיידלעך, דערמאָנענדיק די דערעסענע רעפּראָדוקציע פון אַ פּאַרטרעט פון אַ יינגל — אַן איטאַליענער, אַ פּרעמיע פון „ניוואַ“. סאַמגין האָט דאָס ערשטע מאָל באַמערקט, אַז מאַקאַראָווס ברייטבּרוסטיקע פיגור איז אויך אַזוי קלינאַרטיק, ווי די פיגור פון דעם נע־ונדניק אינאַקאָוו.

אין אַ זייט איז, אַ שטייף אָנגעצויגענער, געשטאַנען טוראָבאָיעוו, עקשנותדיק קוקנדיק אין ליוטאָווס ביילהאַפטע, רעליעפפּאַטיליצע און פאַמעלעך איבערדרוקנדיק דעם פּאַפּיראָס פון איין ווינקל מויל אין צווייטן, האָט ער אַזויווי עפּעס געפּליסטערט.

— נו, וואָס־זשע, באַלד? — האָט אומגעדולדיק אַ פרעג געטון ליוטאָוו.

— אַ ביסל שטילער רעדט, הער, — האָט געזאָגט דער פּויער מיט אַ שטרענגן פּליסטער. — ער — איז אַ חיה אַ כיטרע, ער — הערט.

און אויסדרייענדיק זיך צו דער מיל, האָט ער אַ געשריי געטון:

— מיקאָלאַ! הע־י?

ס'האָבן געענטפערט נישט גערן צוויי שטימען, א מאַנסבילשע און אַ פרויישע.

— אוי? וואָסי?

— גיב אַ קוק — ר'האָט אויפגעפרעסן?

— געקוקט.

— נו?

— אויפגעפרעסן.

ליוטאָוו האָט, ביי'ן אַ קוק געבנדיק אויפן פויער, אים אַ שטויס געטון אין אַקסל.

— דו — זאָג נאָר: איך טאָר נישט רעדן, און אַליין ליאַרעמסטו מיט דער גאַנצער יאַפּע?

דער פויער האָט פאַרוואונדערט אַ קוק געטון אויף אים און אַזוי אַ לאַך געטון, אַז אויפן גאַנצן פּנים זיינעם האָבן זיך אויפגעשטעלט די האָר.

— רבונו של עולם, — ס'טייטש, דערדאַזיקער וועלס קען דאָך מיך, און איר זענט אים — אַ פרעמדער מענטש. איטלעכע בריאה האָט זיין פאַרזיכטיקייט צום לעבן.

דידאָזיקע ווערטער האָט דער פויער אַרויסגערעדט אין פליסטער. דערנאָך, אַ קוק געבנדיק אויפן טייך פון אונטער דער דלאָניע אַפער, האָט ער אַ זאָג געטון, אויך זייער שטיל:

— אַצינד — קוקט! איצט וועט אים אָנהייבן בריען, און ער — שפּרינגען. באַלד...

ער האָט דאָס געזאָגט אַזוי איבערצייגנד, מיט אַזאַ באַגייסטערט פּנים, אַז אַלע האָבן אָן געטויש זיך אַ רוק געטון צום ברעג און, ס'האָט זיך געדאַכט, אַז אפילו דאָס ראָז־גאָלדענע וואַסער האָט אָפּגעשטעלט זיין לאַנגזאַם פליסן. טיף דורכלעכערנדיק דאָס זאַמד מיטן הילצערנעם פוס, האָט דער פויער גענומען היפּען צו דער מיל. אַלינאַ האָט, אויפציטערנדיק, דערשראָקן, אַרויסגעפּליסטערט:

— זעט, זעט! אָט באַ יענעם ברעג דאָס טונקעלע... אונטערן קוסט..

קלים האָט נישט געזעען דאָס טונקעלע. ער האָט נישט גע־

גלייבט אין דעם וועלס, וואָס האָט ליב קאַשע. אָבער ער האָט געזעען, אַז אַלע אַרום — גלייבן, אפילו טוראָבאָיעוו און, דאַכט זיך, אויך ליוטאָוו. די אויגן האָבן הפּנים ווי געטון פון קוקן אויף דעם פינקלענדיקן וואַסער, אָבער אַלע האָבן עקשנותדיק געקוקט, אַזויווי באַמיענדיק זיך דורכצודרינגען עס ביזן גרונט פון טייך. דאָס האָט אויף אַ מינוט צעטומלט סאַמגינען: און — אפשר טאַקע?

— אָט איז ער... ער שווימט, שווימט! — האָט אויפסניי אַרויסגעפּליסטערט אַלינאַ, אָבער טוראָבאָיעוו האָט הויך אַ זאָג געטון.

— דאָס איז אַ שאָטן פון אַ וואָלקן.

— שש, — האָט אַ שיפּע געטון וואַראַווקאַ.

אַלע האָבן אַ קוק געטון אין הימל אַריין. יאָ, דאָרטן איז איינזאַם צעגאַנגען אַ ווייסער וואָלקן, די גרייס נישט מער ווי פון אַ שעפּסן פעלעכל. פון די געדיכט פּאַרוואַקסענע קוסטעס און וואַסער־בלעטער לעבן דער גראָבליע האָט פּאָרזיכטיק זיך אַרויסגע־רוקט אַ לאָדקע, און איר אינמיטן איז געשטאַנען דער לאָמער פויער, אָנשפּאַרנדיק זיך אויף אַ באָסאַק און האָט געפּאָכעט אויפן פּובליקום מיט דער האַנט; קלאַנגלאָז אונטערטופּנדיק די וויאָסלעס אין וואַסער, האָט די לאָדקע געטריבן אַ ברייטפּלייציקער, העל־האָריקער בחור אין אַ גרוי העמד. ער איז געזעסן אומבאַוועגלעך, ווי פאַרשטיינערט, ס'האָבן זיך באַוועגט בלויז די דלאָניעס פון זיינע הענט. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז די וויאָסלעס אַרבעטן אַליין, באַ־דעקנדיק דאָס וואַסער מיט זיידענער גערונצלטקייט. דער לאָמער האָט אויפגעהערט צו פּאָכען מיט דער האַנט, אויסגעשטרעקט זי העכער פון קאָפּ און אָן אָפּרייס קוקנדיק אין וואַסער אַריין, איז ער אויך פאַרגליווערט געוואָרן. די לאָדקע האָט אָנגעצייכנט אַ ווינקל פון ברעג צו ברעג. דערנאָך נאָך אַ ווינקל, דער פויער האָט פּאַמעלעך אַרצפּגעלאָזט די לינקע האַנט, פּונקט אַזוי פּאַמע־לעך אויפגעהויבן די רעכטע מיטן באָסאַק אין איר.

— שלאָג אים! — האָט ער אַ ריטש געטון און מיט אימ־פּעט אַריינגעשטאָכן דעם באָסאַק אין טייך אַריין.

קלים איז געשטאַנען פֿונהינטן און העכער פֿון אַלע, ער האָט גוט געזען, אַז דער לאָמער האָט אַ קלאַפּ געטון אין אַ ליידיק אָרט אַריין. און ווען דער פֿויער האָט אומגעלומפּערט זיך אַ וויג געטון און איבערגעדרייט זיך איבערן באָרט מיט דער ברוסט אין וואַסער אַריין, האָט קלים מיט זיכערקייט אַ קלער געטון:

— דאָס איז געמאַכט געוואָרן בכיוון!

אָבער דער לאָמער האָט אַ וואַקל געטון דידאָזיקע זיכערקייט.

— נישט געטראָ־אָפֿן! — האָט ער אַרויסגעהיילט מיט אַ יעמערלעך וועלפֿישן געוואַי, צאַפּלענדיק זיך אין טייך. זיין רויט העמד האָט זיך אָנגעבלאָזן אויפֿן רוקן ווי אַ משונהדיקער באַלאָן, פֿיבערהאַפֿט האָט געשימערט איבערן וואַסער דער הילצערנער פֿוס מיטן בלישטשענדיקן אייזערנעם רינג אויף זיין עק, ער האָט געפּאַרסקעט, געשאָקלט מיטן קאָפּ, פֿון די האָר פֿון קאָפּ און פֿון דער באָרד זענען זיך צעפֿלויגן גלעזערנע שפּריצן, ער האָט זיך געכאַפּט מיט איין האַנט אָן דער רופּע פֿון דער לאָדקע, און מיט דער פֿויסט פֿון דער צווייטער האָט ער פֿאַרצווייפֿלט געקלאַפּט איבערן באָרט און געיעלהוועט, געקרעכצט:

— ע־עך, נישט געטראָ־אָפֿן! מיקאָלאַ, טייוול, וואָס זשע האָסטו אים נישט מיט דער וויאָסלע צעהושט, האַ? מיט דער וויאָסלע, טפֿוש! איבערן קאָפּ וואָלסט געווען, האַ? דו האָסט מיך צו שאַנד געמאַכט, מאָרדאַ־אַ!

דער בחור האָט נישט געאיילט געכאַפּט דעם באָסאַק, אָוועקגעלייגט אים לענגאויס דעם באָרט. שווייגנדיק געהאָלפֿן דעם לאָמען אַריינקריכן אין דער לאָדקע אַריין און מיט שטאַרקע קלעפּ פֿון די וויאָסלעס שנעל זי צוגעיאָגט צום ברעג. אַרויסגעקראָכן אויפֿן זאַמד, האָט דער פֿויער, אַ נאַסער און גליטשיקער, צעפּירנדיק די הענט, פֿאַרצווייפֿלט געקלאָגט:

— נישט געטראָפֿן, מיינע הערן! מבֿוזה געמאַכט זיך, זייט מוחל, למען השם! געפֿעלט אַ האָרעלע, כ'האָב אין קאָפּ אים געצילעוועט, אָבער — דערלעבן! איר פֿאַרשטייט אַ זאַך? אַך, פּאַטערס הייליקע, האַ?

באַ אים איז פון עגמת נפש אפילו די שטימע אַנדערש גע־וואָרן, אַ הויכע, באַקלאָגלעך קלינגענדיקע. און דאָס פאַרשמאָלצענע פנים איז שמעלער געוואָרן און האָט אויסגעדריקט דעם אויפריכ־טיקסטן צער. איבער די שלייפן, איבערן שטערן, פון אונטער די אויגן אַפער זענען גערונען טראָפּנס וואַסער, גלייך דאָס גאַנצע פנים זיינס וואָלט פאַרשוויצט געוואָרן מיט טרערן, די העלע אויגן זיינע האָבן געגלאַנצט פאַרשעמט און שולדיק. ער האָט אויסגעקוועטשט דאָס וואַסער פון די האָר פון קאָפּ און פון דער באָרד מיט דער גאָרשטש, געשפריצט אויפן זאַמד, אויף די פאָדלען פון די מייד־לעך און פאַרצאָקט געשריגן:

— אַ ריזיקער, פון העכער פיר פוד! אַן אָקס, נישט קיין וועלס, בנאמנות! וואָנסעס — אַזעלכע!

און דער לאָמער האָט אָפּגעמאָסטן מיט די הענט אין דער לופט בערך אַ האַלבן מעטער.

— איך האָב אַ טעות געהאַט, — האָט אַ קלער געטון קלים. — ער האָט געזעען דעם וועלס.

— ער שטייט זיך אויפן גרונט, אויפן סאַמע גרונט, ב׳זע — ער האָט זיך פאַרטראַכט, די וואָנסעס באַוועגן זיך, — האָט מיט צער און התלהבות דערציילט דער לאָמער.

— ווי פיין, האַ? — האָט אויך מיט התלהבות אַ געשריי געטון ליוטאָוו.

— ער שפּילט אויסגעצייכנט, — האָט באַשטעטיקט טוראָ־באָיעוו, שמייכלענדיק, און אַרויסגענומען אַ קליינעם געל־לעדערנעם געלט־טאַש.

ליוטאָוו האָט פאַרהאַלטן זיין האַנט:

— אַנטשולדיקט, דאָס איז געווען מיין אויפטו.

לידיאַ האָט געקוקט אויפן פייער, מיט עקל צונויפּפּרעסנדיק די ליפּן, כמורענדיק זיך, וואַראַווקאַ — מיט נייגיריקייט, אַלינאַ האָט פאַרלוירן געפרעגט באַ אַלע:

— אָבער ס׳איז דאָך געווען אַ וועלס? געווען אָדער נישט?

קלים איז אַוועקגעגאַנגען אין אַ זייט, פֿילנדיק זיך צווייט
אָפּגענאַרט.

— לאָמיר גיין, — האָט לידיאַ געזאָגט צו דער חברטע, אָבער ליוטאָוו האָט אַ געשריי געטון:

— וואַרט־צו אַ מינוט !

און געפֿרעגט דעם פֿויער נאָכאַנאַנד קוקנדיק אויף אים :

— אָפּגענאַרט ?

— ר׳האָט אָפּגענאַרט, דער טייוול, — האָט איינגעשטימט דער לאָמער, טרויעריק צעפּירנדיק מיט די הענט.

— גיין, נישט דער טייוול, נאָר דו ? האָסט אָפּגע־נאַרט ?

— דאָס הייסט, — וואָס מיינט מען עס ? וועמען זשע ? — האָט פֿאַרוואונדערט אַ פֿרעג געטון דער פֿויער, אָפּרוקנדיק זיך פֿון ליוטאָוון.

— דו — האָב נישט מורא ! איך וועל סיי ווי סיי באַצאָלן דאָס געלט און וועל נאָך צולייגן אויף בראָנפֿן. נאָר זאָג אָפֿן: האָסט אָפּגענאַרט ?

— לאָזט אים אָפּ, — האָט אַ בעט געטון טוראָבאָיעוו, און דער לאָמער, באַקוקנדיק אַלע מיט נישט פֿאַרשטייענדיקע אויגן, האָט מיט אַ גרויסאַרטיקער נאַיווקייט געפֿרעגט :

— ווי אַזוי קאָן איך דען גאָר אָפּנאַרן הערן ?

ליוטאָוו האָט מיט אימפּעט הילכיק אַ פּאַטש געטון מיט דער האַנט איבער זיין נאַסן אַקסל און פּלוצלינג אַרויסגעלאַכט מיט אַ קוויטשיק, ווייבעריש געלעכטער. ס׳האָט זיך אויך צעלאַכט טו־ראָבאָיעוו, שטילינקערהייט און אַזוי ווי פֿאַרשעמט, אפֿילו קלים האָט אויך אַ לאַך געטון, — אַזוי קאָמיש איז געווען דער קינדי־שער פּחד אין די העלע, פֿאַרלוירן פֿינטלענדיקע אויגן פֿון דעם בערדיקן פֿויער.

— צי קאָן מען דען אָפּנאַרן הערן, — האָט ער געמורמלט, אויפֿסנייַ באַקוקנדיק אַלע, און דער פּחד אין זיינע אויגן איז שנעל

פארביטן געוואָרן אין פאַרשנדיקער נייגיריקייט, די נאָמבע האָט כסדר אויפגעציטערט.

— אַ שד, — האָט אויסגערופן וואַראווקאַ, אַ מאַך געבנדיק מיט דער האַנט און אויך אַ לאַך געטון.

ליוטאָוו האָט שוין געלאַכט ווילד, האַלטנדיק פאַרמאַכט די אויגן, פאַרוואָרפן דעם קאָפּ, ציטערנדיק; אין זיין אַרויסגעבויגע־נעם האַלז־קנאָפּ האָט ממש ווי גלאָז געקלונגען.

און דער לאָמער, אַ קוק געבנדיק אויף וואַראווקען, האָט ברייט אַ שמייכל געטון, אָבער באַלד האָט ער צוגעדעקט דאָס מויל מיט דער האַנט. דאָס האָט נישט געהאָלפן, הויך אַרויספּאָרס־קענדיק אין דער האַנט אַריין, האָט ער אַ וואָרף געטון מיט דער האַנט אין אַ זייט און אויסגעשריגן דיניטשקע:

— מיינע זינד!

ער האָט אויך אָנגעהויבן צו לאַכן, אין אָנהייב נישט זיכער, נישט הויך, דערנאָך אַלץ מיט מער חשק, פרייער און לסוף אַרויס־געלאַכט אַזוי, אַז ער האָט פולשטענדיק פאַרטויבט ליוטאָווס יאָ־מערדיק געלעכטערל. ברייט צעעפנט דאָס האַריקע מויל, האָט ער געשטאָמפּערט מיטן הילצערנעם פוס אין זאַמד, געוויגט זיך און גע־אָכצט, צושאָקלענדיק מיטן קאָפּ:

— אָך, רבונו של עולם... אָ־כאָ־כאָ, מיינע זינד, בנאמנות...

אַ נאַסער, האָט ער אינגאַנצן געגלאַנצט און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס געזונטע געלעכטער זיינס בלישטשעט אויף פעט.

— זש־שוליק, — האָט געשריגן ליוטאָוו. — וואו... וואו איז דער וועלס?

— אָבער — איך האָב אים...

— דעם וועלס?

— כ'האָב געפעלט...

— וואו איז דער וועלס?

— ער — לעבט...

אויפסניי האָבןביידע, קוקנדיק איינער אויפן אַנדערן, זיך געטרייסלט אין אָנפאַל פון געלעכטער, און קלים סאַמגין האָט גע

זעען, אַז איבערן לאָמענס פאַרוואָקסענעם פּנים גיסן זיך אַצינד אמתדיקע טרערן.

— נו, דאָס איז שוין עפּעס... איבער דער מאָס, — האָט געזאָגט טוראָבאָיעוו, קוועטשנדיק מ'ט די אַקסלען און איז אַוועקגעגאַנגען, אָניאָגנדיק די מיידלעך און מאַקאַראָוון. נאָך אים איז אַוועק סאַמגין, באַגלייט פון געלעכטער און אָכצען:

— אָ, רבונו של עולם, דאָס...

און פאָרויס האָט אַלינאַ אויפגעבראַכט געשריגן:

— אים דאַרף מען באַשטראָפן פאַרן שווינדל!

— דאָס איז נאַריש, אַלינאַ, — האָט זי שטרענג אָפּגעשטעלט לידיאַ.

זיי האָבן גענומען גיין שווייגנדיק, אָבער אינגיכן האָט זיי אָנגעיאָגט ליוטאָוו.

— איר פאַרשטייט אַ זאַך? — האָט ער געשריגן, אָפּווישנדיק מיטן טיכל דעם שווייס פון פּנים און די טרערן, צושפּרינגענדיק, דרייענדיק זיך, אַריינקוקנדיק אין די אויגן. ער האָט געשטערט צו גיין, טוראָבאָיעוו האָט אַ שיקל געטון אויף אים און איז געבליבן הינטערשטעליק אויף אַ צוויי טריט.

— קונציק אָפּגעפּרייערט, האַ? — האָט ער צודרינגלעך געשריגן. — ס'איז טאַלענט. קונסט! אמתדיקע קונסט פרייערט שטענדיק אָפּ.

— נישט נאַריש, — האָט געזאָגט טוראָבאָיעוו, שמייכלענדיק צו קלימען. — און בכלל איז ער נישט קיין נאַר, נאָר — ווי צעטראָגן!

— גענוג, וואָלאָדיאַ, — האָט בייז אַ געשריי געטון מאַקאַראָוו. — וואָס שיסטו כסדר? וואָרט־צו, ווען מען וועט דיך מאַכן פאַר אַ פּראָפעסאָר פון עפּעס אַן עלאָקווענציע, דעמאָלט קאָנסטו מאַטערן און שיטן וויפיל דו ווילסט.

— קאָסטיאַ, אַ לייכטזיניקער פויגל ביסטו! פאַרשטיי אַ זאַך.

— ניין, ערנסט, הער אויף.

— איר שרייט אָן אויפהער, — האָט באַקלאָגלעך געזאָגט אַלינאַ.

— נו, — כ׳וועל מער נישט!

— ווי אַ משוגענער!

— איך שווייג שוין!

ער איז ווירקלעך אַנטשוויגן געוואָרן. אָבער לידיאַ האָט אים אַ נעם געטון אונטער דער האַנט און געפרעגט:

— פאַרוואָס האָט אייך נישט אויפגעבראַכט דער פויער?

— מיך? מיט וואָס זשע? — האָט פאַרוואונדערט און מיט היץ אויסגעשריגן ליוטאָוו. — אדרבא, לידאָטשקאַ, איך האָב אים דערלייגט און געזאָגט אַ דאַנק. ער איז — אַ קלוגער! דער פויער איז בײַ אונדז אַ וואונדערלעכער חכם! ער — לערנט! ער?

אָפּגעשטעלט זיך, גלעטנדיק לידיעס האַנט, וואָס איז געלעגן אויפן פאַרבויג פון זיין האַנט, האָט ליוטאָוו גליקלעך אַ שמייכל געטון:

— אַצינד וועט איר דאָך שוין אין קיין וועלס נישט גלייבן, ניין? נישט אויף קיין וועלסן איז דאָסדאָזיקע טייכלטשינע, מיין ליבער מענטש...

ער האָט אויפסניי אַרויסגעלאַכט. מאַקאַראָוו און אַלינאַ האָבן גענומען גיין שנעלער. קלים איז געבליבן הינטערשטעליק, האָט אַ קוק געטון אויף טוראָבאָיעוון און וואַ־אוקען, וועלכע האָבן פּאַמעלעך געשפּרייזט צו דער דאַטשע, און, צוזעצנדיק זיך אויף אַ באַנק בײַ די בריקלעך פון טייך־באָד, האָט ער זיך בײַז פאַרטראַכט.

ער האָט זיך דערמאַנט, אַז נעכטן האָט מאַקאַראָוו דרך אגב געזאָגט:

— אַ געזונטע פּסיכיק איז בײַ דיר, קלים! דו לעבסט, ווי אַ מאָנומענט אויף אַ פּלאַץ, אַרום איז געפּילדער, געשריי, קלאַפּעריי, און דו קוקסט אויף אַלץ, נישט קימערנדיק זיך פון גאָרנישט.

— אָבער דידאָזיקע ווערטער רעדן בלויז וועגן דעם, אַז איך קאָן — נישט אויסגעבן זיך. דאָך איז די ראָלע פון אַן אויפמערקזאַמען צוהערער און באַאָבאַכטער פון ערגעץ־וואו פון אַ זייט, פון הינטער אַ ראָג, שוין נישט פּאַסיק פאַר מיר. פאַר מיר איז

שוין צייט צו ווערן מער אַקטיוו. וויבאַלד איך וועל אָנהייבן פאַרזיכטיק אָפּצוציִען פון די מענטשן די פּאַווישע פעדערן, וועט דאָס זיין זייער גוצלעך פאַר זיי. יאָ, אין עפּעס אַ פּסאַלם ווערט געזאָגט: „פאַלשקייט לשם דערלייזונג". מעגלעך, אָבער זעלטן-ווען און — „לשם דערלייזונג", אָבער נישט צום שפּילן איינער מיטן אַנדערן.

ער האָט לאַנג געטראַכט אין דער ריכטונג און, דערפילנדיק זיך געשטימט קריגעריש, גרייט צום קאַמף, האָט ער געוואָלט גיין צו אַלינען, וווהין ס'זענען אַוועק אַלע, אַ חוץ וואַראַווקען, אָבער ער האָט זיך דערמאַנט, אַז ער דאַרף שוין פאָרן אין שטאָט אַריין. אויפן וועג צו דער סטאַנציע, איבערן שווערן, זאַמדיקן וועג, צווישן די באַרגיקייטן, באַצירטע מיט אויסגעקרומטע סאָסנע-ביימלעך, האָט קלים סאַמגין אומבאַמערקט אָנגעוואוירן די קאַמפּס-שטימונג און, שטופּנדיק פאַר זיך זיין לאַנגן שאָטן, האָט ער געטראַכט שוין וועגן דעם, ווי שווער ס'איז צו געפינען זיך גופא אין כאַאָס פון פרעמדע געדאַנקען, הינטער וועלכע ס'זענען פאַרבאָרגן אומפאַרשטענדלעכע געפילן.

אַהיים איז ער געקומען צו פאָרן מיט אַ האַלבער שעה פריער פון פאַרפאַלק ספּיוואַק.

די מוטער האָט זיי מקבל פּנים געווען חשיבותדיק, ווי באַאַמטע, וואָס זענען באַשטימט געוואָרן פון אַ הויך אָרט צו איר דיספּאָזיציע. טרוקן און זייער אונטער דער נאָז האָט זי גערעדט פראַנצויזישע פּראַזן, זיך שפּילנדיק מיטן לאָרגנעט פאַר איר געדיכט אָנגעפּודירטן פּנים און איידער זי האָט פאַרגעלייגט די געסט צו זעצן זיך, האָט זי זיך אַליין באַקוועם אַוועקגעזעצט. קלים האָט באַמערקט, אַז מיטן דאָזיקן שפּיל האָט די מוטער אָנגעצונדן אין דער ספּיוואַקס בלויִלעכע אויגן לאַכעוודיקע פינקעלעך. יעליזאַוועטאַ לוואָוונאַ האָט אין דער אומגעוויינלעך ברייטער מאַנטיע אויסגעזען עלטער, באַשיידן ווי אַ מאַנאַשקע און נישט אַזוי איטערעסאַנט, ווי זי איז געווען אין פעטערבורג. אָבער זיינע נאָזלעכער האָט אָנגענעם אַ קיצל געטון דער ריח פון די באַקאַנטע פּערפומען און אין זכרון האָט אַ קלונג געטון די שיינע פּראַזע:

— „מיט דיר, מיט דיר איינער".

דער קליינינקער פּיאַניסט אין דער טשעסונטשאַענער בלוזע איז ענלעך געווען צו אַ פלעדערמויז און ער האָט געשוויגן, פּונקט ווי אַ טויבער, צושאָקלענדיק צום טאַקט צו די ווערטער פון די פרויען מיט זיין פּאַראומערטער נאָז. סאַמגין האָט העפלעך אַ דריק געטון זיין הייסע האַנט, ס'איז אַזוי גוט געווען צו זעען, אַז דערדאָזיקער מענטש מיטן פּנים, נישט קונציק אויסגעשניטענעם פון געלביין, איז אַבסאָלוט נישט ווערט די שיינע פרוי, וואָס איז געזעסן לעבן אים. ווען די ספּיוואַק און די מוטער האָבן זיך אויסגעטוישט מיט צענדליקער ליבלעכע פראַזן, האָט יעליזאַוועטאַ לוואָוונאַ אָפּזיפצנדיק, געזאָגט:

— ס'איז מיר זייער שווער, וויעראַ פּעטראָוונאַ, וואָס באַ אונזער ערשטער באַגעגעניש מוז איך אייך מיטטיילן טרויעריקס: דמיטרי איוואַנאָוויטש איז אַרעסטירט.

— אָ, גאָט מיינער! — האָט אויסגעשריגן די סאַמגינאַ, אַהינטערפאַלנדיק אויפן אָנלען פון פאָטעל, אירע וויעס האָבן אַ ציטער געטון און דער שפּיץ נאָז האָט זיך פאַררויטלט.

— יאָ! — האָט הויך געזאָגט ספּיוואַק. — מען איז געקומען באַנאַכט און מען האָט אים אַוועקגעפירט.

— און — קוטוזאָוו? — האָט ביין אַ פרעג געטון קלים.

די ספּיוואַק האָט געענטפערט, אַז קוטוזאָוו איז אַ דריי וואָכן פאַר דמיטריס אַרעסט אַהיימגעפאָרן, צו דער לוויה פון זיין פאָטער.

די מוטער האָט פאַרזיכטיק, כּדי נישט אָפּצווישן דעם פודער פון די באַקן, צוגעלייגט צו אירע אויגן אַ מיניאַטור־טיכעלע, אָבער קלים האָט געזען, אַז ס'איז נישטאָ קיין נויטווענדיקייט אין אַ טיכל, די אויגן זענען פולשטענדיק טרוקן.

— גאָט מיינער! — פאַרוואָס? — האָט די דראַמאַטיש אַ פרעג געטון.

— איך מיין, אַז דאָס איז נישט ערנסט, — האָט זייער ליבלעך און טרייסטנדיק גערעדט די ספּיוואַק. — ס'איז אַרעסטירט געוואָרן דמיטרי איוואַנאָוויטשס אַ באַקאַנטער, אַ לערער פון אַ פאַבריק־שולע — און זיין ברודער, דער סטודענט פּאָפּאָוו, — דאַכט

זיך, דאָס איז אויך אייערס אַ באַקאַנטער? — האָט זי אַ פרעג געטון קלימען.

סאַמגין האָט טרוקן אַ זאָג געטון:

— ניין.

געווידמעט דעמדאָזיקן געשעעניש אַ פערטל שעה, האָט די מוטער, משמעות, איינגעפונען, אַז איר עגמת־נפש איז אויסגעדריקט געוואָרן גענוג איבערצייגנד און פאַרבעטן די געסט אין גאָרטן אַריין, צו דער טיי.

פריילעך האָבן געהאָוועט די פייגל, שפּעדיק האָבן געבליט די בלומען, דער סאַמעטענער הימל האָט אָנגעפילט דעם גאָרטן מיט העל־בלויער לייכטונג און אינם גלאַנץ פון פרילינגס־פרייד וואָלט געווען נישט פּאַסיק צו רעדן וועגן טרויעריקס. וויערא פּעטראָוונאַ האָט גענומען אויספרעגן ספּיוואַקן וועגן מוזיק, ער האָט באַלד זיך אויפגעהייטערט און, אַרויסצייִענדיק פון קראַוואַט בלויע פּעדעמלעך, מאַכנדיק מיט די פינגער אינדערלופטן קליינטשיקע קאָמאָס, האָט ער מיטגעטיילט, אַז אין מערב איירָאָפּע — איז נישטאָ קיין מוזיק.

— דאָרטן — זענען בלויז מאַשינען. דאָרט איז מען פון מע־נעט און גאַוואָט דערגאַנגען — אָט צו וואָס:

און מיט די פינגער אויף די ליפּן האָט ער אויפגעשפּילט עפּעס אַ באַנאַלן מאָטיוו.

— ציִט נישט דעם קראַוואַט, — האָט אים אַ בעט געטון דאָס ווייב.

ער האָט געהאָרכזאַם אַוועקגעלייגט די הענט אויפן טיש, ווי אויף אַ קלאַוויאַטור, און דעם עק פון קראַוואַט האָט ער איינ־געטונקען אין גלאָז טיי. דאָס האָט אים געבערענגט אין פאַר־לעגנהייט און אָפּווישנדיק דעם קראַוואַט מיטן טיכל, האָט ער גע־זאָגט:

— אין נאָרוועגיע — איז גריג. זייער אינטערעסאַנט. מען זאָגט — אַ צעשטרייטער מענטש.

און ער איז אַנטשוויגן געוואָרן. די פרויען האָבן געשמייכלט, שמועסנדיק אַלץ לעבהאַפטער, אָבער קלים האָט געפילט, אַז זיי

געפעלן נישט איינע דער אַנדערער קעגנזייטיק. ספּיוואַק האָט פאַרשפּעטיקט אים אַ פרעג געטון:

— וואָס מאַכט איר אין געזונט?

און ווען קלים האָט אים פאַרגעלייגט רויטע יאַגדעס, האָט ער פריילעך זיך אָפּגעזאָגט:

— דערפון קאָן איך קריגן היץ-פיבער.

די מוטער האָט אַ בעט געטון קלימען:

— וויין יעליזאַוועטאַ לוואָוונאַ די אָפּיצינע.

— אַ מאָדנע שטאָט, — האָט געזאָגט די ספּיוואַק, נעמענדיק קלימען אונטער דער האַנט און עפּעס זייער פאַר יכטיק שפּרייזנדיק איבערן וועגל פון גאָרטן. — אַזאַ גוטמוטיק וואָרטשעוודיקע, דידאָזיקע וואָרקעריי — דאָס איז דאָס ערשטע, וואָס האָט מיך פאַרוואונדערט, ווי נאָר איך בין אַרויסגעגאַנגען פון וואָקזאַל. ס'איז דאָ אַפּנים אומעטיק ווי אין שאול-תחתיה. ס'קומען דאָ אָפּט פאַר שרפות? איך האָב מורא פאַר שרפות.

דאָס פאַפּיר-מיסט אין די צימערן פון אָפּיצינע האָט דערמאָנט קלימען אָן דעם שרייבער קאַטין, און, לויפּיק אַרומקוקנדיק זיי, האָט די ספּיוואַק געזאָגט:

— מען קאָן זיך דאַ זייער היימלעך איינאָרדנען. און ס'איז דאָ אַ פענצטער אין גאָרטן אַרויס. ס'וועלן זיכער אַריינקריכן אין די צימערן האָריקע ווערמלעך פון די עפּלביימער? די פייגעלעך וועלן זינגען יעדן פרימאָרגן. זייער פרי!

זי האָט אָפּגעזיפצט.

— אייך געפעלט נישט? — האָט מיט באַדויערונג אַ פרעג געטון קלים; אַרויסגייענדיק אין גאָרטן אַריין, שיין אויסבייגנדיק דעם האַלז, האָט זי אַ שמייכל געטון צו אים דורכן אַקסל.

— ניין, פאַרוואָס? נאָר דאָס וואָלט געווען גאָר באַקוועם פאַר צוויי שוועסטערן, אַלטע מיידן. אָדער — פאַר אַ יינג פאָרפאָלק. לאָמיר זיך אַנידערזעצן, — האָט זי פאָרגעלייגט בײַ אַ באַנק אונטער אַ קערשנבוים און געמאַכט אַ באַחנט גרימאַסעלע: — זאָלן זיי דאָרטן... זיך דינגען.

אַרומקוקנדיק זיך, האָט זי פאָרגעזעצט פאַרטראַכטערהייט:

— אַ הערלעכער גאָרטן. און די אַפּיצינע איז אויך פֿיין. טאַקע — פּאַר אַ פּאַרפּאַלק. אָפּליבן זיך אין דערדאָזיקער שטילקייט ווײַפּל ס'איז באַשערט און דערנאָך... איבעריקנס, אַ״ר, יונגערמאַנטשיק, וועט דאָס נישט פֿאַרשטיין, — האָט זי פּלוצלינג פֿאַרענדיקט מיט אַ שמייכל, וואָס האָט אַ ביסל צעטומלט קלימען מיט זײַן אומקלאָרקייט: צי איז אין אים באַהאַלטן חוזק אָדער אַרויסרוף?

אַ קוק געבנדיק אין הימל אַרײַן, אָפּרײַסנדיק בלעטער פֿון אַ צווײַגל פֿונם קערשנבוים, האָט די ספּיוואַק געפֿרעגט:

— וויאַזוי זשע לעבט מען דאָ ווינטער? טעאַטער, קאָרטן, קליינטשיקע ראָמאַנען אויס לאַנגווײַליקייט, רכילות, — יאָ? איך וואָלט בעסער געוואָלט וואוינען אין מאָסקווע, צו מאָסקווע ווערט מען, מסתמא, נישט אַזוי גיך צוגעוואוינט. איר האָט זיך נאָך נישט אַרומגערינגלט מיט געוואוינהייטן?

קלים האָט זיך געוואונדערט. ער האָט נישט חושד געווען, אַז דידאָזיקע פֿרוי קאָן רעדן אַזוי פּשוט און וויציק. דווקא פּשוטקייט האָט ער נישט דערוואַרט פֿון איר; אין פּעטערבורג האָט די ספּיוואַק אויסגעזעען אַ פֿאַרשלאָסענע, געבונדן מיט שווערע מחשבות. ס'איז אָנגענעם געווען, וואָס זי רעדט, ווי מיט אַן אַלטן און נאָענטן באַקאַנטן. צווישן איבעריקן האָט זי אַ פֿרעג געטון: די אַפּיצינע ווערט פֿאַרדונגען מיט באַהייצונג אָדער אָן באַהייצונג, דערנאָך האָט זי געשטעלט נאָך עטלעכע זייער פּראַקטישע פֿראַגן, דאָס אַלץ לײַכט, דרך־אגב.

— דער פּאָרטרעט איבערן קלאַוויר — דאָס איז אייער שטיפֿפֿאָטער? ער האָט אַ באָרד פֿון זייער אַ רײַכן מענטש.

פֿאָרשנד אַרײַנבליקנדיק אין איר פּנים, האָט קלים געזאָגט, אַז אינגיכן וועט קומען צופֿאָרן טוראָבאָיעוו.

— יאָ?

— ער פֿאַרקויפֿט זײַן ערד.

— אַזוי גאָר.

קלים האָט דערפֿילט, אַז אים פֿרייט איר רויקער טאָן, ס'האָט

דערפרייט אויך דאָס, וואָס פאַרטשעפּענדיק אים מיטן עלנבויגן, האָט זי זיך נישט אַנטשולדיקט.

צו זיי איז געגאַנגען די מוטער, לעבן איר האָט געשפּרייזט ספּיוואַק, פאָכענדיק מיט די פּליגל פון דער פּעלערינע, אַזויווי פּרוּוונדיק דערהייבן זיך פון דער ערד, און גערעדט:

— דאָס וועט ווערן אָנגעשריבן מיט נאָטעס, זייער געדיכט: טום-טומם...

דאָס ווייב האָט אַן צערעמאָניעס איבערגעהאַקט די מוזיק, אַגהייבנדיק רעדן מיט וויערא פּעטראָווגאַ וועגן דער אָפּיציגע; זיי זענען אַוועקגעגאַנגען ווייטער, און ספּיוואַק האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן קלימן און פאַרפירט מיט אים אַ שמועס מיט פּראַזן פון אַ גראַמאַטישן לערבוך:

— אייער מוטער איז אַן אָנגענעמער מענטש. זי קאָן מוזיק. דער בית-עולם איז דאָ ווייט? איך האָב ליב בלויז עלעגיעס. בײַ אונז זענען צום בעסטן פון אַלעם די בית-עלמינס, אַלץ, וואָס אַרום דעם טויט, איז בײַ אונז אויסגעצייכנט.

אין די פּויזעס צווישן זײַנע פראַזן האָבן זיך אַריינגעריסן די שטימען פון די פרויען.

— אמת? — האָט פאָדערנדיק געפרעגט די ספּיוואַק.

— איך וועל אייך דאָס מאַכן.

— מיר האָבן פאַרענדיקט?

— יאָ.

אין עטלעכע מינוט אַרום, נאָכן באַגלייטן די ספּיוואַקס און אומקערנדיק זיך צוריק אין גאָרטן, האָט קלים דערזען די מוטער נאָך אויפן זעלבן אָרט, אונטערן קערשנבוים, זי איז געזעסן, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אויף דער ברוסט, פאַרוואָרפן די הענט אויפן אָנלען פון דער באַנק.

— גאָט מייַנער, דאָס איז, דאַכט זיך, נישט קיין סימפּאַטישע דאַמע! — האָט זי געזאָגט מיט אַ מידער שטימע. — אַ יידין? ניין? ווי מאָדנע, אַזאַ פּראַקטישע. דינגט זיך, ווי אויפן מאַרק. אַיבעריקנס, זי קוקט נישט אויס קיין יידין. דיר האָט זיך נישט אויסגעוויזן, אַז זי האָט מיטגעטיילט וועגן דמיטרין מיט אַ געוויסער

צופרידנקייט ? מאַכבע מענטשן טוט ז״ער הנאה מיטצוטיילן שלעכ־
טע בשורות.

זי האָט מיט פאַרדראָס אַ קלאַפּ געגעבן זיך מיטן פויסטל אי־
בער דער קני.

— אָך, דמיטרי, דמיטרי! אַצינד וועט מיר אויסקומען צו
פאָרן קיין פעטערבורג.

אַ ראָזלעכער נעפּל האָט אָנגעפולט דעם גאָרטן און באַפאַרבט
די ווייסע בלומען. די ריחות זענען געוואָרן באַרוישנדיקער. די שטיל־
קייט געדיכטער.

— איך וועל גיין זיך איבערטון, און דו וואַרט־צו אויף מיר
דאָ. אין די צימערן איז דושנע.

קלים האָט אַ קוק געטון נאָך איר אומפּריינדלעך, דאָס, וואָס
די מוטער האָט געזאָגט וועגן דער ספּיוואַק, האָט ביז ווידערגע־
שפּראָכן זיין איינדרוק. אָבער זיין אומצוטרוי צו מענטשן, ווערנדיק
כסדר אַלץ לייכטער גערעגט, האָט קלאַמערהאַפּט זיך אָנגעכאַפּט
אָן דער מוטערס ווערטער און קלים האָט זיך פאַרטראַכט, שנעל
קאָנטראָלירנדיק די ווערטער, זשעסטן, שמייכלען פון דער אַנגע־
נעמער פרוי. די ליבלעכע שטילקייט, וואָס האָט אים לירישע גע־
שטימט, האָט נישט דערלויבט צו געפינען אין דער ספּיוואַקס
האַלטונג עפּעס אַזוינס, וואָס וואָלט באַרעכטיקט די מוטער. ס׳האָבן
לייכט אויפגעשפּילט אַנדערע מחשבות: אין אָפּיצינע וועט זיך אַרי־
בערקלייבן יעליזאַוועטאַ, ער וועט אָנהייבן זיך דרייען אַרום איר
און אויסהיילן זיך פון דער אומפאַרשטענדלעכער, פּיינלעכער ציונג
צו לידיען.

די מוטער האָט זיך אומגעקערט אין אַ קאַפּאָט פון זון־
קאָליר, פאַרקנעפּלט מיט זילבערנע קלאַמבערעס, אין ווייכע שטעק־
שיך; זי האָט אויסגעזעען וואונדערלעך פאַריונגערט.

— דו קלערסט נישט, אַז דעם ברודערס אַרעסט קאָן זיך
אָפּשלאָגן אויף דיר? — האָט זי שטיל געפרעגט.

— פאַרוואָס?

— איר האָט געוואוינט צוזאַמען.

— דאָס הייסט נאָך נישט, אַז מיר זענען סאָלידאַר.

— יאָ, אָבער...

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן, רייבנדיק מיט די פינגער די קנײטשלעך אויף די שלייפן. און פּלוצלינג האָט זי געזאָגט, אָפּ־ויפּצנדיק:

— דידאָזיקע ספּיוואַק האָט נישט קיין שלעכטע פיגור, אַפילו די שוואַנגערשאַפט מאַכט זי נישט קאַליע.

אַ ציטער געבנדיק פון אומגעריכטקייט, האָט קלים שנעל אַ פרעג געטון:

— זי איז שוואַנגער? זי האָט דיר געזאָגט?

— גאָט מײַנער, איך זע אַליין. דו ביסט גוט באַקאַנט מיט איר?

— ניין, — האָט געזאָגט קלים און אַראָפּנעמענדיק די ברילן, אויסווישנדיק די גלעזלעך, האָט ער אָנגעבויגן דעם קאָפּ. ער האָט געוואוסט, אַז דאָס פּנים איז בײַ אים בייז און אים האָט זיך נישט געוואָלט, אַז די מוטער זאָל עס זעען. ער האָט זיך געפילט אָפּ־גענאַרט, באַגנבעט. ס'האָבן אים אָפּגענאַרט אַלע: די געדונגענע מאַרגאַריטאַ, די שווינדזיכטיקע ניעכאַיעוואַ, ס'נאַרט אים אויך לידיאַ, פאָרשטעלנדיק זיך נישט אַלס אַזעלכע, ווי זי איז אינדערעמתן, ענדלעך האָט אויך אָפּגענאַרט די ספּיוואַק. ער קאָן שוין נישט קלערן וועגן איר אַזוי גוט, ווי ער האָט געקלערט מיט אַ שעה צוריק.

— ווי אומרחמנותדיק באַדאַרף מען זיין, סאַראַ קאַלט האַרץ דאַרף מען האָבן, כּדי צו קאָנען אָפּנאַרן אַ קראַנקן מאַן, — האָט אויפגעבראַכט געקלערט סאַמגין. — און — די מוטער, ווי אָן קונצן, גראָב זי רייסט זיך אַריין אין מיין לעבן.

— אָ, גאָט מײַנער! — האָט די מוטער אַ זיפץ געטון.

קלים האָט זייטיק אַ קוק געטון אויף איר. זי איז געזעסן, אָנגעשטרענגט אויסגלייכנדיק זיך, איר מאָגער געזיכט האָט פאַר־צאָגט זיך איינגעקנייטשט, דאָס איז אַ פּנים פון אַן אַלטער. די אויגן זענען ברייט געעפנט און זי האָט פאַרביסן די ליפּן, אַזוי־ווי איינהאַלטנדיק אַ געשריי פון ווייטיק. קלים איז געווען אויפגערעגט

אויף איר. נאָר עפּעס אַ טיילכל פֿון רחמנות צו זיך אַליין איז אַריבערגעגאַנגען אויף דערדאָזיקער פֿרוי, ער האָט שטילערהייט אַ פֿרעג געטון:

— ס'איז דיר טרויעריק?

אויפֿציטערנדיק, האָט זי צוגעמאַכט די אויגן.

— אין מיינע יאָרן איז ווינציק פֿריילעכס פֿאַראַן.

דערנאָך אָװעקמאַכנדיק מיט דער ציטערנדיקער האַנט דעם קאָלנער פֿונם קאַפּאָט באַם האַלז, האָט די מוטער גענומען רעדן פֿליסטערנדיק:

— שוין ערגעץ־וואו נאָענט וואַרט אויף דיר אַ פֿרוי... אַ מיידל, דו וועסט זי ליב קריגן.

אין איר פֿליסטער האָט קלים דערהערט עפּעס אומגעווייגלעכס, ס'האָט זיך אַ טראַכט געטון, אַז זי, די תּמיד שטאָלצע, איינגעהאַלטענע, וועט זיך באַלד צעוויינען. ער האָט זיך גישט געקאָנט פֿאָרשטעלן זי אַלס וויינענדיקע.

— מען דאַרף נישט וועגן דעם, מאַמאַ.

זי האָט פּיבערהאַפּט זיך געריבן מיט דער באַק אָן זיין אַקסל און, שטיל נדיק זיך אין טרוקענעם הוסט אָדער אין נישט געלונגענעם געלעכטער, געפֿליסטערט:

— איך קאָן נישט רעדן וועגן דעם, אָבער — מען דאַרף. וועגן גרויסמוטיקייט, וועגן באַרמהאַרציקייט צו דער פֿרוי, ענדלעך! יאָ! וועגן באַרמהאַרציקייט. ס איז — דאָס עלנדסטע וועזן אין דער וועלט, אַ פֿרוי, אַ מוטער. פֿאַרוואָס? עלנד ביז משוגעת. איך רעד נישט בלויז וועגן זיך, ניין...

— ווילסט, וועל איך ברענגען אַ ביסל וואַסער? — האָט אַ פֿרעג געטון קלים און באַלד פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס איז נאַריש. ער האָט זי אַפֿילו געוואָלט אַרומנעמען, אָבער זי האָט זיך צוריקגעצויגן, ציטערנדיק כּסדר, באַמיענדיק זיך איינצוהאַלטן די שלאָכצן. און אַלץ הייסער, פֿאַרביטערטער האָט געקלונגען איר פֿליסטער.

— בלויז שעהן אַלס באַלויגונג פֿאַר די טעג, נעכט, יאָרן און איינזאַמקייט.

— דאָס האָט גערעדט די ניעכאַיעווא, — האָט זיך דער־מאַנט קלים.

— די שטאָלצקייט, וועלכע מען טרעט אַזוי גרויזאַם. דער איינגעוואָוינטער — דו פאַרשטייי! — דער איינגעוואָוינטער אומ־ווילן אַריינצוקוקן אין דער נשמה ליבלעך, פריינדלעך. איך זאָג נישט דאָס, וואָס איך וויל. אָבער וועגן דעם איז נישט מעגלעך צו זאָגן...

— און — מען דאַרף נישט! — האָט זיך געוואָלט זאָגן קלימען. — מען דאַרף נישט, דאָס דערנ־דעריקט דיך. דאָס האָט מיר געזאָגט אַ שווינדזיכטיק, העסלעך מיידל.

אָבער פאַר זיין גרויסמוטיקייט האָט זיך נישט געפונען קיין אָרט, די מוטער האָט געפליסטערט, שטיקנדיק זיך:

— מען דאַרף יאָמערן. דאַן וועט מען אָנרופן היסטעריטש־קע. מען וועט פאַרלייגן אַ דאָקטאָר, בראָם, וואַסער...

דער זון האָט פאַרלוירן געגלעט דער מוטערס האַנט און געשוויגן, נישט געפינענדיק קיין ווערטער צו טרייסטן, ווייטער טראַכטנדיק, אַז זי דאַרף דאָס אַלץ נישט רעדן. און זי האָט ווירק־לעך היסטעריש געלאַכט און איר פליסטער איז געווען אַזוי אומ־היימלעך טרוקן, גלייך די הויט פון איר לייב וואָלט כלומרשט גע־פּלאַצט און זיך געריסן.

— דו דאַרפסט וויסן: אַלע פרויען זענען אומהיילבאַר קראַנק אויף איינזאַמקייט. דערפון — אַלדאָס אומפאַרשטענדלעכע פאַר אייך, מענער, די אומגעריכטע פאַרראַטן און... אַלץ! קיינער פון אייך זוכט נישט, לעכצט נישט אַזוי נאָך נאָענטקייט צו אַ מענטש, ווי מיר.

פילנדיק אַ נויטווענדיקייט צו פּרווון זי באַרויקן, האָט קלים אַרויסגעמורמלט:

— דו ווייסט, וועגן פרויען טראַכט זייער אייגנאַרטיק מאַ־קאַראָוו...

— אונזער עגאָיזם — איז נישט קיין זינד, — האָט די מוטער פאַרגעזעצט, נישט הערנדיק אים. דער עגאָיזם — איז

פון לעבנס-קעלט, דערפון, וואָס אַלץ שמאַרצט: די נשמה, דער גוף, די ביינער...

און פּלוצלינג אַ בליק געבנדיק אויפן זון, האָט זי זיך אָפּגערוקט פון אים, איז אַנטשוויגן געוואָרן, קוקנדיק אין דער גרינער נעץ פון די ביימער. און אין אַ מינוט אַרום, פאַרריכטנדיק אַ פּאַסמע האָר, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן אויף דער באַק, האָט זי זיך אויפגעהויבן פון דער באַנק און איז אַוועקגעגאַנגען, איבערלאָזנדיק דעם זון דערדריקט פון דערדאָזיקער סצענע.

— נאַטירלעך, דאָס איז זי אַזוי דערפאַר, וואָס זי ווערט אַלט און איז אייפערזיכטיק, — האָט ער געקלערט, — כמורעדיק זיך און קוקנדיק אויפן זייגער. די מוטער איז געזעסן מיט אים נישט מער פון אַ האַלבער שעה, נאָר ס'האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ס'איז אַריבער אַ שעה צוויי. ס'איז געווען נישט אָנגענעם צו פילן, אַז אין דערדאָזיקער האַלבער שעה האָט זי עפּעס אָנגעוואוירן אין זיינע אויגן. און נאָכאַמאָל האָט קלים סאַמגין אַ קלער געטון, אַז אין יעדן מענטש קאָן מען אַנטפּלעקן אַן אייגנאַרטיקן קערן, אויף וועלכן דער מענטש הייבט אויף דעם פאָן פון זיין אָריגינעלקייט.

אויפן צווייטן טאָג אינדערפרי, איז אומגעריכט דערשינען וואַראַווקאַ; ער איז געווען באַלעבעט, נישט אָנשטענדיק צעשויבערט, האָט געבליצט מיט די אייגעלעך. וויערא פּעטראָוונאַ האָט גלייך באַ די ערשטע ווערטער אים געפרעגט:

— וואָס, דידאָזיקע פריילין אָדער דאַמע האָט געדונגען אַ דאַטשע?

— וואָס פאַר אַ פריילין? — האָט זיך פאַרוואונדערט וואַראַווקאַ.

— ליוטאָווס באַקאַנטע?

— כ'האָב נישט געזען אַזעלכע. דאָרטן זענען — צוויי: לידיאַ און אַלינאַ. און דריי קאַוואַלערן, אַז דער רוח זאָל זיי נעמען!

דער שווערער, דיקער וואַראַווקאַ האָט אויסגעזען ווי אַ משונהדיק פאַרגרעסערטער כינעזישער „גאָט פון בעטלערס", — דאָס קריפּל-פיגורל פון דעמדאָזיקן גאָט איז געשטאַנען אין גאַסט-

צימער אויף דעם שפּיגל-טישל און די קאַריקאַטורישקייט פון זיינע פאָרמען האָט אומדערקלערבאַר זיך צונויפגעמישט מיט עפּעס אַ מין אייגנאַרטיקער שיינקייט. שנעל און גיריק שלינגענדיק שטיקלעך וואורשט, האָט וואַראַווקאַ געמורמלט:

— טוראַבאַיעוו איז — אַ דעגענעראַט. ווי אַזוי איז דאָס? אַ דעקאַדענט. פין דע סיעקל און דעסגלייכן. ער קען נישט פאַרקויפן. דאָס שטאָטישע הויז האָב איך באַ אים געקויפט, כ'וועל עס איבערבויען אויף אַ טעכנישע שולע. ער האָט פאַרקויפט ביליק, ממש אַ גנבה. בכלל — אַן אידיאָט פון יחוסדיקער אָפּשטאַמונג. ליוטאָוו האָט, קויפנדיק באַ אים ערד פאַר אַליגען, זיך באַמיט אָפּצושאַבן אים און ער וואָלט אים געווען אָפּגעשאָבן, אָבער איך האָב נישט דערלאָזט. איך וועל בעסער אַליין...

— וואָס רעדסטו? — האָט אים ווייך פאָרגעוואָרפן וויערא פּעטראָוונאַ.

— איך — רעד ערלעך. מען באַדאַרף צו קענען נעמען. באַזונדערס באַ נאַראָנים. אָט ווי סערגעי וויטע שינדט אָפּ.

וואַראַווקאַ האָט זיך אָנגעזועטיקט, אָפּגעזיפצט. מתיקותדיק פאַרמאַכנדיק די אויגן, האָט ער אויסגעטרונקען אַ גלאָז ווין, אָפּגעווישט מיט דער סערוועטקע דאָס פּנים און אויפסניי גענומען רעדן:

— נאַר דערדאָזיקער ליוטאָוו — איז אַ דורכגעטריבענע קאַנאַליע, דו, קלים, זיי פאַרזיכטיק...

דאָ האָט וויערא פּעטראָוונאַ, האַלטנדיק דעם קאָפּ גלייך און אומבאַוועגלעך, ווי אַ בלינדע, אים מיטגעטיילט וועגן דמיטריס אַרעסט. קלים האָט אייגעפונען, אַז דאָס איז אַרויסגעקומען באַ איר נישט אויפן אָרט און אפילו אַזויווי אַרויסרופנדיק. וואַראַווקאַ האָט אויפגעהויבן די באָרד אויף דער האַנטפלאַך, אַ קוק געטון אויף איר און אַראָפּגעבלאָזן פון דער האַנט.

— וואָס איז דאָס אַזוינס — אַ בירושהדיקע ציונג צו דער תפיסה פון דער עלטערער ליניע סאַמגינס?

— איך וועל מוזן פאָרן קיין פּעטערבורג.

— פאַרשטייט זיך, — האָט וואָרטשעדיק געזאָגט וואַראַווקאַ און, אַרויפלייגנדיק די האַנט אויף קלימס אַקסל, אַ שאָקל געבנדיק אים, אָנגעהויבן איינרעדן:

— די וואָלסט בעסער געגאַנגען, ברודער, אין אינסטיטוט פון בירגערלעכע אינזשיניערן. אַדוואָקאַטן איז בא אונז — אַן איבערפלוס, און גאַמבעטן פאָדערן זיך נישט לעת עתה. פּראָקוראָרן — איז אויך אין יעדער צייטונג צו פינף און צוואָנציק שטיק. אָבער, אָט, אַרכיטעקטאָרס — איז נישטאָ, בויען קאָנען מיר נישט. לערן זיך — אויף אַרכיטעקטאָר. דאַן וועלן מיר באַקומען אַ געוויסן גלייכגעוויכט: איין ברודער — בויעט, דער אַנדערער — צעשטערט, און פאַר מיר, דעם אונטערנעמער, איז דאָ ריווח!

ער האָט זיך הויך צעלאַכט, טרייסלענדיק מיטן בויך, דערנאָך פאָרגעלייגט קלימען צו פאָרן אויף דער דאַטשע:

— ס'איז נייטיק, אַז דאָרטן זאָל עמעצער פון אונז זיין. איך וועל, דאַכט זיך, נעמען אַהין דראַגאָנוון אַלס פאַרוואַלטער. נו, כ'וועל פאָרן צום נאָטאַריוס...

אַרויסבאַגלייט אים, האָט די מוטער געזאָגט, זיפצנדיק:

— סאַראַ ענערגיע, וויפיל שכל.

— יאָ, — האָט העפלעך איינגעשטימט קלים, אָבער ער האָט אַ קלער געטון: — ער שליידערט מיך, פונקט ווי אַ באַלעם.

אויף דער זומערוואויבונג איז ער געקומען צו פאָרן אינאָוונט און זיך געלאָזט גיין פון דער סטאַציע מיטן אומוועג פון סאָסנאָווע וואַלד, כדי נישט צו גיין מיטן זאַמדיקן וועג: מען האָט נישט לאַנג געהאַט איבער אים דורכגעפירט אין דאָרף אַריין גלאָקן, און דער וועג איז טיף צעגראָבן געוואָרן דורך די מענטשן און פערד. אין דער שטילקייט איז געווען אָנגענעם צו גיין, די ליכט פון די יינגע סאָסנעס האָבן געדויכט מיט פעכיקן ריח, און די דורכשיינען צווישן די מעכטיקע קאָלומנעס פון הונדערטיעריקן וואַלד האָבן זיך אויסגעצויגן איבער דער אויסגייענדיקער לופט רויטע פאַסן זונען-שטראַלן, די קאָרע פון סאָסנעס האָט געגלאַנצט ווי בראָנז און בראָקאַט.

פלוצלינג האָט אויפן ראַנד פון וואַלד, פון אונטער אַ קליין

בערגל אַפּער, זיך באַוויזן ווי אַ ריזיקע פליגנשוואָם אַ רויטער שירם, וואָסערער ס׳איז נישט געווען באַ לידיען און אַלינען; דערנאָך, דערנאָך האָט קלים אונטערן שירם דערזעען אַ שמאָלן רוקן פון אַ פרוי אין אַ געלער בלוזקע און ליוטאָווס בלויזן, מיט צעשויבערטע האָר, שפּיציקן קאָפּ.

— דאָס איז די פרוי, וועגן וועלכער ס׳פרעגט די מוטער ליוטאָווס אַ געליבטע? די לעצטע זעונג?

ער איז אַזוי באָענט צוגעגאַנגען, אַז ער האָט שוין געהערט דאָס גלייכמעסיקע קעלעכל פון דער פרוי און די קורצע, טויב קלינגענדיקע פראַגן ליוטאָווס. ער האָט געוואָלט אַראָפּדרייען אין וואַלד אַריין, נאָר ליוטאָוו האָט אויסגערופן:

— איך זע! באַהאַלט זיך נישט.

דער אויסגעשריי האָט אַ קלונג געטון מיט חוזק, און ווען קלים איז האַרט צוגעקומען, האָט ליוטאָוו אים באַגעגנט, פאַרשטשירעט די ציין מיט אַ נישט אָנגענעם שמייכעלע.

— פאַרוואָס קלערט איר, אַז איך באַהאַלט זיך? — האָט ער בייז אַ פרעג געטון, אַראָפּנעמענדיק דעם קאַפּעלוש פאַר דער פרוי מיט בפּיונדיקער געלאַסנקייט.

— אויס סובטעלקייט, — האָט געזאָגט ליוטאָוו. — באַקענט זיך.

די פרוי האָט אויסגעשטרעקט אַ האַנט מיט זייער אַ האַרטער דלאָניע. איר פנים איז געווען פון יענע, וואָס בלייבן שווער אין זכרון. אויפמערקזאַם, מיט פאָטאָגראַפירנדן בליק פון די העלע אויגן האָט זי אַ בליק געטון אין קלימס פנים אַריין און נישט דייטלעך אָנגערופן אַ פאַמיליענאָמען, וועלכן ער האָט תיכף פאַרגעסן.

— טוט אַ טובה, — האָט געזאָגט ליוטאָוו, אַרומקוקנדיק און קרימענדיק זיך. — זי האָט, זעט איר, פאַרשפּעטיקט צום צוג... אָרדנט איר איין אַ נאַכטלעגער באַ אייך, אָבער אַזוי, אַז קיינער זאָל וועגן דעם נישט וויסן. זי האָט מען שוין דאָ געזען, זי איז נעקומען צו פאָרן דינגען אַ דאַטשע, אָבער — מען דאַרף נישט.

אַז מ׳זאָל זי זעען נאָכאַמאָל. באַזונדערס דערדאָזיקער לאָמער שד, דער פּיפּיקער פּויער.

— אפשר זענען די דאָזיקע פּאַרזיכטיקייטן איבעריק? — האָט נישט הויך געפרעגט די פרוי.

— איך האַלט זיי נישט פאַר איבעריק, — האָט בייז געזאָגט ליוטאָוו.

די פרוי האָט אַ שמייכל געטון, גראַבלענדיק דאָס זאַמד מיטן שפּיץ פון שירם. געשמייכלט האָט זי אייגנאַרטיק: איידער זי האָט צעעפנט די פעסט צונויפגעפּרעסטע ליפּן פון דעם קליינעם מויל, האָט זי זיי נאָך פעסטער צונויפגעפּרעסט, אַזוי, אַז אין די מויל־ווינקלען האָבן זיך באַוויזן שטראַליקע קנייטשעלעך. דער שמייכל האָט זיך אויסגעוויזן אַ געצוואונגענער, אַ האַרטלעכער און האָט שאַרף געענדערט איר פּנים, וואָס אַזעלכע זענען דאָ אַ סך.

— נו, שפּאַצירט, — האָט איר אַ קאָמאַנדעווע געטון ליוטאָוו, אויפשטייענדיק פון דער ערד און אַ נעם טוענדיק קלימען אונטער דער האַנט, גענומען גיין צו די דאַטשעס.

— איר זענט נישט זייער העפלעך מיט איר, — האָט שווערמוטיק באַמערקט קלים, אויפגעבראַכט פון ליוטאָווס נישט צערעמאָניען זיך אין באַציִונג צו אים.

— ס׳מאַכט נישט אויס, — האָט אַ מורמל געטון ליוטאָוו.

— איך דאַרף אייך אינפאָרמירן, אַז אין פּעטערבורג איז אַרעסטירט געוואָרן מיין ברודער...

ליוטאָוו האָט שנעל אַ פרעג געטון:

— אַ „נאַראָדאָפּראַוועץ"?

— אַ מאַרקסיסט. וואָס איז אַזוינס נאַראָדאָפּראַוועץ?

אַראָפּנעמענדיק דעם קאַפּעלוש, האָט ליוטאָוו אָנגעהויבן צו פאָכען מיט אים אין זיין פאַררויטלט פּנים אַריין.

— אויפסניי קומט פאָר אַן אָנזאַמלונג פון רעוואָלוציאָנערע כוחות, — האָט ער נאָכגעשפּעט עמעצן. — אַן אָנזאַמלונג... טייוואָנים!

סאַמגין איז בייז געווען אויף ליוטאָוון דערפאַר, וואָס ער האָט

אים אַריינגעשלעפּט אין עפּעס אַן אָמאָנגענעמער און, דאַכט זיך, געפערלעכער אַוואַנטורע און אויף זיך איז ער בייז געווען פאַר דעם, וואָס ער האָט אים אַזוי לייכט נאָכגעגעבן, אָבער איבער דעם כּעס האָט דאָמינירט פאַרוואונדערונג און נייגיריקייט. ער האָט שווייגנד געהערט ליוטאָווס אויפגערעגט וואָרטשען און זיך אומגעקוקט דורך זיין אַקסל: די דאַמע מיטן רויטן שירם איז נעלם געוואָרן.

— אויפסניי קומט פאָר... דידאָזיקע איז געקומען מיר מיסטיילן, אַז אין סמאָלענסק איז אַרעסטירט געוואָרן אַ געוויסער באַקאַנטער... אַ דרוקעריי איז דאָרטן, באַ אים... צו אַלדי שוואַרצע יאָר! אין כאַרקאָוו ·אַרעסטן, אין פּיטער, אין אָריאָל. אַן אַנזאַמלונג!

ער האָט געוואָרטשעט, ווי וואַראָווקאַ אויף די טשעסלאַרעס, מוליאַרעס, אויף די ביוראָ־אַנגעשטעלטע. קלימען האָט געחידושט דערדאָזיקער מאָדנער טאָן און נאָך מער האָט געחידושט ליוטאָווס באַקאַנטשאַפט מיט רעוואָלוציאָנערן. אויסגעהערט אים אַ מינוט, צוויי, האָט ער מער נישט אויסגעהאַלטן.

— אָבער — וואָסער עסק האָט איר צו דעם, צו דער רעוואָלוציע?

— אַ ריכטיקער אַוועקשטעל פון דער פראַגע, — האָט זיך אָנגערופן ליוטאָוו, אַ לאַך געבנדיק. — כ׳באַדויער, וואָס מען האָט געפּאַקט אייער ברודער, ער וואָלט, מסתמא, אייך געענטפערט.

— באָלוואַן, — האָט אין געדאַנק אַ זידל געטון סאַמגין און אַרויסגעשלעפּט זיין האַנט פון אונטער דעם באַגלייטערס אָרעם, אָבער יענער האָט, אַפּנים, דאָס נישט דערפילט, ער איז געגאַנגען, פאַרטראַכטערהייט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, צעשליידערנדיק מיטן פוס די סאָסנאָווע שישקעס. קלים האָט גענומען גיין שנעלער.

— וואוהין איילט איר זיך? דאָרטן — ליוטאָוו האָט אַ מאַך געטון מיטן קאָפּ אין דער זייט פון די דאַטשעס — איז קיינער נישטאָ, זיי זענען אַוועקגעוואָרפן אין אַ לאָדקע אויף אַ יום־טובֿ ערגעץ־וואו, אויף אַ יריד.

ער האָט אויפסניי גענומען סאַמגינען אונטער דער האַנט, און

ווען זיי זענען צוגעקומען צו א צעשאָטענער קופּע שייטן האָלץ, האָט ער א קאָמאַנדעווע געטון:

— לאָמיר זיך זעצן.

און באַלד האָט ער מיט א האַלב קול, גאָר שפּאָטיש אָנגע־הויבן רעדן:

— צו וואָסער טייוול איז נייטיק אונזער אינטעליגענץ בּאַ אַזאַ פייער? דאָס איז אַלץ איינס, ווי די דאָרפישע כאַטעס מיט פּערלמוטער צו באַפּוצן. די שיינגשמהדיקייט, די האַרציקייט, דער ראָמאַנטיזם און אַנדערע פּעפּערמענטן, דאָס קענען זיצן אין תּפיסות, לעבן אין די געזערלעכע פאַרשיקונגס־ערטער, שרייבן רירנדע דערציילונגען און אַרטיקלען. די קדושים, צדיקים און דעס־גלייכן. אין אַלגעמיין זענען עס — אומגעבעטענע געסט.

פון אים האָט זיך געשפּירט בּראָנפן און רעדנדיק האָט ער געקנאַקט מיט די ציין, גלייך ער וואָלט איבּערגעבּיסן פעדעם.

— די נאַראָדאָוואָלצעס, למשל. דאָס איז דאָך איבּערגענו־מען פון מעקסיקאַ, דאָס איז — גוסטאַוו עמאַר און מאַין־גיד. די פּיסטאָלעטן שיסן לעבּן דעם ציל, די מינעס רייסן נישט אויף, די באָמבּעלעך ווערן אויפגעריסן פון צען איינע און — נישט אין דער צייט.

א כאַפּ געבּנדיק א קרומען, סענקעוואַטן שייט, האָט ליוטאַוו געפּרוווט אים אַנידערשטעלן אויפן זאַמד שטייענדיקערהייט, וואָס — ס'האָט זיך נישט איינגעגעבּן, דער שייט איז פויל אומגעפאַלן.

— ס'איז קלאָרער ווי קלאָר, אַז רוסלאַנד באַדאַרף מען אַרומ־טשעשען מיט א האַק, וועסט זי נישט אַרומפּניצן מיט קיין פּען־מעסערלעך. ווי מיינט איר?

פאַרכאַפּט אומגעריכט פון דער פראַגע, האָט סאַמגין נישט באַלד געענטפערט.

— דאָס פריערדיקע מאָל האָט איר גערעדט וועגן רוסישן פאָלק איינגאַנצן אַנדערש.

— וועגן פאָלק רעד איך שטענדיק איינס און דאָס זעלבּע: אַן אויסגעצייכנט פאָלק! אַן אומפאַרגלייכלעכס! אָבער...

מיט אַן אומגעריכטער קראַפט האָט ער לייכט א וואָרף גע־

פון הויך אינדערלופטן אַ שייט און ווען ער איז, דרייענדיק זיך, אַראָפּגעפאַלן צו זיינע פיס, האָט ער אים אַ כאַפּ געטון, אַריינגעזעצט אין זאַמד.

— פון דערדאָזיקער זאַך קאָן מען מאַכן אַ סך פאַרשידענע חפצים. אַ קינסטלער וועט דערפון אויסשניידן אי אַ טייוול, אי אַ מלאך. אָבער, ווי איר זעט, איז דער חשובער שייט שוין פאַרפוילט געוואָרן, ליגנדיק דאָ. נאָר מען קאָן אים נאָך פאַרברענען אין אויוון. פוילן — איז אומנוצלעך און שענדלעך, ברענען גיט אַ געוויסן קוואַנטום וואַרעמקייט. ס'איז פאַרשטענדלעך די אַלעגאָריע? איך בין דערפאַר, אַז מען זאָל באַשענקען דאָס לעבן מיט וואַרעמקייט און ליכט, אַז מען זאָל עס צעגליִען.

— זאָגסט ליגנט, — האָט אַ קלער געטון קלים.

ער איז געזעסן אויף אַן אַרשין העכער פון ליוטאָוון און האָט געזען דאָס אָפּגעבראָכענע, אָפּגעזונדערטע פּנים זיינס נישט רעליעף, נאָר צריינגעבויגן, ווי אַ טעלער, — אַ נישט ריינער טעלער. שאָטנס פון לאַפּעס פון אַ נישט הויכער סאָסנע האָבן געציטערט אויפן פּנים און ממש ווי צוויי ניס האָבן זיך געקייקלט דערויף די שיקלדיקע אויגן. ס'האָט זיך באַוועגט די נאָז, ס'האָבן זיך צעבלאָזן די נאָזלעכער, ס'האָבן געפּאַטשט די גומענע ליפּן, אַפּדעקנדיק די שלעכטע אויבערשטע שורה ציין, וויינדיק דעם שפּיץ צונג, ס'איז געשפּרונגען דער שפּיציקער, נישט געגאָלטער האַלדזקנאָפּ, און לעבן די אויערן האָבן זיך גערדרייט ביינקע קייקעלעך. ליוטאָוו האָט געמאַכט מיט די הענט, די פינגער פון דער רעכטער האַנט האָבן געשימערט, פּונקט ווי פינגער פון אַ טויב-שטומען, ער האָט אינגאַנצן זיך געוואָרפן, ווי אַ מאַריאָנעטקע אויף שנירלעך, און צו קוקן אויף אים איז געווען דערווידער: ער האָט אַרויסגערופן באַ סאַמגינען אַן אומעטיקן כעס, אַ געפיל פון פּראָטעסט.

— און וואָס וואָלט געווען, ווען איך זאָג, אַז ער איז אַן אַקטיאָר, אַ פּאָקוסניק, אַ משוגענער און אַלע רייד זיינע — אַ קרענקלעכע, פאַלשע פילאָסאָפיי? אָבער — צוליב וואָס, פאַר וועמעס וועגן שפּילט און זאָגט ליגנט דערדאָזיקער מענטש, דער

רייכער, פאַרליבטער און אין דער נאָענטער צוקונפט — מאַן פון אַ יפת־תואר ?

— שטעלט זיך פאָר, — האָט קלים געהערט אַ שטימע, אַ שכורע פון אויפגערעגטקייט, — שטעלט אייך פאָר, אַז פון הונדערט מיליאָן מוחות און הערצער רוסישע, וועלן צען, נו, פינף! — אַרבעטן מיט דער גאַנצער קראַפט פון ענערגיע, וואָס איז אין זיי איינגעשלאָסן ?

— יאָ, געוויס, — האָט געזאָגט קלים, נישט גערן.

דער טונקעלער הימל האָט שוין געקאָכט מיט שטערן, די לופט איז געווען אָנגעטרונקען מיט פייכטלעכער וואַרעמקייט, ס'האָט זיך געדאַכט, אַז דער וואַלד צעגייט און צעפליסט זיך אין פעטן דאַמף. ס'האָט זיך געשפּירט דער פאַלנדיקער טוי. אין דער גערדיכטער פינצטערניש נאָכן טייך האָט אויפגעפלאַקערט אַ געל פייערל, עס האָט זיך שנעל צעבערענט אין אַ פלאַם און באַלויכטן אַ קליינע, ווייסע פיגור פון אַ מענטש. אַ ריטמישער פּליעסק פון וואַסער האָט געשטערט די שטילקייט.

— אונזערע פאָרן, — האָט באַמערקט קלים.

ליוטאָוו האָט לאַנג געשוויגן, איידער ער האָט געענטפערט:

— שוין צייט.

און איז אויפגעשטאַנען, צוקוקנדיק זיך צו עפּעס.

— דער פויער דרייט זיך אַרום. איך וועל אים פאַרהאַלטן, און איר גייט, אָרדנט איין דידאָזיקע...

סאַמגין איז אַוועקגעגאַנגען צו דער דאַטשע, הערנדיק, ווי פרייליך און האָפערדיק ס'קלינגט ליוטאָווס קול:

— דו כאַפּסט אין וואַלד אויך וועלסן ?

— איר לאַכט, הער, אָבער ער איז געווען, דער וועלס !

— געווען ?

— נאָר ווי דען ?

— וואו ?

— וואו זשע זאָל ער זיין, אַז נישט אין טייך ?

— אין דאַזיקן ?

— נאַר — וואָס? אַ פײַנער מײַך.
— אָן אַקטיאָר, — האָט געקלערט קלים, צוהערנדיק זיך.
— איר, האַר, נײַטיקט זיך נישט אין ווײַבערישן? דאָ איז — אַ סאָלדאַטקע...
— אַ שטײַגער ווי דער וועלס?
— זי בענקט זײַער...
— וואַראַווקאַ איז גערעכט, דאָס איז אַ געפערלעכער מענטש, — האָט באַשלאָסן סאַמגין.
אינדערהיים האָט סאַמגין געהייסן די דינסט דערלאַנגען נאַכטעסן און זיך לייגן שלאָפן. דערנאָך איז ער אַרויסגעגאַנגען אויף דער טעראַסע, האָט אַ קוק געטון אויפן טײַך, אויף די גאָלדענע ליכט־פלעקן פון דער טעליעפּניעוואַס פענצטער. ס'האָט זיך געגלוסט אַהינצוגיין אָבער — ער קאָן נישט ביזוואַנען ס'וועט נישט קומען די געהיימנישפולע דאַמע אָדער פּריילין.
— איך האָב נישט קיין ווילן. כ'האָב אים באַדאַרפט אָפּזאָגן.
וואַרטנדיק אויף אַ שאַרף פון טריט איבערן זאַמד און שטעכעכץ, האָט קלים געפּרווט זיך פאָרצושטעלן, ווי לידיאַ שמועסט מיט טוראָבאָיעוון, מיט מאַקאַראָוון. ליוטאָוו איז, הפּנים, אַרײַנגעגאַנגען אַהין. ווײַט ערגעץ־וואו האָט געהודזשעט אַ דונער. ס'זענען צוגעשוואומען אָפּגעריסענע קלאַנגען פון אַ פּיאַנינאָ. אין די וואָלקנס, נאָכן טײַך, האָט זיך באַהאַלטן די לבנה, פון צײַט צו צײַט באַלײַכטנדיק די לאָנקעס מיט טריבלעכן ליכט. אָפּוואַרטנדיק דעם אומגעוואונשענעם גאַסט ביז האַלבער נאַכט, האָט קלים סאַמגין מיט אַ טראַסק פאַרמאַכט די טיר און זיך געלייגט שלאָפן מיט כעס קלערנדיק, אַז ליוטאָוו איז, אפשר, נישט געגאַנגען צו דער כּלה, נאָר פאַרבּרענגט אַנגעגענעם די צײַט אין וואַלד מיט דערדאָזיקער פרוי, וואָס קען נישט שמייכלען. און, ס'קאָן זײַן, ער האָט דאָס אַלץ אויסגעטראַכט — וועגן עפּעס „נאַראָדאָפּראָוצעס", וועגן דער דרויקעריי, אַרעסטן.
— אַלץ איז אַ סך אײַנפאַכער? דאָס איז געווען אַ לעצטע זעונג.

דערמיט איז ער טאַקע איינגעשלאָפן, און אינדערפרי האָט אים אויפגעוועקט אַ פייף פון ווינט, טרוקן האָבן גערוישט די סאָסנעס הינטערן פענצטער, אומרויק האָבן געשאָרכעט די בעריאָזעס; אויפן בלוילעכן לייוונט פון טייך האָבן פאַרשידנפאָרמיק זיך געקרייזלט קליינע פאַליעלעך. פון יענער זייט טייך איז געשוואומען אַ געדיכט־בלויע כמאַרע, דער ווינט האָט אָפגעריסן איר עק, ריזיקע שטיקער האָבן זיך געטראָגן איבערן טייך, גלעטנדיק אים מיט רויכיקע שאָטנס. אין טייך־בעדל האָט געשריגן אַלינאַ. ווען סאַמגין האָט זיך אָפגעוואַשן, זיך אָנגעטון און אַוועקגעזעצט צום טיש עסן פרישטיק — האָט פּלוצלינג אַ פּלייך געטון אַ שלאַקס־רעגן, און אין אַ מינוט אַרום איז אַריינגעקומען מאַקאַראָוו, אָפּשאָקלענדיק פון די האָר טראָפּנס רעגן.

— וואו־זשע איז וולאַדימיר? — האָט ער פאַרזאָרגט אַ פרעג געטון. — שלאָפן האָט ער זיך נישט געלייגט, דאָז געלעגער איז נישט גערירט.

שמייכלענדיק, האָט קלים צוגעקליבן וואָס שאַרפערע ווערטער, ס'האָט זיך געוואָלט זאָגן וועגן ליוטאָוון עפּעס זייער בייזס, אָבער ער האָט נישט באַוויזן דאָס צו טון — ס'איז אַריינגעפאַלן אַלינאַ.

— קלים, שנעלער — קאַווע!

דאָס נאַסע קלייד איז אַזוי צוגעקלעפּט געווען צו איר לייב, אַז זי איז געווען ממש אַ נאַקעטע, זי האָט געשפּריצט מיטן וואַסער, אויסקוועטשנדיק די האָר, און געשריגן:

— די משוגענע לידקע איז אַוועקגעלאָפן צו מיר נאָכן אָנטועכץ און אַ דונער וועט זי דערהרגענען...

— ליוטאָוו איז געווען בײַ אייך אינאָוונט? — האָט שווערמוטיק געפרעגט מאַקאַראָוו,

שטייענדיק פאַרן שפּיגל, האָט אַלינאַ צעפּירט מיט די הענט.

— נו, אָט האָסטו! דער חתן איז פאַרפאַלן געוואָרן, און איך וועל האָבן אַ קאַטאַר און אַ בראָנכיט. קלים, דערוועג זיך נישט צו קוקן אויף מיר מיט די אומפאַרשעמטע אויגן!

— נעכטן האָט דער לאָמער איינגעלאַדן ליוטאָוון אין דער מיל, — האָט קלים געזאָגט צום מיידל, זי איז שוין געזעסן בײַם טיש, געשווינד ויפנדיק די קאווע, בריענדיק זיך און שיפענדיק, און מאַקאַראָוו האָט אוועקגעשטעלט דאָס נישט דערטרונקענע גלאָז, איז צוגעגאַנגען צו דער טיר פון דער טעראַסע און שטייענדיק דאָרטן, שטילינקערהייט אָנגעהויבן פייפן.

— איך וועל זיך פאַרקילן ? — האָט ערנסט אַ פרעג געטון אַלינאַ.

ס'איז אַריינגעקומען טוראָבאָיעוו, האָט זי אַרומגעמאָסטן מיט אַן אָפּמעסטנדיקן בליק, איז פאַרשוואונדן געוואָרן, אויפסניי דער־שינען און אַרויפוואַרפנדיק אויף אירע אַקסלען זיין שטויב־מאַנטל, געזאָגט :

— אַ וואוילער רעגן, אויף אַ גערעטעניש.

ס'האָבן געבלאַצט די בליצן, ס'האָבן געקנאַלט די דונערן, געקלונגען די שויבן אין די פענצטער, און אויף יענער זייט טייך האָט זיך שוין אויסגעלייטערט.

— כ'וועל גיין אין מיל אַריין, — האָט אַ מורמל געטון מאַקאַראָוו.

— אָט דאָס איז — אַ פריינד ! — האָט אויסגערופן אַלינאַ, און קלים האָט געפרעגט :

— וואָרים ער האָט נישט מורא צו כאַפּן אַ קאַטאַר ?

— אפילו דערפאַר אויך.

דאָס מאַנטל איז אַראָפּגעקראָכן פון דעם מיידלס אַקסלען, אָפּדעקנדיק איר ביוסט, וועלכער איז שטייף אַרומגעוויקלט געווען מיט פייכטן באַטיסט פון דער בלוזע. דאָס האָט זי נישט באַמערקט, אָבער טוראָבאָיעוו האָט אויפסניי אַרומגעדעקט די שיין געטאָקטע אַקסלען און סאַמגין האָט געזעען, אַז דאָס געפעלט איר, זי האָט פריילעך זיך געזשמורעט, דרייענדיק מיט די אַקסלען און געבעטן :

— לאָזט אָפּ, ס'איז מיר הייס.

— איך וואָלט נישט געהאַט די העזה, [illegible] דערדאָזיקער

פֿראַנט, — האָט מיט קנאה אַ קלוגער געטון סאַמגין און מיט אַן אַרויסרופֿנדן טאָן געפֿרעגט טוראָבאָיעוון:

— איך געפֿעלט ליוטאָוו?

ער האָט באַמערקט, אַז טוראָבאָיעווס באַק האָט אַ ציטער געגעבן, ווי אַ פֿליג וואָלט איר אַ ביס געטון; אַרויסנעמענדיק דעם פּאַרטסיגאַר, האָט ער געענטפֿערט זייער העפֿלעך:

— אַן אינטערעסאַנטער מענטש.

— איך האַלט אינטערעסאַנטע מענטשן פֿאַר גאָר ווינציק אויפֿריכטיק, — האָט אָנגעהויבן רעדן קלים און פּלוצלינג דערפֿילט, אַז ער פֿאַרלירט די ממשלה איבער זיך, — אינטערעסאַנטע מענטשן זענען ענלעך צו די אינדיאַנער אין קריגס-שלייער, זיי זענען געפֿאַרבט און אין פֿעדערן. מיר ווילט זיך תּמיד זיי אָפּוואַשן און אויסציפּן די פֿעדערן, כּדי אונטער דער אויסערלעכער אָפּגעפֿאַרבטקייט צו דערזען דעם מענטש אַזוי, ווי ער איז אין דער ווירקלעכקייט.

אַליִנאַ איז צוגעגאַנגען צום שפּיגל און געזאָגט, אַ זיפֿץ געבנדיק:

— אוי, סאַראַ פּאַרזעניש.

טוראָבאָיעוו האָט, פֿאַררייכערנדיק אַ פּאַפּיראָס, געקוקט אויף קלימען פֿרעגנדיק, און סאַמגין האָט אַ קלער געטון, אַז ער פֿאַררייכערט אַזוי פּאַמעלעך, פֿלייסיק צוליב דעם, וואָס ער וויל נישט רעדן.

— הער, קלים, — האָט געזאָגט אַליִנאַ. — דו וואָלסט געקאָנט איינהאַלטן זיך הייגט פֿון די הויכע חכמות? דער טאָג איז שיין אָן דיר אויך אָפּגעקלאָגט.

געזאָגט האָט זי דאָס מיט אַזאַ נאַיוו בעטנדיקן טאָן, אַז טוראָבאָיעוו האָט שטילערהייט זיך צעלאַכט. אָבער דאָס האָט זי באַליידיקט, שנעל אומדרייענדיק זיך צו טוראָבאָיעוון, האָט זי זיך אָנגעכמורעט.

— פֿאַרוואָס לאַכט איר? קלים האָט דאָך געזאָגט דעם אמת, נאָר איך וויל נישט הערן.

און, דראָענדיק מיטן פֿינגער, האָט זי פֿאָרגעזעצט:

— איר האָט דאָך אויך אוודאי ליב דאָס, — דעם קריגס־שלייער, פעדערן ?

— כ'בין זינדיק, — האָט געזאָגט טוראָבאָיעוו, אָנבויגנדיק דעם קאָפּ.

— איר פאַרשטייט, סאַמגין, נישט תמיד איז באַקוועם און כמעט שטענדיק — אומנוצלעך צו צאָלן מענטשן מיט ערלעך קופּער. און צי איז טאַקע שוין אַזוי ערלעך דאָסדאָזיקע קופּער פון אמת ? ס'איז פאַראַן אַן אַלטער מנהג : איידער מען גיסט אָפּ אַ גלאָק, וואָס רופט אונז אין מקום־קדוש אַריין, פאַרשפּרייט מען עפּעס אַ בבא־מעשה, אַ ליגנט, דערפון ווערט כלומרשט דאָס קופּער קלאַנגפולער.

— אַלזאָ, איר פאַרטיידיקט דעם שקר ? — האָט שטרענג אַ פרעג געטון סאַמגין.

טוראָבאָיעוו האָט אַ קוועטש געטון מיט די אַקסלען.

— נישט אינגאַנצן אַזוי, אָבער...

— אַלינאַ, קום, טו זיך איבער, — האָט אַ געשריי געטון לידיאַ, באַווייזנדיק זיך אין דער טיר. אין דעם בונטן קלייד, אין דער טשאַלמע פונם האַנטוך, איז זי ענלעך געווען צו אַ טשערקעסקע — אַן אָדאַליסקע פון עפּעס אַ בילד.

צווינגענדיק איז אַלינאַ אַוועקגעגאַנגען, און קלים איז אויפגעשטאַנען און האָט געעפנט די טיר צו דער טעראַסע, אַ כוואַליע פון פרישקייט און זונענשיין האָט אַ פלייץ אַריין געטון אין צימער. טוראָבאָיעווס ווייכער, נאַר איראָנישער טאָן האָט אין אים אויפגעלעבט דאָס נישט איינמאָל איבערגעלעבטע געפיל פון אומפריינטשאַפט צום דאָזיקן מענטש מיט דער עספּאַניאָלקע, וואָסערע קיינער טראָגט נישט. סאַמגין האָט פאַרשטאַנען, אַז ער איז נישט אין שטאַנד צו דיספּוטירן מיט אים, אָבער ער האָט געוואָלט, אַז זיין וואָרט זאָל זיין דאָס לעצטע. קוקנדיק אין פענצטער אַריין, האָט ער געזאָגט :

— סוויפט, וואָלטער און נאָך פיל אַנדערע האָבן נישט מורא געהאַט פאַרן אמת.

— דער מאָדערנער דייטשער סאָציאַליסט, למשל בעבעל, איז נאָך מוטיקער. מיר דאַכט זיך, איר קלייבט זיך שלעכט פוי-נאַנדער אין דער פראַגע וועגן פשטות. ס'איז פאַראַן אַ פשטות פון פראַנציס פון אַסיזי, פון אַ דאָרפישער פויערטע און פון אַ נעגער פון צענטראַל-אַפריקע. און די פשטות פון דעם אַנאַרכיסט ניעטשאַ-יעוו איז אַ נישט אָנגעמבאַרע פּאַר בעבעלן.

קלים איז אַרויסגעגאַנגען אויף דער טעראַסע. אויסגעטרוקנט אויף דער גליענדיקער זון, האָבן די ברעטער פון דער פּאָדלאָגע זיך געריכערט אונטער זיינע פיס, ער האָט געפילט, אַז אויך אין זיין קול רויכערט זיך דער כעס.

— איר האָט אַליין גערעדט וועגן די פּאַווישע פעדערן פון שכל, — איר געדענקט? — האָט ער אַ פרעג געטון, שטייענדיק מיטן רוקן צו טוראַבאַיעוון. און ער האָט דערהערט אַ שטילן ענטפער:

— דאָס איז עפּעס אַנדערש.

טוראַבאַיעוו האָט אַ הייב געטון די הענט, פאַרוואָרפן זיי הינטערן האַלז און אַזוי צונויפגעקוועטשט די פינגער, אַז זיי האָבן אַ קנאַק געטון. דערנאָך, אויסציענדיק די פיס, האָט ער עפּעס אַזוי אַנמעכטיק זיך אַראָפּגעגליטשט פון דער שטול. קלים האָט זיך אַוועקגעדרייט. אָבער אין אַ מינוט אַרום, אַריינקוקנדיק אין צימער אַריין, האָט ער דערזעען, אַז טוראַבאַיעווס בלאַסע פּנים האָט זיך אומנאַטירלעך פאַרענדערט, איז ברייטער געוואָרן. ער האָט, אַפּנים, שטאַרק צונויפגעדריקט די יאַסלעס, און זיינע ליפּן האָבן זיך קרענקלעך געקרומט. הויך אויפגעהויבן די ברעמען, האָט ער געקוקט אין סופיט אַריין און קלים האָט דאָס ערשטע מאָל געזעען זיינע שיינע, קאַלטע אויגן אַזוי פאַראומערט הכנעהדיקע. ווי איבער דעמדאָזיקן מענטש וואָלט זיך אָנגעבויגן אַ שונא, מיט וועלכן ער האָט נישט געפונען קיין כוחות צו ראַנגלען זיך און וועלכער וועט באַלד אים דערלאַנגען אַ צעשמעטערנדיקן קלאַפּ. אויף דער טעראַסע איז אַרויפגעגאַנגען מאַקאַראָוו, בייז זאָגנדיק:

— וואָלאָדקאַ, ווייזט זיך אַרויס, האָט אַ גאַנצע נאַכט געשכורט מיטן לאָמען און אַצינד שלאָפט ער, ווי אַ געהרגעטער.

קלים האָט אים אַ ווייז געטון מיט די אויגן אויף טוראַבאַ־יעוון, אָבער יענער איז אויפגעשטאַנען און אַוועקגעגאַנגען, איינ־הויקערנדיק זיך, ווי אַ זקן.

— ער איז קראַנק, — האָט קלים געזאָגט שטיל און נישט אָן שאַדנפרייד, אָבער מאַקאַראָוו האָט, נישט געבנדיק קיין בליק אויף טוראַבאַיעוון, אַ בעט געטון:

— די זאַך נישט אַליינען.

סאַמגין איז צופרידן געווען פון דער געלעגנהייט אויסצו־ברעכגען דעם כעס.

— דאָס דאַרפסטו איר זאָגן. אַנטשולדיק, נאַר דיין ראָלע אין דעמדאָזיקן ראָמאַן זעט מיר אויס מאָדנע.

געערדט האָט ער, שטייענדיק מיטן רוקן צו מאַקאַראָוון, אַזוי איז געווען באַקוועמער.

— איך פאַרשטיי נישט, וואָס ס'בינדט דיך מיט דעם שכור־ניק. דאָס איז אַ פוסטער מענטש, אין וועלכן ס'בלאָנזשען אַרום סתירותדיקע, פרעמדע ווערטער און געדאַנקען. ער איז פונקט אַזאַ דעגענעראַט, ווי טוראַבאַיעוו.

געערדט האָט ער לאַנג און אים איז געפעלן, וואָס זיינע ווערטער קלינגען רויק, פעסט. אַ קוק געבנדיק דורכן אַקסל אויפן חבר, האָט ער דערזען, אַז מאַקאַראָוו זיצט פאַרלייגט איין פוס אויפן אַנדערן, און זיינע ציין רויכערט זיך, ווי געוויינלעך, אַ פאַ־פיראָס. ער האָט צעבראָכן אַ שעכטעלע פון שוועבעלעך, אַריינגע־לייגט די שטיקלעך אין אַש־טעצל, האָט זיי אָנגעצונדן און, לייגנ־דיק אין דעם קליינעם פלאַם אַריין שוועבעלעך, אָבסערווירט ער אויפמערקזאַם, ווי זיי צינדן זיך אָן.

און ווען קלים איז אַנטשוויגן געוואָרן, האָט ער געזאָגט, נישט אָפרייסנדיק די אויגן פון פייער:

— זיין אַ מאָראַליסט — איז לייכט.

דאָס פייער איז אויסגעגאַנגען, ס'האָבן זיך געוויקלט די נישט אויסגעברענטע שוועבעלעך. אָנצוצונדן זיי איז שוין נישט געווען מיט וואָס. מאַקאַראָוו האָט אָנגעשעפּט מיטן טיי־לעפעלע קאַווע פון

און, מיט בולטער באַדויערונג, פאַרגאַסן די רעשטלעך פון פייער.

— הער אויס, קלים; אַלינאַ איז נישט נאַרישער פון מיר. איך שפּיל נישט קיין שום ראָלע אין איר ראָמאַן. ליוטאָוון האָב איך ליב. טוראַבאָיעוו געפעלט מיר. און, ענדלעך, וויל איך נישט, אַז מיין באַציונג צו מענטשן זאָל קאָריגירט ווערן דורך דיר אָדער דורך עמעצן אַנדערש.

מאַקאַראָוו האָט גערעדט נישט באַליידיקענד, מיט עפּעס אַ זייער איבערצייגנדיקן טאָן, און קלים האָט געקוקט אויף אים מיט פאַרוואונדערונג: דער חבר איז פּלוצלינג דערשינען פאַר אים נישט אַלס יענער מענטש, וואָסערן סאַמגין האָט אים געקענט ביז דער איצטיקער מינוט. עטלעכע טעג פריער האָט יעליזאַוועטע ספּיוואַק אויך זיך אַוועקגעשטעלט פאַר אים ווי אַ נייער מענטש. וואָס באַטייט דאָס? מאַקאַראָוו איז געווען פאַר אים אַ מענטש, וואָס איז געפּלעפּט פון דעם אומגעלונגענעם פּרוּוו צו באַגיין זעלבסטמאָרד. אַ באַשיידענער סטודענט, וואָס לערנט זיך פלייסיק, און אַ קאָמישער יינגערמאַן, וואָס האָט נאָך אַלץ מורא פאַר פרויען.

— זיי נישט בייז, — האָט געזאָגט מאַקאַראָוו, אַוועקגייענדיק און אָנשלאָגנדיק זיך אָן אַ פּיסל פון אַ שטול, און קלים, קוקנדיק אויף יענער זייט טייך, האָט פאַרטיפט געטראַכט: וואָס באַטייטן דידאָזיקע, אַלץ אָפטער באַמערקבאַרע, ענדערונגען פון די מענטשן? ער האָט געגנוג גיך געפונען אַן ענטפער, אַ פּשוטן און קלאָרן: די מענטשן פּרוּוון אויס פאַרשידענע מאַסקעס, כדי צו געפינען איינע, די צומייסט צוגעפּאַסטע און בינסטיקע. זיי וואַקלען זיך, פּלאַטערן אַרום, שפּאַרן זיך איינער מיטן אַנדערן, זוכנדיק טאַקע דידאָזיקע מאַסקעס, אין דער שטרעבונג צו פאַרבאָרגן זייער פאַרבלאָזיקייט, פּוסטקייט.

ווען אויף דער טעראַסע זענען אַרויסגעקומען די מיידלעך, האָט ער זיי באַגעגנט מיט אַ לייטזעליקן שמייכל.

— זעסט, לידיאַ, — האָט געזאָגט אַלינאַ, שטויסנדיק די חברטע. — ער איז גאַנץ. און דו האָסט מיר פאַרגעוואָרפן אַ האַרט

הארץ. ניין, דער זומפ איז נישט פאַר אים, דאָס איז פאַר מיר, דאָס וועט ער מיך אַריינציִען אין זומפּ פון העכסטער חכמה. מאַקאַראָוו, קומט! ס'איז שוין צייט צו לערנען זיך...

— סאַראַ... אומדערשיטערלעכע זי איז, — האָט שטיל געזאָגט לידיאַ, באַגלייטנדיק די חברטע און מאַקאַראָוון מיט אַ פאַרטראַכטן בליק. — און איר לעבט זיך דאָך שווער...

לידיאַ איז געזעסן אויפן אָנשפּאַר פון דעם אָפענעם פענצטער מיטן רוקן אין צימער אַריין, מיטן פּנים צו דער טעראַסע, זי איז געווען ווי אין אַ ראַם אין די ווייסעביישטידלעך פונעם פענצטער. די ציגייַנערישע האָר אירע זענען צעלאָזט, באַשיטן די באַקן, די אַקסלען און די הענט, צונויפגעלייגטע אויף דער ברוסט. פון אונטער דעם העל קאָלירטן קלייד אַפער זעען זיך אירע נאַקעטע פיס, זייער טונקעלע. בייסנדיק די ליפּן, רעדט זי:

— ליוטאָוו איז זייער אַ שווערער, גלייך ער וואָלט אַנטלאָפן פון עפּעס, לעבט אַזוי, פּאַרשטייסטו, אין געלויף. אפילו אַרום אַלינען לויפט ער עפּעס אויך אַזוי אום.

— ער האָט אַ גאַנצע נאַכט געשכורט אין דער מיל און צינד שלאָפט ער דאָרט, — האָט שטרענג אַרויסגעזאָגט קלים.

אויפמערקזאַם אַ קוק געבנדיק אויף אים, האָט לידיאַ געפרעגט:

— פאַרוואָס ביסטו בייז? ער טרינקט, אָבער דאָס איז דאָך זיין אומגליק. ווייסט, מיר דאַכט זיך, אַז מיר אַלע זענען אומגליקלעכע און — נישט צום פאַרריכטן. איך פיל עס באַזונדער, ווען אַרום מיר איז דאָ אַ סך מענטשן.

קלאַפנדיק מיט די פּיאַטעס אין דער וואַנט, האָט זי אַ שמייכל געטון:

— ליוטאָוו האָט נעכטן, אויפן יאַריד, געלייענט פאַר די פויערן ניעקראַסאָווס לידער, ער לייענט וואונדערבאַר, נישט אַזוי שיין, ווי אַלינאַ, נאָר — מערקווירדיק! זיי האָבן אים געהערט זייער ערנסט, נאָר דערנאָך האָט אַ פליכיקער אַלטיטשקער אַ פרעג געטון: „און טאַנצן — קענסטו?“ — „איך“, זאָגט ער, „האָב געזיינט, אַז איר זענט קאָמעדיאַנטן פון די טעאַטערס“. מאַקאַראָוו

האָט געזאָגט: „ניין מיר זענען סתם מענטשן". — „ווי הייסט עס אַני — סתם? סתם מענטשן — איז נישטאָ".

— נישט קיין נאַרישער פויער, — האָט סאַמגין באַמערקט.

— ער האָט געזאָגט: ניע ביוואַט*). נאָכוואָס פאַרקירצן זיי די ווערטער? ניע ביוואַט, באַט, אַנשטאָט באַיעט, גליאַיט, אַני־שטאָט גליאַדיט?

קלים האָט נישט געענטפערט. ער האָט געהערט, נישט טראַכטנ־דיק וועגן דעם, וואָס דאָס מיידל רעדט און זיך אונטערגעגעבן אַ טרויעריק געפיל. אירע ווערטער „מיר זענען אַלע אומגליק־לעך" האָבן אים ווייך אַ שטויס געטון און גענייט צו דערמאַנען זיך, אַז ער איז אויך אומגליקלעך, איינזאַם, און קיינער וויל אים נישט פאַרשטיין.

— און איבאַוונט און באַנאַכט, בעת מען איז אַהיימגעפאָרן, האָבן מיר זיך דערמאַנט אָן דער קינדהייט...

— דו און טוראָבאָיעוו?

— יאָ. אַלינאַ אויך, אַלע. גרויליכע זאַכן האָט דערציילט קאָנסטאַנטין וועגן זיין מוטער. און וועגן זיך אַליין, קליינער־הייט. ס'איז אַזוי מאָדנע געווען: איטלעכער האָט דערציילט וועגן זיך, פונקט ווי וועגן אַ פרעמדן. וויפיל איבעריקס מענטשן לעבן איבער.

גערעדט האָט זי שטיל, געקוקט אויף קלימען ליבלעך און אים האָט זיך געדאַכט, אַז דעם מיידלס טונקעלע אויגן דער־וואַרטן עפּעס, פרעגן וועגן עפּעס. ער האָט פלוצלינג דערשפּירט אַ שטראָם פון אַן אומבאַקאַנט אים, זיס געפיל פון זעלבסטפאַרגע־סונג, איז אַנידערגעפאַלן אויף אַ קני, אַרומגענומען דעם מיידלס פיס, שטאַרק צוגעדריקט זיך מיטן פנים.

— וואָג נישט! — האָט שטרענג אַ געשריי געטון לידיאַ, אָנשפּאַרנדיק זיך מיט דער האַנט אין זיין קאָפּ, צוועק־שטופנדיק.

---

*) ניע ביוואַיעט — איז נישטאָ. — איבערז.

קלים סאַמגין האָט געזאָגט הויך און זייער איינפאַך:

— כ האָב דיך ליב.

אַ שפּרינג אַראָפּ געבנדיק פון פענצטער־אָנשפּאַר, האָט זי פאַנאַנדערגעריסן דעם רינג פון זיינע הענט, האָט אים אַ שטויס געטון מיט די קניען אין דער ברוסט אַריין אַזוי שטאַרק, אַז ער האָט זיך שיער נישט איבערגעדרייט.

— ערנוואָרט, לידיאַ.

זי איז אויפגעבראַכט אַוועקגעגאַנגען אין אַ זייט.

— דאָס איז דערפאַר, וואָס איך בין כמעט באַקעט.

אָפּשטעלנדיק זיך אויף אַ שטיג פון דער טעראַסע, האָט זי מיט צער אויסגערופן:

— ווי שעמסטו זיך נישט! איך בין געווען...

נישט דערדערנדיק, איז זי אַראָפּגעלאָפן פון די טרעפּ.

קלים האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנט, אַ דערשטוינטער פון דער מילדקייט, וואָס איז ראַפּטום דערשינען און איז געוואָרפן צו דעם מיידלס פּיס. ער האָט קיינמאָל נישט איבערגעלעבט עפּעס ענלעכס, אַזאַ פרייד, וועלכע האָט אים אָנגעפילט אין דידאָזיקע מינוטן. ער האָט זאָגאַר מורא געהאַט, אַז ער וועט זיך צעוויינען פון פרייד און שטאָלץ, וואָס אָט האָט ער, ענדלעך, אַנטדעקט אין זיך אַ וואונדערלעך שטאַרק געפיל, וואָס איז מסתמא בלויז אים אַליין אייגנטימלעך און נישט צוטריטלעך פאַר אַנדערע.

ער האָט אַ גאַנצן טאָג געלעבט אונטערן איינדרוק פון זיין אַנטדעקונג, אַרומבלאָנקענדיק איבערן וואַלד, נישט וועלנדיק קיינעם זען און די גאַנצע צייט האָט ער זיך געזען אויף די קניען פאַר לידיען, האָט אַרומגענומען אירע הייסע פיס, געפילט דעם אַטלאַס פון זייער הויט אויף די ליפּן, אויף זיינע באַקן און געהערט זיין שטימע:

— „כ'האָב דיך ליב".

— ווי גוט, איינפאַך איך האָב געזאָגט. און ס'איז אוודאי געווען אַ גוט פּנים בײַ מיר.

ער האָט געקלערט בלויז וועגן זיך אין דער דאָזיקער אומגעווײנלעכער מינוט, געקלערט אַזוי אָנגעשטרענגט, גלייך ער וואָלט

מורא געהאַט צו פאַרגעסן דעם מאָטיוו פון אַ ליד, וועלכעס ער האָט צום ערשטן מאָל געהערט און וואָס האָט אים זייער גערירט.

לידיען האָט ער געטראָפן צומאָרגנס אינדערפרי, זי איז גע־גאַנגען זיך באָדן, און ער האָט זיך אומגעקערט פון באָד אַהיים. דאָס מיידל איז פלוצלינג אויסגעוואַקסן פאַר אים, גלייך זי וואָלט זיך אַראָפּגעלאָזט פון דער לופטן. אויסגעטוישט זיך מיט עטלעכע פראַזן וועגן הייסן פרימאָרגן, וועגן דער טעמפּעראַטור פון וואַסער, האָט זי אַ פרעג געטון:

— דו — האָסט זיך באַליידיקט?

— ניין, — האָט קלים אויפריכטיק געענטפערט.

— דו דאַרפסט זיך נישט באַליידיקן. מיט דעם מאַכט מען דאָך נישט קיין קאָמאָועס, — האָט לידיאַ שטיל געזאָגט.

— איך ווייס, — האָט דערקלערט קלים אויך אַזוי אויפריכ־טיק.

איר ליבלעכער טאָן האָט אים נישט פאַרוואונדערט, נישט דערפרייט — זי האָט געדאַרפט זאָגן עפּעס אַזוינס, געמעגט זאָגן אַפילו עפּעס מער ליבלעכס. קלערנדיק וועגן איר, האָט קלים זיכער געפילט, אַז אַצינד, ווי באַלד ער וועט זיין פאַרעקשנט, וועט לידיאַ אים נאָכגעבן. אָבער — איילן זיך — דאַרף מען נישט. מען דאַרף צוּוואַרטן, ווען זי וועט דערפילן און ווירדיק אָפּשאַצן יענץ אומגע־ווייגלעכע, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין אים.

ס'איז צוגעקומען מאַקאַראָוו, וועלכער האָט געגעכטיקט מיט ליוטאָוון אין דער מיל. ער האָט געפרעגט, צי וועט קלים נישט גיין אין דאָרף אַריין, מען וועט דאָרטן אויפהייבן אַ גלאָק.

— פאַרשטייט זיך, איך גיי! — האָט פריילעך געענטפערט סאַמגין און אין אַ האַלבער שעה אַרום האָט ער געשפּרייזט מיטן ברעג פון טייך, אונטער דער העלער זון. די זון און דאָס איינפאַ־כע קלייד פון דאָרפישער לייוונט האָבן דעמאָנסטראַטיוו אונטערגע־שטראָכן די פאַרשייטע שיינקייט פון אַליגעס מייסטערהאַפט אָפּגע־נאָסענעם קערפּער. גייענדיק אין איין טריט מיט טוראָבאָיעוו, האָט זי און מאַקאַראָוו געזונגען דעם דועט פון „מאַסקאָטאַ”, טוראָבאָיעוו האָט

זיי אונטערגעזאָגט די ווערטער. ליוטאָוו האָט געפירט אונטער דער האַנט לידיען, איינרוימענדיק איר עפּעס קאָמישס. קליִם סאַמגין האָט זיך געפילט פאַר אַ מער רייפן מענטש, ווי די פינף פאַר אים, אָבער אַ ביסל געפּלעפּט פון זיין אָפּגעזונדערטקייט. ער האָט געקלערט, אַז ס׳וואָלט גוט געווען צו נעמען לידיען אונטער דער האַנט, ווי דאָס האָט באַוויזן ליוטאָוו, נעמען און, צוגעטוליעט אַקסל צו אַקסל, צו גיין, פאַרמאַכט די אויגן. קוקנדיק, ווי ס׳וויגט זיך לידיעס דינע פיגור, אַרומגעהילט פון באַטיסט פון פערל־פאַרב, האָט ער זיך געחידושט, נישט שפּירנדיק קיין שום ענלעכס צו יענע געפילן, וועגן וועלכע ער האָט געלייענט באַ די וואָרט־קינסטלער.

— איך — בין נישט קיין ראָמאַנטיקער, — האָט ער זיך דערמאַנט.

אים האָט אַ ביסל באַאומרויקט די קאָמפּליצירטקייט פון דער שטימונג, וואָס דאָס מיידל האָט געוועקט אין אים היינט און וואָס איז נישט געווען אין איינקלאַנג דערמיט, וואָס ער האָט געשפּירט נעכטן. נעכטן און אפילו אַ שעה פריער האָט ער נישט געהאַט דאָס באַוואוסטזיין פון אָפּהענגיקייט פון איר און ס׳איז נישט געווען קיין אומקלאָרע האָפנונגען. באַזונדער האָבן נישט געלאָזט רוען טאַקע דידאָזיקע האָפנונגען. אוודאי וועט לידיאַ זיין זיין ווייב, אוודאי קאָן איר ליבע נישט ענלעך זיין צו די היסטערישע צאַפּלענישן פון דער ניעכאַיעוואַ, אין דעם איז ער געווען זיכער. אָבער אַ חוץ דעם האָבן אין אים נאָך געברויזט עפּעס אַזוינע דערוואַרטונגען, פאַרלאַנגען, מאָנונגען, וואָס לאָזן זיך נישט באַצייכענען מיט קיין ווערטער.

— זי האָט דאָס אַרויסגערופן, וועט זי עס אויך באַפרידיקן, — האָט ער זיך באַרויקט.

אַרייַנקומענדיק אין דאָרף, וואָס איז אויסגעשפּרייט געווען ווי אַ דוּע איבערן אויסבייג פון דעם הויכן און אָפּגעהאַקטן טייך־ברעג, האָט ער געמאַכט דעם אויספיר:

— מען דאַרף נישט זיין קיין אַנאַליטיקער.

די באַזוניקטע גאַס פון דאָרף איז ענג אָנגעפּאַקט מיט אַ בונט־פאַרביקן המון דאָרפסלייט און פויערן פון די אַרומיקע דערפער.

די פויערן זענען געשטאַנען שווייגנדיק, אָפּגעדעקט די פּליכיקע, קוטשמעוואַטע און פעט מיט אייל אויסגעשמירטע קעפּ און אונטער די פאַרשידנפאַרביקע סיצענע קעפּ פון די פויערטעס האָט ווי אַן אומגעזעענער רויך זיך דערהויבן אַ שטיל יאָמערדיקער פליסטער פון תּפילות. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז טאַקע דאָסדאָזיקע הונדערט־שטימיקע, געשטיקטע יאָמערן אויף ס, וואָס איז אויסגעמישט געווען מיטן האַרבן ריח פון דזשעגעטש, שווייס און פון דעם אויף דער זון זיך פרייענדיקן שטרוי אויף די דעכער, וואַרעמט אַן די לופט און פאַרוואַנדלט זי אין אַן אומזעבאַרן פאַרן אויג דאַמף, אין אַ נעפּל, מיט וועלכן ס'איז שווער צו עטעמען. די מענטשן האָבן זיך אויפגעהויבן אויף די שפּיץ־פינגער, האָבן אויסגעשטרעקט די העלזער, זייערע קעפּ האָבן זיך געשאָקלט, אויפהייבנדיק און אַראָפּלאָזנדיק זיך. צוויי, דרייהונדערט ברייט צעעפנטע אויגן זענען אָנגעשטעלט געוואָרן אַלע אין איין ריכ־טונג — אויף דער בלויער ציבעלע פון דעם אומגעלומפּערט צו־נויפגעשטעלטן גלאָקנטורם מיט די ליידיקע אויערן, דורך וועלכע ס'האָט דורכגעלויכטן אַ שטיק ווייטער הימל. קלימען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָסדאָזיקע שטיק איז אי בלויער אי העלער פון דעם הימל, וואָס איז אויסגעבויגן איבערן דאָרף. דער שטילער רעש פון המון, ווערנדיק געדיכטער, האָט אָנגעשטעקט מיט גע־שפּאַנטער דערוואַרטונג אויף אַן אויסברוך פון דונערדיקע געשרייען.

טוראָבאָיעוו איז געגאַנגען פאָרויס, דורכשטופּנדיק זיך דורך דער נישט פעסטער גופיקייט פון המון, נאָך אים האָבן איינציק־ווייז זיך דורכגערוקט די איבעריקע. און וואָס נענטער ס'איז גע־ווען די פליישיקע מאַסע פון גלאָקנטורם, אַלץ טויבער איז גע־וואָרן דער באַקלאָגלעכער געררויש פון די ווייבערישע תּפילות, דייטלעכער די סוגעסטיווע שטימען פון די גלחים, וואָס האָבן אָפּ־געריכט די גאָטעסדינסט. אין צענטער פון נישט קיין גרויס רעדל, וואָס איז געשאַפן געוואָרן פון בונטע מענטשן־פיגורן, וועלכע זענען אַזוי־ווי איינגעגראָבן געווען אין דער ערד, אין דעם אַרומגעגראָבע־נעם, אויסגעטרעטענעם גראָז־פּלאַץ, איז געשטאַנען אויף גראָבע בעלקעס אַ צוויי־הונדערט־פודיקער גלאָק, און פאַר אים נאָך דריי,

איינער פון אַנדערן קלענער. דער גרויסער גלאָק האָט דערמאָנט
קלימען דעם קאָפּ פון דעם גבור „רוסלאַן", און דער גצווייקער-
טער פּאָפּ, אין דער העלער, פּסחדיקער סוטאַנע, דער גרויהאָריקער
מיטן בראָנדזענעם געזיכט, איז ענלעך געווען צום מכשף פּ י ן.
דער פּאָפּ איז אַרומגעשוואומען אַרום די גלאָקן, זינגענדיק מיט אַ
קלאָר טענאָרל, און האָט גענעצט דאָס קופּער מיט הייליק וואַ-
סער; דריי ביטלעך גראָבע שטריק זענען געלעגן אויף דער ערד.
דער פּאָפּ האָט זיך פאַרטשעפּעט אָן איינעם פון זיי, ביז אַ פּאָך
געטון מיטן שפּריץ-קענדל און אָפּגעשפּריצט די שטריק מיט קאַ-
לירטע פּערעלעך. טוראָבאָיעוו האָט צוגעפירט צום גאַניק פון דער
קירכלעך פּאַראָפּיאַלער שולע אַ נאָר-וואָס אויפגעבויטע, נאָך אָן
רעמען אין די פענצטער. אויף די שטיגן האָבן געווימלט, גע-
שריגן און געוויינט אַ קופּע קינדער פון צוויי און דריי יאָר,
אָנגעפירט מיט דערדאָזיקער לעבעדיקער קופּע שמוציקע, שקראָפּל-
דיקע קערפּערס האָט אַ גרוי-אויגיק, האָרבאַטע, נישט דערוואַקסן
מיידל. זי האָט אָנגעפירט, נישט הויך שרייענדיק, אַרבעטנדיק
מיט די הענט און מיט די פיס. אויף דער אייבערשטער שטיג,
ברייט צעשטעלט די בלויע פיס, מיט אומגעהייערע קניפּן אין די
אָדערן, האָט געעטעמט מיט אַ פייף אַ בלינדע זקנה, מיט אַ
רויט, צעבלאָזן פּנים.

— דו, גאַשקאַ, גיב זיי מיט דער רוט, מיט דער רוט, —
האָט זי געצהט, דרייענדיק מיטן שווערן קאָפּ. אין אירע טונקל-
בלויע, נישט זעעוודיקע אויגן האָט די זון זיך אָפּגעשפּיגלט, פּונקט
ווי אין צעבראָכענע שטיקער פון אַ ביר-פלאַש. פון דער טיר פון
שולע איז אַרויסגעקומען אַ וואַכמייסטער, אָפּווישנדיק מיט דער
האַנט די גרויליכע וואָנסעס און די פינקטלעך צוגעשוירענע
באָרד. ער האָט מיט שאַרפן בליק פון רויטע אויגן אַ קוק-אַרום
געטון די זומערוואוינער דערזען טוראָבאָיעוון, האָט ער שנעל
אויפגעהויבן די האַנט צום נייעם היטל און שטרענג באַפוילן
עמעצן הינטער זיין רוקן:

— יאָג אַראָפּ די קינדער!

— מען דאַרף נישט.

— ס'איז לגמרי נישט מעגלעך, איגאָר אַלעקסאַנדראָוויטש, זיי פּאַראומרייניקן דעם בנין...

— איך האָב געזאָגט: מען דאַרף נישט — האָט שטיל דערמאָנט טוראַבאַיעוו, אַ בליק געבנדיק אין זיין פּנים אַריין, וואָס איז צעקנייטשט געווען פון אַן אַ שיעור רונצלען.

דער וואַכמייסטער האָט זיך אויסגעצויגן, האָט אַרויסגעבויגן די ברוסט אַזוי, אַז ס'האָבן אַ קלימפּער געטון די מעדאַלן און, סאַלוטירנדיק, איבערגעחזרט ווי אַן עכאָ:

— מען דאַרף נישט.

ער איז אַראָפּגעגאַנגען פון די שטיגן, אַריבערשפּרייזנדיק איבער די קינדער, און אין דער טיר איז געשטאַנען דער לאָמער פון דער מיל, שמייכלענדיק ביז די אויערן:

— גוט מאָרגן.

— איר פאַרשטייט? — האָט ליוטאָוו איינגערוימט קלימען, צווינקענדיק אויף דעם לאָמען.

קלים האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען. ער און די מיידלעך האָבן צוגעשמידט געקוקט, ווי די האָרבאַטע האָט געשווינד און פלינק אַראָפּגעשלעפּט פון די שטיגן די קינדער; אָנכאַפּנדיק זיי מיט די קלאַמערהאַפטע לאַפּקעס פון אַ רויב-פויגל, האָט זי כמעט אַראָפּגעוואָרפן די האַלב-נאַקעטע קערפּערס אויף דער ערד, וואָס איז באַזייעט געווען מיט דראָבנע שפּענדלעך.

— לאָז אָפּ! — האָט אַ געשריי געטון אַלינאַ, אַ טופּע געבנדיק מיטן פוס. — זיי וועלן זיך צעדראַפּען מיט די שפּענדלעך!

אָ, געטלעכע בתולה! — האָט שטיקנדיק זיך אַרויסגעפייפט די בלינדע. — גאַשקאַ, וואָסערע זענען עס דאָ געקומען?

און אַרומטאַפּנדיק אַרום זיך מיט די ציטערנדיקע הענט:

— וועמעס קעלעכל איז דאָס? כלבטע, וואו האָסטו אַהינגעטון דעם שטעקן?

נישט הערנדיק נישט אַלינען, נישט זי, האָט די האָרבאַטע אַלץ געשלעפּט די קינדער, ווי אַ הונט די קליינע הינטעלעך,

לידיאַ האָט אויפגעשוידערט און זיך אָוועקגעדרייט אין אַ זייט. אַלינאַ און מאַקאַראָוו האָבן אָנגעהויבן צוריק אַוועקזעצן די קינדער אויף די שטיגן. אָבער דאָס מיידעלע האָט דרייסט אַ בליק געטון אויף זיי מיט קלוגע אויגן און אַ געשריי געטון:

וואָס רודערט איר אַרום? ס'איז דאָך נישט אייערע קינדער!

און זי האָט ווידער אָנגעהויבן אַראָפּשלעפּן די קינדער פון די שטיגן, און דער לאָמער האָט אַנטציקנדיק זיך, געמורמלט:

— דו קוק נאָר, ווי איינגעשפּאַרט ס'איז דאָס פאַרזעעניש, האַ?

דער אויסגעשריי פון דעם מיידעלע האָט צעטומלט מאַקאַראָוון, ער האָט אַ שמייכל געטון, זאָגנדיק אַלינען:

— לאָזט אָפּ...

סאַמגינען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אַלע זענען געפּלעפּט פון דער האַרבאַטער, אַלע זענען אַזוי ווי שטיל געוואָרן פאַר איר. ליוטאָוו האָט גערעדט עפּעס צו לידיען מיט אַ טרייסטנדיקן טאָן. טוראָבאָיעוו האָט אַראָפּגענומען די הענטשקע און פאַררייכערט אַ פּאַפּיראָס. אַלינאַ האָט אים געצופּט באַם אַרבל, בייזפרעגנדיק:

— ווי קאָן מען דאָס?

ער האָט ליבלעך געשמייכלט איר אין פּנים אַריין.

צוויי בחורים אין נייע העמדער, אויפגענייטע אַזוי ווי פון ראָזער בלעך ענלעכע איינער צום אַנדערן ווי צוויי באַראַנעס, האָבן זיך אָפּגעשטעלט באַם גאַניק, איינער פון זיי האָט אַ קוק געטון אויף די זומערוואוינער. איז צוגעגאַנגען צו דער בלינדער אָנגענומען זי בײַ דער האַנט און געזאָגט קאַטעגאָריש:

— באַבקאַ אַנפיסאַ, רייניק אָפּ דאָס אָרט פאַר די הערן.

— אָ, רבונו של עולם! מען הייבט שוין אויף?

— מ'וועט באַלד.

— כ'האָב דערלעבט, אַ לויב דיר... מאַמעניו...

— גלייך מיר וואָלטן געווען אַנשטענדיקע, — האָט זיך געבונטעוועט אַלינאַ.

ליוטאַוו האָט עקזאַלטירט אויסגעפרעגט דעם לאַמען:

— אָבער פון וואָסער גלויבן ביסטו?

שמייכלענדיק אין דער צעשויבערטער באָרד אַריין, האָט דער לאַמער געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— נ־ניין, אונזער גלויבן איז אַן אַנדערער.

— אַ קריסטלעכער?

— אוודאי, נאָר — שטרענגער.

— זאָג זשע דו, שד: אין וואָס שטרענגער?

דער לאַמער האָט שווער אַ זיפץ געטון:

— דאָס טאָר מען נישט אויסזאָגן. דאָס מעג מען זאָגן נאָר אַן איינגלויביקן. פון די גלאָקן האַלטן מיר און פון דער גאַנצער קירכלעכקייט; נאָר פונדעסטוועגן...

קלים סאַמגין האָט געקוקט, געהערט און געפילט, אַז אין אים וואַקסט אַ צאָרן, גלייך מען וואָלט אים דאָ בכיוון אַהערגעבראַכט, כדי אָנצופילן דער קאָפּ מיט שווערער און פאַרסאַמענדיקער טריבקייט. אַלץ אַרום איז געווען נישט צום שלום מאַכן פרעמד, נאָר אַריינשטופנדיק אין עפּעס אַזאַ פינצטער ווינקל, האָט עס צוגענומען די פרייהייט, צווינגענדיק צו טראַכטן וועגן דעם הויקערדיקן מיידעלע, וועגן אַלינעס ווערטער און דער פראַגע פון דער בלינדער זקנה:

— „וואָסערע זענען עס געקומען?"

אין קאָפּ האָט נאָך געדרוישט דער תּפילהדיקער פּליסטער פון די פּריערטעס, שטערנדיק צו טראַכטן, אָבער נישט שטערנדיק צו געדענקען אָן אַלץ, וואָס ער האָט געזען און געהערט. די גאַסטעסדינסט האָט זיך געענדיקט. אַ משונהדיק לאַנגער און דינער גרוי־בערדיקער זקן מיט אַ געל פּנים און אָנהאָריקן קאָפּ אין דער פאָרם פון אַ באַניע האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם קאַפּטן, דריי מאָל זיך איבערגעצלמט, קוקנדיק אין הימל אַריין, האָט זי געשטעלט אויף די קני פאַרן גלאָק און דריי מאָל אַ קוש געבנדיק

דעם ראַנד, גענומען גיין אויף די קניען אַרום אים, צלמענדיק זיך און צוליינגנדיק זיך צו די הייליקע בילדער.

— אָט אַזוי! — האָט באַגיטיקענד געזאָגט דער לאָמער. — דאָס איז — פּאַנאָוו, וואַסיל וואַסיליטש, ער איז טאַקע אַ וואויל־טוער פאַרן דאָרף. אויסגעצייכנט גיסט ער גלאָז, ביר־פלעשער אויף דער גאַנצער גובערניע.

אויפן פּלאַץ איז שטילער געוואָרן. אַלע האָבן אויפמערקזאַם נאָכגעקוקט פּאַנאָוון, און ער איז געקראָכן אויף דער ערד און גע־קושט דעם ראַנד פון גלאָק. ער איז אפילו אויף די קניען אויך הויך געווען.

עמעצער האָט אַ געשריי געטון:

— עולם! מייל זיך איינדערייען!

אַ צווייטע שטימע האָט אַ פרעג געטון:

— און וואו איז דער שמיד?

פּאַנאָוו האָט זיך אויפגעשטעלט אויף די פיס, געשוויגן אַ ווײַלע, באַטראַכטנדיק די מענטשן, און געזאָגט מיט אַ באַס:

— הייבט אָן, פּראַוואָסלאַוונע!

דער המון האָט, צושרייענדיק, פּאַמעלעך זיך צעריסן אויף דריי טיילן: צוויי זענען אַוועקגעגאַנגען אין אַ שיפּער ליניע רעכטס און לינקס פון גלאָקנטורעם, די דריטע האָט זיך געררוקט אין דער גלייכער ליניע פון אים; אַלע דריי האָבן פּאַרזיכטיק, ווי שנירן פּערל, געטראָגן די שטריק און האָבן אויסגעזעען ווי אַרויפגעצויגן אויף זיי. די שטריק האָבן זיך געצויגן פון די אויערן פונם גרויסן גלאָק, און ער האָט אַזויווי נישט אַוועקגעלאָזט זיי, אָנציענדיק אַלץ שטייפער.

— שטיי! שטייט

— אָט איז ער!

— נו. אַלזאַ, ניקאָלאַי פּאַוולויטש, ריכט אָפּ אַ תּפילה צו גאָט, — האָט פּאַנאָוו הויך געזאָגט.

צו אים איז פּאַמעלעך צוגעגאַנגען אויף קרומע פיס אַ ברייט־פּלייציקער, פעסטגעבויטער פויער אין אַ לעדערן פאַרטוך. זיינע געלע האָר אויפן קאָפּ זענען געשטאַנען קאַפּויער, די צעקאָלטנטע

באַרד איז פֿאַרשטעקט געווען הינטערן קאָלנער פֿון דעם צווילכענעם העמד. מיט די שוואַרצע הענט האָט ער פֿאַרקאַשערט די אַרבל איבער די עלנבויגנס און איבערצלמענדיק זיך אויף דער צערקווע, זיך אַ בוק געטון צו די גלאָקן נישט איינבייגנדיק זיך, נאָר ווי ער וואָלט אַנידערגעפֿאַלן מיט דער ברוסט אויף דער ערד, פֿאַרוואַרפֿנדיק זיינע לאַנגע הענט הינטערווײלעכץ, אויסציענדיק זיי צוליב גלײכגעוויכט. דערנאָך האָט ער אויך אַזוי זיך געבוקט פֿאַרן עולם אויף אַלע פֿיר זײטן, אַראָפּגענומען דאָס פֿאַרטוך, זאָרגפֿעלטיק עס צונויפֿגעלייגט און אַרייַנגערוקט אין דער האַנט פֿון אַ גרויסער פֿויערטע אין אַ רויטער יאַקע. דאָס אַלץ האָט ער געטון שווייגנדיק, פּאַמעלעך און אַלץ איז בײַ אים אַרויסגעקומען פֿײערלעך.

מען האָט אים אויסגעשטרעקט עטלעכע היטלען, ער האָט גענומען צוויי פֿון זיי, אַרויפֿגעלייגט זיי זיך אויפֿן קאָפּ נאָענט צום שטערן און, צוהאַלטנדיק מיט דער האַנט, אַנידערגעפֿאַלן אויף אַ קני. פֿינף פֿויערן האָבן אויפֿגעהויבן פֿון דער ערד אַ נישט גרויסן גלאָק, האָבן מיט אים צוגעדעקט דעם קאָוואַלס קאָפּ אַזוי, אַז די ראַנדן האָבן זיך אים אַוועקגעלייגט אויף די היטלען און אויף די אַקסלען, וואוהין די פֿויערטע האָט אַוועקגעלייגט דאָס איינגעוויקלטע פֿאַרטוך. דער קאָוואַל האָט זיך אַ וויג געטון, אָפּרייסנדיק די קני פֿון דער ערד, איז אויפֿגעשטאַנען און שטיל, מיט ברייטע טריט זיך געלאָזט גיין צום אַרויפֿגאַנג אויפֿן גלאָקנטורעם, די פֿינף פֿויערן האָבן אים באַגלייט, גייענדיק פֿאַרוויַז.

— אַ מגושם, אַ גענץ! — האָט קנאַהדיק אַ זאָג געטון דער לאָמער און אָפּגעזיפֿצט, קראַצנדיק די גאָמבע. — און דאָסדאָזיקע גלעקל האַלט, הערסטו, בײַ אַ זיבעצן פּוד. און נאָך אויף שטיגן צו טראָגן. דאָ, אין אַרומיקן קרייז, איז קעגן דעם קאָוואַל קיינער נישטאָ. ער שלאָגט אַלע. מ׳האָט געפּרוּווט אים אויכעט, — אים מוז, פֿאַרשטייט זיך, אַ כּאַסע מענטשן שלאָגן — ס׳איז אָבער דערפֿון גאָרנישט אַרויסגעקומען.

אויפֿן פּלאַץ איז געוואָרן אַלץ שטילער, געשפּאַנטער. אַלע קעפּ זענען געווען אויפֿגעהויבן אינדערהייך, די אויגן האָבן דער־

מאַרטנדיק געקוקט אין דעם האַלבקײַלעכיקן אויער פון גלאָקנטורעם, פֿונװאַנען ס'האָבן משופּעדיק אַרויסגעשטעקט דרײַ גראָבע בעלקעס מיט בלאָקן אין זײ, און, דורכגײענדיק דורך די בלאָקן, האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד די שטריק, צוגעבונדענע צו די אויערן פון גלאָק.

דער װאַכמײַסטער איז צוגעגאַנגען צום גרויסן גלאָק, האָט אים אַ קלאַפּ געטון מיט דער האַנט, װי מען קלאַפּט אַ פערד, האָט אַראָפּגענומען דאָס היטל, מיט דער אַנדערער האַנט צוגעדעקט די אויגן און אויך אָנגעהויבן קוקן אַרויף.

אַלץ שטילער, געשפּאַנטער איז געװאָרן אַרום, אפילו די קינדער האָבן אויפגעהערט אַרומצורודערן און, פאַררײַסנדיק די קעפּ, זענען זײ אײַנגעװאַקסן אין דער ערד.

אָט האָט אין בלויען אויער פון גלאָקנטורעם זיך אַ ריר געטון עפּעס אַנפּאָרמיקס, פון אים איז אַרויסגעפלויגן אַ היטל, דערנאָך אַ צװײַטס, ס'איז אַרויסגעפלויגן דאָס אין אַ קלימפּ צונויפגעװיקלטע פאַרטוך, — די מענטשן אויף דער ערד האָבן קאָנװולסיװ זיך אויפגעטרײסלט, גענומען װאָיען, ליאַרמען; װי באַלעמער האָבן גענומען שפּרינגען די ייִנגלעך, און אַ פליכיקער פויער מיט גרײַזגרויע װאָנסעס האָט דורכגעשניטן דעם גאַנצן געפּילדער מיט אַ דינעם קװיטש:

— מיקאָלאַי פּאַװליטש, קרוב, דער אַנפּעראַטאָר...

דער װאַכמײַסטער האָט אָנגעטון דאָס היטל, גלײַך געמאַכט די מעדאַלן אויף דער ברוסט און אַ קלאַפּ געטון דעם פויער איבער דער פליכיקער פּאַטיליצע. דער פויער איז אָפּגעשפּרונגען, אַ לויף געטון, אָפּשטעלנדיק זיך, אַ גלעט געטון זײַן קאָפּ און פאַרביטערט געזאָגט, קוקנדיק אויפן גאַניק פון דער שולע:

— אפילו אַ קאַטאָװעס זיך מאַכן הײסט מען נישט...

פון גלאָקנטורעם איז אַראָפּגעקומען דער קאָװאַל, ער האָט זיך אַ צלם געטון מיט דער לאַנגער האַנט אויף דער צערקװע. פּאַנאָװ האָט, אײַנבײגנדיק זײַן קערפּער אין אַ גלײַך װינקל, אים אַרומגענומען, אַ קוש געטון:

— גבור!

און א געשריי געטון:

— פּראַוואָסלאַווגע! נעם זיך איינעם! מיט גאָט!

די דריי קופּעס מענטשן, אויפגעצויגענע אויף די שטריק, האָבן זיך א ריר געטון, א וויג געטון, אָנשפּארנדיק זיך מיט די פיס אין דער ערד, אויסבייגנדיק זיך אַהינטערווײַלעכץ, ווי פּישערס, וואָס שלעפּן א נעץ, דריי גרויע סטרונעס האָבן זיך אָנגעצויגן אין דער לופט; דער גלאָק האָט אויך זיך א ריר געטון, אומאַנטשלאָסן זיך א וויג געטון און אָן חשק אָפּגעשטאַנען פון דער ערד.

— גלייכער, גלייכער, גאָטס קינדער! — האָט געשריגן דער מאַכער פון ביר-פלעשער התלהבותדיק און אומרויק.

מאַט בלישטשענדיק אויף דער זון, איז די שווערע, קופּערנע מיץ לאַנגזאַם ארויסגעשוואומען אין רוים און די מענטשן, — די צוקוקער, האָבן קוקנדיק אויף איר דעסגלייכן זיך אויסגעגלייכט, אַזוי ווי וועלנדיק זיך אָפּרייסן פון דער ערד. דאָס האָט באַמערקט לידיאַ.

— קוקט, ווי ס'ציען זיך אַלע, גלייך זיי וואַקסן, — האָט זי שטיל א זאָג געטון, — מאַקאַראָוו האָט איינגעשטימט:

— יאָ, מיך הייבט עס אויך...

— זאָגסט ליגנט, — האָט א קלער געטון קלים סאַמגין.

אויפן פּלאַץ איז געווען נישט זייער טומלדיק, ס'האָבן בלויז געשריגן קליינוואַרג און ס'האָבן געווייַנט די זויג-קינדער.

— גלייכער, פּראַוואָסלאַווגע, — האָט געטרומייטערט פּאַנאָוו, און דער וואַכמייסטער האָט איבערגעחזרט נישט אַזוי באַטויבנדיק, נאָר זייער שטרענג:

— גלייכער, ער, פּראַווגע!

די דריי גרופּעס מענטשן, וואָס האָבן אויפגעהויבן דעם גלאָק, האָבן געאָכצט, געקרעכצט און געריטשעט. ס'האָט געקוויטשעט דער בלאָק און עפּעס האָט שטילערהייט געקנאַקט אויפן גלאָקן-טורעם, נאָר ס'האָט זיך געדאַכט, אז אַלע קלאַנגען ווערן פּאַרלאָשן און אַט

באַלד וועט אַריינטרעטן אַ פייערלעכע שטילקייט. קלימען האָט זיך איבער עפּעס דאָס נישט געוואָלט, געפינענדיק, אַז דאָ וואָלט געווען פּאַסיק אַ געצבדינעריש יובלען, ווילדע געשרייען און אפילו עפּעס קאָמישס.

ער האָט געזעען, אַז לידיאַ קוקט נישט אויפן גלאָק, נאָר אויפן פּלאַץ, אויף די מענטשן, זי האָט פאַרביסן אַ ליפּ און כמורעט זיך בייז. אין אַלינעס אויגן — איז קינדישע נייגיריקייט. טוראַבאָיעוון איז לאַנגווייליק, ער שטייט אָנגעבויגן דעם קאָפּ, געלאָזן אַראָפּבלאָזנדיק דאָס אַש פון פּאַפּיראָס פונם אַרבל, און מאַקאַראָוו האָט אַ נאַריש פּנים, אַזויווי ס'איז באַ אים תמיד, ווען ער פאַרקלערט זיך. ליוטאָוו ציט אויס דעם האַלז אין אַ זייט, דער האַלז איז באַ אים אַ לאַנגער, אַן אָדערדיקער, זיין הויט איז ראַצנדיק, ווי די הויט פון אַ יאַשטשערקע. ער האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ צום אַקסל, כדי צו ווענדן זיינע אומגעהאָרכזאַמע אויגן אויף איין פּונקט.

פּלוצלינג, אויף דער הייך פון צוויי דריטל פון גלאָקנטורעם, האָט דער גלאָק אַ ציטער געטון, אינדערלופטן האָט, מיט אַ פייף, פיגורמעסיק זיך אַ דריי געטון אַ געפּלאַצטער שטריק, די לינקע גרופּע מענטשן האָט זיך אַ וואַקל געטון, די הינטערשטע זענען הויפנווייז אומגעפאַלן, ס'האָט זיך דערהערט אַן איינזאַמער, היסטערישער געהייל:

— טאַ־טעלע־עך...

דער גלאָק האָט זיך געשאָקלט, פויל געקלאַפּט מיטן ראַנד איבער די ציגל פון גלאָקנטורעם, ס'האָט זיך געשיט ליים, שטויב פון קאַלעך. סאַמגין האָט שנעל געפינטלט מיט די אויגן, אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער ווערט בלינד פון דאָזיקן שטויב. טופּענדיק מיט די פיס, האָט פאַרצווייפלט געקוויטשעט אַלינאַ.

— עך, טייוולאָנים, — האָט אַרויסגעמורמלט ליוטאָוו און אַ סמאָטשק געטון.

— האַלט, פּראַוואָסלאַוונע! — האָט געברילט פּאַנאָוו און אויפשפּרינגענדיק, געפאָכעט מיט די הענט.

דער קרומפיסיקער שמיד איז אַרונטערגעלאָפן הינטער יענער

גרופּע, וואָס האָט געצויגן גלייך פֿון גלאָקנטורעם, און גענומען אַרומוויקלען דעם עק פֿון שטריק אַרום אַ גראָבן שטאַם פֿון אַ בוים, בײַ זיין וואָרצל; אים האָט צוגעהאָלפֿן אַ בחור אין אַ ראָז העמד. דער שטריק, אַלץ שטייפֿער זיך אָנציענדיק, האָט געציטערט, ווי אַ סטרונע, די מענטשן זענען אָפּגעשפּרונגען פֿון אים, דער קאַוואַל האָט געריטשעט:

— האַלט! כ׳דערהרגע!

קלים האָט צוגעמאַכט די אויגן, דערוואַרטנדיק, אַז דער גלאָק וועט אַ זעץ געבן אָן דער ערד, הערנדיק, ווי ס׳ברילן, ליאַרמען די מענטשן, ס׳ריטשעט דער קאָוואַל און ס׳טרומייטערט פּאַנאָוו.

— פֿאַרבינד!

— האָט נישט מורא, פּראַוואָסלאַווגע! שטיל! איניי-בעם! ס׳גיי-ייט!

דער גלאָק האָט ווידער, כמעט אומבאַמערקט, אַ שווים געטון אַרויף, פֿון פֿענצטער פֿונם גלאָקנטורעם האָבן זיך אַרויסגעשטעקט קעפּ פֿון פּויערן.

— אַהיים, — האָט שאַרף אַ זאָג געטון לידיאַ. דאָס פּנים איז בײַ איר געווען גרוי, אין די אויגן גרויל און עקל. ערגעץ-וואו אין קאָרידאָר פֿון שולע האָט הויך געכליפּעט אַלינאַ און ליוטאָוו האָט געמורמלט, וואָיענדיקע יללות פֿון צווי פּויערטעס האָבן זיך דערטראָגן פֿון פּלאַץ. קלים סאַמגין האָט זיך משער געווען, אַז עפּעס אַ מינוט איז פֿאַרשוואונדן פֿון זיין לעבן, נישט באַלאַסטנדיק מיט גאָרנישט זיין באַוואוסטזיין.

דער לאָמער האָט, אַראָפּגייענדיק פֿון גאַניק, געהאַלטן בײַ דער פּלייצע אַ דערשראָקן ייִנגל און אויסגעפֿרעגט:

— וואָס-זשע, — ער לעבט?

— איך ווייס נישט. לאָז אָפּ. פּעטער מיכאַילאָ...

— אידיאָט. זעסט, און פֿאַרשטייסט נישט...

אונטערן בוים איז געשטאַנען טוראָבאָיעוו, רעדנדיק עפּעס צום וואַכמייסטער, האַלטנדיק דעם ווייסן פֿינגער בײַ זיין נאָז. איבערן פּלאַץ האָט איייליק געשפּאַנט צום בוים אַ גלח, מיט אַ צלם

אין די הענט, דער צלם האָט געלויכטן, געבלינצלט, באַלייכטנדיק דאָס טונקעלע, מאָגערע פּנים. אַרום דעם בוים האָבן זיך צונויפגעקליבן אין אַ געפּאַקט רעדל פּויערטעס, דער וואַכמייסטער האָט זיי אָנגעהויבן פונאַנדערצושטופּן, ווען דער פּאָפּ איז צוגעקומען, — סאַמגין האָט דערזען אונטערן בוים דעם בחור אין ראַזן העמד און מאַקאַראָוון אויף די קניען פאַר אים.

— ווי אַזוי איז דאָס געשען? — האָט שטיל געפרעגט קלים, אומקוקנדיק זיך. לידיאַ איז שוין נישט געווען אויפן גאַניק.

זי איז אַרויסגעגאַנגען פון שולע, פירנדיק אונטער דער האַנט אַלינען, הינטער זיי האָט זיך געקרומט ליוטאָווס פּנים.

אַלינאַ האָט כליפּענדיק גערעדט:

— מיר האָט זיך אַזוי נישט געגלוסט צו גיין אַהער, נאָר איר...

איבער דער גאַס פון דאָרף איז מען געגאַנגען שנעל, נישט אומקוקנדיק זיך, נאָך דער ראָגאַטקע האָבן זיי אָנגעיאָגט דעם לאָמען, ער האָט באַלד, מיט דער זיכערקייט פון אַן עד־ראיה גענומען דערציילן:

— מיטן שטריק האָט עס אים דעם האַלז אַרומגעצויגן, מילאַ, האָבן די ביינדלעך געפּלאַצט...

ליוטאָוו האָט אַ ווייז געטון דעם לאָמען אַ פויסט און אַרויסגעפּליסטערט:

—שווייג.

פרעגעריש אַ קוק געבנדיק אויף אים, אויף קלימען, האָט דער לאָמער פאַרגעזעצט:

— און אפשר האָט דער קאָוואַל זיך אַ קאַטאָוועס געמאַכט, אומישנע דעם שטריק אַרויפגעוואָרפן... אפשר האָט ער זיך גאָר טועה געווען... ס'טרעפט זיך פאַרשידן.

האַלטנדיק אים באַם אַרבל, האָט ליוטאָוו גענומען גיין געלאַסענער, אָבער אויך די מיידלעך האָבן פאַרלאַנגזאַמט דעם טריט, בעת זיי זענען אַרויסגעקומען צום ברעג טייך. דעמאָלט האָט ליוטאָוו אויפסניי אָנגעהויבן אויספרעגן דעם לאָמען וועגן דער אמונה, אומגעזעצגע גרילן האָבן געגרילצט אַזוי הויך, אַז ס'האָט

זיך געדאַכט — דאָס גרילצט, אַזוי דער פון דער זון אויסגעטרוקנטער הימל. קלים סאַמגין האָט זיך געפילט ווי אויפגעוואַכט נאָך אַ שווערן חלום, מיד און גלייכגילטיק צו אַלעם. פאַרויס, פאַר אים האָט זיך געשאָקלט דעם לאַמער, באַלערנד רעדנדיק צו ליוטאָוון:

— דהיינו: — אונזער אמונה נעמט נישט אָן קיין האַנט-ווערק. דעם מ ש י ח ס בילד, וואָס איז נישט געמאַכט מיט דער האַנט — נעמען מיר אָן, אָבער דאָס איבעריקע — קאָנען מיר נישט. דאָס משיח-בילד — פון וואָס עס איז? דאָס איז — פון שוויס, פון בלוט קריסטוסעס. ווען יעזוס קריסטוס האָט אויפן חאַלאָכאָווער-באַרג דעם צלם אַרויפגעטראָגן, האָט אים דאַן דער אומטרייער אַפּאָס-טאָל טאָמאַ מיט אַ האַנטוך דאָס פּנים אָפּגעווישט, — ער האָט זיך געוואָלט דערקינדיקן, צי איז עס קריסטוס. איז דאָס פּנים טאַקע אויפן לייוונט פאַרבליבן — ער! און די גאַנצע איבעריקע איקאָנע, דאָס איז — שווינדל, אַ שטייגער אַזויווי אייער פאָטאָגראַפיע...

ליוטאָוו האָט איינגעהאַלטן אַרויסגעקוויטשעט.

— וואַרט צו, פאַרוואָס איז מיין פאָטאָגראַפיע — אַ שווינדל!

— נאָר ווי דען? וועמענס, אויב נישט אייערע? דער פויער — וואָס מאַכט? טיי-שאָלן, לעפל, שליטנס און דעסגלייכן, אָבער איר — פאָטאָגראַפיעס, ניי-מאַשינען...

— אַהאַ, אַזוי גאָר?

אין ליוטאָווס געלעכטער האָט קלים געהערט אַ תענוגפולן קוויטש, וואָס עס לאָזט אַרויס אַ צעבאַלעוועט הינטל, ווען מען קראַצט עס אונטער די אויערן.

— תבואה, דהיינו, איז אויך נישט מיט דער האַנט געמאַכט, זי ווערט געבוירן פון גאָט, פון דער ערד.

— און מיט וואָס קנעט מען טייג?

— דאָס איז אַ ווייבערישער ענין. אַ נקבה איז ווייט פון גאָט, זי איז אים אַ צווייטער סאָרט. נישט זי האָט גאָט צוערשט באַשאַפן...

לידיאַ האָט אַ קוק געטון אויפן לאָמען דורכן אַקסל און גע-נומען גיין שנעלער, און קלים האָט אַ קלער געטון וועגן ליוטאָוון:

— ס'איז אים זייער אומעטיק, ווײַבאַלד ער פאַרוויילט זיך מיט אַזעלכע נאַרישקייטן.

— פונוואַנען האָסטו דאָס גענומען? פונוואַנען? האָסט עס דאָך אַליין נישט אויסגעטראַכט, ניין? — האָט לעבהאַפט, עקשנות־דיק, מיט אַן אומפאַרשטענדלעכער פרייד אויסגעפרעגט ליוטאָוו און ווידער האָט געמאָסטן, סאָליד גערעדט דער לאָמער:

— נישט אַליין, דאָס איז — ריכטיק; אַלע לערנען מיר זיך שכל איינער בײַם אַנדערן. פאַראַיאָרן האָט דאָ געלעבט אַן אויס־טייטשנדיקער הער...

קלים האָט אַ קלער געטאָן:

— אַן אויסטייטשנדיקער הער? זייער גוט!

— פלעגט ער אַזוי אין די אָוונטן, אין די יום־טובים, פירן שמועסן מיט די אַרומיקע געגנט־לייט, אַ מענטש מיט אַן אייזערנעם שכל! ער פלעגט גלייך זאָגן, וואו איז דער שורש און דער שטאַם? דאָס, זאָגט ער, איז דאָס פאָלק און פאַר זייטעטוועגן, זאָגט ער, זענען אַלע מיטלען...

— דו דאַרפסט אים צום מזכיר זיין פאַרשרייבן. האָסט פאַר־שריבן?

— איר מאַכט ליצנות. מיר פאַרגעסן אפילו די אייגענע מתים מזכיר צו זיין.

— און ער איז געשטאָרבן?

— דאָס ווייס איך נישט.

אַהיימקומענדיק, האָט זיך סאַמגין געלייגט. ס'האָט וויי געטאָן דער קאָפּ, ס'האָט זיך וועגן גאָרנישט געטראַכט און ס'איז נישט געווען קיין שום פאַרלאַנגען, אַ חוץ איינעם: ס'זאָל וואָס גיכער פאַרלאָשן ווערן דערדאָזיקער דושנער, נאַרישער טאָג, ס'זאָלן זיך אָפּווישן די משונהדיקע אײַנדרוקן, מיט וועלכע ער האָט באַשאָנקען. ס'האָט געמאַטערט אַ שווערער דרימל, אָבער ער האָט נישט גע־קאָנט שלאָפן, אין די שלייפן האָבן געקלאַפּט העמערלעך, אין זכרון פון געהער האָבן זיך שווער צונויפגעדיכטעוועט אַלע קולות פונעם טאָג: דער ווייבערישער פּליסטער און די זיפצן, די באַפעלערישע

געשרייען, דאָס שרעקעוודיקע וואָיען, די יללות איבערן טויטן. דאָס האָרבאַטע מיידל האָט אויפגעבראַכט געפרעגט:

— אָבער וואָס רודערט איר אַרום?

ס'איז שוין טונקל געווען, ווען ס'זענען אָנגעקומען טוראַבאָיעוו, ליוטאָוו און האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף דער טעראַסע, פאַרזעצנדיק דעם שמועס, וואָס זיי האָבן אָפּנים שוין לאַנג אָנגעהויבן. סאַמגין איז געלעגן און געהערט דאָס איבעריאָגן זיך פון די צוויי שטימען. ס איז מאָדנע געווען צו הערן, אַז ליוטאָוו רעדט אָן די כאַראַקטעריסטישע פאַר אים אויסגעשרייען און קוויטשלעך, און טוראַבאָיעוו אָן איראָניע. ס'האָבן געקלונגען די טיי־לעפעלעך אָן גלאָז, הייס האָט געצישעט דאָס וואַסער, גיסנדיק זיך פונם סאַמאָוואַר־קראַן און דאָס האָט דערמאַנט קלימען די קינדהייט, די ווינטערדיקע אָוונטן, ווען ער פלעגט טיילמאָל אַנטשלאָפן ווערן פאַר דער טיי און אים האָט געוועקט טאַקע דערדאָזיקער געקלאַנג פון מעטאַל אָן גלאָז.

אויף דער טעראַסע האָט מען גערעדט וועגן די סלאַוויאַנאָפילן און דאַנילעווסקין, וועגן הערצענען און לאַווראָוון. קלים סאַמגין האָט געקענט דידאָזיקע שרייבער, זייערע אידעען זענען אין אַ גלייכער מאָס אים פרעמד געווען. ער האָט איינגעפינען, אַז אין עצם באַטראַכטן זיי אַלע די פּערזענלעכקייט בלויז ווי אַ היסטאָרישן מאַטעריאַל, פאַר אַלע קומט פאַר דער מענטש ווי אַ יצחק, וואָס איז פאַרמשפּט צום אומקומען אַלס קרבן.

— מען דאַרף האָבן עפּעס אַזעלכע אויסטערלישע קעפּ און הערצער, כדי צו אָנערקענען די נויטווענדיקייט צו ברענגען דעם מענטש אַלס קרבן פאַר דעם אומבאַקאַנטן גאָט פון דער צוקונפט, — האָט ער געקלערט, עמפּינדלעך איינהערנדיק זיך אין דעם רויקן רעדן, אין די נישט אייליקע ווערטער טוראַבאָיעווס

— צווישן די הערשנדיקע אידעען איז נישטאָ קיין איינע, וואָס זאָל זיין פאַר מיר אָננעמבאַר...

שנבל האָט אָנגעהויבן מורמלען ליוטאָוו, מתחילת איז נישט

מעגלעך געווען זיך פונאַנדערצוקלייבן, וואָס ער זאָגט, אָבער דער־נאָך האָבן זיך אויסגעטיילט ווערטער:

— די פּאַלקיסטן האָבן אַ שטאַרקן איבערגעוויכט: דאָס דאַרף איז געזונטער און פּראַקטישער פון דער שטאָט, ס'קאָן אַרויסרוקן מער שטאַנדהאַפטיקע מענטשן, — ריכטיק?

— מעגלעך, — האָט געזאָגט טוראַבאַיעוו.

קלים האָט אַ קלער געטון, אַז געוויס האָט ער, ענטפערנדיק, אונטערגעהויבן דעם לינקן אַקסל, ווי ער פלעגט שטענדיק טון, אויסדרייענדיק זיך פון אַ דירעקטן ענטפער אויף אַ פראַגע.

— אָבער פּאַרט, — אַ האַלבקייט! — האָט אויסגעשריגן ליוטאָוו. — פּאַרט — קינדער פון יענע היצקעפּ, וועלכע האָבן צו־געלאָזט די וואַנדער־פעלקער דעם געבענטשטן דרום און זענען אַנט־לאָפן אין די וועלדער און זומפּן פון צפון.

— דאַכט זיך, איר זענט זיך סותר...

— ניין, דערלויבט! איר טאַקע, איר ווי האַלט? דאָס זענען דאָך אייערע עלטערזיידעס...

שווער האָט געגומען טופען די דינסט, ס'האָט אַ קלימפּער געטון דאָס טיי־געשיר. קלים איז אויפגעשטאַנען, האָט אָן גערויש געעפנט דאָס פענצטער אויף דער טעראַסע אַרויס און דערהערט די פולע, קאַלטע ווערטער:

— איך קלער, נאַטירלעך, נישט, אַז מיינע עלטערזיידעס האָבן אַזוי פיל אָנגעפּלאָנטערט אין דער געשיכטע פונם לאַנד און זענען געווען אַזוי נאַריש פּאַרברעכעריש, ווי ס'שילדערן עס מאַנ־כע... פאַבריקאַנטן פון אמת צווישן די ראַדיקאַלע פּובליציסטן. איך האַלט נישט די עלטערזיידעס פאַר קיין מלאכים, כ'בין אויך נישט געגוויגט צו האַלטן זיי פאַר העלדן, זיי זענען פשוט מער אָדער ווייניקער אויספירער פון די געבאָטן פון דער געשיכטע, וועלכע איז, ווי איר אַליין האָט געזאָגט באַלד אין אָנהייב, אַוועקגעגאַנגען קרום. לויט מיין מיינונג, איז זי היינט צו טאָג שוין אַזאַ, אַז מיר פערזענלעך גיט זי דאָס רעכט אָפּצוזאָגן זיך פון ציען ווייטער די ליניע פון די אבות, די ליניע, וואָס פאָדערט פון מענטש געוויסע אייגנשאַפטן, וועלכע איך באַזיץ נישט.

— וואָס זשע איז דאָס ? — האָט אַ קוויטש געטון ליוטאָוו. — דאָס איז רעזיגנאַציע ? טאָלסטאָיאַניזם ?

— דאַכט זיך, איך האָב אייך שוין געזאָגט, אַז איך האַלט זיך פאַר אַ מענטש אַ פּסיכיש דעקלאַסירטן...

ס'האָבן זיך דערהערט שלייכנדיקע טריט.

— וואָס — געשטאָרבן ? — האָט געפרעגט טוראָבאָיעוו, אים האָט געענטפערט מאַקאַראָווס קול :

— ס'פאַרשטייט זיך. גיס אָן טיי, וולאַדימיר. איר, טוראָבאָ־יעוו, רעדט נאָך איבער מיטן וואַכמייסטער ; ער באַשולדיקט שוין איצט דעם שמיד ניט אין קיין בכיוונדיקן מאָרד, נאָר — אין אומ־פאָרזיכטיקייט.

סאַמגין איז אַוועקגעגאַנגען פון פענצטער, האָט זיך פאַרקעמט און איז אַרויסגעגאַנגען אויף דער טעראַסע, פאַרשטייענדיק, אַז מסתמא וועלן באַלד אָנקומען די מיידלעך.

דאָס פײַער פון לאָמפּ, אַזוי ווי פאַרשלונגען דורכן מעש פון סאַמאָוואַר, האָט באַלויכטן די דריי פיגורן, אַרומגעהילט פון היי־סער טונקלקייט. ליוטאָוו האָט, וויגנדיק זיך אויף דער שטול, באַ־וועגט מיט די קניען, געסמאָטשקעט און געקוקט אין טוראָבאָיעווס זייט אַריין, וואו, אָנגעבויגן איבערן טיש, האָט ער עפּעס געשריבן אויף אַ צעקנייטשטן קאָנווערט.

— פאַרוואָס ביסטו באַרוועס ? — האָט קלים אַ פרעג געטון מאַקאַראָוון. — אַרומשפּאַצירנדיק איבער דער טעראַסע, מיטן גלאָז טיי אין דער האַנט, האָט יענער געענטפערט :

— די שטיוול זענען מיט בלוט. דעמדאָזיקן בחור...

— נו, גענוג ! — האָט געזאָגט ליוטאָוו, פאַרקרימענדיק דאָס פּנים, און דויך אַ זיפץ געטון : — און וואו זענען די וועזנס פון צווייטן סאָרט ?

ער האָט אויפגעהערט זיך צו וויגן אויף דער שטול און מיט אַ רייצנדיקן טאָן אָנגעהויבן דערציילן מאַקאַראָוון די מיינונג פון לאָמען פויער וועגן פרויען.

— דער פויער האָט גערעדט פּשוטער, קורצער, — האָט קלים באַמערקט. ליוטאָוו האָט אַ וואונק געטון צו אים, און מאַקאַראָוו,

אָפּשטעלנדיק זיך, האָט אַ רוק געטאָן זײַן גלאָז אויפֿן טיש אַרױן אַזױ, אַז דאָס גלאָז איז אַראָפּגעפֿאַלן פֿון טעלערל, און אָנגעהויבן רעדן שנעל און אויפֿגערעגט:

— אָט — זעסטו? איך זאָג דאָך: דאָס איז — אָרגאַניש! שוין אין דעם מיטאָס וועגן באַשאַפֿונג פֿון דער פֿרוי אויס דער ריפּ פֿון מאַנספּאַרשוין איז פֿולשטענדיק בולט דער שקר, וואָס איז צוגעטראַכט געוואָרן אומגעראָטן און פֿײַנדלעך. שאַפֿנדיק דעמדאָזיקן שקר, האָט מען דאָך שוין געוואוסט, אַז די פֿרוי געבוירט דעם מאַנספּאַרשוין און אַז זי געבוירט אים פֿאַר דער פֿרויס וועגן.

טוראָבאָיעוו האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ און, אויפֿמערקזאַם אַ קוק געבנדיק אויף מאַקאַראָווס אויפֿגערעגט פּנים, אַ שמייכל געטאָן. ליוטאָוו האָט צו אים אויך אַ וואונק געטאָן און געזאָגט:

— אַ העכסט אינטערעסאַנטע היפּאָטעזע פֿון רוסלענדישער פֿאַבריקאַציע.

דאָס רעדסטו וועגן דער פֿײַנדשאַפֿט צו דער פֿרוי? — האָט מיט איראָנישער פֿאַרוואונדערונג געפֿרעגט קלים.

— איך, — האָט געזאָגט מאַקאַראָוו, אַ שטאָמפּער געבנדיק זיך מיטן פֿינגער אין דער ברוסט, און זיך געווענדט צו טוראָבאָיעוו:

— דיזעלביקע פֿײַנדשאַפֿט איז אויך באַהאַלטן אין דעם מיטאָס וועגן אַרויסטרײַבן די ערשטע מענטשן אויסן גן־עדן פֿון אומוויסן איבער דער פֿרויס שולד.

קלים סאַמגין האָט געשמייכלט און זייער געוואָלט, אַז זײַן איראָנישן שמייכל זאָל זען טוראָבאָיעוו, אָבער יענער, אָנגעשפּאַרט מיט די עלנבויגנס אָן טיש, האָט געקוקט אין מאַקאַראָווס פּנים אַרײַן, הויך אויפֿגעהויבן די געהאָפּטענע ברעמען און אַזויווי ער וואָלט געגאַפֿט.

— אַ גליקלעך קינד ביסטו, קאָסטיאַ, — האָט אַ מורמל געטאָן ליוטאָוו, אַ טרייסל געבנדיק מיטן קאָפּ, און אָנגעהויבן צו צעפֿירן מיטן פֿינגער דאָס וואַסער איבער דער מעשענער טאַץ. און

מאַקאַראָוו האָט גערעדט. אַראָפּלאָזנדיק די שטימע און פון אויפגערעגטקייט אַ ביסל זיך פאַריענקעט, גערעדט איילִיק:

— די פיינדשאַפט צו דער פרוי האָט זיך אָנגעהויבן פון יענעם מאָמענט אָן, ווען דער מאַנספּאַרשוין האָט דערפילט, אַז די קולטור, וואָס ווערט געשאַפן דורך דער פרוי, — איז אַ פאַרגוואַלטונג פון זיינע אינסטינקטן.

— וואָס האַקט ער אַ טשייניק? — האָט אַ קלער געטון סאַמגין און, פאַרלעשנדיק דעם איראָנישן שמייכל, אויפגעשפּיצט די אויערן.

מאַקאַראָוו איז געשטאַנען, צונויפגערוקט די פיס און דאָס האָט זייער אונטערגעשטראָכן די קלינאַרטיקייט פון זיין פיגור. ער האָט אַלע מאָל אַ טרייסל געטון מיטן קאָפּ, די צווייפאַרביקע האָר זענען אים אַראָפּגעפאַלן אויפן שטערן און אויף די באַקן, מיט שאַרפן זשעסט פון דער האַנט האָט ער זיי צוריקגעוואָרפן, זיין פּנים איז געוואָרן נאָך שענער און אַזויווי שפּיציקער.

— דאָס ישובדיקע און צוזאַמען דערמיט — דאָס קולטורעלע לעבן האָט אָנגעהויבן די פרוי, — האָט ער ווייטער גערעדט. — דאָס האָט זי געמוזט זיך אָפּשטעלן, באַשיצן זיך און איר קינד פאַר חיות, פאַרן שלעכטן וועטער. זי האָט אַנטדעקט די צום עסן טויגלעכע קרייטעכצער היילנדיקע גרעזער, זי האָט היימיש געמאַכט די חיות. פאַר דער האַלב־חיה און דעם וואָגלערישן זכר איז ן האָט זי ביסלעכווייז אַלץ מער זיך אַרויסגעוויזן אַלס געהיימניש־פול און קלוג באַשעפעניש. די באַוווּנדערונג און מורא פאַר דער פרוי איז פאַרבליבן, אפילו ביז אונזער צייט, אין „טאַבו" פון ווילדע שבטים. זי האָט אָנגעוואָרפן מורא מיט אירע קענטעניש, מיט דער באַהאַוונטקייט און בעיקר — מיטן סודותדיקן אַקט פון געבוירן אַ קינד, — דער מאַנסביל — דער יעגער האָט נישט געקאָנט באַאָבאַכטן ווי ס'געבוירן די חיות. זי איז געווען די בריסטערין, האָט געשאַפן געזעצן, די קולטור איז אַנטשטאַנען פון מאַטריאַרכאַט...

אַרום דעם לאָמפּ האָבן פאַרהאַוועט אַרומגעשימערט גרויע שמעטערלינגען, זייערע שאָטנס האָבן זיך געגליטשט איבער מאַקאַראָווס ווייסע טוזשורקע, די גאַנצע ברוסט און אפילו דאָס פּנים

זיינס האָבן באַדעקט טונקעלע פלעקעלעך, אַזוי ווי שאָטנס פון זיינע געשווינדע ווערטער. קלים סאַמגין האָט איינגעפונען, אַז מאַקאַראָוו רעדט לאַנגווייליק און נאַיוו.

— ער האַלט עקזאַמען אויף אַ שטעלע פון אַן „אויסטייטשנדיקן הער“.

דערמאַנענדיק זיך די אַלטע טבע, האָט מאַקאַראָוו מיט דער רעכטער האַנט אָפּגעדרייט דאָס אייבערשטע קנעפּל פון דער טוזשורקע, די לינקע האַנט האָט נישט אַנטשלאָסן זיך אָפּגעיאָגט פון די שמעטערלינגען.

— אגב, ווייסט איר, טוראָבאָיעוו, האָט מיך פון תּמיד אָן באַליידיקט אַ געוויס ציניש זידלוואָרט. פונוואַנען קומט עס? מיר דאַכט זיך, אַז אין טיפן אוראַלטער איז דאָס געווען אַ באַגריסונג, דורך וועלכן ס'האָט זיך איינגעשטעלט בלוט-קרובהשאַפט. און — ס'האָט געקאָנט זיין אַ מיטל פון זעלבסטשוץ: אַן אַלטער יעגער האָט געזאָגט: כ'האָב געזעטיקט דיין מוטער — אַ יינגן, שטאַרקערן. דערמאַנט זיך די באַגעגעניש פון איליאַ מוראָמעץ מיטן באַרימער...

ליוטאָוו האָט פריילעך אַ לאַך געטון און אָפּגעהוסט.

— וואו האָסטו דאָס איבערגעלייענט? — האָט אַ פרעג געטון קלים, אויך שמייכלענדיק.

— דאָס איז מיינס אַ סברא, אַנדערש קאָן איך נישט פאַרשטיין, — האָט מאַקאַראָוו אומגעדולדיק געענטפערט, און טוראָבאָיעוו איז אויפגעשטאַנען און, צוהערנדיק זיך צו עפּעס, געזאָגט שטילערהייט:

— אַ שאַרפזיניקע סברא.

— איך האָב אייך דערעסן? — האָט אַ פרעג געטון מאַקאַראָוו.

— אָ, ניין, וואָס רעדט איר! — האָט זייער ליבלעך און שנעל זיך אָפּגערופן טוראָבאָיעוו. — ס'האָט זיך מיר געדאַכט, אַז די פריילינס גייען, נאָר איך האָב מיך טועה געווען.

— דער לאָמער גייט אַרום, — האָט שטיל געזאָגט ליוטאָוו;

ער איז אויפגעשפּרונגען פון דער שטול און פּאָרזיכטיק אַראָפּגעגאַנגען פון דער טעראַסע אין דער פינצטערניש אַריין.

קלימען איז נישט אָנגענעם געווען צו הערן, אַז טוראָבאָיעוו האָט אָנגערופן שאַרפזיניק מאַקאַראָווס באַהויפּטונג. אַצינד זענען זיי ביידע אַרומגעגאַנגען איבער דער טעראַסע און מאַקאַראָוו האָט נאָך מער אַראָפּגעלאָזט דאָס קול, דרייענדיק דאָס קנעפּל, מאַכנדיק מיט דער האַנט.

— ווען דער האַלב ווילדער אדם האָט, מיטן רעכט פונם שטאַרקן, צוגענומען בײַ חוהן די ממשלה איבערן לעבן, האָט ער דערקלערט אַלדאָס פּרוויאַישע אַלס שלעכטס. ס'איז זייער סימפּאַטיש, וואָס דאָס איז געשען אויפן מזרח, פונוואַנען עס שטאַמען אַלע רעליגיעס. טאַקע פון דאָרטן איז די לערע: דער מאַנסביל — איז טאָג, הימל, קראַפט, גוטסקייט; די פרוי איז — נאַכט, ערד, שוואַכקייט, שלעכטס. די יידן דאַוונען: „איך דאַנק דיר, גאָט, דערפאַר, וואָס האָסט מיך נישט באַשאַפן אַלס פרוי". די נידערטרעכטיקייט פון אונזער אָפּרייניקונגס־תּפילה נאָך אַ קימפּעט, — דאָס איז שוין, אומצווייפלהאַפט, מאַנסבילש, גריכיש. אָבער, באַזיגנדיק די פרוי, האָט דער מאַנסביל שוין נישט געקאָנט גובר זיין אין זיך דאָס לעכצן נאָך ליבע און צאַרטקייטן, וואָס די פרוי האָט אין אים דערצויגן.

— אָבער, סוף כּל סוף, וואָס ווילסטו זאָגן? — האָט שטרענג און הויך אַ פרעג געטון סאַמגין.

— איך?

— צו וואָס פירסטו?

מאַקאַראָוו איז געבליבן שטיין פאַר אים, פאַרבלענדט פינטלענדיק.

— איך וויל פאַרשטיין: וואָס איז עס אַזוינס די היינטצייטיקע פרוי, די פרוי בײַ איבסענען, וועלכע גייט אַוועק פון דער ליבע, פון דער פאַמיליע? צי פילט זי די נויטווענדיקייט און דעם כּוח אויפצוניי צו דעראָבערן זיך די אַמאָליקע באַדייטונג אַלס מוטער פון דער מענטשהייט, אַלס וועקער פון קולטור? פון אַ נייער קולטור?

ער האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט אין דער חשכות
אַריין:

— איז דאָך שוין דידאַקטיק פאַרשימלט, אָפּגעלעבט, און איר
איז זאָגאַר פאַראַן עפּעס שגעונדיקס. איך קאָן נישט גלייבן, אַז די
קליינבירגערלעכע באַנאַליקייט פון אונזער לעבן זאָל ענדגילטיק
האָבן פאַרקריפּלט די פרוי. כאָטש מען האָט געמאַכט פון איר
אַ הענגער פאַר טייערע קליידער, שמאָכטעס, געדיכטן. אָבער איך
זע אַזעלכע פרויען, וועלכע ווילן נישט — פאַרשטייט! — זיי ווילן
נישט קיין ליבע אָדער זיי וואַרפן זי גאָר פונאַנדער, ווי עפּעס אי-
בעריקס.

קלים האָט אַ לאַך געטון אים אין פנים אַריין.

— עך, דו ראָמאַנטיקער, — האָט ער געזאָגט, אויסציענדיק
זיך, אויסגלייכנדיק די מוסקולן, און זיך געלאָזט גיין צו די שטיגן
פאַרביי טוראָבאָיעוון, וועלכער האָט פאַרטראַכטערהייט געקוקט
אויפן ציפּערבלאַט פון זיין זייגער. סאַמגינען איז מיטאַמאָל פול-
שטענדיק קלאָר געוואָרן דער תמצית פון דערדאָזיקער לאַנגער
דרשה.

— אַ שוטה, — האָט ער געקלערט, שפּרייזנדיק פּאָרזיכטיק
איבער דעם זאַמדיקן שטעגל. אַ קליינער, נאָר זייער העלער לבנה-
שפּליטער האָט דורכגעריסן די וואָלקנס; צווישן די נאָדלען פון שטע-
כעכץ האָט געציטערט אַ זילבערדיקע שיין, די שאָטנס פון די סאָס-
נעס האָבן זיך צונויפגעקליבן בײַ די וואָרצלען ווי שוואַרצע קלימפּן
סאַמגין איז געגאַנגען צום טייך, איינשמועסנדיק זיך, אַז
ער פילט אַן ערלעכן ווידערווילן צום שעכישן גלאַנץ פון ווערטער
און פאַרשטייט זיך גוט אויף די אויסגעטראַכטע שיינקייטן פון מענטש-
לעכע רייד.

— אָט אַזוי לעבן זיי טאַקע, די אַלע ליוטאָווס, מאַקאַראָווס,
קוטוזאָווס, — כאַפּן אויף עפּעס אַן אידעעלע און טומלען, גרעגערן...

אינדערפרי האָט געגומען בלאָזן אַ הייסער ווינט, אויפטרייס-
לענדיק די סאָסנעס, אויפרייסנדיק דאָס זאַמד און דאָס גרויע וואַ-
סער פון טייך. ווען וואַראַווקאַ איז מיט אַן צעראָפּגענומענעם קאַפּעּ-
לוש געגאַנגען פון דער סטאַציע, האָט דער ווינט אים פאַרוואָרפן

די באָרד אויפן אַקסל און זי געריסן. די באָרד האָט צוגעגעבן וואַראָווקאַס רויטפּנימדיקן, צעפלאָשעטן קאָפּ אַן ענלעכקייט צו דעם משונהדיקן געמעל פון אַ קאָמעט אין אַ פּאָפּולער אַסטראָנאָמיש־ביכל.

באַ דער טיי, זיצנדיק אין נאַכט־העמד, אַ לאַנגס ביז די קנעכלעך, אָן די הויזן, אין שטעקלאַטשן אויף די באָרוועסע פיס, האָט ער, שטיקנדיק זיך פון דער היץ, געווישט פון פּנים דעם פּעטן שווייס, און געריטשעט:

— אַ זומער, צום טייוול! אַפריקאַניש פייערלעך! און דאָרטן בונטעוועט זיך די מוזיקאַנטקע, זי דאַרף האָבן קאַמערן, שפּייכלערס און בכלל — פייגל אין דער לופטן. פאַר אַהין, ברודער, באַרויק זי. אַ ווייבל — אַ געשמאַקס.

ער האָט הויך אָפּגעזיפצט, אָפּגעווישט דאָס פּנים מיט דער באָרד.

— באַ וויערא פּעטראָוונען אין פּעטערבורג גייט עס נישט פויגלדיק מיט דמיטרין, מען האָט אים, אַפּנים, פעסט אַריינגעכאַפּט. אַ קרבן פון דער צייט...

הינטער די אויגן פלעגט קלים טראַכטן וועגן וואַראָווקען אָן דרך־ארץ, אפילו סאַרקאַסטיש, אָבער שמועסנדיק מיט אים, האָט ער שטענדיק געפילט, אַז דערדאָזיקער מענטש פאַנגט אים מיט זיין אומגעצוימטער ענערגיע און גראָדליניקייט פון שכל. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַ ציניש׳ער שכל, אָבער געדענקט, אַז דיאָגען איז דאָך געווען אַן אָרנטלעכער מענטש.

— איר ווייסט, — האָט ער געזאָגט, — ליוטאָוו פילט מיט די רעוואָלוציאָנערן.

וואַראָווקאַ האָט אַ ריר געטון מיט די ברעמען, אַ קלער געטון:

— יאָ, ס׳וואָלט זיך געדאַכט. — נישט קיין סוהרישער ענין. אָבער, ס׳זעט אויס, דאָס גייט אַריין אין דער מאָדע. מען פילט מיט.

און אַ שאָט געטון אַ האָגל שנעלע ווערטלעך:

— אַ רעוואָלוציאָנער — איז אויך נוצלעך, וויבאַלד ער איז

נישט קיין שוטה. אפילו — ווען ער איז אַ נאַר איז ער נוצלעך, מחמת די משוגהדיקע באַדינגונגען פון רוסישן לעבן. מיר, אַ שטייגער, פּראָדוצירן אַלץ מער סחורות, אָבער קיין קונה — איז נישטאָ. כאָטש פּאָטענציעל איז ער פּאַראַן אין אַ צאָל פון הונדערט מיליאָן. צו איין שוועבעלע אין טאָג — איז שוין הונדערט מיליאָן צינדהעלצלעך.

ער האָט צונויפגעשאַרט מיט די הענט די באָרד, פאַרשטעקט זי הינטערן קאָלנער פון העמד און זיך איינגעזויגן אין גלאָז מילך. דערנאָך האָט ער אַ פּאָרסקע געטון, אויפגעטרייסלט מיטן קאָפּ און פּאָרגעזעצט:

— וויבאַלד אַ רעוואָלוציאָנער רעדט איין דעם פּויער: נעם צו, שוטה, באַם גוטבאַזיצער די ערד און זע, לערן זיך לעבן, אַרבעטן מענטשלעך און פאַרשטאַנדיק, — איז דער רעוואָלוציאָנער אַ נוצלעכער מענטש. ליוטאָוו איז — וואָס? אַ פּאָלקיסט? הם... אַ נאַראָדאָוואָליעץ. איך האָב געהערט, דידאָזיקע זענען שוין דורכגעפאַלן...

— ער גיט אייך געלט אויף דער צייטונג?

— דער פּעטער זיינער גיט, ראַדיעיעוו... אַ וואוילער אַלטער...

שווייגנדיק אַ ווײַלע האָט ער געפרעגט:

— וואָס זשע, ליוטאָוו איז אַן איבערצייגטער מענטש?

— איך ווייס נישט. ער איז אַזאַ... נישט צום דערכאַפּן.

— מען וועט אים כאַפּן, — האָט צוגעזאָגט וואַראַווקאַ, אויפשטייענדיק. — נו, איך וועל גיין זיך באָדן, און דו פאָר-צו אין שטאָט אַריין.

— באָדן זיך? — האָט זיך קלים פאַרוואונדערט. — איר האָט אויסגעטרונקען אַזוי פיל מילך...

— כ'וועל נאָך אויסטרינקען, — האָט געזאָגט וואַראַווקאַ, אָנגיסנדיק פון קריג אין גלאָז אַריין קאַלטע מילך.

געקומען צו פאָרן אין שטאָט, אַריינקומענדיק אין הויף פון הויז, האָט קלים דערזען אויפן גאַניק פון אָפיציינע די ספּיוואַק אין אַ לאַנג פאַרטוך פון גרויען פּערקאַל; פריינדלעך פאָכענדיק

מיט דער האַנט, וואָס איז אָפּגעדעקט געווען ביזן עלנבויגן, האָט זי א געשריי געטון:

— אַ, יינגער באַלעבאָס! קומט גיטיקס אַהער!

און שטאַרק דריקנדיק זיין האַנט, האָט זי אָנגעהויבן זיך קלאָגן: מען דאַרף נישט פאַרדינגען קיין דירה, אין וועלכער עס סקריפּען די טירן, ס'מאַכן זיך נישט צו די פענצטער, ס'רויכערן די אויוונס.

— ס'האָט דאָ געוואוינט אַ געוויסער שרייבער, — האָט אַ זאָג געטון קלים און — זיך דערשראָקן, כאַפּנדיק זיך, ווי נאַריש ער האָט געזאָגט.

די ספּיוואַק האָט אויף אים פאַרוואונדערט אַ קוק געטון, און דערמיט בּרענגענדיק אים נאָך מער אין פאַרלעגנהייט, האָט זי אים אַריינגעבעטן אין שטוב. דאָרטן האָט זיך געפּאָרעט אַן איינגעדאַרט מיידל מיט חוצפּהדיקע אויגן; אינמיטן צימער איז ספּיוואַק פאַרטראַכטערהייט געשטאַנען מיט אַ העמערל אין דער האַנט, אַן אַ רעקל, אויף זיין ברוסט האָבן, ווי צוויי אָרדנס, געגלאַנצט די קלאַמבּרעס פון די שעלקעס.

— מיר אָרדנען זיך איין, — האָט ער דערקלערט, אויסשטרעקנדיק קלימען די האַנט מיטן העמערל.

ער האָט אַראָפּגענומען די ברילן און אויף זיין קליינטשיקן, קינדישן פּנימל האָבן רחמנותדיק זיך באַוויזן בלינד אויסגעגלאָצטע, רויטע אויגן אין קישעלעך פון בלויע געשווילעכצן. זיין פרוי האָט אַרומגעפירט קלימען איבער די צימערן, אָנגעשטעלטע מיט מעבל, האָט געפּאָדערט סטאָליאַרעס, אַן אויוונשטעלער, די נאַקעטע הענט און דאָס פּערקאַל-פאַרטוך האָבן זי פאַראייניגפאַכט. קלים האָט אומפריינדלעך געוואָרפן זייטיקע בליקן אויף איר פאַררונדיקטן בויך.

און אין עטלעכע מינוט אַרום האָט ער, אויסטוענדיק די טוזשורקע, זאָרגעוודיק גענומען צוריינקלאַפּן טשוועקעס אין די ווענט, ער האָט אויפגעהאָנגען די בילדער און צויינגעשטעלט די ביכער אויף די פּאָליצעס פון דער שאַנק. ספּיוואַק האָט אָנגעסטרויעט דעם קלאַוויר, יעליזאַוועטאַ האָט דערציילט:

— ער סטראַיעט תמיד אַליין אָן. דאָס איז — זיין אַלטאַר, ער לאָזט אפילו מיך אויך נישט גערן צוגיין צום אינסטרומענט.

ס'האָבן געהודזשעט די באַסאָווע סטרונעס, די דינסט האָט בעקלאַפּט מיטן געפּעס, אין קיך האָט געדרוישט די ראַשפּילע פונם וואַסערלייטער.

— איר געפינט נישט, אַז אין לעבן איז פאַראַן עפּעס איבעריקס? — האָט אומגעריכט אַ פרעג געטון די ספּיוואַק. נאָר ווען קלים האָט גערן איינגעשטימט מיט איר, האָט זי, פאַרמרוזשענדיק די אויגן, קוקנדיק אין ווינקל אַריין, געזאָגט:

— און מיר געפעלט דווקא דאָס איבעריקע. דאָס נויטווענדיקע איז לאַנגווייליק, עס — פאַרקנעכטעט. די זאַכע אַלע קופּערטן, וואַליזקעס — זענען שרעקלעך!

דערנאָך האָט זי דערקלערט, אַז זי האָט ליב אַלט פאַרצעליי, שיינע איינבונדן פון ביכער, די מוזיק פון ראַמאָ, מאָצאַרט און די מינוטן פאַר אַ שטורעם.

— ווען די פּילסט, אַז אַלץ אין דיר און אַרום דיר איז געשפּאַנט און דערוואַרטסט אַ קאַטאַסטראָפע.

קלים האָט נאָך קיינמאָל זי נישט געזעען אַזוי באַלעבט און מאַכטפול. זי איז מיאוסער געוואָרן, געלבלעכע פלעקן האָבן זיך באַוויזן אויף איר פּנים, אָבער אין די אויגן איז געווען עפּעס זעלבסטצופרידנס. זי האָט גע״עקט אַ געמישט געפיל פון פאַרזיכטיקייט, נייגיריקייט און, באַטירלעך, יענע האָפנונגען, וואָס רעגן אויף אַ יונגמאַן, ווען אַ שיינע פרוי קוקט אויף אים ליבלעך און רעדט צו אים ליבלעך.

— איך האָב אייך געזאָגט, אַז קוטוזאָוו איז אויך אַרעסטירט? יאָ, אין סאַמאַרע אויפן שיף־האָפן. סאַראַ הערלעכע שטימע, אמת?

— ער וואָלט באַדאַרפט בעסער אין דער אָפּערע זינגען, נישט קיין רעוואָלוציע מאַכן, — האָט סאָליד אַ זאָג געטון קלים און באַמערקט, אַז דער ספּיוואַקס ליפּן האָבן שמייכלדיק אַ ציטער געטון.

— ער האָט געוואָלט. אָבער, ווייזט אויס, מען דאַרף טייל־מאָל גיין קעגן איין שטאַרקן פאַרלאַנג, כדי ער זאָל נישט פאַרטויבן אַלע אַנדערע, ווי מיינט איר?

— איך ווייס נישט, — האָט געזאָגט קלים.

ס'איז קלאָר געווען, אַז זי פֿאַרשטײט און פֿרעגט אים אויס. אין אירע אויגן לײַכט עפּעס אויסמעסטנדיקס, דער בליק אירער קיצלט דאָס פּנים און צעטומלט אַלץ מער. נישט שיין אַרויסשטעלנדיק דעם בויך, באַקוקט די ספּיוואַק אַן אויסגעריבן בוך מיט אַראָפּגעריסענע טאָוולען.

— איר ווייסט נישט? איר האָט נישט געקלערט? — האָט זי געפֿאָרשט. — איר זענט זייער אַן אײַנגעהאַלטן מענטשל. דאָס איז בײַ אײַך אויס באַשיידנקייט אָדער פֿון קאַרגשאַפֿט? איך וואָלט געוואָלט פֿאַרשטיין, ווי אַזוי איר באַציט זיך צו מענטשן.

— ניין, זי איז לחלוטין נישט ענלעך צו דער פֿרוי, וואָס איך האָב זי געזעען אין פּעטערבורג, — האָט געטראַכט סאַמגין, מיט שווערקייט אויסדרייענדיק זיך פֿון אירע קאַטעגאָרישע שאלות.

אָפּאַרבעטנדיק העכער אַ האַלבע שעה, איז ער אַוועקגעגאַנגען, אַוועקטראָגנדיק אַן אויפֿרייצנדיק געשטאַלט פֿון אַ פֿרוי, אַן אומבאַגרייפֿלעכע אין אירע געדאַנקען און אַ געפֿערלעכע, ווי אַלע אויספֿרעגנדיקע מענטשן. זיי פֿרעגן אויס, מחמת זיי ווילן זיך שאַפֿן אַ פֿאָרשטעלונג וועגן דעם מענטש און, כּדי גיכער צו שאַפֿן די פֿאָרשטעלונג, באַגרענעצן זיי זיין פּערזענלעכקייט, פֿאַרקריפּלען זי. קלים איז זיכער געווען, אַז דאָס איז טאַקע אַזוי; אַליין שטרעבנדיק צו פֿאַראײנפֿאַכן די מענטשן, האָט ער זיי חושד געווען אינעם פֿאַרלאַנג צו פֿאַראײנפֿאַכן אים, דעם מענטש, וועלכער פֿילט נישט קיין גרענעצן פֿון זיין פּערזענלעכקייט.

— מיט דערדאָזיקער פֿרוי דאַרף מען זיך האַלטן פֿאָרזיכטיק, — האָט ער באַשלאָסן.

אָבער צומאָרגנס האָט ער פֿון אינדערפֿרי אָן ווידער געהאָלפֿן איר אײַנאָרדנען די דירה. ער איז געגאַנגען מיט די ספּיוואַקס מיטאָג עסן אין רעסטאָראַן פֿון שטאָט-גאָרטן, אינאָוונט האָט ער מיט זיי געטרונקען טיי, דערנאָך איז צום מאַן געקומען אַ גרויסוואָנסיקער פּאָליאַק מיט אַ וויאָלאָנטשעל און מיט שטאָלץ אויסגעשטעלטע אויגן פֿון אַ קאַרפּ; די אומדערמידלעכע ספּיוואַק האָט פֿאַרבעלייגט קלימען צו ווייזן איר די שטאָט, אָבער ווען ער איז אַוועק-

געגאַנגען זיך איבערטון, האָט זי אַ געשריי געטון צו אים דורכן פענצטער:

— כ'האָב זיך מישב געווען: כ'וועל נישט גיין. לאָמיר זיצן אַ ביסל אין גאָרטן, — איר ווילט?

קלים האָט גישט געוואָלט, אָבער איז נישט דרייסט געווען זיך אָפּצוזאָגן. בערך אַ האַלבע שעה האָבן זיי זיך געדרייט איבער די וועגלעך פון גאָרטן, רעדנדיק וועגן אומבאַדייטנדיקע זאַכן, וועגן קלייניקייטן. קלים האָט געפילט אַ מאָדנע אָנגעשטרענגטקייט, אַזוי ווי ער וואָלט, גייענדיק איבערן ברעג פון אַ טיף טייכל, געזוכט וואו ס'איז צום באַקוועמסטן אַריבערצושפּרינגען דעריבער. פון פענצטער פון אָפּיצינע האָבן זיך דערטראָגן אַקאָרדן פונם קלאַוויר, דאָס וואָיען פון דער וויאָלאָנטשעל, שאַרפע אויסגעשרייען פון דעם קליי־נעם מוזיקאַנט. ס'האָט געזיפּצט דער ווינט, געדיכטער מאַכנדיק די טונקלקייט, ס'האָט זיך געדאַכט, אַז פון די ביימער שיט זיך אַ וואַרעמער, בלוילעכער שטויב, אָפּפאַרבנדיק די לופט אַלץ טונ־קעלער.

די ספּיוואַק איז געגאַנגען לאַנגזאַם, שאַקלענדיק מיטן בויך, אין איר גאַנג איז געווען עפּעס באַר־מעריסש און נאָכאַמאָל האָט קלים אַ קלער געטון, אַז זי איז זעלבסטצופרידן. מאָדנע, וואָס ער האָט דאָס נישט באַמערקט אין פּעטערבורג. אין די פּשוטע, פוילע פראַגן וועגן וואַראָנעזש, וועגן וויערא פּעטראָוונען, האָט קלים נישט געפונען קיין שום פאַרדעכטיקס. אָבער פון איר איז אַרויסגעגאַנ־גען אַ נישט געוויכטיקע, אָבער דייטלעך שפּירעוודיקע דריקונג, סוגעסטירנדיק קלימען אַ מאָדנע צפהענטיקייט פאַר איר. אירע קיי־לעכיקע אויגן פון אַ קאַץ האָבן געקוקט אויף אים מאַכטפול מיט מיט בלוילעכן, קווילנדיקן בליק. אַזוי ווי זי וואָלט געוואוסט וועגן וואָס ער טראַכט און וואָס ער קאָן זאָגן. און נאָך: זי צווינגט צו פאַר־געסן אָן לידיען.

— לאָמיר זיך זעצן, — האָט זי פאָרגעלייגט און פאַרטראַכט אָנגעהויבן דערציילן, אַז אייערנעכטן איז זי מיטן מאַן געווען צו גאַסט בײַ זיינס אַן אַלטן באַקאַנטן, אַן אדוואָקאַט.

— דאָס איז, משמעות, דער היגער מעצענאַט פון קונסט און

װיסנשאַפֿט. דאָרטן האָט עפּעס אַ רויטהאָריקער מענטש געלייענט אַ מין לעקציע „װעגן די אינסטינקטן פֿון דערקענטעניש", דאַכט זיך, ביין, „װעגן אַ דריטן אינסטינקט", אָבער דאָס איז טאַקע דער אינסטינקט פֿון דערקענטעניש. איך בין אַן עם-הארץ אין פֿילאָזאָפֿיע, אָבער — מיר איז געפֿעלן געװאָרן: ער האָט דערװיזן, אַז דערקענטעניש איז פּונקט אַזאַ כּוח, װי ליבע און הונגער. איך האָב דאָס קיינמאָל נישט געהערט אין אַזאַ פֿאָרם.

רעדנדיק, האָט די ספּיװאַק אַזױװי זיך צוגעהערט צו אירע װערטער, אירע אויגן זענען טונקעלער געװאָרן און ס'האָט זיך געפֿילט, אַז זי רעדט נישט װעגן דעם, װאָס זי טראַכט, קוקנדיק אויף איר בויך.

— אַן אויטאָריטעטיש אָפּגעלאָזטער און העסלעכער מענטש, אָבער, װען װעגן ליבע רעדן אַזױנע... אומגעלונגענע מענטשן, גלייב איך זייער אין דער אויפֿריכטיקייט זייערע און... אין דער טיפֿקייט פֿון זייער געפֿיל. דאָס בעסטע, װאָס איך האָב געהערט װעגן ליבע און דער פֿרוי, האָט געזאָגט אַ געװיסער הויקערדיקער.

אָפּזיפֿצנדיק, האָט זי געזאָגט:

— און װאָס שענער ס'איז דער מאַנסביל, אַלץ װיניקער קאָן מען זיך פֿאַרלאָזן אויף אים, אַלס מאַן און פֿאָטער.

און — אַ לאַך געטון, צוגעבנדיק:

— די שיינקייט איז — אויסגעלאָסן. דאָס, װייזט אויס, איז אַ נאַטור-געזעץ. די נאַטור איז קאַרג אויף שיינקייט און דעריבער, באַשאַפֿנדיק זי, שטרעבט זי װאָס ברייטער זי אויסצונוצן. װאָס שװייגט איר?

סאַמגין האָט געשװיגן, װייל ער האָט עפּעס דערװאַרט. איר װענדונג האָט אים געבייט אויפֿצוציטערן, ער האָט אייליק געזאָגט:

— דער רויטהאָריקער פֿילאָזאָף, דאָס איז מיין לערער.

— יאָ? אַזױ גאָר?

זי האָט אַ בליק געטון אויף קלימס פּנים מיט נייגיריקייט, און ער האָט אומגעקלערט אַ זאָג געטון:

— מיט אַ צװעלף יאָר צוריק איז ער פֿאַרליבט געװען אין מיין מוטער.

ער האָט מיט רוגזא זיך דערפילט אַלס אַ פֿלאַפלעריש ייִנגל און כמעט מיט שרעק געוואַרט: וועגן וואָס וועט אים אַצינד פרעגן דידאַזיקע פרוי? אָבער זי האָט אַ ווײַלע געשוויגן און געזאָגט:

— ס'איז פּייכט. לאָמיר אַרײַנגיין אין שטוב אַרײַן.

און איבערן וועג צו דער אָפּיצינע האָט זי מיט אַ האַלב קול באַמערקט:

— איר זענט, אפנים, זייער אַן אײַנזאַמער מענטש.

דידאַזיקע ווערטער האָבן אַ קלינג געטון נישט ווי אַ פראַגע. סאַמגין האָט אויף אַן אויגנבליק דערפילט אַ דאַנקבאַרקייט צו דער ספּיוואַק, אָבער גלייך נאָכדעם איז ער נאָך וואַכזאַמער געוואָרן.

דער וואָנסיקער פּאַליאַק איז פאַרשוואונדן, איבערלאָזנדיק די וויאָלאָנטשעל באַם קלאַוויר. ספּיוואַק האָט געשפּילט באַכס אַ פוגע, אַ קוק געבנדיק אויף די אַרײַנגעקומענע מיט די טונקעלע גלעזער־רעדעלעך, האָט ער אַ הוסט געטון און געזאָגט:

— דאָס איז נישט קיין מוזיקאַנט, נאָר אַ וואַסערלייטער.

— דער וויאָלאָנטשעליסט?

— אַ פּוילשטענדיקער אויסוואורף, — האָט איבערצייגט געזאָגט דער מוזיקאַנט.

ער האָט ווידער אָנגעהויבן שפּילן, נאָר אַזוי אייגנאַרטיק, אַז קלים האָט אויף אים אַ קוק געטון מיט חידוש. ער האָט געשפּילט אין אַ פאַרלאַנגזאַמטן טעמפּאָ, אַקצענטירנדיק דאָ איינעם, דאָ אַ צווייטן טאָן פונם אַקאָרד און, אויפהייבנדיק די לינקע האַנט מיטן אויסגעצויגענעם ווייזפינגער, זיך צוגעהערט ווי דער טאָן שטאַרבט ביסלעכווייז אָפּ. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ער ברעכט און צערײַסט די מוזיק, אָפּזוכנדיק עפּעס טיף פאַרבאָרגנס אין דער קלימען באַקאַנטער מעלאָדיע.

— שפּיל עפּעס פון ראַמאָ, — האָט אים אַ בעט געטון דאָס ווײַב.

הכנעהדיק האָבן אויפגעקלונגען נאַיווע און גאַלאַנטע אַקאָרדן, פון זיי איז אין דעם היימלעך אויפגערוימטן צימער נאָך היימלעכער געוואָרן.

אויפן טונקעלן פאָן פון די ווענט האָבן בולט זיך אָנגעזעען

די פאַרצעלייענע פיגורעלעך. סאַמגין האָט אַ קלער געטון, אַז יעליזאַוועטאַ ספּיוואַק איז דאָ אַ פרעמדע, אַז דאָס צימער איז פאַר אַ פאַרחלומטער, זייער לירישער בלאָנדינקע, וואָס איז פאַרליבט אין איר מאַן און אין געדיכטן. אָבער דידאָזיקע איז אויפגעשטאַנען און אַוועקשטעלנדיק פאַרן מאַן נאָטן, האָט זי אויפגעזונגען אַן אומבאַקאַנט פאַר קלימען בראַוואַריש לידל אויף פראַנצויזיש, פאַרענדיקנדיק עס מיט אַ טריומפאַלן געשריי:

— A toi, mon enfant!

ער האָט זיך דערפרייט, ווען די דינסט איז אַריינגעקומען און געמאָלדן אויך איבער עפעס מיט אַ טריומפאַלן שמייכל:

— די מאַמעשי איז געקומען.

קלים האָט אַ קלער געטון, אַז די מוטער איז געוויס געקומען צו פאָרן אַ מידע, אַ דענערווירטע, דערפאַר איז אים נאָך אָנגענעמער געווען צו דערזען זי אַ מונטער געשטימטע און אַפילו אַזויווי אַ פאַריונגערטע פאַר דידאָזיקע עטלעכע טעג. זי האָט תיכף אָנגעהויבן צו דערציילן וועגן דמיטרין: מען וועט אים אינגיכן אַרויסלאָזן, אָבער ער וועט אָנווערן די רעכט צו לערנען זיך אין אוניווערזיטעט.

— איך האַלט דאָס נישט פאַר קיין אומגליק פאַר אים, מיר האָט זיך תמיד געדאַכט, אַז ער וואָלט געווען אַ שלעכטער דאָקטאָר. ער איז, לויט דער נאַטור, אַ לערער, אַ בוכהאַלטער אין אַ באַנק, בכלל עפעס זייער באַשיידנס. דער אָפיציר, וואָס פירט זיין ענין — זייער אַ פריינדלעכער מענטש, — האָט זיך פאַרקלאָגט פאַר מיר, אַז דמיטרי האַלט זיך אויף די אויספאָרשונגען נישט העפלעך און ער האָט נישט געוואָלט זאָגן, ווער ס'האָט אים אַריינגעצויגן... אין דערדאָזיקער אַוואַנטורע, דערמיט האָט ער זיך שטאַרק געבראַכט שאָדן. דער אָפיציר איז געשטימט צו דער יוגנט זייער גוטווילנשנד, אָבער ער טענהט: „גייט אַריין אין אונזער לאַגע, מיר קאָנען דאָך נישט דערציִען קיין רעוואָלוציאָנערן!" און ער האָט מיר דערמאַנט, אַז אין 81 יאָר האָבן דווקא די רעוואָלוציאָנערן אומגעבראַכט די קאָנסטיטוציע.

דער מוטערס אויגן האָבן געלויכטן העל, מען האָט געקאָנט

מיינען, אַז זי האָט זיי אַ ביסל אונטערגעשמירט אָדער אַריינגעלאָזט אַ טראָפּעלע אַטראָפּין. אין דעם נייעם, שיין אויפגענייטן קלייד, מיטן פּאַפּיראָס אין די ציין, איז זי ענלעך געווען צו אַן אַקטריסע, וואָס רוט אָפּ נאָך אַ געלונגענעם ספּעקטאַקל. וועגן דמיטרין האָט זי גערעדט דורך־אַגב, עפּעס אַזוי כּסדר פאַרגעסנדיק אָן אים, נישט דערעדנדיק.

— מען האָט מיר געגעבן אַ זעונג מיט אים. ער זיצט אין אַ תּפיסה, וואָס ווערט אָנגערופן „קרעסטי”. ער איז געזונט, באַוואַקסן מיט אַ באָרד, רויק, אַפילו פריילעך און פילט זיך, דאַכט זיך, אַלס העלד.

און זי האָט ווידער גענומען רעדן וועגן עפּעס אַנדערש.

— פּעטערבורג פּרישט וואונדערלעך אויף. איך האָב דאָך דאָרט געלעבט פון ניין ביז זיבעצן יאָר און אַזוי פיל גוטס האָט זיך דערמאָנט.

אין אַ נישט פאַר איר כאַראַקטעריסטישן לירישן טאָן האָט זי אַ מינוט צוויי זיך דערמאָנט וועגן פּעטערבורג, צווינגענדיק דעם זון נישט דורך־אַרצדיק אַ קלער צו טון, אַז מיט פיר און צוואַנציק יאָר צוריק איז פּעטערבורג געווען אַ קליינע און לאַנגווייליקע שטאָט.

— מאַנכע באַקאַנטע דער אַלטער פרעמיראָוואַס זענען אויך מיינע לאַנגסטיקע באַקאַנטע. אַ וואוילע אַלטיטשקע. נאָר איר פּלימעניצע — איז שרעקלעך! זי איז תּמיד אַזאַ גראָבע און מרה־שחורהדיקע? זי רעדט נישט, נאָר שיסט פון אַ געמיינער ביקס. אָך, איך האָב פאַרגעסן: זי האָט מיר געגעבן אַ בריוו פאַר דיר.

דערנאָך האָט זי דערקלערט, אַז זי גייט אין וואַנע־צימער אַריין, האָט אָנגעהויבן גיין, נאָר אָפּשטעלנדיק זיך אינמיטן צימער, געזאָגט:

— אָ, גאָט מיינער, דו קאָנסט דיר פאָרשטעלן: מאַריאַ ראָמאַנאָוונאַ. — דו געדענקסט זי? — איז אויך געווען אַרעסטירט. לאַנג געזעסן און אַצינד איז זי אַרויסגעשיקט געוואָרן ערגעץ־וואו אונטער אָפענער פּאָליציי־השגחה! דו גיב נאָר אַ קלער: זי איז דאָך עלטער פון מיר מיט זעקס יאָר און נאָך אַלץ... כּ׳לעבן, מיר

דאַכט זיך, אַז אין דאָזיקן קאַמף מיט דער רעגירונג באַ אַזעלכע מענטשן, ווי מאַריאַ, שפּילט די הויפּט־ראָלע זייער פאַרלאַנג זיך נוקם צו זיין פאַר דעם אַ תּל־געוואָרענעם לעבן...

— מעגלעך, — האָט מסכּים געווען קלים.

אַלץ, וואָס די מוטער האָט געזאָגט, האָט אים נישט באַרירט, פּונקט ווי ער וואָלט געזעסן באַ אַ פענצטער, און הינטערן פענצטער וואָלט זיך געזייעט אַ דראָבנער רעגן. קומענדיק צו זיך, האָט ער אויפגעעפנט דעם קאָנווערט, וואָס איז אַדרעסירט געווען מיט מאַרינעס היפּשן כּתב, אין קאָנווערט האָט זיך געפונען אַ בריוו נישט פון איר, נאָר פון דער ניעכאַיעוואַ. אויף דיק, בלוילעך פּאַפּיר, באַצירט מיט אַן אומגעווייגלעך בלימל, האָט זי געשריבן, אַז איר געזונט פאַרבעסערט זיך און אַז צום סוף זומער וועט זי, קאָן זיין, קומען צו פאָרן קיין רוסלאַנד.

— נאַדיר נאָך, — האָט מיט פאַרדראָס אַ קלער געטון סאַמגין.

געשריבן האָט די ניעכאַיעוואַ מיט שיינע ווערטער, זיי האָבן אַרויסגערופן אַן איינדרוק פון צוגעטראַכטקייט.

— זי מאַכט פון זיך אַ מאַריאַ באַשקירצעוואַ.

קלים האָט צעריסן דעם בריוו, זיך אויסגעטון און געלייגט, קלערנדיק, אַז סוף כּל סוף מידן די מענטשן בלויז איין. יעדער פון זיי, וואַרפנדיק אין זכּרון אַריין זיין שווערן שאָטן, צווינגט צו טראַכטן וועגן אים, אָפּצושאַצן אים, צו זוכן אַן אָרט פאַר אים אין דער נשמה. נאָכוואָס איז דאָס נייטיק? סאַראַ זינען איז אין דעם?

— אָט די שטויסן פון אויסנווייניק שטערן מיר טאַקע איינצושטעלן פעסטע גרענעצן פון מיין פערזענלעכקייט, — האָט ער באַשלאָסן, ווידערשפּרעכנדיק זיך אַליין. — סוף כּל סוף ווער איך באַמערקט בלויז דערפאַר, וואָס איך שטיי אין אַ זייט פון אַלע און שווייג. מען מוז אָננעמען עפּעס אַן אידעע, ווי עס האָבן געטון טאָמילין, מאַקאַראָוו, קוטוזאָוו. מען דאַרף האָבן אין דער נשמה אַ געוויסן קערן און דעמאָלט וועט אַרום אים זיך אויסבילדן דאָס אַלץ, וואָס וועט אָפּגרענעצן מיין פערזענלעכקייט פון אַלע אַנדערע, וואָס וועט מיך אַרומצירקלען מיט אַ שאַרפן שטריך. די באַ־

שטימטקייט פון אַ פערזענלעכקייט ווערטדערגרייכט דערמיט, וואָס דער מענטש רעדט שטענדיק איינס און דאָס זעלבע, — דאָס איז קלאָר. פערזענלעכקייט — דאָס איז דער קאָמפּלעקס פון טיף פאַרייגנטע מיינונגען, דאָס איז — אַן אָריגינעלער לעקסיקאָן.

אָבער דורכקוקנדיק די אים באַקאַנטע אידעען, האָט קלים סאַמגין נישט געפונען קיין איין באַקוועמע פאַר זיך, און ער האָט אויך נישט געקאָנט דאָס געפינען, ס'האָט זיך געהאַנדלט נישט וועגן אויסבאָרגן פרעמדס, נאָר וועגן פאַבריצירן אייגנס. אַלע אידעען זענען שוין דערפאַר אַליין שלעכט, וואָס זיי זענען — פרעמדע, נישט רעדנדיק וועגן דעם, אַז אַ סך פון זיי זענען פאַר אים געווען אָרגאַניש פיינדלעך, און אַנדערע — נאַיוו ביז קאָמיזם, ווי ס'איז, למשל, מאַקאַראָווס אידעע.

דידאָזיקע טראַכטונגען און דאָס צודרינגלעכע אַרומפליען פון די מוקן הינטער דעם מושלין־פאָרהאַנג פון בעט האָבן געשטערט איינצושלאָפן. קלים סאַמגין האָט זיך געפרווט צו באַרויקן, דערמאַנענדיק זיך, אַז אין תוך גענומען האָט ער אַ קערן: דאָס איז זיין עולעכע באַציונג צו זיך אַליין. דאָס פרעמדע ווערט איבער דעם נישט איינגעזויגן, ס'וואַקסט נישט אַריין אין אים, נאָר שווימט אַדורך, נישט באַאומרויקנדיק דאָס געפיל, בלויז באַלאַסטנדיק דעם זכרון, ווייל ער האָט אַ ווידערגעפיל צו יעדן צוואַנג איבער זיך, אָבער דאָס האָט שוין נישט געטרייסט. פון דעם האָפנונגסלאָזן און מאַטערנדיקן זוכן אַ באַקוועמע ריזע, איז ער איבערגעגאַנגען צו די געדאַנקען וועגן דער ספּיוואַק, וועגן לידיען. זיי זענען ביידע כמעט אַלציינס נישט אָנגענעם דערמיט, וואָס זיי זוכן עפּעס, נישטערן אין אים. ער האָט געפונען, אַז מיט דעם איז זייער באַציונג צו אים אינגאַנצן ענלעך. אָבער זיי ביידע ציען אים צו זיך. מיט אַלציינער קראַפט? אויף דערדאָזיקער פראַגע האָט ער נישט געקאָנט ענטפערן. דאָס איז, דאַכט זיך, אָפּהענגיק געווען פון זייער לאַגע אין שטח, פון זייער פיזישער נאָענטקייט צו אים. אין דער ספּיוואַקס אָנוועזנהייט צעגייט, צערינט לידיעס געשטאַלט, און ווען לידיאַ איז פאַר די אויגן — פאַרשווינדט די ספּיוואַק. און ערגער פון אַלעם איז געווען דאָס, וואָס קלים האָט נישט געקאָנט קלאָר

זיך פאַרשטעלן, וואָס אייגנטלעך וויל ער פון דער שוואַנגערער פרוי און פון דעם אומגעפרוווטן מיידל?

ער האָט נישט פאַרגעסן אָן יענעם געפיל, מיט וועלכן ער האָט אַרומגענומען לידיעס פּיס, אָבער געדענקט האָט ער עס ווי אַ חלום. נישט קיין סך טעג איז אַריבער פון יענעם מאָמענט, אָבער ער האָט שוין נישט איין מאָל זיך געפרעגט: וואָס האָט אים געצוואונגען צו שטעלן זיך אויף די קניען דווקא פאַר איר? און די־דאָזיקע פראַגע האָט געוועקט אין אים ספקות אין דערווירקלעכער קראַפט פונם געפיל, מיט וועלכן ער האָט אַזוי שטאָלצירט מיט עטלעכע טעג צוריק.

בכלל איז פאַר אים אַלץ אָפטער דערשינען עפּעס חלומהאַפטיקס, אַזוינס, וואָס איז אים נישט נייטיק געווען צו זען. צוואָס איז נייטיק די נאַרישע סצענע פון כאַפּן אַן אויסגעטראַכטן וועלס, וואָסער זינען איז אין ליוטאָווס און דעם לאַמען פויערס משונהדיקן געלעכטער? ס׳איז נישט נייטיק געווען צו זען דאָס פיינלעכע פאַרקען זיך מיטן גלאָק און פיל אַנדערס, וואָס האָט נישט געהאַט קיין זינען, נאָר בלויז באַשווערט דעם זכרון.

— „אָבער וואָס רודערט איר אַרום?“ — האָט געקלונגען אין זכרון די אויפגעבראַכטע פראַגע פון דעם הויקערדיקן מיידעלע און ס׳האָט גערוישט אין קאָפּ דער יאָמערנדיקער פליסטער פון די דאָרפישע פויערטעס.

— כ׳לעבן, איך וועל, דאַכט זיך, קראַנק ווערן פון דעם אַלעם...

ס׳האָט שוין געטאָגט. די לבנה־שאָטנס אויף דער פּאָדלאָגע זענען פאַרשוואונדן; די שויבן פון די פענצטער, אָנווערנדיק די בלויִלעכע באַפאַרבונג, זענען אויך אַזויווי צעגאַנגען געוואָרן. קלים איז אַנדרימלט געוואָרן, אָבער אײַנגיכן האָט אים אויפגעוועקט אַ דראָבנע טופּען פון אַ סך מענטשלעכע טריט און אַ געקלאַנג פון אײַזן. ער איז אויפגעשפּרונגען, שנעל צוגעגאַנגען צום פענצטער, — איבער דער גאַס איז געגאַנגען אַ געוויינלעכע פּראָצעסיע, — אַ גרויסע פּאַרטיע אַרעסטאַנטן, אַרומגערינגלט מיט אַ שיטערער קייט סאָלדאַטן פון שיף־באַגלייטער־קאָמאַנדע. אַ שפּיצבערדיקער

היפּוּעכטער האָט געשאַרט מיטן בעזים איבער די שטיינער און אויפֿ־
געהויבן וואָלקנס שטויב אַנטקעגן דער פּאַרטיע גרויע מענטשן. די
סאָלדאַטן זענען געווען קליינע, באַפּוצט מיט בלויע שנורן, און
זייערע אַנטבלויזטע שווערדן האָבן געפֿינקלט אויך בלוילעך, ווי
אייז. פֿון פֿאָרנט זענען געגאַנגען, קלינגענדיק מיט די קייטן, גע־
שמידט צו צוויי פֿאַר די הענט, גרויע מענער מיט אָפּגעגאָלטע
קעפּ; זיי אַלע זענען געווען ווי צוגעקליבן — גרויסע און כמעט
אַלע בערדיקע. בײַ איינעם פֿון זיי איז דאָס פּנים געווען שיף אי־
בערגעשניטן מיט אַ שמאָלער, שוואַרצער טאַשמע, וואָס האָט אים
פֿאַרדעקט איין אויג. ער האָט אַ קוק געגעבן מיטן אָפֿענעם, האָ־
ריקן אויג אין פֿענצטער אַריין, אויף קלימען און אַ זאָג געטון צו
זיין חבר, — אויך אַ בערדיקן, וואָס איז ענלעך געווען צו אים ווי
אַ ברודער:

— קוק — לאַזאַר איז תּחית־המתים אויפֿגעשטאַנען!

אָבער זיין חבר האָט אַ קוק געגעבן נישט אויף קלימען, נאָר
אין דער ווייט, צום הימל, אַ שפּיי געטון, צילעוועדיק אינם שטיוול
פֿון אַ וואַך־זעלנער. דאָס זענען געווען די איינציקע ווערטער, וואָס
קלים האָט אויפֿגעכאַפּט דורך דעם טויבן טופּען פֿון אַ הונדערט
פֿיס און דעם הילכיקן געקלאַנג פֿון די קייטן, וואָס האָט גע־
וויגט די ראָזלעכע, וואַרעמע שטילקייט פֿון דער פֿאַרשלאָגענער
שטאָט.

נאָך די קאַטאָרזשניקעס זענען געגאַנגען צעשאָטן פֿאַרשידנ־
אַרטיק־געקליידטע טונקעלע מענטשן, מיט פּעקעלעך אונטער די
אָרעמס, מיט קלימקעס אויף די פּלייצעס. ס'איז געגאַנגען אַ הויכער זקן אין אַ סוטאַנע און אין אַ קאַפּל מיט אַ טשייניק און קע־
סעלע באַם גאַרטל, זיין געשיר האָט געקלאַפּט צום טאַקט פֿון די
קייטן.

אין אַן ענגער גרופּע זענען געגאַנגען די פּאָליטישע, אַ מאַן
צוואַנציק, צוויי — אין ברילן, איינער — אַ געלער, נישט קיין
געגאָלטער, דער צווייטער — אַ גרויער, ענלעך צו דער איקאָנע
פֿון ניקאָלאַי מירליקיער. הינטער זיי האָט זיך געוואַקלט אַן על־
טערער מיט לאַנגע וואָנסעס און אַ רויטער נאָז. שמייכלענדיק האָט

ער עפּעס גערעדט צום געקרייזלטן בחור, וואָס איז געגאַנגען לעבן אים, גערעדט און געוויזן מיטן פֿינגער אויף די פֿענצטער פֿון די שלאָפֿנדיקע הייזער. פֿיר פֿרויען האָבן געשלאָסן די פּראָצעסיע, — איינע אַ דיקע מיט אַן איינגעשרומפּן פּנים פֿון אַ מאָנאַכין, און אַ צווייטע אַ יונגיטשקע און שלאַנקע אויף דינע פֿיס, און נאָך צוויי פֿרויען זענען געגאַנגען, האַלטנדיק זיך אונטער די הענט, איינע פֿון זיי האָט צוגעהינקען און זיך געשאָקלט. הינטער איר פּלייצע האָט האָט שלעפּעריק געשלעפּט די שווערע פֿיס אַ קורצנאָזיקער זעלנער און די בלויע קלינק פֿון זיין שווערד האָט כמעט אָנגערירט איר אויער.

ווען דער שפּיץ פֿון דער פּאַרטיע איז דורכגעגאַנגען פֿאַרביי דעם הויזוועכטער, האָט ער אויפֿגעהערט צו קערן. ווי נאָר אָבער ער האָט דורכגעלאָזט פֿאַרביי זיך די קאַטאָרזשניקעס, האָט ער שנעל אָנגעהויבן צו שטויבן מיטן בעזעם אויף די פּאָליטישע.

— וואַרט־צו, באָלוואַן! — האָט הויך אַ געשריי געטון דער מאַן־זעלנער, זיך אָן עפּעס אָנגעשלאָגן און אַ נאָס געטון.

אויפֿן ראָג האָט די פּאַרטיע פֿאַרקערעוועט אין דער גאַס, וואָס גייט אַראָפּ צום טייך. דער הויזוועכטער האָט פֿלייסיק געיאָגט נאָך די אַרעסטאַנטן כמאַרעס רויכיקן שטויב. קלים האָט געוואוסט, אַז אויפֿן טייך וואַרט אויף די אַרעסטאַנטן אַ רויטער דאַמפֿער מיט אַ ווייסן פּאַס אויפֿן קוימען, אַ רייטע באַרזשע, וואָס איר אויבערשטער דעק איז אַרומגעצוימט מיט אַן אייזערנער שטייג און די באַרזשע זעט אויס ווי אַ פֿולאַפּקע. מעגלעך, אַז אין אַזאַ מין פֿולאַפּקע וועט אויך פֿאָרן דער ברודער דמיטרי. פֿאַרוואָס איז ער געוואָרן אַ רעוואָלוציאָנער, דער ברודער? אין דער קינדהייט איז ער געווען פֿאַרבלאָז, כאָטש לגבי דערוואַקסענע פֿלעגט ער אַרויסווייזן אַ פֿוילע, אָבער נישט בייזאַמע איינגעשפּאַרטקייט, און אין די שפּילן מיט די קינדער — אַ גוטמוטיקייט פֿון אַ הויף־הונט. די ניעכאַיעוואַ האָט ריכטיק געזאָגט, אַז ער איז — אַ פּרא אדם. דער קערפּער איז באַ אים אַ שווערער, אַ נישט קלוגער. אַ רעוואָלוציאָנער דאַרף זיין פֿלינק, קלוג און שלעכט.

פונווייטנס האָט זיך נאָך אַלץ געהערט דער געקלאַנג פון די קייטן און דאָס שווערע טופּען. דער הויזוועכטער האָט אויסגעקערט זיין באַצירק, אַ קלאַפּ געטון מיטן שטעקן פונם בעזעם אין די שטיינער און זיך איבערגעצלמט, קוקנדיק אין דער ווייט, אַהין, וואו ס'האָט שוין געבלישטשעט די זון. ס'איז שטיל געוואָרן. מען האָט געקאָנט מיינען, אַז דער שפּיצבערדיקער הויזוועכטער האָט אויסגעקערט די אַרעסטאַנטן פון גאַס, פון שטאָט. און דאָס איז אויך געווען ווי אַן אומאָנגענעמער חלום.

פאַרנאַכט־צו האָט קלים אין דער טונקעלער קראָם פון אַן אַנטיקוואַר, זיך אָנגעשטויסן אויף אַ מענטש אין אַ האַרבסטמאַנטל.

— אַנטשולדיקט.

— דאָס זענט איר, סאַמגין, — האָט געזאָגט מיט זיכערקייט דער מענטש.

אפילו נאָך דערדאָזיקער פעסטשטעלונג האָט קלים אויך נישט גלייך דערקענט טאָמילינען אין דער שטויביקער טונקלקייט פונם געוועלב, וואָס איז אָנגעפּאַקט געווען מיט ביכער. זיצנדיק אויף אַ נידעריקער שטול, מיט אַרומגעשניטענע פיסלעך, האָט דער פילאָזאָף אויסגעשטרעקט סאַמגינען די האַנט, מיט דער אַנדערער האַנט אויפגעהויבן פון דער פּאָדלאָגע דעם קאַפּעלוש און אַ זאָג אַריין געטון אין דער טיף פון געוועלב צו עמעצן אַן אומגעזעענעם:

— אַ רובל דרייסיק — איז גענוג. קומט, סאַמגין, צו מיר.

צעטומלט פון דער אומגעוואונטשענער באַגעגעניש, האָט קלים נישט באַוויזן זיך אָפּצוזאָגן פון דער איינלאַדונג, און טאָמילין האָט אַרויסגעוויזן אַ נישט כאַראַקטעריסטישע פאַר אים איילקייט.

— בעת די נישטערסט אין די ביכער — לויפט די צייט אומבאַמערקט און אָט האָב איך פאַרשפּעטיקט אַהיים צו דער טיי, — האָט ער געזאָגט, אַרויסקומענדיק אויף דער גאַס, פאַרקרימענדיק זיך פון דער זון. אין דעם צעפּאָרענעם, צעקנייטשטן קאַפּעלוש, אין דעם צו לאַנגן און ברייטן פּאַלטן, איז ער ענלעך געווען צו אַ באַנקראָטירטן סוחר, וואָס איז לאַנג געזעסן אין תפיסה און איז נאַר-

וואָס אַרויסגעגאַנגען פון דאָרטן. ער האָט געשפּרייזט חשיבותדיק, ווי אַ גאַנז, האַלטנדיק די הענט אין די קעשענעס, די לאַנגע אַרבל פון פּאַלטן האָבן זיך צונויפגעקנייטשט אין טיפע פאַלבן. די רויטע באַקן טאָמילינס האָבן זיך זאַט פאַררונדיקט, דאָס קול האָט געקלונגען זיכער און אין זיינע ווערטער האָט קלים געהערט שטרענגקייט פון אַ מדריך.

— וואָס זשע, ס'באַפרידיקט דיך די אוניווערזיטעט־בילדונג? — האָט ער געפרעגט, סקעפּטיש צושמייכלענדיק.

— וואַרוואַרא סערגעיעוונאַ, — האָט ער אָנגערופן דעם קוּבערס ווייב, ווען זי איז אַרויסגעקומען אין פּאָדערצימער און דרךארצדיק געהאָלפן אים אויסטון דעם פּאַלטן.

ווען ער האָט אַראָפּגענומען דעם פּאַלטן, האָט ער זיך באַוויזן אין אַ סורדוט, אין אַ געפּרעסט העמד, מיט געלע פלעקן אויף דער ברוסט, פון אונטער דער קורץ פאַרשוירענער באָרד האָט אַרויסגעשטאַרט אַ לילע שלייף ווי אַ שמעטערלינק. די האָר אויפן קאָפּ האָט ער אויך צוגעשוירן. זיי זענען געלעגן ווי אַן איבערגעשפּאָלטן טשיפּעקל און דאָס פּנים האָט אָנגעוואוירן דעם אָנבליק פון דעם אָנהענטיק געמאַכטן קריסטוס־בילד. בלויז די פּאָרצעלייענע אויגן זענען געבליבן אומבאַוועגלעך און ס'האָבן, ווי תמיד, זיך געכמורעט די שטעכיקע, רויטע ברעמען.

— עסט, כ'בעט אייך, — האָט איינגערעדט די פרוי מיט אַ באַטעמטער שטימע, צוזוקנדיק קלימען אַ גלאָז טיי, סמעטענע, אַ וואַזע מיט האָניק און אַ טעלער קיכעלעך, אָפּגעפּאַרבטע אין אַ קאָליר פון געלן ראָסט.

— אויסגעצייכנטע קיכעלעך, — האָט פעסטגעשטעלט טאָמילין. — זי מאַכט זיי אַליין פון מאַלץ מיט האָניק.

קלים האָט געגעסן, כדי נישט צו רעדן און אומבאַמערקט באַטראַכט דאָס ציכטיק אויפגערוימטע צימער מיט בלומען אויף די פענצטער, מיט די בילדער אין פאָדערשטן ווינקל און אַן אָלעאָגראַפיע אויף דער וואַנט. די אָלעאָגראַפיע האָט פאָרגעשטעלט אַ זאַטע פרוי מיט אַ קעסל־פויק אין דער האַנט, שטייענדיק בײַ אַ קאָלומנע. און די לעבעדיקע פרוי בײַם טיש לעבן סאַמאָוואַר איז אויך

געווען אויפן גאַנצן לעבן זאַט; איר גרויסער, אָנגעגעסענער קערפּער איז געזעסן אויף דער שטול מאָנומענטאַל, פעסט, אָן אויפהערן זיך באַוועגט אירע מאַלינע־ליפּן, זיך געבלאָזן די פורפּורוויטע סאַפּיאַן־באַקן, זיך געוויגט דער טאָפּעלער גוידער און דאָס בערגל פון בוזעם. די וואַסערדיקע אויגן האָבן געלויכטן גוטמוטיק, באַפרידיקט און ווען זי האָט אויפגעהערט צו קייען, האָט דאָס קליינטשיקע מויל זיך צונויפגעצויגן ווי אַ שטערן. אירע ראָזע הענט זענען מילד געשוואומען איבערן טיש, אָן גערויש איבעררוקנדיק דאָס געשיר; ס'האָט זיך געדאַכט, אַז די דיקע גרויסאַרטיקע הענט, מיט פינגער ענלעכע צו וואורשטלעך, פאַרמאָגן אַ מאַגנעטישן כוח: זיי דאַרפן בלויז אַ שטרעק טון זיך צום צוקער־קלאָש, צום מילך־קריגל, ווי די דאָזיקע זאַכן רוקן זיך שוין איינדרעסירט אַליין צו צו די ווייכע פינגער. דער סאַמאָוואַר האָט געשמייכלט מיט אַ מעשענעם, פאַרשטייענדיקן שמייכל און אַלץ אין צימער האָט אַזוי־ווי זיך געצויגן צום קערפּער פון דער פרוי, דערוואַרט אירע ווייכע באַרירונגען. ס'איז געווען עפּעס נישט פאַרייבאַרס, דערדריקנדיקס און אפילו פאַנטאַסטיש משונהדיקס אין דעם, וואָס לעבן דערדאָזיקער פרוי, אין דאָזיקן צימער, דעם אָנגעזעטיקטן מיט ריח פון געראַניע און עסנוואַרג, קלינגען ביטולדיק און שפּאָטיש די ווערטער:

— די מאַטעריאַליסטן האַלטן, אַז די פּסיכיק איז אַן אייגנשאַפט פון דער אָרגאַניזירטער מאַטעריע, דער געדאַנק — אַ כעמישע רעאַקציע. אָבער דאָס שיידט זיך דאָך בלויז טערמינאָלאָגיש אונטער פון גיאָלאָזאָיזם, פון באַלעבן די מאַטעריע, — האָט געטענהט טאָמילין, דיריגירנדיק מיט דער האַנט מיטן קיכעלע אין איר. — פון אַלע אומדערלאָזבאַרע פאַראייניפאַכונגען איז דער מאַטעריאַליזם — די סאַמע משונהדיקסטע. און ס'איז פולשטענדיק קלאָר, אַז ער גייט אַרויס פון דער פאַרצווייפלונג, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך דער אומוויסנהייט און דער מידקייט פון דעם דערפאָלגלאָזן זוכן אַ גלויבן.

אַ וואָרף געבנדיק דאָס קיכעלע אויפן טעלער אַרויף, האָט ער אַ דראָע געטון מיטן פינגער און פייערלעך אויסגערופן:

— איך חזר איבער: מען זוכט גלויבן און באַרויקונג, אָבער נישט די וואָרהייט! און איך פאָדער: רייניק זיך אָפּ נישט בלויז פון אַלע גלויבונגען, נאָר אפילו פון דעם עצם פאַרלאַנג צו האָבן אַ גלויבן!

— די טיי וועט קאַלט ווערן, — האָט די פרוי באַמערקט. — טאָמילין האָט אַ קוק געטון אויפן וואַנט־זייגער און איז איילִיק אַרויסגעגאַנגען, און זי האָט באַרויקענד געזאָגט צו קלימען:

— ער וועט זיך באַלד אומקערן. ר'איז נאָך דער קאַץ געגאַנגען. זיין געלערנטע באַשעפטיקונג פאָדערט שטילקייט. איך האָב זאָגאַר דעם מאַנס הונט מיט אַרשעניק אָפּגעסאַמט, ער האָט זייער שטאַרק געהיילט, דער הונט, אין די ליכטיקע נעכט. אַצינד איז בא אונז דאָ — אַ קאַץ, מיר רופן זי ניקיטאַ. איך האָב ליב, אַז אין שטוב זאָל זיין אַ חיה.

זי האָט פאַרריכט די שפּילקעס אין דער שווערער טשאַלמע טונקעלע האָר און אָפּגעזיפצט:

— שווער איז זיין געלערנטע באַשעפטיקונג! וואָסערע טויזנטער ווערטער מען באַדאַרף אַלץ צו וויסן! — ער שרייבט זיי אַזוי אַרויס, שרייבט אַרויס פון אַלע ביכער, און ביכער — איז גאָר אָן אַ שיעור!

אַ היימישער, גרוי־געלער טשיזשיק איז אַרומגעפלויגן איבערן צימער, ממש ווי נשמה פון שטוב, זיך געזעצט אויף די בלומען, געציפּט די בלעטער, וויגנדיק זיך אויפן דינינקען צווייגל, פלאַטערנדיק מיט די פליגעלעך; דערשראַקן פון אַ גרויסער פליג וואָס האָט בייז געזשווזשעט און געשלאָגן זיך אָן דער שויב, איז ער אַריינגעפלויגן אין שטייגל און געטרונקען וואַסער, הויך פאַררייסנדיק דאָס קאָמישע נעזל.

טאָמילין האָט פאַרזיכטיק אַריינגעטראָגן אַ שוואַרצן קאָטער מיט גרינע אויגן, אים אַוועקגעזעצט אויף דער פרויס ברייטע קניען און געפרעגט:

— מ'דאַרף נישט געבן אים קיין מילך?

— ס'איז נאָך צו פרי, — האָט געזאָגט די פרוי, אַ קוק געבנדיק אויפן זייגער.

אין אַ מינוט אַרום האָט קלים ווידער געהערט:

— די פריי־דענקענדיקע וועלט וועט גיין מיט מיר. גלויבן — דאָס איז אַ פאַרברעך לגבי דעם געדאַנק.

רעדנדיק, האָט טאָמילין געמאַכט ברייטע, פונאַנדערשטופּנ־דיקע זשעסטן, זיין שטימע האָט געקלונגען מאַכטפול, די אויגן האָבן געפינקלט שטרענג. קלים האָט אים אָבסערווירט מיט פאַר־וואונדערונג און מיט קנאה. ווי שנעל און שאַרף ס'ענדערן זיך די מענטשן. און ער שפּילט נאָך אַלץ די דערנידעריקטע ראָלע פון אַ מענטש, אויף וועלכן אַלע קוקן ווי אויף אַ קאַסטן פאַרן פסולת פון זייערע מיינונגען. ווען ער איז אויפגעשטאַנען אַוועקצוגיין, האָט אים טאָמילין קאַטעגאָריש אַ זאָג געטון:

— איר — קומט אָפטער!

און די פרוי אַ דריק געבנדיק זיין האַנט מיט אירע וואַרעמע פינגער, האָט מיט דער אַנדערער האַנט אַזויווי אַראָפּגע־נומען עפּעס פון דער פאַלע פון זיין טוזשורקע און באַהאַלטנדיק הינטערן רוקן, געזאָגט מיט אַ ברייטן שמייכל:

— אַצינד וועלן זיי שוין קומען, איך האָב אויף זיי אַ „קאָ־טאָווינקע" פאַרזעצט.

אויף קלימס פראַגע: וואָס איז אַזוינס „קאָטאָווינקע", — האָט זי דערקלערט:

— אָט דאָס, זעט איר, איז אַ וואָנסעלע פון קאַצן־שערשטש; קעץ געוואוינען זיך זייער צו צו אַ הויז און ס'איז דאָ אין זיי אַ כוח צוצוציען מענטשן. און וויבאַלד עמעצער, אַ מענטש, וואָס איז אָנגענעם דעם הויז, טראָגט אַוועק אויף זיך אַ קאָטאָווינקע, מוז עס אים אין דאָזיקן הויז אַריין ציען.

— סאַראַ טפשות! — האָט געקלערט קלים, גייענדיק איבער דער גאַס, נאָר פונדעסטוועגן באַקוקט די אַרבל פון דער טוזשורקע און די הויזן: וואו איז צוגעקלעפּט געוואָרן אויף אים די קאָטאָ־ווינקע? — ווי באַנאַל, — האָט ער איבערגעחזרט, נעפּלהאַפט פילנדיק די נויטווענדיקייט צו איבערצייגן זיך דערין, אַז דערדאָ־זיקער וואָלוזיין איז באמת באַנאַל און נאָר באַנאַל. — אינדער־אמתן פאַרעדיקט טאָמילין פונקט אַזאַ פאַראייניפאַכונג ווי די מאַטער־

יאַליסטן, וועלכע ער באַקעמפט, — האָט קלים געטראַכט און כמעט מיט כעס זיך באַמיט צו געפינען עפעס געמיינזאַמס צווישן דעם פּילאָזאָף און דעם שוואַרצן, גרינאויגיקן קאָטער. — דער קאָטער וואָלט באַדאַרפט אויפפרעסן דעם טשיזשיק, — האָט ער אַ שמייכל געטון. ס'האָט געררוישט אין קאָפּ. — דאַכט זיך, איך האָב זיך אָפּגעסאַמט מיט דידאָזיקע אייזערנע קיכעלעך...

אינדערהיים האָט ער געטראָפן די מוטער אין אַ לעבהאַפטן שמועס מיט דער ספּיוואַק. זיי זענען געזעסן אין עסצימער באַם אָפענעם פענצטער אין סאָד אַריין. די מוטער האָט דערלאַנגט קלימען אַ בלויען קוואַדראַט פון אַ טעלעגראַמע און אייליק אַ זאָג געטון:

— אָט, — דער פעטער יאַקאָוו איז געשטאָרבן.

זי האָט אַרויסגעוואָרפן דורכן פענצטער דעם פּאַפּיראָס און צוגעגעבן:

— ער איז טאַקע אַזוי געשטאָרבן, נישט אַרויסגייענדיק פון תּפיסה. שרעקלעך.

דערנאָך האָט זי נאָך מוסיף געווען:

— דאָס איז שוין אומהמנותדיק מצד דער מאַכט, מען זעט, אַז דער מענטש שטאַרבט, און מען האַלט פונדעסטוועגן אין תּפיסה.

קלים האָט געפילט, אַז די מוטער רעדט, נייטנדיק זיך און אַזוי ווי אין פאַרלעגנהייט פאַרן גאַסט. די ספּיוואַק האָט געקוקט אויף איר מיט אַ בליק פון אַ מענטש, וועלכער פילט מיט, אָבער האַלט פאַר נישט פּאַסיק אויסצודריקן זיין מיטגעפיל. אין עטלעכע מינוט אַרום איז זי אַוועקגעגאַנגען און, אַרויסבאַגלייט זי, האָט די מוטער געגעדיק געזאָגט:

— דידאָזיקע ספּיוואַק איז אַן אינטערעסאַנטע פרוי. און — אַ פּראַקטישע. מיט איר קאָן מען זיין פּשוט. די דירה האָט זי איינגעאָרדנט פיין, מיט גרויס געשמאַק.

קלים האָט אַ קלער געטון, אַז זי האָט צו שנעל פאַרענדיקט איטן פעטער יאַקאָוון און אַז דאָס איז נישט אָנשטענדיק. ער האָט געפרעגט:

— מען האָט אים שוין מקבר געווען ?

די מוטער האָט פאַרוואונדערט געענטפערט :

— ס'שטייט דאָך אין דער טעלעגראַמע : „דעם דרייצענטן געשטאָרבן און באַגראָבן געוואָרן"...

זי האָט פאַרשיקלט די אויגן, באַטראַכט אין שפּיגל דאָס בלעטערל באַם אויער און אַ זיפץ געטון :

— כ'וועל באַלד גיין אָנשרייבן וועגן דעם איוואַן אַקימאָ-וויטשן. דו ווייסט נישט, וואו ער איז אַצינד, אין האַמבורג ?

— כ'ווייס נישט.

— האָסט שוין לאַנג נישט געשריבן צו אים ?

— שוין לאַנג. כ'מוז מודה זיין, אַז איך שרייב צו אים זעלטן. ער ענטפערט מיר מיט אַנווייזונגען, ווי אַזוי מען דאַרף לעבן, טראַכטן, גלייבן. ער רעקאָמענדירט ביכער... פון דעם מין ווי דאָס אומבאַגאַבטע ווערק פּ־וגאַווינס „די תביעות פון פאָלק און די התחייבותן פון דער אינטעליגענץ". זיינע בריוו זעען מיר אויס ווי די נאַיווסטע רעטאָריק, וואָס פּאַסט זיך אינגאַנצן נישט צום האַנדל מיט דעמבענע קלעפקעס. ער וויל, אַז איך זאָל יאַרשענען יענע געוואוינהייטן צו טראַכטן, פון וועלכע ער אַליין האָט זיך שוין, מסתמא, אָפּגעזאָגט.

— יאָ, — האָט געזאָגט די מוטער, צופודירנדיק דאָס בלע-טערל, — ער האָט תמיד ליב געהאַט רעטאָריק. מער פון אַלעם — רעטאָריק. אָבער — פאַרוואָס ביסטו היינט אַזוי דענערווירט ? און די אויערן זענען בײַ דיר רויט...

— כ'פיל זיך נישט געזונט, — האָט געזאָגט קלים.

אינוואָנט איז ער געלעגן אין בעט מיט אַ קאָמפּרעס אויפן קאָפּ, און דער דאָקטאָר האָט באַרויקענד געזאָגט :

— ס'איז עפּעס גאַסטרישס. מאָרגן וועלן מיר זעען.

אין משך פון פינף וואָכן האָט דער דאָקטאָר ליובאָמודראָוו נישט געקאָנט מיט גענויגנדער קלאָרקייט באַשטימען די קראַנקייט פון פּאַציענט. און דער פּאַציענט האָט נישט געקאָנט פעסטשטעלן, צי איז ער פיזיש קראַנק אָדער ס'האָט אים אָוועקגעלייגט דער עקל צום לעבן, צו די מענטשן. טיילמאָל האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז

אין זיין קערפּער אַרבעט אַ שאַרפע זויערקייט, אַנוואַרעמענדיק די מוסקולן, אויסדעמפנדיק פון זיי די לעבנס־קראַפט. אַ שווערער נעפּל האָט אָנגעפולט דעם קאָפּ. ס'האָט זיך געוואָלט טיף איינשלאָפן, אָבער ס'האָט געפּייניקט די שלאָפלאָזיקייט און דאָס שטילע, בייזע קאָכן פון די נערוון. אין זכרון זענען אָן צוזאַמענהאַנג אויפגעשוואומען דערינערונגען פון דורכגעלעבטן, באַקאַנטע פּנימער, פּראַזן.

— אָבער צי איז גאָר געווען אַ יינגל? אפשר איז גאָר קיין יינגל נישט געווען?

— וואָס רודערט איר אַרום?

— די נקבה איז פאַר גאָט — אַ צווייטער סאָרט.

דידאָזיקע אַלע ווערטלעך זענען געשטאַנען פאַר די אויגן, ווי אָנגעשריבענע אינדערלופטן, געשטאַנען אומבאַוועגלעך, ס'איז געווען אין זיי עפּעס טויטס און, אויפרעגנדיק, האָבן זיי נישט געוועקט קיין שום טראַכטונגען, נאָר בלויז פאַרשטאַרקט די שלאָפלאָזיקייט.

טיילמאָל איז די זויערקייט ראַפּטום פאַרשוואונדן, קלים סאַמגין האָט זיך געהאַלטן פאַר כמעט אינגאַנצן געזונט. ער איז געפאָרן אויף דער זומערוואוינונג, אָבער אויפן וועג אָדער דאָרטן איז ער אויפסניי פאַרזונקען אין אַ צושטאַנד פון אַלגעמיינער אָפּגעשוואַכטקייט. ס'האָט זיך נישט געגלוסט צו זען קיין מענטשן, ס'איז געווען נישט אָנגענעם צו הערן זייערע שטימען, ער האָט פאַרויס געוואוסט, וואָס ס'וועט זאָגן די מוטער, ווראַווקאַ, דער אומאַנטשלאָסענער דאָקטאָר און אָט דערדאָזיקער געל־פּנימדיקער פלאַנעלענער מענטש — דער שכן אין וואַגאָן און דער שמוציקער רעדערשמירער מיטן לאַנגן העמערל אין דער האַנט. די מענטשן האָבן גערייצט שוין בלויז מיט דעם, וואָס זיי זענען פאַראַנען, וואָס זיי באַוועגן זיך, קוקן, רעדן. איטלעכער פון זיי האָט באַגוואַלטיקט דעם דמיון, צווינגענדיק צו טראַכטן: נאָכוואָס איז ער נייטיק? ס'פלעגן געבוירן ווערן משונהדיקע פראַגעס: נאָכוואָס גאָלט דערדאָזיקער בייניקפּנימדיקער די באָרד, און נאָכוואָס גייט יענער מיט אַ שטעקן, ווען ער האָט שטאַרקע, שלאַנקע פיס? די פרוי האָט רויט אָפּגע-

פארבט די ליפן, אונטערגעצייכנט די אויגן. איר נאָז זעט דערפון אויס בלוטלאָז, גרוי און — משונהדיק קליינטשיק פאַר איר פּנים. קיינער וויל איר נישט זאָגן, אַז זי האָט דערמיט קאַליע געמאַכט איר פּנים און קלים האָט דאָס אויך נישט געוואָלט. ער האָט שאַרף און מיט גיריקייט אויפגעכאַפּט אין די מענטשן דאָס נישט שיינע, קאָמישע און אַלץ, וואָס האָט אָפּגעשטויסן פון זיי און דערלויבט צו קלערן וועגן איטלעכן פון זיי מיט פּאַראַכטונג און שטילן כּעס. אָבער אין דערזועלבער צייט האָט ער נעפּלהאַפט געפילט, אַז דידאָזיקע צודרינגלעכע הקירות זיינע זענען קראַנקהאַפט, אומגעלומפּערט און אָנמעכטיק און געפילט, אַז זייער איינאַרטיקייט פאַרמאַטערט אים אַלץ מער.

מינוטנווייז האָט זיך סאַמגינען געדאַכט, אַז זיין רעזערוואַר פון איינדרוקן, — דאָס, וואָס רופט זיך נשמה, — איז פאַרמיסטיקט אויפן גאַנצן לעבן און אַזוי, אַז ער קאָן שוין נישט אויפנעמען גאָרנישט פון דרויסן, נאָר מוז בלויז פונאַנדערוויקלען דעם שטייפן קנויל פון דעם איבערגעלעבטן. ס'וואָלט געווען אַ גליק אויפצוויקלען דעם קנויל ביזן סוף. און גלייך נאָכדעם האָט אויפגעפלאַקערט און אָפּגעבריט אַ פאַרלאַנג צו פאַרגרעסערן אים ביז די לעצטע גרענעצן, אַזוי, אַז ער זאָל אָנפילן אַלץ אין אים, די גאַנצע פוסט-קייט און זאָל באַשאַפן עפּעס אַזאַ שטאַרק, דרייסט געפיל, וואָס זאָל דערלויבן קלים סאַמגינען אַ געשריי צו טון צו די מענטשן:

— העי, איר! איך ווייס גאָרנישט, כ'פאַרשטיי נישט, כ'גלייב נישט אין גאָרנישט און אָט — זאָג איך עס אייך ערלעך! און איר אַלע מאַכט אייך פאַר גלויביקע, איר זענט — ליגנערס, לאַקייען פון די איינפאַכסטע אמתן, וועלכע זענען גאָר קיין אמתן נישט, נאָר — אַלטוואַרג, פּסולת, צעבראָכן מעבל, אָפּגענוצטע שטולן.

בעת ער האָט געקלערט וועגן דאָזיקן העלדנטאַט, וואָס אויס-צופירן אים האָט ער נישט געהאַט נישט די העזה, נישט דעם כּוח, האָט קלים זיך דערמאַנט, ווי ער האָט אין דער קינדהייט אומגע-ריכט אַנטדעקט אין הויז אַ צימער, וואו ס'זענען כאַאָטיש בעווען אָנגעוואָרפן זאַכן, וואָס האָבן אָפּגעלעבט זייער צייט.

נאָך אין די ערשטע טעג פון קלימס אומבאַשטימטער קראַנ-

קייט איז ליוטאַוו מיט דער כּלה, מיט טוראַבאַיעוון און לידיען אַוועקגעפאָרן אויף אַ דאַמפער איבער דער וואָלגע מיט דער דעה צו זיין אין קאַווקאַז, באַזוכן קרים און אויפן הארבסט זיך אומקערן קיין מאָסקווע. קלים האָט זיך באַצויגן צו דערדאָזיקער נסיעה אַזוי גלייכגילטיק, אַז ער האָט זאָגאַר אַ קלער געטון:

— איך בין נישט אייפערזיכטיק. און האָב נישט מורא פאַר טוראַבאַיעוון. לידיאַ — איז נישט פאַר אים.

אין וואַראַוועקס דאַטשעס האָבן זיך באַזעצט אומבאַקאַנטע מענטשן מיט אַן אַ שיעור שרייעוודיקע קינדער; אין די פריַ מאָרגנס פלעגט דער טייך הילכיק זיך פּליעסקען אַן ברעג און אַן די ווענט פון טייך-באָד; אינם בלויילעכן וואַסער פלעגן אונטערשפרינגען, ווי קאַרקעס, מענטשלעכע קעפּ, ס'האָבן זיך געהויבן אין דער לופט פעט גלאַנציקע הענט; אין די אָוונטן האָבן אין וואַלד געזונגען לידער גימנאַזיסטן און גימנאַזיסטקעס; טאָג-טעגלעך, אַרום דריי אַ זייגער, האָט אַן אַנבּרוסטיקע, מאָגערע פריילין אין אַ ראָזע קלייד און אין קיילעכיקע, טונקעלע ברילן געשפּילט אויף פּיאַנינאָ „תּפילה פון אַ מיידל“, און אַרום פיר איז זי געגאַנגען מיטן ברעג צו דער מיל טרינקען מילך און איבערן וואַסער האָט זיך שיף געשלעפּט נאָך איר אַ ראָזער שאָטן. פון דערדאָזיקער פריילין האָט זיך געטראָגן אַ שטיקנדער ריח פון טובעראָזן. ס'איז אַרומגעלאָפן דער לערער פון רעאַל-שולע, משוגענערווייז פּאָכענדיק מיטן זעקעלע צו כאַפּן זומערפייגעלעך. ס'האָט זיך געשאָקלט איבער דער ערד דער לאָמער פייער און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ער פאַרמאָגט די אומוואָרשיינלעכע פעיקייט צו ווייזן זיך איינציַ טיק אין פאַרשיידענע ערטער. ס'זענען צרומגעגאַנגען בונט געקליידַ טע ציגאַנערינס, האָבן פאַרגעלייגט אַלעמען צו דערוויסן זיך די צוקונפט און געגנבעט וועש, הינער, קינדישע שפּילצייג.

נידעריקער אַ ביסל פון וואַראַוועקס דאַטשע האָט געוואוינט דער דאָקטאָר ליובאָמודראָוו; אין די יום-טובים פלעגט ער באַלד נאָכן מיטאָג זיך אַוועקזעצן צום טיש מיטן לערער, מיט אַלינעס אָפּעקון און מיט זיין דיקער פרוי. אַלע דריי מענער האָבן זיך

אויפגעפירט שטיל, נאָר די דאָקטאָרין פלעגט אויסרופן מיט אַ שאַרף קול:

— איך זאָג: רויט! און איך זאָג — אייכעל! איך האַלט מיך בײַ ס'מייניקע: צוויי רויט!

פון צייט־צו־צייט האָט זיך געהערט דעם דאָקטאָרס נישט אָנטשלאָסן קול, ער האָט גערעדט וועגן עפּעס ערנסטס:

— בלויז די ענגלענדער האָבן דערגרייכט דעם אידעאַל פון פּאָליטישער פרייהייט...

אָדער פלעגט אויך עצהן:

— עסט וואָס מער גרינס און איבערהופּט דאָס, וואָס פאַרמאָגט אין זיך סאַלעטרע. דהיינו: ציבעלעס, קנאָבל, כריין, רעטעך... ס'איז אויך נוצלעך בוראַקעס. כאָטש דאָס פאַרמאָגט נישט קיין סאַלעטרע. איר האָט געזאָגט צוויי שעל?

אין די יום טובים פלעגן פון דאָרף אָנקומען טשאַטעס ייִנגלעך, זיי האָבן זיך אויסגעזעצט איבערן ברעג פון טייך, פּונקט ווי אַלטע פייגל און שווייגנד, קאָנצענטרירט באַאָבאַכטעט דאָס זאָרגלאָזע לעבן פון די זומערוואוינער. איינער פון זיי, אַ שאַרפּאויגיקער, מיט אַ קאָפּ אין דראָבנע, שוואַרצע האָר־רינגעלעך, — האָט געהייסן לאַוורושקאַ, ער איז געווען אַ יתום און, ווי ס'האָט דערציילט די דינערשאַפט, איז ער מערקווירדיק געווען דערמיט, וואָס ער פלעגט אויספּרעסן עופהלעך פון פייגל לעבעדיקערהייט.

באַקאַנט און שניידיק האָט געדרשנט וואַראַווקאַ, אָנזעטנדיק די געדולדיקע לופט מיט פּאַראַדאָקסן. טיילמאָל פלעגט קומען צופאָרן די מוטער צוזאַמען מיט יעליזאַוועטאַ ספּיוואַק. וואַראַווקאַ האָט אָפן און תקיפותדיק אַדאָרירט דעם מוזיקאַנטס פרוי, זי האָט ליבלעך געשמייכלט צו אים, אָבער איר פריינדשאַפט מיט דער מוטער איז אַלץ געוואַקסן, ווי קלים האָט געזעען.

וואַראַווקאַ האָט זיך באַקלאָגט פאַר אים:

— זי איז צופיל נייגיריק. אַלץ דאַרף זי וויסן: שיף־וועזן, וואַלד־וועזן. אַ ביכלדיקע. ביכער פירן איבער די פרויען. ווינטער האָב איך זיך באַקענט מיט אַן אָפּערעטן־אַקטריסע, פרעגט זי מיך פּלוצלינג: ווי ווייט הענגט אָפּ איבסען פון ניטשע? ווייסט זיי דער

רוח, ווער פֿון וועמען הענגט אָפּ! איך — פֿון נאַראָנים. מיר האָט די טעג געזאָגט דער גובערנאַטאָר, אַז איך קאָמפּראָמיטיר זיך, געבנדיק אַרבעט פּאָליטישע אונטערהשגחהדיקע. איך זאָג אים: עקסעלענץ! זיי באַציען זיך צו דער אַרבעט ערלעך! און ער: צי איז שוין, זאָגט ער, באַ אונז אין רוסלאַנד נישטאָ קיין ערלעכע מענטשן נישט קיין פּסולהאַפּטע?

וואַראַווקען האָבן ווי געטון די פּיס, ער האָט אָנגעהויבן גיין אָנגעשפּאַרט אויף אַ שטעקן. מיט די קרומע פּיס האָט אַרומגעשפּאַנט איבערן זאַמד איוואַן דראָנאָוו, קאַלט קוקנדיק אויף די דערוואַקסענע און קינדער, זידלענדיק זיך מיט די דינסטן און די קעכינס. וואַראַווקאַ האָט אַרויפגעלייגט אויף אים די שווערע פליכט אויסצוהערן די אומענדלעכע קאַפּריזן און פאָדערונגען פון די זומערוואוינער. דראָנאָוו האָט אויסגעהערט און איז יעדן אָוונט געקומען צו וואַראַווקען מיט אַ באַריכט. אויסהערנדיק דאָס פּאַראומערטע אויסרעכענען די טענות און פּרעטענזיעס, האָט דער דאַטשעאייגנטימער געפרעגט, פליישיק אַריינשמייכלענדיק אין דער באָרד אַריין:

— נו, וואָס זשע, דו האָסט זיי צוגעזאָגט דאָס אַלץ צו מאַכן?

— כ'האָב צוגעזאָגט.

— מיט דעם טאַקע וועלן זיי זאַט זיין. דו געדענק, אַז דער עולם וועט דאָ נישט אייביקן, ס'וועט אַריבער נאָך אַ פינף, זעקס וואָכן — וועלן זיי נעלם. צוזאָגן מעג מען אַלץ, אָבער זיי וועלן אָן רעפאָרמען אויך לעבן!

וואַראַווקאַ האָט קנאַליק געלאַכט, טרייסלענדיק מיטן בויך, און דראָנאָוו איז געגאַנגען צו דער מיל און דאָרטן ביז האַלבער נאַכט געטרונקען ביר מיט פריילעכע פויערטעס. ער האָט געפּרווט טיילמאָל אַ רעד טון מיט קלימען, אָבער סאַמגין האָט באַגעגנט זיינע פּרוון טרוקן.

אין דערדאָזיקער מיט אומעט דריקנדיקער טריבקייט האָט אַ מאָל צוויי אַ שימער געטון איבאַקאָוו מיט הינגעריקן, שטרענגן

פנים. ער האָט אַ גאַנצן אָוונט גראָב און בייז דערציילט וועגן די מאָנאַסטירן, געזידלט די מאָנאַכן מיט אַ געדעמפּט קול:

— די קאַטאָליקן האָבן געגעבן קאַמפּאַנעלאַ, מענדעלן, בכלל אַ סך געלערנטע, היסטאָריקער, און אונזערע מאָנאַכן זענען טעמפּע עם־הארצים, אפילו קיין דערטרעגלעכע געשיכטע פון די רוסישע סעקטעס קאָנען זיי נישט אָנשרייבן.

און ער האָט געפרעגט די ספּיוואַק:

— פאַרוואָס זענען עפּעס פאַראַנען סעקטעס פון יודאַיזירנ־דיקע בלויז באַ אונז און באַ די מאַדיאַרן?

— אַן אָריגינעלער בחור, — האָט וועגן אים געזאָגט די ספּיוואַק, און ווראַוואָקאַ האָט אים פאַרגעלייגט אַרבעט אין קאַנטאָר, אָבער אינאַקאָוו האָט, נישט דאַנקענדיק, זיך אָפּגעזאָגט:

— ניין, איך דאַרף זיך לערנען.

— און — וואָס לערנט איר זיך?

אינאַקאָוו האָט אומגעלומפּערט און אַן אַ שמייכל געענטפערט:

— דורכצוגיין דאָס לעבן.

און אין זעלבן אָוונט איז ער נעלם געוואָרן, ווי אַ שטיין אין וואַסער.

קלים סאַמגין האָט בשום אופן נישט געקאָנט פאַרשטיין זיין באַציונג צו דער ספּיוואַק און דאָס האָט אים בייז געמאַכט. צייטנ־ווייז האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז זי קאָמפּליצירט נאָך די אומ־רויקייט אין אים, פאַרשטאַרקט זיין קראַנקהאַפטן צושטאַנד. אים האָט אי געצויגן צו איר אי אָפּגעשטויסן פון איר. אין דער טיף פון אירע קעצישע אויגן, אין צענטער פון אַפּל, האָט ער באַמערקט אַ קאַלטלעך, העל שפּילקעלע; דאָסדאָזיקע שפּילקעלע האָט אים געשטאָכן עפּעס אַזוי ווי שפּאָטיש און, אפשר, בייז. ער איז געווען זיכער, אַז דידאָזיקע פרוי מיטן אָנגעדראָלענעם בויך זוכט עפּעס, װיל עפּעס פון אים.

— איר פאַרמאָגט — אַ קריטישן שכל, — האָט זי ליבלעך געערעדט. — איר זענט אַ מענטש אַן אָנגעלייענטער, פאַרוואָס זאָלט איר נישט פּרוּוון שרייבן, האַ? אין אָנהייב — רעצענזיעס וועגן

ביכער, און דערנאָך, איינאַרבעטנדיק די האַנט... אגב, וועט פון ביי־יאַר אָן אייער שטיפפאָטער אָנהייבן אַרויסגעבן אַ צייטונג...

— נאָכוואָס דאַרף זי, אַז איך זאָל שרייבן רעצענזיעס ? —

האָט זיך געפרעגט קלים, אָבער דערדאָזיקער געדאַנק האָט אים גע־שמייכלט, כאָטש אַפילו שוואַך.

אין די טעג, ווען דער אומבאַזיגבאַרער אומעט פלעגט אים אַרויסשטויסן פון דער דאַטשע אין שטאָט אַריין, פלעגט ער אין די אָוונטן זיצן אין אָפּיצינע, הערנדיק שפּילן ספּיוואַקן, וועגן וועלכן וואַראַווקאַ האָט געזאָגט :

— אַ מענטש פאַר אַ וואָדעוויל.

די געלאַסענע פינגער פון דעם קליינעם מוזיקאַנט האָבן אייגנאַרטיק דערציילט וועגן די טראַגישע מאַטערנישן פון בעטהאָ־ווענס גאונישער נשמה, וועגן די תּפילות פון באַכן, וועגן דער וואונדערבאַרער שיינקייט פון מאָצאַרטס טרויער. יעליזאַוועטע ספּי־וואַק האָט קאָנצענטרירט גענייט פּיצינקע העמדעלעך און ווינ־דעלעך פאַרן קומענדיקן מענטש. פאַרשכורט פון דער מוזיק, האָט קלים געקוקט אויף איר, אָבער נישט געקאָנט פאַרטיפן אין זיך די פרוכטלאָזע חקירות וועגן דעם, וואָס עס וואָלט געווען, ווען אַלדאָס אַרומיקע זאָל זיין נישט אַזוי, ווי עס איז.

טיילמאָל האָט אים הייס אַרומגעכאַפּט דער פאַרלאַנג צו זעען זיך אויפן אָרט פון ספּיוואַקן און אויפן אָרט פון זיין ווייב — לי־דיען. ס'וואָלט אַפילו אויך געמעגט פאַרבלייבן יעליזאַוועטאַ, ווען זי זאָל נישט זיין מעוברת און זאָל אָנווערן די איבערדריסיקע טבע אויסצופרעגן.

— ווי אַזוי פאַרשטייט איר דאָס ? — פלעגט זי פאָרשן און תּמיד האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז קלים פאַרשטייט נישט אַזוי, ווי מען וואָלט באַדאַרפט, לויט איר מיינונג. טיילמאָל האָט זי גע־שטעלט די פראַגן אַזויווי אין אַ טאָן פון פאַריבל. דאָס ערשטע מאָל האָט קלים דאָס דערפילט, ווען זי האָט געפרעגט :

— איר שרייבט זיך נישט דורך מיטן ברודער ?

— פונוואַנען ווייסט איר ?

— איך — פרעג.

— אָבער אַזוי, ווי איר וואָלט שוין געוואוסט, אַז איך שרייב זיך נישט דורך.

— און — פאַרוואָס ?

קלים האָט געזאָגט :

— מיר זענען זייער פאַרשידענע. אונזערע אינטערעסן זע־אויך פאַרשידן.

אַ קוק געבנדיק אויף אים מיט אַ שמייכל, אין וועלכן ער האָט אויפגעכאַפּט עפּעס נישט שמייכלהאַפטס פאַר זיך, האָט די ספּיוואַק געפרעגט :

— און וואָסערע זענען אייערע אינטערעסן ?

קלימען האָט פאַרדראָסן איר שמייכל, וועלנדיק דאָס פאַר־באַרגן, האָט ער געענטפערט אַ ביסל מליצהדיק :

— איך האַלט, אַז קודם כל דאַרף מען זיך באַציען ערלעך צו זיך גופא, — ס'איז נייטיק מיט דער גאַנצער מעגלעכער גע־נויקייט צו באַשטימען די גרענעצן פון דער אייגענער פּערזענ־לעכקייט. ערשט דעמאָלט איז מעגלעך צו פאַרשטיין די אמתדיקע באַדערפענישן פון מיין איך.

— אַ לויבווירדיקע כוונה, — האָט געזאָגט די ספּיוואַק, אי־בערבייסנדיק אַ פאָדעם. — ס'קאָן זיין. דאָס וועט באַ אייך אפילו נישט פאָדערן דאָס גאַנצע לעבן אייערס, אָבער דאָך זייער אַ סך צייט.

אַ קלער געבנדיק, האָט קלים געפרעגט :

— דאָס איז — אַן איראָניע ?

— פאַרוואָס ? ניין.

ער האָט איר נישט געגלייבט, זיך באַליידיקט און אַוועקגע־גאַנגען. נאָר אויפן הויף, גייענדיק צו זיך, האָט ער זיך איבערגע־צייגט, אַז צו באַליידיקן זיך איז געווען נאַריש און אַז ער האַלט זיך מיט איר נישט ליטיש.

דיספּוטירן מיט איר האָט קלים זיך נישט אַנטשלאָסן, און בכלל האָט ער אויסגעמיטן וויכוחים. איר פלינקער שכל און אַל־ווייטיקע אַנגעלייענטקייט האָבן פאַרוואונדערט און געחידושט קלי־מען. ער האָט געזעען, אַז דער אַלגעמיינער געדאַנקענגאַנג איר ער

איז נאָענט צו דער „קיטוזאָוושטשינע" און אין דערזעלבער צייט האָט אַליך, וואָס זי האָט אים געזאָגט, זיך אויסגעוויזן אים ווי ווערטער פון אַ פרעמדן מענטש, וואָס אָבסערווירט די דערשיינונגען פון לעבן פונוייטנס, פון אַ זייט. הינטער דערדאָזיקער פרעמדקייט פון אירע מיינונגען האָט סאַמגין חושד געווען געוויסע פעסטע באַשלוסן, אָבער אין איר האָט זיך נישט געפילט גאָרנישט, וואָס וואָלט דערמאַנט אָן טוראָבאָיעווס גלייכגילטיקער נייגיריקייט. סוף כּל סוף איז צו הערן זי געווען נישט אומנוצלעך, דאָך איז סאַמגין געווען צופרידן, ווען אינאָקאָוו פלעגט קומען און אָפּציען אויף זיך אַ העלפט פון איר אויפמערקזאַמקייט.

אָנגעטאָן אין אַ מין קאַדעטיש קורטקעלע, וואָס איז אויפגעבייט געווען פון זאַק-לייוונט, פלעגט אינאָקאָוו שווייגנדיק זיך באַגריסן און תּמיד זיך אַוועקזעצן עפּעס נישט באַקוועם, אַרויסרוקנדיק די שטול אינמיטן צימער אַריין. ער איז געזעסן, הערנדיק די מוזיק און מיט שטרענגן בליק באַטראַכט די זאַכן, אַזוי ווי ציילנדיק זיי. ווען ער האָט אויפגעהויבן די האַנט, כּדי צו פאַרריכטן די שלעכט צוגעקעמטע האָר, האָט קלים געלייענט אויף דער זייט פון זיין קורטקעלע די האַלב-אָפּגעוואַשענע בלויע חתימה: „ערשטער סאָרט, פאַראָווע מיל יאַ. באַשקיראָוו".

כּל זמן ספּיוואַק האָט געשפּילט, האָט איקאָנאָוו נישט גערויכערט, אָבער אַזויווי נאָר דער מוזיקאַנט האָט אָפּגעריסן די מידע הענט פון דער קלאַוויאַטור און באַהאַלטן זייערע דלאָניעס זיך אונטער די אָרעמס, האָט אינאָקאָוו פאַררויכערט אַ ביליקן פּאַפּיראָס און געפרעגט מיט אַ טויבלעכער, פאַרבלאָזער שטימע:

— און מיט וואָס שיידט זיך אונטער אַ סאָנאַטע פון אַ סויטע?

אומפריינדלעך שיקלענדיק אין זיין זייט אַריין, האָט ספּיוואַק געזאָגט:

— איר דאַרפט דאָס נישט צו וויסן, איר זענט נישט קיין מוזיקאַנט.

יעליזאַוועטאַ האָט אַוועקגעלייגט דאָס נייען, זיך אַוועקגעזעצט באַם קלאַוויר און דערקלערנדיק דעם אַרכיטעקטאָנישן חילוק פון

סאַנאַטע און סויטע, האָט זי אָנגעהויבן אויספרעגן אינאַקאָוון וועגן זיין „דורכגיין דאָס לעבן". ער האָט דערציילט וועגן זיך גערן, אויספירלעך און מיט שטימונג, ווי וועגן זיינעם אַ באַקאַנטן, וועלכן ער פאַרשטייט שלעכט. קלימען האָט זיך געדאַכט, אַז רעדנדיק, פרעגט אינאַקאָוו:

— אַזוי טאַקע?

פאַר סאַמגינען איז אויפגעשטאַנען אַ בילד פון זינלאָזן און אומרויִקן פלאַטערן פון איין זייט אין דער אַנדערער. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז אינאַקאָוו קאָלערט זיך איבער דער ערד, פונקט ווי אַ נוס איבער אַ טעלער, וועלכן ס'האַלט און טרייסלט עמעצנס אומגעדולדיקע האַנט.

דערדאָזיקער בחור איז אַלץ מער נישט געפעלן סאַמגינען, אַרום און אַרום נישט געפעלן. מען האָט געקאָנט מיינען, אַז ער פיינט זיך אויס מיט זיין גראָבקייט און וויל זיין נישט אָנגענעם. יעדעס מאָל, ווען ער האָט אָנגעהויבן דערציילן וועגן זיין אַבענטעקדאַטיש לעבן, פלעגט קלים הערן אים אַ צוויי, דריי מינוט און דעמאָנסטראַטיוו אַוועקגיין. לידיאַ האָט אָנגעשריבן דעם פאָטער, אַז פון קרים וועט זי פאָרן קיין מאָסקווע און אַז זי האָט באַשלאָסן ווידער אַריינצוטרעטן אין טעאַטער-שולע. און אין אַ צווייטן, קורצן בריוו צו קלימען האָט זי מיטגעטיילט, אַז אַלינאַ האָט איבערגעריסן מיט ליוטאָוון און האָט חתונה מיט טוראָבאָיעוון.

— דאָס האָט מען באַדאַרפט דערוואַרטן, — האָט גלייכגילטיק אַ קלער געטון קלים און נאָכדעם אַ שמייכל געטון, פאָרשטעלנדיק זיך, ווי היסטעריש ליוטאָוו מוז שרייען און זיך קרימען.

קאַפּיטל 5.

די קראַנקייט און די פוילקייט, וואָס איז דורך איר אַרויס־גערופן געוואָרן, האָבן געשטערט סאַמגינען באַצייטנס זיך משתדל צו זיין וועגן איבערפירן אים אין מאָסקווער אוניווערזיטעט, און דערנאָך האָט ער באַשלאָסן אָפּצורוען, נישט צו לערנען זיך דאָס יאָר, אָבער צו לעבן אינדערהיים איז געווען צו לאַנגווייליק. ער איז דעריבער פונדעסטוועגן געפאָרן קיין מאָסקווע און סוף סעפּטעמבער, אין אַ ווינטיקן טאָג, געגאַנגען איבער די געסלעך, זוכנדיק לידיעס דירה.

די בלעטער, אָפּגעריסענע פון ווינט, האָבן געשימערט אין דער לופט, ווי פלעדערמייז; ס'האָט געשאָטן אַ דראָבנער רעגן, פון די דעכער זענען געפאַלן שווערע טראָפּנס, פּויקנדיק איבער זייד פון שירם, ביין האָט געוואָרטשעט דאָס וואַסער אין די פאַרזשאַ־ווערטע רינעס. די נאַסע, פאַרכמורעטע הייזלעך האָבן געקוקט אויף קלימען מיט פאַרוויינטע פענצטער. ער האָט אַ קלער געטון, אַז אין אַזעלכע הייזלעך איז באַקוועם צו וואוינען גאַלטפּעלשערס, פאַסערס און אומגליקלעכע מענטשן. צווישן דידאַניקע הייזער זענען פאַרגעסן געשטאַנען קליינע צערקווהלעך.

— נישט קיין טעמפּלען, נאָר ביידלעך, — האָט אַ קלער געטון קלים און דאָס איז אים זייער געפעלן געוואָרן.

לידיאַ האָט געוואוינט אין הויף פון איינעם פון אַזעלכע הייזער, אויפן צווייטן שטאָק אין אַפּיציגע. די ווענט האָבן נישט געהאַט קיין באַפּוצונגען, די פענצטער אָן איבערלופטן, דער טונק אויסגעקרישלט, די אַפּיציגע האָט אויסגעזען ווי אַ צעמוטשעטע אַ בעטן.

לידיאַ האָט באַגעגנט קלימען הייטער, מיט פרייד, איר פּנים

איז געווען אויפגערעגט, די אויערן רויט, די אויגן האָבן געלאַכט. זי האָט אויסגעזוען בגליפנדיק.

— סאַמגין, מיינער אַ לאַנדסמאַן און אַ פריינד פון דער קינדהייט! — האָט זי אַ געשריי געטון, אַריינפירנדיק קלימען אין אַ כמעט ליידיק צימער, מיט אַ געפּאַרבטער פּאָדלאָגע, אָנגעבויגן עטוואָס צו די פענצטער. פון רויך אַרויס האָט זיך דערהויבן אַ נישט הויך געוואוקסיקער מענטש, אייליק אָנגעכאַפּט סאַמגינס האַנט און, ציענדיק זי אין פאַרשידענע זייטן, שטיל און שולדיק אַ זאָג געטון:

— סעמיאָן דיאָמידאָוו.

אַ שפּיצנאָזיק מיידל מיט אַ גרויסאַרטיקער, טראַגיש צעשויבערטער פריזור האָט זיך אָנגערופן:

— וואַרוואַראַ אַנטיפּאָווא.

— סטעפּאַן מאַראַקויעוו, — האָט געזאָגט אַ געלאָטער סטודענט מיט אַ פּנים פון אַ זינגער און טענצער אין אַ טראַקטירכאַר.

פון די בלויע קאַפּליעס האָט זיך אָפּגעטיילט, צוהינקענדיק, אַ פליכיקער מענטש, אין אַ לאַנגער, איבער די קני, טשעסונטשאַענער בלוזע, אַרומגעגאַרטלט מיט אַ דיקן שנור מיט טראָלבן און, אַ שנאָרך געבנדיק, געזאָגט זייגנדיק די ווערטער:

— פּעטער כריסאַנף. וואַריאַ — פּאַראַרדן! ס׳קאָצל קומט!

ער האָט גענומען קלימען אונטער דער האַנט און פאַרזיכטיק, אַקוראַט ווי אַ קראַנקן, אים אַוועקגעזעצט אויף דער סאָפע.

אין פינף מינוט אַרום האָט סאַמגין געהאַט דאָס רעכט צו קלערן, אַז דער פּעטער כריסאַנף האָט שוין לאַנג, אומגעדולדיק אָפּגעוואַרט אים און איז שרעקלעך דערפרייט דערפון, וואָס קלים איז ענדלעך דערשינען. דאָס קיילעכיקע, רויטע, ממש ווי בא אַ נייגעבוירן-קינד, פּנים דעם פּעטערס האָט געלויכטן מיט התלהבותדיקע שמייכלען. געבוירן ווערנדיק אויף די פוכיקע ליפּן, האָבן דידאָזיקע שמייכלען ברייטער געמאַכט די נאָזלעכער פון דער טעמפּער נאָז, האָבן אָנגעבלאָזן די באַקן און, צומאַכנדיק די קינדיש-קליינינקע אייגעלעך פון אומבאַשטימטער פאַרב, האָבן זיי געבליש-

טשעט אויפֿן שטערן און אויף דער געשליפֿענער, ראָזער הויט פֿונם שאַרבן. דאָס איז מאָדנע געווען צו זען, ס'האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס גאַנצע פּנים דעם פּעטער כריסאַנפֿס קאָן זיך אַרויפֿגליטשן און אויסקומען אויפֿן קאַרק, און אויפֿן אָרט פֿון פּנים זאָל פֿאַרבלײַבן אַ בלינד, קײַלעכיק שטיק רויטע הויט.

— און מיר האָבן דאָ באַהאַנדלט „טאַרטיופֿן", — האָט געזאָגט דער פּעטער כריסאַנף, אַנידערזעצנדיק זיך לעבן קלימען און שאַרנדיק איבער דער פּאָדלאָגע מיט די פֿיס אין די קאָלירטע שטעק־שיך.

צוויי לאָמפּן האָבן באַלויכטן דאָס צימער; איינער איז געשטאַנען אויפֿן שפּיגל־טישל, בײַ דער וואַנט צווישן די מיט גרויען שוויס פֿאַרשוויצטע פֿענצטער, דער אַנדערער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ קייט פֿון סופֿיט, אונטער אים איז אין אַ פּאָזע פֿון אַ געהאָנגענעם געשטאַנען דיאָמידאָוו, אַראָפּגעלאָזט די הענט פּאַזע דעם קערפּער, געבייגט דעם קאָפּ צום אַקסל; ער איז געשטאַנען און שטאַר, מיט צעטומלענדיקן בליק געקוקט אויף קלימען, וועלכער איז באַטויבט געווען פֿון פּעטער כריסאַנפֿס זינגענדיקע, התלהבות־דיקע רייד:

— איך פֿאַרגעטער מאָסקווע! כ'בין שטאָלץ, וואָס איך בין אַ מאָסקווער! מיט יראת הכבוד — יאָ! — גיי איך איבער די־זעלבע גאַסן מיט אונזערע באַרימטסטע אַרטיסטן און געלערנטע! כ'בין גליקלעך אַראָפּצונעמען דאָס היטל פֿאַר וואַסילי אָסיפּאָוויטש קליוטשעווסקין, טאָלסטאָיען, ליעוון — ליעוון! — האָב איך צוויי מאָל באַגעגנט. און ווען מאַריאַ יערמאָלאָוואַ פֿאָרט אויף דער רעפּעטיציע, בין איך גרייט אײַנמיטן גאַס אויף די קני זיך צו שטעלן, — אויף נאמנות!

אינם שכנותדיקן צימער האָט מען זיך געפּאָרעט, לידיאַ אין אַ רויטער בלוזע און שוואַרצער ספּאָדניצע און וואַרוואַראַ אין אַ טונקל גרין קלייד. ס'האָט געלאַכט דער אומגעזעענער סטודענט מאַראַקויעוו. לידיאַ האָט אויסגעזען נידעריקער אין וואוקס און איז מער ווי תּמיד ענלעך געווען צו אַ ציגאַנערין. זי איז אַזויווי פֿולער געוואָרן און איר דינינקע פֿיגור האָט אָנגעוואוירן די קער־

פערלאָזיקייט. דאָס האָט באַמרויקט קלימען, נישט אויפמערקזאַם הערנדיק דעם פעטערס כריסאַנפס התלהבותדיקע צעגיסעניש, האָט ער, פון אונטער׳ן שטערן, אומבאַמערקט באַטראַכט דיאָמידאָוון, וועלכער האָט אָן גערויש געשפּרייזט איבערן צימער פון איין ווינקל צום אַנדערן.

פון ערשטן בליק האָט דיאָמידאָווס פנים פאַרוואונדערט קלימען מיט זיין יומטובדיקער שיינקייט, אָבער באַלד האָט ער אַ קלער געטון, אַז טאַקע אַזאַ איבלדיקע שיינקייט רופט מען אָן מלאָכישע. באַלויכטן מיט אומשולדיקע סאַפּיר־אויגן, האָט דאָס קיילעכיקע און ווייכע פנים אויסגעזען קינסטלעך געפאַרבט, צופיל רויט זענען געווען די פולע ליפּן, צו גרויס און געדיכט די גאָלדיקע ברעמען. אין אַלגעמיין איז דאָס געווען אַן אומבאַוועגלעכע מאַסקע פון אַ פאַרצעלייענער ליאַלקע. די העל שאַטינע, געלאָקטע האָר, וואָס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט פון קאָפּ ביז די אַקסלען, האָבן אַרויסגערופן אַ קאָמישן פאַרלאַנג אַ קוק צו טון, צי זענען נישטאָ הינטער דיאָמידאָווס פּלייצע קיין ווייסע פליגל. שפּרייזנדיק איבערן צימער, האָט ער אָפט און פאָרזיכטיק פאַרוואָרפן מיט ביידע הענט די פאַסמעס האָר הינטער די אויערן און, קוועטשנדיק די שלייפן, אַזויווי געטאַפּט דעם קאָפּ: צי איז ער דאָ? ס׳האָבן זיך אָפּגעדעקט קליינטשיקע אויערן פון פרעכטיקער פאָרם.

פון מיטעלן וווּקס, זייער אַ שלאַנקער, איז דיאָמידאָוו געווען אָנגעטון אין אַ שוואַרצער בלוזע, אונטערגעגאַרטלט מיט אַ ברייטן פּאַסיק; אויף די פיס — עפּעס אַזעלכע קלאַנגלאָזע, פיין אָפּגעפּוצטע שטיוול. קלים האָט באַמערקט, אַז אַמאָל צוויי, דריי, האָט דערדאָזיקער בחור אַ בליק געטון אויף אים און יעדעס מאָל פאַרביסן די ליפּ, אַזויווי נישט אַנטשליסנדיק זיך צו פרעגן וועגן עפּעס.

— ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש זלאָטאָווראַטסקין האָב איך דעם כבוד פערזענלעך צו קענען, — האָט התלהבותדיק זיך אויסגערעדט דער פעטער כריסאַנף.

ווען לידיאַ האָט אַ רוף געטון טרינקען טיי, האָט ער דאָרטן

נאָך אויך לאַנג דערציילט וועגן מאָסקווע, וואָס איז רייך מיט באַרימטע מענטשן.

— דאָ איז דער מוח פון רוסלאַנד און איר ברייט האַרץ, — האָט ער אויסגעשריגן, אָנווייזנדיק מיט דער האַנט אויפן פענצטער, וואָס צו זיינע שויבן האָט זיך פעסט צוגעדריקט די פייכטע פינצטערניש פון האַרבסטיקן אָוונט.

די שפּיצנאָזיקע וואַרוואַראַ איז געזעסן, שטאָלץ אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אירע גרינלעכע אויגן האָבן געשמייכלט צום סטודענט מאַראַקועוו, וועלכער האָט איר געשושקעט אין אויער אַריין און לאַכעוודיק אָנגעבלאָזן די באַקן. לידיאַ האָט, אָנגיסנדיק די טיי, זיך געכמורעט.

— דידאָזיקע ליבערייען קאָנען איר נישט געפעלן, — האָט אַ קלער געטון קלים, באַאָבאַכטנדיק דיאָמידאָוון, וועלכער האָט זיך אָנגעבויגן איבערן גלאָז. דער פעטער כריסאַנף האָט מיד, מיט אַ זשעסט פון אַ קאַץ, אָפּגעווישט דעם שווייס פון פּנים, פונם פּליך, אָפּגעווישט די פייכטע האַנט אָן זיין אַקסל און געפרעגט קלימען:

— און אייך איז מער צום האַרץ פעטערבורג?

קלימען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די פראַגע קלינגט איראָניש. אויס העפלעכקייט האָט ער נישט געוואָלט זיך פונאַנדערגיין מיטן מאָסקווער אין זיין אָפּשאַצונג פון דער אַלטער שטאָט, אָבער איידער ער האָט באַוויזן צו באַרויקן דעם פעטער כריסאַנף, האָט דיאָמידאָוו, נישט אויפהייבנדיק דער קאָפּ, אַ זאָג געטון זיכער און הויך:

— אין פעטערבורג איז דער שלאָף — שווערער; אין פייכטע ערטער איז דער שלאָף תמיד שווער. און די חלומות זענען אויך אין פעטערבורג — אויסטערלישע. אַזאַ שרעקלעכס, ווי דאָרטן, וועט אין אַריאָל זיך נישט חלומען.

אַ קוק געבנדיק אויף קלימען, האָט ער געזאָגט:

— איך בין — אַן אַריאָלער.

לידיאַ האָט געקוקט אויף דיאָמידאָוון מיט דערוואַרטנדיקן בליק, אָבער ער האָט ווידער זיך אָנגעבויגן, באַהאַלטן דאָס פּנים.

קלים האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן מאָסקווע אינם פּעטער כריסאַנפס טאָן: פון פּ אָ ק ל אָ נ נ ע באַרג ווייזט זי זיך אויס ווי אַ כאַאָטישער הויפן פאַרביק פסולת, וואָס איז צונויפגעקערט געוואָרן פון גאַנץ רוסלאַנד, אָבער די גאָלדענע שפּיצן פון אירע צאָלרייכע צערקוועס זאָגן בפירוש, אַז דאָס איז נישט קיין פסולת, נאָר העכסט קאָסטבאַרער אוצר.

— הערלעך געזאָגט! — האָט באַגייסטערט דער פּעטער כריסאַנף און אײַנגעזאַנצט זיך צעשײַנט מיט אַ גליקלעכן שמייכל.

— רײַנד זענען דידאַזיקע קליינע צערקוועלעך, פאַרלוירענע צווישן די מענטשלעכע הײַזער. די געטלעכע בײַדעלעך...

— אַ הערציק וואָרט! טרעפלעך! — האָט אויסגעשריגן דער פּעטער כריסאַנף, אונטערשפּרינגענדיק אויף דער שטול.

און אויפסניי אויפגעקאָכט מיט התלהבות.

— באמת טאַקע בײַדעלעך פון דעם רוסישן, מאָסקווער, פאָלקסטימלעכן גאָט! אַ מערקווירדיקער גאָט בײַ אונז, — די פשטות! — נישט אין קיין ריזע, נישט אין קיין קיטל, נאָר אין אַ בלוזע, יאָ, יאָ! אונדזער גאָט, ווי אונדזער פאָלק — איז דאָס רעטעניש פאַר דער גאַנצער וועלט!

— איר זענט — אַ גלויביקער? — האָט שטיל אַ פרעג געטון דיאָמידאָוו קלימען, נאָר וואַרוואַראַ האָט אַ סיקע געטון אויף אים. דער פּעטער כריסאַנף האָט גערעדט, פאָכענדיק מיט דער האַנט, באַמיענדיק זיך וואָס ברייטער צו צעעפענען זײַנע קליינטשיקע אויגן, אָבער ער האָט דערגרייכט בלויז דאָס, וואָס די גרויע ברעמען האָבן געציטערט און די אויגן האָבן געגלאַנצט מאַט, ווי צוויי בלײַענע קנעפּלעך, פאַרקנעפּלטע אין רויטע פּעטלקעס.

ממש ווי אַן אָפּגעבריטער, אָדער ראַפּטום דערמאַנענדיק זיך אָן עפּעס בהלהדיקס, איז דיאָמידאָוו אָפּגעשפּרונגען פון דער שטול און אָנגעהויבן שווייגנדיק אַרײַנצורוקן צלעמען זײַן האַנט. קלים האָט געפונען, אַז לידיאַ האָט געהאַלטן דידאָזיקע זייער ווײַסע האַנט

אין אירער מיט עטלעכע סעקונדעס מער, ווי מען דארף. דער סטודענט מאראקוועו האט זיך אויך געזעגנט; ער האט נאך אין צימער וואוילייניגיש אנגעטון דאס היטל אויפן קארק.

— ווילסט א קוק טון ווי איך האב זיך איינגעאָרדנט? — האט ליבלעך פארגעלייגט לידיא.

אין א שמאל און לאנג צימער, פארנעמענדיק צוויי דריטל פון זיין ברייט, איז געשטאנען א שווער בעט. זיין הויכער, געשניצטער צוקאפּנס און די אָנגעהויפטקייט פון גרויסע קישנס האבן געצוואונגען קלימען א קלער צו טון:

— דאָס איז פאר אן אלטער.

א בייכיקער קאמאד און אויף אים א טרומא אין דער פארם פון א לירע, דריי אומגעלומפּערטע שטולן, אן אלטער פאטעל אויף בידעריקע פיסלעך באם טיש, לעבן פענצטער — אט דאס איז די גאנצע אויסשטאטונג פון צימער. די מיט ווייסע טאפּעטן אויסגעקלעפּטע ווענט זענען קאלט און נאקעט, נאר קעגנאיבער דעם בעט איז — א טונקעלער קוואדראט פון א נישט גרויסער פאטאָגראפיע: א גלאטער, ווי די ליידיקייט, ים, א רופּע פון א בארקאס און אויף איר שטייען ארומגענומענערהייט לידיא מיט אלינען.

אסקעטיש, — האט געזאגט קלים, דערמאנענדיק זיך די געמיטלעכע נעסט בא דער ניעכאיעווא.

— כ׳האב נישט ליב קיין שום איבעריקס.

לידיא האט זיך אוועקגעזעצט אין פאטעל, פארוואָרפן איין פוס אויפן אנדערן, צונויפגעלייגט די הענט אויף דער ברוסט און, עפּעס אזוי אומגעשיקט, גלייך אָנגעהויבן צו דערציילן וועגן דער רייזע איבער דער וואלגע, אויף קאווקאז, אויפן ים פון באטום קיין קרים. גערעדט האט זי אזויווי איילנדיק זיך אָפּצוגעבן א באריכט וועגן אירע איינדרוקן אָדער ווי זי וואלט זיך דערמאנט אן איבערגעלייענטע אינטערעסאנטע באשרייבונג פון שיפן, שטעט, וועגן, און בלויז פון צייט-צו-צייט האט זי אריינגעשטעלט עטלעכע ווערטער, וועלכע קלים האט אָנגענומען אלס אירע ווערטער.

— ווען דו וואלסט געזען, סארא אימה דאס איז, ווען די מיליאָנען הערינג גייען אין א געדיכטער, בלינדער מאסע ארויס-

וואַרפן דעם רויג! דאָס איז אַזוי נאַריש, אַז ס'איז אַזש שרעקלעך.

וועגן קאַווקאַז האָט זי געזאָגט:

— אַ גהינומדיקער פּייזאַזש מיט שוואַרצע פיגורן פון נישט אײַנגאַנצן פאַרשרפעטע בעל-עבירהניקעס. אײַזערנע בערג, און אויף זיי נעבעכדיק גראָז, ווי גרינסר זשאַווער. די ווייסט, איך קריג אַלץ מער נישט ליב די נאַטור, — האָט זי געענדיקט איר באַריכט, שמייכלענדיק און באַטאָנענדיק דאָס וואָרט נאַטור מיט אַן איבלדיקער גרימאַסע. — דידאָזיקע בערג, וואַסערן, פיש, — דאָס אַלץ איז אויסטערליש שווער און נאַריש. און — ס'צווינגט רחמנות צו האָבן אויף די מענטשן. און איך — קען נישט רחמנות האָבן.

— די ביסט — אַן אַלטע און אַ חקרנטע, — האָט אַ שפּאַס געטון קלים, פילנדיק, אַז אים איז אָנגענעם די ענלעכקייט פון אירע מיינונגען צו זיינע פרוכטלאָזע חקירות.

הינטערן פענצטער האָט געשאַרכעט דער רעגן, גלעטנדיק די שויבן. ס'האָט אויפגעפלאַקערט אַ גאַז-לאַמטער, איר בלוטלאָז פּייער האָט באַלויכטן די דראָבנע גרויע פּערעלעך פון די רעגן-טראָפּנס. לידיאַ איז אַנטשוויגן געוואָרן, האָט צונויפגעקרייצט די הענט אויף דער ברוסט, צעשטרייט קוקנדיק אין פענצטער אַרײַן. קלים האָט געפרעגט: וואָס איז אַזוינס דער פעטער כריסאַנף?

— קודם כל — זייער אַ גוטער מענטש. אַזוי, פאַרשטייסט, אַן אומדערשעפלעך גוטער. אומהיילבאַר, וואָלט איך געזאָגט.

און שמייכלענדיק מיט די טונקעלע אויגן, האָט זי גענומען רעדן אַזוי לעבהאַפט, וואַרעם, אַז קלים האָט אַ קוק געטון אויף איר מיט פאַרוואונדערונג: גלייך נישט זי האָט דאָ, מיט עטלעכע מינוט פריער, טרוקן אָפּגעגעבן אַ באַריכט.

— איך גלייב, אַז ער האָט אויפריכטיק ליב מאָסקווע, דאָס פאָלק און די מענטשן, וועגן וועלכע ער רעדט. איבעריקנס, מענטשן, וועלכע ער האָט נישט ליב — איז נישטאָ אויף דער וועלט. אַזאַ מענטש האָב איך נאָך נישט געטראָפן. ער איז — אומדערטרעגלעך, ער פאַרמאָגט אַן אויסערגעוויינלעכע פעיקייט צו רעדן וועגן באַנאַ-

ליטעטן מיט התלהבות, אָבער דאָך... מען מעג מקנא זיין אַ מענטש, וואָס פאַריאָנטעוועט אַזוי דאָס לעבן.

זי האָט דערציילט, אַז אין דער יוגנט איז דער פּעטער כּריסאַנף געוועזן פּאָליטיש קאָמפּראָמיטירט, דאָס האָט אים צעקריגט מיטן פאָטער, אַ רייכן גוטבאַזיצער; דערנאָך איז ער געוועזן אַ קאָרעקטאָר, אַ טופּליאַר, און נאָך דעם פאָטערס טויט איז ער געוואָרן אַ טעאַטער־דירעקטאָר אין דער פּראָווינץ. ער איז בדלות געוואָרן און אפילו געזעסן אין תּפיסה פאַר די חובות. נאָכדעם האָט ער רעזשיסירט אין פּריוואַטע טעאַטערן, חתונה געהאַט מיט אַ רייכער אַלמנה, זי איז געשטאָרבן, איבערלאָזנדיק דאָס גאַנצע פאַרמעגן וואַרוואַרען, איר טאָכטער. אַצינד לעבט דער פּעטער כּריסאַנף צוזאַמען מיט דער טאָכטער און ער לערנט אין אַ פּריוואַטער טעאַטער־שולע דעקלאַמאַציע.

— און דידאָזיקע — וואַרוואַראַ?

— וואַרוואַראַ — איז טאַלענטירט, — האָט נישט באַלד געענטפערט לידיאַ, און אירע אויגן האָבן מיט אַ פראַגע זיך אָפּגעשטעלט אויף קלימס פּנים.

— וואָס קוקסטו אַזוי? — האָט קלים געפרעגט צעטומלט.

— איך קלער: צי ביסטו — טאַלענטירט?

— איך ווייס נישט, — האָט קלים באַשיידן געענטפערט.

— עפּעס אַ געוויסער טאַלענט מוז זיין בײַ דיר, — האָט זי געזאָגט, פאַרקלערט באַטראַכטנדיק אים.

אויסנוצנדיק דאָס שווייגן, האָט קלים אַ פרעג געטון וועגן דעם עיקר, וואָס האָט אים אינטערעסירט, וועגן דיאָמידאָוון.

— אַן אויסטערלישער, אמת? — האָט אויסגערופן לידיאַ, אויפסניי זיך אויפהייטערנדיק. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דיאָמידאָוו — איז אַ יתום, אַן אונטערגעוואָרפענער; ביז ניין יאָר האָט אים דערצויגן אַן אַלטע פרײלין, אַ שוועסטער פון אַ געשיכטעלערער, דערנאָך איז זי געשטאָרבן, דער לערער איז געוואָרן אַ שכּור און איז אויך אין צוויי יאָר אַרום געשטאָרבן, און דיאָמידאָוון האָט

געגומען צו זיך אַלס לערן-ייִנגל אַ האָלץ-שניצער, וואָס האָט געאַר־בעט איקאָנע-שענק. אַפּאַרבעטנדיק באַ אים פינף יאָר, איז דיאָמידאָוו איבערגעגאַנגען צו יענעמס ברודער, אַ בוטאַפאָר, אַ נישט פאַרהייראַטער און אַ שכור, מיט אים לעבט ער.

— כריסאַנף שטויסט אים צו דער בינע, אָבער איך קאָן מיר נישט פאָרשטעלן קיין ווייניקער טעאַטראַלן מענטש, ווי סעמיאָנאָ, וואָס פאַר אַ ריינער יונגערמאַן דאָס איז ! . . .

— און ער איז פאַרליבט אין דיר, — האָט באַמערקט קלים שמייכלענדיק.

— און איז פאַרליבט אין מיר, — האָט אויטאָמאַטיש איבער־געחזרט לידיאַ.

— און — דו ?

זי האָט נישט געענטפערט, נאָר קלים האָט געזען, אַז איר ברוין פּנים האָט זאָרגפול זיך פאַרטונקלט. צוגויפּציענדיק די פיס אין פאָטעל אַריין, האָט זי זיך אַרומגענומען באַ די אַקסלען, צו־זאַמענגעטוליעט זיך אין אַ קליינעם קנויל.

— מאָדנע מענטשן זע איך, — האָט זי געזאָגט, אַ זיפץ געבנדיק. — זייער מאָדנע. און בכלל, ווי שווער איז עס צו פאַר־שטיין מענטשן !

קלים האָט איינשטימיק אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ. ווען ער האָט זיך נישט געקאָנט צונויפשטעלן קיין מיינונג וועגן אַ מענטש, האָט ער געפילט דעמדאָזיקן מענטש אַלס געפערלעך פאַר זיך. אַזעלכע, געפערלעכע, מענטשן איז געוואָרן אַלץ מער און צווישן זיי איז לידיאַ געשטאַנען בענטער פון אַלע צו אים. דידאָזיקע באַענטקייט האָט ער באַלד דערשפּירט באַזונדער קלאָר און פלוצ־לינג האָט זיך אים פאַרגלוסט צו זאָגן איר וועגן זיך אַלץ, נישט פאַרבאָרגנדיק קיין איין געדאַנק, זאָגן נאָכאַמאָל, אַז ער האָט זי ליב, נאָר ער פאַרשטייט נישט און האָט פאַר עפּעס מורא אין איר. באַאומרויקט פון דאָזיקן פאַרלאַנג איז ער אויפגעשטאַנען און זיך געזעגנט מיט איר.

— קום וואָס גיכער, — האָט זי געזאָגט — קום צו ביין מאָרגן, ס'איז מאָרגן — יום טוב.

אויף דער גאַס האָבן זיך נאָך אַלץ געשאָטן די דראָבנע גרייפּעלעך פון דעם האַרבסטיק עקשנותדיקן רעגן. אומעטיק האָט געבולבעט דאָס וואַסער אין די טייכלעך; די הייזער, וואָס האָבן ענג זיך צוגעטוליעט איינס צום אַנדערן, האָבן אַזויווי מורא געהאַט פון דורכגעווייקטקייט צו צעגיין, אַפילו דאָס פייער פון די לאַמטערן האָט אויסגעזען שיטער. קלים האָט גענומען אַ דראָשקע מיט אַ שוואַרצן, בייזן פורמאַן, דאָס נאַסע פערד האָט, צושאָקלענדיק מיטן קאָפּ, געגובלען קלאַפּן מיט די פּאָדקאָוועס איבער די קיזלשטיינער. קלים האָט זיך צונויפגעקאָרטשעט, געדריקט פון דער קאַלטער פייכטקייט, פון די פּאַרדראָסיקע מחשבות וועגן די מענטשן, וועלכע קענען התלהבותדיק רעדן אומגעווינלעכע נאַרישקייטן און וועגן זיך, דעם מענטש, וועלכער קאָן נאָך אַלץ נישט שאַפן זיך קיין אייגענע פּראַזן-סיסטעם.

— דער מענטש, דאָס איז — אַ פּראַזן-סיסטעם, נישט מער. די ביידלעך פאַר גאָט האָב איך נאַריש געזאָגט. נאַריש. אָבער נאָך נאַרישער איז דער מאָסקווער גאָט אין דער בלוזע. און — פּאַרוואָס איז דער שלאָף אין אָריאָל אַנגענעמער פון דעם שלאָף אין פּעטערבורג? ס'איז קלאָר, אַז די אַלע באַנאַליטעטן זענען נויטיק די מענטשן בלויז דערויף, אַז איטלעכער זאָל קאָנען אויסצייכענען זיך פון אַנדערע. אינדעראמתן איז עס — שווינדלעריי.

עטלעכע וואָכן באַם פּעטער כריסאַנף האָבן פּולקאָם איבערצייגט סאַמגינען דערין, אַז לידיאַ לעבט צווישן מענטשן באמת אויסטערלישע. יעדעס מאָל האָט ער דאָרט געזען דיאָמידאָוון און דער געמאָלטער שיינער יונגערמאַן האָט אין אים געוועקט אַ קאָמפּליצירט געפיל פון נייגעריקייט, שטוינונג, נישט אַנטשלאָסענע אייפערזוכט. דער סטודענט מאַראַקועוו האָט זיך באַצויגן צו דיאָמידאָוון פריינדלעך, וואַרוואַראַ פון אויבן-אַראָפּ און אַפּטרופּסיש, און לידיעס באַציונג איז געווען נישט גלייך און קאַפּריזנע. טיילמאָל האָט זי אין משך פון אַ גאַנצן אָוונט אים נישט באַמערקט, שמועסנדיק מיט מאַקאַראָוון אָדער אויסלאַכנדיק מאַראַקועווס פּאָלקס-ליבשאַפט, און אַ צווייט מאָל האָט זי אַ גאַנצן אָוונט גערעדט בלויז מיט אים אָדער געהערט זיינע נישט הויך פרעפלדיקע רייד. דיאָ-

מידאָוו האָט שטענדיק גערעדט מיט אַ שמייכל און אַזוי פּאַמעלעך ווי די ווערטער וואָלטן אים אָנגעקומען מיט שווערקייט.

— ס'זענען פאַראַן מענטשן הויזלעכע און ווילדע, איך בין אַ ווילדער! — האָט ער גערעדט שולדיק. — די הויזלעכע מענטש פאַרשטיי איך, אָבער מיר איז שווער מיט זיי. ס'דאַכט זיך אַלץ אַז עמעצער וועט צוקומען צו מיר און זאָגן: קום מיט מיר! און איך וועל גיין, נישט צו וויסן וואוהין.

— דאָס וועל איך, איך וועל דיך פירן! — האָט געשריגן דער פּעטער כריסאַנף. — דו וועסט בײַ מיר זיין אַן ערשטקלאַסי-קער אַרטיסט. דו וועסט ווייזן אַזאַ ראַמעאָ, אַזאַ האַמלעט...

דיאַמידאָוו האָט, צוגלעטנדיק די האָר, אָן צוטרוי געשמייכלט און זיין אומצוטרוי איז געווען אַזוי בולט, אַז קלים האָט אַ קלער געטון: לידיאַ — איז גערעכט, דערדאָזיקער מענטש קאָן נישט זיין קיין אַקטיאָר, ער איז צו נאַריש דערויף, אַז ער זאָל מאַכן אָנ-שטעלן.

אָבער איינמאָל האָט דער פּעטער כריסאַנף געצוואונגען דיאָ-מידאָוון און די שטיפּטאָכטער צו רעציטירן עטלעכע סצענעס פון „ראָמעאָ און יוליאַ". קלים, אַ גלייכגילטיקער צו טעאַטער, איז אי-בערראַשט געווען פון דער דערהויבענער קראַפט, מיט וועלכער דער בלאָנדער יונגערמאַן האָט אַרויסגעברענגט די ווערטער פון ליבע און ליידנשאַפט. ס'האָט זיך בײַ אים אַרויסגעוויזן אַ ווייכער טענאָר, הגם נישט רייך אין ניואַנסירונגען, אָבער אַ קלאַנגפולער. סאַמגין האָט געהערט די שיינע ווערטער פון ראָמעאָ און זיך גע-פרעגט: פאַרוואָס מאַכט זיך דערדאָזיקער מענטש באַשיידן, רופט זיך אָן — ווילדער? פאַרוואָס האָט לידיאַ פאַרהוילן, אַז ער איז טאַלענטירט? אָט קוקט זי אויף אים מיט אויסגעברייטערטע אויגן, דורך דער ברוינער הויט פון אירע באַקן האָט זיך דורכגעשלאָגן אַ העלע ראָזקייט און די פינגער פון איר האַנט, וואָס ליגט אויף דער קני, ציטערן.

דער פּעטער כריסאַנף, וועלכער איז געזעסן רייטנדיק אויף אַ שטול, אויפגעהויבן די האַנט, די אייבערשטע ליפּ און די ברעמען, אָנשטרענגענדיק די דיקע לידקעס פון די קורצע פיס, איז

אונטערגעשפרונגען, געהויבן זיין פעטן קאָרפּוס, די שטימע, דאָס פּנים זיינס האָט געלויכטן פון אַנטציקונג, ער האָט מתיקותדיק געפּינטלט:

— אויסגעצייכנט! — האָט ער אַ געשריי געטון, דריי מאָל אַ פּאַטש געבנדיק מיט די הענט. — ס'איז גרויסאַרטיק, אָבער נישט אַזוי! דאָס האָט גערעדט נישט קיין איטאַליענער, נאָר אַ מאָרדווינער. דאָס איז — איבערלייגונג, נישט קיין ליידנשאַפט, חרטה, אָבער נישט קיין ליבע! ליבע פּאָדערט זשעסט. וואו איז בּאַ דיר דער זשעסט? בּאַ דיר לעבט נישט דאָס פּנים; בּאַ דיר איז די גאַנצע נשמה אין די אויגן, דאָס איז ווייניק! דאָס גאַנצע פּובליקום קוקט נישט אויף דער סצענע דורך אַ בּינאָקל...

לידיאַ איז אַוועקגעגאַנגען צום פענצטער און צייכנענדיק מיטן פינגער אויף דער פאַרשוויצטער שויב, האָט זי געזאָגט טויבלעך:

— מיר דאַכט זיך אויך, אַז דאָס איז... צו ווייך.

— ס'צינדט אינגאַנצן נישט אָן, — האָט בּאַשטעטיקט וואַרוואַרע, וואַרפנדיק אויף דיאָמידאָוון אַ בּייזן בּליק פון די גרינלעכע אויגן. און דאָ ערשט האָט קלים זיך דערמאַנט, אַז זי האָט אונטערגעגעבן דיאָמידאָוון דזשוליעטעס רעפּליקעס מיט אַ פאַרבלאָזער שטימע און אַז ווען זי רעדט, שטרעקט זיך בּאַ איר אויס נישט שיין דער האַלז.

דיאָמידאָוו האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, אַרונטערגעשטעקט הינטערן פּאַסיק די גראָבּע פינגער פון די הענט און, ענלעך צום אות ס, געזאָגט שולדיק:

— איך גלייב נישט אין טעאַטער.

— וואָרים דו ווייסט נישט גאָרנישט, — האָט מוראַדיק אַ געשריי געטון דער פעטער כריסאַנף. — דו לייען איבער דאָס בּוך „די פּאָליטישע ראָלע פון פראַנצויזישן טעאַטער“, פון דעם... ווי הייסט ער? פון בּאָבּאָריקינען!

אַרויפשפּרינגענדיק אויף דיאָמידאָוון, האָט ער אים אַריינגעשטופּט אין ווינקל, צום אויוון, און דאָרטן אַריינגערעדט אין אים:

— דיר דאַרף מען מיט אַן עוואַנגעליע איבערן קאָפּ דערלאַנגען, מיט אַ פּאַראַבעל וועגן טאַלענטן !

— אין דערדאָזיקער פּאַראַבעל גלייב איך אויך נישט, — האָט דערהערט קלים שטילע ווערטער.

— געוויס, ער איז אַ נאַר, — האָט באַשלאָסן קלים, נאָר לידיאַ האָט זיך צעלאַכט און ער האָט אָנגענומען איר געלעכטער, ווי אַ באַשטעטיקונג פון זיין אָפּשאַצונג.

שפּעטער, זיצנדיק בּאַ איר אין צימער, האָט ער געזאָגט :

— דו געדענקסט, דיין פּאָטער האָט אַמאָל געזאָגט, אַז אַלע מענטשן זענען אָנגעבונדן יעדער אויף זיין שטריקל און דאָס שטריקל איז שטאַרקער פון זיי ?

— ער אַליין איז — אויף אַ שטריקל, — האָט גלייכגילטיק זיך אָפּגערופן לידיאַ, נישט געבנדיק קיין בליק אויף אים.

— אויב דו מיינסט דאָס וועגן סעמיאָנען, איז דאָס — נישט ריכטיק, — האָט זי פאַרגעזעצט. ער איז — פריי. אין אים איז פאַראַן עפּעס... באַפליגלטס.

זי האָט גערעדט נישט גערן, ווי אַ ווייב, וואָס איר איז לאַנגווייליק צו שמועסן מיטן מאַן. אין דעמדאָזיקן אָוונט האָט זי זיך אויסגעוויזן עלטער מיט אַ יאָר פינף. אַרימגעהילט מיט אַ שאַל, וואָס האָט שטייף אַרומגעוויקלט איר פּלייצע, געפרווירן איינקאָרטשענדיק זיך אין פאָטעל, איז זי, האָט געפילט קלים, געווען ערגעץ-וואו ווייט פון אים. אָבער דאָס האָט נישט געשטערט אים צו קלערן, אַז אָט איז דאָס מיידל נישט שיין, פרעמד, און פונדעסטוועגן גלוסט זיך צוצוגיין צו איר, אַנידערלייגן דעם קאָפּ איר אויף די קניען און נאָכאַמאָל איבערלעבן יענץ, אומגעוויינלעכע, וואָס ער האָט שוין איינמאָל איבערגעלעבט. אין זיין זכרון האָבן געקלונגען ראָמעאָס ווערטער און דעם פעטער כריסאַנפס געשריי:

— ליבע פּאָדערט זשעסט !

אָבער ער האָט נישט געפונען אין זיך קיין אַנטשלאָסנקייט אויף אַ זשעסט, דערדריקט זיך געזעגנט מיט איר און איז אַוועק-

נעגאַנגען, באַמיעענדיק זיך צום צענטן מאָל צו באַגרייפן: פאַרוואָס ציט אים דווקא צו איר? פאַרוואָס?

— איך טראַכט זי אויס. זי קאָן דאָך נישט עפענען מיר קיין טיר אין אַ לעגענדאַרן גן-עדן!

און פאָרט האָט ער געפילט, אַז ערגעץ-וואו טיף אין אים איז פאַרגליווערט געוואָרן די איבערצייגונג, אַז לידיאַ איז באַשאַפן פאַר אַ באַזונדער לעבן און ליבע. צו פונאַנדערקלייבן זיך אינם געפיל צו איר האָט זייער געשטערט דער ברייטער שטראָם איינדרוקן, דער שטראָם, אין וועלכן סאַמגין האָט זיך געדרייט ווילנסלאָז און אַלץ שנעלער.

אין די זונטיקדיקע אָוונטן פלעגן באַם פעטער כריסאַנף זיך צונויפקלייבן זיינע גוטע פריינד, מענטשן פון סאָלידן עלטער און אַלציינער שטימונג: זיי אַלע זענען געווען באַזוולט און איטלעכער פון זיי פלעגט ברענגען קלאַנגען און פאַקטן, וואָס האָבן נאָך מער פאַרטיפט זייערע עוולות; זיי אַלע האָבן ליב געהאַט צו מאַכן אַ כוסה און צו נעמען אין מויל אַריין, און דער פעטער כריסאַנף האָט פאַרמאָגט אַ ריזיקע קעכין אַנפימאָוונאַ, וועלכע האָט געבאַקן וואונדערבאַרע פלאָדנס. צווישן דידאָזיקע מענטשן זענען געווען צוויי אַקטיאָרן, וואָס זענען איבערצייגט געווען, אַז אַזוי, ווי זיי האָבן געשפילט זייערע ראָלן, האָט קיינער קיינמאָל נישט געשפילט און ס'וועט שוין קיינער נישט שפילן.

איינער פון זיי איז געווען אַ חשיבותדיקער, אַ גרייזגרויער, געקעמבשעטער, מיט אַראָפּהענגענדיקע באַקן און אַלץ פאַראַכטנדיקן בליק אין די שטרענג אויסגעשטעלטע טריבלעכע אויגן פון אַ מענטש, וואָס איז מיד פון רום.

ער האָט גרויסאַרטיק געטראָגן אַ סאַמעטענעם פראַק, ווייכע, זאַמשענע לאַטשן; אונטער זיין גאָמבע פון אַ בולדאָג איז געווען פאַרבונדן פון אַ פראַכטפולער באַנד אַ העל בלויער שלייף; ליידנדיק אויף פאָדאַגרע, פלעגט ער גיין פאָרזיכטיק, גלייך ער וואָלט איך די ערד פאַראַכטעט. געטרונקען און געגעסן האָט ער אַ סך, געזעצט ווינציק און וועמענס נאָמען מען זאָל נישט געווען אַנרופן

פאַר אים, פלעגט ער אוועקמאַכן מיט דער שווערער, בלוילעכער האַנט, אויסרופנדיק מיט אַ פּריצישן, הילכנדיקן באַס:

— איך קען אים.

און מער האָט ער גאָרנישט גערעדט, האַלטנדיק אָפּנים, אַז די דריי ווערטער זיינע זענען אין זיך כולל אַ גענוג צעשמעטערנדיקע אָפּשאַצונג פון דעם מענטש. ער איז געווען אַן אַנגלאָמאַן, אפשר דערפאַר, וואָס ער האָט געטרונקען בלויז „ענגלישן שנאַפּס", געטרונקען, שטאַרק פאַרשמורענדיק די אויגן און אַהינטערבייגנדיק דעם קאָפּ אַזוי, גלייך ער וואָלט געוואָלט, אַז דער בראָנפן זאָל דורכדרינגען אים אין קאַרק אַריין. דער צווייטער אַקטיאָר איז געווען נישט קיין חשיבותדיקער: אַ פליכיקער, מיט אַ ליפּנלאָז מויל, אין בענקטע אויף דער נאָז, אַ פאַרצויגענע ווי באַ אַ שפּאַרבער, אויערן האָט ער געהאַט האָזישע, גרויסע און עמפינדלעכע. אין אַ גרוי רעקל, אין גרויע הויזן אויף די דינע פיס מיט שפּיציקע קניען, פלעגט ער נישט איינזיצן און כסדר זיך אַרומפאָרען; ער פלעגט דערציילן אַנעקדאָטן, ליידנשאַפטלעך טרינקען בראָנפן, פאַרבייסן בלויז מיט ברויט און, גיפטיק קרומענדיק דאָס מויל, דערגאַנצן די אָפּשאַצונגען פון דעם חשיבותדיקן אַקטיאָר אויך מיט דריי ווערטער:

— געווען אַן אַלקאָהאָליקער.

ער האָט פאַרזיכערט, אַז ער שרייבט „מעמואַרן פון אַ נאַכטפויגל" און דערקלערט:

— דער נאַכט־פויגל — דאָס בין איך, דער אַקטיאָר. אַקטיאָרן און פרויען לעבן נאָר באַנאַכט. איך האָב ביז זעלבסטפאַרגעסונג ליב אַלץ, וואָס איז געשיכטלעך.

און, באַשטעטיקנדיק זיין ליבע צו געשיכטע, האָט ער נישט שלעכט דערציילט, ווי דער טאַלענטפולער אַנדרעיעוו־בורלאַק האָט פאַרטרונקען, פאַרן ספּעקטאַקל, דעם קאָסטיום, אין וועלכן ער האָט געדאַרפט צו שפּילן יודושקע גאָלאָוולעוו, וויאַזױ שומסקי האָט געשטורט, ווי רינגאַ־סיראָווצאָווא האָט אין שכורן צושטאַנד נישט געקאָנט דערקענען, וועלכער פון די דריי מאַנסלייט איז איר מאַן. אַ העלפט פון דערדאָזיקער דערציילונג, ווי אויך דאָס רוב אַנדערע

פלעגט ער מיטטיילן פליסטערנדיק, פאַרכלינענדיק זיך מיט די ווערטער און דריגענדיק מיטן לינקן פוס. דאָס ציטערן פונם דאָזיקן פוס האָט ער גענוג הויך געשעצט:

— אַזאַ ציטערן איז געווען בײַ נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרט אין די בעסטע מאָמענטן פון זיין לעבן.

קלים סאַמגין איז געוואוינט געווען צו מעסטן די מענטשן מיט דער מאָס, וועלכע איז אים צומיינסט פאַרשטענדלעך געווען און דידאָזיקע צוויי אַקטיאָרן האָבן באַפּאַרבט פאַר אים אין זייער קאָליר דעם פעטער כריסאַנפס אַלע פריינד.

אַלס אַ מענטש, וואָס האָט אָפּגעשפּילט זיין ראָלע, האָט ער געזען אַ געוויסן שרייבער, אַ גרויסבערדיק, פעסטגעבויטן זקן מיט קליינטשיקע אויגן. דערדאָזיקער ליטעראַט האָט אין די וועכציקער יאָרן זיך געשאַפן רום מיט זיין אידעאַליזירן די פויערן און פלעגט אַרויסרופן אויפריכטיקע באַגייסטערונג בײַ די לעזער מיט זיין לירישע ליבע און גלויבן אין פאָלק, נישט געקוקט אויף זיין אומבאַדייטנדן טאַלענט. דעם רום זיינעם האָט ער איבערגעלעבט, אָבער די ליבע איז נאָך אַלץ געבליבן לעבן, כאָטש אפילו פאַרומערט פון דעם, וואָס דער לעזער האָט זי שוין נישט אָפּגעשאַצט, נישט אויפגענומען זי. דער באַליידיקטער אַלטער האָט ברוגזדיק געזידלט די ייִנגע ליטעראַטן, פאַרגעוואָרפן זיי פאַרראַט לגבי דעם פאָ"ק.

— אַלע זענען — לעיקינס, שרייבן צום פאַרווײַלן. קאַראַלענקאָ איז נאָך אַהין, אַהער, אָבער — אויכעט! ווע:ן וואַנצן האָט ער אָנגעשריבן. אין שטאָט איז אַ וואַנץ — אַ קלייניקייט, דו אָבסערוויר זי אין דאָרף און באַשרייב. אָט — לויבט מען טשעכאָוון, אָבער ער איז אַ האַרצלאָזער פּאָקוסניק, מיט גרויען טינט שמירט ער, מען לייענט — זעט מען גאָרנישט. עפּעס אַזוינע נישט דערוואַקסענע זענען אַלע.

אים האָבן באַזונדער, ביז בייזן גלאַנץ אין די אויגן, אויפגערעגט די מאַרקסיסטן. ציפּנדיק זיך בײַ דער באָרד, האָט ער פאַרצאָגט גערעדט:

— אַנומלט האָט מיר איין שוטה אַ פּראַסק געטון אין פּנים

אַריין: אייער שטעלעכץ אויפן פּאָלק — איז פֿאַרשפּילט, קיין פּאָלק — איז נישטאָ, ס'זענען נאָר דאָ קלאַסן. אַ יוריסט פֿון צווייטן קורס. אַ ייד. קלאַסן! ער האָט פֿאַרגעסן ווי קלאַסיש מען האָט נישט לאַנג זייגע פּאָלקס-געגאַסן געדווירעסט...

אַ צופֿרידענער פֿון דעם אומגעשפּיצטן און מרהשחורהדיקן קאָלאַמבור, האָט ער זיך אַזוי צעשמייכלט, אַז זיין באָרד האָט זיך אוועקגערוקט צו די אויערן, אָפּדעקנדיק אַ גוטמוטיקע, טעמפּע נאָז.

באַוועגט האָט ער זיך שווער, ווי אַ פֿויער נאָכן אַקעראַייזן, און בכלל איז אין זיין פֿיגור, אין די זשעסטן, ווערטער געווען אַ סך פּויעריש. דערמאַנענדיק זיך אָן טאָלסטאָיאַנער, דעם פֿאַרשלייערטן אַלס פּויער, האָט סאַמגין געזאָגט מאַקאַראָוון:

— ער שפּילט קונציק.

אָבער מאַקאַראָוו האָט זיך אַ קרום געטון און דערווידערט:

— איך געפֿין נישט, אַז ער שפּילט. ס'קאָן זיין, ער האָט ווען ס'איז איבערגעגנומען דידאַזיקע מאַנירן, אונטערגעבנדיק זיך דער מאָדע, אָבער אַצינד איז דאָס זיין אייגנס. באַמערק, — ער רעדט ציימנווייז גאָיוו, נישט קלוג, אָבער וועסט פֿונדעסטוועגן פֿון אים נישט אָפּלאַכן, ניין! אַ וואוילער אַלטער! אַ פֿאַרזענלעכקייט!

אויסטרינקענדיק בראָנפֿן, פּלעגט דער אַלטער שרייבער ליב האָבן צו דערציילן וועגן דער פֿאַרגאַנגענהייט, וועגן די מענטשן, מיט וועלכע ער האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן. דאָס יונגוואַרג פּלעגט הערן די פּאַר זיי אומבאַקאַנטע נעמען פֿון ליטעראַטן און גאַפֿן, זיך איבערקוקן:

— באָומאָוו, באַזשין, זאַסאָדימסקי, לעוויטאָוו...

— דו האָסט געלייענט אַזעלכע? — האָט געפֿרעגט קלים מאַקאַראָוון.

— ניין. פֿון די צוויי אוכפּענסקיס האָב איך געלייענט — גלייבן, אָבער אַז ס'איז נאָך געווען אַ ניקאָלאַי, — הער איך דאָס ערשטע מאָל. גלייב — איז אַ היסטערישער אויסטראַכטער. איבעריקנס, איך פֿאַרשטיי שלעכט די בעלעטריסטן, ראָמאַניסטן און

בכלל — איסטן. איך בין — ניעאיסטאָוו*), — האָט ער אַ שמייכל געטון, און באַלד פאַרכמורעט געזאָגט:

— כ'האָב מורא, אַז זיי וועלן לידיען אין פּאָליטיק אַריינ־טרייבן...

מאַקאַראָוו פלעגט קומען צו לידיען אָפט, אָבער נישט לאַנג זיצן; מיט איר פלעגט ער רעדן מיט אַ וואָרטשעגדיקן טאָן פון אַן עלטערן ברודער, מיט וואַרווארען — ביטולדיק און צייטנווייז אפילו שפּאָטיש. מאַראַקועוון און פּאָיאַרקאָוון האָט ער אָנגערופן „כאָריסטן", און דעם פּעטער כרִיסאַנף: „מאָסקווער צדיק". דאָס אַלץ איז אָנ־גענעם געווען קלימען, ער האָט שוין נישט דערמאַנט דעם מאַקאַראָוון אויף דער טעראַסע פון דער דאַטשע, דעם באָרוועסן, מידן און פרעדיקער פון נאַיווקייטן.

ס'איז געווען נאָך אַ שרייבער, אַן אויטאָר פון אומגעזאַלצע־נע דערציילונגען וועגן לעבן פון קליינטשיקע מענטשן, וואָס ליידן פון קליינטשיקע אומגליקן. מאַקאַראָוו האָט גערופן דידאָזיקע דערציילונגען „קאָרעספּאָנדענציעס צו ניקאָלאַי דעם בעל־מופת". דער שרייבער אַליין איז אויך אַ קליינוואוקסיקער, אַ פעסטער, מיט אַ מיאוסער הויט אויפן פּנים, מיט אַ שוואַרצלעך, נישט געדיכט בערדל און נישט גוטע אויגן. כדי ווייכער צו מאַכן זייער האַרטן בליק, פלעגט ער אומבאַשטימט און געניים צו שמייכלען, דערדאָזי־קער שמייכל האָט געווינצלט דאָס טונקעלע פּנים און עס עלטער גע־מאַכט. אַ ניכטערער, האָט ער גערעדט ווינציק, פאָרזיכטיק, מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט באַטראַכט זיינע בלוילעכע נעגל און טרוקן אַריינגעהוסט אין אַרבל פון רעקל, און אויסטרינקענדיק אַ גלעזל, פלעגט ער אַרויסזאָגן, כמעט שטענדיק נישט אויפן אָרט, — פיל־באַדייטנדיקע פראַזן.

— „איך בין — קנעכט. איך בין — קייסער, איך בין —

*) דאָס וואָרט „ניעאיסטאָוו" איז טייטש: היציק, ווילד, אָבער אויף דעם אָרט ווערט געמיינט: איך בין נישט קיין „איסט". — איבערז.

וואָרם, איך בין — גאָט !" די סובסטאַנץ איז די זעלבע, סיי באַ אַ וואָרם, סיי באַ געטען.

ער פלעגט אויסטראַכטן גלייכווערטלעך און אויך זיי אַריינ־רוקן אין שמועס אומגעריכט און נישט אויפן אָרט.

געהייסן האָט ער ניקאָדים איוואַנאָוויטש און איינמאָל האָט קלים געהערט, אַז ער האָט געזאָגט דיאָמידאָוון, רעטזלהאַפט שמייכ־לענדיק:

— לאָמיר צו־וואַרטן, זיך נישט יאָגן : עפעס וועט אונז ניקאָדים נאָך זאָגן.

זאָגנדיק עפעס אין אַ פאָלקסטימלעכן און אין אַ מוסר־השכּלדיקן טאָן, פלעגט ער הוסטן אין אַ־בּל אַריין באַזונדער לאַנג און מיט ישוב הדעת. און אין פינף מינוט אַרום האָט ער געזאָגט אַנדערש און אַזוי ווי אין דער מחשבה אַרומטאַפּנדיק די שטאַר־קייט פון די ווערטער.

— אינעווייניק אין זיך — איז אַלץ נישט אַזוי, ווי מיר זעען, דאָס האָבן נאָך געוואוסט די גריכן. דאָס פאָלק האָט זיך אַר־יסגעוויזן נישט אַלס אַזעלכעס, ווי ס'האָט עס געזעען דער דור פון די 70־ער יאָרן.

ער האָט בכלל זיך אויפגעפירט רעטזלהאַפט און צעשטרייט, דערלויבנדיק סאַמגינען צו טראַכטן, אַז די דאָזיקע צעשטרייטקייט — איז אַ געקינצלטע. נישט זעלטן פלעגט ער איבעררייסן דאָס רעדן אינמיטן אַ פראַזע און אַרויסנעמענדיק פון דער זייטיקער קעשענע אין דעם טונקעלן רעקל אַ קליינטשיק לעדערן ביכעלע, פלעגט ער עס באַהאַלטן אונטערן טיש, אויף דער קני זיינער און דאָרטן עפּעס פאַרשרייבן מיטן דינעם בליישטיפט.

דורכדעם האָט זיך געשאַפן אַן איינדרוק, אַז ניקאָדים איוואַ־נאָוויטש לעבט תּמיד אין צושטאַנד פון אומאויפהערלעכן שאַפן און דאָס האָט אַרויסגערופן באַ דיאָמידאָוון אַן אומפריינדלעכע באַציונג צום שרייבער.

— ער פאַרשרייבט ווידער, איר זעט ? — האָט ער עטוואָס שרעקעוודיק און שטיל געזאָגט צו לידיען.

בעגעסן האָט ניקאָדים איוואַנאָוויטש אַ סך, נישט שיין און,

הפּנים, וויסנדיק דאָס, געפּלייסט זיך צו עסן אומבאַמערקט, געשלונגען די שפּייז שנעל, נישט צעקייענדיק זי. אָבער דער מאָגן איז בײַ אים געווען אַ שלעכטער, דער שרייבער האָט געליטן אויף שלוקערץ; ווען ער האָט זיך אָנגעשלונגען, האָט ער פאַרשעמט געפינטלט מיט די אויגן און צוגעדעקט דאָס מויל מיט דער האַנט, דערנאָך אַרײַנשטעקנדיק די נאָז אין אַרבל אַרײַן, פּלעגט ער הוסטנדיק אַוועקגיין צום פענצטער, זיך שטעלן מיטן רוקן צו אַלע און געהיים רײַבן דעם בויך.

אין איינער פון אַזעלכע מינוטן איז דער פריילעכער סטודענט מאַראַקועװ, איבערווינקענדיק זיך מיט וואָרוואַרען, צוגעגאַנגען צו אים און געפרעגט:

— וואָס באַטראַכט איר עס, ניקאָדים איוואַנאָוויטש?

דער שרייבער האָט זיך אײַנגעשרומפּן און געזאָגט:

— אָט, זעט איר: ס'ברענט אַ שטערן, אַן אומנוצלעכער פאַר מיר און פאַר אײַך; ער האָט זיך אָנגעצונדן מיט צענדליקער טויזנט יאָר צוריק פאַר אונז און וועט נאָר צענדליקער טויזנט יאָרן פרוכטלאָז ברענען, בעת מיר אַלע וועלן נישט איבערלעבן קיין האַלבן יאָרהונדערט...

דיאָמידאָוו, וועלכער האָט געהאַט אויסגעטרונקען בראָנפן, געשטעלטן אויף פלוימען, און דערפון אַ ביסל אַ צעהיצטער, האָט דערקלערט הויך, מיט אַ פּראָטעסטירנדיקער שטימע:

— דאָס נעמט איר פון אַסטראָנאָמיע. און אפשר האַלט זיך גאָר די גאַנצע וועלט אויפן דאָזיקן שטערן, ער איז — דער לעצטער אָנהאַלט אירער, און איר ווילט... וואָס ווילט איר?

— דאָס איז נישט אייער זאַך, יונגערמאַן, — האָט באַליידיקט געזאָגט דער שרייבער.

ס'איז אויך אַרײַנגעקומען צום פּעטער כריסאַנף אַ רויטפּליקער, רויטפּנימדיקער פּראָפעסאָר, אַ מחבר פון אַ פּראָגראַמאַטיש אַרטיקל, וואָס ער האָט אָנגעשריבן מיט אַ יאָר צען צוריק; אין דעמדאָזיקן אַרטיקל האָט ער דערוויזן, אַז די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד איז נישט אויספירבאַר, אַז ס'איז נייטיק אַ בהדרגהדיקע

צונויפגיסונג פון אַלע אָפּאָזיציאָנעלע כוחות פון לאַנד אין איין רעפּובליקאַניש-דעמאָקראַטישע פּאַרטיי, דידאָזיקע פּאַרטיי דאַרף זיך ביסלעכווייז דערשלאָגן באַם קייסער דאָס צונויפרופן אַן אַלגעמיינע פאָלקס-פאַרזאַמלונג. אָבער אַפילו פאַרן דאָזיקן אַרטיקל האָט מען אים באַזייטיקט פון אוניווערזיטעט. פון יענער צייט אָן, האָבנדיק די ראַנגע פון „אַ געליטענעם פאַר דער פרייהייט", האָט ער שוין געלעבט נישט פרווונדיק מער צו ענדערן דעם גאַנג פון דער געשיכטע, איז געווען זעלבסטצופרידן, געפלוידערט און, האַלטנדיק רויטווייַן פאַרן בעסטן פון אַלע געטראַנקען, האָט ער געטרונקען, ווי אַלע אין רוסלאַנד, אָן אַ שום מאָס.

מאַקאַראָוו און דיאָמידאָוו האָבן כסדר זיך געהאַלטן לעבן לידיען, זיי האָבן אויך נישט געשטערט איינער דעם אַנדערן. מאַקאַראָוו האָט זיך באַצויגן צום בוטאַפאָר-געהילף זאָגאַר ליבלעך, כאָטש הינטער די אויגן האָט ער גערעדט וועגן אים מיט פאַרדראָס:

— דער רוח ווייסט אים, — צי איז ער אַ מיסטיקער, צי וואָס? אַ האַלב משוגענער עפּעס. און באַ לידיען איז, דאַכט זיך, אויך פאַראַן אַ נויגונג אין דערדאָזיקער זייט. בכלל, די קאָמפּאַניע איז נישט פון די גלענצנדע...

פאַרשלונגען פון די באַאָבאַכטונגען, האָט קלים סאַמגין זיך געזען אין דער זייט פון אַלע. אָבער דאָס האָט שוין נישט זייער באַליידיקט. ער האָט געפילט, אַז די באַשיידענע ראָלע פון אַ צוקוקער איז נוצלעך, אָנגענעם און דערנענטערט אים אינערלעך מיט לידיען. איר האַלטונג אויף דידאָזיקע אָוונטן איז געווען ווי פון אַן אויסלענדערין, וועלכע, פאַרשטייענדיק שלעכט די שפּראַך פון די אַרומיקע, הערט אָנגעשטרענגט די פאַרפלאָנטערטע געשפּרעכן און, אויפפלאָנטערנדיק זיי, האָט זי נישט קיין צייט אַליין צו רעדן. אירע טונקעלע אויגן האָבן זיך געגליטשט איבער די פנימער פון די מענטשן, אָפּשטעלנדיק זיך דאָ אויף איינעם, דאָ אויפן צווייטן, אָבער תמיד נישט אויף לאַנג און אַזוי, גלייך זי וואָלט ערשט אַצינד באַמערקט דידאָזיקע פנימער. קלים האָט נישט איינמאָל געפּרווט געוואויר ווערן, וואָס זי קלערט וועגן די מענטשן. אָבער זי פלעגט

שווייגיק קוועטשנדיק מיט די אַקסלען, נישט ענטפערן און בלויז איינמאָל, ווען קלים האָט אָנגעהויבן צודרינגלעך אויסצופרעגן, האָט זי געזאָגט אַזויווי אָפּשטויסנדיק אים:

— איך ווייס נישט. מסתמא קאָן איך נישט קלערן.

טיילמאָל פלעגט אַריינקומען אַן אומבאַמערקט מענטשל זויעוו, אַ גלאַט פאַרקעמטער, מיט אַ קליין פנימל, וואָס אין זיין צענטער האָט געשטאַרט אַ צעקוועטשט נעזל, און דער גאַנצער זויעוו, אַ פלאַטשיקער, אין געקנאָדערטן אָנצוג, האָט אויסגעזען אַ צעקוועטשטער, אַ צעקייטער. ער איז אַלט געווען אַ יאָר פערציק, אָבער אַלע האָבן אים גערופן — מישאַ.

— נו, וואָס, מישאַ? — האָט אים געפרעגט דער אַלטער שרייבער.

מיט אַ שטיל קול, ווי ער וואָלט מזכיר נשמות געווען קרובים, האָט ער געענטפערט:

— אין מאַריען-וועלדל אַרעסטן. אין טווער. אין נידשני-באָווגאָראָד.

טיילמאָל פלעגט ער אָנרופן די פאַמיליע-נעמען פון די אַרעסטירטע און דאָסדאָזיקע אויסרעכנען די מענטשן, וואָס זענען גענומען געוואָרן אין געפענגעניש, האָבן אַלע אויסגעהערט שווייגנדיק. דערנאָך האָט דער אַלטער ליטעראַט פאַראומערט געזאָגט:

— זיי האָבן אַ טעות. אַלע וועלן זיי נישט כאַפּן. עך, אַ שאָד, באַטאַנסאָנען אַרעסטירט, אַ מערקווירדיקער אָרגאַניזאַטאָר. זיי פירן די טעטיקייט אָפּגעזונדערט, דעריבער זענען די דורכפאַלן אַזוי אָפט. פירערס זענען נייטיק, אַלטע לייט. דער קהל האַלט זיך אויף אַלטע לייט, דער פויערישער קהל.

— ס'איז נייטיק אַ פאַרבאַנד פון אַלע כוחות, — האָט דערמאָנט דער פּראָפעסאָר. — ס'איז נייטיק איינגעהאַלטנקייט, בהדרגהדיקייט. . .

ניקאָדים איוואַנאָוויטש האָט איינגעשטימט מיט אים מיט אַ גלייכוועדטל:

— אין איילעניש וועסטו אפילו קיין לאַפּטשעס נישט צו־נויפפלעכטן.

— אָבער דאָך, אויב מען אַרעסטירט, הייסט עס — דאָס קטורת פייערל לעבט! — האָט געטרייסט דער נישט חשיבותדיקער אַקטיאָר.

דער פעטער כריסאַנף פלעגט, פלאַמענדיק, היצנדיק זיך און שוויצנדיק, אַן אויפהער לויפן פון צימער אין קיך אַריין און נישט איינמאָל פלעגט זיך טרעפן, אַז אין דער טרויעריקער מינוט, בעת מ׳האָט דערמאָנט די מענטשן, וואָס זיצן אין די תּפיסות און די פאַרשיקטע קיין סיביר, האָט זיך דערהערט זיין טריומפירנדיק קול:

— איך בעט צום בראָנפן!

באַמיענדיק זיך צו פאַרהאַלטן אויף די פנימער אַן אויסדרוק פון פאַרטראַכטקייט און צער, זענען אַלע געגאַנגען אין ווינקל אַריין, צום טיש; דאָרט האָבן נסיונפול געבלישטשעט פלעשעלעך פאַרשידנ־פאַרביקער בראָנפן, אַרויסרופנד זענען אויסגעשטעלט געווען די טעלערס מיט פאַרבייסעכץ. דער חשיבותדיקער אַקטיאָר האָט, זיפצנ־דיק, זיך מודה געווען:

— באמת גערעדט, איז פאַר מיר שעדלעך צו טרינקען.

און אָנגיסנדיק דעם בראָנפן, צוגעגעבן:

— אָבער איך בלייב געטריי דעם ענגלישן שנאַפּס. און כ׳פאַרשטיי גאָר עפּעס נישט אַ חוץ דעם.

ס׳איז אַריינגעקומען די מאַנומענטאַלע, ממש פון רויט קופּער געגאָסענע אַנפימיעוונאַ, אַריינטראָגנדיק אויף די אויסגעשטרעקטע הענט אַ האַלבפּודיקן פלאָדן און, אָנקוויקנדיק זיך מיט די רוישיקע אויסדרוקן פון אַלגעמיינער התלהבות פאַר דער סאָלידער שיינקייט פון איר ווערק, האָט זי זיך געבייגט צו אַלע, צודריקנדיק די הענט צום בויך און צווינשענדיק:

— עסט געזונטערהייט!

דער פעטער כריסאַנף און וואַרוואַראַ האָבן איבערגעשטעלט די פלעשער פון פאַרבייסונגס־טיש אויף דעם מיטאָג־טיש אַרויף, דער נישט חשיבותדיקער אַקטיאָר האָט אויסגעשריגן:

— דעם קאַרפּאַגען דאַרף מען חרוב מאַכן!

איינמאָל, אַראָפּשלינגענדיק דאָס ערשטע שטיקל, האָט ער פאַרשמאַכט אַוועקגעלייגט דאָס מעסער, דעם גאָפּל און, צוקיוועטשנ־דיק די שלייפן זיינע מיט די הענט, געפרעגט מיט שטילער פרייד:

— הערט, וואָס זשע איז דאָס?

אַלע האָבן אויף אים אַ קוק געטון, מיינענדיק, אַז ער האָט זיך אָפּגעבריט, זיינע אויגן זענען פייכט געוואָרן, אָבער, שאָקלענ־דיק מיטן קאָפּ, האָט ער געזאָגט:

— דאָס איז דאָך באמת אַ געטלעך מאכל! רבונו של עולם, — ווי טאָלענטפול ס'איז די רוסישע פּרוי.

ער האָט פאַרגעלייגט אַריינצורופן די אַנפימיעוונאַ און אויס־טרינקען פאַר איר געזונט. דאָס איז איינשטימיק אָנגענומען און גע־טון געוואָרן.

נישט פאַרגעסנדיק די פּאַסכאַ־נאַכט אין פּעטערבורג, האָט סאַמגין געטרונקען פאָרזיכטיק און געוואַרט אויפן אינטערעסאַנטסטן מאָמענט. ווען די גוט אָנגעגעסענע און נישט צופיל אָנגעטרונקענע מענטשן, וואָס האָבן נאָך נישט באַוויזן שכור צו ווערן, האָבן גע־נומען רעדן אַלע מיטאַמאָל, ס'האָט זיך באַקומען אַ הוראַגאַן פון ווערטער, אַ טשעקאַווער פּלאָנטער פון פראַזן:

— אין ענגלאַנד קאָן אַפילו אַ ייד זיין אַ לאָרד!

— כדי אָפּצובראָטן אַ בירקהון דאַרף מען איר פלייש...

— פלעכאַנאָווטשינע! — האָט געשריגן דער אַלטער לי־טעראַט, און דער סטודענט פּאָיאַרקאָוו האָט עקשנותדיק, מיט אַ קול פון אַ קבר אַרויס, אים דערווידערט:

— די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטן האָבן דערגרייכט זייער מאַכט מיט לעגאַלע מיטלען...

מאַראָקועוו האָט געטענהט, אַז אין רייכסטאַג זענען צוויי דריטל מיטגלידער — גלחים, און דער פּעטער כריסאַנף האָט דערוויזן:

— קריסטוס איז אַריין אין בלוט פון רוסישן פאָלק!

— לאָמיר איבערלאָזן קריסטוסן פאַר טאָלסטאָיען!

— ק־קיינמאָל נישט! בשום אופן נישט!

— מאָליער, דאָס איז שוין אַ פּאָראַורטייל!

— אייך געפעלט בעסער סאַרדו, יאָ?

— דוּיאָ!

— אין טעאַטער גייט מען אַצינד אויס געוואוינהייט, ווי אין צערקווע אריין, נישט גלייבנדיק, אַז מען דאַרף גיין אין טעאַטער.

— דאָס איז נישט ריכטיק, דיאָמידאָוו!

— איר עסט, ליבער, וואָס מער גרעטשענע קאַשע און — ס'וועט דורכגיין!

— מיר אַלע לעבן לשם שמים.

— בראַוואָ! דאָס איז — טרויעריק, נאָר — ריכטיק!

— און איך זאָג, אַז מיט אייראָפּע וועלן אָנפירן די ענג-לענדער...

— ער איז נאָך איבער אַסטירעווס ענין צוגעצויגן גע-וואָרן...

— בײַ קיסעליעווסקין איז דער גאַנצער טאַלענט געווען אין דער שטימע, און אין דער נשמה איז בײַ אים אפילו קיין קערנדל נישט געווען.

— דערלאַנגט אַריבער דעם עסיק...

— ניין, אַנטשולדיקט שוין! אין ניזשני-נאָווגאָראָד, אין דאָרף פּאָדנאָוויע לייגט מען אייַן אוגערקעס בעסער, ווי אין ניעזשין!

— די טערקן אַרויס פון אייראָפּע! אַרויס!

— מען האָט דאָסטאָיעווסקין פאַרגעסן!

— און סאַלטיקאָוו-שטשעדרין?

— ער האָט אין יענעם סעזאָן געהאַט אַלס געליבטע די קאָ-ראָיעדאָוואַ-זמיעוואַ, אַזאַ מין, פאַרשטייט איר, — ס'איז הויך נישט צו זאָגן...

— אַצינד וועט מיט רוסלאַנד דרייען וויטע...

— מאָנאָפּאָל. אָט אַזוי — לעבט!

מען האָט געלאַכט. ניקאָדים איוואַנאָוויטש האָט ראַפּטום אָנ-געהויבן דעקלאַמירן:

אין רוטלענדישן אָקעאַן
שטראָמט דער שרײַבער ווי אַ כוואַליע,
און ברויזיק ווערט די כוואַליע דאַן
ווען צעברויזט ווערט די סטיכיע...

— און דערעיקרשט, האַלט די פּיס אין דער וואַרעם...
רוטלאַנד קאַכט אויף! קאָכט ווידער אויף...
— די סטודענטנשאַפט... דער פאַרבאַנדס־ראַט...
— ניין, די מאַרקסיסטן וועלן די פאָלקיסטן נישט בײַ־קומען...

— איך ווייס שוין יאָ, וואָס אַזוינס איז קונסט, איך בין — אַ בוטאַפאָר...

אין דעמדאָזיקן געווירבל האָט קלים אויך פון צייט־צו־צייט אַרײַנגעוואָרפן וואַראָוקעס ווערטלעך און זיי זענען אויך פאַרשוואונדן געוואָרן שפּורלאָז, צוזאַמען מיט די ווערטער פון אַלע אַנדערע מענטשן.

ס'איז אויפגעשטאַנען דער פּראָפעסאָר מיט אַ גלאָז רויטוויין, הויך אויפהייבנדיק די האַנט, האָט ער אויסגערופן:

— מײַנע הערן! כ'לייג פאָר אָנצופילן די גלעזער! לאָמיר אויסטרינקען... פאַר איר!

אַלע האָבן זיך אויפגעשטעלט און שווייגנדיק געטרונקען, ווייסנדיק, אַז מען טרינקט פאַר דער קאָנסטיטוציע; דער פּראָפעסאָר האָט אויסגעליידיקט דאָס גלאָז און געזאָגט:

— זאָל זי קו־ומען!

ער האָט כמעט שטענדיק אָן אַ טעות אויסגעקליבן פאַר זיין טאָסט דעם מאָמענט, ווען די געזעצטע מענטשן האָבן אָנגעהויבן שווער ווערן, ווען ס'איז זיי געוואָרן טרויעריק, און דאָס יונגוואַרג־פאַרקערט, האָט זיך צעפלאַמט. פּאָיאַרקאָוו האָט ווירטואָזיש געשפּילט אויף אַ גיטאַרע, דערנאָך האָט מען אין כאָר געזונגען די צער־פולע רוסישע לידער, וואָס פון זיי שטאַרבט אָפּ דאָס האַרץ, און אַלץ אין דער וועלט, דאַכט זיך, יאָמערט.

שיין, זעלבסטפאַרגעסעריש, מיט אַ הויך טענאָרל האָט געזונ־

גען דיאָמידאָװ. אין אים האָבן זיך אַנטפּלעקט אומגעריכטע אייגנשאַפטן, װאָס האָבן געװעקט קלימס סימפּאַטיע. ס'איז קלאָר געװען, אַז רעדנדיק װעגן זײַן אָפּהענטיקייט פאַר די הויזלעכע מענטשן, האָט דער יונגער בוטאַפאָר געמאַכט אַן אָנשטעל. איינמאָל האָט מאַראַקיעװ אויפגערעגט געטאַדלט דעם ייִנגן קייסער דערפאַר, װאָס אויסהערנדיק דעם באַריכט װעגן די סטודענטן, װעלכע האָבן זיך אָפּגעזאָגט אָנצונעמען די שבועה צו אים, האָט דער קייסער געזאָגט:

— „כ'װעל זיך באַגיין אָן זיי".

כמעט אַלע האָבן מסכּים געװען, אַז דאָס איז געזאָגט געװאָרן נישט קלוג. בלויז דער װייכהאַרציקער פּעטער כריסאַנף האָט פון פאַרלעגנהייט איינגעריבן מיט דער האַנט די לופט אין זײַן פליך אַריין און זיך באַמיט צו פאַרענטפערן דעם נייעם פירער פון פאָלק.

— אַ ייִנגער. היציק.

דער נישט חשיבותדיקער אַקטיאָר האָט אים אונטערגעשטיצט, אַרויסװײַזנדיק זײַנע קענטעניש אין געשיכטע:

— זיי זענען אַלע היציק אין דער יוגנט, — הענריך דער 4-טער...

דיאָמידאָװ האָט מיט אַ שמייכל, װאָס האָט איבערגעלאָזט דאָס געמאָלטע פּנים זײַנס אומבאַװעגלעך, געזאָגט מיט פרייד און אַזויװי מיט קנאה:

— זייער אַ דרייסטער קייסער!

און מיטן אייגענעם שמייכל זיך געװענדט צו מאַראַקיעװן:

— אָט, איר אָרדנט איין עפּעס אַ מין אַלגעמיינעם סטודענטן-פאַרבאַנד, און ער האָט נישט מורא פאַר אייך. ער װייסט שוין, אַז דאָס פאָלק האָט נישט ליב די סטודענטן.

— אַלהייליקסט ייִנגל סעמיאָן! פּלאַפּלט נישט קיין שטותים, — האָט אים בייז איבערגעריסן מאַראַקיעװ. װאַרװאַרא האָט זיך צעלאַכט, ס'האָט אויך אַ לאַך געטון פּאָיאַרקאָװ, גלייך אין זײַן האַלז װאָלט געקנאַקט אַ פריזירער-שערל.

און װען דער קייסער האָט דערקלערט, אַז אַלע האָפענונגען

צו באַגרענעצן זיין מאַכט — זענען זיבלאָז, האָט אפילו דער פעטער כריסאַנף אומעטיק געזאָגט:

— ער האָרכט אויסוואורפן, דאָס איז שלעכט!

אָבער דער בוטאַפאָר האָט, קוקנדיק אויף אַלע מיט אויגן פון אַ דערוואַקסענעם אויף קינדער, באַגיטיקענד און עקשנותדיק איבערגעחזרט:

— ניין, ער איז — אַן ערלעכער. ער איז — אַ מוטיקער, ווייל — אַן ערלעכער. אייבער קענען אַלע...

מאַראַקועוו, פּאַיאַרקאַוו און דער חבר זייערער, דער ייד פּרייס, האָבן אַ געשריי געטון:

— וויאַזוי — אייבער? און — די זשאַנדאַרן? די ביוראָקראַטן?

— דאָס זענען — משרתים! — האָט געזאָגט דיאָמידאָוו. — קיינער פרעגט נישט בײַ משרתים, וויאַזוי מען דאַרף לעבן.

מען האָט אים גענומען איבערצייגן אין דריי שטימען. אָבער ער איז עקשנותדיק אַנטשוויגן געוואָרן. מיט אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ קוקנדיק אונטערן טיש אַרונטער.

קלים סאַמגין האָט פאַרשטאַנען, אַז דיאָמידאָוו איז אומוויסנד, אָבער דאָס האָט נאָר פאַרשטאַרקט זיין סימפּאַטיע צום יונגנמאַן. אַזעלכן האָט לידיאַ נישט געקאָנט ליב האָבן. אין בעסטן פאַל באַציט זי זיך צו אים גרויסמוטיק, האָט רחמנות אויף אים, ווי אויף אַ פאַרבלאָנקעט קעצל פון אַן אינטערעסאַנטער ראַסע. ער האָט אפילו אַ ביסעלע מקנא געווען דיאָמידאָווס אויסגעהאַלטענע עקשנות און זיין שפּאָטישן בליק אויף די סטודענטן. זיי פלעגן אַלץ מער קומען אין פעטער כריסאַנפס היימלעכער, אויפן הויף באַהאַלטענער דירה. זיי פלעגן געשעפּטסלעך אָפּהאַלטן זיצונגען בײַ וואַרוואַרען אין צימער, וואָס איז באַצירט געווען מיט אָן אַ שיעור פאָטאָגראַפיעס און גראַווירן, וועלכע האָב פאַרגעשטעלט באַרימטע טעאַטערטוער; בײַ איר זענען געיען די זעלטענע פאָרטרעטן פון האָגאַרטן, אָלרידזשן, ראַשעל, מאַדמואַזעל מאַרס, טאַלמאַ. די סטודענטישע זיצונגען האָבן זייער באַמרויקט מאַקאַראָוון און אַרויסגערופן נחת

באם פעטער כריסאַנף, וועלכער האָט זיך געפילט אַלס באַטייליקטער אין די אָנרייפנדיקע גרויסע געשעענישן. ער איז געווען אומוואַקל־האַפט איבערצייגט, אַז מיטן קרוינען ניקאָלאַי דעם צווייטן וועלן אומפאַרמיידלעך קומען גרויסע געשעענישן.

— אָט, וועט איר זען, איר וועט זען! — האָט ער גע־היימנישפול געדעדט צו דעם אויפגערעגטן יונגוואַרג און כיטרע פּאַרק-עפּלט די קנעפּלעך פון זיינע אויגן אין די רויטע פעטלקעס פון די אויגן-לעפּלעך. — ער — וועט אַלע אָפּנאַרן, לאָזט אים נאָר זיך אַרומקוקן! אויף די אויגן זיינע, אויפן שפּיגל פון דער נשמה, לייגט איר נישט קיין אַכט. קוקט זיך נאָר איין אין זיין פּנים!

און ער האָט געשפּאַסט:

— עך, דיאַמידאַוו, ווען דו לאָזסט דיר אָנוואַקסן אַ בערדל, און אויך די לאָקן צושערן, — ביסטו פּאַרטיק צו דער ראָלע פון אַ פּסיידאָ-קייסער. פּולקאָם פּאַרטיק!

קלים סאַמגין איז געווען זייער צופרידן, דערפון, וואָס ער האָט באַשלאָסן זיך נישט צו לערנען דעם ווינטער. אין אוניווערזי־טעט איז געווען אומרויִק. די סטודענטן האָבן אויסגעפּייפט דעם היסטאָריקער קלוטשעווסקין, האָבן אויך באַליידיקט נאָך עטלעכע פּראָפעסאָרן; די פּאָליציי האָט צעטריבן די מיטינגען, צוויי און פערציק ליבעראַלע פּראָפעסאָרן האָבן בודירט, און צוויי און אַכ־ציק האָבן זיך דערקלערט אַלס אָנהענגער פון אַן אַנטשלאָסענער מאַכט. וואַרוואַראַ איז אַרומגעלאָפן איבער די אַנטיקוואַריעס און געזוכט די פּאָרטרעטן פון מאַדאַם ראָלאַן און האָט זייער באַדויערט, וואָס ס'איז נישטאָ דער פּאָרטרעט פון טערואַן דע מעריקור.

בכלל האָט דאָס לעבן אָנגענומען אַן אומרויִקן כאַראַקטער און קלים סאַמגין איז גרייט געווען מודה צו זיין, אַז דער פעטער כריסאַנף איז גערעכט געווען אין זיינע פּאָרגעפילן. באַזונדער שטאַרק האָבן זיך איינגעשניטן אין קלימס זכרון עטלעכע פיגורן, וועלכע ער האָט געטראָפן אין משך פון דאָזיקן ווינטער.

איינמאָל איז סאַמגין געשטאַנען אין קרעמל, באַטראַכטנדיק די כאַאָטישע אָנגעוואָרפנקייט פון די שטאָטישע הייזער, וואָס זע־

נען יומטובדיק באַלויכטן געווען דורך דער זון פון דעם ווינטערדיקן מיטנטאָג. לייכטער פראָסט האָט קונדייסיש געציפּט די אויערן, דאָס שטעכיקע פינקלען פון די שנייעלעך האָט געבלענדט די אויגן; די דעכער, זאָרגפול אַרומגעהילטע מיט דיקע שיכטן זילבערנעם פוך, האָבן צוגעגעבן דער שטאָט אַ היימלעך אויסזען, מען האָט געקאָנט מיינען, אַז אונטער דידאָזיקע דעכער לעבן פריינדלעך און ליכטיקער וואַרעמקייט זייער ליבע מענטשן.

— וואָס מאכט איר, — האָט געזאָגט דיאָמידאָוו, אָננעמענדיק קלימען באַם עלנבויגן. — סאַראַ שרעקלעכע שטאָט, — האָט ער פאַרגעוועצט, אָפּזיפצנדיק. — ווינטער איז זי נאָך צו דערליידן, אָבער זומער — אינגאַנצן אוממעגלעך. גייסט אויף דער גאַס און ס׳דאַכט זיך אַלץ, אַז פון הינטן קריכט אויף דיר, פאַלט אַרויף עפּעס שווערס. און די מענטשן זענען דאָ — האַרטע. און — באַרימערס.

ער האָט ווידער אַ זיפץ געטון, זאָגנדיק:

— כ׳האָב נישט ליב, ווען מען אכעט, — אַך, מאָסקווע!

דיאָמידאָווס פאַרוויטלטע פּנים האָט אויסגעזען נאָך מער בעמאָלט, ווי ס׳איז תּמיד געווען. דאָס אַלטע פאָקענע היטל איז קליין פאַר זיין געלאָקטן קאָפּ. דער פּאַלטן — אַן אויסגעריבענער, מיט פאַרשידענע קנעפּלעך, די קעשענעס איינגעריסן און שטאַרן אָפּ.

— וואוהין גייט איר? — האָט געפרעגט קלים.

— מיטאָג עסן.

און אַ דריי געבנדיק מיטן קאָפּ אויף דער צערקווע פון טשודאָווער מאָנאַסטיר, האָט ער געזאָגט:

— כ׳פאַרריכט דאָ די איקאָנעשאַנק.

— אַזוי גאָר! אי טעאַטער אי אין צערקווע אַרבעט איר...

— איז וואָס? אַלציינס אַרבעט. מיך האָט אַ באַקאַנטער שניצער און גאָלד־ליישער איינגעלאַדן, אַ מערקווירדיקער...

דיאָמידאָוו האָט זיך אָנגעכמורעט, בעשוויגן אַ ווײַלע און פאַרבעלייבט:

— לאָמיר גיין אין אַ טראַקטיר, איך וועל עסן מיטאָג, און איר וועט טרינקען טיי. עסן וועט איר דאָרט נישט וועלן, נישט פאַר אייך, נאָר טיי איז דאָרט גוטע.

ס׳וואָלט אינטערעסאַנט געווען אַ ביסל צו שמועסן מיט דיאַ־מידאָוון, אָבער די נסיעה מיט אַזאַ אָפּגעחומרטן חברה־מאַן האָט נישט געשמייכלט קלימען; אַ סטודענט צוזאַמען מיט אַן אַרבעטער — אַ פאַרדעכטיקע פּאָר. קלים האָט זיך אָפּגעזאָגט צו גיין אין טראַקטיר אַריין, און דיאַמידאָוו האָט אומרחמנותדיק אָנגעריבן מיט דער האַנט דאָס פאַרפרוירענע אויער און געזאָגט:

— כ׳אַרבעט כסדר. כ׳וויל אַ סך געלט אָנזאַמלען.

און פּלוצלינג האָט ער אַ פרעג געטון:

— איר באַגייסטערט, וואָס לידיאַ טימאָפעיעווגאַ גרייט זיך צום טעאַטער?

נישט צוואַרטנדיק אויף אַן ענטפער, האָט ער באַלד אויפגעדעקט דעם זינען פון דער פראַגע:

— דאָס איז דאָך אַלציינס, ווי גיין באַקעטערהייט איבער דער גאַס.

— לידיאַ טימאָפעיעווגאַ איז אַ דערוואַקסענער מענטש, — האָט טרוקן דערמאַנט קלים.

דיאַמידאָוו האָט באַשטעטיקענד אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ.

— לויט מיין מיינונג, זענען קלוגע אָפטער זיך טועה אין זיך.

— פאַרוואָס מיינט איר אַזוי?

— נאָר — ווי דען? איך לייען ביכער, כ׳זע...

דאָס האָט זיך אויסגעוויזן קלימען חוצפּהדיק, אַן עם־הארץ. קען ריכטיק נישט רעדן, און פּרוווט אויך...

— וואָס זשע לייענט איר?

— אַלדינג, אַלע שרייבן וועגן טעותים.

צוטופּענדיק מיטן פוס, האָט ער געפרעגט:

— איר פאַרנעמט זיך מיט רעוואָלוציע?

— ניין, — האָט קלים געענטפערט, אַ קוק געבנדיק דיאַמי־

דאָוון גלייך אין די אויגן אַריין, זייער בלויקייט איז באַזונדער גע־דיכט געווען אין דעמדאָזיקן טאָג.

— איך קלער, איר פֿאַרנעמט זיך, — איר זענט אַזאַ באַ־האַלטענער.

— פֿאַרוואָס אינטערעסירט אייך דאָס?

— ווען מען רעדט מיט מיר וועגן דעם, ווייס איך, אַז דאָס איז אמת, — האָט דיאַמידאָוו פֿאַרטראַכט אַרויסגעמורמלט. — אוודאי — אמת, וואָרים — וואָס זשע איז דאָס?

ער האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט אויף דער שטאָט.

— און כאָטש איך ווייס, אָבער — כ׳גלייב נישט. איך האָב אַן אַנדער געפֿיל.

— וועגן רעוואָלוציע רעדט מען נישט אויף דער גאַס, — האָט באַמערקט קלים.

דיאַמידאָוו האָט זיך אומגעקוקט.

— דאָס איז נישט קיין גאַס. איר ווילט, וועל איך אייך ווייזן אַ געוויסן מענטש? — האָט ער פֿאַרגעלייגט.

— וואָסערן?

— איר וועט זען. אַ מערקווירדיקער. ער דרשנט אין די שבתים.

— רעוואָלוציע?

— לויט מײַן מיינונג — נאָך ערגער, — האָט נישט באַלד געענטפֿערט דיאַמידאָוו. קלים האָט אַ שמייכל געטון.

— אַ קאָמישער מענטש זענט איר!

— לאָמיר גיין! — האָט שטיל, נאָר עקשנותדיק געבעטן דיאַמידאָוו. — הײַנט — איז שבת. נאָר איר זאָלט זיך אָנטון פּראָסטער. כאָטש — ס׳איז אַלץ איינס, — ס׳קומען אַזעלכע אויך. אפֿילו אַ פּאָליציי־קאָמיסאַר קומט דאָרטן. און — אַ דיאַקאָן.

לויטן גלעטנדיקן בליק פֿון דעם קאָמישן מענטש איז געווען קלאָר: אים ווילט זיך זייער, אַז סאַמגין זאָל גיין מיט אים און ער איז זיכער, אַז סאַמגין וועט גיין.

— ס׳איז מוראדיק אינטערעסאַנט. דאָס דאַרף מען צו וויסן, —

האָט ער געזאָגט. די ברילן — נעמט אַראָפּ, באַברילטע מענטשן האָט מען נישט ליב.

קלים האָט זיך געוואָלט אָפּזאָגן צו הערן צוזאַמען מיטן פּאָליצײ־קאָמיסאַר אַ דרשה וועגן עפּעס ערגערס פֿון רעוואָלוציע, אָבער די נײַגיריקײט האָט גובר געווען זײַן פֿאָרזיכטיקײט. ס'זענען באַלד אויפגעשוואומען נאָך עפּעס אַזוינע נישט גאַנץ קלאָרע טעמים און זיי האָבן אים געצוואונגען צו זאָגן:

— גיט מיר דעם אַדרעס, איך וועל, אפשר, קומען.

— איך וועל בעסער אַרײַנקומען נאָך אײַך, צופֿירן...

— נײן, באַמרויקט זיך נישט...

אינאָוונט האָט קלים געבלאָנזשעט איבער די געסלעך לעבן דעם סוכאַרעווע־טורעם. מילד האָט געשײַנט די לבנה, די פֿראָסט איז שטאַרקער געוואָרן; שנעל האָבן געשימערט טונקעלע מענטשן, אײַנגעבויגן, פֿאַרשטעקט די הענט אין די אַרבל און אין די קעשענעס; איבער די שניי־בערג זענען געשפּרונגען זייערע משונהדיקע שאָטנס. די לופֿט האָט קריסטאָליש געציטערט פֿונם געקלאַנג פֿון אומצײַלבאַרע גלאָקן, וואָס האָבן גערופֿן צו דער נאַכט־תּפֿילה.

— ס'איז אינטערעסאַנט, — און וואָס פֿאַר אַ סביבה לעבט דערדאָזיקער האַלב־משוגענער, — האָט קלים געטראַכט. — אויב ס'וועט עפּעס געשעען — איז דאָס ערגסטע, וואָס כ'קאָן זיך ריכטן — וועט מען אַרויסשיקן פֿון מאָסקווע. נו, מילא. וועל איך לײַדן אַ ביסל. דאָס איז — אין דער מאָדע.

אָט איז ענדלעך, איבער די אַלטע טויערן, די האַלב־קײַלעכיקע שילד: „קוואַס פֿאַבריק". סאַמגין איז אַרײַנגעגאַנגען אין הויף, וואָס איז ענג אָנגעשטעלט געווען מיט הויפֿנס קוישן, באַדעקטע מיט שניי; וואו־נישט־וואו האָבן דורך דעם שניי אַרויסגעשטאַרט העלזלעך און דנאָען פֿון פֿלאַשן, די לבנה־שײַן האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין טונקעלן גלאָז מיט אָן אַ שיעור פֿאָרמלאָזע אויגן.

אין דער טיף פֿון הויף האָט זיך דערהויבן אַ לאַנגער, אין דער ערד געזונקענער ציגל־בנין; ער איז געווען אָדער געוואָלט זײַן אַ צווײשטאָקיקער, אָבער צוויי דריטל פֿון צווייטן שטאָק זענען

צעבראָכן אָדער נישט דערבויט. די טירן, ברייטע, פונקט ווי טוי-
ערן, האָבן צוגעגעבן דעם אונטערשטן שטאָק דעם אָנבליק פון
אַ פערדשטאַל, אין דעם פאַרבליבענעם אויבערשטן שטאָק האָבן
מאַט געלויכטן צוויי פענצטער, און אונטער זיי, אין דעם אונטערשטן,
האָט אַ קוואַדראַטנע פענצטער געפלאַמט אַזוי העל, גלייך הינטער
זיינע שויבן וואָלט געברענט אַ פייער.

קלים סאַמגין האָט אַ קלאַפּ געטון מיטן פוס אין דער טיר,
פילנדיק אַ פאַרלאַנג אַוועקציגיין פון הויף, אָבער אין דער טיר
האָט זיך אויפגעעפנט אַן אומבאַמערקט, שמאָל טירעלע און אַן אומ-
געזעענער מענטש האָט געזאָגט מיט אַ שטיל קול אויף אַ:

— פאָרזיכטיק, פיר טרעפּ.

דערנאָך האָט סאַמגין זיך דערפילט אויף דער שוועל פון
אַ צווייטער טיר, פאַרבלענדט פון דעם העלן פלאַם פונם אויוון,
דער אויוון — אַ ריזיקער און ס'איז אין אים איינגעמויערט געווען
צוויי קעסלען.

— וואָס זשע? גייט אַריין, — האָט געזאָגט אַ דיקע פרוי
מיט שוואַרצע וואָנסעס, אָפּווישנדיק מיטן פאַרטוך די הענט אַזוי
שטאַרק, אַז זיי האָבן געסקריפּעט.

אין דער האַ ב-קעלערדיקער דירה מיטן געוועלבטן סופיט
איז געווען טונקל און ס'איז געשטאַנען אַ פייכטלעכע וואַרעמקייט,
דורכגעזאַפּט מיט אַ דומפּיקן ריח פון פאַרדאָרבן פלייש און פון
מיסט. לעבן אויוון, אין אַ הילצענער קאָריטע צו וואַשן גרעט, האָבן
געווייקט רינדערנע מאָגנס, די צווייטע, אויך אַזאַ קאָריטע, איז אָנ-
געפולט געווען מיט בלוטיקע קלימפּן לעבערס און לונגען. לענג-
אויס דער וואַנט זענען געשטאַנען זעקס ערדענע טעפּ, און נאָך זיי
אין ווינקל אויף אַ קאַסטן איז געזעסן, אָנגעשפּאַרט מיטן קאַרק און
רוקן אָן דער וואַנט, אויסגעשטרעקט די לאַנגע, דינע פיס פון
אַ קעמל, אַ מענטש אין אַ גרויסער סוטאַנע. אָפּגעקלעפּט דעם קאַרק
פון דער וואַנט, האָט ער אויסגעצויגן דעם לאַנגן האַלז און גע-
פרעגט מיט אַ באַס נישט הויך:

— אַן אַפּטייקער?

— פאַרוואָס קלערט איר, אַז אַן אַפּטייקער? — האָט ביי אַ פרעג געטון קלים.

— לויטן אויסערלעכן אָנבליק, נאַטירלעך... זעצט זיך אָפּ אַהער...

קלים האָט זיך אַוועקגעזעצט אַנטקעגן אים אויף די ברייטע נאַרעס, גראָב צונויפגעשלאָגענע פון פיר ברעטער; אין ווינקל פון די נאַרעס איז געלעגן אַ קופּע חפצים, עמעצנס אַ געלעגער. דעם גרויסער טיש פאַר די נאַרעס האָט אַרויסגעלאָזט אַ חלשותדיקן ריח פון פאַרשטונקן שמאַלץ. הינטער אַ הילצערן ווענטל, אַ נישט געפאַרבטס און געלעכערטס, האָט זיך געלויכטן פייער, דאָרטן האָט עמעצער כּסדר געהוסט, געשוואַרשעט מיט פּאַפּיר. די וואַנסיקע פרוי האָט אָנגעצונדן אַ בלעכערנעם לאָמפּ, אַנידערגעשטעלט אים אויפן טיש און אַ קוק געגעבנדיק אויף קלימען, געזאָגט צום דיאַקאָן:

— אַן אומבאַקאַנטער.

דער דיאַקאָן האָט צוגעשוויגן. דעמאָלט האָט זי אַ פרעג געטון סאַמגינען:

— ווער האָט אייך גערופן?

— דיאָמידאָוו.

— אַ-אַ! סעניאַ. דעמידאָוו הייסט ער.

זי איז צוגעגאַנגען צום אויוון, שמעקנדיק צו אירע הענט, אָבער זי האָט זיך אָפּגעשטעלט און אַ פרעג געטון:

— ער האָט געזאָגט — אין ברילן?

— די ברילן האָב איך מיט זיך.

— נו, גוט...

קלים האָט אַרויסגענומען פון קעשענע די ברילן, זיי אָנגעטון און דערזען, אַז דער דיאַקאָן איז שוין אַלט אַריבער פערציק. און דאָס פּנים איז בײַ אים אַזוינס, ווי מען מאָלט אויף די איקאָנעס הייליקע נזירים. נאָך אָפטער טרעפן זיך אַזעלכע פּנימער בײַ הענדלער פון אַלטע זאַכן, בײַ מוסרים און קמצנים, און סוף כּל סוף שאַפט דער זכרון פון אַ סך אַזוינע פּנימער

א צוידרינגלעך בילד פון עפעס א מין אומשטערבלעכן רוסישן מענטש.

ס'זענען אריינגעקומען צוויי: איינער א ברייטפלייציקער, א קוטשמעוואטער, מיט א געקרייזלטער באָרד; אין איר איז פאַרגליווערט געווען אן אומבאַשטימטער שמייכל: א שכורער אָדער א שפּאַטישער. באַם אויוון האָט זיך אנידערגעשטעלט ווארעמען עפּעס איינער א הויכער, מיט שווארצע וואָנצעס און א שפּיציקער באָרד. אן גערויש איז דערשינען א ייִנגע פרוי אין א טיכל, אראָפּגערוקט ביז די ברעמען. דערנאָך זענען איינער נאָכן אנדערן אריינגעקומען נאָך פיר מענטשן, זיי האָבן זיך צונויפגעשטופּט באַם אויוון, נישט צוגייענדיק צום טיש, אין דער טונקלקייט איז שווער געווען צו אונטערשיידן זיי. אלע האָבן געשוויגן, קלאַפּנדיק און רייבנדיק מיט די פיס איבער דער ציגלדיקער פּאָדלאָגע, בלויז א שמייכלדיקער מענטש האָט געזאָגט עמעצן:

— אפילו א פּריץ איז געקומען... אן אנטילעגענד...

קלים האָט געפילט, אַז ער ווערט דערשטיקט אין דערדאָזיקער צעפּוילטער לופט, אין דער קאַשמאַרהאַפטער אומגעבונג, ס'האָט זיך אים געוואָלט אוועקגיין. ענדלעך איז אריינגעלאָפן דיאָמידאָוו, האָט אלעמען באַקוקט, א פרעג געטון קלימען:

— אהא, איר זענט געקומען? — און געשוויגן ארונטערגעגאַנגען הינטערן ווענטל.

אין א מינוט אַרום איז פון דאָרטן חשיבותדיק אַרויסגעקומען א קליין מענטשל מיט א צעשויבערט בערדל און א גרוי. אומבאַדייטנד פּנים. ער איז געווען אנגעטון אין א ווייבערישער וואַטענער יאַקע, אויף די פיס, ביז איבער די קני וואוילאָקענע שטיוול. די גרויע האָר אויף זיין קאָפּ זענען אָנגעשמירט געווען מיט אייל און זענען געלעגן גלאַטיק. אין איין האַנט האָט ער געהאַלטן א שמאָל און לאַנג בוך, ווי ס'באַנוצן די קרעמער צום פאַרשרייבן חובות. צוקומענדיק צום טיש, האָט ער געזאָגט צום דיאָק אָן:

— דו שפּאַר זיך נישט מיט מיר...

ער האָט זיך אוועקגעזעצט, געעפנט דאָס בוך און א קוק געבנדיק אויף סאַמגינען, געפרעגט דיאָמידאָוון:

— דערדאָזיקער?

— יאָ.

— נו, גוטן אָוונט! — האָט זיך געווענדט דער אומבאַדייטנדער מענטש צו אַלע. די שטימע איז בײַ אים אַ קלאָנגפולע און ס'איז מאָדנע געווען צו הערן, אַז זי קלינגט מאַכטפול. אַ האַלבע דלאָניע פון זײַן לינקער האַנט איז געווען אָפּגעבראָכן, ס'זענען געבליבן בלויז דרײַ פינגער: דער גראָבער, דער ווײַזפינגער און דער מיטלסטער. איבערמישנדיק מיט דער רעכטער האַנט די שמאָלע בלעטלעך פון דעם בוך, וואָס איז באַשריבן געווען מיט היפּשן כתב, האָט ער מיט דער לינקער געצייכנט אינדערלופטן אויסטערלישע געמעלן, אין דידאָזיקע זשעסטן איז געווען עפּעס פיבערהאַפטס און ס'האָט זיך נישט צונויפגעגאָסן מיט זײַן רויקער שטימע.

— דעם הײַנטיקן אָוונט האָב איך געוואָלט פאָרזעצן ווייטער מײַן לערע, נאָר אַזוי ווי ס'איז געקומען אַ נײַער מענטש, דאַרף מען בקיצור אים זאָגן מײַנע הנחות, — האָט ער געזאָגט, באַטראַכנדיק די צוהערער מיט פאַרבלאָזע און אַזוי ווי שכורע אויגן.

— ווייטער, לאָמיר הערן, — האָט געזאָגט דער שמייכלענדיקער מענטש און זיך אָוועקגעזעצט לעבן קלימען.

דער פרײַדיקער האָט אַ קוק געטון אין ביכל אַרײַן און פאַרגעזעצט זייער רויק, גלײַך ער וואָלט דערציילט געוויינלעכע און אַלעמען אַלט־באַקאַנטע זאַכן:

— איך לערן, מײַן הער, אין פולן הסכם מיט דער לערע און די ווערק פון ליעוו טאָלסטאָי, קיין שום שעדלעכס איז אין מײַן לערע נישט פאַראַן. דאָס אַלץ איז זייער פשוט: דידאָזיקע וועלט, אונזערע, איז אינגאַנצן — דאָס ווערק פון מענטשלעכע הענט, אונזערע הענט זענען — קלוגע, און די קעפּ — נאַרישע, דערפון שטאַמען זי צרות פון לעבן.

קלים האָט אַ קוק געטון אויף די מענטשן, זיי זענען אַלע געזעסן שווייגנדיק; זײַן שכן האָט זיך אײַנגעבויגן און צונויפגעוויקלט אַ פּאַפּיראָס. דיאָמידאָוו איז נעלם געוואָרן. ס'האָט אויפגעקאָכט און געצוואָלעוועי! דאָס וואַסער אין די קעסלען, די וואַנטיקע

פרוי האָט געשהאָנקען אין דער קאַריטע די קישקעס, די רינדענע מאָגנס, ס'האָט געציִשעט דאָס נאַסע האָלץ אין אויוון. ס'האָט גע־ציטערט און אונטערגעשפּרונגען דאָס פייער אין לאָמפּ, דאָס אָפּגע־האַקטע גלעזל האָט געקאַפּטשעט. אין דער טונקלקייט האָבן די מענטשן זיך אויסגעוויזן פאַרמלאָזן, אומנאַטירלעך צוזאַמענגעדרענגט.

— וואָס מיינט מען עס — די וועלט, אויב אַ קוק צו טון ריכטיק ? — האָט געפרעגט דער מענטש און אָנגעצייכנט מיט די דריי פינגער אין דער לופט אַ שלייף. — די וועלט איז — די ערד, די לופט, דאָס וואַסער, דער שטיין, דער בוים. און דעם מענטש — איז דאָס אינגאַנצן נישט נייטיק.

קלימס שכן האָט פאַררוּיכערט און געפרעגט :

— אָבער פונוואַנען ווייסטו, יאַקאָוו פּלאַטאָניטש, וואָס מען דאַרף, וואָס — נישט ?

— כ'וואָלט נישט געוואוסט, וואָלט איך נישט גערעדט. און — שלאָג נישט איבער. וויבאַלד איר אַלע דאָ וועט מיך גע־מען לערנען, וועט דאָס זיין אַ נאַרישער ענין. אַ קאָמישער. איר זענט — אַ סך, און אַ תּלמיד — איינער. ניין, לערנט איר זיך שוין בעסער, און לערנען — וועל איך.

— פּלינק ? — האָט איינגערוימט קלימען דער שמייכלענדי־קער שכן, אַ הויך געבנדיק אויף זיין באַנק ארויף מיט ווארעמען רויך.

און דער לערער האָט ווייטער געמאָסטן און רויק אריינגע־שטאָמפּערט אין דער טונקלקייט :

— דער שטיין איז אַ נאַר. און דער בוים איז אַ נאַר. און איטלעכעס געוויקס איז צו גאַרנישט, וויבאַלד ס'איז נישטאָ דער מענטש. און ווען צו דעמדאָזיקן נאַרישן מאַטעריאַל רירן זיך צו אונ־זערע הענט, האָבן מיר באַקוועמע הייזער צום וואוינען, וועגן, בריקן און כּלערליי זאַכן, מאַשינען און שפּילצייגן ווי אַרצאַבן אָדער קאָרטן און מוזיקאַלישע טראָמפּייטן. אַזוי איז עס. איך בין פריער געווען אַ סעקטאַנט, אַ סיוטאַיעווער, אָבער דערנאָך האָב איך אָנגעהויבן אריינדרינגען אין דער אמתער פילאָזאָפיע וועגן

לעבן און — דורכגעדרונגען דורך און דורך, מיט דער הילף פון אן אומבאַקאַנטן מענטש.

— אַן „אויסטייטשנדיקער הער" — האָט זיך דערמאַנט קלים.

פון דער טונקלקייט האָט זיך אַרויסגערוקט אַ פּאָקן-געשטופּלט פּנים און אַ פאַרקילט קול האָט הייזעריק אַ בעט געטון:

— וועגן גאָט בעסער...

יאַקאָוו פּלאַטאָנאָוויטש האָט מיט דער דרייפינגערדיקער האַנט אונטערגעהויבן דעם לאָמפּ, אַ קוק געטון אויף דעם מאַנער מיט פאַרמרוזשעטע אויגן און געזאָגט:

— דאָ לערן איך. איך ווייס, ווען מ'דאַרף וועגן גאָט.

דערנאָך האָט ער ווידער זיך געווענדט צו סאַמגינען:

— די געלערנטע דערווייזן, אַז גאָט איז אָפּהענגיק פון קלימאַט, פון וועטער. וואו די קלימאַטן זענען גלייכמעסיקע, דאָרטן איז אויך גאָט אַ גוטער, און אין די הייסע, אין די קאַלטע ערטער — איז אַ גרויזאַמער גאָט. דאָס דאַרף מען פאַרשטיין. הייַנט וועט וועגן דעם נישט געלערנט ווערן.

— ער האָט מורא פאַר אייך, — האָט קלימען איינגערוימט דער שכן און גענומען שפּייען אויפן אויסגעריכערטן פּאַפּיראָס.

דער פילאָזאָף האָט אַנטשלאָסן אַ שטרייך געטון מיט דער קריפּלהאַפטער האַנט איבערן טיש און זיך פאַרטיפט אין בוך, איבערמישנדיק די בלעטלעך.

סאַמגין האָט זיך געפילט קראַנק, מבולבל, אַריינגעקוועטשט אין אַ קאַשמאַר. ווען מען וואָלט אים דערציילט, וואָס ער האָט געזעען און געהערט, וואָלט ער נישט געגלייבט. אַלץ בייזער האָט געקאָכט דאָס וואַסער אין די קעסלען, אָנפילנדיק דעם קעלער מיט שווער שטינקענדיקן דאַמף. די וואָנסיקע פרוי האָט געשלאָפן אין די קאַריטעס מיט די שוואַרצע שטיקער לונגען און לעבער, געשוואָנקען די קישקעס, אויסדרייענדיק זיי פונקט ווי ברודיקע זאַקן. זי האָט זיך געפּאָרעט אייַנגעבויגענערהייט און איז ענלעך געווען צו אַ בערעכע. באַם אויוון האָט עמעצער אַרויסגעבראָכט, אַ רוק

געטון מיט די פיס איבער דער פאָדלאָגע און אָפּהילכיק זיך אַ קלאַפּ געטון מיטן קאָפּ אָן וואַנט. דער פּרעדיקער האָט אַ קוק געטון אויף אים פון אונטער דער דלאָניע אָפּער און געזאָגט נישט שמייכלענ־דיק און נישט בייז:

— היט אָפּ דעם קאָפּ, אפשר — טויג ער נאָך.

די דרייפינגערדיקע האַנט זיינע, ענלעך צו אַ ראַקן־פּיסל, האָט זיך געבאַמבלט איבערן טיש, וועקנדיק אָן אומהיימלעך און עקלדיק געפיל. ס'איז נישט אָנגענעם געווען צו זעען דאָס פּלאַ־טשיקע, און דורך דער טונקלקייט — נאָך מער ממושכשע פּנים, און דערויף שפּעלטלעך, אין וועלכע ס'האָבן נישט העל געלויכטן שכורדיקע אויגן. ס'האָט אויפגעבראַכט דער זעלבסטזיכערער טאָן, ס'האָט אויפגעבראַכט די בפירושע פּאַראַכטונג צו די צוהערער און זייער הכנעהדיק שווייגן.

— פון דעם הימלישן מלך וועלן מיר זיך אַראָפּלאָזן צו ערדישע...

אויף אַ רגע שטיל בלייבנדיק, האָט דער לערער זיך אַ קראַץ געטון אין דער באָרד און פאַרענדיקט:

— ...ענינים.

דער צוגעלאָזענער שכן קלימס האָט פריידיק אַ פליסטער געטון:

— וועגן דעם מלך־הונגער וועט ער אָנהייבן...

— מיר אַלע לעבן לויטן געזעץ פון ראַנגלען זיך איינער מיטן אַנדערן, אין דעם טאַקע ווייזט זיך אַרויס אונזער הויפּט־באַרישקייט.

די האַמעטנע ווערטער זיינע האָבן געצוואונגען קלימען איראָ־ניש אַ קלער צו טון:

— קוטוזאָוו וואָלט עס באַדאַרפט הערן!

און דאָך איז באַליידיקענד געווען צוצוקוקן ווי העסלעך און עזותדיק דאָס סוטערינע־מענטשל דעקט אויף דעם באַקאַנטן, כאָטש אפילו פיינדלעכן געדאַנקען־גאַנג קוטוזאָווס.

— לאָמיר נעמען אַלס ציל־פּונקט פאַרן אויג און שכל אַזאַ באַסירונג: ס'קומען צו גיין צום יינגן קייסער אייניקע פּשוטע

מענטשן און לייגן פאַר דו וואָלסט, מאַיעסטעט, אויסגעקליבן פון פאָלק די קלוגסטע מענטשן, כּדי פריי זיך דורכצושמועסן וויאַזוי בעסער איינצואָרדנען דאָס לעבן. און ער ענטפערט זיי: דאָס איז אַ זינלאָזער אויפטו. און דער בראָגפּן־האַנדל איז אינגאַנצן אין זיינע הענט. און — אַלע שטייערן. אָט וועגן וואָס מען דאַרף צו קלערן...

— פלינק? — האָט מיט אַ הייזן פּליסטער אַ פרעג געטון קלימס שכן. און, שטאַרק רייבנדיק די הענט:

— אַ מיניסטער, דער הינטישער קאָטער!

— איר גלייבט אים?

— פאַרוואָס זשע נישט גלייבן? ער זאָגט דעם אמת.

אָפּרעדנדיק נאָך אַ מינוט צוויי, האָט דער פּרעדיקער אַרויס־גענומען פון קעשענע מיט זיין ראָקן־פּיסל אַ שוואַרצן זייגער, אי־בערגעוואויגן אים, פאַרמאַכט דאָס בוך און, אַ קלאַפּ געבנדיק דער־מיט איבערן טיש, זיך אויפגעהויבן.

— אויף היינט — וועט גענוג זיין! טראַכט.

אַלע האָבן זיך אַ ריר געטון, און דער געשטופּלטער האָט הויך אַרויסגעזאָגט:

— יישר כּוח, יאַקאָוו פּלאַטאָניטש.

יאַקאָוו האָט צוויי מאָל אַ שאָקל געגעבן צו אים, אויפגע־הויבן די נאָז, אַ שמעק געטון און פאַרקרומט דאָס פּנים, זאָגנדיק:

— גלאַפּירא! איך האָב דאָך דיך געבעטן: ווייק נישט די קישקעס אין הייס וואַסער. קיין נוצן איז נישטאָ דערפון, בלויז אָן עיפּוש.

און ווען סאַמגין, גייענדיק צו דער טיר, האָט זיך אויסגע־גלייכט מיט אים, האָט ער אים אָנגעכאַפּט באַם אַרבל און געזאָגט מיט חוזק:

— אָט, מיין הער, די שוועסטער מיינע פאַבריצירט עסן פאַר אָרעמע לייט, — אַ שמעקעדיק עסן, האַ? אַזוי איז עס. אָבער אין טעסטאָוס טראַקטיר...

— אַנטשולדיקט, איך מוז שוין גיין, — האָט אים איבער־געריסן קלים.

אַרויסקומענדיק אויף דער שטאַרקער קעלט פון דער גאַס, האָט ער אָפּגעטעמט אַזוי טיף, ווי ער האָט נאָר געקאָנט; ס'האָט זיך אים אַ דריי געטון דער קאָפּ און ס'איז גרין געוואָרן אין די אויגן. די נידעריקע, אַלטע הייזלעך און די שניי-בערג, דער ליידיקער הימל איבער זיי און די אייזיקע לבנה, אַלץ האָט אויף אַ מינוט זיך אויסגעוויזן גרין, באַדעקט מיט שימל, פאַרפוילט. סאַמגין האָט אייליק געשפּאַנט און זיך אָפּגעטרייסלט, כּדי אַוועקצוטרייבן פון זיך דעם חלשותדיקן ריח פון פאַרדאַרבענעם פלייש. ס'איז נאָך נישט געווען שפּעט, ס'האָט אָקאָרשט געהאַט זיך געענדיקט די נאַכט-תּפילה. קלים האָט באַשלאָסן אַריינצוגיין צו לידיען, דערציילן איר וועגן אַלעם, וואָס ער האָט געזען און געהערט, אָנשטעקן זי מיט זיין אויפגעבראַכטקייט. זי דאַרף וויסן, אין וואָסער סביבה ס'לעבט דיאָמידאָוו, זי מוז פאַרשטיין, אַז די באַקאַנטשאַפט מיט אים איז נישט אומגעפערלעך פאַר איר. נאָר ווען זיצנדיק אין איר צימער האָט ער אָנגעהויבן איראָניש און מיט עקל איבערצוגעבן זיינע איינדרוקן, — האָט דאָס מיידל אַ ביסל פאַרוואונדערט איבערגע-ריסן זיינע רייד:

— אָבער איך ווייס דאָך דאָס אַלץ, איך בין דאָרט געווען. מיר דאַכט זיך, איך האָב דיר דערציילט, אַז איך בין געווען בא יאַקאָוון. דיאָמידאָוו וואוינט טאַקע בא אים, אינדערהייך. גע-דענקסט: „און דער קערפּער שרייט — צוואָס לעב איך?"

צובייגנדיק און אויסבייגנדיק אַ שפּילקע, האָט זי פאַרטראַכט פאַרגעזעצט:

— געוויס איז דאָס אַלץ זייער פּרימיטיוו, סתירהדיק. אָבער דאָס איז דאָך, לויט מיין מיינונג, דער עכאָ פון יענע סתירות, וועלכע דו אָבסערווירסט דאָ. און, דאַכט זיך, אומעטום איז איינס און דאָס זעלבע.

צעברעכנדיק די שפּילקע, האָט זי שטיל צוגעגעבן:

— אויוון שרייט מען, אונטן הערט מען און מען טייטשט אויס אויף אַן אייגענעם שטייגער. ס'איז נישט אינגאַנצן פאַרשטענד-לעך, פון וואָס דו ביסט אויפגעבראַכט.

אָבער איר רויקער טאָן האָט באַדייטנד אָפּגעקילט קלימס אויפגעבראַכטקייט.

— אָבער איך קאָן נישט פאַרשטיין, מיט וואָס דו עקזאַלטירסט דיך אין דיאַמידאָוון, — האָט ער אַרויסגעמורמלט.

לידיאַ האָט אַ בליק געטון אויף אים מיט צונויפגעצויגענע בּרעמען.

— ער געפעלט מיר.

קלים איז אַנטשוויגן געוואָרן, זיך צוהערנדיק און דערוואַרטנדיק, אַז אין אים וועט אָנהייבן רעדן אייפערזוכט.

— טיילמאָל באַדויער איך, וואָס ער איז עלטער פון מיר מיט צוויי יאָר; מיר ווילט זיך, אַז ער זאָל יינגער זיין מיט פינף. איך ווייס נישט, פאַרוואָס דאָס איז.

— דו זעסט, איך שווייג כסדר, — האָט ער געהערט אַ פאַרטראַכטע און גלייכע שטימע. — מיר דאַכט זיך, אַז ווען איך וואָלט גערעדט ווי איך טראַכט, וואָלט דאָס געווען... שרעקלעך! און קאָמיש. מען וואָלט מיך אַרויסגעטריבן. מען וואָלט זיכער אַרויסגעטריבן. מיט דיאַמידאָוון קאָן איך רעדן וועגן אַלעם, ווי איך וויל.

— און — מיט מיר? — האָט געפרעגט קלים.

לידיאַ האָט אַ זיפץ געטון, פאַרמאַכט די אויגן:

— דו — ביסט אַ קלוגער, אָבער פאַרשטייסט נישט עפּעס. די נישט פאַרשטייענדיקע געפעלן מיר מער פון די פאַרשטענדיקע, אָבער דו... בּאַ דיר איז עס נישט אַזוי. דו קריטיקירסט גוט, נאָר דאָס איז געוואָרן דיין פאַך. מיט דיר איז אומעטיק. איך מיין, אַז דיר אַליין וועט אויך אינגיכן ווערן אומעטיק.

די אייפערזוכט איז נישט געקומען, אָבער סאַמגין האָט דערפילט, אַז אין אים פאַרשווינדט די אָפּהענטיקייט פאַר לידיען, די עמפּינדונג פון אָפּהענגיקייט פון איר. סאָליד, מיט אַ טאָן פון אַן עלטערן, האָט ער גענומען רעדן:

— ס'איז אינגאַנצן פאַרשטענדלעך, אַז ס'איז שוין צייט פאַר דיר ליב צו האָבן, אָבער ליבע איז — אַ רעאַל געפיל, און דו האָסט דאָך אויסגעטראַכט דעמדאָזיקן בחור.

— דו האָסט אַ כאַראַקטער פון אַ לערער, — האָט געזאָגט לידיאַ מיט אָפּענעם פאַרדראָס און אפילו מיט חוזק, ווי סאַמגינען האָט זיך אויסגעוויזן. — ווען דו זאָגסט: איך האָב דיך ליב, קומט דאָס אַרויס אַזוי ווי דו וואָלסט געזאָגט: איך האָב דיך ליב צו לערנען.

— אַזוי גאָר, — האָט אַרויסגעמורמלט קלים, געניטערהייט צולאַכנדיק. — אָבער מיר דאַכט זיך, אַז דו ווילסט מיינען, אַז דו קאָנסט כלומרשט זיך באַציען צו דיאַמידאָהן, ווי אַ לערערין.

לידיאַ האָט צוגעשוויגן. סאַמגין איז געזעסן נאָך עטלעכע מינוט און שטיל געזעגנענדיק זיך, אַוועקגעגאַנגען. ער איז געווען אויפגערעגט, אָבער ער האָט אַ קלער געטון, אַז אים וואָלט אפשר געווען אָנגענעמער, ווען ער וואָלט זיך געקאָנט פילן שטאַרקער אויפגערעגט.

אינדערהיים האָט קלים געפונען אויפן טיש אַ דיקן בריוו אָן מאַרקעס, אָן אַן אַדרעס, מיט אַ קירצן אויפשריפט אויפן קאָנווערט: „ק. אי. סאַמגינען“. דאָס האָט דער ברודער דמיטרי מודיע געווען, אַז מען האָט אים איבערגעפירט קיין אוסטיוג און געבעטן צוצושיקן ביכער. דער בריוו איז געווען קורץ און טרוקן, און דאָס צעטל ביכער איז געווען לאַנג און אָנגעשריבן מיט אַ לאַנגווייליקער גענויקייט, מיט אויספירלעכע טיטלען, מיט אַן אָנווייז פון די פאַרלאַגן און די ערטער, וואו זיי זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן. דאָס רוב ביכער איז געווען אין דייטשער שפּראַך.

— אַ בוכהאַלטער, — האָט אומפריינדלעך אַ קלער געטון קלים. אַ קוק געבנדיק אין שפּיגל, האָט ער גלייך פאַרלאָשן דעם שמייכל אויף זיין פּנים. דערנאָך האָט ער געפונען, אַז דאָס פּנים איז פאַרומערט און אָפּגעצערט געוואָרן. אויסגעטרונקען אַ גלאָז מילך, האָט ער געלאָסן זיך אויסגעטון, זיך געלייגט אין בעט אַריין און פּלוצלינג דערפילט, אַז ער האָט רחמנות אויף זיך. פאַר די אויגן איז אויסגעוואַקסן די פיגור פון דעם „הערלעך-געשטאַלטיקן“ יינגל, דער זכרון האָט אונטערגעזאָגט זיינע אומגעראָטענע רייד:

— „איך האָב — אַן אַנדער געפיל“.

— אפשר פאַרמאָג איך אויך „אַן אַנדער געפיל“, — האָט

אַ קלער געטון סאַמגין, באַמיענדיק זיך צו טרייסטן. — איך בין
נישט קיין ראָמאַנטיקער, — האָט ער פאָרגעזעצט, נעפּלהאַפּט שילנדיק,
אַז ערגעץ־וואו נאָענט איז פאַראַן אַ שטעגל פון טרייסט. — ס'איז
נאַריש צו באַליידיקן זיך אויף אַ מיידל דערפאַר, וואָס זי האָט
נישט אָפּגעשאַצט מיין ליבע. זי האָט געפונען אַ שלעכטן העלד
פאַר איר ראָמאַן. קיין שום גוטס וועט ער איר נישט געבן. ס'איז
גאַנץ מעגלעך, אַז זי וועט מוראדיק באַשטראָפט ווערן פאַר איר
עקזאַלטאַציע און דעמאָלט וועל איך...

ער האָט נישט פאַרענדיקט זיין געדאַנק, דערפילנדיק אַ לייכטן
שטויס פון פאַראַכטונג צו לידיען. ער איז איינגעשלאָפן מיט דער
זיכערקייט, אַז דער קניפּ, וואָס האָט אים געבונדן מיט לידיען,
האָט זיך אויפגעבונדן. דורכן שלאָף האָט קלים אפילו אַ קלער
געטון:

— „און — צי איז דען נאָר געווען אַ יינגל? אפשר איז
נאָר קיין יינגל נישט געווען?“

אָבער שוין צומאָרגנס אינדערפרי האָט ער פאַרשטאַנען, אַז
דאָס איז נישט אַזוי. הינטערן פענצטער האָט הערלעך געלויכטן
די זון, יומטובדיק האָבן געהודזשעט די גלאָקן, אָבער דאָס אַלץ איז
געווען אומעטיק, וואָרים דאָס יינגל האָט עקזיסטירט. דאָס האָט זיך
געשפּירט אינגאַנצן קלאָר. מיט אַן איבעראַשנדער קראַפט איז,
העל באַלויכטן פון דער זון, געזעסן אויפן פענצטער לידיאַ וואַראַווקאַ,
און ער, שטייענדיק אויף די קניען פאַר איר, האָט געקושט אירע
פיס. סאַראַ שטרענג פּנים האָט זי דעמאָלט געהאַט און ווי וואונ־
דערבאַר האָבן געלויכטן אירע אויגן. מאָמענטנווייז קען זי זיין אומ־
געוויינלעך שיין. ס'איז אַ באַליידיקונג צו קלערן, אַז דיאָמידאָוו...

אין דידאָזיקע רעיונות, אומגעריכטע און באַליידיקענדיקע,
האָט ער דורכגעלעבט אַ גאַנצן טאָג, און אינאָוונט איז געקומען
מאַקאַראָוו, אַ צעקנעפּלטער, אַ צעשויבערטער, מיט אַ געשוואָלן
פּנים און רויטע אויגן. קלימען האָט זיך געדאַכט, אַז אפילו די שיי־
נע, שטאַרקע אויערן מאַקאַראָווס זענען ווייך געוואָרן און הענגען
אַראָפּ ממש ווי בא אַ פּודעל. געשמעקט האָט ער מיט קאַבאַק,
אָבער ער איז געווען ניכטער.

— וואָלאָדקאַ איז געקומען צו פאָרן פון קובאַן און שוין דעם דריטן מעת-לעת טרינקט ער, ווי אַ פייערלעשער, — האָט ער דערציילט, רייבנדיק מיט די פינגער די שלייפן, צוגלעטנדיק די צווייפאַרביקע לאָקן. — איך האָב אים מיטגעפילט ביז איצט, אָבער איך קאָן מער נישט! נעכטן איז צו אים געקומען דער דיאַקאָן, זיין פריינד, בין איך אַוועקגעלאָפן. איך גיי איצט ווידער אַהין, וולאַדימיר באַאומרויקט מיך, ער איז אַ מענטש מיט אומגעריכטע איינפאַלן. ווילסט — קום-מיט מיט מיר. ליוטאָוו וועט צופרידן זיין, ער רופט דיך טאָפּל-פּונקט, נאָך וועלכן ס'וועט נאָכקומען נישט צו וויסן וואָס, אָבער עפּעס אָריגינעלס. וועסט זיך באַקענען מיטן דיאַקאָן — אַן אינטערעסאַנטער טיפּ! און אפשר וועסטו אַ ביסל אָפּקילן וואָלאָדקען. גייסט?

קלים איז נייגיריק געווען אַ קוק צו טון, ווי ס'ליידט דער אומאָנגענעמער מענטש.

— כ'וועל זיך אָנשפּורן, — האָט ער אַ קלער געטון. — מאַקאַראָוו וועט זאָגן וועגן דעם לידיען.

אין אַ שעה אַרום איז ער געגאַנגען איבער אַ גלאַנציקער פּאָדלאָגע פון אַ ליידיק צימער, פאַרביי שפּיגלען, וואָס זענען געשטאַנען בײַ די ווענט צווישן פינף פענצטער, פאַרביי שטולן, גלייך אויסגעשטעלטע לענגויס די ווענט, און פון די ווענט אַראָפּ האָבן אויף אים נישט באַגיטיקענד געקוקט צוויי פּנימער, איינס — פון אַ בייזן מענטש מיט אַ רויטער באַנד אויפן האַלז און מיט אַן איי-געלעכל פון אַ מעדאַל אין דער באָרד, — דאָס אַנדערע — פון אַ ראָזיקער פרוי מיט ברעמען — אַ פינגער די גרעב און מיט אַן אַראָפּגעהאָנגענער ליפּ, ווי פון עקל.

דורך אינעווייניקסטע טרעפּ, שמאָלע און פינצטערע, זענען זיי אַרויף אין אַ טונקל צימער מיט אַ נידעריקן סופיט, מיט צוויי פענצטער; אין ווינקל פון איין פענצטער האָט געקוויטשעט אַ בלעכענער ווענטילאַטאָר אין אַ לופטשיקל, אַריינזאָגנדיק אין צימער אַריין אַ געקרייזלטן שטראָם פראָסטיקע לופט.

אינמיטן צימער איז געשטאַנען וולאַדימיר ליוטאָוו אין אַ לאַנג, ביז די קנעכלעך, נאַכט-העמד, געשטאַנען, האַלטנדיק אַ גיטאַרע

באַם עק פון העלזל און אָנשפּאַרנדיק זיך אויף איר, ווי אויף אַ שירם, זיך געשאָקלט. איינקוקנדיק זיך אין די אַריינגעקומענע, האָט ער שווער געטעמט, אונטער דעם צעקנעפּלטן העמד האָבן זיך אַרויסגערוקט און איינגעפאַלן די ריפּן, ס'איז געווען אַ מורא צו זען, אַז ער איז אַזוי ביניק.

— סאַמגין ? — האָט ער פרעגנדיק אַ געשריי געטון, פאַרמאַכנדיק די אויגן, און ער האָט איסגעשפּרייט די אָרעמס ; די גיטאַרע איז אַראָפּגעפאַלן אויף דער פּאָדלאָגע, אַ הודזשע געטון, דאָס לופּטשיקל האָט איר געענטפערט מיט אַ קוויטש.

קלים האָט נישט באַוויזן זיך אַרויסצודרייען פון דער אַרומאַרמונג, ליוטאָוו האָט אים נעדריקט, אונטערגעהויבן, געקושט מיט די גאַסע, הייסע ליפּן און געמורמלט :

— אַ דאַנק... איך בין — זייער... זייער...

ער האָט אים צוגעשלעפּט צום טיש. וואָס איז באַלאָדנט געווען מיט פלעשער, טעלערס און, אָנגיסנדיק מיט אַ ציטערדיקער האַנט בראָנפן אין די גלעזלעך, אַ געשריי געטון :

— דיאַקאָן — קום אַריין ! ס'איז — אַן אייגענער.

אין אַ ווינקל האָט זיך אויפגעעפנט אַן אומבאַמערקטע טיר, ס'איז אַריינגעקומען פּאַראומערט שמייכלענדיק, דער נעכטיקער גרויער דיאַקאָן. באַ דער שיין פון די צוויי גרויסע לאָמפּן האָט סאַמגין דערזען, אַז דער דיאַקאָן האָט דריי בערד, אַ לאַנגע און צוויי קירצערע ; די לאַנגע איז געוואַקסן אויף דער גאָמבע, און די צוויי אַנדערע האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט פון די אויערן, פון די באַקן. זיי האָבן זיך קנאַפּ אָנגעזען אויף דער גרויער סוטאַנע.

— איפּאַט עווסקי, — האָט אומאַנטשלאָסן אַ זאָג געטון דער דיאַ־אָן, שטאַרק, ביז ווייטיק אַ קוועטש געבנדיק מיט די ביניקע פינגער סאַמגינס האַנט, און ער האָט פּאַמעלעך זיך איינגעבויגן אויפצוהייבן די גיטאַ־ע.

צומאַכנדיק דאָס לופּטשיקל, האָט מאַקצראָוו געשריגן אויפן באַלעבאָס.

— ווילסט כאַפּן אַ פּנעוומאָניע ?

— קאָסטיאַ, כ'וועל דערשטיקט !

ליוטאָווס געשווינדע אויגן זענען געלאָפן אַרום סאַמגינען, נישט קענענדיק זיך אָפּשטעלן אויף אים. אַרום דיאַקאָן, וועלכער האָט געלאָסן זיך אויסגעגלייכט, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז זיין לאַנגער קערפּער וועט זיך נישט איינשטעלן אינם צימער. ליוטאָוו האָט ווי אָפּגעבריט זיך געדרייט בײַם טיש, פאַרלירנדיק די שטעקלאַטשן פון די בּאָרוועסע פיס; אוועקזעצנדיק זיך אויף אַ שטול, האָט ער זיך איינגעבויגן מיטן קאָפּ צו די קניען, שאָקלענדיק זיך אָנגעטון דעם לאַטש און ס'איז נישט געווען צו פאַרשטיין, פאַרוואָס ער פאַלט נישט אַראָפּ, מיטן קאָפּ צו דער פּאָדלאָגע. אַרויפמאַכנדיק מיט די פינגער דעם דיאַקאָנס גרויע האָר, האָט ער געקוויטשעט:

— סאַמגין! אָט איז — אַ מענטש! זאָגאַר נישט קיין מענטש, נאָר אַ טעמפּל! זייט מתפּלל דאַנקבאַר צו דער קראַפט, וואָס באַשאַפט אַזעלכע מענטשן!

דער דיאַקאָן האָט פאַרטיפט געסטראָיעט די גיטאַרע. אָנגעסטראָיעט, איז ער אויפגעשטאַנען און זי אוועקגעטראָגן אין ווינקל אַריין. קלים האָט דערזעען פאַר זיך אַ גיגאַנט, מיט אַ ברייטער, פּלאַסטיקער ברוסט, מאַלפּישע לאַפּעס און מיט אַ ביינעריק פּנים פון אַ פאַרחושטן אַסקעט; פון די טונקעלע לעכער אויפן דאָזיקן פּנים האָבן רוחניותדיק אַרויסגעקוקט גרויסע, וואַסערדיקע אויגן.

אָנגעגאָסן פיר גרויסע גלעזלעך גאָלדיקן בראָנפן, האָט ליוטאָוו דערקלערט:

— פוילישער ליקער! זיגט אָן דורכפאַל. כ'לייג פאָר אויסצוטרינקען פאַרן געזונט פון אַלינאַ מאַרקאָווגאַ טעליעפּניעוואַ, מיין געוועזענע כּלה. זי האָט מיך... זי האָט מיר אָפּגעזאָגט, סאַמגין! זי האָט זיך אָפּגעזאָגט ליגנט צו זאָגן מיט דער נשמה און מיטן קערפּער. איך שעץ טיף און אויפריכטיק — הוראַ!

— הוראַ, — האָט איבערגעחזרט דער דיאַקאָן מיט אַ קבֿרדיקן באַס.

נאָך צוויי גלעזלעך אויסערגעוויינלעך געשמאַקן בראָנפן האָט אי דער דיאַקאָן אי ליוטאָוו זיך אויסגעוויזן קליימען ווינציקער

משונהדיק. ליוטאָוו איז אפילו גאָרנישט שכור, נאָר בלויז לייריש און התלהבותדיק אויפגערעגט. אין זיינע שיקלדיקע אויגן האָט געברענט עפּעס נאָענטס צו עקסטאַז, ער האָט פרעגנדיק זיך אומגעקוקט און זיין הויכע שטימע איז ראַפּטום, אַזויווי פון שרעק, אראָפּגעפאַלן ביז פליסטער.

— קאַסטיאַ! — האָט ער געשריגן. — מען דאַרף דאָך צו האָבן א פיינע נשמה, אַז מען זאָל זיך אָפּזאָגן פון א סך געלט?

מאַקאַראָוו האָט, שמייכלענדיק, געשטופּט אים צו דער אָטאָמאַנע און ליבלעך איינגערעדט:

— דו — זעץ דיך, זיץ רויק.

— שטיי! איך בין — א סך געלט און — מער גאָרנישט! און נאָך בין איך — א קרבן, געברענגט פון דער געשיכטע זיך אליין פאַר די זינד פון מיינע אבות.

ער איז געבליבן שטיין אינמיטן צימער, א פאָך געטון מיט די הענט, אויפגעהויבן זיי איבערן קאָפּ, פּונקט ווי א שווימער, וואָס גייט א שפּרינג טון אונטערן וואַסער אַרונטער.

— ס'וועט אַמאָל אויף דער ערד לעבן א גערעכטע מענטשהייט און זי וועט אויף די פלעצער פון די שטעט אַוועקשטעלן וואונדערלעך שיינע מאָנומענטן און וועט אויפשרייבן אויף זיי...

ער האָט זיך א שטיק געטון, גענומען פינטלען מיט די אויגן און אַרויסגעקוויטשעט:

— און זי וועט אויפשרייבן: „אונזערע פאָרגייער, וואָס זענען אומגעקומען פאַר די זינד און פעלערן פון די אבות.“ זי וועט אויפשרייבן!

קלים האָט געזעען, ווי אונטער דעם העמד טרייסלען זיך ליוטאָווס פיס און זיך געריכט, אַז פון זיינע אויסגעקרומטע אויגן וועלן נעמען רינען טרערן. אָבער דאָס איז נישט געשעען. נאָכן אויסברוך פון זיין פאַרצווייפלטער התלהבות האָט ליוטאָוו פלוצלינג זיך אַזוי ווי אויסגעניכטערט, איז רויקער געוואָרן און, נאָכגעבנדיק מאַקאַראָווס צושטייעניש, זיך אַוועקגעזעצט אויף דער סאָפע, אָפּ-

חישנדיק מיטן אַרבל פון העמד דאָס פלוצלינג שטאַרק פאַרשוויצט געוואָרענע פנים זיינס. קלים האָט געפונען, אַז דער סוחרישער זון ליידט זייער טשעקאַווע. ער האָט נישט אַרויסגערופן אַ וועלכע ס'איז גוטע געפילן, נישט אַרויסגערופן אויך קיין מילד רחמנות; פאַרקערט, קלימען האָט זיך געגלוסט צו רייצן אים, ס'האָט זיך געוואָלט זעען, וואוהין קאָן נאָך אַ שפרונג טון און זיך וואַרפן דערדאָזיקער מענטש? ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף דער סאָפע לעבן אים.

— איר האָט זייער פיין געזאָגט וועגן די מאָנומענטן...

ליוטאָוו האָט, דרייענדיק מיטן קאָפ, אַרומגענומען אים מיטן אָנגעצונדענעם בליק, זיך אַ שאָקל געטון, גלעטנדיק דיק ניען מיט די הענט.

— מען וועט שטעלן מאָנומענטן, — האָט ער איבערצייגט אַ זאָג געטון — נישט אויס באַרמהאַרציקייט, — דעמאָלט וועט פאַר באַרמהאַרציקייט נישט זיין קיין אָרט, וואָרים ס'וועלן נישט זיין אונזערע הויט־יסורים, — די מאָנומענטן וועט מען שטעלן אויס ליבע צו דער אומגעווייגלעכער שיינקייט פונם אמת אין דער פאַרגאַנגענהייט; מען וועט זי פאַרשטיין און אָפּשאַצן, דידאָזיקע שיינקייט...

באַם טיש האָט דער דיאַקאָן געלערנט מאַקאַראָוון שפּילן אויף דער גיטאַרע און גערעדט מיט אַ גערדיכן באַס:

— בייגט איין די פינגער מער; קלאַמערהאַפּטער...

— איר — אַנטשולדיקט מיר, — האָט געזאָגט קלים. — אָבער איך האָב געזעען, אַז צלינאַ...

ליוטאָוו האָט אויפגעהערט צו גלעטן די קניען און איז געזעסן איינגעבויגענערהייט.

— זי איז אייגנטלעך, נישט קיין קלוג מיידל...

— דאָס פרויאישע איז קלוג אין איר.

— מיר דאַכט זיך, זי איז נישט מסוגל צו פאַרשטיין, פאַרוואָס מען דאַרף ליב האָבן...

— ווי קומט אַהער — פאַרוואָס? — האָט אַ פרעג געטון ליוטאָוו, האַסטיק צוריקוואַרפנדיק זיך אויפן אָנלען פון דער סאָפע

און אַ קוק געטון אין סאַמגינס פּנים אַריין מיט אַ בריענדיקן בליק. — פּאַרוואָס — דאָס איז פון שׂכל. דער שׂכל איז — קעגן ליבע... קעגן יעדער ליבע! ווען די ליבע איז אים גובר, אַנטשולדיקט ער זיך: כ'האָב ליב פאַר דער שיינקייט, פאַר די ליבע אויגן, אַ נאַרישע — פאַר דער נאַרישקייט. נאַרישקייט קאָן מען באַצייכענען מיט אַן אַנדער נאָמען... נאַרישקייט איז פּילנאָמענדיק...

ער איז אויפגעשפּרונגען, צוגעגאַנגען צום טיש און, אָנכאַפּנדיק דעם דיאַקאָן בײַ די אַקסלען, אָנגעהויבן בעטן:

— יעגאָר, — לײַען איבער וועגן נישט צעביטענעם רובל...

נו, — כ'בעט דיך!

— פאַר אַן אומבאַקאַנטן מענטש? — האָט צעטומלט אַ פרעג געטון דער דיאַקאָן, אַ קוק געבנדיק אויף קלימען. — כאָטש מיר האָבן זיך שוין אַזוי־וויי געטראָפן...

קלים האָט העפלעך אַ שמייכל געטון.

— פון די יינגע יאָרן אָן האָב איך אַ ליידנשאַפט צו פאַרפאַסן געדיכטן, אָבער איך שעם זיך פאַר געבילדעטע מענטשן, פאַרשטייענדיק די נישטיקייט מײַנע.

דער דיאַקאָן האָט אַלץ געטון פּאַמעלעך, מיט שווערער פאַרזיכטיקייט. געדיכט באַשאָטן אַ שטיקל ברויט מיט זאַלץ, האָט ער אַרויפגעלייגט אַ רינגעלע ציבעלעס און אויפגעהויבן דאָס פלעשל בראָנפן מיט אַזאַ אָנשטרענגונג, ווי אַ צווייפודיק געוויכט. אָנגיסנדיק אין גלעזל אַריין, האָט ער פאַרזשמורעט איין גרויס אויג, און דאָס אַנדערע האָט זיך אַרויסגעקייקלט און איז ענלעך געוואָרן צו אַ טויבן־איי. ער האָט אויסגעטרונקען דעם בראָנפן, אויפגעעפנט דאָס מויל און אָפּהילכיק אַ זאָג געטון:

— כ־כאָ!

און איידער ער האָט אַריינגעלייגט דאָס ברויט מיט דער ציבעלע אין מויל אַריין, האָט ער איינגעקנייטשט די נאָזלעכער פון דער לאַנגער נאָז און אַ שמעק געטון דאָס ברויט, ווי אַ בלימל.

ליוטאָוו איז געשטאַנען, וואָרנענדיק אויפגעהויבן די רעכטע האַנט, שטאַרק רײַבנדיק מיט דער לינקער די נישט גלײַך אָנגעוואַקסענע באָרד. מאַקאַראָוו איז געזעסן בײַם טיש און קאָנצענט-

רירט אָנגעשמירט קוילעטש מיט קאַוויאַר. קלים סאַמגין, אויף דער סאָפע, האָט געשמייכלט, דערוואַרטנדיק עפּעס אומאָנשטענדיקס און קאָמישס.

— נו, מילא, — האָט געזאָגט דער דיאַקאָן און אָנגעהויבן צעצויגן, פאַרטראַכט, נישט הויך:

ניסט געשלאָפן האָט זיך יעזוס קריסטוסן
און אַוועק איז ער שפּאַצירן איבער שטערן,
איבער וועג, איבער דעם גאָלדיק-הימלישן,
פון איין שטערנדל אויפן צווייטן טרעטנדיק.
האָבן יעזוס קריסטוסן באַגלייט אין וועג —
ניקאָלאַי, דער בישאָף פון מירליקיע,
און אַפּאָסטאָל טאָמאַ, — בלויז די ביידע.

צו הערן אים איז שווער געווען, די שטימע האָט געהוידזשעט טויב, קירבלעך, ער האָט געקנייטשט און געצויגן די ווערטער, מאַכנדיק זיי אומדייטלעך. ליוטאָוו האָט געהאַלטן צוגעדריקט די עלנבויגנס צו די זייטן, געדיריגירט מיט ביידע הענט, אַזויווי איינוויגנדיק אַ קינד, און טיילמאָל אַזויווי אַראָפּוואַרפנדיק פון זיי עפּעס.

— האַ? — האָט אַ פרעג געטון ליוטאָוו, אַ וואונק געבנדיק צו קלימען, זיין פּנים האָט אַ ציטער געטון מיט אַ קיילעכיקן שוידער.

— שטער נישט, — האָט געזאָגט מאַקאַראָוו.

קלים האָט נאָך אַלץ געשמייכלט, מיט זיכערקייט דערוואַרטנדיק קאָמישס, און דער דיאַקאָן האָט אויסגעגלאָצט די אויגן, געקוקט אויף דער וואַנט, אויף דער טונקעלער גראַוויור אין דער גאָלדענער רעם און געהוידזשעט:

און געטראַכט האָט גאָט מחשבות גרויסע,
קוקט אַראָפּ ער אונטן דרייט די ערד זיך,

דרייט זיך, קאָלערט זיך — אַ שוואַרצער כדור
און ס'שמייסט דער טייוול אים מיט קייטן אייזערנע.

פאַרמאַכט די אויגן, האָט ליוטאַוו געדרייט מיטן אויפגעשוי-בערטן קאָפּ און קלאַנגלאַז געלאַכט. מאַקאַראַוו האָט אָנגעגאָסן צוויי גלעזלעך בראָנפן, איינס האָט ער אַליין אויסגעטרונקען, דאָס אַנדערע דערלאַנגט קלימען.

„דאָרט בין איך געווען", — זאָגט קריסטוס טרויעריק.
ענטפערט טאָמאַ דער אַפּאָסטאָל מיט אַ שמייכל:
„קומען אַלע מיר דען נישט פון דאָרטן?"
קוקט זיך קריסטוס איין אין השכות פון דער ערד
און טוט אַ פרעג בא ניקאָלאַי דעם הייליקן:
„ווער איז דער, וואָס ליגט באַם וועג אַט דאָרט,
אַ טויטער, שלאָפנדיקער אָדער שכורער?"
ענטפערט ניקאָלאַי, דער צדיק, קריסטוסן:
„ניין, ס'איז פשוט וואַסקאַ קאַלוזשאַנין, —
פון אַ לעבן זיך פאַרטרוימט אַ בעסערן!"
דאָ האָט קריסטוס שטיל, פאַרחלומט באַמקענדיק
ווי אַ טויב אַ פלי געטון, צו ד'ערד אַראָפּ,
פאַר וואַסקען זיך געשטעלט, און ער פרעגט באַ וואַסקאַ
„איך — בין קריסטוס, דו דערקענסט מיך נישט וואַסילי?"
כאַלט אַנידער וואַסקאַ אויף די קני פאַר אים,
טיף געריכט אין הארצן — ביז צו טרערן אַזש!
מורמלט — „גאָט מייבער! אָט וואָס ס'קאָן געשעען!
מיר האָבן היינט אויף דיר נישט געריכט זיך גאָר!
וואָס-זשע האָסטו פריער מיר גאָרנישט אָנגעזאָגט?
כ'וואָלט פאַרקליבן ס'פאָלק — צו גיין אַקעגן דיר
מיטן גאַנצן עולם אונזערן פון זוויזדראַ-קרייז!"
האָט געטון אַ שמייכל זיך אין בערדל קריסטוס
און געזאָגט צום פויער אַזוי ליבלעך:

„כ'בין נאָר אויף אַ קורצער צייט אַהערגעקומען
כדי געוואויר צו ווערן — וואָס פאַרלאַנגסטו, וואַסיאַ ?"

ליוטאָוו האָט אויסגעשטרעקט די לינקע האַנט צו סאַמגינען און, דיריגירנדיק מיט דער רעכטער, אַ פּליסטער געטון מיט אַ פייף :

— הערט !

וואַסקאַ פון קאַלוגע האָט דאָס מויל צעעפנט,
שטייט וואַסילי פון דער פרייד צעטומלט,
און, שלינגענדיק דאָס שפּייעכץ, פּליסטערט ער :
„גיב־זשע דו מיר, גאָט מייַנער, אַ קערבעלע,
אַ קערבעלע אַזאַ, וואָס אייביק דויערט עס,
וואָס וויפיל זאָלסט עס נישט פאַרשווענדן — בלייבט עס גאַנץ דאָך
און וויפיל זאָלסט עס נישט צעבייטן — בלייבט עס נישט צעביטן !"

— געניאַל ! — האָט אויסגעשריגן ליוטאָוו און אַ טרייסל געטון מיט די הענט, אַזויווי אַראָפּוואַרפנדיק עפּעס דעם דיאַקאָן אונטער די פיס, און יענער האָט צערפּוּל אויסגעבויגן די ברעמען, באַוועגט מיט דער דרייפאַכיקער באָרד און געזאָגט :

„געלט האָב איך מיט זיך נישט מיטגענומען,
געלט איז דאָ בײַ טאָמאַ — דעם קאַסירער,
ער איז איצטער יהודהס דער פאַרטרעטער"...

ליוטאָוו האָט שוין נישט געקאָנט הערן. אונטערשפּרינגענדיק, דרייענדיק זיך, פאַרלירנדיק די לאַטשן, האָט ער געשלייכט מיט די באָרוועסע פיס און געשריגן :

— וואָס זאָגט איר ? האַ ? וואָס זאָגט איר ?

אויפגעהויבן דאָס פּנים און די פאַרקוועטשטע פויסטן צום סופיט האָט ער אויפגעזוונגען מיט אַ פּאַנפּעגדיק קול פון אַן אַלטן דיאַק:

— אַ נישט צעביטענעם רובל — גיב, גאָט! ניין, דער טאָמאַ, האַ? דער סקעפּטיקער טאָמאַ אויפן אָרט פון יהודהן, האַ?

— הער אויף צו פּיבערן, וואָלאָדקאַ, — האָט גראָב און הויך אַ געשריי געטון מאַקאַראָוו, אַנגיסנדיק בראָנפן. — גענוג ווילדקייט שוין, — האָט ער צוגעגעבן בייז.

ליוטאָוו האָט זיך אָפּגעריסן פונם דיאַקאָן, וועלכן ער האָט אַרומגענומען, איז אַרויפגעשפּרונגען אויף מאַקאַראָוון און אים אַרומגענומען:

— דו זאָרגסט דאָך אַלץ וועגן מיין ווירדע? מען דאַרף נישט, קאָסטיאַ! איך ווייס — מען דאַרף נישט. וואָסערן טייוול איז נייטיק מיין ווירדע, וואוהין איז זי נייטיק? און — צום נישט דאָס מויל פון אַ דרעשנדיקן אָקס, קאָסטיאַ!

סאַמגין איז געווען פאַרוואונדערט און האָט זיך פאַרלוירן, ער האָט געזעען, אַז דאָס שיינע פּנים מאַקאַראָווס איז פאַראומערט, די ציין זענען שטאַרק צונויפגעפּרעסט, די אויגן פייכט.

— דו וויינסט, דאַכט זיך? — האָט ער אַ פרעג געטון נישט אַנטשלאָסן שמייכלענדיק.

— נאָר — וואָס זשע? לאַכן? דאָס איז, ברודער, גאָרנישט קאָמיש, — האָט שאַרף געזאָגט מאַקאַראָוו. — דאָס הייסט — קאָמיש, יאָ... טרינק! פרעגער. דער רוח ווייסט וואָס... מיר, רוסן, קאָנען, דאַכט זיך, בלויז בראָנפן טרינקען און מיט זינלאָזע ווערטער אַלץ ברעכן, צעקריפּלען און אומהיימלעך לאַכן פון זיך און בכלל...

ער האָט פאַרצווייפלט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט.

קלימען איז געווען אומבאַקוועם. פון אויסגעטרונקענעם בראָנפן און פון דיאַקאָנס אויסטערלישע פּערזן האָט ער פלוצלינג דערפילט אַ שטראָם פון טרויער; דורכזיכטיק און לייכט, ווי די בלויע לופט אין אַ זוניקן טאָג פון שפּעטן האַרבסט, האָט דער

טרויער, נישט שווער מאַכנדיק, אַרויסגערופֿן דעם פֿאַרלאַנג צו זאָגן אַלעמען אָנגענעמע ווערטער. ער האָט אַזוי טאַקע גערעדט שטייענדיק מיטן גלעזל אין דער האַנט קעגנאיבער דעם דיאַקאָן, וועלכער האָט איינגעבויגענערהייט געקוקט אים אונטער די פּיס.

— ס'איז זייער אָריגינעל בײַ אײַך. און אומדערוואַרט. כ'בין זיך מודה, איך האָב זיך גערעכנט אויף קאָמישס...

דער דיאַקאָן האָט זיך אויסגעגלייכט, באַלויכטן דאָס גרויגעוואָרענע פּנים זיינס מיט אַ שמייכל פֿון די כמעט פֿאַרבלאָזע אויגן.

— קאָמישס איז אויך פֿאַראַן; דאָס איז דאָך אַ לאַנג ווערק, וועקס און אַכציק סטראָפֿן. אָן קאָמישס איז בײַ אונז נישט מעגלעך — ס'וועט זיין נישט אמת. איך, אַ שטייגער, האָב געבערענגט צו קבורה אוודאי נישט איין טויזנט מענטשן, און קיין איין לוויה אָן אַ קאָמישן צופֿאַל — געדענק איך נישט. ס'וועט ריכטיקער זיין צו זאָגן, אַז בלויז אַזעלכע זענען מיר טאַקע געבליבן אין זכרון. אפֿילו אויפֿן ביטערסטן וועג שלאָגן מיר זיך דאָך אָן אויף קאָמישס, שוין אַזאַ פֿאָלק!

ליוטאָוו האָט אַזויווי צוזאַמענגעבראָכן זיך אַוועקגעלייגט אויף דער סאָפֿע און געשריגן, געבעטן:

— לאָז אָפּ, קאָסטיאַ! ס'איז דאָס רעכט פֿון בונט, קאָסטיאַ...

— ווייבערישער בונט. היסטעריקע. גיי, גיס אָפּ דעם קאָפּ מיט קאַלט וואַסער.

מאַקאַראָוו האָט לייכט אויפֿגעשטעלט דעם פֿריינד אויף די פּיס און אים אַוועקגעפֿירט, און דער דיאַקאָן האָט אויף קלימס פֿראַגע: וואָס זשע האָט געטון וואַסקאַ קאַלוזשאַנין מיטן נישט צעביטענעם רובל? — פֿאַרטראַכטערהייט דערציילט:

— האָט זיך אומגעקערט קריסטוס אויפֿן הימל אַרויף, אויסגעביטן בײַ טאָמאַן אַ קערבל און אים אַ וואָרף געטון וואַסקען. האָט געגומען שכורן וואַסילי, געגומען הוליען, געוויס, ווי דען אַנדערש?

— עסט און טרינקט, וואַסיאַגאַ, הוליעט אום מי ן,
שענקט האַרמאָניקעס, — מתנות ייִנגע בחורים,
שלעפּט זקנים בײַ די בערד אַרום
און יעלהוועט אויף גאַנץ קאַלוגע־ערד:
„כ׳שפּײַ אויף אײַך, אויף אַלע, מענטשן ערדישע,
וויל איך — זינדיק איך, און וויל איך — טו איך תשובה!
אַלצײַנס: שטייט ס׳גן־עדן פֿאַר מיר אָפֿן,
קריסטוס איז אַ חבר מיר אַ האַרציקער.

— אָבער דער שרעקלעכער וואַלגישער גזלן, ניקיטאַ, האָט זיך דערוואוסט פֿונוואַנען וואַסקאַ האָט דעם אומצעביטענעם רובל, האָט ער אַרויסגעגנבעט די מטבע, אַרויפֿגעקראָכן, אויף אַ גנבישן אופֿן, אויפֿן הימל און זאָגט צו קריסטוסן: — „דו, קריסטוס, האָסט נישט ריכטיק געטון, איך גיי יעדע וואָך אויף גרויסע עבֿירות פֿאַרן רובל, און דו האָסט אים אַ פּוילאַק אוועקגעשענקט, אַ הולטײַ, — דאָס איז נישט גוט!"

ס׳איז אַרײַנגעקומען ליוטאָוו מיט אַ נאַסן, גלאַטיק פֿאַרקעמטן קאָפּ, אין הויזן און אין אַ בלוזע — אַ סוועטער.

— דעם סוף, דעם סוף, זאָג! — האָט ער אַ געשריי געטון.

דער דיאַקאָן האָט אַ שמייכל געטון:

— איך זאָג דאָך! — האָט קריסטוס מסכּים געווען מיט ניקיטען, ריכטיק, זאָגט ער, איך בין באַגאַנגען אַ פֿעלער אויס דער פּשטות מײַנער. אַ דאַנק, וואָס דו האָסט פֿאַרריכט דעם ענין, כאָטש ביסט אַ גזלן. בײַ אײַך אויף דער ערד, זאָגט ער, האָט זיך אַלץ אַזוי פֿאַרפּלאָנטערט, אַז ס׳איז גאָרנישט מעגלעך פֿונאַנדערצוקלייבן און, ס׳קאָן זײַן, איר טענהט ריכטיק. דעם שטן איז צו דער האַנט, וואָס גוטסקייט און פּשטות איז ערגער פֿון גנבֿה. נו, פֿונדעסטוועגן, האָט ער זיך אַ קלאָג געטון, בעת ער האָט זיך געזעגנט מיט ניקיטען: שלעכט, זאָגט ער, לעבט איר, אינגאַנצן פֿאַרגעסן אָן מיר. און ניקיטאַ האָט דאָ געזאָגט:

„דו, קריסטוס, נישט האָב אויף אונז פאַריבל
דיך פאַרגעסן מיר נישט, יעזוס קריסטוס,
בייזערהייט אפילו האָבן מיר דיך ליב,
און מיט פיינטשאַפט דינען מיר דיר אויכעט.“

סוף, הויך אָפּזיפצנדיק, האָט דער דיאַקאָן א זאָג געטון:

— דאָס איז דער סוף.

— קיינער קאָן דאָס נישט פאַרשטיין! — האָט אַ געשריי געטון ליוטאָוו. קיינער! דידאַזיקע גאַנצע איראַפּעישע מאָרדווע וועט קיינמאָל נישט פאַרשטיין דעם רוסישן דיאַקאָן יעגאָר איפּאַטיעווסקין, וועלכער האָט אויף זיך אַ פּראָצעס פאַר אפּקורסות און גאָטלעסטערונג אויס ליבע צו גאָט! זי קאָן נישט!

— דאָס איז — אמת, גאָט האָב איך זייער ליב, — האָט געזאָגט דער דיאַקאָן פשוט און זיכער. נאָר מיינע פאָדערונגען צו אים זענען שטרענגע: ער איז נישט קיין מענטש, שויגען אים איז נישטאָ פאַרוואָס.

— שטיי! און אויב ער איז נישטאָ?

— די וואָס האַלטן אַזוי, האָבן אַ טעות.

מאַקאַראָוו האָט זיך אַריינגעמישט.

— קיין גאָט — איז נישטאָ, פאָטער דיאַקאָן, — האָט ער געזאָגט, אויך זייער זיכער. — נישטאָ, וואָרים — אַלץ איז נאַריש.

ליוטאָוו האָט אַלע מאָל אַרויסגעקוויטשעט, אונטערהעצנדיק די דיספּוטאַנטן און געזאָגט צו סאַמגינען:

— איר ווייסט, פאַרוואָס מען האָט פאַרפירט קעגן אים דעם פּראָצעס? בײַ אים אין אַ געדיכט שמועסט די געטלעכע מוטער מיטן טייוול און וואַרפט אים פאָר: „נאָכוואָס האָסטו מיך איבערגעענטפערט צום שוואַכן אָדמן, ווען איך בין געווען חוה, — נאָכוואָס? ווען כ'וואָלט מיט דיר געלעבט, וואָלט איך דאָך די ערד מיט מלאכים באַפעלקערט!“ — איר פאַרשטייט?

קלים האָט געהערט אַ זיין אויפגערעגטע עגבערנדיקע שטימע, אַ דעם דיאַקאָנס טויבלעכן באַס:

— אוודאי מאַכט עס אַ רושם, ווען אַ קליינטשיק מענטשל

רופט אָן דעם וועלטאַל — נאַרישקייט, מילא, אָבער דאָס איז פּאַרט קאָמיש.

— די פרוי איז באַשאַפן געוואָרן נאַריש...

— אין דעם בין איך איינשטימיק מיט אייך. בכלל, איז דער קערפּער געבויט אַזויווי אויף סתירות, אָבער דאָס איז, אפשר, דערפאַר, וואָס די וועגן פון זיין צונויפגיסן זיך מיטן גייסט זענען אונז נאָך נישט באַקאַנט...

— איר, כלי קודש, פאַראַכטעט די פרוי...

ליוטאַוו האָט געשטויסן קלימען, שרייענדיק מיט התלהבות:

— ווער וועט וואָגן צו רעדן וועגן גאָט אַזוי, ווי מיר?

קלים סאַמגין האָט קיינמאָל נישט געטראַכט וועגן דער מציאות פון גאָט, ער האָט נישט געהאַט דידאַזיקע באַדערפעניש. און אַצינד האָט ער זיך געפילט אָנגענעם בגלופינדיק, געוואָלט מוזיק, טענץ, לוסטיקייט.

— מיר וואָלטן אפשר געפאָרן ערגעץ-וואו, — האָט ער פאַרגעלייגט. ליוטאַוו האָט זיך אַנידערגעלייגט אויף דער סאָפע, איינגעקאָרטשעט די פיס און אַ פרעג געטון, שמייכלענדיק:

— צו מיידלעך? אָבער איר זענט דאָך, דאַכט זיך, אַ חתן? האַ?

— איך? ניין, — האָט געזאָגט סאַמגין און אומגעריכט פאַר זיך אַליין צוגעגעבן: — דיזעלבע געשיכטע, וואָס בא אייך...

ער האָט גלייך אָנגעהויבן גלייבן, אַז דאָס איז טאַקע אַזוי, אינעווייניק אין אים האָט זיך עפעס צעריסן און אָנגעפולט אים מיט אַ רויך פון עסנדיקן טרויער. ער האָט זיך צעשלאָכצט. ליוטאַוו האָט אים אַרומגענומען, אָנגעהויבן שטיל צו טרייסטן, צערטלעך אַרויסרעדנדיק לידיעס נאָמען; דאָס צימער האָט זיך געוויגט, פונקט ווי אַ לאָדקע, אויף דער וואַנט האָט זילבערדיק געלויכטן, ווי אַ ווינטערדיקע לבנה און געקראָכן האַלב-קיילעכיק, ווי דער אומרו, דער ציפערבלאַט פון מאָזער-זייגער.

— דו פלעגסט מיר זייער נישט געפעלן, — האָט גערעדט קלים, כליפּענדיק.

— קייגעם — געפעל איך נישט.

— דו ביסט — אַ רעוואָלוציאָנער!

— מיר זענען אַלע רעוואָלוציאָנערן...

— איז הייסט עס קאָנסטאַנטין לעאָנטיעוו — גערעכט: רוס־לאַנד דאַרף מען אונטערפּרירן.

— אַ שוטה! — האָט דערשראָקן אַ זאָג געטון ליוטאָוו. — דעמאָלט וועט עס זי אויפרייסן ווי אַ פלאַש.

און אַ געשריי געטון:

— נאַר, איבעריקנס, — כאַפּט עס דער רוח! זאָל אויפרייסן און שטיל זאָל ווערן!

דערנאָך זענען אַלע פיר געזעסן אויף דער סאָפע. אין צימער איז געוואָרן ענג. מאַקאַראָוו האָט עס אָנגעפּולט מיט פּאַפּיראָסן־רויך, דער דיאַקאָן — מיט דער געדיכטקייט פון זיין באַס, ס'איז שווער געווען צו אָטעמען.

— די הערצער זענען פול מיט עוולות, דער שכל ווידער איז שטאַרק מבולבל...

— שטעל זיך אָפּ באַ דעם, דיאַקאָן!

— דאָס לעבן — איז נישט קיין פעלד, נישט קיין מדבר, נישטאָ וואו — זיך אָפּצושטעלן.

די ווערטער האָבן געקלאַפּט סאַמיגינען איבער די שלייפן, אים געשטויסן.

— כ'וועל נישט דערלויבן צו טאַדלען די וויסנשאַפט, — האָט געשריגן מאַקאַראָוו.

דער דיאַקאָן האָט זיך אַ באַוועג געטון און אָנגעהויבן פּאַ־מעלעך זיך אויסגלייכן. ווען ער, אַ לאַנגער און טונקעלער, ווי עמעצנס אומהיימלעכער שאָטן, האָט דערגרייכט מיטן קאָפּ דעם סו־פיט, האָט ער זיך איבערגעבראָכן און געפרעגט פונדערהייך:

— און דאָס — האָט איר געהערט?

וויגנדיק זיך, ממש אַ צונג אין אַ גלאָק, האָט ער אַרויסגעב־רילט, אַרויסגעשאַלט:

— די צווייפלער... אין מציאות הבורא... — אַן אַנ־נאַטע־מאַ זיי!

— אַן אַנאַ-אַטעמאַ! אַנאַ-אַטעמאַ! — האָט דורכדרינגלעך מיט התלהבות זיך צעזונגען ליוטאַוו, דער דיאַקאָן האָט אים אַקאָמפּאַנירט פּייערלעך, לוויהדיק.

— שווייגט! — האָט אַ ליאַרם געטון מאַקאַראָוו.

דעם דיאַקאָנס געבריל האָט באַטויבט קלימען און אים אַראָפּגעשטויסן אין אַ פינצטערער ליידיקייט; פון איר האָט אים אויפגעהויבן מאַקאַראָוו.

— שטיי אויף! שוין פינף אַ זייגער.

סאַמגין האָט געלאָסן זיך אויפגעהויבן, אַוועקגעזעצט אויף דער סאָפע. ער איז געווען אָנגעטון, בלויז דעם סורדוט און שטיוול אַראָפּגענומען. דער כאַאָס און די ריחות אין צימער האָבן תּיכּף אויפגעלעבט אין זיין זכרון די איבערגעלעבטע נאַכט. ס׳איז געווען פינצטער. אויפן טיש צווישן די פלעשער האָט מיט אַ צווייקאָליריק פייער געברענט אַ ליכט, די אָפּשפּיגלונג פונם פייער איז משונהדיק פאַרשלאָסן אינעווייניק אין אַ ווייסער פלאַש. מאַקאַראָוו האָט אָנגעצונדן שוועבעלעך, זיי האָבן אויפגעפלאַקערט, אויסגעגאַנגען. ער האָט זיך אָנגעבויגן צום פייער פון ליכט, צוגעשטעקט דערצו דעם פּאַפּיראָס, פאַרלאָשן דאָס פייער און אַ זידל געטון:

— אַ, טייוול!

דערנאָך האָט ער געפרעגט:

— וואָס-זשע, דו מיינסט לידיאַ האָט זיך פאַרליבט אין דאָזיקן אידיאָט?

— יאָ, — האָט געזאָגט קלים, אָבער אין אַ צוויי, דריי סעקונדעס אַרום צוגעגעבן: — זיכער...

— נו... גיי, וואַש זיך.

אים איז געלונגען אָנצוצינדן דאָס ליכט. קלים האָט באַמערקט, אַז די הענט ציטערן בא אים שטאַרק. אַרויסגייענדיק, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אויף דער שוועל און שטיל געזאָגט:

— דאָרטן האָט ערשט דער דיאַקאָן געלייענט וועגן דער הייליקער מוטער, דעם טייוול און דעם שוואַכן מענטש, אָדםפיין! אַ קלוגע בעסטיע, דער דיאַקאָן.

צייכנענדיק אינדערלופטן מיטן פייער פון פאפיראָס, האָט ער אַרויסגעזאָגט:

ניט קריסטוס — ניט הבל איז צייטיק די מענטשן,
די מענטשן איז נייטיק פּראָמעטיי — דער אַנטיקריסט.

דאָס איז... פיין געזאָגט!

אַ וואָרף געטון דעם פאַפּיראָס אויף דער פּאָדלאָגע און איז אַוועקגעגאַנגען.

אַ פליכיקער זקן מיט אַ בייל אויפן שטערן האָט געהאָלפן קלימען זיך אַפּוואַשן און שווייגנדיק אים אַראָפּגעפירט אונטן; דאָרטן, אין אַ קליינטשיק צימערל, זענען באַם טיש אַרום סאַמאָוואַר געזעסן דריי מענטשן אין נאָכשכּרותדיקן צושטאַנד. דער דיאַקאָן, וועלכער איז נאָך דאַרער געוואָרן איבער נאַכט, איז ענלעך געווען צו אַ געשפּענסט. די אויגן זיינע האָבן שוין ניט אויסגעזעען קלימען אַזעלכע גרויסע, ווי נעכטן, ניין, דאָס זענען געווען בלויינלעכע שיטערע און טריבע אויגן פון אַ באַיאָרטן שכּורניק. און דאָס פּנים איז בײַ אים, אייגנטלעך, אויך אַ דורכשניטלעכס, אַזעלכע פּנימער טרעפט מען זייער אָפט. ווען ער זאָל אָפּגאָלן די דרייפּאַכיקע באָרד און צושערן די כוואַליענהאַפטע שעפּסנוואָל אויפן קאָפּ, וואָלט ער געהאַט אַן אָנבליק פון אַ באַלמעלאָכע. אַ מענטש פאַר אַן אַנעקדאָט. ער רעדט אפילו מיטן לשון פון גאָרבונאָווס דערציילונגען.

— אַ גיטאַרע פאָדערט אַ טרוימערישן כאַראַקטער.

— קאָסטיאַ, הער אויף צו מאַטערן די גיטאַרע, — האָט גיכער באַפוילן, ווי אַ בעט געטון ליוטאָוו.

קלים האָט גיריק געטרונקען די שטאַרקע קאַווע און געטראַכט: מאַקאַראָווס ראָלע לעבן ליוטאָוון — איז אַ ניט שיינע ראָלע פון אַ קעסטקינד. שווער, אַז דערדאָזיקער צעשרויפטער און גראָביינגישער פּלאַפּלער זאָל אַרויסרופן בײַ וועמען ס'איז אַ געפיל פון אויפריכטיקער פריינדשאַפט. אָט רוט שוין ווידער ניט בײַ אים די פאַרמרהשחורהטע צונג:

— נו, — ווי אַזוי זאָל מען עס פאַרשטיין, דיאַקאָן, ווי אַזוי

דאָס פאַרשטיין, וואָס דו, אַ קערנדיק רוסישער מענטש, אַ וועזן פון אומגעוויינלעכער נשמה־פאַרביקייט — ביסט מרהשחורהדיק?

דער דיאַקאָן האָט, באַשיטבדיק מיט זאַלץ אַ שטיקל קאָרן־ברויט, טויב אַ הוסט געטון און געענטפערט:

— אין דער מרה־שחורה איז קיין שום קערנדיק רוסישס — נישטאָ. פון מרה־שחורה ליידן אַלע מענטשן.

— אָבער — פון וואָסערער?

— וואָלטער האָט אויך געליטן פון מרה־שחורה.

און באַלד, פינקט ווי אַ קופּע סטריזענעס, האָט אויפגעפלאַקערט אַ וויכוח. ליוטאָוו איז אונטערגעשפּרונגען אויף דער שטול, געקלאַפּט מיט דער האַנט איבערן טיש, געקוויטשעט, דער דיאַקאָן האָט קאַלטבלוטיק דערדריקט זיינע געשרייען מיט שווערע ווערטער, אויסגלייכנדיק מיטן מעסער דאָס זאַלץ איבערן ברויט. האָט ער געפרעגט:

— אָבער — צי איז דען גאָר דאָ דאָס רוסלאַנד? לויט מיין מיינונג, איז גאָר אַזאַ, ווי דו, וואָלאַדימיר, זעסט עס, — נישטאָ.

— אוף, ווי איר האָט דערעסן, — האָט געזאָגט מאַקאַראָוו און אַוועקגעגאַנגען מיט דער גיטאַרע צום פענצטער, און דער דיאַקאָן האָט עקשנותדיק געדויבעט:

— טעמפּלען זענען בײַ אונז דאָ, נאָר אַ קירכע — פעלט. די קאַטאָליקן גלייבן אַלע רוימיש, און מיר — סינאָדיש, אוראַליש, טאַווריש און דער שוואַרץ־יאַר ווייסט, ווי אַזוי נאָך...

— אָבער — פאַרוואָס? פאַרוואָס, סאַמגין?

קלים האָט אַריינגעשטעקט די הענט אין די קעשענעס און גענומען רעדן:

— ווי יעדע אידעאָלאָגיע, זענען די רעליגיעזע אָנשויונגען אויבעט...

— שוין געהערט, — האָט גראָבלעך געזאָגט דער דיאַ־קאָן. — איך האָב אויך אַ זון אַ מאַרקסיסט. ער האָט פאַרשפּראָכן אַ דיכטער צו זיין, אַ ניעקראַסאָוו, אָבער אַצינד טענהט ער, אַז דער ערדלאָזער פויער קאָן נישט גלייבן אינם גאָט פונם פאַרמעגלעכן

פויער. ניין, נישט אין דעם איז דער תוך. דאָס איז, אינדערעמתן, די אָרעמקייט פון דער פילאָזאָפיע. די ריכטיקע פילאָזאָפיע אָבער פון דער אָרעמקייט האָב איך, אַט צוזאַמען מיטן הער סאַמגין, געהערט אייערנעכטן. דער פילאָזאָף איז געווען נישט אימפּאָזאַנט, אָבער מען דאַרף זאָגן, אַז ער האָט מייסטערהאַפט אויפגעדעקט דעם עצם-מהות פון אַלע און אַלערליי פאַרהעלטנישן, ווייזנדיק דעם פאַרבאָרגענעם מעכאַניזם פון אונזער דאַזיין אַלס אומאויפהערלעכע בלוטזויגעריי. איך האָב דריי מאָל אים געהערט און דיספּוטירט, אָבער בייקומען די פעסטקייט פון זיין געדאַנק — האָב איך דאָן נישט געקאָנט. דעם זון מיינעם קאָן איך אַוועקשטעלן קלאָץ-קשיות אויף אַלע זיינע גענג, אָבער דעמדאָזיקן — קאָן איך נישט.

דער דיאַקאָן האָט ברייט און באַגיטיקענד אַ שמייכל געטון.

— איך רעד נישט — סתם אַזוי. איך בין אַ מענטש אַ ניי-געריקער. צונויפשטויסנדיק זיך מיט אַזאַ איינעם פון די פּראָסטע מענטשן, וואָס זיין בליק אויפן לעבן איז אַן אומרויקער, גיב איך אים אַ צוויי, דריי שטויסן אין מיין זונס געליבטער ריכטונג, אין דער מאַרקסיסטישער. און תמיד ווייזט זיך אַרויס, אַז די גרונד-עלעמענטן פון דערדאָזיקער לערע זענען שוין באַם פּראָסטאַק אַזוי-ווי פאַראַן ערגעץ-וואו אונטער דער הויט.

— דער מאַרקסיזם — איז אַ הויט-קראַנקייט ? — האָט דער-פרייט אויסגעשריגן ליוטאָוו.

דער דיאַקאָן האָט אַ שמייכל געטון.

— ניין, כ'האָב דאָך געזאָגט : אונטער דער הויט. איר קאָנט זיך פאָרשטעלן מיין זונס שמחה ? ער בייטיקט זיך זייער אין גייסטיקער פרייד, וואָרים דער כוח פאַר קערפּערלעכע תענוגים, — איז באַ אים אָפּגענומען. ער ליידט אויף שווינדזוכט און רירט נישט מיט די פיס. ער איז אַרעסטירט געווען איבערן אַסטירעוו-ענין און האָט אין תפיסה געפּטרט דאָס געזונט. אינגאַנצן געפּטרט. צום טויט.

הויך אָפּזיפצנדיק, האָט דער דיאַקאָן פאַרגעלייגט מיט אַ געווי-סער וואולייגישקייט :

— וואָלאָדיאַ, מיר וועלן נישט אויסטרינקען „בערישמעסיק״ ?
ליוטאָוו איז אויפגעשפרונגען און אַוועקגעלאָפן, שרייענדיק:
— איך ווייס, דיאַקאָן, פאַרוואָס מיר אַלע זענען אַן אָפּגעוואַנדערט און איינזאַם פאָלק.

דער דיאַקאָן האָט צוגעגלעט די האָר מיט ביידע הענט, זיך אַ ציִ געטון באַ דער באָרד, דערנאָך געזאָגט נישט הויך:
— דער פרילינג קלאַפּט, הערן סטודענטן.

ער האָט דאָס געזאָגט דערפאַר, ווייל פון דאַך איז אַראָפּגעפאַלן אַ שטיק אונטערגעשמאָלצן אייז, אַ קלינג געבנדיק אָן אייזן פונעם אויבערלופט פון פענצטער.

ס׳איז אַריינגעלאָפן ליוטאָוו מיט אַ פלאַש שאַמפּאַנער אין דער האַנט, נאָך אים איז אַריינגעקומען אַ ראָזפנימדיקע, פּראַכטפולע דינסט אויך מיט פלעשער.

— מאַך! — האָט ער אַ זאָג געטון צום דיאַקאָן. אָבער וועגן דעם, פאַרוואָס זענען די רוסן — דאָס איינזאַמסטע פאָלק אין דער וועלט — האָט ער פאַרגעסן צו זאָגן און קיינער האָט אים נישט געפרעגט וועגן דעם. אַלע דריי האָבן אויפמערקזאַם נאָכגעפאָלגט דעם דיאַקאָן, וועלכער האָט, פאַרקאַשערנדיק די אַרבל, אָפּגעדעקט נישט זייער קיין ריין העמד און אַן אויסטערליש ווייסע, גלאַטיקע ווי באַ אַ פרוי הויט פון די הענט. ער האָט צונויפגעמישט אין פיר טיי־גלעזער פאָרטער, קאָניאַק, שאַמפּאַנער, באַשאָטן די טריבשוימיקע פליסיקייט מיט פעפער און פאַרגעלייגט:

— וואַרפט אַריין!

קלים האָט העלדיש אויסגעטרונקען, כאָטש באַלד פון ערשטן שלונג האָט ער דערפילט, אַז די משקה איז עקלדיק. אָבער ער האָט אין גאָרנישט געוואָלט אָפּשטיין פון דידאַזיקע מענטשן, וואָס האָבן אַזוי נישט געלונגען זיך אויסגעטראַכט, וואָס האָבן אַזוי אויפרייצנד זיך פאַרפלאָנטערט אין די געדאַנקען און ווערטער. אַ שוידער געבנדיק פון דער ברענענדיקער טעם־עמפינדונג, האָט ער בליק־שנעל ווידער אַמאָל אַ טראַכט געטון, אַז מאַקאַראָוו וועט זיך נישט איינהאַלטן און דערציילן לידיען, ווי ער טרינקט און לידיאַ

וועט זיך מוזן דערפילן אַלס שולדיקע דערין. און זאָל זי טאַקע דערפילן.

אין אַ פערטל שעה אַרום איז ער, זיצנדיק אויף דער שטול, ווי אַ שוואַלב אַרומגעפלויגן איבערן צימער און גערעדט אין דעם דרייבערדיקן פנים אַריין מיט די גרויסע אויגן:

— אייערע געדאַנקען ווייזן זיך אייך אויס פאַרביק, און אַזוי ווייטער. אָבער — דאָס זענען העכסט באַנאַלע געדאַנקען.

— שטייט, סאַמגין! — האָט געשריגן ליוטאָוו. — דאָן איז רוסלאַנד איינגאַנצן — אַ באַנאַליטעט. איינגאַנצן!

— און קריסטוס, וועלכן מיר ליבן כלומרשט און האַסן. איר — זענט זייער אַ כיטרער מענטש. אָבער — איר זענט אַ באַיוווער מענטש, דיאַקאָן. און איך — גלייב אייך נישט. איך — גלייב קיי־נעם נישט.

קלים האָט זיך געפילט צעפלאַקערט. ער האָט געוואָלט זאָגן אַ סך באַליידיקנדע, אָבער אומבאַדינגט אמתע ווערטער, געוואָלט צווינ־גען צום שווייגן דידאָזיקע מענטשן. ער האָט אפילו געבעטן, מיד פון בייזערן זיך:

— מיר זענען אַלע גאָר פשוטע מענטשן. לאָמיר לעבן פּשוט. גאָר פשוט... ווי טויבן. זאָגט!

זיי האָבן הילכיק געלאַכט, געשריגן. ליוטאָוו האָט אים גע־פירט איבער די גאַסן אין אַברייטן שליטן, געשפּאַנט מיט די שנעלסטע פערד, און קלים האָט געזען, ווי די טעלעגראַף־סלופּעס שפּרינגען אין הימל אַריין און צעמישן אין אים די שטערן, פּונקט ווי שטיקלעך פּאָמעראַנץ־שאָלעכץ אין קרושאָן. דאָס האָט זיך גע־צויגן פיר מעת־לעת, און דערנאָך האָט סאַמגין, ליגנדיק בײַ זיך אינ־דערהיים אין בעט, דערמאָנט זיך די באַזונדערע מאָמענטן פון דעם לאַנגן קאָשמאַר.

טיפער און שטאַרקער פון אַלעם האָט זיך אַריינגעשניטן אין זכרון דעם דיאַקאָנס געשטאַלט. סאַמגין האָט זיך געפילט באַקלעפּט מ״ט זיינע רייד, ווי מיט פעך. אָט שטייט דער דיאַקאָן אינמיטן צימער מיט דער גיטאַרע אין די הענט. רעדט וועגן ליוטאָוון, ווען ליוטאָוו, פלוצלינג אויסלייגנדיק זיך אויף דער סאָפע — איז

איינגעשלאָפֿן, אַזוי פֿאַרצווייפֿלט צעשפּרייטנדיק דאָס מויל, גלייך ער וואָלט געשריגן מיט אַ קלאַנגלאָז און דערפֿאַר מיט נאָך אַ מער מוראדיק געשריי:

— ער טרינקט זעלבסטמערדעריש. מאַרקס איז פֿאַר אים שעדלעך. באַ מיר בייט זיך אויך דער זון בעל־כּרחו צו גלייבן אין מאַרקסן. אים — איז מוחל צו זיין. ער טוט עס — אויס כּעס אויף די מענטשן פֿאַר דעם אַ תּל געמאַכטן לעבן. מאַנכע גלייבן אויס נאַרישער, קינדישער העלדישקייט: דער בחורעץ האָט מורא פֿאַר דער פֿינצטערניש, אָבער — קריכט אין איר, שעמענדיק זיך פֿאַר די חברים, קינצלענדיק, בכדי צו ווייזן: איך בין חלילה נישט קיין פּחדן! מאַנכע גלייבן אויס איילקייט, אָבער דער רוב אויס מורא. אָט די לעצטע האָב איך נישט דאָס... שעך איך נישט שטאַרק...

אָט האָט ער אויפֿגעהערט צו לערנען מאַקאַראָוון שפּילן אויף דער גיטאַרע און פֿרעגט קלימען:

— און איר האָט נישט קיין שוואַכקייט צו מוזיק?

און נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפֿער, טרוימט ער, פּויקנ־דיק מיט די פֿינגער איבער דער קני:

— מ'וועט מיר געבן דעמיסיע — וועל איך גיין אַרבעטן אין אַ גלאָז־פֿאַבריק, כ'וועל זיך פֿאַרנעמען מיט דערפֿינדן אַ גלעזער־נעם אינסטרומענט. שוין זיבן יאָר שטוין איך: פֿאַרוואָס ווערט גלאָז נישט באַנוצט אין מוזיק? איר האָט זיך אַמאָל צוגעהערט ווינטער, אין די זאַוויערוכע־נעכט, בעת עס שלאָפֿט זיך נישט, ווי די שויבן אין די פֿענצטער זינגען? איך האָב אפֿשר טויזנט נעכט געהערט דאָסדאָזיקע געזאַנג און בין געקומען צום רעיון, אַז דווקא גלאָז, און נישט קיין מעש, נישט קיין האָלץ דאַרף אונדז געבן די שלימות־דיקע מוזיק. אַלע מוזיקאַלישע אינסטרומענטן דאַרף מען מאַכן פֿון גלאָז, דעמאָלט וועלן מיר ערשט באַקומען דעם גן־עדן פֿון קלאַנ־גען. כ'וועל דורכויס זיך פֿאַרנעמען דערמיט.

דער טרוימערישער שמייכל האָט ווייך געמאַכט דעם דיאַ־קאָנס בייביקע פּנים, און קלים סאַמגינען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דער דיאַקאָן האָט ערשט אַצינד דאָס אַלץ אויסגעטראַכט.

נאָך צוויי, דריי באַגעגענישן מיטן דיאַקאָן, האָט קלים אים אויפגעשטעלט אין איין ריי מיט דעם פּרעדיקער מיט די דריי פינגער, מיטן מענטש, וועלכן ס׳געפעלט, ווען מען „זאָגט דעם אמת", מיט דעם לאָמען וועלס־כאַפּער, מיטן הויפּוועכטער, וועלכער האָט בכיון פאַרגעקערט דעם שטויב און דאָס מיסט פון דער גאַס אונ־טער די פיס פון די אַרעסטאַנטן און מיטן קונדייסישן אַלטן מוליאַר.

קלים סאַמגין האָט געטראַכט, אַז ס׳וואָלט גוט געווען, ווען ס׳וואָלט עמעצער זייער אַן אָנגעזעענער, אפילו אַ שרעקלעכער, אַ געשריי געטון אויף דידאָזיקע מענטשן:

— „אָבער — וואָס רודערט איר אַרום ?"

נישט בלויז זיי האָבן זיך געניייטיקט אין אַ שטרענג אָנ־שרייען, ס׳האָט זיך אויך געניייטיקט דערין ליוטאָוו, ס׳האָבן פאַרדינט צו כאַפּן אַ פּסק אויך פיל סטודענטן, אָבער דידאָזיקע גאַסנהאַפּטע, קעלערדיקע, קאָשמאַרהאַפטע האָבן באַזונדער אויפגע־בראַכט סאַמגינען מיט זייער עזותדיקייט. ווען באַם פעטער כריסאַנף פלעגט דער פריילעכער סטודענט מאַראַקועוו און פּאָיאַרקאָוו אָנ־הייבן די טומלדיקע אַמפּעריי וועגן אמת פון פאָלקיזם און מאַרק־סיזם מיט זייער חבר פּרייס, אַ קליינטשיקער, עלעגאַנטער ייד, מיט אַ דין פּנים און סאַמעטענע אויגן, — פלעגט סאַמגין הערן דידאָ־זיקע וויכּוחים כמעט גלייכגילטיק, טיילמאָל מיט איראָניע. נאָך קו־טוזאָוו, וועלכער האָט נישט ליב געהאַט קיין לאַנגע דבורים און געקאָנט רעדן קאַרג, אָבער שלאָגפערטיק, האָבן דידאָזיקע אים אויסגעזעען ווי ייִנגלעך, זייערע וויכּוחים — אַ שפּיל, און דער הייסער ברען — געווענדט אויף אַריינצוציען וואַרוואַרען און לידיען.

— איטלעכעס פאָלק — איז די פאַרקערפּערונג פון אַ נישט ווידערהאָלבאַרער גייסטיקער אייגנאַרט ! — האָט געשריגן מאַראַקועוו און אין זיינע אויגן פון נוס־קאָליר האָט געברענט אַ ווילדע התלהבות. — אפילו די שבטים פון דער ראָמאַנישער ראַסע זענען שאַרף פאַרשידנאַרטיק, איטלעכער — איז אַן אָפּגעזונדערטע פּסי־כישע אינדיווידואַליטעט.

פּאָיאַרקאָוו, באַמיענדיק זיך צו רעדן סוגעסטיוו און רויק, האָט געבלישטשעט מיט די געלבלעכע ווייסלען, אין וועלכע ס'זענען אומבאַוועגלעך פאַרגליווערט געווען די שוואַרץ-אַפּלען; ער האָט געשטופּט מיטן בויך דעם קליינטשיקן פּרייס, אַרייניאָגנדיק אים אין אַ ווינקל און דאָרטן אים געדריקט מיט קורצע, בייזע פראַזן:

— אינטערנאַציאָנאַליזם — איז אַ המצאה פון דענאַציאָנאַליזירטע און דעקלאַסירטע מענטשן. אין דער וועלט הערשט דאָס געזעץ פון עוואָלוציע, וואָס לייקנט אָפּ די צונויפגיסונג פון דעם נישט צונויפגעגאָסענעם. דער אַמעריקאַנער סאָציאַליסט אָ-ערקענט נישט דעם נעגער אַלס חבר. ציפּריסן וואַקסן נישט אויפן צפון. בעטהאָווען איז נישט מעגלעך אין כינע. אין דער וועלט פון געוויקסן און חיות איז קיין רעוואָלוציע — נישטאָ.

דידאָזיקע אַלע רייד זענען געווען מער אָדער ווייניקער באַקאַנט און היימיש; זיי האָבן נישט געשראָקן, נישט אויפגערעגט, און אין פּרייס תשובות איז אפילו געווען עפּעס טרייסטנדיקס. ער פלעגט ענטפערן געשעפטסמעסיק מיט ציפערן, און סאַמגין האָט געוואוסט, אַז געטרייער חשבון — איז אַ גרונט-יסוד פון דער וויסנשאַפט. אין אַלגעמיין האָבן יידן נישט געוועקט סאַמגינס סימפּאַטיעס, אָבער פּרייס איז אים געפעלן. ער פלעגט הערן מאַראַקועווס און פּאָיאַרקאָווס רייד רויק, ער האָט זיי אָפּנים געהאַלטן פאַר אומפאַרמיידלעך, ווי אַ פאַרשלעפּטער האַרבסט-רעגן. ער האָט גערעדט מיט אַ ריינער רוסישער שפּראַך, טרוקן, מיט אַ טאָן פון אַ פּראָפעסאָר, וועלכן ס'איז שוין אַ ביסל דערעסן געוואָרן צו לייענען לעקציעס. אין זיינע פעסטע צונויפגעשלאָגענע פראַזן האָבן אינגאַנצן געפעלט די דורך רוסן באַליבטע איבעריקע ווערטער, ס'איז נישט געווען קיין געבלימטס, קיין שום אויספּיינען זיך און געווען איז עפּעס אַזוי ווי זקנישס, וואָס האָט נישט געפּאַסט צו זיין הילכיקער שטימע און צום אַנטשלאָסענעם בליק פון די סאַמעטענע אויגן. ווען מאַראַקועוו, אויפלאַקערנדיק ווי פייערווערק, האָט זיך אויסגעברענט, און פּאָיאַרקאָוו, אויסשעפּנדיק דעם גאַנצן זאַפּאַס פון זיינע קורץ אָנגעהאַקטע פראַזן, האָט געקוקט שטאַר אויף פּרייסן מיט די פאַרשידנקאָליריקע אויגן, האָט פּרייס געזאָגט:

— מעגלעך, אַז דאָס אַלץ איז שיין, אָבער דאָס איז נישט די וואָרהייט. די צווייפּלאָזע וואָרהייט באַדאַרף נישט קיין שום באַפּוצונגען, זי איז — איינפאַך: די גאַנצע געשיכטע פון דער מענטשהייט איז די געשיכטע פון קלאַסן־קאַמף.

קלים סאַמגין האָט נישט געפילט קיין באַדערפעניש צו קאָנטראָלירן פרייס וואָרהייט, ער האָט נישט געטראַכט וועגן דעם צי דאַרף מען זי אָננעמען אָדער אָפּוואַרפן. אָבער, פילנדיק זיך אין צושטאַנד פון זעלבסטפאַרטיידיקונג און אַ ביסל איילנדיק זיך מיט די אויספירן פון דעם אַלעם, וואָס ער האָט געהערט, האָט קלים אין דער אים נישט אָנגענעמער „קוטוזאָווטשטשינע" שוין געפונען אַ ווערטפולע מעלה: די „קוטוזאָווטשטשינע" האָט זייער פאַראיינפאַכט דאָס לעבן, פונאַנדערטיילנדיק די מענטשן אויף איינאַרטיקע גרופּעס, שטרענג אָפּגעגרענעצטע מיט ליניעס פון פּאָלקאָם פאַרשטענדלעכע אינטערעסן. אויב יעדער מענטש האַנדלט לויטן ווילן פון קלאַס, פון דער גרופּע, איז ווי געשיקט ער זאָל נישט באַהאַלטן אונטער די געטאָקטע און פּיפּיקע ווערטער־פלעכטונגען זייַנע אמתדיקע פאַרלאַנגען און צילן, קאָן מען שטענדיק אויפדעקן דעם אמתן מהות זייַנעם, — דעם כּוח פון די גרופּן־און קלאַסן־געבאָטן. מעגלעך, אַז טאַקע נאָר די „קוטוזאָווטשטשינע" וועט מעגלעך מאַכן צו פאַרשטיין און אפילו נאָך בעסער — זי וועט אינגאַנצן באַזייטיקן פון לעבן די פאַרשידענע קאָשמאַרהאַפטע מענטשן, ווי ס'זענען דער דיאַקאָן, ליוטאָוו, דיאָמידאָוו און דעסגלייכן. אָבער — דאָ האָט זיך אַרויסגערוקט אַ ריי צעטומלענדיקע פראַגן און זכרונות:

— מיט די אינטערעסן פון וואָסער גרופּע אָדער פון וואָסער קלאַס לעבט פרייס, דער רייַנער און סאָלידער.

ס'האָט זיך דערמאָנט די זייער בייסיקע פראַגע טוראָבאָיעווס צו קוטוזאָוון:

— און טאָמער וועט די קלאַסן־פילאָזאָפיע זיך אַרויסווייזן נישט אַלס שליסל צו אַלע לעבנס־פראַגן, נאָר בלויז אַלס נאָכשליסל, וואָס מאַכט קאַליע און צעברעכט די שלעסער?

ס'האָט געהוידזשעט דעם דיאַקאָנס אָפּשרעקנדיקע שטימע:

— ס'קומט אויס מספים צו זיין מיט מיין אַנפּיסיקן זון, וועל־כער טענהט אַזוי: פריער איז די רעוואָלוציע — צו אַ שפּאַנישן ראָמאַן מיט נסים ענלעך געווען, צו אַ געפּערלעכער, אָבער זייער אַנגענעמער פּאַרווײַלונג, ווי, למשל, אַ בערן־יאַגד, אָבער איצטער ווערט זי אַ זייער ערנסטער ענין, אַ מוראַשקענהאַפטע אַרבעט פון אַן אַ שיעור פּראָסטע מענטשן. דאָס איז, נאַטירלעך, נביאות, אָבער — נישט אָן שכל. ווירקלעך: מען האָט אַנגעטעמט אַן אָנ־שטעקנדיקע אַטמאָספערע און אַלס ראיה פון איר אַנשטעקעוודי־קייט דינען נישט בלויז מיר, די דאָ פאַראַנענע שכורים.

די צאָל פון אַזעלכע דערינערונגען און פראַגן איז אַלץ גע־וואַקסן, זיי זענען געוואָרן אַלץ סתירהדיקער, פאַרוויקלטער. פּילנ־דיק זיך נישט בכוח פונאַנדערצוקלייבן אין דאָזיקן כאַאָס, האָט קלים מיט פאַרדראָס געטראַכט:

— אָבער איך בין דאָך נישט קיין נאַר?

אַז ער איז נישט קיין נאַר, אין דעם האָט אים איבערצייגט זיין מסוגלדיקייט צו באַאָבאַכטן אין די מענטשן דאָס פאַלשע, ניש־טיקע, קאָמישע. ער איז זיכער געווען, אַז ער זעט אַנטעועותדיק און שאַרפזיכטיק. די מאָסקווער סטודענטן טרינקען מער, ווי די פּעטער־בורגער און עקזאַלטירן זיך פלאַמיקער מיט טעאַטער. די וואָלגע־איינוואוינער גיבן די גרעסטע צאָל רעוואָלוציאָנעריש געשטימטע מענטשן. פּאַיאַרקאָוו איז בלי ספק געווען זייער אַ שלעכטער, אָבער נישט וועלנדיק אַרויסווייזן זיין שלעכטסקייט, האָט ער אומנאַטיר־לעך געשמייכלט, געווען אָנגעצויגן העפלעך מיט אַלע. פּרייס באַ־ציט זיך צו די רוסן, ווי טוראַבאַיעוו צו די פויערן. ווען מאַראָ־קועוו וואָלט נישט געווען אַזוי פריילעך, וואָלט פאַר איטלעכן קלאָר געווען, אַז ער איז אַ נאַר. וואַרוואַראַ טרינקט אפילו טיי טראַגיש. דער פּעטער כריסאַנף איז אַן אָפענער נאַר, ער אַליין ווייסט דאָס.

— איך בין אַ גוטער מענטש, נאַר — אַ לאַיצלחדיקער, — האָט ער געזאָגט — אָט דאָ ליגט דער סוד! אַ גוטן מענטש וואָלט מען באַדאַרפט געבן הצלחה, אָבער מיר — איז נישט געגעבן געוואָרן.

די צאָל פון אַזעלכע באַאָבאַכטונגען איז שנעל געוואַקסן,

סאַמגין האָט נישט געהאַט קיין ספקות אין זייער ריכטיקייט, ער האָט געפֿילט, אַז זיי שטעלן אים אַוועק אַלץ מער פֿעסט צווישן די מענטשן. אָבער שלעכט איז געווען דאָס, וואָס כמעט יעדער מענטש האָט געזאָגט עפּעס אַזוינס, וואָס סאַמגין אַליין וואָלט באַדאַרפֿט זאָגן, איטלעכער האָט אים באַגנבֿעט: אָט האָט דיאָמידאָװ אַ זאָג געטון:

— די וועלט — איז אַ שונא דעם מענטש.

אין דידאַזיקע שלעכטע ווערטער האָט קלים געהערט זיינס אַן אמת. ער האָט בייז אַן עצה געגעבן:

— גייט אין אַ מאָנאַסטיר אַריין.

— דו האָסט נישט פֿאַרשטאַנען, — האָט געזאָגט לידיאַ, שטרענג אַ קוק געבנדיק אויף אים, און דיאָמידאָוו האָט פֿאַרדעקט דאָס פּנים מיט די הענט, אַ מורמל געטון דורך די פֿינגער:

— אַ מאָנאַסטיר איז אויך אַ שטייג.

קלים האָט אָנגעהויבן באַמערקן, אַז לידיאַ באַציט זיך צום בוטאַפֿאָר, פּונקט ווי צו אַ קינד, גיט אַכטונג, אַז ער זאָל עסן און טרינקען, זיך וואַרעמער אָנטון. אין קלימס אויגן האָט דידאָזיקע וואָרגזאַמקייט זי דערנידעריקט.

און דיאָמידאָוו איז געווען בפֿירוש אומנאָרמאַל. סאַמגינען האָט ענדגילטיק איבערצייגט דערין אַ מאָדנע סצענע: אַוועקגייענדיק פֿון לידיען האָט דער סטאָלאַר און בוטאַפֿאָר אָנגעטון זיין אַלטן פּאַלטן, ער האָט שוין אַריינגעשטעקט די לינקע האַנט אין אַרבל אַריין, נאָר נישט געקאָנט געפֿינען דעם רעכטן אַרבל און, שמייכלענדיק, געאַמפּערט זיך מיטן פּאַלטן, געטרייסלט אים. קלים האָט געוואָלט אים העלפֿן.

— ניין, מען דאַרף נישט, — האָט אַ בעט געטון דיאָמידאָוו, דערנאָך, אַראָפּוואַרפֿנדיק דעם פּאַלטן פֿון דער פּלייצע, צערטלעך אַ גלעט געטון דעם איינגעשפּאַרטן אַרבל, שנעל און פֿלינק אָנגעטון דעם פּאַלטן און פֿאַרקנעפּלענדיק די פֿאַרשידנאַרטיקע קנעפּלעך, דערקלערט:

— ער האָט נישט ליב קיין פרעמדע הענט. זאַכן האָבן אייך פאַרשטייט איר, אַן אייגענעם כאַראַקטער.

ער האָט געקנייטשט אין די הענט דאָס היטל און גע-רעדט:

— יאָ, זיי האָבן. באַזונדער קליינע און וועלכע מ'נעמט אָפט אין די הענט אַריין. דהיינו — אינסטרומענטן: אייגענע האָבן ליב אייער האַנט, אַנדערע — נישט. כאַטש וואַרף זיי אַוועק. איך, אַ שטייגער, האָב נישט ליב איין אַקטריסע, און זי האָט מיר גע-געבן צו פאַרריכטן אַן אַלטע שקאַטולקע, אַ נאַרישע רעפּעראַציע. איר וועט נישט גלייבן: איך האָב זיך לאַנג געמאַטערט — נישט געקאָנט זיך קיין עצה געבן. זי גיט זיך נישט אונטער די שקאַטול-קע. דאָ שנייד איך מיר איין דעם פינגער, דאָ קלעם איך אָפּ די הויט, כ'האָב מיטן ליים זיך אָפּגעבריט. אַזוי האָב איך טאַקע נישט פאַרראָכטן. ווייל די שקאַטולקע האָט געוואוסט: כ'האָב נישט ליב איר באַלעבאָסטע.

ווען ער איז אַוועקגעגאַנגען, האָט קלים געפרעגט לידיען: וואָס זי קלערט וועגן דעם.

— ער איז — אַ פּאָעט, — האָט געזאָגט דאָס מיידל מיט אַ טאָן, וואָס שליסט אויס דערווידערונג.

וועגן דעם, אַז זאַכן שטעלן אַ ווידערשטאַנד דעם מענטש, האָט דיאָמידאָוו געקעדט נישט זעלטן.

— קליינע זאַכן זענען ווייניקער אונטערטעניק ווי גרויסע. אַ שטיין קאָן מען אַרומקרייזלען, מ'קאָן אים אויסמיידן, אָבער פון שטויב — וועסטו זיך נישט אויסבאַהאַלטן; גיי דורכן שטויב אַדורך. כ'האָב נישט ליב צו מאַכן קליינע זאַכן, — האָט ער גע-זיפצט שולדיק שמייכלענדיק און מ'האָט געקאָנט מיינען, אַז דער שמייכל לייכט נישט אינעווייניק אין זיינע אויגן, נאָר ער איז אָפּ-געשפּיגלט אין זיי פון ערגעץ-וואו פונאויסנווייניק. ער פלעגט מאַכן קאָמישע אַנטדעקונגען:

— אַז מ'גייט באַנאַכט פון אַ לאָמטער, ווערט דער שאָטן אַלץ קירצער און דערנאָך ווערט ער אינגאַנצן פאַרפאַלן. דעמאָלט דאַכט זיך, אַז איך אַליין בין אויך נישטאָ.

אָבסערווירנדיק אים לעבן לידיען, האָט סאַמגין געשפּירט אַ קאָמפּליצירט געפיל פון פאַרחידושטקייט, פאַרדראָס.

אָבער קיין אייפערזוכט איז פאַרט נישט געבוירן געוואָרן, כאָטש ער האָט נישט אויפגעהערט עקשנותדיק צו טראַכטן, אַז ער האָט לידיען ליב. ער האָט פונדעסטוועגן באַשלאָסן צו זאָגן איר:

— ס'וועט דיך נישט דערפירן צו קיין גוטס דיין ראָמאַניזם.

און וואָס איז אַזוינס — גוטס? — האָט זי געפרעגט מיט אַ האַלב קול, אָנכמורענדיק זיך און קוקנדיק אין זיינע אויגן אַריין. אין דער צייט, וואָס ער האָט געהויבן די פּלייצעס, און זיך געגרייט איר צו ענטפערן, האָט זי געזאָגט:

— איך מיין, אַז די באַציִונגען פון מענער און פרויען זענען בכלל — נישט קיין גוטס. זיי זענען אומפאַרמיידלעך, אָבער קיין גוטס איז אין זיי נישטאָ. קינדער? סיי דו, סיי איך זענען מיר געווען קינדער, אָבער איך קאָן נאָך אַלץ נישט פאַרשטיין: נאָכוואָס זענען מיר ביידע נייטיק?

סוף כל סוף האָט זיך סאַמגינען געדאַכט, אַז ער פאַרשטייט גרויסאַרטיק אַלע און אַלץ, אַ חוץ זיך אַליין. און שוין נישט זעלטן האָט ער זיך געכאַפּט דערויף, אַז ער באַאָבאַכטעט זיך, ווי אַ מענטש, וואָס איז אים ווינציק באַקאַנט און איז געפערלעך פאַר אים.

גרייטנדיק זיך מקבל פּנים צו זיין דעם יינגן קייסער, האָט מאָסקווע אַזיאַטיש פאַרביק זיך אויסגעשלייערט, פאַרשמירט די צופיל העסלעכע רונצלען אירע, ווי אַ גאָר אַלטע אַלמנה, וואָס גרייט זיך אויפסניי חתונה צו האָבן. ס'איז געווען עפּעס אויסטערלישס און פיבערהאַפטיקס אין ד'ער שטרעבונג פון די מענטשן צו פאַרמאַליעווען דעם שמוץ פון זייערע דירות, גלייך די מאָסקווער וואַלטן פּלוצלינג געעפנט די אויגן און זיך דערשראָקן, זעענדיק די שפּאַלטן, פלעקן און אַנדערע סימנים פון ברודיקער אַלטקייט אויף די ווענט פון די הייזער. הונדערטער מאַליאַרעס האָבן אייליק געשמירט מיט לאַנגע פענזלען די פאַסאַדן פון די געבייען, אַקראָבאַטיש אָן מורא שאָקלענדיק זיך הויך אינדערלופטן, אָנגעהאָנגען אויף שטריק, וועלכע האָבן פונווייטנס אויסגעזען ווי דינע פעדעם. אויף די באַל-

קאָנען און אין די פענצטער פון די הייזער האָבן געאַרבעט דראַ־
פּירערס, אויסהענגענדיק בונטע טעפּיכער, קאַשמירענע טיכער, שאַפּנ־
דיק גרויסאַרטיקע ראָמען פאַר די אומציילבאַרע בילדער פון קיי־
סער, באַפּוצנדיק מיט בלומען די גיפּסענע ביוסטן זיינע. פון אַלע
זייטן זענען געקראָכן אין די אויגן ראָזעטקעס, גירלאַנדעס, מאָנאָ־
גראַמען און קרוינען, ס'האָבן געלויכטן מיט גאָלד די ווערטער
„גאָט דעם קייסער באַשיץ״ און „זיי באַרימט, אונזער
רוסישער קייסער״; טויזנטער נאַציאָנאַלע פענער האָבן אַראָפּגע־
האָנגען פון די דעכער, געשטאַרט פון אַלע לעכער, וואו מ'האָט
געקאָנט אַריינרוקן אַ שטעקן.

ס'האָט דאָמינירט דער אויפרייצנדיקער מיט זיין העלקייט
רויטער קאָליר; זיין קראַפט האָט נאָך מער צעברענט די פנימלאָזע
נאָכגיביקייט פונם ווייסן, אויך די מרהשחורהדיקע בלויע פּאַסן האָבן
נישט געקאָנט ווייכער מאַכן דאָס בלענדנדיקע פייער פון רויטן.
דאָרטן און דאָ האָבן פון די פענצטער אַראָפּגעהאָנגען שטיקער רוי־
טער שטאָף און דאָס האָט צוגעגעבן די פענצטער אַן אויסטערלישן
אויסדרוק, גלייך קוואַדראַטנע מיילער וואָלטן אַרויסגעבלעזלט רויטע
צונגען. מאַנכע הייזער זענען געווען אַזוי בשפעדיק באַפּוצט, אַז,
ס'האָט זיך געדאַכט, זיי האָבן זיך איבערגעקערט אויף דער לינקער
זייט, פּאַטריאָטיש באַרימעריש אָפּדעקנדיק די פלײשיקע און פעטע
געדערים זייערע. פון באַגינען ביז האַלבער נאַכט האָבן אויף די
גאַסן אַרומגעשמייעט מענטשן, אָבער נאָך מער זענען באַאומרויקט
געווען די פייגל; אַ גאַנצן טאָג האָבן איבער מאָסקווע געווירבלט
טשאַטעס קאַווקעס, טויבן, זענען בהלהדיק אַריבערגעפלויגן פון
צענטער שטאָט צו די ראָגאַטקעס און צוריק; ס'האָט זיך געדאַכט,
אַז אינדערלופטן שוויבלען אין אומאָרדנונג טויזנטער שוואַרצע
העבשיפלעך, זיי שפּינען אַן אומזעבאַר געוועב. די פּאָליציי האָט
פלייסיק אַרויסגעשיקט די פּאָליטיש נישט כשרע, באַקוקט די ביי־
דעמער פון די הייזער אויף יענע גאַסן, איבער וועלכע ס'האָט גע־
דאַרפט דורכפאָרן דער קייסער. מאַראַקועו, וועלכער האָט שלעכט
זיך געמאַכט נישט גלייבן דערין, וואָס ער רעדט, האָט מיטגע־
טיילט: דעם פּאָראַד צו אילומינירן ק ר ע מ ל האָט אָנגענומען קאַראַ־

באָזעוו, יענער קעזן-העגדלער, וואָס פון זיין געוועלב אין פעטערבורג אויף סאַדאָווע גאַס איז געפּלאַנט געוואָרן אויפצורייסן די מינע אונטער אַלעקסאַנדער דעם צווייטנס קאַרעטע. קאַראַבאַזעוו איז געקומען צו פאָרן קיין מאָסקווע אַלס פאָרשטייער פון אַן אויסלענדישער פיראָטעכנישער פירמע און אין טאָג פון דער קרוינונג וועט ער אויפרייסן דעם ק ר ע מ ל.

— געוויס, זעט דאָס אויס אַ בבא-מעשה, — האָט געזאָגט מאַראַקועוו שמייכלענדיק, נאָר געקוקט אויף אַלע מיט אויגן פון אַ גלייבנדיקן, אַז די מעשה קאָן פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ ווירקלעכקייט. לידיאַ האָט אים בייז מזהיר געווען:

— זאָל אייך נאָר נישט איינפאַלן צו פּלוידערן וועגן דעם פאָרן פעטער כריסאַנף.

דער פעטער כריסאַנף האָט געהאַט אַ העכסט פאַראַדנע אויסזען: דער געשליפענער פּליך זיינער האָט פייערלעך געלויכטן און פינקט אַזוי האָבן געלויכטן די גלאַנציק אָפּגעפּוצטע שטיוול מיט די לאַקירטע כאָלעוועס. אויף זיין פּלאַטשיק פּנים האָבן די התלהבותדיקע שמייכלען זיך געביטן מיט שמייכלען פון פאַרלעגנהייט; די אייגלעך האָבן אויך אויסגעזעען ווי אָפּגעפּוצטע, זיי האָבן געשיינט ממש ווי פייערלעך פון צוויי אייל-לעמפּלעך, אָנגעצונדענע אין פעטערס ברייטער נשמה.

— מאָסקווע יאָנטעווט, — האָט ער געמורמלט, נערוועיש שפּילנדיק זיך מיט די טראָלבן פון גאַרטל. — זי האָט זיך אויסגעשלייערט ווי אַ מאַגנאַטקע. מאָסקווע קאָן יאָנטעווען! באַרעכנט: העכער אַ מיליאָן אַרשין רויטער שטאָף איז פאַרטאַכלעוועט געוואָרן!

און דערמאַנענדיק זיך, אַז אַ צו שטאַרקע התלהבות — איז נישט פּאַסיק, האָט ער אויסגערעכנט:

— צוויי הונדערט פינפציק טויזנט העמדער; מ׳קאָן אַן אַרמיי באַקליידן!

ער האָט זיך באַמיט צו ווייזן דער יוגנט, אַז ער באַציט זיך צו דער פאָרשטייענדיקער פייערונג איראָניש, אָבער דאָס האָט זיך

אים קנאַפּ איינגעגעבן. ער איז אַראָפּ פון טאָן, די איראָניע האָט אָפּגעטרעטן דעם פּלאַץ פאַר פּאַטאָס.

— דאָס צווייטע מאָל וועל איך זעען, ווי דאָס גרויסע פאָלק וועט באַגעגענען זיין יינגן פירער, — האָט ער געזאָגט, אויסווישנדיק די פייכטע אויגן און, צוריקכאַפּנדיק זיך, שפּאָט׳ש געקרומט די ליפּן.

— ס׳איז געצנדינעריי, נאַטירלעך. „קומט, לאָמיר זיך בוקן און כורעים פאַלן פאַרן קייסער און גאָט אונזערן״ — נ־יאָ! נו, פונדעסטוועגן, דאַרף מען אַ קוק טון. נישט דער קייסער איז אינטערעסאַנט, נאָר דאָס פאָלק, וואָס פאַרקערפּערט אים אין אַלע זיינע השגות און האָפענונגען.

ער האָט גערופן דיאָמידאָוון אויף דער גאַס אַרויס, אָבער יענער האָט אַנטשלאָסן זיך אָפּגעזאָגט.

— איך, ווייסט איר, האָב נישט ליב קיין פאָלקס־געזעמל.

— נו, דאָס, ברודער, איז נאַרישקייטן! — איז אויפגעבראַכט געוואָרן דער פעטער כריסאַנף. — ווי הייסט — כ׳האָב נישט ליב?

— אין מיר, זעט איר, געפינט זיך דאָס נישט, די ליבע צום פאָלק, — האָט שולדיק זיך מודה געווען דיאָמידאָוו. אויב רעדן ערלעך — נאָכוואָס זשע איז מיר נייטיק דאָס פאָלק? איך, פאַרקערט...

— דו ווערסט משוגע! — האָט געשריגן דער פעטער כריסאַנף. — וואָס רעדסטו, מאָדנער מענטש? ווי הייסט, ס׳געפינט זיך נישט? וואָס מיינט מען עס — ס׳געפינט זיך נישט?

און פשוט געשלעפּט נאָך זיך דעם יינגנמאַן אויף די טומלדיקע גאַסן. קלים איז אויך געגאַנגען, אויך מאַראַקועוו איז געגאַנגען, אַביסל פאַרלוירן שלייכענדיק.

אין די פענצטער, אויף די באַלקאָנען האָט אָפט געשימערט דאָס גיפּסענע, בלינדע פּנים דעם קייסערס. מאַראַקועוו האָט געפונען, אַז דער קייסער האָט אַ פויגלשע נאָז.

— ער איז ענלעך צו סאָקראַטעסן אין דער יוגנט, — האָט באַמערקט דער פעטער כריסאַנף.

איבער די גאַסן האָבן פאַרזאָרגט אַרומגעשפּרייזט פינק־בייע

פּאָליציי־באַאַמטע, שרייענדיק אויף די מאַליאַרעס, אויף די הויזוועכטערס. ס׳זענען אַרומגעריטן אויף וואויקסיקע פערד אומגעווייגלעך גרויסע רייטערס אין העלמען און פּאַנצערס, די איינאַרטיק קיילעכיקע פּנימער זייערע האָבן אויסגעזען שטיינערנע, די קערפּערס, פון קאָפּ ביז די פיס, האָבן דערמאַנט אַן סאַמאָוואַרן, און די פיס זענען איבעריק געווען פאַר די רייטערס. כמאַרעס יינגלעך האָבן באַגלייט די מעשענע קענטאַוורן, אַן אויפהער קוויטשענדיק — הוראַ! פאַרטויבנדיק האָבן אויך געשריגן די דערוואַקסענע באַם אַנבלייק פון די אויסגעפּראַנטעוועטע קאַוואַלעגאַרדן, אולאַנער, הוזאַרן, וואָס זענען אויסגעשלייערט געווען אַזוי פאַרביק, ווי די הילצערנע שפּילעכלעך באַ די קוסטאַרן פון סערגיעווער פאָרשטאָט.

מען האָט געשריגן הוראַ פאַר די פיר מאַנגאָלן, אָנגעטוענע אין בראָקאַט, געציש אומבאַוועגלעכע; זיצנדיק אין אַ לאַנדאָ, האָבן זיי מיט שיקלדיקע אייגעלעך געקוקט איינער אויפן אַנדערן; איינער פון זיי מיט איבערגעקערטע באָזלעכער, מיט אַ נישט פאַרמאַכט מויל, אַ ווייסצייניקער, האָט געשמייכלט מיט אַ טויטן שמייכל, זיין געל פּנים האָט אויסגעזען אַ מעשנס.

— אָט, זע, — האָט דער פעטער כריסאַנף אָנגעוויזן דיאָמידאָוון ווי אַ יינגל, — זייערע אָבות האָבן אונטערגעצוונדן און געראַבירט מאָסקווע, און זייערע אייניקלעך בייגן זיך צו איר.

— אָבער זיי בייגן זיך גאָרנישט, זיי זיצן, ווי די סאָוועס באַטאָג, — האָט אַרויסגעמורמלט דיאָמידאָוו, אַ צעשויבערטער, אַן אויסגעשמירטער, מיט הענט, אָפּגעגילדטע מיט אַ ברוינעם פּראָשעק; ער האָט ערשט אינדערפרי געענדיקט די אַרבעט באַם אויספּוצן דעם קרעמל.

באַזונדער פייערלעך האָבן די מאָסקווער לייט מקבל פּנים געווען דעם געזאַנדטן פון פראַנקרייך, בעת ער איז, אַרומגערינגלט מיט אַ גלענצנדיקער סויטע, געפאָרן אויף פּאָקלאָנגע באַרג.

— זעסט? — האָט דערקלערט דער פעטער כריסאַנף. — פראַנצויזן. זיי האָבן אויך חרוב געמאַכט, פאַרברענט מאָסקווע, און — אָט... מיר געדענקען נישט קיין שלעכטס...

זיי האָבן באַגעגנט אַ גרופּע ענגלישע אָפיצירן, פאַר זיי האָט

אויטאָמאַטיש געשפּרייזט אַן אומנאַטירלעך הויכער מענטש מיט אַ פּנים פון דריי ביינער, אין אַ ווייסער טשאַלמע אויפן לאַנגן קאָפּ, מיט אַ מאַסע אָרדנס אויף דער שמאָלער און פלאַטשיקער ברוסט.

— קיין בריטאַנער האָב איך נישט ליב, — האָט געזאָגט דער פעטער כריסאַנף.

ס'איז דורכגעפלויגן דער אויבער-פּאָליצמייסטער וולאַסאָווסקי, האַלטנדיק זיך אָן קוטשערס פּאַסעק, און נאָך אים, אַרומגערינגלט מיט אַ וואַך, איז פייערלעך דורכגעפאָרן דעם קייסערס פעטער, דער גרויספירשט סערגיי. כריסאַנף און דיאָמידאָוו האָבן אָפּגעדעקט די קעפּ. סאַמגין האָט אויך נישט ווילנדיק אויפגעהויבן די האַנט צום היטל, אָבער מאַראַקועוו, אָוועקדרייענדיק זיך אין אַ זייט, האָט פאַרגעוואָרפן כריסאַנפן:

— ס'איז אייך נישט קיין בושה צו גריסן זיך צו אַ האָמאָסעקסואַליסט!

— הורראַ! — האָבן געשריגן די מאָסקווער. — הור-ראַ!

דערנאָך האָבן ווידער גאַלאָפּירט וולאַסאָווסקיס פאַרשוימטע פערד. דער קוטשער האָט זיי אָפּגעשטעלט אין גאַלויף, דער פּאָליצמייסטער האָט, שטייענדיק, געמאַכט מיט די הענט, געשריגן אין די פענצטער אַריין פון די הייזער, אויף די אַרבעטער, אויף די פּאָליציאַנטן און יינגעלעך, און אָנגעשריגן, צעלייגט זיך אויפן געזעס פון דער קאָטש און, מיט אַ שטויס אין קוטשערס רוקן אַריין אויפסניי געיאָגט די פערד. זיינע לאַנגע וואָנסעס האָבן דראָענד זיך באַוועגט און אַרונטערגעבויגן צום נאַקן.

— הור-ראַ, — האָט דאָס פאָלק אים נאָכגעשריגן, און דיאָמידאָוו, דערשראָקן פינטלענדיק, האָט זיך געקלאָגט פאַר קלימען מיט אַ האַלב קול:

— אינגאַנצן, ווי אַ משוגענער. און אַלע זענען גאָר משוגע געוואָרן. גלייך זיי וואָלטן אויפן סוף פון דער וועלט געוואַרט. און די שטאָט איז ממש צעראַבירט, פון די פענצטער איז אַלץ אַרויסגעשליידערט, ס'הענגט. און אַלע זענען — אומבּרחמנותדיקע, נו,

וואָס ליאַרמען זיי? וואָס איז דאָס פאַר אַ יום־טוב? — דאָס איז — משוגעת.

— אַ לעגענדאַרער, צוויבערהאַפּטער שגעון, טשודאַק, — האָט אים פאַרראַכטן דער פעטער כריסאַנף, אַ באַשפּריצטער מיט ווייסער פאַרב, און גליקלעך געלאַכט.

— מ׳וואָלט באַדאַרפט פייערלעך, שטיל, — האָט געמורמלט דיאָמידאָוו.

סאַמגין האָט שווייגנד מסכּים געווען מיט אים, געפינענדיק, אַז אין דעם באַרימערישן טומל פון דער פּראַלנדיקער מאָסקווע פעלן עפּעס אַזעלכע וויכטיקע טענער. צו אָפט און אומזיניק האָבן די מענטשן געשריגן הורראַ, צופיל האָבן זיי אַרומגעשמייעט און ס׳איז געווען צו באַמערקן אַ סך נישט פּאַסיקע הלצהלעך, געלעכטערלעך. מאַראַקוּעוו, וועלכער האָט שאַרף אויפגעכאַפּט דאָס קאָמישע און נאַרישע, האָט איבערגעגעבן וועגן דעם קלימען מיט אַזאַ פרייד, גלייך ער אַליין, מאַראַקוּעוו, וואָלט געשאַפן דאָס קאָמישע.

— זעט, — האָט ער אָנגעוויזן אויף אַ טראַנספּאַראַנט, וואָס זיינע גאָלדענע ווערטער: „זאָל לייכט זיין דיין וועג צו רוסלאַנדס רום און גליק“, האָבן זיך פאַרענדיקט מיט אַ שטיק פון אַ שילד מיט פּינקט אַזעלכע גאָלדענע ווערטער: „און קאַמפּ“.

די לעצטע טעג האָט מאַראַקוּעוו צודרינגלעך דערציילט באַבאַלע אַנעקדאָטן וועגן דער טעטיקייט פון דער אַדמיניסטראַציע, פונעם שטאָטראַט, פון סוחרטום, אָבער מען האָט געקאָנט חושד זיין, אַז ער אַליין פאַרפאַסט די אַנעקדאָטן, ס׳האָט זיך געפילט אין זיי שאַרזש, דורך זייער גראָבקייט האָט זיך דורכגעגליטשט עפּעס אָנגעצויגנס און שווערמוטיקס.

— נ־יאָ, — האָט ער געזאָגט לידיען, — דאָס פאָלק פרייט זיך. אָבער וואָס איז דאָס, איבעריקנס, פאַר אַ פאָלק? דאָס פאָלק — איז דאָרט!

מיט אַ פאָך פון דער האַנט האָט ער איבער עפּעס אָנגעוויזן אויף צפון און שטאַרק געעלעט מיט דער האַנט זיינע געלאָקטע האָר. אָבער כאָטש קלים סאַמגין האָט אויך באַמערקט אַ סך אומאָנגענעמס, באַליידיקענד נישט פּאַסיקס, איז אין אים דאָך געבוירן

געוואָרן אַן אויפרעגנדיקע דערוואַרטונג, אַז אָט באַלד, פון ערגעץ־וואו פון די אומצײלבאַרע גאַסן, ענג אָנגעפּאַקטע מיט מענטשן, וועט דערשיינען עפּעס אויסערגעוויינלעכס, דערשטוינענדיקס. ער האָט זיך געשעמט זיך מודה צו זיין פאַר זיך, אַז ער וויל זען דעם קייסער, נאָר דערדאָזיקער פאַרלאַנג איז געוואַקסן אַזויווי קעגן זיין ווילן, צעפלאַקערט דורך דער אַרבעט פון טויזנטער מענטשן און פון דעם באַרימערישן פאַרשווענדן מיליאָנען געלט. דידאָזיקע מי און מילדקייט האָבן סוגעסטירט דעם געדאַנק, אַז ס'דאַרף דערשיינען אַ מענטש אַן אומגעוויינלעכער, נישט בלויז דערפאַר, וואָס ער איז — אַ קייסער, נאָר לויטן פאָרגעפיל פון מאָסקווע — מיט עפּעס אַזוינע באַזונדערע כוחות און מעלות אין אים.

— יעקאַטערינאַ די גרויסע איז געשטאָרבן אין 1796 יאָר, — האָט דערמאַנט דער פעטער כריסאַנף, סאַמגינען איז קלאָר געווען, אַז דער „מאָסקוויטש" גלייבט אין דער מעגלעכקייט פון עפּעס גרויסע געשעענישן און ס'איז קלאָר געווען, אַז דאָס איז — דער גלויבן פון פיל טויזנטער מענטשן. ער האָט זיך אויך געפילט פעיק צו גלייבן: מאָרגן וועט דערשיינען אַן אומגעוויינלעכער, און, אפשר, גרויזאַמער מענטש, וועלכן רוסלאַנד דערוואַרט אַ גאַנצן יאָרהונדערט און וועלכער וועט אפשר בכוח זיין צו זאָגן די גייסטיק צעשויבערטע, צעלאָזטע מענטשן:

— „וואָס רודערט איר עס אַרום?"

אין טאָג, ווען דער קייסער האָט געדאַרפט אַריבערפאָרן פון פעטראָווסקי פאַלאַץ אין קרעמל, האָט מאָסקווע אָנגעשטרענגט זיך איינגעשטילט. איר פאָלק האָט מען פעסט צוגעדריקט צו די ווענט פון די הייזער דורך צוויי ליניעס סאָלדאַטן און מיט צוויי רייען פון אַ וואַך, געשאַפן פון אויסדערוויילטע, טריי־אונטערטעניקע בירגער. די סאָלדאַטן זענען געווען אומוואַקלהאַפט פעסטע, ממש אויסגעשמידט פון אייזן, און די וואַך־לייט מיינסטנס — הדרת־פנימדיקע, בערדיקע לייט מיט זייער ברייטע פלייצעס. שטייענדיק אַקסל צו אַקסל איינער לעבן אַנדערן, האָבן זיי געדרייט מיט די פעסטע העלזער, פאַרדעכטיק און שטרענג וואַרפנדיק בליקן אויף די מענטשן הינטער זיך.

— שטיל־לאַר ! — האָבן זיי געזאָגט.

און אָפּט איז געשעען אַזוי, אַז אַ מענטש, וואָס האָט זיך נישט איינגעשטילט, אויפגערעגט פון דערוואַרטונג אָדער פון עפּעס אַנדערש, איז אַריינגעשטופּט געוואָרן אין אַ הויף אַריין. דאָס זעלבע האָט אויך פּאַסירט מיט קלימען. אַ שוואַרצבערדיקער מאַן האָט אַ קוק געטון אויף אים מיט אַ רוגזאדיקן בליק פון די טונקעלע אויגן און אין אַ מינוט אַרום אַרויפגעטרעטן מיטן אָפּצאַס אויף סאַמגינס פינגער פון די פיס. אַ ריס געבנדיק דעם פוס, האָט קלים אים אַ שטויס געטון מיט דער קני אין הינטן אַריין, — דער מאַן האָט זיך באַליידיקט.

— וואָס שטייט איר עס נישט אָנשטענדיק, הער ? און נאָך אין ברילן !

ס'האָבן זיך באַליידיקט נאָך צוויי און נישט הערנדיק קיין דערקלערונגען, האָבן זיי פלינק און שבעל אַריינגעיאָגט קלימען אין אַ הויף, וואו ס'זענען געזעסן דריי פּאָליציאַנטן, און אויף דער ערד, באַם גאַנעק, האָט הויך געשנאָרכט אַ נישט פיין אָנגעטועניער און, אָפּנים, שכורער פּאַרשוין. אין עטלעכע מינוט אַרום האָט מען אַריינגעשטופּט נאָך איינעם, אַ יינגן, אין אַ העלן אָנצוג, מיט אַ געשטופּלט פּנים ; דער אַריינשטופּער האָט געזאָגט די פּאָליציאַנטן :

— פּאַרהאַלט דעמדאָזיקן, אַ קעשענע־גנב.

צוויי פּאָליציאַנטן האָבן אַוועקגעפירט דעם געשטופּלטן אין דער טיף פון הויף, און דער דריטער האָט געזאָגט קלימען :

— היינט האָבן די זשוליקעס — אַ זשויב !

דערנאָך האָט מען אַריינגעטריבן אין הויף אַריין אַ מענטש מיט אַן אַלבאָם אין די הענט. ער האָט געטופּעט מיטן פוס, געשטאַמפּערט מיטן בליישטיפט אין פּאָליציאַנטס ברוסט אַריין און אויפגעבראַכט געשריגן :

— איר האָבן קיין רעכט !

ער האָט געשריגן אויף דייטש, אויף פראַנצויזיש, רומעניש, אָבער דער פּאָליציאַנט, אָפּיאָגנדיק זיך פון אים, ווי פון אַ רויך,

האָט אַראָפּגענומען פֿון זיין רעכטער האַנט אַ פּינק-נייע הענטשקע און איז אַוועקגעגאַנגען, פֿאַררייכערנדיק אַ פּאַפּיראָס.

— אַזוי — גוט ! — האָט דראָענדיק אַ זאָג געטון דער מענטש, אָנהייבנדיק שנעל צו שרייבן מיטן בלייַשטיפט אין אַלבאָם און זיך אָנגעשפּאַרט מיט דער פּלייצע אָן דער וואַנט, ברייט צעשטעלנדיק די פיס.

מען האָט אַריינגעיאָגט אין הויף אַ זקן, אַ פּאַרקויפער פֿון רויטע לופט-באַלאָנען, אין אַן אומגעהייערן בינט האָבן זיי זיך געוויגט איבער זיין קאָפּ. דערנאָך איז אַריינגעקומען אַן אָנשטענדיק געקליידטער מענטש, בײַ אים איז געווען פֿאַרבונדן אַ באַק מיט אַ שוואַרץ טיכל ; פֿון חרפּה האָט ער אויף קיינעם נישט געקוקט און זיך באַהאַלטן אין דער טיף פֿון הויף, הינטער אַ ראָג פֿון אַ הויז. קלים האָט אים פֿאַרשטאַנען. ער האָט זיך אויך געפֿילט פֿאַרשעמט און נאַריש. ער איז געשטאַנען אין שאָטן, הינטער אַ הויפֿן קאַסטנס מיט גלעזלעך צו לאָמפּן און געהערט דעם פּוילן שמועס פֿון די פּאָליציאַנטן מיטן קעשענע-גנבֿ.

— פּאָדאָלסק איז ווייט פֿון אונז, — האָט דערציילט דער טאַשנציער, זיפּצנדיק.

אַזוי איז קלים אָפּגעשטאַנען ביזן מאָמענט, ווען ס'האָט זיך דערהערט אַ פֿייערלעכער געקלאַנג פֿון אָן אַ שיעור גלעקער. ס'האָט אַ דונער געטון אַן אויפֿטרייסלענדיקער הוראַ פֿון טויזנטער מיילער, דורכדרינגלעך האָבן געזונגען די פֿאַנפֿאַרן, ס'האָבן געשאַלט די טראָמפּייטן פֿון מיליטערישן אָרקעסטער, ס'האָבן געטראַסקעט פּויקן און אָן אויפֿהער האָט געהילכט דער באַטויבנדיקער ליאַרם :

— הוראַ-אַ !

און ווען דערדאָזיקער גאַנצער טאַראַראַם האָט זיך איינגעשטילט, איז אין הויף אַריינגעקומען דער אויסגעפּוצטער געהילף פֿון פּאָליציי-פּריסטאַוו, באַגלייט פֿון אַ ראַזירטן מאַן אין טונקעלע ברילן, ער איז אַריינגעקומען, געפֿרעגט בײַ קלימען אויף דאָקומענטן, איבערגעגעבן זיי אין דער האַנט פֿונם מאַן אין די ברילן,

יענער האָט אַ קוק געטון אויף די פּאַפּירן און, אַ שאָקל געבנדיק מיטן קאָפּ אין דער זייט פון טויער, טרוקן אַ זאָג געטון:

— איר מעגט.

— איך — פאַרשטיי נישט, — האָט אויפגעבראַכט געגומען רעדן סאַמגין, אָבער דער מענטש אין די ברילן האָט זיך אויסגעדרייט צו אים מיט דער פּלייצע און געזאָגט:

— מען בעט אייך גאָרנישט צו פאַרשטיין.

קלים איז באַליידיקט אַרויסגעגאַנגען אויף דער גאַס, דער המון האָט אים אויפגעכאַפּט, אַוועקגעשלעפּט נאָך זיך און גיך אים צוגויפגעשטויסן פּנים אל פּנים מיט ליוטאָוון.

וולאַדימיר פּעטראָוויטש ליוטאָוו איז געווען אין אַ צושטאַנד פון שווערער שכרות, געגאַנגען איז ער אומנאַטירלעך אויסגעגלייכט, ווי אַ סאָלדאַט, נאָר זיך געוואַקלט, געשטויסן די פאַרבייגייער, פרעך געשמייכלט צו די פרויען און, אַ כאַפּ געבנדיק קלימען אונטער דער האַנט, פעסט צוקוועטשנדיק זי צו זיין זייט, האָט ער גערעדט געגויג הויך:

— קום צו מיר מיטאָג עסן. וועלן מיר מאַכן אַ שנאַפּס. מען דאַרף, ברודער, טרינקען. מיר זענען מענטשן ערנסטע, מוזן מיר טרינקען, כדי צו באַפרידיקן פיר פינפטל פון דער נשמה. מיט דער גאַנצער נשמה צו לעבן אין רוסלאַנד — ווערט דורך אַלעמען שטרענג פאַרווערט. דורך אַלע, — דורך דער פּאָליציי, דורך די פּאָפּן, די פּאָעטן, די פּראָזאַיקער. און אַז מיר וועלן פאַרטרינקען פיר פינפטל, — וועלן מיר זאַמלען פּאָרנאָגראַפישע בילדלעך און איינער דעם אַנדערן געמיינע אַנעקדאָטן פון דער רוסישער געשיכטע דערציילן. — אָט, — איז אונזער לעבנס־פּראָספּעקט.

ליוטאָוו איז באַשיינפּערלעך געשטימט געווען אויף סקאַנדאַלן, דאָס האָט זייער באַאומרויקט קלימען, ער האָט אַ פּרווו געטון אַרויסצורייסן די האַנט, אָבער אָן דערפאָלג. דאַן האָט ער אַוועקגעשלעפּט ליוטאָוון אין איינעם פון די געסלעך פון דער טווערסקע, דאָרטן האָבן זיי באַגעגנט אַ פאַעטאָן. אָבער אַריינזעצנדיק זיך אין עקיפּאַזש האָט ליוטאָוו, קוקנדיק אויף די געדיכטע מענגעס פון דעם הייטערן, יומטובדיק אָנגעטוענעם עולם,

גענומען רעדן נאָך העכער אין דעם פּורמאַנס בלויען רוקן אַריין:

— מ'פּרייט זיך, האַ? גאָטס געזאַלבטן זענען מיר מקבלי-פּנים. ער האָט אָנשטענדיקע מענטשן אין ראַנגע פון אידיאָטן גע-זאַלבט, — נישקשה! מ'איז זיך משמח. אָט נאַדיר! ישעיה פריי זיך...

— הער אויף, — האָט שטיל און שטרענג געבעטן קלים.

— ס'אַן אומעט, ברודער! קוק: דער גאָטס-טרעגער — דאָס רוסישע פאָלק הערט נישט אויף צו שיטן זיך אַריינצוכאַפּן די קאָנ-פעקטן דעם קייסערס. אַ נחת. די קאָנפעקטן וועלן נאָגן די קינדער פון דעם גייערישן מאָסקווער פאָלק, יענץ, וואָס איז געגאַנגען נאָך באָלאָטניקאָוון, נאָך אָטרעפּיעוון, נאָכן טושינער גנבֿ, נאָך קאָזמאַ מינינען, דערנאָך איז עס געגאַנגען נאָך מיכאַילאָ ראָמאַנאָוו. עס איז געגאַנגען נאָך סטיעפּאַן ראַזין, נאָך פּוגאַטשעוון... און נאָך באָנאַפּאַרטן גרייט געווען צו גיין... אַ גייעריש פאָלק! בלויז נאָך די דעקאַבריסטן און נאָך די מענטשן פון ערשטן מערץ איז עס נישט געגאַנגען...

קלים האָט געקוקט אין דעם שטיינערנעם רוקן פונם פורמאַן, טראַכטנדיק. צי הערט דער פורמאַן דידאָזיקע שכורע רייד? אָבער דער באָלעגאָלע האָט כּסדר זיך געוויגט אויף דער קעלניע, אַלע מאָל אַ געשריי געטון, געוואָרנט און געמוסרט די מענטשן, וואָס האָבן איבערגעהאַקט דעם וועג:

— היט זיך, העי! היט זיך!... וואוהין קריכסטו, ברודער?

אינדערהיים האָבן אויף ליוטאָוון געוואַרט געסט: די פרוי, וועלכע האָט אים באַזוכט אויף דער זומערוואוינונג און אַ שיינער, סאָליד געקליידטער בלאָנדין אין ברילן מיט אַ קליין בערדל.

— קראַפּט, — האָט ער אַ זאָג געטון, זייער ליבלעך דריקנ-דיק סאַמגינען די האַנט; די פרוי, אַ שמייכל טוענדיק מיט אַ נישט-ווילּיקן שמייכל, האָט זיך אָנגערופן מיטן נאָמען און פאַמיליע-נאָמען פון טויזנטער רוסישע פרויען:

— מאַריאַ איוואַנאָוונאַ.

— דאַכט זיך, מיר האָבן זיך שוין געטראָפן, — האָט דער· מאַנט קלים, נאָר זי האָט אים נישט געענטפערט.

ליוטאָוו האָט אַזויוי מיטאָמאָל זיך אויסגעניכטערט, זיך אָנ· געכמורעט און נישט זייער העפלעך פאָרגעלייגט די געסט צו עסן מיטאָג. די געסט האָבן זיך נישט אָפּגעזאָגט, און ליוטאָוו איז נאָך מער ניכטער געוואָרן. אָנשטויסנדיק זיך, ווער ס'זעגען דידאָזיקו מענטשן, האָט קלים אומבאַמערקט באַטראַכט דעם בלאָנדין; דאָנ איז געווען זייער אַ פיין דערצויגענער מענטש. פון זיין בלאַס קאַלטלעך פנים איז כמעט נישט אַראָפּגעגאַנגען דער שמייכל, וואָנ איז געווען אַלציינס ליבלעך פאַר ליוטאָוון, פאַר דער דינסט און דעם אַש-טעצל. ער האָט אויסגעצויגן אונטער די העלע וואָנסעס די זייער רויטע ליפּן מיט אַזאַ איינגעהזורטער געבויקייט, אַז ס'האָט זיך געדאַכט: אַלע הערעלעך אויף די עקן פון זיינע וואָנסעס באַ· וועגן זיך פולשטענדיק גלייכמעסיק. ס'איז געווען אינם דאָזיקן שמייכל עפּעס פאַנפּסיכיש, דער מענטש האָט לייטזעליק באַשאָנקען מיט אים סיי דאָס ברויט סיי דאָס מעסער; פונדעסטוועגן האָט סאַמגין חושד געווען אונטער אים אַ באַהאַלטענעם ביטול צו אַלץ און צו אַלעמען. געגעסן האָט דער מענטש ווייניק, געטרונקען פּאָרזיכטיק און גערעדט די סאַמע געוויינלעכסטע ווערטער, פון וועלכע ס'איז גאָרנישט פאַרבליבן אין זכרון. ער האָט געזאָגט, אַז די גאַסן זע· נען פול מיט מענטשן, אַז די גרויסע צאָל פענער באַשיינט זייער די שטאָט. און די פויערן און פויערטעס פון די אַרומיקע דערפער גייען מחנותווייז צום כ א ד י נ ק ע - פעלד. ער האָט, הפנים, זייער געקווייט דעם באַלעבאָס. ליוטאָוו האָט אַלס ענטפער אויף זיינע שמייכלען אויך אויס פליכט און איבערגעוואַלט געקרומט דאָס מויל, נאָר גערעדט מיט אים טרוקן און קורץ. די פרוי האָט פאַר דער גאַנצער צייט פון מיטאָג געזאָגט דריי מאָל:

— כ'דאַנק אייך! — און צוויי מאָל:

— אַ דאַנק.

און ווען זי וואָלט דערביי נישט געשמייכלט מיט איר מאָדנעם שמייכל, וואָלט מען גאָרנישט געקאָנט באַמערקן, אַז זי האָט אַ מויל, ווי אַלע מענטשן.

אזוי ווי נאָר מען האָט געענדיקט דאָס מיטאָג, איז ליוטאָוו אויפגעשפרונגען פון דער שטול און געפרעגט:

— נו־ס?

— ביטע, — האָט גאַלאַנט געזאָגט דער בלאָנדין. זיי זענען אַרויסגעגאַנגען איינער הינטערן אַנדערן; פאָרויס דער באַלעבאָס, נאָך אים דער בלאָנדין, און רוישלאַז, ווי איבער אייז, האָט געגלימשט די פרוי.

— איך קום באַלד! — האָט ליוטאָוו פאַרשפּראָכן קלימען און אים איבערגעלאָזט טראַכטן: ווי אַזוי קאָן דאָס ליוטאָוו פּלוצלינג ניכטער ווערן? שוין־זשע מאַכט ער זיך בלויז אַזוי קונציק שכור? און נאָכוואָס, אויס וואָסערע מאָטיוון פאַרקערט ער מיט רעוואָלוציאָנערן?

ליוטאָוו האָט זיך אומגעקערט אין אַ צוואַנציק מינוט אַרום, גענומען לויפן איבערן צימער, באַוועגנדיק מיט די הענט אין די קעשענעס, בלישטשענדיק מיט די שיפע אייגעלעך, קרימענדיק די ליפן.

— פאַלקיסטן? — האָט געפרעגט קלים.

— אַזאַ שטייגער.

— דו, וואָס זשע... העלפסט־מיט!

— מען מוז. די פאַטערס האָבן מנדב געווען אויף צערקווען, די קינדער — אויף דער רעוואָלוציע. דער שפרונג איז אַ קאַרק־ברעכערישער. נאָר... וואָס זשע, ברודער, קאָן מען טון? דאָס לעבן פון דער אויבערשטער סקאָרקע פון דעם נישט אויפעסבאַרן לאַבן ברויט, וואָס הייסט — רוסלאַנד, קאָן מען אַזוי באַטיטלען: „די געשיכטע פון קאַרק־ברעכערישע שפרונגען פון דער רוסישער אינטעליגענץ“. דאָס זענען דאָך נאָר די הערן פּאַטענטירטע היסטאָריקער מחויב דורך זייער ספּעציאַליטעט צו דערווייזן, אַז ס'עקזיסטירן בײַ אונדז געוויסע טראַדיציעס, בהדרגהדיקייט און אַנדערע מכשפות, אָבער — וואָסערע טראַדיציעס זענען דען דאָ בײַ אונדז? שפּרינג, אויב דו ווילסט נישט דערשטיקט ווערן.

ער איז געבליבן שטיין אינמיטן צימער און הויך אַרויסגע־

אַכט, אַרויסגעריסן די הענט פֿון די קעשענעס און אָנגעכאַפּט זיך באַם קאָפּ.

— זיי האָבן אָנגעטעמט אַן אַטמאָספֿערע! דער דיאַקאָן איז גערעכט, צום טײַוול! לאָמיר פֿונדעסטוועגן כאַפּן אַ כּוסה. איך וועל דיך מיט אַזאַ באָרדאָ מכבד זײַן — אַז וועסט זיך צעפּלאַטערן! דוניאַשאַ!

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט צום טיש, רײַבנדיק די הענט, בײַסנדיק די ליפּן. געזאָגט דער דינסט, וואָסערן ווײַן אַרײַנצוברענגען און, רײַבנדיק די טונקעלע האָר אויף די באַקן, גענומען סקריפּען, רעדן:

— כ'האָב ליב דעם דיאַקאָן, — אַ קלוגער, אַ העלדישער. אַ רחמנות אויף אים. איינערנעכטן האָט ער דעם זון אַוועקגעפֿירט אין שפּיטאָל אַרײַן און ווייסט, אַז פֿון שפּיטאָל וועט ער אים פֿירן נאָר אויפֿן בית־עולם. און ער האָט אים ליב, דער דיאַקאָן. כ'האָב געזען דעם זון... זייער אַ פֿלאַמענדיק בחור'ל. אַזעלכער איז, מסתּמא, געווען ס ע ן ־ ז ש ו ס ט.

קלים האָט אים געהערט און מיט פֿאַרוואונדערונג, נישט גלײַבנדיק זיך אַליין, געפֿילט, אַז ליוטאָוו איז היינט סימפּאַטיש.

— צי נישט דערפֿאַר, וואָס איך בין באַליידיקט? — האָט ער געפֿרעגט, אינערלעך שמייכלענדיק און פֿילנדיק, אַז די באַליידיקונג לעבט נאָך אַלץ אין אים, דערמאָנענדיק זיך אָן הויף און דאָס ביטולדיקע, באַווילקנדיקע וואָרט פֿונם „אָכראַנע"־אַגענט.

— איר מעגט.

ס'איז אַרײַנגעקומען מאַקאַראָוו, אַ מידער און פֿאַראומערטער, זיך אַוועקגעזעצט באַם טיש, גיריק און מיטאַמאָל אויסגעטרונקען אַ גלאָז ווײַן.

— כ'האָב אַנאַטאָמירט אַ מיידל, אַ דינסט, — האָט ער אָנגעהויבן דערציילן, אַראָפּקוקנדיק אויפֿן טיש. זי האָט באַפּוצט דאָס הויז און אַרויסגעפֿאַלן פֿון פֿענצטער. מאָדנע זיך איבערגעבראָכן די ביינער פֿון אונטערשטן טייל. אויף פּיצלעך.

— מען דאַרף נישט וועגן טויטע, — האָט אַ בעט געטאָן ליוטאָוו. און, קוקנדיק אין פֿענצטער אַרײַן, געזאָגט:

— איך האָב נעכטן געזעען אין חלום אָדיסייען, ווי ער איז געצייכנט אויף דער וויניעטקע צו דער ערשטער אויסגאַבע פון גנ'עדיטשס „איליאַדע"; אָדיסיי האָט צעאַקערט דאָס זאַמד און פאַרזייעט עס מיט זאַלץ. מיין פאָטער, סאַמגין, איז אַ געוועזענער סאָלדאַט, געווען אין דער מלחמה הינטער סעוואַסטאָפּאָל, איז פאַרליבט אין די פראַנצויזן, ער לייענט די „איליאַדע", און לויבט: אָט ווי איידל מ'האָט פאַרצייטנס מלחמה געהאַלטן! יאָ...

בלייבנדיק שטיין אינמיטן צימער, האָט ער אַ מאַך געטון מיט דער האַנט. געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, אָבער ס'איז אַריינגעקומען דער דיאַקאָן, קאָמיש אָנגעטון אין אַן אַלטן צו קורצן קאַפּטן און זייער זשעניִרט פון דעם. מאַקאַראָוו האָט גענומען חוזק מאַכן פון אים, ער האָט שווערמוטיק אַ שמייכל געטון און אַרויסגעהוידושעט:

— מען האָט געמוזט אַראָפּנעמען דעם מונדיר פון דער קריגערישער קירכע. מען דאַרף זיך צוגעוויינען צו אַן אַנדער לעבנסשטייגער. זיי מכבד מיט טיי, באַלעבאָס.

נאָך דער טיי האָט מען געטרונקען קאָניאַק, דערנאָך האָבן דער דיאַקאָן און מאַקאַראָוו זיך אַוועקגעזעצט שפּילן אין אַרצאַבן, און ליוטאָוו האָט גענומען לויפן איבערן צימער, צוקנדיק מיט די אַקסלען, נישט געפינענדיק זיך קיין אָרט; ער איז אַלע מאָל צוגעלאָפן צו די פענצטער, פאָרזיכטיק אַרויסגעקוקט אויף דער גאַס און געמורמלט:

— מען גייט. מען גייט כסדר.

ער האָט זיך אַנידערגעזעצט באַם טיש און קנאַפּער מאַכנדיק דאָס פייער פון לאָמפּ, פאַרמאַכט די אויגן. סאַמגין האָט געפילט, אַז ליוטאָווס שטימונג שטעקט אים אָן און געוואָלט אַוועקגיין, אָבער ליוטאָוו האָט אים איבער עפּעס זייער שטאַרק איינגערעדט צו בלייבן נעכטיקן.

— און אינדערפרי וועלן מיר אַלע גיין אויף כ אָ ד י נ ק ע, אינטערעסאַנט, פונדעסטוועגן. כאָטש מ'קאָן אויך זעען פון דאַך. קאָסטיאָ, וואו איז בא אונז די לונעטע?

קלים איז פאַרבליבן, מען האָט אָנגעהויבן טרינקען רויטוויין,

באַר דערנאָך זענען ליוטאָוו און דער דיאַקאָן אומבאַמערקט נעלם געוואָרן, מאַקאַראָוו האָט אָנגעהויבן זיך לערנען שפּילן אויף דער גיטאַרע, און קלים, ווערנדיק שכור, איז אַרויפגעגאַנגען אינדערהייך און זיך געלייגט שלאָפן. אינדערפרי האָט מאַקאַראָוו, באַוואָפנט מיט אַ מעשענער רער, אים אויפגעוועקט.

— ס'איז עפּעס געשען אויף כ אָ ד י נ ק ע , דאָס פאָלק אַנטלויפט פון דאָרט. איך גיי אַרויף אויפן דאַך, ווילסט?

סאַמגין איז געווען נישט אויסגעשלאָפן, אויף דער גאַס אַרויס האָט זיך אים נישט געגלוסט צו גיין, ער איז אויך אויפן דאַך אַרויפגעקראָכן אָן חשק. פונדאַנען האָט מען אפילו מיט אומבאַוואָפנטע אויגן געזען איבערן פעלד אַ וואָלקן פון אַ גרוי-געלן נעפּל. מאַקאַראָוו האָט אַ קוק געטון אין דער רער אַריין און, איבערגעבנדיק זי קלימען, געזאָגט, פאַרשלאָפן מרוזשענדיק די אויגן:

— רויג.

יאָ, דאָס פעלד, באַדעקט מיטן אומפאַרשטענדלעכן וואָלקן, האָט אויסגעזען ווי פאַרשמירט מיט אַ דיקן שיכט רויג און אין איר טונקעלער מאַסע, צווישן די דראָבנע, קיילעכיקע קערנדלעך, האָבן וואו ניט וואו געלויכטן ווייסע, רויטע פלעקן, אָדערן.

— די רויטע בלוזעס זענען פונקט ווי וואונדן, — האָט אַרויסגעמורמלט מאַקאַראָוו און אַ געגנעץ געטון מיט אַ וואָיענדיקן קלאַנג. — זיי האָבן, ווייזט אויס, אָפּגענאַרט, ס'איז קיין שום געשעענישן נישטאָ, — האָט ער פאַרגעזעצט שווייגנדיק אַ ווייַלע. — ס'איז אומעטיק צו קוקן אויף דער קאָנצענטרירטער נאַרישקייט.

און צוגלעטנדיק די נישט געקעמטע האָר, האָט ער זיך אַנידערגעזעצט לעבן דעם קוימען, זאָגנדיק:

— און וולאַדימיר האָט גאָרנישט געגעכטיקט אינדערהיים; ער איז ערשט אַצינד געקומען. ניכטער פונדעסטוועגן...

די ריזיקע, בונטע שטאָט האָט געשאַלט, געברילט, אָן אויפהער האָבן געקלונגען הונדערטער גלעקער, טרוקן און דראָבנע האָבן געקלאַפּט די רעדער פון די עקיפּאַזשן איבער די גוליענהאַפטע ברוקן, אַלע קלאַנגען האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין איינעם,

אַן אָרגאַנמעסיקן, אַ מעכטיקן. אַ שוואַרצע נעץ פון פייגל האָט טומלדיק געפלאַטערט איבער דער שטאָט, אָבער קיין איינער פון זיי איז נישט געפלויגן אין דער זייט פון כ אָ ד י נ ק ע. דאָרטן, ווייט, אויפן ריזיקן פעלד, אונטער דעם ברודיקן היטל פונם נעפּל, איז באַפּעסטיקט געווען אַ שטייף צונויפגעפּרעסטע, רויִקע מענטשן־מאַסע. זי האָט אויסגעזען ווי איין קערפּער און בלויז גאָר שטאַרק אָנשטרענגענדיק די ראיה האָט מען געקאָנט אונטערשיידן דאָס קוים באַמערקבאַרע וויגן זיך פון די רויגלעך; טיילמאָל איז איבער זיי אַזוי־ווי עפּעס אויפגעדראָלן, אָבער שנעל געזונקען אין דער זומפּיקער געדיכטעניש. פון דאָרטן איז אויפן דאַך אַרויף אויך צוגעפלאָסן אַ גערויש, אָבער נישט דער יום־טובדיקער גערויש פון שטאָט, נאָר עפּעס אַזאַ ווינטערדיקער, ווי דער געוואָי פון אַ שניי־שטורם; ער איז געשוואומען געלאַסן, אומאויפהערלעך, נאָר לייכט געזונקען אינעם געקלאַנג, געפּילדער און געבריל.

נישט אָפּרייסנדיק די אויגן פון דעם מעשענעם רייפל פון דער רער, האָט סאַמגין געקוקט פאַרכשופט. די אומציילבאַרע מענגע האָט אים דערמאַנט אָן די רעליגיעזע פּראָצעסיעס, וואָס האָבן אים געשראָקן אין דער קינדהייט, די פּילטויזנטיקע געזאַנג־תּפילות צו דער בעל־מופתדיקער איקאָנע פון דער אָראַנער גאָטס־מוטער; דורך דעם שטראָם פון גערויש האָט געקלונגען אין געדעכעניש דעם פעטער כריסאַנפס אויסרוף:

— „קומט, לאָמיר זיך בוקן, לאָמיר כורעים פאַלן“...

ער האָט פונאַנדערגעשיידט, אַז אונטער דער שווערקייט פון דער מענגע טיקט זיך כוואַליענאַרטיק די ערד, די באַלעמלעך פון די קעפּ שפּרינגען אונטער, פּונקט ווי קערנדלעך קאַווע אויף אַ הייסער פּרעגל־פאַן; אין דידאָזיקע צאַפּלעניש איז געווען עפּעס אומהיימלעכס, און דער גערויש איז ביסלעכווייז ענלעך געוואָרן צו אַן אָבלדיק, נאָר דראָענד געזאַנג פון אַן אומגעהייערן כאָר.

ס'האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז אויב דידאָזיקע מאַסע זאָל ראַפּטום אַ פלייץ טון אין שטאָט אַריין, — וועלן די גאַסן נישט קאָנען אַריינגעמען דעם דראַנג פון די טונקעלע מענטשן־שטראָמען, די מענטשן וועלן אומוואַרפן די הייזער, וועלן צעטרעטן זייערע

חורבות אויף שטויב, וועלן אויסקערן די גאַנצע שטאָט, ווי אַ באַרשט קערט אויס דאָס מיסט.

קלים האָט גענומען קוקן אויף דער פאַרן אויג נישט אַרומגעמבאַרער אָנגעהויפטקייט פון די פאַרשידנאַרטיקע געביידעס פון מאָסקווע. די לופט איבער דער שטאָט איז געווען אַ לויטערע, די גאָלדענע צלמים פון די צערקוועס האָבן, אָפשפיגלענדיק די זון, דורכגעשטאָכן זי מיט שפּיציקע שטראַלן, פונאַנדערוואַרפנדיק זיי אונטער די רויטע און גרינע קוואַדראַטן פון די דעכער. די שטאָט האָט דערמאַנט אַן אַלטע, ברודיקע און ערטערווייז צעריסענע קאָלדרע, באַדעקט מיט בונטע שטיקער ציץ. אין אירע לאַנגע לעכער האָבן געווימלט קליינע פיגורלעך פון מענטשן און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז זייער באַוועגונג ווערט אַלץ מער בהלהדיק, מער זינלאָז; טרעפנדיק זיך, האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט, געזאַמלט זיך אין נישט גרויסע גרופּעס, דערנאָך זענען אַלע געגאַנגען אין איין זייט אַריין אָדער שנעל אַוועקגעלאָפן איינער פון אַנדערן, אַזויווי איבערגעשראָקענע. אין איינער פון די שטאָט־שפּאַלטן האָט זיך באַוויזן אַ בלויע אָפּטיילונג רייטער, זיי האָבן צוזאַמען מיט די פערד אונטערגעהאָצקעט אויפן ברוק, ווי גומענע שפּילעכלעך, איבער זיי האָבן זיך געשאָקלט, פּונקט ווי וועגנטקעס, דינינקע שטעקנס, ס'האָבן געשימערט אינדערלופטן די שפּיצן פון די פּיקעס, ענלעכע צו פּיש.

— אייגנטלעך איז די שטאָט אומבאַשיצט, — האָט געזאָגט קלים, נאָר מאַקאַראָוו איז שוין נישט געווען אויפן דאַך, ער איז אומבאַמערקט אַוועקגעגאַנגען. אויף דער גאַס זענען איבער די גרויסע קיזלשטיינער פון ברוק מיט געקנאַל געלאָפן שוואַרצע פערד, געשפּאַנטע אין גרינע וועגענער, ס'האָבן געפינקלט די מעשענע קעפּ פון די פייערלעשער און דאָס אַלץ איז געווען אויסטערליש, ווי אַ חלום. קלים סאַמגין האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פון דאַך, איז אַריינגעגאַנגען אין שטוב, אין דער קילער שטילקייט. מאַקאַראָוו איז געזעסן באַם טיש מיט אַ צייטונג אין דער האַנט און געלייענט, צוזיפּנדיק שטאַרקע טיי.

— נו, וואָס ? — האָט ער געפרעגט, נישט אויפהייבנדיק די אויגן.

— כ׳ווייס נישט, נאָר עפּעס אַזויווי...

— מסתמא, אַ געשלעג, — האָט געזאָגט מאַקאַראָוו און אַ קלאַפּ געטון מיט די פינגער איבער דער צייטונג. — סאַרע געמיינהייטן מען שרייבט...

אַ מינוט פינף האָבן זיי שווייגנד געטרונקען טיי. קלים האָט זיך צוגעהערט צום קלאַפּן און טופּען אויף דער גאַס, צו די פרייליכע און בהלהדיקע קולות. פּלוצלינג האָט אַזויווי אַ בלאָז געטון אַ נישט ממשותדיקער, אָבער שטאַרקער ווינט און אַוועקגעטראָגן דאָס גאַנצע גערויש פון דער גאַס, איבערלאָזנדיק בלויז אַ שווער קנאַקעריי פון אַ וואָגן, אַ געקלאַנג פון גלעקלעך. מאַקאַראָוו איז אויפגעשטאַנען, צוגעגאַנגען צום פענצטער און פון דאָרטן געזאָגט הויך :

— נו, אָט איז די באַשיידונג. קוק.

איבער דער גאַס, דער אויסגעשלייערטער מיט די פענער, האָט היליכיק געשפרייזט אַ דיק, גניאַדע פערד, אַ גריוועגהאַפּטיקס, מיט האָריקע פיס ; געשפרייזט, באַטריבט שאָקלענדיק מיטן גרויסן קאָפּ, אויפטרייסלענדיק מיטן לאַנגן טשוב. בײַ דער דוגע איז געגאַנגען, אָפּגעדעקט דעם פליכיקן קאָפּ, אַ ברייטפּלייציקער, בערדיקער באַלעגאָלע, אַ טייל פון די לייצעס איז געלעגן אויף זיין אַקסל, ער האָט געקוקט צו זיך אונטער די פיס און אַלע מענטשן, אָפּשטעלנדיק זיך, האָבן אַראָפּגענומען פאַר אים די היטלען. די קאַפּעלוישן. פון וואָגן, פון אונטער נייעם ברעזענט אַפּער, האָט זיך אַרויסגערוקט און בקשהדיק-בעטלעריש זיך געטרייסלט אַ נאַקעטע בייזן אַקסל האַנט, באַפּאַרבט אין בלויע און רויטע קאָלירן, אויף איינעם פון אירע פינגער האָט געלויכטן אַ גאָלדענער רינג. לעבן דער האַנט האָט זיך געשאָקלט אַ רויטלעכער, צעפלאָשעטער צאָפּ, און אויפן אונטערשטן טייל פון וואָגן האָט כסדר געציטערט אַ פוס אין אַ פאַרשטויבטן שטיוול ; דער פוס איז אומנאַטירלעך אויסגעדרייט געווען אויף אַ זייט.

— אַ מאַן זעקס, — האָט אַרויסגעמורמלט מאַקאַראָוו. — ס'איז קלאָר, אַז אַ געשלעג.

ער האָט נאָך עפּעס גערעדט, אָבער כאָטש אין שטוב און אויף דער גאַס איז געווען שטיל, האָט קלים נישט פאַרשטאַנען זיינע ווערטער. באַגלייטנדיק דעם וואָגן און קוקנדיק, ווי זיין פּאַמעלעכע באַוועגונג צווינגט די אַקעגנקומענדיקע מענטשן אַריינצוּוואַקסן אין פּאַנעל, אָפּצוּדעקן די קעפּ. גרויסע שאָטנס פון שרעק האָבן זיך באַוויזן אויף די פּנימער, מאַכנדיק זיי כמעט איינאַרטיק.

ס'איז דורכגעפאָרן נאָך איין אַלטער, צעפּאָרענער וואָגן, באַלאָדן מיט צעקוועטשטע מענטשן, דידאָזיקע זענען נישט געווען צוגעדעקט, די מלבושים אויף זיי צעפליקט אויף שטיקער, די אָפּגעדעקטע טיילן פון די קערפּערס אין שטויב, אין בלאָטע. דערנאָך האָבן געגומען גיין איינער נאָכן אַנדערן, נאָר אַלץ מער, געדיכטער, מענטשן — ענלעכע צו בעטלערס, אין לאַכעס, מיט צעשויבערטע האָר, מיט געשוואָלענע פּנימער, זיי זענען געגאַנגען שטיל, אויף די שאלות פון די פאַרבייגייער געענטפערט קורץ און נישט גערן; אַ סך האָבן געלאָמט. אַ מענטש מיט אַן אויסגעפליקטער באָרד און אַ בלוי פּנים פון אַ געהאָנגענעם האָט געשפּרייזט, אַרויפגעלייגט זיין רעכטע האַנט צו זיך אויפן אַקסל, ווי דער באַלעגאָלע די לייצעס, מיט דער לינקער האָט ער אונטערגעהאַלטן די האַנט אונטערן עלנבויגן; ער האָט, ווייזט אויס, עפּעס גערעדט, די רעשטלעך פון זיין באָרד האָבן זיך געטרייסלט. דאָס רוב צעקאַליעטשעטע מענטשן איז געגאַנגען אין דער שאָטן-זייט פון דער גאַס, ווי זיי וואָלטן זיך געשעמט אָדער מורא געהאַט פאַר דער זון. און אַלע האָבן זיי אויסגעזעען שיטערע, אָנגעגאָסן מיט עפּעס אַזאַ טריבער פליסיקייט; קלים האָט זיך געריכט, אַז באַם פאָלגנדיקן טריט וועלן מאַנכע פון זיי אומפאַלן און זיך צערינען איבער דער גאַס ווי בלאָטע. אָבער זיי זענען נישט געפאַלן, נאָר אַלץ געגאַנגען, געגאַנגען און איינגיכן האָט מען באַמערקט, אַז די אַקעגנקומענדיקע, נישט צעבראָכענע מענטשן דרייען זיך אויס און גייען אין איין

זייט מיט זיי. סאַמגין האָט דערפילט, אַז דאָס דערדריקט אים באַ־זונדער.

— פּאַר אַ געשלעג — איז צופיל, — האָט נישט מיט זיין קול געזאָגט מאַקאַראָוו. — כ׳וועל גיין געהאַויר ווערן...

סאַמגין איז אַרויסגעגאַנגען מיט אים. ווען זיי זענען אַרויס־געקומען אויף דער גאַס, איז פאַרביי דעם טויער דורכגעגאַנגען, שאָקלענדיק זיך, אַ גרויסער מענטש מיט אַן אַרויסגעשטעלטן בויך, אין אַ רויטער וועסט, אין צעריסענע ביז די קני הויזן, אין די הענט האָט ער געטראָגן אַ צעקנאָדערטן קאַפּעלוש און, אָנ־געבויגן דעם קאָפּ, גלייך געמאַכט אים מיט ציטערנדיקע פינ־גער. אָפּגעשטעלט אים באַם עלנבויגן, האָט מאַקאַראָוו אַ פרעג געטון:

— וואָס איז געשען?

דער מענטש האָט אויפגעעפנט אַ האָריק מויל, אַ קוק געטון מיט טריבע אויגן אויף מאַקאַראָוון, אויף קלימען, און, אַ מאַך געבנדיק מיט דער האַנט, געגומען גיין ווייטער. אָבער באַך דריי טריט, וועלפיש זיך אומדרייענדיק צוריק, האָט ער אַ זאָג געטון הויך:

— אַלע — זענען שולדיק. אַלע.

— אַן ענטפער פון אַ פאַרברעכער, — האָט אַ וואָרי־טשע געטון מאַקאַראָוו און, ווי אַ באַלמעלאָכע, אַ שפיי געטון דורך די ציין.

ס׳זענען דורכגעגאַנגען עפּעס אַזוינע אויפגערעגטע און צו־געלאָזענע תמעוואַטע מענטשן, זיי האָבן געשריגן, געיעלהוועט, אָבער ס׳איז שווער געווען צו פאַרשטיין, וואָס זיי רעדן. מאַנכע האָבן אפילו געלאַכט, די פנימער זענען געווען באַ זיי כיטרע און גליקלעך.

ס׳איז געפאָרן אַ הויך אָנגעלאָדענער גרינער וואָגן פון די פייערלעשער, אונטער זיין דוע האָט זיך געשאָקלט און פריילעך געקלונגען אַ גלעקל. מיט דער פּאָר רויטע פערד האָט אָנגעטריבן אַ רויטפּנימדיקער זעלנער אין אַ בלויער בלוזע, זיין מעשענער קאָפּ האָט בלענדנדיק געלויכטן. זייער אַ מאָדנע איינדרוק האָבן

אַרויסגערופן בײַ סאַמיגנען דאָס פרייִלעכע גלעקל און דערדאָזיקער מעשענער קאָפּ, וואָס האָט געלויכטן יום־טובֿדיק. נאָך דעמדאָזיקן װאָגן איז געפאָרן אַ צווייטער, אַ דריטער און נאָך און איבער יעדן האָט פֿייערלעך זיך דערהויבן אַ מעשענער קאָפּ.

— טראַיאַנער, — האָט געמורמלט מאַקאַראָוו.

קלים האָט איבעראַשט באַגלייט מיט די אויגן איינעם פֿון די װאָגנס. אויף אים איז אויפֿגעלייגט געווען אַן איבעריקער מענטש; ער איז געלעגן איבער די מתים, וואָס זענען גלייך איינגעלייגט געווען לענגאויס דעם וואָגן; אים האָט מען נאַכלעסיק אַרויפֿגעלייגט קרום, כמעט קווער זיי און ער האָט אַרויסגעשטעקט פֿון אונטערן ברעזענט נאַקעטע, פֿאַרשידנמאָסיקע הענט; איינע איז געווען אַ קורצע, האָט אַרויסגעשטאַרט הילצערדיק און צעשפּרייטנדיק די פֿינגער ווי אַ שטערן, און די אַנדערע, אַ לאַנגע איז אַפּנים צעבראָכן געווען אין אויסבייג פֿון עלנבויגן; אַראָפּהענגענדיק פֿון וואָגן, האָט זי זיך פֿריי געשאָקלט און איר דלאָניע, אויף וועלכער ס'האָבן געפֿעלט צוויי פֿינגער, איז ענלעך געווען צו אַ ראַקן־פֿיסל.

— שטיין — איז אַ נאַר. האַלץ — איז אַ נאַר, — האָט זיך דערמאָנט קלים.

— איך קאָן נישט מער, — האָט ער געזאָגט, אַרײַנגייענדיק אין הויף. הינטערן טויער האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, אַראָפּגענומען די ברילן, אַראָפּגעמרוגעט פֿון די אויגן שטויבעלעך און אַ קלער געטון: — נאָכוואָס זשע איז ער... נאָכוואָס איז ער געגאַנגען? ער — האָט נישט באַדאַרפֿט...

ס'האָט זיך דערמאָנט די אומגעלונגענע המצאה פֿונם גימנאַזיסט איוואַן דראָנאָוו:

— „רוקאַ — איז פֿון צייטוואָרט רושיט, ראַזרושאַט"*).

מאַקאַראָוו האָט אויף יענער זייט טויער פֿאַרוואונדערט און פֿרעגנדיק אַ געשריי געטון:

*) „רוקאַ" איז אויף רוסיש — אַ האַנט; „רושיט", „ראַזרושאַט" — צעשטערן, חרובֿ מאַכן. — איבערז.

— שטייט, וואוהין גייט איר?

באַלד נאָכדעם האָט ער אַריינגעשטופּט אין הויף אַריין מאַראַקויעוון, אָן אַ היטל, מיט צעשויבערטע האָר, מיט אַ פינצטער פּנים און אַ פאַרטרוקנטן רויטן ראַץ פון אויער ביז דער נאָז. געהאַלטן האָט זיך מאַראַקויעוו אומנאַטירלעך גלייך, געקוקט אויף מאַקאַראָוון מיט מאַטן בליק פון די בלוט־אָנגעגאָסענע אויגן און פאַרכריפּעט געפרעגט, דורך די ציין:

— וואו זענט איר געווען? געזעען?

אין די אומבאַוועגלעכע אויגן זיינע, אין דער הילצענער פּינור איז געווען עפּעס שרעקלעכס, שגעונדיקס. אויף אים איז געהאָנגען אַ ברייטער, פון אַ פרעמדער פּלייצע, גרויער, צעקנאָדערטער ראָק מיט אַן אָפּגעריסענער קעשענע, די קאָלירטע, ציצענע בלוזע איז אויך צעריסן געווען אויף דער ברוסט; די ביליקע, ליוסטרינענע הויזן אויסגעשמירט מיט גרינער פאַרב. שרעקלעכער פון אַלעם האָט אויסגעזעען קלימען מאַראַקויעווס פאַרהילצערטקייט. ער איז געשטאַנען אַזוי אָנגעשטרענגט אויסגעצויגן, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז אויב ער וועט אַרויסנעמען די הענט פון די קעשענעס, וועט אָנבייגן דעם קאָפּ אָדער איינבייגן דעם רוקן, וועט זיין גוף זיך צעברעכן, צעשיטן אויף שטיקלעך. ער איז געשטאַנען און געפרעגט מיט איינע און דיזעלבע ווערטער:

— וואו זענט איר געווען?

מאַקאַראָוו האָט נישט אַריינגעפירט, נאָר כמעט אַריינגעטראָגן אים אין שטוב אַריין, אַריינגעשטופּט אין וואַשצימער, שנעל אים אויסגעטון ביזן גאַרטל און אָנגעהויבן וואַשן. ס׳איז שווער געווען איינצובייגן מאַראַקויעווס האַלז אונטערן קראַן פונם וואַש־בעקן. דער פריילעכער סטודענט האָט אַוועקגעשטופּט מאַקאַראָוון מיטן אַקסל, עקשנותדיק נישט געוואָלט זיך איינבייגן, שטייף אויסגעגלייכט דעם רוקן און געמרוטשעט:

— וואַרט־צו.... איך וועל אַליין! מ׳דאַרף נישט...

ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט מורא פאַר וואַסער, ווי אַ צעביסענער פון אַ משוגענעם הונט.

— געפֿין די דינסט, בעט בײַ איר ווען, — האָט קאָמאַנדעוועט מאַקאַראָוו.

קלים איז הכנעהדיק אַוועקגעגאַנגען, ער איז צופרידן געווען נישט צו קוקן אויף דעם צעפּלאַטשטן מענטש. זוכנדיק די דינסט, איבערגייענדיק פֿון איין צימער אין אַנדערן, האָט ער דערזען ליוטאָוון; אַ באָרוועסער, אין דער נאַכט־וועש, איז ליוטאָוו געשטאַנען באַם פֿענצטער, האַלטנדיק זיך באַם קאָפּ. אומגעדרייט זיך אויפֿן קלאַנג פֿון די טריט, דערשטוינט פֿינטלענדיק מיט די אויגן, האָט ער אַ פֿרעג געטון, אָנווייזנדיק אויף דער גאַס מיט אַן אומגעלומפּערטן זשעסט פֿון בײדע הענט:

— וואָס איז — דאָס?

— ס'איז געשען עפּעס אַן אומגליק, — האָט קלים געענטפֿערט. דאָס וואָרט אומגליק האָט ער אַרויסגערעדט נישט מיטאַמאָל, נישט פֿעסט, אַ קלער געטונדיק, אַז מ'וואָלט באַדאַרפֿט זאָגן אַן אַנדער וואָרט, אָבער אין זײַן קאָפּ האָט עפּעס גערוישט, געציטערט און ס'זענען נישט געגאַנגען קיין ווערטער אויף דער צונג אַרויף.

ווען ער און ליוטאָוו זענען אַרײַנגעקומען אין עסצימער, איז מאַראַקועוו שוין געלעגן, אויסגעצויגן אויף דער סאָפֿע, אַ גאַקעטער, און מאַקאַראָוו, פֿאַרקאַשערט די אַרבל, לײַכט צוהוסטנדיק, האָט אים מאַסירט די ברוסט, דעם בויך, די זײַטן. פֿאַרזיכטיק אויסדרייענדיק דעם האַלז, קאָלערנדיק איבערן לעדערנעם קישן דעם נאַסן קאָפּ, האָט מאַראַקועוו גערעדט, צוהוסטנדיק, אומגעבונדן און נישט הויך, ווי אין היץ:

— מ'האָט דערקוועטשט איינער דעם אַנדערן. אַ שרעקלעך שפּיצל. איר האָט געזען? אַ רוח... ס'צעקריכן זיך פֿון פֿעלד מענטשן און לאָזן איבער הינטער זיך מתים. איר האָט באַמערקט: די פֿייערלעשער פֿאָרן מיט גלעקער, פֿאָרן — און קלינגען! איך זאָג: מען דאַרף אונטערבינדן, ס'איז נישט שיין! ענטפֿערט ער: מ'טאָר נישט. אידיאָטן מיט גלעקלעך... בכלל זאָג איך...

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן, פֿאַרמאַכט די אויגן, דערנאָך ווידער אָנגעהויבן:

— ס'איז אזא איינדרוק, אז זיי צעקוועטשן נאָך אַלץ, צע־טרעטן דעם מענטש און גייען אַוועק, נישט אומקוקנדיק זיך אויף אים. אָט דאָס — גייען אַוועק... וואונדערלעך! גייען, ווי איבער שטיינער... אויף מיר...

מאַראַקויעוו האָט אונטערגעהויבן דעם קאָפּ. דערנאָך, אָנ־שפּאַרנדיק זיך מיט די הענט אָן דער סאָפע, זייער פּאָרזיכטיק זיך אויפגעזעצט און שמייכלענדיק מיט אַ פולשטענדיק אומוואַרשיינ־לעכער גרימאַסע, פון וועלכער זיין מויל האָט זיך אויסגעבויגן ווי אַ סערפּ, דאָס צעדראַפּעטע פּנים איז העסלעך צעפלאָסן געוואָרן, און די אויערן האָבן זיך אָפּגערוקט צום קאַרק, האָט ער געזאָגט:

— אויף מיר האָט מען געשפּרייזט, איר פאַרשטייט? ניין, דאָס... דאַרף מען דורכלעבן. אַ מענטש ליגט, און אויף אים שטעלט מען פיס, ווי אויף אַ זומפּיקער קעמפּע! מ'דערקוועטשט, ... האַ? אַ לעבעדיקער מענטש. אומבאַגרייפלעך.

— טוט זיך אָן, — האָט געזאָגט מאַקאַראָוו, אויפמערקזאַם זיך צוקוקנדיק צו אים און דערלאַנגענדיק די וועש.

אַריינשטעקנדיק דעם קאָפּ אין העמד אַריין און אַרויסקוקנ־דיק דערפון אַזויווי פון אַ שניי־באַרג, האָט מאַראַקויעוו פאָרגע־זעצט:

— טויטע — הונדערטער. טייל ליגן, ווי צוגענאָגלטע אויף דער ערד. און באַ איין פרוי איז דער קאָפּ אַריינגעדעפּטשעט אין אַ גריבל.

— נאָכוואָס זענט איר געגאַנגען? — האָט שטרענג אַ פרעג געטון קלים, פּלוצלינג זיך אָנשטויסנדיק, נאָכוואָס מאַראַקויעוו איז געווען אויפן כ א ָ ד י נ ק ע ר פעלד, איבערגעטון אין אַן ... פון אַ באַלמעלאָכע.

— איך — רעדן אַ ביסל... געוואויר ווערן, — האָט גע־ענטפערט דער סטודענט, הוסטנדיק און אַלץ מער קומענדיק צו זיך. — כ'האָב שטויב זיך אָנגעשלונגען...

ער האָט זיך אויפגעשטעלט, אַ קוק געטון נישט זיכער אויף דער פּאָדלאָגע, ווידער אויסגעבויגן דאָס מויל ווי אַ סערפּ, מאַקאַראָוו

האָט אים צוגעפירט צום טיש, אַנידערגעזעצט, און ליוטאָוו האָט געזאָגט, אָנגיסנדיק אַ האַלב גלאָז ווייַן:

— טרינקט אויס.

דאָס איז געווען זיין ערשט וואָרט. ביז אַצינד איז ער געזעסן שווייַגנדיק, אַרויפגעשטעלט די עלנבויגנס אויפן טיש, צוקוועטשנדיק די שלייפן מיט די הענט און געקוקט אויף מאַראַקועוון פאַרמרוזשעט, ווי אויף אַ העלער שייַן.

מאַראַקועוו האָט גענומען דאָס גלאָז, אַרייַנגעקוקט דערין און אָוועקגעשטעלט אויפן טיש, רעדנדיק:

— די פרוי איז געלעגן באַנאַנד מיט עפּעס אַ קלאָץ, און איר קאָפּ האָט אַרויסגעשטעקט נאָכן עק פון קלאָץ און אויף איר קאָפּ האָט מען געשטעלט פּיס. און מען האָט אים אַרייַנגעדעפּטשעט. גיט מיר טיי...

ער האָט גערעדט אַלץ גערנער און ווייניקער פאַרכריפּעט.

— איך בין אַהינגעקומען אַרום האַלבער נאַכט און ס'האָט מיך איינגעזויגן. זייער טיף. ס'זענען שוין טייל געשטאַנען אין חלשות. ווי טויטע אַזש. אַזאַ, פאַרשטייט איר, געדיכטעניש, אַ זומפּיקייט... און אַ בלייענע לופט, נישטאָ מיט וואָס צו עטעמען. פאַרטאָג־צו זענען טייל משוגע געוואָרן, מיין איך. זיי האָבן געשריגן. זייער אומהיימלעך. אַ זוינער איז געשטאַנען לעבן מיר און כסדר געוואָלט אַ ביס טון. מען האָט געשלאָגן איינער דעם אַנדערן מיט די פּאַטיליצעס איבערן שטערן, מיט די שטערנס איבער די פּאַטיליצעס, מיט די קניען. מען האָט אָנגעטרעטן אויף די פינגער פון די פיס. אוודאי, האָט דאָס נישט געהאָלפן, גיין! איך ווייס. איך האָב אַליין געשלאָגן, — האָט ער געזאָגט, פאַרוואונדערט מרוגעדיק, און געשטאָמפּערט מיטן פינגער זיך אין דער ברוסט אַריין. — וואו זשע זיך אַהינטון? באַקלעפּט מיט מענטשן פון אַלע זייטן. כ'האָב געשלאָגן...

ס'איז אַרייַנגעקומען דער דיאַקאָן, אָן אָקאָרשט אָפּגעוואַשענער, מיט אַ נאַסער באָרד; ער האָט אויפגעעפנט דאָס מויל, געוואָלט פרעגן וועגן עפּעס, — ליוטאָוו האָט, אַ ווינק געבנדיק אויף מאַראַקועוון, אַ שיפּע געטון. אָבער מאַראַקועוו האָט שווייַגנדיק זיך אָנ-

געבויגן איבערן טיש, אויסמישנדיק די טיי, און קלים סאַמגין האָט אויפן קול אַ קלער געטון:

— ווי שרעקלעך מוז זיך פילן דער קייסער.

— ער האָט געפונען אויף וועמען רחמנות צו האָבן, — האָט איראָניש אונטערגעכאַפּט ליוטאָוו, די איבעריקע דריי האָבן נישט געלייגט קיין אַכט אויף קלימס ווערטער. מאַקאַ־ראָוו האָט, כמורעדיק זיך, דערציילט דעם דיאַקאָן וועגן דער קאַ־טאַסטראָפע.

— על־פּי מענטשלעכקייט — איז אַ רחמנות, — האָט פאַרגעזעצט קלים, ווענדנדיק זיך צו ליוטאָוון. שטעל דיר פאָר, אַז אויף דיין חתונה וואָלט געשען אַן אומגליק...

דאָס איז געווען נאָך מער טאַקטלאָז. פילנדיק, אַז בײַ אים זענען רויט געוואָרן די אויערן, האָט קלים אין געדאַנק זיך אָנגעזידלט און איז אַנטשוויגן געוואָרן, וואַרטנדיק, וואָס ליוטאָוו וועט זאָגן. אָבער געזאָגט האָט מאַראַקועוו.

— עמפּערטע איז דאָ ווינציק! — האָט ער געזאָגט, אויפ־טרייסלענדיק מיטן קאָפּ. — קיין עמפּערטע האָב איך נישט געזען. ניין. נאָר עפּעס איינער... אַ מאָדנער מענטש אין אַ ווייסן קאַפּע־לוש האָט צוגעפּעקליבן פריוואוויליקע צו גראָבן קברים. ער האָט מיך אויך איינגעלאַדן. זייער... אַ טיכטיקער. ער האָט איינגעלאַדן אַזוי, גלייך ער וואָלט שוין לאַנג געוואַרט אויף דער געלעגנהייט אויס־צוגראָבן אַ קבר. און — אַ גרויסן, פאַר אַ סך.

ער האָט אויסגעטרונקען די טיי, געגעסן עפּעס, אויסגעטרונ־קען קאָניאַק; זיינע קאַשטאַנען־לאָקן האָבן זיך אויסגעטרוקנט און זיך צעשאָטן, די טריבע אויגן זענען העלער געוואָרן.

— אַ ריזנהאַפטן כוח האָבן מאַנכע אַרויסגעוויזן, — האָט ער זיך דערמאָנט, קאָנצענטרירט קוקנדיק אין דעם ליידיקן גלאָז אַריין. — ס'איז דאָך נישט מעגלעך, מאַקאַראָוו, אָפּצורייסן מיט דער האַנט, מיט די פינגער, די הויט פון שאַרבן, נישט די האָר, נאָר — די הויט?

— נישט מעגלעך, — האָט פאַרומערט און זיכער איבערגע־חזרט מאַקאַראָוו.

— און איין... מענטש האָט אַראָפּגעריסן, איינגעקלאַמערט זיך מיט די נעגל אין דער פּאַטיליצע פון אַ דיקן, וואָס איז געשטאַנען לעבן מיר, און אויסגעריסן אַ שטיק... דער ביין איז אַנטבלויזט געוואָרן. ער האָט דער ערשטער מיר אויך אַ קלאַפּ געטון...

— איר דאַרפט איינשלאָפן, — האָט געזאָגט מאַקאַראָוו. — קומט...

— אַ וואונדערבאַרן כּוח האָבן זיי אַרויסגעוויזן, — האָט, אונטערטעניק נאָכגייענדיק מאַקאַראָוון, אַרויסגעמורמלט דער סטודענט.

— וויאַזוי זשע איז דאָס אַלץ געווען ? — האָט געפרעגט דער דיאַקאָן, שטייענדיק באַם פענצטער.

מען האָט אים נישט געענטפערט. קלים האָט געקלערט: ווי אַזוי וועט האַנדלען דער קייסער ? און געפילט, אַז דאָס ערשטע מאָל טראַכט ער וועגן קייסער, ווי וועגן אַ רעאַל וועזן.

— וואָס זשע וועלן מיר טון ? — האָט ווידער געפרעגט דער דיאַקאָן, גערדיכט באַטאָנענדיק דאָס נאָמענסוואָרט.

— קברים גראָבן, — האָט אַ וואָרטשע געטון ליוטאָוו.

דער דיאַקאָן האָט אַ קוק געטון אויף אים, אויף קלימען, צונויפגעדריקט די דרייפּאַכיקע באָרד זיינע אין דער פויסט און געזאָגט:

— „דער אייבערשטער איז אַ קנוא ונוקם, אַ נוקם איז גאָט און צאָרניק, גאָט איז זיך נוקם אָן די, וואָס ווידערשפּעניקן אים און פאַרטיליקט אַליין זיינע פיינד“...

קלים האָט אַ קוק געטון אויף אים פאַרחידושט: שוין-זשע קאָן און וויל דער דיאַקאָן רעכטפאַרטיקן ?

אָבער יענער האָט, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, פאַרגעזעצט:

— גרויזאַמע, שטנדיקע ווערטער האָט געזאָגט דער נביא נחום. אָט, ייִנגע לייט, וואוהין איר זאָלט קוקן: די שטראָפן און נקמות זענען אויסגעצייכנט באַאַרבעט בא אונז, אָבער — די פאַרגעלטונגען ? וועגן פאַרגעלטונגען ווייסן מיר גאָרנישט. די דאַנטעס, מילטאָנס און אַנדערע, אַזש ביז אונזער פאָלק גופא, האָבן דאָס

גיהנום באַשריבן אויספירלעך און אימהדיק, אָבער — דעם גן־עדן ? וועגן גן־עדן איז דאָרטן אונז גאָרנישט געזאָגט געוואָרן, איינס ווייסן מיר : דאָרטן זינגען די מלאכים דעם אל־צבאות הושענא.

ראַפּטום אַ קלאַפּ געבנדיק מיט דער פויסט אין טיש אַריין, האָט ער אָנגעפולט די שטוב מיט אַ גלאָזיק ציטערן פון געשיר און, מוראדיק אויסביילנדיק די אויגן, אַ געשריי געטון מיט אַ שכּור קול :

— אָבער — פאַרוואָס הושענא ? איך פרעג : פאַרוואָס הושענא גאָר ? אָט ייִנגעלייט, איז די שאלה : פאַרוואָס הושענא ? וועמען זשע קומט דעמאָלט אַנאַטעמאַ, וויבאַלד דעם באַשעפער פון גיהנום רופט מען אויס הושענא, הא ?

— הער אויף, — האָט אַ בעט געטון ליוטאָוו, אַ מאַך געבנדיק אויף אים מיט דער האַנט.

— ניין, וואַרט־צו : מיר האָבן צוויי קריטיקעס : איינע — אויס בענקשאַפט נאָכן אמת, די אַנדערע — אויס עו־גייציקייט. קריסטוס איז געבוירן געוואָרן דורך בענקשאַפט נאָך אמת, און — אל־צבאות ? און וויבאַלד אין געטסימאַנישן גאָרטן האָט דעם כּוס פון ליידן נישט אל־צבאות קריסטוסן געוויזן, נאָר — דער שטן, כּדי חוזק צו מאַכן ? אפשר איז דאָס גאָר קיין כּוס נישט געווען, נאָר אַ פייג ? ייִנגעלייט, דאָס דאַרפט איר פאַרענטפערן...

זייער שנעל איז אַריינגעקומען מאַקאַראָוו און געזאָגט קלימען :

— ער זאָגט, אַז ער האָט דאָרט געזען דעם פּעטער כּרי־סאַנף און דעמדאָזיקן... דיאָמידאָוון, פאַרשטייסט ?...

מאַקאַראָוו האָט הילכיק אַ קלאַפּ געטון מיט דער פויסט אי־בער זיין האַנט־פלאַך, זיין פּנים איז בלאַס געוואָרן.

— מען דאַרף געוואויר ווערן, צופאָרן...

— צו לידיען, — האָט דערזאָגט קלים.

— לאָמיר פאָרן ביידע. וולאַדימיר, שיק נאָך אַ דאָקטאָר. מאַראַקועוו ברעכט מיט בלוט.

גייענדיק אין פּאָדערשטוב אַריין, האָט ער צוליב עפּעס מיטגעטיילט:

— ער הייסט פּיאָטר.

אויף דער גאַס איז געווען אַ סך מענטשן און טומלדיק, אָבער נאָך טומלדיקער איז געוואָרן, ווען זיי זענען אַרויסגעקומען אויף טווערסקע. אומענדלעך האָט זיך באַוועגט און געהודזשעט די מענגע אָפּגעשליסענע, צעקנאָדערטע, פאַרבלאָטיקטע מענטשן. אַ נישט הויכע, נאָר געדיכטע מורמלעריי איז געשטאַנען אין דער לופט, זי האָבן צעריסן היסטערישע פרויען־קולות. די מענטשן זענען מיד געגאַנגען קעגן דער זון, אָנגעבויגן די קעפּ, אַזוי ווי פילנדיק זיך שולדיק. אָבער אָפט, ווען אַ מענטש האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, האָט סאַמגין דערזען אויפן פאַרמאַטערטן פּנים אַן אויסדרוק פון שטילער פרייד.

סאַמגין איז געווען מיד פון איינדרוקן און אים האָבן שוין נישט אויפגערעגט די אַלע פאַרצאָגטע, דערשראָקענע, מיט ניי־גיריקייט באַלויכטענע און גליקזעליק טעמפּע פּנימער, וועלכע האָבן געשימערט אויף דער גאַס, וואָס איז שפּעדיק באַפּוצט געווען מיט די דרייקאָליריקע פענער. די איינדרוקן האָבן דערלויבט קלימען גוט צו פילן זיין וואָגיקייט, רעאַלקייט. וועגן דער סיבה פון דער קאַטאַסטראָפע האָט זיך נישט געטראַכט. אָבער, אין תּוך, איז די סיבה געווען פאַרשטענדלעך פון מאַראַקועווס דערציילן: די מענטשן האָבן זיך אַ וואָרף געטון צו די „קאָנפעקטן" און האָבן צעקוועטשט איינער דעם אַנדערן. דאָס האָט דערלויבט קלי־מען אַראָפּצוקוקן אויף זיי פון דער הייך פון עקיפּאַוש גלייכגיל־טיק און מיט ביטול.

מאַקאַראָוו איז געזעסן זייטיק צו אים, האַלטנדיק אַ פוס אויפן טרעפּל פון פאַעטאָן און אַזוי ווי גרייטנדיק זיך אַראָפּצו־שפּרינגען אויפן ברוק. ער האָט געוואָרטשעט:

— דער טייוול ווייסט עס; ווי דידאָזיקע נאַרישע פענער שניידן די אויגן!

— מסתמא, וועט דער קייסער מילד פאַרגעלטן די משפּחות פון די דערהרגעטע, — האָט קלים געטראַכט, און מאַקאַראָוו האָט

אַ בעט געטון דעם פורמאַן צו פאָרן גיכער און דערמאָנט, אַז אויף מאַריאַ אַנטואַנעטעס חתונה איז אויך געשען עפּעס אַן אומגליק.

— ער איז זיך געטריי, — האָט אַ קלער געטון קלים. דאָ איז אויך בײַ אים אויפן ערשטן אָרט די פרוי, גלײַך לודוויק וואָלט גאָר נישט געווען.

דעם פעטער כריסאַנפּס דירה איז געווען פאַרשלאָסן, אויף דער טיר פון קיך איז אויך געהאָנגען אַ שלאָס. מאַקאַראָוו האָט אים אַ ריר געטון, אַראָפּגענומען דאָס היטל און אָפּגעווישט דעם פאַרשוויצטן שטערן. ער האָט, הפּנים, פאַרשטאַנען די פאַרשלאָסענע טיר אַלס סימן פון עפּעס שלעכטס; ווען זיי זענען אַרויסגעקומען פון פינצטערן פאָרהויז אויפן הויף, האָט קלים דערזען, אַז מאַקאַראָווס פּנים איז אָפּגעפאַלן, בלאַס געוואָרן.

— מ׳דאַרף בעוואויר ווערן, וווהין מ׳פירט אָפּ... די פאַרוואונדעטע. מען דאַרף אַרומפאָרן די שפּיטאָלן. קום.

— דו רעכנסט...

אָבער מאַקאַראָוו האָט נישט געלאָזט קלימען דעררעדן.

— קום, — האָט ער גראָב אַ זאָג געטון.

ביזן אָוונט זענען זיי אַרומגעפאָרן, אויסגעלאָפן אַ צענדליק שפּיטעלער, צוויי מאָל צוריקגעקומען צום אײַזערנעם פויסטל פון שלאָס אויף דער טיר פון כריסאַנפּס קיך. ס׳איז שוין געווען פינצטער, ווען קלים האָט מיט אַ האַלב קול פאָרגעלייגט צוצופאָרן צום בית עולם.

— אַן אומזין, — האָט שאַרף אַ זאָג געטון מאַקאַראָוו. — דו — שווייג.

און אין אַ מינוט אַרום צוגעגעבן פאַרביטערט:

— דאָס קאָן נישט זײַן.

בײַ אים האָבן לגמרי אומנאַטירלעך זיך פאַרשפּיצט די באַקנביינער, ער האָט באַוועגט מיט דער קין, אַזויווי סקריפּענדיק מיט די ציין און געדרייט מיטן קאָפּ, צוקוקנדיק זיך צום שמייען פון די פאַרבהלהוועטע מענטשן. די מענטשן זענען געוואָרן אַלץ שטילער, גערעדט וואָרטשענדיקער, דער אָוונט האָט זיי מאַט געמאַכט.

מאַקאַראָווס שטימונג, סוגעסטירנדיק באַומרויקונג פאַר לי־דיען, האָט דערדריקט קלימען. ער האָט זיך איינגעמידט פיזיש און פון אָנקוקן זיך אויף די הונדערטער צעמאַזיקטע, צעהוירצגטע מענטשן, זיך געפילט פאַרסאַמט, פאַרטעמפּט.

זיי זענען געגאַנגען צופוס, ווען פון עפּעס אַ געסל איז אַרויסגעפאָרן אַ דראָזשקע, אין איר איז געזעסן וואַרוואַרא, אַ צע־שויבערטע, האַלטנדיק דאָס היטל און דעם שירם אויף די קני.

— מ׳האָט דעם שטיפפאָטער דערקוועטשט, — האָט זי אַ געשריי געטון, שטויסנדיק דעם פורמאַן אין רוקן אַריין; סאַמגינען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זי האָט דאָס אויסגעשריגן מיט שטאָלץ.

— וואו איז לידיאַ? — האָט אַ פרעג געטון מאַקאַראָוו, אײי־דער קלים האָט דאָס באַוויזן צו טון. אַראָפּגעשפּרונגען אויפן פּאַ־געל, האָט דאָס מיידל מעכאַניש, אָבער דאָך מיט אַ שייגעם זשעסט אַריינגעשטופּט דעם פורמאַן געלט, און זיך געלאָזט גיין צום הויז, שוין נישט שיין וואַרפנדיק מיטן שירם אין איין האַנט, מיטן הוט אין דער אַנדערער; היסטעריש הויך האָט זי דערציילט:

— ער איז נישט צום דערקענען. כ׳האָב אים געפונען לויט די שטיוול און לויטן סיגנעט, איר געדענקט? אַ קאַראַניאָלענער? אַ גרויל. קיין פּנים — נישטאָ.

דאָס געזיכט באַ איר איז געווען פאַרוויינט, די גאָמבע האָט געציטערט, אָבער קלימען האָט זיך געדאַכט, אַז אירע גרינלעכע אויגן פינקלען בייז.

— וואו איז לידיאַ? — האָט נאָכאַמאָל איבערגעחזרט מאַ־קאַראָוו, אויפסנײי פאַרלויפנדיק פאַר קלימען.

— זי זוכט דיאָמידאָוון. איין אַקטיאָר האָט אים געזען לעבן אַלעקסאַנדראָווער וואָקזאַל און זאָגט, אַז ער איז אַראָפּ פון זינען, דיאָמידאָוו...

וואַרוואַרעס הויכע שטימע האָט פאַרזאַמלט אַרום איר יומטוב־דיקע מענטשן; אַ מענטש מיט אַ שפּיצרוט, אין אַ שטרויענעם הוט, האָט שטויסנדיק סאַמגינען, אַריינגעקוקט אין דער פריילינס פּנים, פרעגנדיק:

— טאָקע — צען טויזנט? און אַ סך זענען משוגע געוואָרן?

ער האָט אַראָפּגענומען דעם הוט און אויסגעשריגן כמעט מיט התלהבות:

— סאַראַ אומגעוויינלעך אומגליק!

קלים האָט זיך אומגעקוקט: פאַרוואָס טרייבט מאַקאַראָו נישט אַוועק דעמדאָזיקן אידיאָט? אָבער מאַקאַראָו איז נעלם געוואָרן.

באַ זיך אין צימער — מיט האַסטיקע באַוועגונגען צעוואַרפנדיק איבערן טיש, איבערן בעט דעם שירם, דעם הוט, דאָס נאַסע צונויפגעקנוילטע טיכל, דעם פּאַרטמאָנע, — האָט וואַרוואַראַ דערציילט:

— די באַק איז צעריסן. די צונג הענגט אַראָפּ פון צעהאַקטן מויל. איך האָב געזען נישט ווייניקער פון דריי הונדערט מתים, מער. וואָס זשע איז דאָס, סאַמגין? זיי האָבן דאָך נישט געקאָנט אליין זיך...

אַרומגייענדיק איבערן צימער שנעל און לייכט, גלייך ס'וואָלט זי געטראָגן אַ ווינט, האָט זי אָפּגעווישט דאָס פּנים מיט אַ נאַס האַנטוך און כסדר עפּעס געזוכט, כאַפּנדיק פון טואַלעט-טישל די קעמלעך, די בערשטלעך, באַלד זיי צוריקגעשליידערט אויפן אָרט. זי האָט אַרומגעלעקט די ליפּן, זיי געביסן.

— טרינקען, סאַמגין, כ'וויל שרעקלעך טרינקען...

אירע שוואַרצאַפּלען זענען פאַרברייטערט און טריב געוואָרן, די געשוואָלענע אויגן-לעפּלעך, מיד פינטלענדיק, זענען אַלץ רויטער געוואָרן. און אַרויסווייענדיק, צערייסנדיק דאָס פון טרערן נאַסע טיכל, האָט זי געשריגן:

— ער איז מיר נענטער געווען פון דער מוטער... אַזאַ קאָמישער, ליבער. און זיין האַרציקע ליבשאַפט צום פאָלק... און זיי, אויפן בית עולם, זאָגן, אַז די סטודענטן האָבן אויסגעגראָבן גריבער, כדי צו עמפּערן דאָס פאָלק קעגן קייסער. אַ, גאָט מיינער...

סאַמגין האָט זיך פאַרלוירן, ער האָט נאָך נישט געקענט

טרייסטן קיין ווײנענדיקע פרײַלינס און געפונען, אַז ווארוואַרא ווײנט צו מאָלעריש דערויף, אַז ס'זאָל זײַן אויפריכטיק. אָבער זי האָט זיך אַליין אויך בארויקט, אַזוי ווי נאָר ס'איז אָריינגעקומען די מעכטיקע אַנפימיעוונאַ און צערטלעך, אָבער געשעפטסלעך אָנגעהויבן דערציילן:

— מען האָט אים אַריבערגעטראָגן אין קאַפּעלע, און אַהיים ווילן זיי אים נישט אָפּלאָזן, זיי האָבן זייער געבעטן נישט צו געמען אַהיים כריסאַנף וואַסיליעוויטשן. זאָגט אַליין, טענהן זיי, וואָס פאַר אַ לוויה איז דען אַצינד מעגלעך, ווען ס'איז אַ פייערלעכקייט.

מיט פאַרצאַגטקייט האָט די קעכין געזאָגט:

— און אמת, וואַריאַ, נאָכוואָס טאַקע רייצן דעם קייסער? זאָל זיי גאָט מוחל זײַן, די אַלע; ס'איז זייער זינד, זייער אחריות.

וואַרוואַראַ האָט שווייגנד געשאָקלט מיטן קאָפּ; אַ בעט געגעבן טיי, איז זי אַוועקגעגאַנגען צו זיך, און אין עטלעכע מינוט אַרום דערשינען אין אַ שוואַרץ קלייד, צוגעקעמט, דאָס פּנים איז געווען טרויעריק, נאָר באַרויקט.

באַ דער טיי האָט קלים, אַ קוק געבנדיק אויפן זייגער, אומרויִק אַ פרעג געטון:

— און ווי מיינט איר: צי וועט לידיאַ געפינען דעמדאָזיקן, דיאָמידאָוון?

— פונוואַנען קאָן איך דען וויסן? — האָט זי טרוקן געזאָגט און מיט אַ נביאישן טאָן פון אַ מענטש מיט גרויסער לעבנס־דערפאַרונג גענומען רעדן:

— מיר געפעלט נישט איר באַציִונג צו אים. זי שיידט נישט אונטער צווישן ליבע און רחמנות און ס'דערוואַרט זי אַ שרעקלעכע אַנטוישונג. דיאָמידאָוו רופט אַרויס פאַרוווּנדערונג, רחמנות, אָבער — צי קאָן מען ליב האָבן אַזעלכן? פרויען האָבן ליב שטאַרקע און דרייסטע, דידאָזיקע האָבן זיי ליב אויפריכטיק און לאַנג. מען האָט, באַטירלעך, אויך ליב מענטשן מיט אויסטערלישקייטן.

אַ געוויסער געלערנטער דייטש האָט געזאָגט: „כּדי צו ווערן באַמערקט, דאַרף מען אַריינפאַלן אין אויסטערלישקייט“.

אַזוי ווי פאַרגעסנדיק אָן דעם שטיפפאָטערס טויט, האָט זי אַ מינוט פינף קריטיש און מיט פאַראיבל גערעדט וועגן לידיען און קלים האָט פאַרשטאַנען, אַז זי האָט נישט ליב די חברטע. אים האָט פאַרוואונדערט, ווי גוט זי האָט ביז דער איצטיקער מינוט באַהאַלטן די אַנטיפּאַטיע צו לידיען און די פאַרוואונדערונג האָט אַ ביסל אויפגעהויבן דאָס גרינאויגיקע מיידל אין זיינע אויגן. דערנאָך האָט זי זיך דערמאַנט, אַז מען דאַרף רעדן וועגן שטיפפאָטער און געזאָגט, אַז כאָטש די מענטשן פון זיין טיפּ — זענען אַלטמאָדישע מענטשן, אָבער אין זיי איז פונדעסטוועגן פאַראַן אַן אייגנאַרטיקע שיינקייט.

קלים האָט זיך געפילט אַלץ מער אומרויק, אומבאַקוועם, ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ס׳וואָלט בכלל געווען פּאַסיקער און טאַקטישער בנוגע לידיען, ווען ער וואָלט אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן, זי געזוכט, איידער צו זיצן דאָ און טרינקען טיי. אָבער איצט אַוועקצוגיין איז אויך געווען אומבאַקוועם.

ס׳איז שוין געווען פינצטער, ווען ס׳איז אַריינגעלאָפן לידיאַ, און מאַקאַראָוו האָט אַריינגעפירט אונטער דער האַנט דיאָמידאָוון. סאַמגינען האָט זיך געדאַכט, אַז אַלץ אין צימער האָט אַ ציטער געטון און ס׳איז איינגעפאַלן דער סופיט. דיאָמידאָוו איז געגאַנגען צוהינקענדיק, די דלאָניע פון זיין לינקער האַנט איז אַרומגעוויקלט געווען מיט מאַקאַראָווס היטל און אונטערגעבונדן מיט אַן אָפּגעריסן שטיקל פון עפּעס אַ האַלז־טיכל. נישט מיט זיין קול האָט ער גערעדט, שווער עטעמענדיק:

— איך האָב דאָך געוואוסט, כ׳האָב נישט געוואָלט...

זיינע העלע האָר האָבן זיך אויסגעלייגט אויפן קאָפּ ווי קלימפּן שעפּסן־וואָל; איין אויג איז פאַרלאָפן מיט אַ טונקל געשוואָלענע און דאָס צווייטע, ברייט צעעפנט און טריב — איז שרעקלעך אויסגעגלאָצט. ער איז געווען איינגאַנצן אין לאַכעס. די הויזן צעריסן אין דער ברייט, אינם לאָך האָט געציטערט די באַקעטע

קני און דאָסדאָזיקע ציטערן פֿון דעם קיילעכיקן ביין, באַצויגן מיט שמוציקער הויט, איז געווען עקלדיק.

מאַקאַראָוו האָט פֿאַרזיכטיק אים אַנידערגעזעצט אויף דער שטול בײַ דער טיר, דיאָמידאָווס געווייניקלעכע אָרט אין דאָזיקן צימער; דער בוטאַפֿאָר האָט אַוועקגעשטעלט אויף דער פּאָדלאָגע דעם שפּרינגענדיקן פֿוס און אָראָפּשאַרנדיק מיט דער האַנט דעם שטויב פֿון קאָפּ, הייזעריק אַרויסגערײַטשעט:

— איך האָב געזאָגט: צעשפּאַלטן, צעטיילן דאַרף מען, אַז מען זאָל נישט קוועטשן איינער דעם אַנדערן. אָ, רבונו של עולם!

— נו־ס, וואָס זשע וועלן מיר טון? — האָט שאַרף אַ פֿרעג געטון מאַקאַראָוו לידיען. — הייס וואַסער, מ'דאַרף וועש. מען האָט אים באַדאַרפֿט אָפּפֿירן אין שפּיטאָל אַריין, און נישט אַהער...

— שווייגט! אָדער — גייט אַוועק, — האָט אַ געשריי געטון לידיאַ, אַוועקלויפֿנדיק אין קיך אַריין. איר בייזער געשריי האָט געצוואונגען וואַרוואַרען אַנצוהייבן היילן מיט אַ קול פֿון אַ באַנומענער דאָרפֿס־פּויערטע.

— מען דאַרף פֿאַרמשפּטן, פֿאַרשעלטן, באַשטראָפֿן...

קוקנדיק אויף דיאָמידאָוון, האָט זי זיך אָנגעכאַפּט בײַם קאָפּ, זיך געשאָקלט, זיצנדיק אויף דער שטול, און געטופּעט מיט די פֿיס. דיאָמידאָוו האָט אויף איר אויך געקוקט מיטן אויסגעגלאָצטן בליק און געשריגן:

— איטלעכן — זײַן שטח! און — וואָגט נישט! קיין שום אַרײַנגנאַרעלעך! מ'דאַרף נישט קיין קאָנפֿעקטן! מ'דאַרף נישט קיין קאַסעלעך!

זײַן פֿוס האָט אויפֿסניי אָנגעהויבן שפּרינגען, דראָבנע צוטיפּענדיק איבער דער פּאָדלאָגע, די קני איז אַרויסגעשפּרונגען פֿון לאָך; ער האָט פֿאַרשפּרייט אַ שווערן ריח פֿון אייטער. מאַקאַראָוו האָט אים צוגעהאַטן בײַם אַקסל און הויך, שווערמוטיק גערעדט צו וואַרוואַרען:

— וועש דערלאַנגט, האַנטיכער... וואָס זשע איז דאָ צו שרייען? מ׳וועט באַשטראָפן, באַומרויקט זיך נישט.

— יעדער — באַזונדער, — האָט אויסגעשריגן דיאָמידאָוו, פון זיינע אויגן זענען אין צווי שטראָמעלעך געפלאָסן טרערן.

לידיאַ איז אַריינגעלאָפן, אָפּגעשטופּט מאַקאַראָוון, לייכט אויפשטעלנדיק דיאָמידאָוון אויף די פיס, האָט זי אים אַריינגעפירט אין קיך אַריין.

— שוין־זשע וועט זי אַליין וואַשן? — האָט אַ פרעג געטון קלים, מיט עקל פאַרקרומענדיק דאָס פּנים און אויפציטערנדיק.

וואַרוואַראַ האָט, אויפטרייסלענדיק מיטן קאָפּ, צעשאָטן די רויטלעכע האָר אירע איבער די אַקסלען און איז שנעל אַוועקגעגאַנגען אין שטיפּפּאָטערס צימער אַריין: סאַמגין האָט באַגלייטנדיק זי מיטן בליק, אַ קלער געטון, אַז די האָר האָט זי געדאַרפט צעלאָזן פריער, נישט אין איצטיקן מאָמענט, און מאַקאַראָוו האָט געעפנט די פענצטער, געמורמלט:

— כ׳האָב זיי געפונען אויפן שאָסיי. דערדאָזיקער שטייט און מאַכט יעלות, פּריידיקט: צעטרייבן, צעיאָגן, און לידיאַ רעדט אים איין צו גיין מיט איר... כ׳האָב פיינט די אַלע דיינע שרייט ער...

אין שטאָט האָט געקנאַקט און געוואָיעט, גלייך ווי אין אַ ריזיקן אויוון וואָלט זיך פלאַקערדיק צעבערענט נאַסלעך האָלץ.

— אינטערעסאַנט, צי וועט זיין אַן אילומינאַציע, — האָט באַמערקט קלים.

— געוויס איז זי אָפּגערופן געוואָרן — וואָס רעדסטו? — האָט בייז זיך אָנגערופן מאַקאַראָוו.

— נאָכוואָס זשע! — האָט דערווידערט קלים. — דאָס — צעשטרייט. ס׳וואָלט נאַריש געווען, ווען מ׳וואָלט אָפּגערופן.

מאַקאַראָוו האָט צוגעשוויגן, זיך אַוועקגעזעצט אויפן פענצטער־אָנשפּאַר, ציפּנדיק די וואָנסעס.

— דיאָמידאָוו איז משוגע געוואָרן? — האָט געפרעגט סאַמגין, נישט אָן האָפנונג אויף אַ באַשטעטיקענדיקן ענטפער; מאַקאַראָוו האָט געענטפערט נישט באַלד און נישט באַרויקנדיק:

— מסתמא נישט. ער איז פון יענע טיפן, וואָס לעבן אָפּ דאָס גאַנצע לעבן אויף דער גרענעץ פון משוגעת... דאַכט זיך מיר.

אין דער טיר האָט זיך באַוויזן לידיאַ. זי איז געבליבן שטיין, אַזוי ווי אָנשלאָגנדיק זיך אָן דער שוועל, וואָס איז נישט געווען, מיט איין האַנט האָט זי זיך אָנגעכאַפּט אָן ביישטידל, מיט דער אַנדערער — צוגעדעקט די אויגן.

— כ׳קאָן נישט, — האָט זי אַ זאָג געטון, שאָקלענדיק זיך, אַזוי ווי אויסקלייבנדיק אַן אָרט, ווו אומצופאַלן. די אַרבל פון איר בלוזע זענען פאַרקאַשערט געווען ביז די עלנבויגנס, פון נאַסן קלייד זענען אויף דער פאַדלאָגע אַראָפּגעפאַלן טראָפּנס וואַסער.

— איך קאָן נישט, — האָט זי איבערגעחזרט מיט זייער אַן אויסטערלישן טאָן, שולדיק און מיט בולטער פאַרוואונדערונג.

— גייט, וואַשט אים אָפּ, — האָט זי אַ בעט געטון, פאַרדעקנדיק דאָס פּנים מיט די הענט.

— קום, וועסט צוהעלפן, — האָט מאַקאַראָוו אַ זאָג געטון קלימען.

אין קיך אויף דער פּאָדלאָגע, פאַר אַ גרויסן בעקן איז געזעסן באַקעטערהייט דיאָמידאָוו, די לינקע האַנט האָט ער געהאַלטן צוגעטוליעט צו דער ברוסט, אונטערהאַלטנדיק זי מיט דער רעכטער. פון זיינע נאַסע האָר איז גערונען וואַסער און ס׳האָט זיך גערדאַכט, אַז ער צעגייט, צעפאַלט זיך. זיין זייער ווייס לייב איז אויסגעשמירט געווען מיט אייטער, באַדעקט מיט בלויע צייכנס, צעריסן פון געשווירן. מיט אַ נישט זיכערן זשעסט פון דער רעכטער האַנט האָט ער אָנגעשעפּט אַ גאָרשטש וואַסער, אַ שפּריץ געטון זיך אויפן פּנים, אויפן געשוואָלענעם אויג; דאָס וואַסער איז אַראָפּגערונען איבער דער ברוסט, נישט אָפּוואַשנדיק פון איר די טונקעלע פלעקן.

— יעדער האָט זיך זיין שטח, — האָט ער געמורמלט. — וועק איינער פון אַנדערן. איך בין נישט קיין שפּילעכל....

— יצחק, — האָט לחלוטין נישט אויפן אָרט זיך דערמאַנט

קלים סאמגין, אָבער ער האָט זיך באַלד פאַרראַכטן: קרבן־פּלייש פאַרן אַכּגאָט.

די קעכין אַנפימיעווגאַ איז געשטאַנען בײַ דער פּליטע, קוקנ־דיק ווי דאָס וואַסער, אַרויסלויפנדיק פון קראַן, פאַרסקעט און שפּריצט אין קעסל אַריין.

— אינגאַנצן צעדולט, דער בחור נעבעך, — האָט זי מיט באַדויערונג געזאָגט, שיקלענדיק אויף דיאָמידאָוון. — פון פּראָסטע מענטשן, נאָר — אַ צאַרטער. מיט קאַפּריז. ער האָט גענומען און אָפּגעגאָסן לידאָטשקען מיט אַ קוואָרט וואַסער...

סאַמגין האָט דערהערט עפּעס אַ מאָדנע קלאַנג, גלייך מאַ־קאַראָוו וואָלט אַ סקריפּע געטון מיט די ציין. אַראָפּגענומען די טוזשורקע, האָט ער פאַרזיכטיק און פלינק, ווי אַ פרוי אַ קינד, אָנגעהויבן וואַשן דיאָמידאָוון, אוועקשטעלנדיק זיך פאַר אים אויף די קניען.

און פּלוצלינג האָט סאַמגין דערפילט, אַז אים האָט אָפּגע־בריט אַ כּעס: אַט דעמדאָזיקן צעשעדיקטן קערפּער וועט לידיאַ אַרומנעמען, אפשר שוין אַרומגענומען? דעם־דאָזיקער געדאַנק האָט אים תּיכף אַרויסגעשטויסן פון קיך. ער איז שנעל אַריבערגעגאַנגען אין וואַרוואַרעס צימער אַריין, גרייטנדיק זיך צו זאָגן לידיען אַ ביסל מוסרנדיקע ווערטער.

לידיאַ איז געזעסן אויפן בעט, האַלטנדיק אַרומגענומען מיט איין האַנט וואַרוואַרען, זי האָט איר געגעבן צו שמעקן עפּעס פון אַ גע־שליפן פלעשעלע, דאָס פייער פון לאָמפּ האָט באַפאַרבט דעם פלאַקאָן מיט פילפאַרביקע קאָלירן.

— וואָס? — האָט זי נעפרעגט.

— ער וואַשט, — האָט טרוקן געענטפערט קלים.

— ס'טוט אים וויי?

— דאַכט זיך — ניין.

— וואַריאַ, — האָט לידיאַ געזאָגט, — איך קאָן נישט טרייסטן. און, בכלל, צי דאַרף מען טרייסטן? איך ווייס נישט...

— גייט אַרויס, סאַמגין, — האָט אַ געשריי געטון וואַרוואַראַ, אַנידערפאַלנדיק מיט דער זייט אויפן בעט.

קלים איז אַוועקגעגאַנגען, נישט זאָגנדיק לידיען קיין וואָרט.

— באַ איר איז אַזאַ אויסגעמאַטערט פּנים. אפשר וועט זי שוין אַצינד... זיך אויסהיילן.

אויף די טומבעס, פעט רויכנדיק, האָבן געברענט פייערן פון אייל-לעמפלעך. סאַמגין האָט געפונען, אַז די אילומינאַציע איז אַ קנאַפּע, אפילו אין פייער איז דאָ עפּעס נישט אַנטשלאָסנס, און דער גערויש פון שטאָט איז נישט גענוג יומטובדיק, בייז, וואָרטשענדיק. אויף טווערסקי בולוואַר האָבן זיך פאַרזאַמלט קליינע גרופּעס מענטשן, אין איינער האָט מען פאַרביסן זיך געאַמפּערט: צי וועט זיין פייערווערק אָדער נישט. עמעצער האָט הייגעטענהט:

— ס'וועט זיין!

אַ הויכער מענטש אין אַ גרויען קאַפּעלוש האָט געזאָגט זיכער און שטרענג:

— דער קייסער וועט נישט דערלויבן קיין שפּאַסן.

און דאָס דריטע קול האָט זיך באַמיט אויסצוגלייכן די חילוקי דעות:

— דאָס פייערווערק האָט מען אָפּגעלייגט אויף מאָרגן.

— דער קייסער...

פון ערגעץ, פון הינטער דיביימער, האָט זיך דערהערט אַ הילכיק געשריי:

— ער טאַנצט דאָך גאָר איצט אין דער אַדל-פאַרזאַמלונג, דער קייסער, דער אימפּעראַטאָר!

אַלע האָבן אַ קוק געטון אַהין, און צוויי האָבן זייער אַנטשלאָסן זיך געלאָזט גיין נאָכן קול און געצוואונגען קלימען אַוועקצוגיין ווייטער.

אויב ס'איז אמת, אַז דער קייסער איז אַוועקגעפאָרן אויף אַ באַל, איז ער, הייסט עס, אַ מענטש מיט כאַראַקטער. אַ דרייסטער מענטש. דיאַמיראָוו איז גערעכט.

ער איז געגאַנגען צום סטראַסטנע פּלאַץ דורכן באַאָס

פון גערעדעריי, מעכאַניש אויפכאַפּנדיק באַזונדערע פראַזן. אַט האָט עמעצער מיט אַ וואוילייגעריש קול אַ געשריי געטון:

— עך, קלער איך, מ׳וועט דאָך נישט אומקומען!

— מסתמא — האָט ער אַרויפגעטרעטן אויף אַ מענטש, קאָן זיין — אויף מאַראַקועון, — האָט געטראַכט קלים. אָבער בכלל האָט זיך אים נישט געטראַכט, ווי ס׳געשעט תמיד, ווען אַ מענטש איז צופיל איבערגעלאָדן מיט איינדרוקן און זייער משא דערדריקט דעם געדאַנק. דערצו איז ער אויך געווען הונגעריק און געוואָלט טרינקען.

באַם פּושקין-דענקמאָל האָט עמעצער גערעדט צו אַ הייפל מענטשן:

— ניין, איר גיט אַ קלער וועגן דער גאַנצער אָרדנונג פון אונזער לעבן. וויאַזוי רעגירט מען מיט אונז, אַ שטייגער?

סאַמגין האָט אַ קוק געטון אויפן אָראַטאָר און לויט דער געקרייזלטער באָרד, לויטן שמייכל אויפן האָריקן פּנים האָט ער דערקענט זיין באַרעדעוודיקן שכן אויף די נאַרעס אין יאַקאָוו פּלאַטאָנאָווס קעלער.

— שטיין איז — אַ נאַר...

אויפן פּלאַץ האָט אים אויסגעמיטן פּאָיאַרקאָוו, וועלכער האָט געשפּרייזט ווי אַ זשוראַוו, סאַמגין האָט אָן חשק אים אַ רוף געטון:

— וווהין גייט איר?

פּאָיאַרקאָוו האָט גענומען גיין אין איין שפּאַן מיט אים, רעדנדיק מיט אַ פלעגמאַטיש קול, נישט הויך:

— פון אינדערפרי אָן גיי איך אַרום, כ׳קוק, כ׳הער. כ׳האָב געפּרוווט דערקלערן. ס׳דערגייט נישט. און ס׳איז דאָך אַזוי פּשוט: גלייך פון פעלד מיט דער גאַנצער מאַסע זיך אַ לאָז טון אויפן ק ר ע מ ל און — פאַרטיק! דאַכט זיך אין ברייסעל האָט דאָס פּובליקום פון טעאַטער, נאָכן זעען דעם „נביא“, זיך אַ לאָז געטון און — באַקומען קאָנסטיטוציע... זיי האָבן געגעבן.

אָפּשטעלנדיק זיך פאַר די טירן פון אַ קליינעם רעסטאָראַן, האָט ער פאָרגעלייגט:

— קומט אַריין אין דאָזיקן „האַפן פון ביטערע הערצער", איך מיט מאַראַקועוון קומען אַהער אָפט...

ווען קלים האָט דערציילט וועגן מאַראַקועוון, האָט פאַיאַרקאָוו אַ זיפץ געטון:

— ס'האָט געקאָנט זיין ערגער. מ'זאָגט, ס'איז אומגעקומען פינף טויזנט. אַ באַטאַליע.

גערעדט האָט פאַיאַרקאָוו געדעמפט, זיין פנים האָט אומנאַטירלעך זיך אויסגעצויגן און סאַמגינען האָט זיך גեדאַכט, אַז ער האָט דאָס ערשטע מאָל היינט באַמערקט אונטער פאַיאַרקאָווס פאַראומערטער, לאַנגער נאָז רויטלעכע וואָנסעס.

— בחינם גאָלט ער די גאָמבע, — האָט אַ קלער געטון קלים.

— די טעג האָט אַ סוחר, באַ וועלכן כ'גיב אַ לעקציע, געזאָגט: „ס'גלוסט זיך בלינצעס צו עסן, און די באַקאַנטע שטאַרבן נישט". כ'פרעג: נאָכוואָס זשע דאַרפט איר, אַז זיי זאָלן שטאַרבן? „וויל בלינצעס, — זאָגט ער, „זענען באַזונדער גוט אויף הזכרה-מאָלצייטן". ער וועט שוין, מסתמא, אַצינד עסן בלינצעס...

קלים האָט געגעסן קאַלט פלייש, פאַרטרינקענדיק מיט ביר, און נישט אויפמערקזאַם הערנדיק פאַיאַרקאָווס פלעגמאַטישע רייד, פאַרטויבטע דורכן טראַקטיר-גערויש, אויפגעכאַפּט באַזונדערע פראַזן. אַ מענטש אין אַ שוואַרצן אָנצוג, אַ בערדיקער און דיקער, האָט געשריגן:

— או סנוצנדיק דאָס פאָלקס-אומגליק, טאָר מען נישט אינם הוי-האַ אויסברענגען קיין פאַלש געלט...

— פיין געזאָגט, — האָט אַ לויב געטון פאַיאַרקאָוו. — רעדן רעדט מען באַ אונז גוט, נאָר מ'לעבט שלעכט. נישט לאַנג האָב איך איבערגעלייענט באַ טאַטיאַנאַ פאַסעק: „גרינג זאָל זיין די ערד די געשטאָרבענע, וואָס האָבן אין לעבן נישט געטון גאַרנישט, נישט קיין גוטס, נישט קיין שלעכטס". ווי געפעלט דאָס אייך?

— מאָדנע, — האָט געענטפערט קלים מיט אַן אָנגעפאַקט מויל.

פאַיאַרקאָוו האָט געשוויגן אַ ווײַלע, אויסגעטרונקען ביר, דערנאָך אַ זאָג געטון, אָפּזיפּצנדיק:

— דאָ — איז עפּעס אַ מין שטילע פאַרצווייפלונג...

באַם טיש איז דערשינען מאַראַקועוו, זײַן באַק פאַרבונדן מיט אַ ווײַס טיכל, פון די געלאָקטע האָר שטאַרט קאָמיש אַרויס אַ קניפּ און צוויי ווײַסע אויערן.

— כ'בין זיכער געווען, אַז דו ביסט דאָ, — האָט ער אַ זאָג געטון צו פאַיאַרקאָוון, זעצנדיק זיך צום טיש.

אָנבייגנדיק זיך איינער צום אַנדערן, האָבן זיי זיך אַ שושקע געטון.

— איך — שטער? — האָט אַ פרעג געטון סאַמגין; פאַיאַרקאָוו האָט זײַטיק אַ קוק געטון אויף אים און אַרויסגעמורמלט:

— נו, וואָס קאָנט איר דען שטערן?

און אַ זיפץ געבנדיק, פאַרגעזעצט:

— איך האָב אים דאָ געזאָגט, אַז די מאַרקסיסטן וועלן אַרויסלאָזן בלעטלעך. און מיר...

מאַראַקועוו האָט איבערגעשלאָגן זײַנע וואָרטשענדיקע רייד:

— איר, סאַמגין, קענט גוט ליוטאָוון? אַן אינטערעסאַנטער טיפּ. און דער דיאַקאָן אויכעט. אָבער — ווי חייהש זיי טרינקען. איך בין ביז פינף אַ זייגער אײַנאָוונט געשלאָפן, און דערנאָך האָבן זיי מיך אויפגעשטעלט אויף די פיס און גענומען אָנפּאָמפּעווען! כ'בין קוים אַנטלאָפן און אָט בלאָנקע איך זיך אַלץ אַרום איבער מאָסקווע. צוויי מאָל בין איך אַהער אַרײַנגעגאַנגען...

ער האָט זיך פאַרהוסט, אויסגעקרומט דאָס מויל, האַלטנדיק זיך פאַר דער זײַט.

— שטויב האָב איך זיך אָנגעשלונגען, — אויפן גאַנצן לעבן, — האָט ער געזאָגט.

להיפּוך צו פאַיאַרקאָוון איז דערדאָזיקער געשטימט געווען הייטער און פּלוידערדיק. אומקוקנדיק זיך, ווי אַ מענטש, וואָס האָט נאָר-וואָס אויפגעוואַכט און וואָס פאַרשטייט נאָך נישט — וואו ער איז, האָט מאַראַקועוו אַרויסגעכאַפּט פון די טראַקטיר-שמועסן באַזונ-

דערע פראַזן, ווערטלעך, און שפּאַסיש אָדער פּאַרטראַכט, דערציילט
אויף דער אויפגעכאַפּטער טעמאַ עפּעס אַנעקדאָטיש. ער איז גע-
ווען אַ ביסעלע בגילופין, אָבער קלים האָט פאַרשטאַנען, אַז בלויז
דערמיט קאָן מען נישט דערקלערן זיין אומגעוויינלעכע און אפילו
אַ ביסל שרעקנדיקע שטימונג.

— אויב ער איז צופרידן דערפון, וואָס ער איז געבליבן
לעבן, — פרייט ער זיך אומגעלומפּערט... אפשר רעדט ער צו-
ליב דעם, אַז ער זאָל נישט קלערן?

— ס׳איז דאָ דומפּיק, ברידער, קומט אַרויס אויף דער
גאַס, — האָט פאַרגעלייגט מאַראַקועוו.

— איך גיי אַהיים, — האָט פאַראומערט געזאָגט פּאַ׳יאַר-
קאָוו. — פאַר מיר איז שוין גענוג.

קלימען האָט זיך נישט געגלוסט צו גיין שלאָפן, אָבער ער
וואָלט געוואָלט אַריבערגיין פון מרהשחורהדיקן האַרמידער פון
היינטיקן טאָג אין אַ געביט פון אַנדערע איינדרוקן. ער האָט פאַר-
געלייגט מאַראַקועוון צו פאָרן אויף די וואָראָביעווער בערג.
מאַראַקועוו האָט שווייגנד אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ.

— און, ווייסט איר, — האָט ער געזאָגט, אַריינזעצנדיק זיך אין
דער דראָזשקע, — דאָס רוב דערשטיקטע, צעטרעטענע פון דעם,
אַזוי אָנגערופענעם, ריינעם פובליקום... זענען שטאָטישע און —
יונגוואַרג. יאָ. מיר האָט דאָס איין פּאָליציי-אַרצט געזאָגט, אַ קרוב
מיינער. די קאָלעגן, די מעדיקער, זאָגן אויך דאָס אייגענע. און
איך האָב אַליין אויך געזען. אין קאַמף פאַרן לעבן זענען מנצח
יענע, וואָס זענען פּראָסטער. וואָס זייערע האַנדלונגען זענען
אינסטינקטיווע...

ער האָט נאָך עפּעס געמורמלט, וואָס ס׳איז שלעכט געהערט
געוואָרן דורכן קנאַקן און ציטערן פון דעם אַלטן, צעשרויפטן
עקיפּאַזש. ער האָט געהוסט, געשנייצט די נאָז, אָוועקדרייענדיק
דאָס פּנים אין אַ זייט, און ווען זיי זענען אַרויסגעפאָרן הינטער
דער שטאָט, האָט ער פאַרגעלייגט:

— לאָמיר גיין צופוס.

פאַרויס, אויף די שוואַרצע בערג, האָבן געפינקלט צייגהאָפּ-

טיקע פייערן פון די טראַקטירן, פונהינטן, איבער דער שטאָט־מאַסע צעלייגט איבער דער אומגעזעענער ערד, האָט זיך געוויגט אַ ראָזגעלער פלאַם. קלים האָט פלוצלינג זיך דערמאַנט, אַז ער האָט נישט דערציילט פּאַיאַרקאָון וועגן פעטער כריסאַנף און דיאָמידאָוון, דאָס האָט אים שטאַרק צעמישט: וויאַזוי האָט ער געקאָנט פאַרגעסן? אָבער ער האָט באַלד אַ קלער געטון, אַז אָט פרעגט מאַראַקועוו אויך נישט וועגן כריסאַנפן, הגם ער האָט אַליין געזאָגט, אַז ער האָט אים געזעען אין דעם המון. זוכנדיק אַ ווײַלע מער ווירקנדיקע ווערטער און נישט געפינענדיק זיי, האָט סאַמגין געזאָגט:

— דער פעטער כריסאַנף איז צעקוועטשט געוואָרן, און דיאָמידאָוו איז צעמזיקט און, דאַכט זיך, שוין אינגאַנצן משוגע געוואָרן.

— ניין! — האָט שטיל אויסגעשריגן מאַראַקועוו, ער איז געבליבן שטיין און עטלעכע סעקונדעס שווײַגנדיק געקוקט אין קלימס פנים אַרײַן, שרעקיק פינטלענדיק מיט די אויגן:

— צום — צום טויט?

קלים האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ, דעמאָלט איז מאַראַקועוו אַראָפּגעגאַנגען פון וועג אין דער זײַט, אָפּשטעלנדיק זיך אונטער אַ בוים, האָט ער זיך צוגעטוליעט צו זײַן שטאַם און געזאָגט:

— כ׳וועל נישט גיין.

— ס׳איז אײַך נישט גוט? — האָט קלים אַ פרעג געטון.

— וואונדערט זיך נישט. לאַכט נישט, — האָט דערשלאָגן און שטיקנדיק זיך געענטפערט פּיאָטר מאַראַקועוו. — די נערוון, פאַרשטייט איר. איך האָב אַזוי פיל געזעען... ס׳איז אומדערקלערבאַר! סאַראַ ציניזם, סאַראַ נידערטרעכטיקייט...

קלימען האָט זיך געדאַכט, אַז באַם פרײַלעכן סטודענט בייגן זיך די פיס, ער האָט אים אונטערגעהאַלטן אונטער עלנבויגן, און מאַראַקועוו האָט מיט אַ האַסטיקער באַוועגונג פון דער האַנט אַראָפּגעריסן דאָס טיכל פון פנים און אָנגעהויבן דערמיט אָפּווישן דעם שטערן, די שלייפן, די באַק, שטאָמפּערן זיך אין די אויגן אַרײַן.

— דער טייוול, — זיי זענען דאָך ביידע קינדער, — האָט ער אויסגעשריגן.

— ער וויינט. ער וויינט, — האָט קלים איבערגעחזרט פאַר זיך אַליין. דאָס איז געווען אומדערוואַרט, אומפאַרשטענדלעך און ס'האָט אים פאַרוואונדערט ביז שטומקייט. אַזאַ התלהבותדיקער שרייער, אומדערמידלעכער דיספּוטאַנט און בריה צו לאַכן, אַ פעסטער שיי-נער בחור, ענלעך צו אַ וואוילליינגערישן, דאָרפישן האַרמאָניסט, בליפעט ווי אַ פרוי באַ אַ ראָוו אויפן וועג, אונטער אַ קריפּלהאַפטן בוים, פאַר די אויגן פון די אומענדלעך גייענדיקע שוואַרצע מענטשן מיט פאַפּיראָסן אין די ציין. איינער אַ האָריק-פאַרוואַקסענער, אָפּ-שטעלנדיק זיך אויף אַ רגע צוליב אַ קליינער באַדערפעניש, האָט זיך צוגעקוקט צו מאַראַקועוון און פריילעך אויסגעשריגן:

— ער האָט אַריינגעכאַפּט, דער סטודענט, האַרבס ביז טרערן עך, כ'וואָלט אויך באַדאַרפט אַזוי פיל...

— איך ווייס, אַז צו קלאָגן איז קאָמיש, — האָט געמורמלט מאַראַקועוו.

נישט ווייט האָט אַ ווירבל-אַרויף געטון, צישענדיק, אַ ראַ-קעט און מיט אַ טראַסק געפּלאַצט, פאַרטויבנדיק דעם התלהבות-דיקן הוראַ פון די קינדער. דערנאָך האָט אויפגעפלאַקערט בענגאַ-ליש פייער, זיינע אָפּשיינען האָבן זיך צעפלאָסן, מאַקאַרועווס פּנים האָט זיך באַפאַרבט מיט אַן אומנאַטירלעך ווייסן, קוועקזילבערנעם קאָליר, איז געוואָרן טויט גרין און לסוף צונטער-רויט, גלייך מ'וואָלט דערפון אָפּגעשינדן די הויט.

— ס'איז קאָמיש, פאַרשטייט זיך, — האָט ער איבערגעחזרט, אָפּווישנדיק די באַקן מיט שנעלע באַוועגונגען פון אַ האַנט. — און דאָ, זעט איר, איז אַן אילומינאַציע, קינדער פרייען זיך. קיינער פאַרשטייט נישט, קיינער פאַרשטייט נישט גאָרנישט...

דער קוטשמעוואַטער פאַרשוין האָט זיך אַוועקגעשטעלט לעבן קלימען און אַ ווונק געטון צו אים.

— ניין, זיי פאַרשטייען אויסגעצייכנט, אַז דאָס פאָלק — איז אַ שוטה, — האָט ער אַ זאָג געטון נישט הויך, שמייכלענדיק אין

ווער קלימען באַקאַנטער געקרייזלטער באָרד אריין. — זיי זענען באַ אונז אַפּטייקערס, קענען מיט שיע-פּיע היילן.

מאַראַקועוו האָט אַ שפּריין געטון צו אים אַזוי שנעל, גלייך ער וואָלט געוואָלט אַ קלאַפּ טון.

— זיי היילן? וועמען? — האָט ער גענומען הויך רעדן, אַזיווי אין פּעטער כריסאַנפס עסצימער, און שוין אין אַ צוויי, דריי מינוט האָבן אים אַרומגערינגלט אַ מאַן זעקס טונקעלע מענטשן. זיי זענען געשטאַנען שווייגנדיק און האָבן מעכאַניש איינאַרטיק געדרייט די קעפּ דאָ אַהין, וואו פּייערדיקע ווירבל-ווינטן האָבן געצוואונגען די טראַקטירן אונטערצושפּרינגען און אַראָפּפאַלן, צו דערשיינען און פאַרשווינדן, דאָ קוקנדיק מאַראַקועוון אין מויל אַריין.

— ער רעדט דרייסט, — האָט באַמערקט עמעצער הינטער קלימס פּלייצע, אַ צווייטע שטימע האָט גלייכגילטיק אַרויסגערעדט:

— אַ סטודענט, וואָס שאַדט אים? קום.

קלים סאַמגין איז אַוועקגעגאַנגען, פאַרשטייענדיק, אַז ווער ס'איז פון מאַראַקועווס צוהערער קאָן אים אַ כאַפּ טון פאַרן קאָלנער און אָפּפירן אין פּאָליציי.

סאַמגין האָט זיך דערפילט געשטאַרקט. אין מאַראַקועווס טרערן איז געווען עפּעס, וואָס האָט אים טיף באַפרידיקט, ער האָט געזען, אַז דאָס זענען עכטע טרערן און זיי קלערן גוט אויף די נידערגעשלאָגנקייט באַ פּאָיאַרקאָוון, וועלכער האָט אַנגעוואוירן זייַנע פינקטלעך אָנגעהאַקטע און פעסטע פראַזן, דאָס פאַרוואונדערטע און שולדיקע פּנים באַ לידיען, וועלכע האָט פאַרדעקט מיט די הענט די גרימאַסע פון עקל, מאַקאַראָווס סקריפּען מיט די ציין. קלים האָט שוין נישט געצווייפלט, אַז מאַקאַראָוו האָט געסקריפּעט מיט די ציין, האָט געמוזט סקריפּען.

דאָס אַלץ, וואָס איז ראַפּטום דורך די מענטשן אַנטפּלעקט געוואָרן, טראָץ זייער ווילן — איז געווען וואָרהאַפטער אמת, און וויסן אים איז פונקט אַזוי נוצלעך, ווי ס'איז נוצלעך געווען צו זען דעם נאַקעטן, צעמאַזיקטן און ברודיקן קערפּער דיאַמידאָווס.

קלים איז שנעל געגאַנגען צוריק אין שטאָט אַריין, אים האָבן צאַפּליגלט און אונטערגעשטויסן האָפּערדיקע מחשבות:

— איך בין שטאַרקער, איך וועל מיר נישט דערלויבן צו וויינען אינמיטן וועג... און בכלל — וויינען. איך וועל נישט וויינען, וואָרים איך בין נישט מסוגל צו באַגוואַלטיקן זיך. זיי סקריפּען מיט די ציין, ווייל זיי באַגוואַלטיקן זיך. טאַקע דערפאַר מאַכן זיי די גרימאַסן. דאָס זענען זיי זייער שוואַכע מענטשן. אין אַלע און אין יעדן איז פאַרבאָרגן ניעכאַיעווישס... ניעכאַיעוויאַדע, דאָס איז עס!

דער פלאַם איבער מאָסקווע האָט באַלויכטן די גאָלדענע שפּיצן פון די צערקוועס, זיי האָבן געבלישטשעט פּונקט ווי די העלמען בײַ די גלייכגילטיקע זעלנער פון דער פייערלעשער-קאָמאַנדע. די הייזער זענען ענלעך צו ברילעס ערד, צעאַקערטע דורך אַ ריזיק אַקעראייזן, וואָס, אויסשניידנדיק אין דער ערד טיפע בראָזדעס, האָט עס אַנטפּלעקט אין איר דאָס פייער-גאָלד. סאַמגין האָט געשפּירט, אַז אויך אין אים אַרבעט גראָדליניק אַן ערלעך אַקעראייזן, צעאַקערנדיק די טונקעלע קשיות און אומרויִקייטן. אַ מענטש מיט אַ שטעקן אין דער האַנט האָט אים אַ שטויס געטון און אויסגעשריגן:

— בלינד געוואָרן? איר גייט, טייוולאָנים...

דער שטויס און דער אויסגעשריי האָט נישט דערשראָקן, נישט צעפּלאָנטערט דעם האָפּערדיקן געדאַנקען-גאַנג בײַ סאַמגינען.

— מאַראַקועוו וועט אוודאי זיך באַפרייַנדן מיטן געקרייזלטן אַרבעטער. ווי נאַריש איז עס צו טרוימען וועגן רעוואָלוציע אין אַ לאַנד, וואו טויזנטער מענטשן דערקוועטשן איינער דעם אַנדערן אין קאַמף פאַר אָנקריגן אַ פעקעלע וואָלוועלע קאָנפעקטן און קיכעלעך. זעלבסטמערדער.

דאָסדאָזיקע וואָרט האָט פולקאָם באַפרידיקענד דערקלערט סאַמגינען די קאַטאַסטראָפע, וועגן וועלכער ס'האָט זיך נישט געגלוסט צו קלערן.

— האָבן צעקוועטשט און — קלייבן נחת פון די פאַלשפייערס, פון די פאַלשע פייערן. מאַקאַראָוו — איז גערעכט: מענטשן,

דאָס איז פּיש־רויִג. פאַרוואָס האָב איך דאָס נישט געזאָגט, נאָר — ער?... אויך דיאָמידאָוו איז גערעכט, כאָטש ער איז אַ נאַר: די מענטשן דאַרפן זיך אָפּזונדערן, אַזוי זענען זיי אָנזעעוודיקער און פאַרשטענדלעכער איינער דעם אַנדערן. און יעדער דאַרף האָבן אַן אָרט פאַר אַ צוויי־קאַמף. איינער אויף איינעם זענען די מענטשן גינסטיק־באַזיגבאַרער...

סאַמגינען איז געפעלן געוואָרן דאָס וואָרט, ער האָט מיט אַ האַלב קול עס איבערגעחזרט:

— גינסטיקבאַזיגבאַרער... יאָ!

אין זכרון איז אויף אַ רגע אויפגעקומען אַן אומאָנגענעם בילד: אַ קיך, אַ שכורער פישער אינדערמיט קיך אויף די קני אויף דער פאָדלאָגע, אין אַלע זייטן, קריכן בלינד און זיגלאָז ראַקעס, דער קלייניקער קלים האָט דערשראָקן זיך צוגעטוליעט צו דער וואַנט.

— ראַקעס, דאָס זענען — די ליוטאָווס, די דיאַקאָנען און בכלל אומנאָרמאַלע מענטשן... די טוראָבאָיעווס, אינאָקאָווס. אויף זיי וואַרט געוויס דער גורל פון דעם אונטערערדישן פאַרשוין יאַקאָוו פּלאַטאָנאָוויטש. זיי דאַרפן טאַקע אומקומען... ווי אַזוי זשע דען?

סאַמגין האָט דערפילט, אַז די מענטשן פון דאָזיקן טיפּ זענען אים היינט באַזונדער פיינדלעך. מיט זיי דאַרף מען פאַרענדיקן. איטלעכער פון זיי פאָדערט אַ באַזונדערע אָפּשאַצונג, איטלעכער טראָגט אין זיך עפּעס משוגעדיקס, אומקלאָרס. פּונקט ווי סענקעוואַטע האָלץ־שייטן האָבן זיי זיך נישט איינגעלייגט אַזוי האַרט איינס צום אַנדערן, ווי ס'איז נייטיק דערצו, אַז מ'זאָל קאָנען זיך שטעלן העכער פון זיי. יאָ, מ'באַדאַרף זיי אַרויפציִען אויף איין, עפּעס אַזאַ זייער פעסטן פאָדעם. דאָס איז פּונקט אַזוי נייטיק, ווי וויסן די גענג פון איטלעכער פיגור אין שאַך־שפּיל. פון דאָזיקן פּונקט האָבן סאַמגינס רעיונות זיך געגליטשט אין דער „קוטוזאָווטשינע". ער האָט גענומען גיין גיכער, דערמאָנענדיק זיך, אַז נישט דאָס ערשטע מאָל, טראַכט ער וועגן דעם, אפילו תמיד קלערט ער טאַקע בלויז וועגן דעם.

— דידאָזיקע צעשויבערטע, אויסגעלענקטע מענטשן לעבן גענוג באַקוועם אין זייערע פעלן... אין זייערע ראָלעס. איך האָב אויך רעכט אויף אַ באַקוועם אָרט אין לעבן... — האָט געטראַכט סאַמגין און זיך געפילט באַנייט, געקרעפטיקט, אומאָפּהענגיק.

מיטן דאָזיקן געפיל פון אומאָפּהענגיקייט און פעסטקייט איז ער צומאָרגנס אין אָוונט געזעסן אין לידיעס צימער, דערציילנדיק איר מיט אַ טאָן פון לייכטער איראָניע וועגן אַלעם, וואָס ער האָט געזען באַנאַכט. לידיאַ איז געווען נישט געזונט, ס'האָט זי געפּיבערט, פּערעלעך שווייס האָבן געבלישטשעט אויף די ברוינלעכע שלייפן, אָבער זי האָט פונדעסטוועגן זיך שטאַרק אַרומגעהילט מיט דער פוכיקער, פּענזענער שאַל, אַרומנעמענדיק זיך בײַ די אַקסלען. אירע טונקעלע אויגן האָבן געקוקט פאַרבליפט, מיט פּחד. פון צייט-צו-צייט און אַזוי ווי איבערגעוואַלט האָט זי אַוועקגעפירט דעם בליק אויף איר בעט, דאָרטן איז מיט דער ברוסט אַרויף געלעגן דיאָמידאָוו, הויך אויפגעהויבן די ברעמען, קוקנדיק אין סופיט אַריין. די געזונטע האַנט זיינע איז פאַרוואָרפן אונטערן קאָפּ און די פינגער קלייבן פיבערהאַפט איבער דעם קראַנץ פון די גאָלדיקע האָר. ער האָט געשוויגן, נאָר זיין מויל איז געווען אָפן און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז זיין צעהוירעגט פּנים האָט געשריגן. אויף אים איז אַ ברייט נאַכט-העמד, די אַרבל דערפון זענען פאַרשאַרצט אויף די אַקסלען, ממש צעקנייטשטע פליגל, דער נישט פאַרקנעפּלטער קאָלנער אַנטבלויזט די ברוסט. אין זיין קערפּער איז געווען עפּעס קאַלטס, פישהאַפטיקס, די טיפע וואונד אויפן האַלז האָט געמאַכט דערמאָנען אָן פיש-אויערן.

ס'איז אַריינגעקומען וואַרוואַראַ, אַ נישט צוגעקעמטע, אין נאַכט-לאַטשן, אין אַ צעקנאָדערטער בלוזע; פאַראומערט פינקלענדיק מיט די אויגן, האָט זי אַ מינוט, צוויי געהערט קלימס דערציילונג, איז פאַרשוואונדן און אויפסניי דערשינען.

— איך ווייס נישט וואָס צו טון, — האָט זי געזאָגט, — ס'וועט מיר נישט קלעקן קיין געלט אויף דער לוויה...

דיאָמידאָוו האָט אונטערגעהויבן דעם קאָפּ, אַ פרעג געטון, מיט אַ פייף:

— איך שטאַרב דען?

און אַ געשריי געטון, פּאַכענדיק מיט דער האַנט:

— איך שטאַרב נישט! גייט אַוועק... גייט אַוועק אַלע!

וואַרוואַרא און קלים זענען אַרויסגעגאַנגען, לידיאַ איז פאַר־בליבן, באַמיענדיק זיך צו באַרויקן דעם קראַנקן, פון עסצימער האָט מען געהערט זיינע געשרייען:

— פירט מיך אַוועק אין שפּיטאָל אַריין...

— איך גלייב נישט, אַז ער איז אַראָפּ פון זינען, — האָט הויך געזאָגט וואַרוואַרא. — כ'האָב אים נישט ליב און גלייב נישט...

ס'איז אַריינגעקומען לידיאַ, האַלטנדיק זיך מיט די הענט בּאַ די שלייפן, שווייגנדיק זיך אַוועקגעזעצט באַם פענצטער. קלים האָט געפרעגט: וואָס האָט געפונען דער דאָקטאָר? לידיאַ האָט אויף אים אַ קוק געטון מיט אַ נישט פאַרשטייענדיקן בליק; פון די בלויע שאָטנס אין די אויגנלעכער זענען אירע אויגן העלער געוואָרן. קלים האָט איבערגעחזרט די פראַגע.

— ס'זענען צעריבן די ריפּן. אויסגעלענקט אַ האַנט. אָבער — דער עיקר — די נערוון־דערשיטערונג... ער האָט אַ גאַנצע נאַכט גערעדט פון וועג: צעקוועטשט מיך נישט! געפּאָדערט, אַז מען זאָל צעטרייבן די מענטשן ווייטער איינער פון אַנדערן. ניין, זאָג — וואָס־זשע איז דאָס?

— אַ צודרינגלעכע אידעע, — האָט געזאָגט קלים.

דאָס מיידל האָט ווידער אַ קוק געטון אויף אים נישט פאַר־שטייענדיק, דערנאָך געזאָגט:

— איך מיין נישט דאָס. נישט וועגן אים. איבעריקנס, כ'ווייס נישט, וועגן וואָס איך רעד.

— ער איז פריער אויך געווען אומנאָרמאַל, — האָט האַרט־נעקיק באַמערקט סאַמגין.

— וואָס איז דאָ נאָרמאַל? וואָס אַט צעקוועטשן מענטשן איינער דעם אַנדערן, און דערנאָך שפּילט מען אויף אַ האַרמאָ־ניקע? לעבן אונז האָט מען ביז איינדערפרי געשפּילט אויף אַ האַר־מאָניקע.

ס'איז אַריינגעקומען מאַקאַראָוו, באַהאָנגען מיט פּאַקעטן, פון אונטערן שטערן אָפּער האָט ער אַ קוק געטון אויף לידיען:

— איר זענט געשלאָפן?

נישט קיין קוק טועגדיק אויף אים, נישט ענטפערנדיק, האָט זי פאַרגעזעצט מיט אַ נידעריקער שטימע:

— נאָרמאַל, דאָס איז — ווען ס'איז רויק, יאָ? אָבער ס'לעבן חערט דאָך אַלץ אומרויקער.

— אַ נאָרמאַלער אָרגאַניזם פאָדערט צו באַזייטיקן אומגע־זונטע און אומאָנגענעמע דענערווירונגען, — האָט בייז אַ וואָרטשע געטון מאַקאַראָוו, צעבינדנדיק די פּאַקעטן מיט די באַנדאַזשן, וואַטע. — דאָס איז — אַ ביאָלאָגיש געזעץ. און מיר נעמען אויף אויס לאַנג־ווייליקייט, אויס ליידיקגייעריי די אומגעזונטע דענערווירונגען, ווי יום־טובים. אין דעם, וואָס מאַנכע האַלבע אידיאָטן....

לידיאַ איז אויפגעשפּרונגען, פאַרשטיקט אויסשרייענדיק:

— איר זאָלט נישט וואַגן אַזוי צו רעדן אין מיין אָנ־וועזנהייט!

— און אין אייער אָפּוועזנהייט — מעג מען?

זי איז אַרויסגעלאָפן אין וואַרוואַרעס צימער אַריין.

— אַ נייגונג צו היסטעריע, — האָט נאָך אַ בורטשע גע־טון מאַקאַראָוו הינטער איר. — קלים, קום־צו, העלף מיר אַרויפ־לייגן אַ קאָמפּרעס.

דיאָמידאָוו האָט זיך געדרייט אונטער זייערע הענט שווייגנד, אומטערטעניק, אָבער סאַמגין האָט באַמערקט, אַז דעם קראַנקנס לערע אויגן ווילן נישט זעען מאַקאַראָווס פּנים. און ווען מאַקאַ־ראָוו האָט אים פאַרגעלייגט אויסצוטרינקען אַ לעפל בראָם, האָט דיאָמידאָוו זיך אָפּגעקערט מיטן פּנים צו דער וואַנט.

— כ'וויל נישט. גייט אַוועק.

מאַקאַראָוו האָט איינגערעדט אָן חשק, קוקנדיק אין פענצטער אַריין, נישט באַמערקנדיק, אַז די פליסיקייט טריפט־אַראָפּ פון לעפל אויף דיאָמידאָווס אַקסל. דעמאָלט האָט דיאָמידאָוו אונטערגעהויבן דעם קאָפּ און געפרעגט, אויסקרומענדיק דאָס געשוואָלענע פּנים:

— פאַרוואָס מאַטערט איר מיך ?

— מ׳דאַרף אויסטרינקען, — האָט גלייכגילטיק אַ זאָג געטאָן מאַקאַראָוו.

אין דעם קראַנקנס אויגן האָבן אויפגעשימערט בלויע פינ־קעלעך. ער האָט איינגענומען די מיקסטורע און אויסגעשפּיגן אויף דער וואַנט אַרויף.

מאַקאַראָוו איז געבליבן שטיין איבער אים אַן ערך אַ מינוט, לגמרי נישט ענלעך צו זיך, אויפגעהויבן די אַקסלען, איינגעהוי־קערט, קנאַקענדיק מיט די פינגער פון די הענט, דערנאָך האָט ער אָפּגעזיפצט און אַ בעט געטון קלימען :

— זאָג לידיען, אַז באַנאַכט וועל איך דיזשורירן...

ער איז אַוועקגעגאַנגען. דיאָמידאָוו איז געלעגן, פאַרמאַכט די אויגן, אָבער זיין מויל איז געווען אָפן און דאָס פּנים האָט אויפסניי קלאַנגלאָז געשריגן. מ׳האָט געקאָנט מיינען : ער האָט אויפגעעפנט דאָס מויל אומישנע, וואָרים ער ווייסט : דערפון ווערט דאָס פּנים אָפּגעשטאָרבן און אומהיימלעך. אויף דער גאַס האָבן באַטויבנד געטראַסקעט פויקן, אַ ריטמיש טופּען פון הונדערטער וועלנערישע פיס האָט געטרייסלט די ערד. היסטעריש האָט גע־בילט אַ דערשראָקענער הונט. אין צימער איז געווען אומהיימלעך, נישט צוגערוימט און שטיקנד פונם ריח פון ספּירט. אויף לידיעס בעט ליגט אַ האַלבער אידיאָט.

— ער איז אפשר געזונטערהייט אויך דאָ געלעגן...

קלים האָט אויפגעציטערט, פאָרשטעלנדיק זיך לידיעס קער־פּער אין דידאָזיקע קאַלטע, אויסטערלישע ווייסע הענט. ער איז אויפגעשטאַנען און האָט אָנגעהויבן אַרומגיין איבערן צימער, אומ־געקווילט טופּענדיק. ער האָט גענומען נאָך שטאַרקער טופּען, דער־וועגנדיק, אַז דיאָמידאָוו האָט אויסגעדרייט צו אים זיין בלווילעכע נאָז און געעפנט די אויגן, זאָגנדיק :

— איך וויל נישט, אַז ער זאָל דיזשורירן, זאָל לידיאַ... איך האָב אים נישט ליב...

קלים סאַמגין איז צוגעגאַנגען צו אים און אויסציענדיק דעם האַלז, דראָענדיק מיט דער פויסט, שטילערהייט אַ זאָג געטון :

— שווייג, דו, צעחושטע לויז!...

— קלים האָט דאָס ערשטע מאָל אין לעבן איבערגעלעבט אַ באַרוישנדיקן תענוג פון כעס. ער האָט הנאה געהאַט פון דיאָ־מידאָווס דערשראָקן פנים, פון זיינע אויסגעשטעלטע אויגן און פון דעם ציטערן פון דער האַנט, וועלכע האָט געשלעפט פון אונטערן קאָפּ אַפער דאָס קישן, אין דער צייט, וואָס דער קאָפּ האָט דאָס אַלץ שטאַרקער צוגעקוועטשט.

— שווייג! הערסט? — האָט ער איבערגעחזרט און אַרויס־געגאַנגען.

לידיאַ איז געזעסן אין עסצימער אויף דער סאָפע, האַלטנ־דיק אין די הענט אַ צייטונג, אָבער קוקנדיק איבער איר אויף דער פּאָדלאָגע.

— וואָס טוט ער?

— ער רעדט פון וועג, — האָט המצאהדיק אַ זאָג געטון קלים. — ער האָט מורא פאַר עמעצן; ער פּלוידערט וועגן לייז, וואַנצן...

אָנגעשראָקן כאָטש אפילו אַ נעבעכדיקן, אָבער דאָך אַ מענטש, האָט סאַמגין זיך דערפילט שטאַרק. ער האָט זיך אַנידערגעזעצט לעבן לידיען און דרייסט גענומען רעדן:

— לידיאַ, טייבעלע, דאָס אַלץ דאַרף מען אַוועקוואַרפן, דאָס אַלץ איז אויסגעטראַכט, נישט נייטיק און וועט פון דיר אַ תל מאַכן.

— ש־ש, — האָט זי אַרויסגעפּליסטערט, אויפהייבנדיק די האַנט, אומרויִק קוקנדיק אויף די טירן, און ער, אַראָפּלאָזנדיק די שטימע, קוקנדיק אין איר פאַרמאַטערט פּנים אַריין, האָט פאַרגעזעצט:

— גיי אַוועק פון די קראַנקע, טעאַטראַלע, קאַליעדיקע מענטשן צום איינפאַכן לעבן, צו איינפאַכער ליבע...

ער האָט גערעדט לאַנג און נישט גאָר קלאָר פאַרשטייענ־דיק, וואָס ער רעדט. לויט לידיעס אויגן האָט קלים געזען, אַז זי הערט אים צוטרויליך און אויפמערקזאַם. זי האָט אפילו אַזוי ווי נישט ווילנדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ, אויף אירע באַקן האָט

זיך געצונדן און געלאָשן אַ ראַזקייט. טיילמאָל האָט זי שולדיק אַראָפּגעלאָזט די אויגן און דאָס אַלץ האָט פאַרשטאַרקט זיין דרייסטקייט.

— יאָ, יאָ, — האָט זי אַרויסגעפּליסטערט. — אָבער שטי־לער! ער האָט מיר אויסגעוויזן אַזוי — אומגעוויינלעך. נאָר נעכטן, אין שמוץ... און איך האָב נישט געוואוסט, אַז ער איז — אַ פּחדן. ער איז דאָך אַ פּחדן. איך האָב אויף אים רחמנות, אָבער. . . דאָס איז נישט יענץ. פּלוצלינג — נישט יענץ. איך שעם זיך זייער. איך בין געוויס שולדיק... איך ווייס!

זי האָט נישט אַנטשלאָסן אַרויפגעלייגט די האַנט אים אויפן אַקסל:

— איך בין זיך כּסדר טועה. אָט ביסטו אויך נישט אַזאַ, ווי איך בין געוואוינט צו טראַכטן...

קלים האָט אַ פּרוּוו געטון אַרומצונעמען זי, אָבער זי האָט זיך אָוועקגעדרייט, איז אויפגעשטאַנען און, אַוועקשליידערנדיק די צייטונג מיטן פוס, צוגעגאַנגען צו דער טיר פון וואַרוואַרעס צי־מער, זיך צוגעהערט.

פון דרויסן איז אין אָפענעם פענצטער אַריין צודרינגלעך נעקראָכן דאָס פייפן פון אַ קאַטערינקע. ס'איז אַריינגעפלויגן עמעצנס קנאהדיק און ליצנותדיק געשריי:

— עך, וועלן פאַרדינען די טרומנע־מאַכערס אַ פיינע אַפּותיקה!

— שלאָפט, ווייזט אויס, — האָט שטיל געזאָגט לידיאַ, אַוועקגייענדיק פון דער טיר.

קלים האָט אָנגעהויבן רעדן געשעפטסלעך וועגן דעם, אַז דיאַמידאָוון דאַרף מען אַוועקפירן אין שפּיטאָל אַריין.

— און דו, לידיאַ, דאַרפסט אַוועקוואַרפן די שולע. סיי־ווי־סיי לערנסטו זיך דאָך נישט. גיי בעסער אויף קורסן. אונז זענען נייטיק נישט קיין אַקטיאָרן, נאָר געבילדעטע מענטשן. דו זעסט אין סאַראַ ווילד לאַנד מיר לעבן.

און ער האָט אָנגעוויזן מיט דער האַנט אויפן פענצטער, הינ־טער וועלכן די קאַטערינקע האָט פויל געגריייניצט אַ ניי ליד.

לידיאַ האָט פאַרטראַכטערהייט געשוויגן. געזעגנענדיק זיך מיט איר, האָט סאַמגין געזאָגט:

— דו געדענק פונדעסטוועגן, אַז איך האָב דיך ליב. דאָס לייגט נישט אַרויף אויף דיר קיין שום התחייבותן, נאָר דאָס איז טיף און ערנסט.

קלים סאַמגין האָט געשפּרייזט איבער דער גאַס מונטער און נישט אָפּגעטרעטן דעם וועג די אַקעגנגעקומענע מענטשן. טיילמאָל האָבן זיין היטל אָנגערירט די שטיקער פון דרייפאַרביקן פאָנען-שטאָף. איבעראַל האָבן יומטובדיק געטומלט די מענטשן, גליקלעך געוווינטע צו פאַרגעסן שנעל די אומגליקן פון זייערע נאָענטע. סאַמגין האָט געוואָרפן בליקן אויף זייערע באַלעבטע, שיינענדיקע פנימער, יומטובדיקע מלבושים און זיך פאַרפעסטיקט אין זיין פאַראַכטונג צו זיי.

— אין דיאַמידאָווס בהמהשער מורא פאַר מענטשן איז דאָ עפּעס ריכטיקס...

אין אַ ליידיק און שמאָל געסל האָט קלים אַ קלער געטון, אַז מיט לידיען און פּרייס אָנשוויונגען וואָלט מען געקאָנט לעבן זייער רויק און פּשוט.

אָבער אין אַ געוויסער צייט אַרום האָט פּרייס דערציילט קלימען וועגן דער מרידה פון די וועבערס אין פּעטערבורג, דער-ציילט מיט אַזאַ גדלות, גלייך ער אַליין וואָלט אָרגאַניזירט דידאָ-זיקע מרידה און מיט אַזאַ התלהבות, ווי ער וואָלט גערעדט וועגן זיין פּערזענלעכן גליק.

— איר האָט עפּעס געהערט וועגן „קאַמפּס-פאַרבאַנד"? דאָס איז טאַקע זיין אַרבעט. ס'הייבט זיך אָן אַ נייע ערא, סאַמגין, איר וועט זעען!

און ליבלעך אַריינקוקנדיק מיט די סאַמעטענע אויגן אין פּנים אַריין, האָט ער געפרעגט:

— און איר שטודירט נאָך אַלץ די לענג פון די וועגן צום ציל, יאָ? גלייבט זשע אַלזאָ: דער וועג, מיט וועלכן ס'גייט דער אַרבעטער-קלאַס — איז דער קירצסטער. שווערער, אָבער — קיר-צער. אויף וויפיל איך פאַרשטיי אייך, זענט איר נישט קיין אידעי-

פליסט און אייער וועג איז — דערדאַזיקער, שווערער, נאָר גלייכער!

סאַמגינען האָט זיך געדאַכט, אַז פּרייס, וועלכער האָט גערעדט רוסיש ריכטיק און ריין, האָט דאָס מאָל גערעדט מיט אַן אַקצענט, און אין זיין פרייד הערט זיך שנאה פון אַ מענטש פון אַ צווייטער ראַסע, פון אַ באַליידיקטן מענטש, וואָס וויל אַלס נקמה — צרות און אומגליקן פאַר רוסלאַנד.

ס'איז תמיד פאָרגעקומען אַזוי, אַז באַלד נאָך פּרייסן פלעגט קומען אויף די אויגן מאַראַקועוו. דידאָזיקע צוויי זענען געגאַנגען דורכן לעבן אַזוי ווי קרייזנווייז און צייכנענדיק אַכטן, איטלעכער האָט זיך געדרייט אין זיין פראַזן-קרייז, נאָר אין עפּעס אַ געוויסן פונקט פונם קרייז זענען זיי זיך צונויפגעגאַנגען. דאָ איז געווען עפּעס פאַרדעכטיקס. ס'האָט אַרויסגערופן די סברא, אַז די ווערטלעכע צוזאַמענשטויסן צווישן מאַראַקועוון און פּרייסן האָבן אַ דעמאָנסטרירנדן כאַראַקטער, דאָס איז — אַ שפּיל צום באַלערנען אַריינציִען אַנדערע. און פאַיאַרקאָוו איז געוואָרן שוויגעוודיקער, האָט זיך ווינציקער געשפּאַרט, זעלטענער געשפּילט אויף דער גיטאַרע און איז אינגאַנצן אַזוי ווי אויסגעטרוקנט געוואָרן, זיך אויסגעצויגן. מסתמא איז עס דערפאַר, וואָס מאַראַקועוו האָט זיך בולט דערנענטערט מיט וואַרוואַרען.

אויף דעם שטיפפאָטערס לוויה האָט ער זי געפירט צווישן די קברים אונטער דער האַנט און, אָנבייגנדיק דעם קאָפּ צו איר אַקסל, עפּעס געפליסטערט איר, און זי, אומקוקנדיק זיך, האָט געמאַכט מיטן קאָפּ, ווי אַ הונגעריק פערד, און אויף איר פּנים איז פאַרגליוערט געווען אַ ווײמוטיקע, דראָענדיקע גרימאַסע.

אינדערהיים בײַ וואַרוואַרען בײַם טיי-טיש פלעגט מאַראַקועוו זיך זעצן לעבן איר, עסן איר באַליבטן מאַרמעלאַד; ער האָט געקלאַפּט מיט דער האַנט אין דעם צעשיטן ביכל פון קראַוטשינסקי-סטעפּניאַק „דאָס אונטערערדישע רוסלאַנד" און כוואַטסקע גערעדט:

— אונדז זענען נייטיק הונדערטער העלדן, כּדי אויפצוהייבן דאָס פאָלק צום קאַמף פאַר פרייהייט.

סאַמגין האָט מקנא געווען מאַראַקועווס פעיִקייט צו רעדן מיט התלהבות, כאָטש אים האָט זיך געדאַכט, אַז דערדאָזיקער מענטש דערציילט אין פּראָזע תמיד איינע און די זעלבע שלעכטע געדיכטן. וואַרוואַראַ הערט אים שווייגנדיק, שטאַרק צונויפגעפּרעסט די ליפּן, די גרינלעכע אויגן אירע קוקן אין מעש פון סאַמאָוואַר אַזוי, גלייך אין סאַמאָוואַר זיצט עמעצער און קלויבט נחת פון איר.

ס'איז זייער נישט אָנגענעם געווען צו באַאָבאַכטן לידיעס אויפמערקזאַמקייט צו מאַראַקועווס רייד. אַוועקגעשטעלט די עלנבויגנס אויפן טיש, צוקוועטשנדיק די שלייפן מיט די הענט, האָט זי געקוקט אין סטודענטס קיילעכיקן פנים מיט אַ לייענענדיקן בליק, אַזוי ווי אין אַ בוך אַריין. קלים האָט מורא געהאַט, אַז דאָס בוך אינטערעסירט זי מער, ווי מ'דאַרף. טיילמאָל פלעגט לידיאַ, הערנדיק די דערציילונגען וועגן סאָפיאַ פּעטראָווסקאַיאַ, וויעראַ פיגנער, אַזש אויפעפענען דאָס מויל; ס'האָט זיך אָפּגעדעקט אַ שורהלע דראָבנע ציין, צוגעבנדיק איר פנים אַן אויסדרוק, וואָס האָט קלים טיילמאָל אויסגעוויזן ווי פאַרציקעריש, טיילמאָל — נישט קלוג.

— דערציונג פון העלדינס, — האָט ער געקלערט און פון צייט=צו=צייט געפונען פאַר נייטיק אַריינצושטעלן אין מאַראַקועווס פלאַמיקע רייד אָפּקילנדיקע פראַזן.

— די מאַקאַבייער קומען=אום נישט זיגנדיק, אָבער מיר מוזן זיגן...

אָבער דאָס פלעגט לחלוטין נישט אָפּקילן מאַראַקועוון, פאַרקערט, ער פלעגט זיך נאָך שטאַרקער צעפלאַקערן.

— יאָ, זיגן! — האָט ער געשריגן. — אָבער — אין וואָזער קאַמף? אין קאַמף פאַר אַ צענערל? פאַר דעם, אַז מענטשן וואָלן לעבן זאַטער, יאָ?

מיט אַ שטראָפנדיקן זשעסט האָט ער אָנגעוויזן די פריילינס אויף קלימען און אויפגעריסן זיך ווי פייערווערק.

— ער איז פון יענע, וואָס מיינען, אַז מיט דער וועלט רעגירט בלויז דער הונגער, אַז איבער אונז געוועלטיקט נאָר דאָס גע=

ועך פון קאַמף פאַר אַ שטיקל ברויט און ס'איז נישטאָ קיין אָרט פאַר ליבע. די מאַטעריאַליסטן איז אומפאַרשטענדלעך די שיינקייט פון אומאייגננוציקן העלדנמוט, פאַר זיי איז קאָמיש דער הייליקער שגעון פון אַ דאָן קישאָט, ס'איז קאָמיש די פּראָמעטייִשע דרייסטקייט, וואָס באַשיינט די וועלט.

מאַראַקועווס לירישער טענאָר האָט אויפרייצנדיק צוגעוואָיעט, אַרויסרעדנדיק די נעמען פּ ר אַ - ד אָ ל ט ש י נ אַ, י אַ ן ה ו ס, מ אַ ז אַ נ י ע ל אַ.

— ה ע ר אָ ס ט ר אַ ט ן פאַרגעסט נישט, — האָט ביין געזאָגט סאַמגין.

ווי ס'פּלעגט נישט זעלטן פאָרקומען באַ אים, האָט ער דאָס אַרויסגעזאָגט אומגעריכט פאַר זיך אַליין און — זיך פאַרוואונדערט, אויפגעהערט צו הערן די עמפּערטע געשרייען פונם קעגנער.

— און אפשר איז טאַקע די אַלע באַרימטע משוגעים נישט פרעמד דער העראָסטראַטיזם? — האָט ער זיך פאַרקלערט. — אפשר מאַכן פיל חרוב טעמפּלען בלויז דערויף, כדי אויף זייערע חורבות צו באַפעסטיקן זייער נאָמען? געוויס, זענען אויך פאַראַן אַזעלכע, וואָס צעשטערן היכלות דערויף, כדי — ווי קריסטוס, אין דריי טעג אים צו באַשאַפן. אָבער — זיי באַשאַפן נישט.

מאַראַקועוו האָט געשריגן:

— איר וואָלט בעסער געהערט וויאַזוי און וואָס ס'רעדט דער אַרבעטער, וועלכן — איר געדענקט? — מיר האָבן געטראָפן...

— כ'געדענק, — האָט געזאָגט קלים, — דעמאָלט, ווען איר...

רויט ווערנדיק ביז די אויערן, איז מאַראַקועוו אונטערגעשפּרונגען אויף דער שטול:

— יאָ, דעמאָלט! ווען איך האָב געוויינט, יאָ! איר קלערט, אפשר, אַז איך שעם זיך פאַר די טרערן? איר קלערט שלעכט.

— וואָס־זשע זאָל איך טון? — האָט אָפּגעענטפערט קלים,

קוועטשנדיק מיט די פּלייצעס. — איך פּרוּוו דאָך גאָר אפילו נישט אויסצופּייַנען זיך מיט מייַנע געדאַנקען...

נאָכן איבערוואַרפֿן זיך מיט נאָך אַ צענדליק שטיינדעלעך, זענען זיי אַנטשוויגן געוואָרן, געצוואונגענע דערצו דורך די שלום־מאַכנדיקע באַמערקונגען פֿון די פּריילינגס. דערנאָך זענען מאַראַקועוו און וואַרוואַרא ערגעץ־וואו אַוועקגעגאַנגען. און קלים האָט געפֿרעגט לידיען:

— וואָס זשע, זי וויל שפּילן די ראָלע פֿון אַ פּעראָווסקאַיאַ?

— בייזער זיך נישט, — האָט געזאָגט לידיאַ, פּאַרטראַכטערהייט קוקנדיק אין פֿענצטער, — מאַראַקועוו איז גערעכט: כדי צו לעבן — זענען נייטיק העלדן, דאָס פֿאַרשטייט אפילו קאָנסטאַנטין. אַנומלט האָט ער געזאָגט: „קיין שום זאַך קריסטאַליזירט זיך נישט אַנדערש, ווי אויפֿן יסוד פֿון קרישטאָל". דאָס הייסט, אפילו זאַלץ נייטיקט זיך אין אַ העלד.

— ער האָט דיך נאָך אַלץ ליב, — האָט געזאָגט קלים, צוגייענדיק צו איר.

— כ'פֿאַרשטיי נישט — פֿאַרוואָס. ער איז אַזאַ... נישט צו דעם... ניין, ריר מיך נישט, — האָט זי אַ זאָג געטון, ווען קלים האָט געפּרוּווט זי אַרומנעמען. — ריר נישט. איך האָב אַזוי רחמנות אויף קאָנסטאַנטינען, אַז טיילמאָל האָב איך אים פֿיינט דערפֿאַר, וואָס ער דערוועקט בלויז רחמנות.

לידיאַ איז אַוועקגעגאַנגען צום שפּיגל און באַטראַכטנדיק איר פּנים מיט אַן אומפֿאַרשטענדלעכן פֿאַר קלימען בליק, האָט זי שטיל פֿאָרגעזעצט:

— ליבע פֿאָדערט אויך העראָיזם. און איך — קאָן נישט זיין קיין העלדין. וואַרוואַרא — קאָן. פֿאַר איר איז ליבע — אויך טעאַטער. עמעצער, עפּעס אַן אומגעזעענער צושויער, באַוואונדערט רויק, ווי פֿיינלעך מענטשן האָבן ליב, ווי זיי ווילן ליבן. מאַראַקועוו זאָגט, אַז דער צושויער — איז די נאַטור. איך — פֿאַרשטיי נישט... מאַראַקועוו פֿאַרשטייט, דאַכט זיך, אויך נישט, אַ חוץ דעם, אַז ליבן — דאַרף מען.

קלים האָט שוין נישט געפילט קיין פאַרלאַנג אָנצורירן איר קערפּער, דאָס האָט אים זייער באַומרויקט.

ס׳איז נאָך נישט געווען שפּעט, ס׳איז אָקאָרשט פאַרגאַנגען די זון און ס׳זענען נאָך נישט פאַרלאָשן געוואָרן די רויטלעכע אָפּ-שיינען אויף די שפּיצן פון די צערקוועס. פון צפון האָט זיך אָנ-גערוקט אַ כמאַרע, ס׳האָט זיך געהערט אַ דונער, ווי איבער די אייזערנע דעכער פון די הייזער וואָלט מיט ווייכע לאַפּעס פויל בעגאַנגען אַ בער.

— דו ווייסט, — האָט קלים געהערט, — איך גלייב שוין לאַנג נישט אין גאָט, אָבער יעדעס מאָל, ווען איך פיל עפּעס אַן עוולה, כ׳זע שלעכטס, — דערמאָן איך מיך אָן אים. ס׳איז מאָדנע? כ׳לעבן כ׳ווייס נישט: — וואָס וועט זיין מיט מיר?

אויף דערדאָזיקער טעמאַ האָט קלים לחלוטין נישט געקאָנט רעדן. אָבער ער האָט גענומען רעדן, ווי ער האָט נאָר געקאָנט איבערצייגנד:

— די צייט פאָדערט פשוטע, טיכטיקע אַרבעט, פאַר דער קולטורעלער באַרייכערונג פון לאַנד...

און ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, זעענדיק, אַז דאָס מיידל, פאַרוואַרפנדיק די הענט הינטערן קאָפּ, קוקט אויף אים מיט אַ שמייכל אין די טונקעלע אויגן, מיט אַ שמייכל, וואָס האָט אים ווידער צעמישט, ווי שוין לאַנג נישט.

— פאַרוואָס קוקסטו אַזוי? — האָט ער אַרויסגעמורמלט.

לידיאַ האָט געענטפערט זייער רויק:

— איך מיין, אַז דו גלייבסט נישט אין דעם, וואָס דו רעדסט.

— פאַרוואָס־זשע?

נישט ענטפערנדיק, האָט זי אין אַ מינוט אַרום אַ זאָג געטון:

— ס׳וועט זיין אַ רעגן. און אַ שטאַרקער.

קלים האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז ער דאַרף אַוועקגיין. אויפן דריטן טאָג, גייענדיק צו איר, האָט ער באַגעגנט אויפן בולוואַר

וואַרוואַרען אין אַ ווייסער ספּאָדניצע, אין אַ ראָזער בלוזקע, מיט אַ רויטער פּעדער אין הוט.

— איר גייט — צו אונז? — האָט זי געפרעגט און אין אירע אויגן האָט קלים באַמערקט חוזקדיקע פינקעלעך. — און איך גיי — אין ס אַ ק אָ ל נ י ק י. איר ווילט מיטגיין? לידיאַ? זי איז דאָך נעכטן אוועקגעפאָרן אַהיים, איר ווייסט נישט?

— שוין? — האָט אַ פרעג געטון סאַמגין, קונציק באַהאַלטנדיק זיין פאַרלעגנהייט און פאַרדראָס. — זי האָט געוואָלט פאָרן מאָרגן.

— מיר דאַכט זיך, אַז זי האָט גאָרנישט געוואָלט פאָרן, אָבער איר האָט דערעסן דיאָמידאָוו מיט זיינע צעטעלעך און טענות.

קלים האָט קנאַפּ געהערט איר פויגליש צוויטשעריי, וואָס איז פאַרטויבט געוואָרן דורכן קנאַקעריי פון די רעדער און דעם געקוויטש פון די טראַמוויי-וואַגאָנעס אויף די פאַררוגדיקטע ערטער פון די רעלסן.

— איר וועט מסתמא אויך גיך אַוועקפאָרן?

— יאָ, איבערמאָרגן.

— איר וועט אַריינקומען זיך געזעגנען?

— געוויס, — האָט געזאָגט קלים און אַ קלער געטון: — איך וואָלט זיך מיט דיר, קאָלירטע בהמה, אויף אייביק געזעגנט.

אינדערהאמתן איז שוין צייט געווען אַהיים צו פאָרן. די מוטער האָט געשריבן בריוו, אומגעווייניך לאַנגע, זי האָט פאַרזיכטיק געלויבט דער ספּיוואַקס טעטיקייט און ענערגיע, מיטגעטיילט, אַז וואַראַווקאַ איז זייער פאַרנומען מיטן אָרגאַניזירן די צייטונג. און אין סוף פון בריוו האָט זי נאָכאַמאָל זיך באַקלאָגט:

„ס'האָבן זיך אויך פאַרגרעסערט די שטוב-דאגות, פון דער צייט, וואָס טאַניאַ קוליקאָוואַ איז געשטאָרבן. דאָס איז געשעען אומגעריכט און אומדערקלערבאַר; אַזוי ווערט טיילמאָל נישט צו וויסן פאַרוואָס צעבראָכן עפּעס אַ גלעזערנע זאַך, כאָטש דו רירסט זי נישט אָן. פון ווידוי און קאָמוניע האָט זי זיך אָפּגע-

זאָגט. אין אַזעלכע מענטשן חי זי. וואַקסן־איין די פֿאַראורטיילן וייער טיף. גאַטלאָזיקייט האַלט איך פֿאַר אַ פֿאַראורטייל".

פֿאַר קלימען איז אויפֿגעשוואומען די פֿאַרבלאָזטע פֿיגור פֿון אַ מענטש, וואָס, נישט קלאָגנדיק זיך אויף גאָרנישט, נישט פֿאָדערנדיק גאָרנישט, האָט ער דאָס גאַנצע לעבן הכנעהדיק געדינט פֿרעמדע מענטשן. ס'איז אַזש אַ ביסל טרויעריק געוועזן צו קלערן וועגן טאַניאַ קוליקאָוואַ, דעם אויסטערלישן באַשעפֿעניש, וואָס האָט נישט פֿילאָזאָפֿירט, נישט באַשיינט זיך מיט קיין ווערטער, נאָר אומאייגננוציק געזאָרגט בלויז וועגן דעם, אַז די מענטשן זאָל זיך באַקוועם לעבן.

— אָט דאָס איז — אַ קריסטלעכע נאַטור, — האָט ער געקלערט. אַן אידעאַל־קריסטלעכע.

אָבער ער האָט זיך באַלד איבערגעלייגט, אַז ער דאַרף זיך נישט אָפּשטעלן אויף דערדאָזיקער עפּיטאַפֿיע. דינען דאָך חיות אויך, — הינט, למשל — אָן שום געבאָט די מענטשן. ס'פֿאַרשטייט זיך, מענטשן — ענלעכע צו טאַניען, זענען נוצלעכער פֿון די מענטשן, וואָס פֿריידיקן אין שמוציקן קעלער וועגן דער נאַרישקייט פֿון שטיין און האָלץ, נייטיקער פֿון די האַלב־משוגענע דיאָמידאָווס, אָבער...

דערפֿירן דעמדאָזיקן געדאַנק ביזן סוף האָט ער נישט באַוויזן, מחמת אין קאָרידאָר האָבן זיך דערהערט שווערע טריט, אַ גערודער און די וואָרקענדיקע שטימע פֿונם שכן פֿון צימער. דער שכן איז געווען אַ פֿעסטער פֿאַרשוין פֿון אַ יאָר דרייסיק, תמיד געקליידט אין שוואַרצן, אַ שוואַרץ־אויגיקער, בלוי־באַקיקער, די געדיכטע שוואַרצע וואָנסעס! זענען קורץ צוגעשוירן און אונטערגעשטראָכן מיט גראָבע ליפּן פֿון זייער אַ רויטן קאָליר. ער האָט זיך אָנגערופֿן „ווירטואָז אויף הילצערנע אינסטרומענטן", אָבער טאָמגין האָט קיינמאָל נישט געהערט, אַז דערדאָזיקער מענטש זאָל שפּילן אויף אַ קלאַרנעט, אַ האָבאָע אָדער פֿאַגאָט. געלעבט האָט דער שוואַרצער פֿאַרשוין מיט אַ געהיימנישפֿול נאַכט־לעבן; ביז האַלבן טאָג פֿלעגט ער שלאָפֿן, ביזן אָוונט געקלאַפּט איבערן טיש

מיט די קאָרטן און מיטן וואַרקענדיקן קול נישט הויך געזונגען, תמיד דעם אייגענעם ראָמאַנס:

— „וואָס גייט ער מיר נאָך,
זוכט מיך איבעראַל ?"

אין די אָוונטן פלעגט ער אַוועקגיין מיט אַ גראָבן שטעקן אין דער האַנט, אַראָפּגערוקט דאָס קעסעלע אויף די אויגן, און טרעפנדיק אים אין קאָרידאָר אָדער אויף דער גאַס, האָט סאַמגין געטראַכט, אַז אַזעלכע אַ מוזן זיין די געהיים־אַגענטן און די שולערס.

אַצינד, אַ קוק געבנדיק אין קאָרידאָר אַריין דורך דעם שפּאַלט פון דער נישט גוט צוגעמאַכטער טיר, האָט קלים דערזען, אַז דער שוואַרצער פּאַרשוין שטופּט אַריין אין זיין צימער, ווי אַ קישן אין אַ וואַליזקע אַריין, די שיין־אַנטוויקלטע, קליינינקע שוועסטער פון דער באַלעבאָסטע פון דער דירה, ער שטופּט אַריין און וואָרקעט אונטער דער נאָז:

— וואָס־זשע אַנטלויפט איר פון מיר, האַ? נאָכוואָס אַנטלויפט איר עס פון מיר?

קלים סאַמגין האָט פּראָטעסטירנד צוגעקלאַפּט די טיר, שמייכלענדיק זיך אַוועקגעזעצט אויפן בעט און פלוצלינג האָט אים באַשטראַלט, צעוואָרעמט אַ גליקלעכער איינפאַל:

— וואָס־זשע אַנטלויפסטו פון מיר? — האָט ער איבערגעחזרט די איבערצייגנדע ווערטער פונם „ווירטואָז אויף הילצערנע אינסטרומענטן".

אויפן דריטן טאָג איז ער אַוועקגעפאָרן אַהיים מיט דער פעסטער זיכערקייט, אַז ער האָט זיך געפירט מיט לידיען נאַריש, ווי אַ גימנאַזיסט.

— „ליבע פאָדערט זשעסט".

אָן ספק, אַז לידיאַ איז אַנטלאָפן פון אים, בלויז דערמיט קאָן מען דערקלערן איר פלוצימדיקן אַוועקפאָר.

— טיילמאָל זאָגט דאָס לעבן אונטער איינפאַלן זייער צו דער צייט.

די מוטער האָט אים באַגעגנט מיט אייליקע צערטלונגען און

איז באַלד, צוזאַמען מיט דער אויסגעפּוצטער ספּיוואַק, אַוועקגע-
פאָרן, דערקלערנדיק, אַז זי פאָרט איינלאַדן דעם גובערנאַטאָר אויף
דער גאָטעסדינסט צוליב דער עפנונג פון דער שולע.

אין עסצימער איז באַם פרישטיק געזעסן וואַראַווקאַ, אין
אַ כינעזישן בלוי-גאָלדיקן כאַלאַט, אין אַ טאַטאַרישער פּיאָלעטער
טובעטייקע, געזעסן, שפּילנדיק זיך מיט דער באָרד, פאַרזאָרגט גע-
פאַרסקעט און גערעדט:

— מיר לעבן אין אַ דרייעק פון עקסטרעמען.

אַקעגנאיבער אים איז מיט תּקיפות געזעסן, צעלייגט די עלנ-
בויגנס איבערן טיש, אַ באַיאָרטער, פליכעוואַטער מענטש, מיט
אַ גרויס פּנים און זייער שווערע ברילן אויף דער וויכער נאַז, אָנ-
געטון אין אַ גרויען ראַק, אין אַ קאָלירט העמד „פאַנטאַזיע“, מיט
אַ שוואַרץ שנירל אָנשטאָט אַ קראַוואַט. ער האָט קאָנצענטרירט גע-
געסן און געשוויגן. וואַראַווקאַ האָט אָנגערופן אַ לאַנגן טאָפּעלן פאַ-
מיליע-נאָמען און צוגעגעבן:

— אונזער רעדאַקטאָר.

און ווייטער גערעדט ווי תּמיד, נישט באַמיענדיק זיך צו זוכן
ווערטער:

— די זייטן פון דרייעק זענען: דער ביוראָקראַטיזם, דער
צוריק אויפלעבנדיקער פאָלקיזם און דער מאַרקסיזם אין זיין טראַק-
טירן די אַרבעטער-פראַגע.

— כ'בין פולשטענדיק מסכּים, — האָט געזאָגט דער רעדאַק-
טאָר, אָנבייגנדיק דעם קאָפּ; די טרעלבלעך פון שנירל זענען
אַרויסגעשפּרונגען פון הינטערן וועסטל און געבליבן הענגען אי-
בערן טעלער, דער רעדאַקטאָר האָט געשווינד מיט טעמפּע רויטע
פינגער זיי פאַרשטעקט אויפן אָרט.

געגעסן האָט ער זייער אינטערעסאַנט און מיט גרויסער
פאָרזיכטיקייט. ער האָט אויפמערקזאַם אַכטונג געגעבן, אַז די שטיק-
לעך קאַלט פלייש און שינקע זאָלן זיין גלייכמעסיק, זאָרגפעלטיק
אַרומגעשניטן מיטן מעסער זייערע מותרות, דורכגעשטאָכן מיטן
גאָפּל ביידע שטיקלעך און פאַרן אַריינלייגן זיי אין מויל, אויף
די ברייטע, טעמפּע ציין, האָט ער אויפגעהויבן דעם גאָפּל צו די

ברילן, פאַרשנד באַטראַכט די צווייפאַרביקע שטיקלעך. אפילו די אוגערקע האָט ער געגעסן מיט גרויס פאַרזיכטיקייט, ווי פיש, גלייך ער וואָלט זיך געריכט צו טרעפן אין דער אוגערקע אַ ביין. ער האָט געקייעט פּאַמעלעך: די גרויע האָר אויף זיינע באַקנביינער האָבן זיך קאָפּויער געשטעלט, אויף דער גאָמבע האָט זיך באַוועגט די שטייפע, קורצע, פּינקטלעך צוגעשוירענע באָרד. ער האָט אַרויסגערופן דעם איינדרוק פון אַ שטאַרקן, בטחונדיקן מענטש, וואָס איז געוואוינט און קען טון אַלץ פּונקט אַזוי פאַרזיכטיק און זיכער, ווי ער עסט.

די פריילעכע בערישע אייגלעך פון וואַראַווקעס צונטער־רויטן פנים האָבן לייטזעליק באַקוקט דעם הויכן גלאַטיקן שטערן, דעם סאָליד לייכטנדיקן פּלין, די געדיכטע, גרויע און אומבאַוועגלעכע ברעמען. קלימען האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס מערקווירדיקסטע אויף דעם רעדאַקטאָרס היפּשן פּנים איז זיין אונטערשטע, ברוגזדיק נאָכהענגענדיקע ליפּ פון פּיאַלעט־קאָליר. דידאָזיקע מאָדנע ליפּ האָט צוגעגעבן דעם פּליושענעם געזיכט אַ קאַפּריזנע מינע. מיט אַזאַ ברוגזדיקער ליפּ זיצן צווישן דערוואַקסענע — קינדער. וואָס זענען זיכער, אַז מ'האָט זיי נישט יושרדיק באַשטראָפט. גערעדט האָט דער רעדאַקטאָר נישט געאיילט, זייער דייטלעך, אַ ביסל פאַריענקענדיק זיך, פאַר די וואָקאַלן האָט ער אַזויווי געשטעלט אַן אַפּאָסטראָף:

— ס'ה'ייסט: „ר'וסק'ייע ווי'עד'אָמאָסטי", אָן זייער אַקאַדעמישקייט און, ווי איר האָט געזאָגט, מיטן מאַקסימום לעבעדיקע באַציונג צו דיווירקלעכע קולטור־נויטן פונם לאַנד?

— אָט, אָט־אָט! — האָט געזאָגט וואַראַווקאָ און אַ שמעק געטון די ליפּס.

ערגעץ־וואו זייער נאָענט, האָט מען פּונקט ווי פון אַ האַרמאַט אויסגעשאָסן אין אַ הילצערן הויז אַריין, — ס'האָט אַ זעץ געטון און באַטויבנד אָנגעהויבן קנאַלן, דער רעדאַקטאָר האָט נישט באַגיטיקענד אַ בליק געטון אין פענצטער אַריין און מיטגעטיילט:

— אַ צו רעגנדיקער זומער.

קלים איז אויפגעשטאַנען, האָט פאַרמאַכט די פענצטער, אין

די שויבן האָט אָנגעהויבן שטורמיש שמייסן אַ שלאַקס־רעגן; אין נאַסן גערויש האָט קלים געהערט די דייטלעכע ווערטער:

— אַ פעליעטאָניסט ווען מיר האָבן אַ געניטן, דאָס איז — ראָבינזאָן, אַ שם־דבר. ס׳איז נייטיק אַ ליטעראַרישער קריטיקער, אַ מענטש מיט אַ געזונטן שכל. מ׳דאַרף פירן אַ קאַמף מיט די קרענקלעכע שטרעמונגען אין דער מאָדערנער ליטעראַטור. אָט אַזאַ מיטאַרבעטער — זע איך נישט.

וואַראַווקאַ האָט אַ ווינק געטון צו קלימען און געפרעגט:

— האַ? קלים?

סאַמגין האָט שווייגנד אַ קוועטש געטון מיט די אַקסלען, אים האָט זיך געדאַכט, אַז דעם רעדאַקטאָרס ליפּ האָט גענומען אַראָפּהענגען נאָך מער ברוגזדיק.

מ׳האָט דערלאַנגט קאַווע. דורכן רעש פון די דונערן און דעם בייזן פּליעסקען פון רעגן האָבן זיך אינדערהייך דערהערט קלאַוויר־קלאַנגען.

— נו, מילא, מאַך אַ פּרוּוו! — האָט געזאָגט וואַראַווקאַ.

— כ׳וועל אַ קלער טון, — האָט שטיל געענטפערט קלים. אַלץ איז שוין געווען נישט אינטערעסאַנט און נישט נייטיק, וואַראַווקאַ, דער רעדאַקטאָר, דער רעגן און דאָס דונערן. עפּעס אַ קראַפּט האָט, אויפהייבנדיק, געצויגן אינדערהייך אַרויף. ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען אין פּאָרצימער, האָט דער שפּיגל אים אַ וויַיז געטון אַ בלאַס פּנים, אַ טרוקנס און אַ בייזס. ער האָט אַראָפּגענומען די ברילן, שטאַרק איינרייבנדיק מיט די הענט די באַקן, האָט ער געפונען, אַז דאָס פּנים איז געוואָרן ווייכער, לירישער.

לידיאַ איז געזעסן באַם קלאַוויר, שפּילנדיק דאָס „סאָלוויַיג־ליד“.

— אָ, ביסט געקומען? — האָט זי אַ זאָג געטון, אויסשטרעקנדיק די האַנט. איינגאַנצן אין ווייסן, אַ מאָדנע קליינינקע, האָט זי געשמייכלט. סאַמגין האָט דערפילט, אַז איר האַנט איז אומנאַטירלעך הייס און ציטערט, די טונקעלע אויגן קוקן ליבלעך. דער קאָלנער פון דער בלוזע איז צעקנעפּלט און דעקט טיף אָפּ דעם ברוינלעכן בוזעם.

— בעת אַ שטורם רעגט די מוזיק באַזונדער אויף, — האָט לידיאַ געזאָגט, נישט צונעמענדיק די האַנט. זי האָט נאָך עפּעס גערעדט, אָבער קלים האָט נישט געהערט. ער האָט אומגעוויינלעך לייכט זי אויפגעהויבן פון דער שטול און אַרומגענומען. אַ פרעג טוענדיק טויב און שטרענג:

— פאַרוואָס ביסטו פּלוצלינג אַוועקגעפאָרן ?

ער האָט געוואָלט פרעגן עפּעס אַנדערש, אָבער נישט געפונען קיין ווערטער, ער האָט געהאַנדלט, ווי אין אַ שטאָק־פינצטער־ניש; לידיאַ איז אָפּגעשפּרונגען, ער האָט זי אַרומגענומען שטאַרקער, געגומען קושן די אַקסלען, די ברוסט.

— וואָס נישט, — האָט זי געזאָגט, אָפּשטופנדיק אים מיט די הענט, מיט די קניען. וואָס־זשע נישט...

זי האָט זיך אויסגעריסן. קלים האָט זיך אַ וואַקל געטון, אוועקגעזעצ׳ צום קלאַוויר, אָנגעבויגן זיך איבער דער קלאַוויאַטור, אין אים זענען אַרומגעגאַנגען כוואַליעס פון שווידערנדיק ציטערן, ער האָט זיך געריכט, אַז ער וועט פאַלן אין חלשות. לידיאַ איז געשטאַנען ערגעץ־וואו ווייט הינטער אים, ער האָט געהערט איר אויפגעבראַכט שטימע, דאָס קלאַפּן פון דער האַנט אין טיש אַריין.

— איך האָב זי וואַנזיניק ליב, — האָט ער מיט זיך אַליין געטענהט. — וואַנזיניק, — האָט ער קאַטעגאָריש איבער־געחזרט, אַזויווי שפּאַרנדיק זיך מיט עמעצן.

דערנאָך האָט ער דערפילט איר לייכטע האַנט אויף זיין קאָפּ, דערהערט די אומרויקע פראַגע:

— וואָס איז מיט דיר ?

— איך ווייס נישט, — האָט ער געענטפערט, ווידער אַרומ־כאַפּנדיק איר טאַליע מיט די הענט און זיך צוגעדריקט מיט דער באַק צו דער היפט.

— אָ, גאָט מיינער, — האָט שטיל געזאָגט לידיאַ, שוין נישט פּרוּוונדיק זיך צו באַפרייען, פאַרקערט, זי האָט אַזויווי פעסטער זיך צוגערוקט צו אים, כאָטש דאָס איז נישט מעגלעך געווען.

— וואָס זשע וועט זיין, לידיאַ? — האָט געפרעגט קלים.

פאַרזיכטיק צענעמענדיק זיינע הענט, איז זי אַוועקגעגאַנגען. סאַמגין האָט מיט שכורע אויגן זי באַגלייט דורך אַ נעפּל. אין צימער, וואו איר מוטער האָט געלעבט, איז זי שטיין געבליבן, אַראָפּגעלאָזט די הענט לענגויס דעם קערפּער, אַנגעבויגן דעם קאָפּ, גלייך זי וואָלט מתפּלל געווען. דער רעגן האָט געשמיסן אין די פענצטער אָלץ העפטיקער, ס'האָבן זיך געהערט פאַרכלינענדיקע קלאַנגען פון וואַסער, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן פון דער רינע.

— גיי אַרויס, כ'בעט דיך, — האָט לידיאַ געזאָגט. — סאַמגין איז אויפגעשטאַנען און צוגעגאַנגען צו איר. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז זי בעט אַרויסצוגיין נישט אים.

— איך בעט דאָך דיך — גיי אַוועק!

דאָס, וואָס איז פאָרגעקומען נאָך דידאָזיקע ווערטער איז געווען לייכט, איינפאַך און האָט פאַרנומען ווייניק צייט, אַזוי ווי עטלעכע סעקונדעס. שטייענדיק באַם פענצטער, האָט סאַמגין מיט שטוינונג זיך דערמאָנט, ווי ער האָט אויפגעהויבן דאָס מיידל אויף די הענט, און זי, איבערקערנדיק זיך מיטן רוקן אויפן בעט אַרויף, האָט צוגעקוועטשט די אויערן און שלייפן זיינע מיט די הענט, האָט עפּעס גערעדט און געקוקט אין זיינע אויגן אַריין מיט אַ פאַרבלענדנדיקן בליק.

אַצינד שטייט זי פאַרן שפּיגל, פאַרריכטנדיק דאָס קלייד, די פריזור, אירע הענט ציטערן, די אויגן אין שפּיגל זענען ברייט צעעפנט, אומבאַוועגלעך און אָנגעגאָסן מיט שרעק. זי בייסט די ליפּן, גלייך זי וואָלט איינגעהאַלטן אַ וויטיק אָדער טרערן.

— ליבע, — האָט אַ פליסטער געטון קלים אין שפּיגל אַריין, נישט געפינענדיק אין זיך נישט קיין פרייד, נישט קיין שטאָלץ, נישט פילנדיק, אַז לידיאַ איז אים נענטער געוואָרן און נישט פאַרשטייענדיק, ווי אַזוי מען דאַרף זיך האַלטן, וואָס מען דאַרף רעדן. ער האָט געזען, אַז ער האָט זיך טועה געווען, — לידיאַ קוקט אויף זיך נישט מיט שרעק, נאָר פרעגנדיק, מיט שטוינונג. ער איז צוגעגאַנגען צו איר, האָט זי אַרומגענומען.

— לאָז אָפּ, — האָט זי געזאָגט און אָנגעהויבן גלייך מאַכן

די צעקנייטשטע קישנס. דעמאָלט האָט ער זיך ווידער אָוועקגע־שטעלט באַם פענצטער, קוקנדיק דורך דעם געדיכטן פאַרהאַנג פון רעגן, ווי ס׳טרייסלען זיך די בלעטער פון די ביימער, און אי־בערן אייזן פון דאַך פון דער אַפּיצינע שפרינגען גרויע קיי־לעכלעך.

איך בין — הארטנעקיק — כ׳האָב געוואָלט און דער־גרייכט, — האָט ער געטראַכט, פילנדיק אַ נויטווענדיקייט צו טרייסטן זיך מיט עפּעס.

— דו — גיי, — האָט לידיאַ געזאָגט, קוקנדיק אויפן בעט אַלץ מיטן זעלביקן פאַרזאָרגטן און פרעגנדיקן בליק. סאַמגין איז אַרויסגעגאַנגען, שווייגנד אַ קוש געבנדיק איר האַנט.

אַלץ איז פאַרגעקומען נישט אַזוי, ווי ער האָט זיך פאָרגע־שטעלט. ער האָט זיך געפילט אָפּגענאַרט.

— אָבער — וואָס האָב איך דען דערוואַרט ? — האָט ער געפרעגט. — צי בלויז דאָס, אַז ס׳וועט נישט ענלעך זיין צו דער איבערלעבונג מיט מאַרגאַריטען און דער ניעכאַיעווא ?

— און — זיך געטרייסט :

— ס׳וועט נאָך אפשר זיין...

אָבער נישט לאַנג האָט געדויערט די טרייסט, אין אַ מינוט שפּעטער איז געקומען אַ באַליידיקנדע מחשבה :

— זי האָט מיר אַזויוי אַ נדבה געגעבן...

און צום צענטן מאָל זיך דערמאַנט :

„אָבער — צי איז דען גאָר געווען אַ ייִנגל ? אפשר — איז גאָר קיין ייִנגל נישט געווען ?“

אַריינגעקומען צו זיך, האָט ער פאַרשלאָסן די טיר, זיך גע־לייגט און איז אָפּגעלעגן ביז דער אָוונט־טיי, און ווען ער איז אַרויסגעקומען אין עסצימער אריין, איז דאָרטן, ווי אַ וואַך־זעלנער, אַרומגעגאַנגען די ספּיוואַק, אַ דינע און שלאַנקע נאָכן קימפּעט, מיט אַ פולער געוואָרענעם בוזעם. זי האָט זיך באַגריסט מיט ליב־לעכער גלייכגילטיקייט פון אַן אַלטער באַקאַנטער, האָט געפונען, אַז קלים איז שטאַרק דאַר געוואָרן און ווייטער גענומען רעדן צו וויעראַ פּעטראָוונאַ, וואָס איז געזעסן באַם סאַמאָוואַר :

— זיבעצן מיידלעך און ניין ייִנגלעך, אָבער מיר מוזן האָבן דרייסיק שילער...

פון אירע אַקסלען איבער דער האַנט ביז דער דלאָניע איז אַראָפּגעפלאָסן אַ לייכט געוועב פון פּערל־קאָליר, די הויט פון די הענט, וואָס האָט אַפּערגעלויכטן דורכן געוועב, האָט אויסגעזען פּוטערמעסיק. זי איז געווען אַן אַן ערך שענער פון לידיען און דאָס האָט אויפגערעגט קלימען. ס'האָט אויפגערעגט דער דאָקטאָראַלער און געשעפטסלעכער טאָן אירער, די ביכלדיקע שפּראַך און דאָס, וואָס זי, זייענדיק ייִנגער פון וויעראַ פּעטראָוונאַ מיט אַ יאָר פינפצען, האָט גערעדט מיט איר ווי אַן עלטערע.

ווען די מוטער האָט געפרעגט קלימען, צי וואַראָווקאַ האָט אים פאַרגעשלאָגן איבערצונעמען אין דער צייטונג די אָפּטיילונג פון קריטיק און ביבליאָגראַפיע, האָט זי אַ זאָג געטון, נישט צוואַרטנדיק, אַז קלים זאָל ענטפערן:

— איר געדענקט? דאָס איז טאַקע מיין אידעע. איר פאַרמאָגט אַלע אַטריבוטן צו אַזאַ ראָלע: אַ קריטישן שכל, אַ צוריקגעהאַלטענע פאַרזיכטיקייט אין די מיינונגען, און אַ פיינעם געשמאַק.

זי האָט דאָס געזאָגט ליבלעך און ערנסט, אָבער אין געבוי פון דער פראַזע האָט קלימען זיך אויסגעדאַכטן חוזק.

— יאָ, יאָ, — האָט מסכים געווען די מוטער, צושאָקלענדיק מיטן קאָפּ און אָפּלעקנדיק מיט דער שפּיץ צונג די פאַרוועלקטע ליפּן, און קלים האָט באַטראַכט דער ספּיוואַקס פאַרוינגערטע פּנים און געקלערט:

— וואָס דאַרף זי פון מיר? פאַרוואָס האָט די מוטער עפּעס אַזוי זיך באַפריינדעט מיט איר?

אין פענצטער אַריין האָט אַ פלייץ געטון אַ ראָזלעכער שטראָם זונען־שיין, די ספּיוואַק האָט פאַרמאַכט די אויגן, פאַרוואָרפן דעם קאָפּ און איז אַנטשוויגן געוואָרן, שמייכלענדיק. מ'האָט אָנגעהויבן הערן, אַז לידיאַ שפּילט. קלים האָט אויך געשוויגן, קוקנדיק דורכן פענצטער אויף די רויכיק־רויטע וואָלקנס. אַלץ איז געווען אומקלאָר, חוץ איינס: מ'מוז חתונה האָבן מיט לידיען.

— דאַכט זיך, כ'האָב זיך אַ ביסל צוגעאיילט, — האָט ער

זיך פלוצלינג אַ זאָג געטון, דערפילנדיק, אַז אין זיין באַשלוס חתונה צו האָבן איז דאָ עפּעס אַ געצוואונגענקייט. ער האָט שיער נישט אַ זאָג געטון:

— איך האָב מיך טועה געווען.

ער וואָלט דאָס געקאָנט זאָגן, וואָרים ער האָט שוין נישט געפונען אין זיך יענעם דראַנג צו לידיען, וועלכער האָט אַזוי לאַנג, כאָטש טאַקע נישט שטאַרק, אָבער דאָך עקשנותדיק אים נישט געלאָזט רוען.

לידיאַ איז נישט געקומען טיי טרינקען, אויך נישט דערשינען צום נאַכטעסן. אין משך פון צוויי טעג איז סאַמגין געזעסן אין שטוב, אָנגעשטרענגט דערוואַרטנדיק, אַז אָט, אין פאָלגנדער מינוט וועט לידיאַ אַריינקומען צו אים אָדער אים אַרויפרופן צו זיך. קיין אַנטשלאָסנקייט אַליין צו גיין צו איר האָט ער נישט געהאַט און ס'איז אויך געווען אַ תירוץ נישט צו גיין: לידיאַ האָט געמאָלדן, אַז זי איז נישט געזונט, מיטאָג און טיי האָט מען איר אַרויפגעגעבן אינדערהייך.

— דאָסדאָזיקע נישט געזונטקייט איז, מסתמא, דער געוויינלעכער אָנפאַל פון מיזאַנטראָפּיע, — האָט געזאָגט די מוטער, אָפּזיפצנדיק.

— מאָדנע כאַראַקטערן באַמערק איך בײַ דער היינטיקער יוגנט, — האָט זי פאָרגעזעצט, באַשיטנדיק די טרושקאַוועס מיט צוקער. — מיר האָבן געלעבט פּשוטער, פרייִלעכער. די יעניקע פון אונז, וואָס זענען אַוועק צו דער רעוואָלוציע, זענען געגאַנגען מיט געדיכטן, אָבער נישט מיט קיין ציפערן...

— נו, מאַמעניו, ציפערן זענען גאָרנישט ערגער פון געדיכטן, — האָט אַ וואָרטשע געטון וואַראַווקאַ. — מיט געדיכטלעך וועסטו קיין בלאָטע נישט אויסטרוקענען...

אַ זיפּ געבנדיק ווייִן, האָט ער זיך פאַרזשמורעט, אַ שווענקגעטון דאָס מויל, אַראָפּגעשלונגען דעם ווייִן און, אַ קלער געבנדיק, געזאָגט:

— נאָר די יוגנט איז ווירקלעך... זויערלעך! צו די מוזי·

קאַנטן, אין אָפּיציִנע, קומט אַריין דערדאָזיקער באַקאַנטער דייַנער, קלים... ווי הייסט ער?

— אינאָקאָוו.

— אָט. אַן אויסטערלישער בחור. כ'האָב נאָך קיינמאָל נישט געזעען קיין מענטש, וואָס זאָל זיך פילן אַזוי אינגאַנצן פרעמד צו אַלץ און אַלעמען. אַן אויסלענדער.

און פאַרשנד, מיט אַ שאַרף שמייכעלע אין די אויגן אַ קוק געבנדיק אויף קלימען, האָט ער געפרעגט:

— און דו פילסט זיך נישט אַלס אויסלענדער?

— אין אַ מלוכה, וואו ס'זענען מעגלעך כ אָ ד י נ ק ע ס, — האָט קלים אָנגעהויבן בייז, וואָרים סיי די מוטער, סיי וואַראַווקאַ האָבן אים דערעסן.

אין דער מינוט איז דערשינען לידיאַ, אין אַן אויסטערלישן, גאָלדיק־קאָלירטן שלאָפראָק, וואָס האָט דערמאַנט קלימען די קליידונג פון די פרויען אויף ג אַ ב ר י ע ל ר אָ ס ע ט י ס בילדער. זי איז געשטימט געווען נישט לויט איר טבע הייטער, שפּאַסנדיק פון איר נישט געזונט־זיין האָט זי זיך צוגעלאַשטשעט צום פאָטער, האָט זייער גערן דערציילט וויעראַ פּעטראָוונען, אַז דעם שלאָפראָק האָט אַלינאַ איר צוגעשיקט פון פּאַריז. איר הייטערקייט האָט זיך אויסגעוויזן קלימען פאַרדעכטיק און פאַרשטאַרקט דעם אָנגעשטרענגטן צושטאַנד, אין וועלכן ער האָט דורכגעלעבט די צוויי טעג. ער האָט זיך אָנגעהויבן ריכטן, אַז לידיאַ וועט זאָגן אָדער טון עפּעס אומגעווייגלעכס, אפשר — סקאַנדאַליעזס. אָבער, ווי תמיד, האָט זי כמעט נישט געלייגט קיין אַכט אויף אים און בלויז אָוועקגייענדיק צו זיך אינדערהייך, אים אַ פּליסטער געטון:

— פאַרשליס נישט די טיר.

ס'איז קלימען געווען אַ חרפּה זיך מודה צו זיין, אַז דערדאָזיקער פּליסטער האָט אים דערשראָקן. אָבער ער האָט זיך אַזוי דערשראָקן, אַז ס'האָבן באַ אים אָנגעהויבן ציטערן די פיס. ער האָט זיך אַזש אַ וואַקל געטון, ווי פון אַ קלאַפּ. ער איז זיכער געווען, אַז באַנאַכט וועט צווישן אים און לידיען פאָרקומען עפּעס דראַמאַטיִשס, וואָס וועט זיין אַ טויט־קלאַפּ פאַר אים. מיט דערדאָזיקער

זיכערקייט איז ער טאקע אוועקגעגאנגען צו זיך, ווי א פאראורטיילטער אויף ענויים.

לידיא האט אים געלאזט ווארטן אויף איר לאנג, כמעט ביז פארטאג. אין אנהייב איז די נאכט געווען א ליכטיקע, נאר א דושנע, אין די צעפראלטע פענצטער האבן זיך אריינגעגאסן פון גארטן שטראמען פייכטע ריחות פון ערד, גראז, בלומען. דערנאך איז די לבנה פארשוואונדן, אבער די לופט איז געווארן נאך מער פייכט, באפארבט מיט טונקל־בלויער טריבקייט. קלים סאמגין איז א האלב־אויסגעטועטער געזעסן באם פענצטער, צוהערנדיק זיך צו דער שטילקייט, אויפציטערנדיק פון די אומפארשטענדלעכע נאכטקלאנגען. עטלעכע מאל האט ער מיט האפנונג זיך געזאגט:

— זי וועט נישט קומען. זי האט זיך מישב געווען.

אבער לידיא איז געקומען. ווען ס'האט זיך רוישלאז געעפנט די טיר און אויף דער שוועל איז שטיין געבליבן א ווייסע פיגור, האט ער זיך אויפגעהויבן. א לאז געטון זיך אנטקעגן איר און דערהערט א בייזן פליסטער:

— פארמאך דאס פענצטער, פארמאך!

דאס צימער איז פול געווארן מיט א נישט דורדרינגלעכער פינצטערניש און לידיא איז נעלם געווארן אין איר. סאמגין האט, אויסשטרעקנדיק די הענט, זי א זוך געטון, נישט געפונען און אנגעצונדן א שוועבעלע.

— מ'דארף נישט! וואג נישט! מ'דארף נישט קיין פייער, — האט ער דערהערט.

ער האט באוויזן צו דערבליקן, אז לידיא זיצט אויפן בעט, אייליק ארויספלאנטערנדיק זיך פון איר שלאפראק, צעבראכן שימערן אירע הענט; ער איז צוגעגאנגען צו איר, זיך אראפגעלאזט אויף די קני.

— גיכער, גיכער, — האט זי געפליסטערט.

אן אומגעזעענע אין דער פינצטערניש, האט זי זיך אויפגעפירט וואנזיניק און אומפארשעמט. זי האט געביסן זייַנע אקסלען, געקרעכצט און געפאדערט, שטיקנדיק זיך:

— כ'וויל אויספרוון... אויספרוון...

זי האָט געוועקט ליידנשאַפט ווי אַ געניטע פרוי, באַגיריקער, ווי די געשעפטסלעכע און מעכאַניש געשיקטע מאַרגאַריטאַ, פלאַ־מיקער, ווי די הונגעריקע, אָנמעכטיקע ניעכאַיעוואַ. טיילמאָל האָט ער געפילט, אַז באַלד וועט ער פאַרלירן דאָס באַוואוסטזיין און ס'וועט, אפשר, זיך אָפּשטעלן בײַ אים דאָס האַרץ. ס'איז געווען אַ מאָמענט, ווען אים האָט זיך געדאַכט, אַז זי וויינט, איר אומ־באַטירלעך הייסער קערפּער האָט עטלעכע מינוט געציטערט אַזוי ווי פון איינגעהאַלטענע און קלאַנגלאָזע שלאָכצן. אָבער ער איז נישט זיכער געווען, אַז דאָס איז טאַקע אַזוי, כאָטש נאָכדעם האָט זי אויפגעהערט עקשנותדיק צו פליסטערן אים אין די אויערן אַרײַן:

— אויספרוון... אויספרוון.

ער האָט נישט געדענקט, ווען זי איז אַוועקגעגאַנגען, ער איז אַנטשלאָפן געוואָרן, ווי אַ דערהאַרגעטער און דעם גאַנצן פאָלגנדיקן טאָג דורכגעלעבט אַזויווי אין חלום, גלייבנדיק און נישט גלייבנדיק אין דעם, וואָס איז געווען. ער האָט פאַרשטאַנען נאָר איינס: אין דערדאָזיקער נאַכט האָט ער איבערגעלעבט אומגע־ווייַנלעכס, אַזוינס, וואָס ער האָט נאָך נישט פאַרזוכט, אָבער נישט דאָס, וואָס ער האָט דערוואַרט און נישט אַזוי, ווי ס'האָט זיך אים פאָרגעשטעלט. נאָך עטלעכע אַזעלכע שטורמישע נעכט האָט ער זיך איבערצייגט דערין.

אין זיינע אָרעמס האָט לידיאַ אויף קיין איין מינוט זיך נישט פאַרגעסן. זי האָט אים נישט געזאָגט קיין איינס פון יענע ליבע ווערטער פון פרייד, מיט וועלכע ס'איז אַזוי רייך געווען די ניע־כאַיעוואַ. כאָטש מאַרגאַריטאַ פלעגט זיך קוויקן מיט די צערטלעכישן גראָב, אָבער אויך אין איר איז געווען עפּעס זינגענדיקס, דאַנק־באַרס. לידיאַ האָט געליבט, האַלטנדיק פאַרמאַכט די אויגן, אומגע־שטילט, אָבער אָן פרייד און פאַרכמורעט. אַ בייזער קנייטש האָט צעשניטן איר הויכן שטערן, זי האָט זיך אַוועקגעדרייט פון די קושן, פעסט צונויפפרעסנדיק ליפּן, אָפּקערנדיק דאָס פּנים אין אַ זייט. און ווען זי האָט אויפגעהויבן די לאַנגע וויעס, האָט קלים געזעען אין אירע טונקעלע אויגן אַ ברענענדיקן, אומאָנגענעמען גלאַנץ.

דאָס אַלץ האָט אים שוין נישט צעמישט, נישט אָפּגעקילט די ליידנ־שאַפט, נאָר יעדעס מאָל בלויז נאָך מער צעפלאַקערט. אָבער אַלץ מער האָבן צעטומלט און געשטערט אים לידיעס דורכדרינגלעכע פּראַגעס. מתחילת האָבן אירע שאלות בלויז געוויילט מיט זייער נאַיווקייט, קלים האָט צוגעלאַכט, דערמאָנענדיק זיך די גראָבע גע־פּעפּערטקייט פון די מיטלאַלטערלעכע נאָוועלן. ביסלעכווייז האָט דידאַזיקע נאַיווקייט אָנגענומען אַ כאַראַקטער פון ציניזם און קלים האָט אָנגעהויבן פילן אונטער דעם מיידלס ווערטער אַן עקשנות־דיקע שטרעבונג צו דערגיין עפּעס אַזוינס, וואָס איז אים אומבא־קאַנט און נישט אינטערעסאַנט געווען. אים האָט זיך געוואָלט קלערן, אַז לידיעס נישט אָנשטענדיקע נייגיריקייט שטאַמט פון די דורך איר געלייענטע פראַנצויזישע ביכער, אַז זי וועט גיך מיד ווערן, אָנטשוויגן ווערן. אָבער לידיאַ איז נישט מיד געוואָרן, פאַ־רקערנד אַריינקוקנדיק אין זיינע אויגן, האָט זי אויסגעפרעגט מיט הייסן פלייסטער:

— וואָס פילסטו? דו קאָנסט נישט לעבן, נישט וועלנדיק דאָס פילן, דו קאָנסט נישט, יאָ?

ער האָט געזאָגט:

— ליבן דאַרף מען אָן רייד.

— כדי נישט צו זאָגן קיין ליגנט? — האָט זי געפרעגט.

— שווייגן — איז נישט קיין ליגנט.

— דאָן איז עס — פחדנות, — האָט לידיאַ געזאָגט און אויפסניי אָנגעהויבן פאָרשן:

— ווען דיר איז גוט, — העלפט דאָס דיר צו פאַרשטיין מיך עפּעס גאָר באַזונדער? ס'האָט זיך אין מיר עפּעס געענדערט פאַר דיר?

— געוויס, — האָט געענטפערט קלים און חרטה געקריגן דערויף, ווייל זי האָט אַ פרעג געטון:

— ווי אַזוי? זשע? וואָס?

אויף דידאָזיקע פראַגעס האָט ער נישט געקענט ענטפערן און מיט פאַרדראָס פילנדיק, אַז דאָסדאָזיקע נישט קענען מאַכט אים קלענער אין דעם מיידלס אויגן, האָט ער געטראַכט:

— אפשר פרעגט זי טאַקע צוליב דעם, אַז זי זאָל אים דער־
גידערן צו זיך?

— הער אויף, כ׳בעט דיך, — האָט ער אַ זאָג געטון שוין
גישט ליבלעך. — דאָס זענען נישט קיין פּאַסיקע פראַגעס. און —
קינדישע.

— איז וואָס ז שע? מיר זענען ביידע געוועזענע קינדער.

קלים האָט אָנגעהויבן באַמערקן אין איר עפּעס ענלעכס צום
פּרוכטלאָזן הקרענען, אויף וועלכן ער אַליין האָט אַמאָל געקרענקט.
ס׳פלעגט זיך מאַכן, אַז זי איז פּלוצלינג אַריינגעפאַלן אין אַ האַלב־
חלשותדיקן צושטאַנד און איז אומבאַוועגלעך און שווייגנדיק גע־
לעגן אַ מינוט, צוויי, פינף. אין דידאָזיקע מינוטן האָט ער אָפּגע־
רוט און זיך באַפּעסטיקט אין געדאַנק, אַז לידיאַ איז אומנאַר־
מאַל, אַז אירע ווילדקייטן דינען בלויז אַלס הקדמה צו די גע־
שפּרעכן. געצערטלט האָט זי ווילד, ס׳האָט זיך זאָגאַר געדאַכט,
אַז זי נייט זיך צייטנווייז, פּייניקט זיך, אָבער נאָך דידאָזיקע אטאַקן
האָט קלים געזען, אַז אירע אויגן קוקן אויף אים אומפאַרייִנדלעך
אָדער פרעגנדיק און אַלץ אָפטער האָט ער באַמערקט אין אי־
רע אַפּלען בייזע פונקען. דעמאָלט, כדי צו פאַרלעשן דידאָזיקע
פונקען, האָט קלים סאַמגין אויך אַ ביסל איבערגעוואַלט און באַ־
וואוסטזיניק אָנגעהויבן אויפסנייַ צו צערטלען זי. און מאַנכעס מאָל
איז בײַ אים אויפגעקומען אַ פאַרלאַנג איר ווײַ צו טון, זיך נוקם
צו זיין פאַר דידאָזיקע בייזע פונקען. ס׳איז געווען אַ בושה צו־
דערמאַנען זיך, אַז זי האָט אַמאָל זיך אויסגעוויזן אים אַלס קער־
פּערלאָזע, געוויכטלאָזע. ער האָט אָנגעהויבן קלערן, אַז גראָד מיט
דאָזיקן מיידל האָט זיך אים געוואָלט שאַפן עפּעס אַזוינע באַזונ־
דערע באַציִונגען, פון טיפער, האַרציקער פריינדשאַפט, אַז גראָד
זי און נאָר זי זאָל אים העלפן צו געפינען זיך, אָפּצושטעלן זיך
אויף עפּעס פעסטס. יאָ, נישט איר ליבע, די משונהדיקע און אומ־
היימלעכע, האָט ער געזוכט, נאָר — פריינדשאַפט. און אָט איז ער
אַצינד אָפּגענאַרט. אַלס ענטפער אויף די פרוון צו פאַראינטערע־
סירן זי מיט זיינע געפילן, געדאַנקען, באַגעגנט ער אַ שווייגן, און

טיילמאָל אַ שפּאָטישן שמייכל, וואָס באַליידיקט און פאַרלעשט זייַנע רייד אין סאַמע אָנהויב.

אים האָט זיך געדאַכט, אַז לידיאַ אַליין האָט מורא פאַר אירע שפּאָטישע שמייכלען און דעם בייזן פייערל אין אירע אויגן. ווען ער פלעגט אָנצינדן פייער, האָט זי געפּאָדערט:

— לעש אויס.

און אין דער פינצטערניש האָט ער געהערט איר פליסטערן:

— און דאָס — איז אַלץ? פאַר אַלע — איינס: פאַר דיכטער, באַלעגאָלעס, הינט?

— הער אויס, — האָט געזאָגט קלים. — דו ביסט אַ דעקאַדענטקע. דאָס איז בײַ דיר — קראַנקהאַפט...

— אָבער, קלים, ס'קאָן דאָך נישט זיין, אַז דאָס זאָל דיך באַפרידיקן? ס'קאָן נישט זיין, אַז צוליב דעם זאָלן אומקומען די ראָמעאָס, ווערטערס, אָרטיסן, יוליאַ און מאַנאָן!

— איך בין נישט קיין ראָמאַנטיקער, — האָט געוואָרטשעט סאַמגין און איר איבערגעחזרט: — דאָס איז בײַ דיר דעגענעראַטיוּוס.

דעמאָלט האָט זי געפרעגט:

— איך בין — אַ נעבעכדיקע, יאָ? מיר פעלט עפּעס? זאָג, וואָס איז בײַ מיר נישטאָ?

— איינפאַכקייט, — האָט געענטפערט סאַמגין, נישט קענענדיק אַנדערש ענטפערן.

— יענע, וואָס בײַ די קעץ?

ער האָט זיך נישט אַנטשלאָסן צו זאָגן איר:

— יענץ, וואָס בײַ די קעץ, פאַרמאָגסטו צו פיל.

ווילד און זאַגאַר מיט כּעס צערטלענדיק זי, האָט ער אין געדאַנק איר סוגעסטירט:

— וויין. וויין.

זי האָט געקרעכצט, אָבער נישט געוויינט און קלים האָט ווידער קוים איינגעהאַלטן דעם פאַרלאַנג צו באַליידיקן, דערנידעריקן זי ביז טרערן.

איינמאָל, אינדערפֿינצטער, האָט זי צודרינגלעך אָנגעהויבן אויסצופֿרעגן אים: וואָס האָט ער איבערגעלעבט, צום ערשטן מאָל באַזיצנדיק אַ פֿרוי? אַ קלער געבנדיק, האָט קלים געענטפֿערט:

— שרעק. און — בושה. און — דו? דאַרטן, אויוון?

— ווייטיק און עקל, — האָט זי גלייך געענטפֿערט. — שרעקלעכס האָב איך דערפֿילט דאָ, ווען איך בין אַליין געקומען צו דיר.

שווייגנדיק אַ ווײַלע און אָפּרוקנדיק זיך פֿון אים, האָט זי געזאָגט:

— דאָס איז גאָר אפֿילו געווען נישט שרעקלעך, נאָר — מער. דאָס איז — ווי צו שטאַרבן. אַזוי פֿילט מען זיכער אין דער לעצטער מינוט פֿון לעבן, ווען ס'איז שוין נישטאָ קיין ווייטיק, נאָר — אַ מין פֿאַלן, אַ פֿליען אין דעם אומבאַוואוסט, אין אומפֿאַרשטענדלעכן.

און ווידער שווײַגנדיק אַ ווײַלע, האָט זי געגומען פֿליסטערן:

— און ס'איז געווען אַ מאָמענט, ווען ס'איז אין מיר עפּעס אָפּגעשטאָרבן, אומגעקומען. עפּעס געוויסע האָפֿנונגען. איך — ווייס נישט. דערנאָך — פֿאַראַכטונג צו זיך. נישט קיין רחמנות, ניין, פֿאַראַכטונג. אָט פֿון דעם האָב איך געוויינט, געדענקסט?

באַדויערנדיק, וואָס ער זעט נישט איר פּנים, האָט קלים אויך לאַנג געשוויגן, איידער ער האָט געפֿונען און געזאָגט איר די נישט נאַרישע ווערטער:

— דאָס איז בײַ דיר — נישט קיין ליבע, נאָר אַ פֿאָרשונג פֿון ליבע.

זי האָט שטיל און הכנעהדיק אַרויסגעפֿליסטערט:

— נעם מיך אַרום. שטאַרקער.

עטלעכע מינוט האָט זי זיך געפּירט נכנעדיק, נישט פֿרעגנ־דיק וועגן גאָרנישט און אפֿילו אַזויווי איינגעהאַלטענער אין די צערטלונגען, נאָכדעם האָט סאַמגין אויפֿסניי דערהערט אינדער־פֿינצטער איר הייסן, ראַצנדיקן פֿליסטער:

— אָבער דו מוזסט דאָך נאָכגעבן, אַז דאָס איז פֿאָרט ווייניק פֿאַרן מענטש!

— וואָס זשע דאַרפסטו? — האָט קלים געוואָלט פרעגן, אָבער ער האָט איינגעהאַלטן זיין אויפגעבראַכטקייט און נישט געפרעגט.

ער האָט געפילט, אַז „דאָס" איז פולשטענדיק געגוג און אַז אַלץ וואָלט געווען גוט, ווען לידיאַ וואָלט געשוויגן. אירע צערט־לונגען האָבן נישט איבערגעזעטיקט. ער האָט אַליין זיך געוואונ־דערט, וואָס ער האָט געפונען אין זיך דעם כּוח אויף אַזאַ שטורמיש לעבן און פאַרשטאַנען, אַז דעמדאָזיקן כּוח גיט אים לידיאַ, איר תּמיד אויסטערליש הייסער און אומדערמידלעכער קערפּער. ער האָט אַזש אָנגעהויבן שטאָלצירן מיט זיין פיזיאָלאָגישער אויסהאַלטעוודי־קייט און געקלערט, אַז ווען ער זאָל דערציילן מאַקאַראָוון וועגן דידאָזיקע נעכט, וואָלט דערדאָזיקער פּרא אדם אים נישט געגלייבט. דידאָזיקע נעכט האָבן אים לגמרי פאַרשלונגען. פאַרזאָרגט פון דעם פאַרלאַנג איינצושטילן לידיעס ווערטער־בונט, צו מאַכן זי איינפאַ־כער, דערטרעגלעכער, האָט ער נישט געקלערט וועגן גאָרנישט אַ חוץ איר און געוואָלט בלויז איינס: אַז זי זאָל פאַרגעסן אירע אומגעלומפּערטע שאלות, זי זאָל נישט שמעלצן מיט דעם אויפ־רעגנד טריבן סם זיין האָניק־חודש.

זי האָט זיך נישט איינגעשטילט, כאָטש די בייזע פייערלעך אין אירע אויגן האָבן שוין אַזוי ווי ווייניקער אָפט געפינקלט. אויס־געפרעגט האָט זי שוין אויך נישט אַזוי צודרינגלעך, אָבער בײַ איר איז אַנטשטאַנען אַ נייע שטימונג. זי האָט זיך אַרויסגעוויזן עפּעס אַזוי מיטאַמאָל. אינמיטן דער נאַכט איז זי אויפגעשפּרונגען פון בעט, צוגעלאָפן צום פענצטער, עס אויפגעעפנט און אַ האַלבע נאַקעטע זיך אָוועקגעזעצט אויפן פענצטער־אָנלען.

— דו וועסט זיך פאַרקילן, ס'איז קיל, — האָט זי געוואָרנט קלים.

— סאַראַ אומעט! — האָט זי געענטפערט געגוג הויך. — סאַראַ אומעט איז אין דידאָזיקע נעכט, אין דערדאָזיקער שטומקייט פון דער שלאָפנדיקער ערד און אין הימל. איך פיל זיך אין אַ גרוב... אין אַן אָפּגרונט.

— נו, אָט האַלט זי זיך אָצינד פאַר אַ געפאַלענעם מלאך, — האָט אַ קלער געטון סאַמגין.

ס'האָט אים געמאַטערט אַ פאַרגעפיל פון שווערע אומאָנגענעמלעכקייטן, צייטנווייז האָט ראַפּטום אויפגעפלאַקערט אַ מורא, אַז לידיאַ וועט מיד ווערן און אים אָפּשטויסן, און טיילמאָל האָט ער באַמערקט, אַז ס'קערט זיך צוריק צו אים די אָפּהענטיקייט פאַר לידיען און כמעט שטענדיק גלייך נאָכדעם האָט זיך אים געגלוסט שאַרף אַריינצוזאָגן איר, זיך נוקם צו זיין אין איר דערפאַר, וואָס ער איז אָפּהענטיק פאַר איר. ער האָט געזען, אַז ער איז נאַריש געוואָרן און שלעכט פאַרשטאַנען, וואָס ס'טוט זיך אַרום אים. און ס'איז טאַקע אויך נישט אַזוי לייכט געווען צו פאַרשטיין די באַדייטונג פון דער סומאַטאָכע, וועלכע וואַראַווקאַ האָט נישט אויפגעהערט צו צעפלאַקערן און צעבלאָזן. כמעט טאָגטעגלעך, אין די אָוונטן, האָבן דאָס עסצימער אָנגעפולט נייע פאַר קלימען מענטשן און מאַכנדיק מיט די קורצע הענט, שפּילנדיק זיך מיט דער גרוילעכער באָרד, האָט וואַראַווקאַ אַריינגערעדט אין זיי;

— וויטעס טאַקטלאָז אַריינמישן זיך אין דער מרידה פון די וועבערס, האָט צוגעגעבן דער מרידה אַ פּאָליטישן כאַראַקטער. ס'זעט אויס, ווי די רעגירונג וואָלט געוואָלט איבערצייגן די אַרבעטער, אַז די טעאָריע פון קלאַסן-קאַמף איז — אַ פאַקט, און נישט קיין המצאה פון די סאָציאַליסטן, — איר פאַרשטייט?

דער רעדאַקטאָר האָט שווייגנד און איינשטימיק צוגעשאָקלט מיטן געשליפענעם קאָפּ און זיין פּיאָלעטע ליפּ איז אָפּגעהאָנגען נאָך מער באַליידיקט.

אַ מענטש אין אַ סאַמעטענער קורטקע, מיט אַ גרויסאַרטיקן שלייף אויפן האַלז, מיט אַ גרויסער דיאַטעל-נאָז און שווינדזיכטיקע פלעקן אויף די געלע באַקן, האָט נישט הויך געוואָרטשעט:

— קלאַסן-קאַמף — איז נישט קיין אוטאָפּיע, ווען איינער פאַרמאָגט אַן אייגן הויז און דער אַנדערער בלויז טובערקולאָז.

באַקענענדיק זיך מיט קלימען, האָט ער אים אויסגעשטרעקט

אַ פֿאַרשוויצטע האַנט און אַ בליק געבנדיק אין פּנים אַריין מיט איבערהאַפּטע אויגן, געפֿרעגט

— נאַראַקאַוו, ראַבינזאָן — געהערט?

ער איז נישט איינגעזעסן, אָפּט און האַסטיק אויפֿגעשפּרונגען; כמורענדיק זיך, האָט ער אַלע מאָל געקוקט אויף זיין שוואַרצן זייגער, פֿאַרדרייט דאָס שיטערע בערדל ווי אַ גרייצער און עס אַריינגעשטעקט אין די אויסגעפּוילטע ציין; צומאַכנדיק די אויגן, האָט ער קרענקלעך איינגעשרומפּן די הויט פֿון פּנים מיטן איראָנישן שמייכל און ברייט צעבלאָזן די נאָזלעכער, אַזויווי אָפּיאָגנדיק עפּעס אַ נישט אָנגענעמען ריח. בײַ דער צווייטער באַגעגעניש מיט קלימען האָט ער אים מיטגעטיילט, אַז פֿאַר ראַבינזאָנס פּעליעטאָנען איז איין צייטונג פֿאַרמאַכט געוואָרן, אַ צווייטע איז אָפּגעשטעלט געוואָרן אויף דריי חדשים, עטלעכע צייטונגען האָבן באַקומען אַ „התראה“ און אין אַלע שטעט, וואו ער האָט געאַרבעט, זענען זיינע שונאים תּמיד געווען די גובערנאַטאָרס.

— מיינער אַ חבֿר, אַ סטאַטיסטיקער, — ער איז נישט לאַנג געשטאָרבן אין תּפֿיסה פֿון טיפֿוס, — האָט מיך גערופֿן: „גובערנאַטאָרן-בייטש“.

ס'איז שווער געווען צו פֿאַרשטיין, צי שפּאַסט ער אָדער רעדט ערנסט.

קלים האָט גלייך באַמערקט אין אים אַ נישט אָנגענעמען שטריך: דערדאָזיקער מענטש האָט באַטראַכט אַלע מענטשן דורך די וויעס, שפּאָטיש און פֿיינדלעך.

טיף אין דעם פּאָטעל איז געזעסן וואַראַווקעס שותּף צום אַרויסגעבן די צייטונג — פּאַוולין סאַוועליעוויטש ראַדיעעוו, אַן איינגעטימער פֿון צווײ דאַמף-מילן, אַ קיילעכיקער, מיט אַ טאַטעריש פּנים. וואָס איז אַריינגעשטעלט אין דעם גלייך צוגעשוירענעם בערדל, מיט ליבלעכע, קלוגע אויגן אונטערן בולטן שטערן. וואַראַווקאַ האָט, הפּנים, זייער אים געשעצט, אַלע מאָל אַ קוק געטון אין דעם טאַטערישן פּנים אַריין פֿרעגנד און דערוואַרטנדיק. אַלס ענטפֿער אויף וואַראַווקעס אויפֿגעבראַכטקייט צוליב דעם פּאָליטישן

צינים פון קאָנסטאַנטין פּאָבעדאָנאָסצעוו, האָט ראַדיעוו געזאָגט:

— די וואַנט איז גליקלעך טאַקע דערמיט, וואָס זי האָט אַ מיאוסן ריח.

דאָס איז געווען די ערשטע פראַזע, וועלכע קלים האָט דערהערט פון ראַדיעוועס מויל. זי האָט אים נאָך מער פאַרוואונדערט צוליב דעם, וואָס זי איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן עפּעס אַזוי מאָדנע, אַז זי האָט זיך גאָר נישט צונויפגעגאָסן מיטן מילנערס קרעפּטיקער, סאָלידער פיגור און מיט זיין פעסט, געזונט פּנים פון וואַקסקאָליר אָדער ריכטיקער — פון האָניק־קאָליר. אַ קעלעכל האָט ער געהאַט אַ פאַרבלאָזס, אַ שוואַכס, געדערעדט סיקענדיק; מיט אַ געוויסער אָנשטרענגונג, ווי מען רעדט נאָך אַ דויערהאַפטער קראַנקייט.

— צי נישט פון אייך האָט עס באַבאָריקין געשריבן דעם שייער־סאָקראַטעס „וואַסילי טערקין" — האָט אָן קונצן אים אַ פרעג געטון ראַבינזאָן.

— אַ שלעכטע אויסטראַכטונג, אָבער ס'איז פונדעסטוועגן דאָ דערין אמת, — האָט געענטפערט ראַדיעוו, האַלטנדיק אויפן בויך די פוכיקע הענטלעך און דרייענדיק די גראָבע פינגער אייבעם ארום דעם אַנדערן. — נישט פון מיר, נאַטירלעך, אָבער כ'מיין, אַז פון דער נאַטור פונדעסטוועגן. אויך צווישן דעם סוחרטום האָבן זיך באַוויזן מאַנכע דענקענדיקע.

סאַמגין האָט תּחילת אַ קלער געטון, אַז דערדאָזיקער סוחר איז, אפּנים, דורכגעטריבן און אכזריותדיק. ווען מ'האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן די הייליקע ביינער פון סעראַפים סאַראָווסקי, האָט ראַדיעוו אַ זיפץ געטון און געזאָגט:

— אוי, ס'וועט אונז נישט דערפירן צו קיין גוטס דאָסדאָזיקע אויסטראַכטן טויטע צדיקים, און מכּל־שכּן נאָך — לעבעדיקע. און מיר טוען דאָך דאָס נישט אויס חשק, נישט אויס באַדערפעניש, נאָר אויס רגילות, — כ'לעבן! ס'וואָלט גלייכער געווען מסכּים צו זיין דערויף, אַז אַלע — זענען רשעים, און — זאָלן אַלע לעבן בלוין מיט זינדיקע, ערדישע ענינים.

ער האָט ליב געהאַט צו רעדן און בפירוש זיך אויסגעפּיינט

דערמיט, וואָס ער קאָן פריי רעדן וועגן אַלעם מיט אייגענע ווער־טער. צוהערנדיק זיך צו דעם פּאַרבלאָזן קעלעכל, צו די שטילע, קיילעכיקע ווערטער, האָט סאַמגין אַנטדעקט אין ראַדיעוון עפּעס אַנגענעמס, וואָס העלפט שלום מאַכן מיט אים.

— איר, טימאָפעי סטעפּאַנאָוויטש, באַמערקט ריכטיק: אין אונזער ייִנגן דור רייסט־אָן אַ גרויסע שפּאַלטונג. צי דאַרף מען אין כּעס זיין אויף דעם? — האָט ער געפרעגט, שמייכלענדיק מיט די בורשטין־אייגעלעך און אַליין טאַקע געענטפערט אין רעדאַקטאָרס זיים אַריין:

— איך מיין מ׳דאַרף נישט. מיר, למשל, דאַכט זיך, אַז פּאַר אונזער מלוכה איז זייער נוצלעך אַ צוזאַמענשטויס פון יענע, וועל־כע גלייבן לויט הערצענען און לויט די סלאַוויאַנאָפילן, אַנשפּאַרנ־דיק זיך אויף ניקאָלאַי בעל־מופת אין דער פּערזאָן פון פויער־מיט יענע, וואָס ווילן גלייבן לויט העגעלן און מאַרקסן שטיצנדיק זיך אויף דאַרווינען.

ער האָט איבערגעכאַפּט דעם אָטעם, שנעלער גענומען זיך שפּילן מיט די פינגער און באַשאָנקען דעם רעדאַקטאָר מיט אַ שמייכעלע. דער רעדאַקטאָר האָט איינגעצויגן די אונטערשטע ליפּ, און די אויבערשטע האָט ער אויסגעצויגן אין אַ גלייכער ליניע, דערפון איז זיין פּנים געוואָרן קירצער, אָבער ברייטער און האָט אויך אַזוי ווי אַ שמייכל געטון, הינטער די ברילן־גלעזלעך האָבן זיך אַ ריר געטון פּאַרמלאָזע, טריבע פלעקן.

— דאָס איז, געוויס, די הויפּט־ליניע פון דער שפּאַלטונג, — האָט פאָרגעזעצט ראַדיעוו נאָך מער זינגעוודיק און ווייך. — אָבער ס׳צייכנט זיך אָן נאָך איינע, אויך אַ נוצלעכע: מ׳קאָן באַמערקן ייִנגע לייט, וועלכע לערנען זיך אַרויסזאָגן זייער מיינונג נישט בלויז וועגן די צרות פון פאָלק, נאָר אויך וועגן גורל פון דער רוסלענדישער מלוכה, וועגן דעם גרויסן סיבירישן וועג צום שטילן אָקעאַן און נאָך וועגן אַזוינע אינטערעסאַנטע ענינים.

מאַכנדיק אַ פויזע, הפּנים, דערויף, אַז די מענטשן זאָלן זיך אַריינטראַכטן אין דער וויכטיקייט פון דעם געזאָגטן, האָט דער

מילנער אַ שאַר געטון איבער דער פֿאַדלאַגע מיט די קורצע פיסלעך און פֿאַרגעזעצט:

— די אינדיווידואַליסטישע שטימונג פון מאַנכע איז אויך נישט אומנוצלעך, ס'קאָן זיין, אונטער זיי באַהאַלט זיך אַ סאָקראַטישע פּאַרטיפונג אין זיך גופא און אַ פּאַרטיידיקונג קעגן די סאָפיסטן. ניין, די יוגנט וואַקסט בא אונז אינטערעסאַנט און פּאַרשפּרעכט אַ סך. ס'איז זייער מערקווירדיק, וואָס די עקשנותדיקע תורה פון ליעוו טאָלסטאָי געפינט נישט, ווי מיר זעען, צווישן די יינגע לייט קיין תּלמידים און אַפּאָסטאָלן.

— יאָ, — האָט געזאָגט דער רעדאַקטאָר און אַראָפּגענומען די ברילן, אָפּגעדעקט אונטער זיי מילדע אויגן מיט צעפלאָסענע אַפּלען פון בעז־קאָליר.

ראַדיעעוון האָט מען תּמיד געהערט אויפמערקזאַם, וואָראָווקאַ פלעגט באַזונדער זיך איינזייגן מיט שאַרפן בליק אין דעם מילנערס האָניק־פּנים, אין די שטאַרקע, פּיאַווקישע ליפּן זיינע.

— אויסגעצייכנט קאָלערט דער מילנער אָניקסן, — האָט ער געזאָגט מיט אַ בוימלדיקן שמייכל. — אַ חיהש־קינדישע נשמה.

קלים סאַמגין האָט באַמערקט בא וואָראָווקען און ראַדיעעוון עפּעס געמיינזאַמס: בא וואָראָווקען זענען די הענט געווען קורץ, באַם מילנער זענען קאָמיש קורצע פּיסלעך.

און איבאַקאָוו האָט געזאָגט וועגן ראַדיעעוון:

— ס'איז אינטערעסאַנט אַ קוק צו געבן אויף אים אין באָד; באַקעטערהייט איז ער, מסתּמא, ענלעך צו אַ סאַמאָוואַר.

איבאַקאָוו איז אָקאָרשט אָנגעקומען פון ערגעץ־וואו פון אָרענבורג, פון טורגאַי־געביט; ער איז געווען אין קראַסנאָוואָדסק, געווען אין פּערסיע. מאָדנע אָנגעטון אין זעגל־לייוונט, אַ גרויער, אינגאַנצן אָזויווי ביז די ביינער דורכגעגעסן פון שטויב, אין סאַנדאַלן אויף די באָרוועסע פיס, אין אַ ברייטראַנדיקן, שטרויענעם הוט, מיט לאַנגע האָר, — איז ער ענלעך געוואָרן צו אַן אויפגעלעבטן פּאָרטרעט פון ראָבינזאָן־קרוזאָ, אויף די ביליקע אויסגאַבן פון דערדאָזיקער עוואַנגעליע פון אומבאַזיגבאַרע. שפּרייזנדיק איבערן עסצימער מיט אַ זשוראַוו־טריט, האָט ער אַראָפּגעריסן מיטן נאָגל

די ווייסע הויט-שיפּעלעך פון דער אָפּגעבערענטער נאָז און אַנטשלאָסן גערעדט :

— אָט דידאָזיקע באַשקירן, קאַלמיקן — באַלאַסטן בחינם די ערד. אַרבעטן קענען זיי נישט, לערנען זיך זענען זיי נישט פעיק. די נוטה-למותדיקע לייט, די פּערסיאַנער — ד'עסגלייכן.

ראַדיעוו האָט געקוקט אויף אים לייטזעליק און באַוועגט מיט די גלאַטיק צוגעקעמטע ברעמען, און וואַראָוקאַ האָט אונטערגעהעצט :

— וואָס-זשע זאָגט איר, וואו זיי אַהינטון ? אויסהאַרגענען ? דורך הונגער אויסמאַרדעווען?

— האַרבסטיקע בלעטער, — האָט געטענהט אינאָקאָוו, פאַרסקענדיק מיט דער נאָז, אַזויווי אַרויסבלאָזנדיק דעם הייסן שטויב פון סטעפּ.

— האַרבסטיקע בלעטער, — האָט איבערגעחזרט אין געדאַנק קלים, באַאָבאַכטנדיק די אים אומפּאַרשטענדלעכע מענטשן און געפינענדיק, אַז זיי זענען דורך עפּעס אַראָפּגערוקט געוואָרן פון זייערע נאַטירלעכע פּאָזיציעס. איטלעכער פון זיי, כּדי צו זיין קלאָרער, האָט געדאַרפט האָבן געוויסע צוגאָבן, אויסבעסערונגען, און אַזוינע מענטשן האָבן פאַר אים געשימערט אַלץ מער. ס'איז געוואָרן אַבסאָלוט אומדערטרעגלעך צו טאָפּטשען זיך אינם קאַראַהאָד פון די איבערמעסיקע און פאַרמאַטערנדיקע חכמים.

פונדערהייך איז אַראָפּגעקומען לידיאַ. זי האָט זיך געזעצט אין ווינקל, באַם קלאַוויר און מיט פרעמדע אויגן געקוקט פון דאָרטן, הילנדיק, ווי איר טבע, דעם בוזעם מיט אַ גאַזענעם שאַרף. דער שאַרף איז געווען אַ בלויער, פון אים האָבן זיך געלייגט אויף דעם אונטערשטן טייל פּנים אירן נישט אָנגענעמע פלעקן. קלים איז צופרידן געווען, וואָס זי שווייגט. פילנדיק, אַז ווען זי וואָלט אָנגעהויבן רעדן, וואָלט ער איר גענומען דערווידערן. באַטאָג און אין מענטשנס בייזיין האָט ער זי נישט ליב געהאַט.

די מוטער האָט זיך געהאַלטן מיט די געסט חשיבותדיק, נעשמייכלט צו זיי פון אויבן-אַראָפּ, אין איר האַלטונג איז געווען עפּעס — איר נישט אייגנטימלעכס, אָנגעצויגנס און טרויעריקס.

— עסט, — האָט זי מכבד געווען דעם רעדאַקטאָר, אינאָ־קאָוון, ראַבינזאָנען און מיט איין פינגער צוגערוקט זיי די טעלערס מיט ברויט, פוטער, קעז, וואַזעלעך מיט איינגעמאַכטס. אָנרופנדיק די ספּיוואַק ליזאַ, האָט זי זיך איבערגעקוקט מיט איר מיט אַ בליק פון אַ גלייך־טראַכטנדיקער, און די ספּיוואַק האָט לעבהאַפט דיס־פּוטירט מיט אַלע, מיט אינאָקאָוון אָפּטער פון די איבעריקע, מסתמא דערפאַר, וואָס ער איז געגאַנגען אַרום איר, ווי אַ קעלבל, צוגע־בונדן בײַ אַ שטריק אויף אַ פּלאַקן.

ספּיוואַק האָט זיך געפילט גיכער אַלס באַלעבאָסטע, ווי אַלס גאַסט, און דאָס האָט געניייט קלימען פאַרדעכטיק נאָכצו־קוקן איר.

ווען אַלע פרעמדע פלעגן אַוועקגיין, פלעגט די ספּיוואַק שפּאַ־צירן מיט לידיען אין גאָרטן אָדער זיצן בײַ איר אינדערהייך. זיי האָבן וועגן עפּעס הייס גערעדט און קלימען האָט זיך תמיד גע־וואָלט אונטערהערן — וועגן וואָס.

— לייענט דורך, — אינטערעסאַנט! — פלעגט זי זאָגן קלי־מען און אונטעררוקן אים די געלע ביכעלעך פון רענע דומיק, פעליסיע, פראַנסן.

— וואָס וויל זי — זי דערציט מיך? — האָט סאַמגין גע־קלערט, דערמאַנענדיק זיך, ווי די ניעכאַיעווא האָט אויך געפלעגט אים שענקען רעפּראָדוקציעס אויס די בילדער פון די פּרעראַפאַע־ליטן, פון ראָשגראָס, סטוק, קלינגער און די לידער פון די דע־קאַדענטן.

— איטלעכער באַמיט זיך דיר אָנצוהענגען עפּעס זיינס, כדי דו זאָלסט ווערן ענלעך צו אים און דאַדורך פאַרשטענדלעכער אים, נאָר איך — הענג קיינעם גאָרנישט אָן, — האָט ער געטראַכט מיט גאווה, אָבער זייער אויפמערקזאַם זיך איינגעהערט אין דער ספּי־וואַקס מיינונגען וועגן ליטעראַטור און אים איז געפעלן ווי זי רעדט וועגן דער נייער רוסישער דיכטונג.

— דידאָזיקע ייִנגעלייט איילן זיך זייער צו באַפרייען פון דער הומאַנישער טראַדיציע פון דער רוסישער ליטעראַטור. איני־דעראמתן זעצן זיי לעת־עתה בלויז איבער און שרייבן איבער די

פאַריזער דיכטער, דערנאָך קריטיקירן זיי פריינדלעך איינער דעם אַנדערן, רעדנדיק אין צוזאַמענהאַנג מיט די קליינטשיקע ליטעראַרישע גנבהלעך וועגן גרויסע געשעענישן אין דער רוסישער ליטעראַטור. מיר דאַכט זיך, אַז נאָך טוטשעוון איז אַ ביסל עם-האַרציש צו אַנטציקן זיך מיט די דעקאַדענטן פון מאָנמאַרטר.

פון צייט-צו-צייט פלעגט מיט אַ פאַרזיכטיקן גאַנג פון אַ געשלאָגענעם קאָטער אַריינקומען אין וואָראַווקעס קאַבינעט אַריין אַיוואַן דראַנאָוו מיט אַ טעקע אונטערן אָרעם, זויבער אָנגעטון און אין אומנאַטירלעך סקריפּעדיקע שיך. ער האָט זיך באַגריסט מיט קלימען, ווי אַן אָנגעשטעלטער מיטן זון פון אַ שטרענגן שעף, מאַכנדיק אויף דעם פויגלשן פּנים אַ פאַלש-באַשיידענע מינע.

— וואָס מאַכסטו ? — האָט געפרעגט סאַמגין.

— נישקשה, איך דאַנק אייך, — האָט געענטפערט דראַנאָוו, שטאַרק באַטאָנענדיק דאָס נאָמענסוואָרט און דערמיט צעטומלט קלימען. ווייטער האָבן זיי ביידע גערעדט אויף „איר”, און, געזעגנענדיק זיך, האָט דראַנאָוו מיטגעטיילט :

— מאַרגאַריטאַ האָט געבעטן צו גריסן אייך ; זי לערנט אַצינד האַנט-אַרבעט אין אַ מאַנאַסטיר-שולע.

— יאָ ? — האָט געזאָגט סאַמגין.

— יאָ. איך טרעף זיך מיט איר אָפט.

— צוליב וואָס האָט ער דאָס מיר געזאָגט ? — האָט באַאומרויִקט אַ קלער געטון סאַמגין, אַרויסבאַגלייטנדיק אים מיטן בליק דורך די ברילן, פון אונטערן שטערן אַפּער.

און תּיכּף פאַרגעסן אָן דראַנאָוון. לידיאַ האָט פאַרשלונגען אַלע זיינע רעיונות, אַרויסרופנדיק אַלץ מער פיינלעכע אומרויִקייט. קלאָר, אַז זי איז נישט יענע מיידל, ווי ער האָט זי זיך פאַרגעשטעלט. נישט יענע. אַלץ מער פּיזיש צויבערהאַפט, האָט זי שוין אָנגעהויבן צו באַציִען זיך צו אים מיט אַ באַליידיקענדיקן ביטול און נישט איינמאָל האָט ער אין איר אויספרעגן געהערט איראָניע.

— נו, זאָג, וואָס זשע האָט זיך געענדערט אין דיר ?

ער האָט געהאַלט זאָגן :

— גאָרנישט.

ער וואָלט געקאָנט זאָגן:

— כ'האָב תּופס געווען, אַז כ'האָב געהאַט אַ טעות.

אָבער ער האָט נישט געהאַט דעם מוט צו זאָגן דעם אמת, און ס'איז אויך נישט געווען די זיכערקייט, אַז דאָס איז — דער אמת און אַז מ'דאַרף אים זאָגן.

ער האָט געענטפערט:

— צו פרי צו רעדן וועגן דעם.

— אין מיר האָט זיך גאָרנישט געענדערט, — האָט אים לידיאַ אונטערגעזאָגט שעפּטשענדיק און איר פליסטער אין דער נאַכטיקער, שטיקנדער חשכות איז געוואָרן זיין קאָשמאַר. ס'איז געווען עפּעס דערדריקנדיקס אין דעם, וואָס זי שטעלט אירע משונה־דיקע שאלות דווקא שעפּטשענדיק, — ווי זי וואָלט זיך אַליין געשעמט, אָבער אירע פראַגעס האָבן געקלונגען אַלץ אומפאַרשעמטער. איינמאָל, ווען ער האָט איר געזאָגט עפּעס באַרויקנדיקס, האָט זי אים אָפּגעשטעלט:

— וואָרט־צו — פונוואַנען איז דאָס?

זי האָט אַ קלער געטון און זיך דערמאַנט:

— דאָס איז פון סטענדאַלס בוך „וועגן ליבע".

אויפגעשפרונגען פון בעט, איז זי זיך שנעל דורכגעגאַנגען איבערן צימער, איבער די געדיכטע און חיכטיקע שאָטנס פון די ביימער אויף דער פּאָדלאָגע. אירע פיס, אין שוואַרצע זאָקן, האָבן זיך מאָדנע צונויפגעגאָסן מיט די שאָטנס, איבערן העמד, בלוילעך באַפאַרבטן מיט לבנה־שיין, האָבן זיך אויך געגליטשט שאָטנס; ס'האָט זיך געדאַכט, אַז זי האָט נישט קיין פיס און פליט. אַ קוק געבנדיק אין פענצטער, איז זי געבליבן שטיין פאַרן שפּיגל, שטרענג אָנכמורענדיק די ברעמען. זי האָט אַזוי אָפּט און אויפמערקזאַם זיך באַטראַכט אין שפּיגל, אַז קלים האָט דאָס געפונען פאַר אויסטערליש און קאָמיש. זי שטייט, פאַרביסן די ליפּן, אויפגעהויבן די ברעמען און גלעט די ברוסט, דעם בויך, די היפטן. אַ חוץ איר נאַקעטן קערפּער האָט אין שפּיגל זיך אָפּגעשפּיגלט די וואַנט, באַקלעפּט מיט טונקעלע טאַפּעטן און ס'איז זייער נישט אָנגענעם

געווען צו זעען לידיען אַ צווייאיקע: איינע, אַ לעבעדיקע, שאָקלט זיך אויף דער פּאָדלאָגע, די אַנדערע גליטשט זיך איבער דער אומבאַוועגלעכער לײדיקייט פון שפּיגל.

קלים האָט נישט ליבלעך זי אַ פרעג געטון:

— דו מיינסט, אַז ביסט שוין שוואַנגער?

אירע הענט האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט פּאַזע דעם קערפּער, זי האָט זיך שנעל אומגעדרייט, געפרעגט דערשראָקן:

— וואָ·אָס?

און צוזעצנדיק זיך אויף אַ שטול, האָט זי געזאָגט מיט ווייטיקן פליסטער:

— אָבער נישט שטענדיק ווערן דאָך געבוירן קינדער! און ס'איז דאָך נאָך נישט קיין זעקס וואָכן...

— וואָס זשע, — האָסט מורא צו געבוירן? — האָט קלים געפרעגט, מיט פאַרגעניגן רייצנדיק זי. — און ווי קומט דאָ אהער — וואָכן?

זי האָט נישט געענטפערט און געשווינד אָנגעהויבן זיך אַנטון.

— אָבער געדענקסט, האָסט געוואָלט אַ יינגעלע און אַ מיידעלע?

זי האָט זיך אָנגעטון אַזוי שנעל, גלייך זי וואָלט וואָס גיכער זיך געוואָלט באַהאַלטן.

— כ'האָב געוואָלט? — האָט זי געמורמלט. — איך געדענק נישט.

— דו ביסט דעמאָלט אַלט געווען אַ יאָר צען.

— אַצינד געפעלן מיר נישט קיין יינגעלעך און מיידעלעך.

און איינביייגנדיק זיך, אָנטועענדיק די לאַטשן, האָט זי געזאָגט:

— נישט אַלע האָבן דאָס רעכט צו האָבן קינדער.

— און, סאַראַ פילאָזאָפיע!

— יאָ, — האָט זי פאַרגעזעצט, צוגייענדיק צום בעט. — נישט אַלע. אויב דו שרייבסט שלעכטע ביכער אָדער מאָלסט שלעכ-

טע בילדער, איז דאָס גאָרנישט אַזוי שעדלעך, אָבער פּאָר שלעכטע קינדער דאַרף מען באַשטראָפן.

קלים איז אויפגעבראַכט געוואָרן:

— פונוואַנען קומען צו דיר דידאָזיקע זקנישע המצאות? ס'איז קאָמיש צו הערן. דאָס רעדט אַזוי די ספּיוואַק?

זי איז אַוועקגעגאַנגען מיט איר לייכטן גאַנג, פּאָרזיכטיק טרעטנדיק אויף די פינגער פון די פיס. ס'האָט נאָר געפעלט, אַז זי זאָל אונטערהייבן דאָס קלייד, דעמאָלט וואָלט אויסגעזען, אַז זי גייט איבער אַ בלאָטיקער גאַס.

קלים האָט געזען, אַז אַלץ אָפטער און מיט אומפאַרשטענדלעכער שנעלקייט אַנטשטייען צווישן אים און לידיען נישט אָנגענעמע שמועסן, אָבער באַזייטיקן דאָס האָט ער נישט געקאָנט.

איינמאָל, ענטפערנדיק אויף איינע פון אירע געוויינלעכע שאלות, האָט ער נאַכלעסיק איר אַן עצה געגעבן:

— לייען איבער „היגיענע פון הייראַט". ס'איז דאָ אַזאַ ביכל, אָדער נעם אַ לערבוך פון אַקושעריע.

לידיאַ האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן בעט, אַרומנעמענדיק אירע קניען, אַרויפגעלייגט אויף זיי די גאָמבע און געפרעגט:

— לויט דיין מיינונג, פירט אַלצדינג צו אַקושעריע? נאָכוואָס זשע זענען דאַן די געדיכטן? וואָס רופט אַרויס די געדיכטן?

— דאָס פרעג זיך בײַ מאַקאַראָוון.

שמייכלענדיק איראָניש האָט ער צוגעגעבן:

— מאַראַקועוו האָט זייער געלונגען אָנגערופן מאַקאַראָוון „פּראָוואַנסאַלער טרובאַדור פון קריוואָקאָליענער געסל".

לידיאַ האָט זיך אויסגעדרייט צו אים און, אויסגלייכנדיק מיטן שפּיציקן נאָגל פון קליינעם פינגער זיינע ברעמען, געזאָגט:

— דו רעדסט שלעכט. און תמיד, גלייך דו וואָלסט געהאַלטן אַן עקזאַמען.

— אַזוי איז עס טאַקע, — האָט קלים געענטפערט. — וואָרים דו הערסט נישט אויף אויסצופרעגן.

די שטימע אירע האָט געקלונגען מיט צוויי טענער, ווי אין דער קינדהייט:

— איך בין אָפּט מסכּים מיט דיר, אָבער דאָס איז צוליב דעם, כּדי זיך נישט צו שפּאָרן. מיט די קאָן מען וועגן אַלעם זיך שפּאָרן, אָבער איך ווייס, אַז דאָס איז צוועקלאָז. דו ביסט — אַ גליטשיקער... און בּאַ דיר איז גישטאָ קיין ווערטער, וואָס זענען דיר טייער.

— איך פאַרשטיי נישט, נאָכוואָס דו זאָגסט דאָס, — האָט בּרוגזדיק געזאָגט סאַמגין, אָנשטויסנדיק זיך, אַז ס'קומט אָן עפּעס אַ דעצידירנדער מאָמענט.

— נאָכוואָס איך זאָג? — האָט זי איבּערגעפרעגט נאָך אַ פּויזע. — אין איין אָפּערעטקע זינגט מען: „ליבּע? וואָס איז אַזוינס — ליבּע?" איך קלער וועגן דעם פון דרייצן יאָר אָן, פון יענעם טאָג, ווען איך האָב צום ערשטן מאָל זיך דערפילט אַלס פרוי. דאָס איז געווען זייער בּאַליידיקענד. איך קאָן נישט אַ חוץ דעם וועגן גאָרנישט קלערן.

סאַמגינען האָט זיך געדאַכט, אַז זי רעדט פאַרלוירן, שולדיק. ס'האָט זיך פאַרגלוסט צו זען איר פּנים. ער האָט אָנגעצונדן אַ שוועבעלע, אָבער לידיאַ האָט ווי שטענדיק אַ זאָג געטון מיט דענערווירונג, פאַרדעקנדיק דאָס פּנים מיט דער האַנט:

— מ'דאַרף נישט קיין פייער.

— דו האָסט ליבּ צו שפּילן אינדערפינצטער, — האָט אַ שפּאַס געטון קלים און — חרטה געקריגן: — נאַריש.

אין גאָרטן האָט גערוישט דער ווינט, די בּלעטער האָבּן געשאַרט איבּער די שויבּן, אין די קוואַטירן האָבּן דראָבּנע געקלאַפּט די צווייגלעך און ס'האָט זיך נאָך געהערט עפּעס אַן אומפאַרשטענדלעכער זיפצנדיקער קלאַנג, גלייך אַ קליינטשיק הינטל וואָלט אונטערגעוואָיעט דורכן שלאָף. דערדאָזיקער קלאַנג, אַריינגיסנדיק זיך אין לידיעס פליסטער, האָט צוגעגעבּן אירע ווערטער אַ פאַרבּיטערטן טאָן.

— מען דאַרף נישט ליגנט זאָגן איינער דעם אַנדערן, — האָט סאַמגין געהערט. — מען זאָגט ליגנט, כּדי צו לעבּן בּאַקוועמער, אָבּער איך זוך נישט קיין בּאַקוועמלעכקייטן, פאַרשטיי דאָס! איך ווייס נישט, וואָס איך וויל. ס'קאָן זיין — דו בּיסט גערעכט:

אין מיר איז דאָ עפּעס אַלטס, דערפֿון האָב איך טאַקע נישט ליב גאַרנישט און אַלץ ווייזט זיך מיר אויס נישט ריכטיק, נישט אַזוי, ווי מ׳דאַרף.

דאָס ערשטע מאָל, פֿאַר דער גאַנצער צייט פֿון דער פֿאַרבינדונג מיט איר, האָט קלים דערהערט אין אירע ווערטער עפּעס פֿאַרשטענדלעכס און אים קרובישס.

— יאָ, — האָט ער געזאָגט. — אַ סך איז אויסגעטראַכט, דאָס ווייס איך.

און דאָס ערשטע מאָל האָט זיך אים פֿאַרגלוסט עפּעס אַזוי באַזונדער צו צערטלען לידיען, צו רירן זי ביז טרערן, ביז אומגעווייִנלעכע פֿאַרטרויונגען, אַז זי זאָל אויפֿדעקן איר נשמה פּונקט אַזוי לייכט, ווי זי איז געוואוינט אויפֿצודעקן דעם ברויִנדיקן קערפּער. ער איז זיכער געווען, אַז באַלד וועט ער זאָגן עפּעס דערשיטערנדיק אייגנאַרטיקס און פּקחדיקס, וועט אויסקוועטשן פֿון אַלעם, וואָס ער האָט איבערגעלעבט, אַ ביטערן, נאָר היילנדיקן זאַפֿט פֿאַר זיך און פֿאַר איר.

— מיר דאַכט זיך, אַז גליקלעכע מענטשן זענען נישט די יינגע, נאָר — די שכורע, — האָט זי ווייטער געפֿליסטערט. — איר אַלע האָט נישט פֿאַרשטאַנען דיאָמידאָוון, מיינענדיק, אַז ער איז משוגע, אָבער ער האָט וואונדערבאַר געזאָגט: „ס׳קאָן זיין גאָט איז אויסגעטראַכט, נאָר קירכעס — זענען דאָ, אָבער ס׳וואָלט באַדאַרפֿט זיין בלויז גאָט און דער מענטש, די שטיינערנע קירכעס דאַרף מען נישט. דאָס פֿאַראַנענע קווילט“, — האָט ער געזאָגט.

— אַנאַרכיזם פֿון אַ האַלבן אידיאָט, — האָט אייליק אַ זאָג געטון קלים. — איך ווייס דאָס, כ׳האָב געהערט: „דאָס האַלץ — איז אַ נאַר, שטיין — איז אַ נאַר“ און דעסגלייכן... טפּשות!

ער האָט געפֿילט, אַז אין אים שווילן־אָן העכסט באַדייטנדיקע געדאַנקען, אָבער צום אויסדריקן זיי האָט דער זכרון להכעיסדיק אונטערגעזאָגט פֿרעמדע ווערטער, וואָס זענען שוין מסתמא לידיען באַקאַנט געווען. זוכנדיק אייגענע ווערטער און וועלנדיק אָפּשטעלן לידיעס פֿליסטערן, האָט סאַמגין אַרויפֿגעלייגט די האַנט אויף איר אַקסל, אָבער זי האָט אַזוי שנעל אַראָפּגעלאָזט דעם

אַקסל, אַז זיין האַנט האָט זיך אַראָפּגעגליטשט צום עלנבויגן, און ווען ער האָט אַ דריק געטון דעם עלנבויגן, האָט לידיאַ אַ פּאָ-דער געטון:

— לאָז-אָפּ.

— פאַרוואָס?

— כ׳גיי אַוועק.

און איז אַוועקגעגאַנגען, איבערלאָזנדיק אים ווי תּמיד, אין פינצטערניש, אין שטילקייט. נישט זעלטן איז פאָרגעקומען אַזוי, אַז זי איז ראַפּטום אַוועקגעגאַנגען, ווי דערשראָקן פון זיינע ווערטער, אָבער דאָסמאָל איז איר אַנטלויפן געווען באַזונדער באַליידיקנד, זי האָט אַוועקגעשלעפּט נאָך זיך, ווי איר שאָטן, אַלץ, וואָס ער האָט איר געוואָלט זאָגן. אַראָפּשפּרונגען פון בעט, האָט קלים אויפ-געעפנט דאָס פענצטער, אין צימער האָט זיך אַריינגעריסן דער ווינט, אַריינגעטראָגן אַ ריח פון שטויב, אָנגעהויבן בייז איבערמישן די בלעטלעך פון בוך אויפן טיש און געהאָלפן סאַמגינען עמפּערט צו ווערן.

— מאָרגן וועל איך זיך דורכרעדן מיט איר, — האָט ער באַשלאָסן, פאַרמאַכט דאָס פענצטער און זיך צוריקגעלייגט אין בעט אַריין. — גענוג די קאַפּריזן, די פלאַפּלעריי...

אים האָט זיך געדאַכט, אַז לידיעס שטימונג ווערט לגמרי אומבאַגרייפלעך און ער האָט זי שוין אָנגערופן צווייפּנימדיקע. דאָס צווייטע מאָל האָט ער באַמערקט, אַז אפילו פיזיש איז לידיאַ אויך צווייאיק: ווידער רוקט זיך אַרויס דורך אירע באַקאַנטע גע-זיכטס-שטריכן דאָס הינטער זיי פאַרבאָרגענע צווייטע פּנים, וואָס איז אים פרעמד. ס׳פלעגן זי פלוצלינג באַהערשן אויסברוכן פון צערטלעכקייט צום פאָטער, צו וויערא פּעטראָוונאַ און אויסברוכן פון עפּעס אַ מין אינסטיטוטישער פאַרליבטקייט אין יעליזאַוועטאַ ספּי-וואַק. ס׳זענען געווען טעג, ווען זי האָט געקוקט אויף אַלע מענטשן נישט מיט אירע אויגן, ווייך, מיטפילנד און מיט אַזאַ עצבות, אַז קלים האָט אומרויק געטראַכט, אָט באַלד וועט זי אָנהייבן זיך אויסרעדן, וועט אומגעלומפּערט דערציילן וועגן איר ראָמאַן מיט אים און זיך צעווייגען מיט שוואַרצע טרערן. אים איז זייער גע-

פעלן שוואַרצע טרערן, ער האָט געפונען, אַז דאָס איז איינס פון זיינע גוטע אויסטראַכטונגען.

ער האָט באַזונדער געגאַפט, באַאַבאַכטנדיק, ווי זאָרגפעלטיק לידיאַ גייט אום אַרום זיין מוטער, וועלכע פלעגט פונדעסטוועגן רעדן מיט איר אויס געגאַד, דאָקטאָראַליש, און קוקן נישט אין מיידלס פנים אַריין, נאָר אין שטערן אָדער איבער איר קאָפּ אַריבער.

אָבער פלוצלינג האָט דידאָזיקע זאָרגפעלטיקייט זיך פאַרענדיקט מיט אַן אומגעריכטער און כמעט גראָבער האַנדלונג. איינמאָל אינאָוונט, בײַ דער טיי, האָט וויעראַ פּעטראָוונאַ גענעדיק געלערנט לידיען:

— דאָס רעכט פון קריטיק באַזירט אָדער אויף פעסטן גלויבן אָדער אויף געניטעם וויסן. איך פיל נישט דיינע גלויבונגען, און דיין וויסן, מוזסטו מסכים זיין, איז נישט גענוגנד...

לידיאַ האָט, נישט אויסהערנדיק ביזן סוף, געזאָגט:

— דער קוטשער מיכאַיל שרייט אויף די מענטשן, אָבער ער אַליין זעט נישט, וואוהין מ'דאַרף פאָרן און ס'איז תמיד אַ מורא, אַז ער וועט עמעצן צעקוועטשן. ער זעט שוין זייער שלעכט. פאַרוואָס ווילט איר אים נישט היילן?

פרעגנד אַ קוק געבנדיק אויף וואַראַווקען, האָט וויעראַ פּעטראָוונאַ אַ קוועטש געטון מיט די אַקסלען, און וואַראַווקאַ האָט אַ מורמל געטון:

— היילן? ער איז אַלט פיר און זעכציק יאָר... דערפון איז נישט אויסצוהיילן.

לידיאַ איז אַוועקגעגאַנגען, און אין עטלעכע מינוט אַרום זיך באַוויזן אין גאָרטן, לעבהאַפט שמועסנדיק מיט דער ספּיוואַק און קלים האָט געהערט איר פראַגע:

— אָבער פאַרוואָס דאַרף איך פאַרריכטן פרעמדע פעלערן?

טײלמאָל האָט קלים געפילט, אַז לידיאַ באַציט זיך צו אים אַזוי טרוקן און אַנגעצויגן, גלייך ער וואָלט געווען אין עפּעס שולדיק קעגן איר און כאָטש זי האָט אים שוין מוחל געווען, איז דאָך נישט לייכט געווען איינגאַנצן אים מוחל צו זיין.

דערמאָנענדיק זיך דאָס אַלץ, האָט ער נאָכאַמאָל אַ קלער געטון:

— יאָ, מאָרגן טאקע וועל איך זיך דורכרעדן.

צומאָרגנס אינדערפרי, בײַ דער טיי, האָט וואַראַווקאַ, אויסטרייסלענדיק פון דער באָרד די ברויט־קרישקעס, מיטגעטיילט קלימען:

— הייַנט באַקען איך די רעדאַקציע מיט די קולטור־כוחות פון שטאָט. אויף די זיבעציק טויזנט אײַנוואוינער האָט זיך אַרויסגעוויזן פערצן קרעפּטן, נ־יאָ, ברודער! דריי קרעפּטן געפינען זיך אונטער אָפענער פּאָליציי־השגחה. און כמעט אַלע איבעריקע זענען, ווודאי, אונטער נישט אָפענער. זער קאָמיש...

ער האָט זיך פאַרטראַכט, אויסגעקוועטשט אין זײַן גלאָז טיי אַריין אַ העלפט פון ציטרין און געזאָגט, אַ זיפץ געבנדיק:

— אונזער מלוכה איז, באמת, ברודער, די אָריגינעלסטע מלוכה, דאָס קעפל איז בײַ איר נישט לויטן קאָרפּוס — קליין. כ'האָב געשיקט לידיען אויף דער זומערוואוינונג אײַנצולאַדן דעם שרייבער קאַטין. וואָס זשע, דו וועסט שרייבן קריטיק, הא?

— כ'וועל פּרוּוון, — האָט געענטפערט קלים.

דער אָוונט מיט די פערצן קרעפּטן האָט אים דערמאַנט אָן די שבתדיקע זיצונגען אַרום דעם שטרודל בײַם פעטער כריסאַנף.

דער שטאַרק פאַרעלטערטער אַדוואָקאַט גוסעוו האָט אויסגעפּאַשעט דעם בויך און אַרויפשטופּנדיק אים אויף ספּיוואַקס מירביק פיגורל, האָט ער זיך פלעגמאַטיש אויפגעבראַכט קעגן פאַרשפּרייטן אין דער אַרמיי באַלאַלייקעס:

— אַ פלייטל, אַ האָרן, אַ ציטרע, — דאָס זענען אמת פאָלקסטימלעכע אינסטרומענטן. אונזער פאָלק איז ליריש. אַ באַלאַלייקע אַנטשפּרעכט נישט זײַן גייסט...

ספּיוואַק, קוקנדיק אויף זײַן ברוסט מיט די שוואַרצע ברילן־גלעזלעך, האָט שרעקעוודיק געענטפערט:

— איך מיין, אַז דאָס איז נישט אמת, און ס'איז נאָר אַ טבע אַזאַ צו זאָגן: פאָלקסטימלעך אַנשטאָט — שלעכט.

— און ער האָט זיך געווענדט צום ווייב:

— כ'וועל גיין הערן, צי ער ווייםט נישט.

ער איז אַוועקגעלאָפן, און גוסעוו האָט גענומען דערווייזן דעם סטאַטיסטיקער קאָסטין, אַ מענטש מיט אַ פּוקלע, ווייבעריש פּנים:

— איך בין, נאַטירלעך, מסכּים, אַז אַלעקסאַנדער דער דריטער איז געווען אַ נאַרישער קייסער, אָבער ער האָט פּאָרט אָנגעגעוויזן אונדז דעם ריכטיקן וועג אַראָפּצווינקען אין נאַציאָנאַליטעט.

דער סטאַטיסטיקער, וואָס איז באַקאַנט געווען דער גאַנצער שטאָט מיט זיין געוואוינטקייט צום זיצן אין תּפיסה, האָט גוטמוטיק אָפּגעלאַכט, אויסרעכנענדיק:

— די קירכלעך-פּאַראַפיאַלע שולן, דער בראָנפן-מאָנאָפּאָל... ראָבינזאָן האָט זיך אַריינגעמישט.

— אויב שוין אַריינלאָזן זיך אין נאַציאָנאַליטעט, דאַן טאָר מען אויך די באַלאַלייקע נישט נעגירן.

קאָסטין האָט איבערגעשלאָגן ראָבינזאָנען און אויסגעשריגן:

— דאָס אַלץ — איז אַ פּאָליטיק פון אַריינשטעקן שטרויעלעך אין די רעדער פון דער געשיכטע...

מעלאַנכאָליש שמייכלענדיק, האָט אינאָקאָוו געזאָגט קלימען:

— דער תּפיסה-זיצער רעדט וועגן געשיכטע, פּונקט ווי אַ געטרייער קנעכט וועגן זיין פּריצה.

אינאָקאָוו איז שלעכט-בשורהדיק אָנגעטון אין אַ שוואַרצער, טוכענער בלוזע, אונטערגעגאַרטלט מיט אַ ברייטן רעמעט, די שוואַרצע הויזן זיינע זענען אַריינגעמאַכט אין די שטיוול; ער איז זייער דאַר געוואָרן און, באַקוקנדיק אַלע מיט בייזע אויגן, גייט ער אָפּט צו צוזאַמען מיט ראָבינזאָנען צום משקאות-טיש. און תּמיד הינטער זיי זייטיק, ווי אַ קראַב, גייט נאָך דער רעדאַקטאָר. קלים האָט צוויי מאָל געהערט, ווי ער האָט מיט אַ האַלב קול געזאָגט צום פעליעטאָניסט:

— איר, נאַראָקאָוו, שטרענגט זיך נישט אָן צופיל, אייך — איז שעדלעך.

באַם טיש האָט קאָמאַנדעוועט דער שרייבער קאַטין. ער איז נישט עלטער געוואָרן, בלויז אויף די שלייפן האָבן זיך באַוויזן גרייז־גרויע האָר־צינגעלעך און אויף די פעסטע בעקלעך גע־מעלן פון רויטע אָדערלעך. ער האָט ווי אַ באַלעמל זיך געקאָלערט פון איין ווינקל אין אַנדערן, געכאַפּט די מענטשן, געשלעפּט זיי צום בראָנפן און הייטער, אויף אַ טעגאָר־קעלעכל, געטריבן קאַטאָ־וועס פון רעדאַקטאָר:

— ווען מיר צעטרייסלען דעם בירגער, מאַקסימיטש? ווען מיר אים אויסזאָליען? דו לאָז נאָר דעם מאַרקסיזם נישט אַריין! חעסט נישט לאָזן? אָט־אָס! איך בין — פון אַלטן גלויבן...

און צופייסנדיק, זשמורענדיק די אויגן פון התלהבות, האָט ער גערעדט:

— ניין, דאָס איז פאָרט אַ פאַבריק־שוואָם. זי באַגייסטערט נישט! אָבער האָט זיך מיין ווייבס שוועסטער אויסגעלערנט מאַרי־נירן שוואָמען — פלאַי־פלאַים!

גוסעווס געהילף, דער יינגער אַדוואָקאַט פּראַוודין, פאַר־קנעפּלט אין דעם פיין אויפגעבייטן פראַק, אַ פאַרקעמטער און פאַר־פומירטער, ווי אַ פריזירער, האָט איינגעטענהט מיט טאָמילינען און קאָסטינען:

— די פעסטגעשטעלטע נאָרמען פון רעכט...

טאָמילין האָט צוגעשמייכלט מיט אַ קופּערנעם שמייכל, און קאָסטין, צערטלעך רייבנדיק זיין אומנאַטירלעך אַנטוויקלטן הינטן, האָט דערווידערט מיט אַ ווייך טענאָרל:

— אָט אין דידאָזיקע נאָרמעס אייערע זענען טאַקע באַהאַלטן אַלע יסודות פון סאָציאַלן קאָנסערוואַטיזם.

די אַלמנה פון נאָטאַריוס קאָזאַקאָוו, אַ געוועזענע קורסיסטקע, אַ טוערין אויפן געביט פון פאָרשול־דערציונג, אַ פרוי אין פענסנע, מיט אַ שיין און שטרענג געזיכט, האָט אויפגעוויזן דעם רעדאַקטאָר, אַז פעסטאַלאָצים און פרעבעלס טעאָריעס קאָנען נישט אָנגעווענדט ווערן אין רוסלאַנד.

— באַ אונז איז דאָ פּיראָגאָוו. ס'איז דאָ...

ראָבינזאָן האָט איר איבערגעהאַקט, דערמאַנענדיק, אַז פּי־

ראַגאָוו האָט רעקאָמענדירט צו שמייסן קינדער און גענומען דעק־לאַמירן דאָבראָליובאָווס געדיכט:

אָבער נישט מיט יענע געוויינלעכע שמיץ,
ווי מען שמייסט איבעראַל, אָן אַ כּוף,
נאָר אַזוי, ווי אַלס פּאַסנד האַלט פאַר אונז
ניקאָלאַי איוואַנאָוויטש פּיראָגאָוו...

— דאָס געדיכט איז מיאוס, און אין איירָאָפּע שמייסט מען אומעטום קינדער, — האָט אַנטשלאָסן דערקלערט די קאָזאַקאָווא.

דער דאָקטאָר ליובאָמודראָוו האָט געצווייפלט:

— אומעטום? און, דאַכט זיך, מען שמייסט נישט, נאָר מען שלאָגט מיט אַ ווירע איבער די הענט.

— מען שמייסט אויך, — האָט זיך געהאַלטן בּאַ אירס די קאָזאַקאָווא. — אין ענגלאַנד שמייסט מען אויכעט.

אָנגעטון אין אַ בּלויען ראָק פון האַריקן שטאָף, אין שווערע הויזן, נידריק אַראָפּגעלאָזטע אויף די טעמפּ־שפּיציקע שטיוול, איז טאָמילין אַרומגעגאַנגען איבערן עסצימער, ווי איבער אַ מאַרק, האָט געווישט מיטן טיכל דאָס שטאַרק פאַרשוויצטע, רויטע פּנים, זיך צוגעקוקט, צוגעהערט און נאָר פון צייט־צו־צייט כּלאחר יד אַריינגעוואָרפן קורצע פראַזן. ווען פראַוודין, אַ ליידנשאַפטלעכער טעאַטראַל, האָט אַ געשריי געטאָן צו עמעצן:

— דערלויבט, דאָס איז אַ פאָרורטייל, אַז טעאַטער — איז אַ שולע, טעאַטער — איז שוישפּיל! — האָט טאָמילין אַ זאָג געטון, שפּאָטיש צושמייכלענדיק:

— דאָס גאַנצע לעבן איז — שוישפּיל.

דער קאַפּיטאַן גאַרטאַלאָוו, אַ געוועזענער דערציער אין קאַ־דעטישן קאָרפּוס, וואָס אים איז די פּעדאַגאָגישע טעטיקייט פאַר־וועדט געוואָרן, אַ סאָלידער לאַנדס־קענער, אַ טאַלענטירטער בּלו־מען־האָדעווער און גערטנער, אַ מאַגערער, אַדערדיקער, מיט היי־סע אויגן, האָט אויפגעוויזן דעם רעדאַקטאָר, אַז פּראָטובעראַנצן דערשיינען אַלס רעזולטאַט פונם פאַלן פון האַרטע קערפּערס אויף

דער זון און פון צעפּליושקען איר מאַסע, און באַם טיי־טיש איז זיך קרעפּטיק געזעסן ראַדיעװ און גערעדט צו די דאַמען:

— זייענדיק אַ ביסל, — איבעריקנס גאַר קנאַפּ, — אַנגע־לייענט און קענענדיק אייראָפּע, האַלט איך, אַז רוסלאַנד האָט אין דער פּערזאָן פון איר אינטעליגענץ געשאַפן עפּעס העכסט אויס־שליסלעכס און פון אַן אומגעהייערן װערט. אונזערע זעמסקע דאָקטוירים, סטאַטיסטיקער, דאָרפס־לערער, שריפטשטעלער און בכלל די מענטשן פון גייסטיקן געביט זענען אַן אומגעװײנלעכער אוצר...

— ער שפּאַסט? איראָניזירט? — האָט געטראַכט סאַמגין, הערנדיק דאָס גלאַטיקע, שװאַכע שטימעלע.

דער קאַפּיטאַן גאָרטאַלאָװ איז מיט אַ פּאַראַדנע טריט פון אַ סאָלדאַט צוגעגאַנגען צו ראַדיעװן, אויסגעשטרעקט אים אַ לאַנ־גע האַנט.

— אַ ריכטיקע אָפּשאַצונג. אַ הערלעכע אידעע. מיין אידעע. און דעריבער — דאַרף די רוסישע אינטעליגענץ זיך פאַרשטיין אַלס געװיסע איינהייטלעכע גאַנצקייט. אַזוי. װי דהיינו, דער אָרדן פון יאַ־אַניטן, יעזויטן, יאָ! די אינטעליגענץ, אינגאַנצן, דאַרף װערן אַן איינהייטלעכע פּאַרטיי, און נישט צעברעקלען זיך! דאָס װערט אונז אָנגעװיזן דורך דעם גאַנצן גאַנג פון דער היינטיקער צייט. דאָס דאַרף אונז אויך אונטערזאָגן דאָס געפיל פון זעלבסטפאַרהיטונג. מיר האָבן נישט קיין פריינד, מיר זענען — פרעמדלענדישע. יאָ. די ביוראָקראַטן און קאַפּיטאַליסטן פאַרקנעכטן אונז. פאַרן פאָלק זענען מיר — אויסטערלישע ברואים, פרעמדע מענטשן.

— ריכטיק, — פרעמדע! — האָט ליריש אויסגערופן דער שרייבער קאַטין, שוין אַ ביסל בגלופינדיק.

אין קאַפּיטאַנס װערטער איז געװען עפּעס פויקנדיקס, זיין קול האָט פּאַרטויבט. ראַדיעװ האָט, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, פאַר־זיכטיק זיך אָפּגערוקט צוזאַמען מיט דער שטול און געמורמלט:

— דאָ איז נייטיק אַן אויסבעסערונג...

ס'אין אריינגעקומען ספיװאַק, זיך אָנגעבויגן צו דער פרוי און געזאָגט:

— ער שלאָפט. שלאָפט פעסט.

דידאָזיקע אַלע מענטשן האָבן לחלוטין נישט אינטערעסירט קלימען, ווידעראַמאָל אויפלעבנדיק אין זכרון דעם קינדישן איינדרוק: די געכאַפּטע דורכן שכורן פישער ראַקעס רייבן מיט די ווידלען און קריכן אין אַלע זייטן אויף דער פּאָדלאָגע פון קיך. גלייכגילטיק הערנדיק זיינע רייד, אויסדרייענדיק זיך פון אָנטיילנעמען אין די וויכוחים, האָט ער זיך צוגעקוקט צו אינאָקאָוון. אים איז נישט געפעלן, וואָס אינאָקאָוו איז געפאָרן מיט לידיען אויף דער זומערוואַינונג, איינצולאַדן דעם שרייבער קאַטין, ס׳איז נישט געפעלן, וואָס דערדאָזיקער גראָבער בחור וויגט זיך אַזוי פאַמיליאַר צווישן לידיען און דער ספּיוואַק, אָנבייגנדיק זיך מיט אַ געלעכטערל דאָ צו איינער, דאָ צו אַ צווייטער. אין אָנהייב פון אָוונט איז אינאָקאָוו מיט אַזאַ שמייכעלע אויך צוגעקומען צו אים און געפרעגט:

— מ׳האָט צעריסגעבעטן פון אוניווערזיטעט?

די אומגעריכטקייט און די פאָרם פון דער פראַגע האָבן צעטומלט קלימען, ער האָט אַ בליק געטון אין דעם בחורס אומגעלונגענע פּנים אַריין פרעגנד.

— איר האָט געבונטעוועט? — האָט יענער אויפסניי אַ פרעג געטון, און ווען קלים האָט אים געזאָגט, אַז ער האָט דעמדאָזיקן סעמעסטער זיך נישט געלערנט, האָט אינאָקאָוו אָן חכמות געשטעלט די דריטע שאלה:

— אויס פאָרזיכטיקייט זיך נישט געלערנט?

— ווי קומט אַהער — פאָרזיכטיקייט? — האָט טרוקן איבערגעפרעגט קלים.

— כּדי נישט אַריינצופאַלן אין דער געשיכטע, — האָט דערקלערט אינאָקאָוו און זיך אויסגעדרייט מיט דער פּלייצע.

און אין עטלעכע מינוט אַרום האָט ער דערציילט וויעראַ פּעטראָוונען, לידיען און דער ספּיוואַק.

— ס׳איז אַריבער אַ צוויי חדשים, האָט ער זיך אומגעקערט פון פּאַריז, געטראָפן מיך אויף דער גאַס, לאַדט ער איין: קומט צו גיין, איך מיט מיין פרוי האָבן אַ מערקווירדיקע זאַך געקויפט!

בין איך געקומען, כ'וויל זיך זעצן, רוקט ער מיר אונטער אַ גרינג שטולכל פון עפּעס אַ מאָדנע אויסזען, מיט דינע, אָפּגעגילדטע פיסלעך און מיט אַ סאַמעטן געזעס: ביטע, זעצט זיך. איך זאָג זיך אָפּ, כ'האָב מורא, אַז כ'זאָל נישט צומאָל צעברעכן דידאָזיקע פּרעכטיקע זאַך, — ניין! זעצט זיך — בעט ער! כ'האָב זיך אַנידערגעזעצט און פּלוצלינג האָט אונטער מיר אויפגעשפּילט אַ מוזיק, עפּעס זייער פריילעכס. כ'זיץ און פיל, אַז כ'בין רויט געוואָרן, און ער מיטן ווייב קוקן ביידע אויף מיר מיט גליקלעכע אויגן און לאַכן, פרייען זיך, ווי קינדער. כ'בין אויפגעשטאַנען, איז די מוזיק אַנטשוויגן געוואָרן. ניין, זאָג איך, דאָס געפעלט מיר נישט, איך בין געוואוינט צו הערן מוזיק מיט די אויערן. האָבן זיי זיך באַליידיקט.

דידאָזיקע גראָבע דערציילונג, וואָס האָט אַרויסגערופן אַ געלעכטער בײַ דער מוטער און דער ספּיוואַק, האָט אויך געצוואונגען לידיען אַ לאַך צו טון, און סאַמגין האָט אַ קלער געגעבן, אַז איבאַקאָוו שפּילט געשיקט די ראָלע פון אַ פּשטן, אינדעראמתן איז ער אָבער, ווייזט אויס, דורכגעטריבן און שלעכט. אָט רעדט ער, אַלע מאָל אַ בלישטש טוענדיק מיט די קאַלטע אויגן:

— יאָ, זענען זיך געפאָרן מענטשן אין דער הערלעכסטער שטאָט פון אייראָפּע, האָבן דאָרט געפונען אַ העכסט־באַנאַלע זאַך, געקויפט און — פרייען זיך. און אָט, — ער האָט דערלאַנגט דער ספּיוואַק אַ פּאַפּיראָסן־שעכטל — דאָס האָט געמאַכט און מיר געשענקט איינער אַ שווינדזיכטיקער סטאָליאַר, אַ באַווייבטער, מיט פיר קינדער.

מיטן פּאַפּיראָסן־שעכטל האָט מען זיך אַנטציקט. קלים האָט עס אויך גענומען אין די הענט אַריין, ס'איז געמאַכט געווען אויס וואָרצל פון יאַלאָווינע, אויפן דעקל האָט דער מייסטער קינסטלעריש אויסגעשניצט אַ קליין שדל, דאָס שדל איז געזעסן אויף אַ קעמפּע און מיט אַ דין סכך־שטעקעלע גערייצט אַ טשאַפּליע.

— צוויי מעת־לעת, בײַטאָג און בײַנאַכט, האָט ער געשניצט, — האָט דערציילט איבאַקאָוו, רייבנדיק דעם שטערן און וואָרפנדיק פרעגנדיקע בליקן אויף אַלע. — דאָ, צווישן דעם מו-

זיקאַלישן שטולעכל און דעמדאָזיקן חפֿצל איז פֿאַראַן עפּעס, וואָס איך קאָן נישט פֿאַרשטיין. איך פֿאַרשטיי, בכלל, אַ סך זאַכן נישט.

ער האָט ברייט אַ שמייכל געטון, אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ און פֿאַררייכערט אַ פּאַפּיראָס, און דאָס ברענענדיקע שוועבעלע האָט ער פֿאַרלאָשן, צונויפֿקוועטשנדיק עס מיט די פֿינגער און ערשט דערנאָך אַוועקגעוואָרפֿן אויפֿן טיי-טעצעלע.

— צוערשט קוקסטו אויף די זאַכן, און דערנאָך זיי אויף דיר. דו אויף זיי — מיט אינטערעס, און זיי — פֿאָדערנדיק: סרעף, וואָס מיר זענען ווערט? נישט מאַטעריעליש, נאָר מאָראַליש. כ'וועל גיין אויסטרינקען אַ ביסל משקא...

סאַמגין איז אים נאָכגעגאַנגען. באַם טיש מיט די פֿאַרבייסעכצן איז געווען ענג און וואַראַוווקאַ האָט געדרשנט מיט אַ גלאָז ווײַן אין איין האַנט, און מיט דער אַנדערער אַוועקגעלייגט די באָרד אויף דעם אַקסל און זי דאָרטן צוגעהאַלטן.

— די סטודענטישע אומאָרדנונגען, דאָס איז — אַן אויסדרוק פֿון עמאָציאָנעלער אָפּאָזיציע. אין דער יוגנט ווײַזן זיך מענטשן אויס פֿאַר זיך אַליין — טאַלענטירט און דאָסדאָזיקע אויסווײַזן זיך דערלויבט זיי צו קלערן, אַז מיט זיי פֿירן אָן טאַלענטלאָזיקייטן.

ער האָט אַ זיפֿ געטון אַ שלינג ווײַן און פֿאַרגעזעצט מיט אַ געהעכערטער שטימע:

— און היות די מאַכט איז באַ אונזווירקלעך אַן אומפּעיקע, ווערט די עמאָציאָנעלע אָפּאָזיציע פֿון אונזער יוגנט דערמיט אַליין זייער באַרעכטיקט, מיר וואָלטן געווען אי באַזאַכטער אי קלוגער ווען אונזערע מלוכה-מענער וואָלטן געווען טאַלענטירט, ווי, למשל, אין ענגלאַנד. אָבער — קיין מלוכה-טאַלענטן זענען באַ אונז — נישטאָ. און אָט, דערהייבן מיר אַלס פֿאָן אַפֿילו אַזעלכן, ווי וויטע.

אָן צערעמאָניעס פֿונאַנדערשטופּנדיק די מענטשן, איז אינאָקאָוו צוגעגאַנגען צום טיש און דאָרטן, אָנגיסנדיק בראָנפֿן, געזאָגט מיט אַ האַלב קול קלימען:

— געזונט איז געמאַכט אייער שטיפּפאָטער. און ווער איז דער רויטער ?

— מיין געוועזענער לערער, אַ פילאָזאָף.

— אַ באָלוואַן, זעט אויס.

סאַמגין האָט געוואָלט זיך צעבייזערן, אָבער זעענדיק, אַז אינאָקאָוו קייעט קען, ווי אַ באַראַן גראָז, האָט ער באַשלאָסן, אַז צו בייזערן זיך איז אומנוצלעך.

— וואו איז די סאַמאָווא ? — האָט ער געפרעגט.

— כ'ווייס נישט, — האָט אינאָקאָוו גלייכגילטיק געענט־פערט. — דאַכט זיך אין קאַזאַן אויף אַקושעריע־קורסן. איך בין זיך דאָך צעגאַנגען מיט איר. זי דאגהט אַלץ וועגן דער קאָנסטי־טוציע, וועגן רעוואָלוציע. און איך ווייס נאָך נישט, צי איז נייטיק די רעוואָלוציע...

— סאַראַ חצוף, — האָט אַ קלער געטון סאַמגין, הערנדיק דאָס טויבלעכע, וואָרטשענדיקע קול.

— אויב די רעוואָלוציע וויל מען צוליב זאַטקייט, בין איך — קעגן, וואָרים זאַטערהייט בין איך ערגער ווי הונגעריקערהייט.

קלים האָט געטראַכט : ווי אַזוי וואָלט מען געקאָנט פלעפן, דעמאַסקירן דעם דורכגעטריבענעם אַרומשלעפער, וועלכער שפּילט אַזוי געשיקט די ראָלע פון אַ פשוטן בחור ? אָבער איידער ער האָט באַוויזן צוצוטראַכטן עפּעס, האָט אינאָקאָוו געזאָגט, לייכט אַ קלאַפּ געבנדיק אים איבער דער פּלייצע :

— ס'איז מיר אינטערעסאַנט צו וויסן, סאַמגין, וועגן וואָס איר טראַכט, ווען באַ אייך ווערט אַזאַ העכטיש פּנים ?

קלים האָט זיך אָנגעכמורעט און אָפּגערוקט. אָבער אינאָקאָוו האָט, אָנשמירנדיק אַ שטיקל קאָרן־ברויט מיט פּוטער, פאָרגעזעצט פאַרטראַכטערהייט :

— מיט אַ וואָך צוריק זיץ איך אין שטאָט־גאָרטן מיט אַ חנעוו־דיק מיידל, ס'איז שוין שפּעט, שטיל, די לבנה קייקלט זיך אין הימל, די וואָלקנס לויפן, די בלעטער פאַלן פון דיביימער אין שאָטן און אין שיין אויף דער ערד אַראָפּ. דאָס מיידל, אַ חברטע פון מיינע קינדער־יאָרן, אַ פּראָסטיטוטקע — אַ התבודדותיצע.

בענקט, קלאָגט זיך, איז מתוודה די זינד, בכלל אַ ראָמאַן, ווי ס'באַדאַרף צו זיין. איך — טרייסט זי: לאָז אָפּ, זאָג איך, הער אויף! די טירן פון תשובה עפענען זיך לייכט אויף, אָבער וואָס קומט אַרויס?... אירווילט טרינקען? נו, איך וועל אויסטרינקען.

פאַרזשמורענדיק דאָס לינקע אויג, האָט ער אויסגעטרונקען און אַריינגערוקט אין מויל אַריין אַ קליינטשיק שטיקל ברויט מיט פוטער, דאָס האָט אים נישט געשטערט צו רעדן.

— פלוצלינג, — גייט איר מיט אַזאַ העכטיש פנים, ווי אַצינד. עך, קלער איך, מעגלעך, איך זאָג נישט דאָס געהעריקע אַניוטען, אָבער אָט דערדאָזיקער ווייסט, וואָס מ'דאַרף זאָגן. וואָס ווילט איר, סאַמגין, געזאָגט אַזאַ מיידל, האַ?

— מסתמא דאָס אייגענע, וואָס איר! — האָט ליבלעך געענטפערט קלים, פילנדיק, אַז בײַ אים איז פאַרפאַלן געוואָרן דער חשק אויפצודעקן אינאַקאָווס כיטרעקייט.

— דאָס אייגענע? — האָט איבערגעפרעגט אינאַקאָוו. — איך גלייב נישט. ניין, איר פאַרמאָגט עפּעס אין זיך, ס'מוז זיין עפּעס...

קלים האָט אַ שמייכל געטון, אַ קלער געבנדיק, אַז אין דעם פאַל וועט אַ שמייכל זיין באַדייטנדיקער פון ווערטער, און אינאַקאָוו האָט ווידער אויסגעשטרעקט די האַנט צו דער פלאַש, אָבער אַ מאַך געטון אויף איר מיט דער האַנט און אַוועקגעגאַנגען צו די דאַמען.

— האָט ליב פרויען, — האָט אַ קלער געטון קלים, אָבער שוין פאַרגעביק.

ווי פריער, פלעגט ער אָפט טרעפן אינאַקאָוון אויף די גאַסן, אויפן טייך-ברעג צווישן די אויסלאָדעוועץ אָדער אין אַ זייט פון מענטשן. ער שטייט איינגעגראָבן אין זאַמד איבער די קנעכלעך, קייעט אַ שטרוי, בייסט זי איבער, אויסשפייענדיק די שטיקלעך אָדער רייכערט און, פאַרטראַכט צומרוזשענדיק די אויגן, קוקט ער אויף דער מוראַשקעהאַפטער אַרבעט פון די מענטשן. תמיד איז ער איבער עפּעס אויסגעשמירט מיט שטויב, און דער ברייטער, צע-

קנײשטער קאַפּעלוש מאַכט אים ענלעך צו אַ פּאַקעל-טרעגער. ער האָט אים געזען אַרויסגיין צוזאַמען מיט דראַגאָון פון אַ ביר-האַליע. דראַגאָון האָט געכיכיקעט, געמאַכט מיט דער רעכטער האַנט קײלעכיקע זשעסטן, גלײך ווי ער וואָלט געשלעפּט בײַ די האָר עמעצן אַן אומגעזעענעם, און אינאַקאָוו האָט געזאָגט:

— אַזוי איז עס. ס׳קאָן זײַן דאָס דאַכט זיך בלויז, אַז מיר שטויסן זיך אויף אַן אָרט, אָבער אין אמתן גײען מיר ערגעץ וואו אַרויף ספּיראַלמעסיק.

אויף דער גאַס האָט ער גערעדט אַקוראַט אַזוי הויך און אומזשעניִרט ווי אין שטוב און באַקוקט די אַקעגנגעקומענע מענטשן, אַזויווי אַ פאַרבלאָנזשעטער, וואָס זוכט: וועמען דאָ אַ פרעג טון וואו צו גײן?

ס׳איז נישט צו פאַרשטײן, פאַרוואָס די ספּיוואַק שטרײַכט תמיד אונטער איבאַקאָוון, פאַרוואָס די מוטער און וואַראַווקאַ ווײַזן אים בפירוש אַרויס סימפּאַטיע און לידיאַ שמועסט מיט אים שעהנ-ווײַז אין גאָרטן און שמײכלט צו אים פרײַנדלעך? אָט שמײכלט זי איצטער אויך, שטײענדיק בײַם פענצטער פאַר אינאָקאָוון, וואָס האָט זיך צוגעזעצט אויפן פענצטער-אָנשפּאַר מיט אַ פּאַפּיראָס אין מויל.

— יאָ, מיט איר מוז מען זיך דורכרעדן...

ער האָט דאָס געטון אויפן צווייטן טאָג; באַלד נאָכן פרישטיק איז ער אַרויפגעגאַנגען צו איר אינדערהײך און האָט זי געטראָפן אָנגעטון צום אַרויסגײן, אין מאַנטל, אין הוט, מיט אַ שירם אין דער האַנט. — אַ דראָבנער רעגן האָט געלעקט די שויבן פון די פענצטער.

— וואוהין גײסטו עס?

— אין גובערנאַטאָרס קאַנצעלאַריע, נאָך אַ פּאַס.

זי האָט אַ שמײכל געטון.

— ווי קאָמיש דו האָסט זיך פאַרוואונדערט. כ׳האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז אַלינאַ רופט מיך אַרויס קײן פּאַריז און דער טאַטע האָט מיר דערלויבט...

— ס׳איז ליגנט! — האָט צאָרניק אָפּגעענטפערט קלים, פּילנ-דיק, אַז ס׳ציטערן בײַ אים די פיס. — דו האָסט מיר קײן וואָרט

ניט געזאָגט... כ'הער עס ערשט! וואָס טוסטו? — האָט ער אויפגעבראַכט אַ פרעג געטון.

לידיאַ האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ שטול, אַוועקוואַרפנ־דיק דעם שירעם אויף דער סאָפע, איר ברוינלעך, זייער אָפּגעצערט פּנים האָט פאַרלוירן געשמייכלט, אין אירע אויגן האָט קלים גע־זעען אויפריכטיקע שטויגונג.

— ווי מאָדנע דאָס איז: — האָט זי שטיל אַרויסגעזאָגט, קוקנדיק אין זיין פּנים אַריין און פינטלענדיק. — איך בין זיכער געווען, אַז כ'האָב דיר געזאָגט... אַז כ'האָב דיר געלייענט אַלינעם בריוו... דו האָסט ניט פאַרגעסן?

קלים האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ אויף ניין, און זי איז אויפגעשטאַנען און, גייענדיק איבערן צימער, געזאָגט:

— פאַרשטייסט, ווי אַזוי דאָס איז געשען, — איך רעד און שפּאַר זיך מיט דיר תּמיד, ווען איך בין אַליין, אַזוי פיל, אַז מיר דאַכט זיך, דו ווייסט אַלץ... האָסט אַלץ פאַרשטאַנען.

— איך וואָלט אויך געפאָרן מיט דיר, — האָט אַ מורמל געטון קלים, ניט גלייבנדיק איר.

— און דער אוניווערזיטעט? דו דאַרפסט שוין פאָרן קיין מאָסקווע. ניין, ווי מאָדנע דאָס איז אַרויסגעקומען בײַ מיר! איך זאָג דיר, — כ'בין געווען זיכער...

— אָבער ווען זשע וועלן מיר חתונה האָבן? — האָט קלים אַ פרעג געטון בייז און ניט קוקנדיק אויף איר.

— וואָ־אָס? — האָט זי געפרעגט, אָפּשטעלנדיק זיך. — צי דו... צי מוזן מיר? — האָט ער דערהערט איר אומרויקן פליסטער.

זי איז געשטאַנען פאַר אים, ברייט אויפגעעפנט די אויגן, די ליפּן האָבן בײַ איר געציטערט און דאָס פּנים איז געווען רויט.

— פאַרוואָס חתונה האָבן? איך בין דאָך ניט שוואַנגער...

דאָס האָט אַ קלינג געטון אַזוי באַליידיקט, גלייך ניט זי וואָלט עס געזאָגט. זי איז אַוועקגעגאַנגען, איבערלאָזנדיק אים אין ליידיקן, ניט אויפגערוימטן צימער, אין שטילקייט, וואָס איז כמעט ניט

געשטערט געוואָרן דורך דעם אומדרייסטן שאָרך פֿון רעגן, לידיעס פּלוצלימדיקער באַשלוס אָוועקצופֿאָרן, און בפֿרט איר שרעק אַלס ענטפֿער אויף דער פֿראַגע פֿון חתונה־האָבן האָבן אַזוי געפּלעפּט קלימען, אַז ער האָט זיך אַפֿילו נישט באַלד באַליידיקט. נאָר ערשט נאָך אַ מינוט צוויי זיצן אין צושטאַנד פֿון דערשלאָגנקייט, האָט ער אַראָפּגעריסן די ברילן פֿון דער נאָז און ביז ווייטיק שטאַרק ציפּנדיק די וואָנסעס אָנגעהויבן שפּרייזן איבערן צימער, אויפֿגע־בראַכט איבערלייגנדיק זיך:

— אַן איבעררייס?

ער האָט גלייך זיך דערמאַנט, אַז ער האָט דאָך אַליין אויך געקלערט וועגן דער מעגלעכקייט איבערצורייסן דידאַזיקע פֿאַר־בינדונג.

— יאָ, געקלערט! אָבער — בלויז אין די מינוטן, ווען זי האָט מיך פֿאַרפֿייניקט מיט די אומגעלומפּערטע שאלות. כ'האָב גע־קלערט, נאָר נישט געוואָלט, איך וויל זי נישט אָנווערן.

בלייבנדיק שטיין פֿאַרן שפּיגל, האָט ער אויסגערופֿן:

— און אויב שוין איבעררייסן, מוז די איניציאַטיוו אַרויס־גיין פֿון מיר, און נישט פֿון איר.

ער האָט זיך אומגעקוקט, אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט אַרויסגעזאָגט די ווערטער אויפֿן קול, זייער הויך. די דינסט, וואָס האָט רויק אָפּגעווישט דעם טיש, האָט אים איבערצייגט, אַז ער האָט געשריגן אין רעיון. אין שפּיגל האָט ער געזען, אַז זיין פּנים איז בלאַס, די קורצזיכטיקע אויגן האָבן פֿאַרלוירן געפֿינטלט. ער האָט אייליק אָנגעטון די ברילן, איז שנעל אַראָפּגעלאָפֿן אין זיין צימער און זיך אַוועקגעלייגט, צודריקנדיק די שלייפֿן מיט די הענט, פֿאַרביסן די ליפּן.

אין אַ האַלבער שעה אַרום האָט ער זיך איבערצייגט, אַז אים באַליידיקט באַזונדער דאָס, וואָס ער האָט נישט געקאָנט צווינגען לידיען צו ווייגען פֿון התלהבות, דאַנקבאַר צו קושן זיינע הענט, דערשטוינט צו פֿליסטערן צאַרטע ווערטער, ווי דאָס האָט געטון די ניעכאַיעוואַ. קיין איין מאָל, קיין איין מינוט האָט לידיאַ אים נישט געלאָזט זיך אָנקוויקן מיטן שטאָלץ פֿון אַ מאַנסביל,

װעלכער גיט דער פרוי גליק. אים װאָלט לײכטער געװען איבער־צורײסן די פאַרבינדונג מיט איר, װען ער װאָלט איבערגעלעבט דעמדאָזיקן תענוג.

— קײן אײן אױפריכטיקע צערטלונג האָט זי מיר נישט גע־געבן, — האָט געטראַכט קלים, מיט פאַרביטערונג דערמאָנענדיק זיך, אַז לידיעס צערטלונגען האָבן געדינט פאַר איר בלױז אַלס מאַטעריאַל צום אױספאָרשן זײ.

— ניטשע איז גערעכט: צו דער פרױ באַדאַרף מען צוגײן מיט אַ קאַנטשיק אין דער האַנט. מ'װאָלט געדאַרפט צוגעבן: מיט אַ קאָנפעקטל אין דער צװײטער האַנט.

ביסלעכװײז באַרויִקנדיק זיך, האָט ער אַ קלער געטון, אַז די פאַרבינדונג מיט איר, װאָס איז שױן אַצינד אױך אַן אומרויִקע, װאָלט װײטער־אַרײַן געװאָרן אומדערטרעגלעך, פײַנדלעך. מסתּמא װאָלט לידיאַ אין איר אומגעלומפּערטן זוכן עפּעס, װאָס איז כּלומרשט פאַרהוילן אונטער דער געשלעכטס־פיזיאָלאָגיע, אים אָנגעהױבן פאַררײַטן.

— מאַקאַראָװ האָט געהאַט געזאָגט, אַז דאָן־זשואַן איז נישט קײן ראָמאַנטיקער, נאָר אַ זוכער פון אומבאַקאַנטע, נישט אױסגע־פרוּװטע עמפּינדונגען און אַז אױף דער אײגענער לײדנשאַפט צו זוכן דאָס נישט אױסגעפּרוּװטע קרענקען מסתּמא אַ סך פרויען. למשל — ז ש אָ ר ז ש ז אַ נ ד, — האָט געטראַכט סאַמגין. — מאַקאַראָװ האָט, איבעריקנס, נישט אָנגערופן דידאָזיקע לײדנשאַפט — קראַנקײט, נאָר טוראַבאָיעװ האָט זי אָנגערופן „גײסטיקער װאַמפּי־ריזם“. מאַקאַראָװ האָט געזאָגט, אַז אומבאַװאוסטזיניק שטרעבט די פרוי צום פונאַנדערפּנען דעם מאַנסביל ביז דער לעצטער ברע־נעץ, כּדי צו פאַרשטײן דעם מקור פון זײַן מאַכט איבער איר, פאַר־שטײן, מיט װאָס האָט ער זי מנצח געװען אין אוראַלטער?

קלים סאַמגין האָט פעסט פאַרמאַכט די אױגן און אַ זידל געטון מאַקאַראָװן.

— אידיאָט. װאָס קאָן זײַן נאַרישער פון אַ ראָמאַנטיקער, װאָס שטודירט גינעקאָלאָגיע? אױף װיפל אײנפאַכער און נאַטיר־לעכער איז קוטוזאָװ, װעלכער האָט אַזױ לײכט און שנעל צוגענו־

מען בײַ דמיטרין מאַרינען, איוואַנאָוו, וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט פֿון דער סאַמאָוואַ, ווי נאָר ער האָט דערזען, אַז אים איז לאַנגווייליק מיט איר.

סאַמגינס געדאַנקען האָבן אָנגענומען אַלץ אַ מער קריגערישן כאַראַקטער. ער האָט זיך שטאַרק געפֿלײַסט צו פֿאַרשאַרפֿן זיי, וואָרים הינטער די געדאַנקען איז בײַ אים אַנטשטאַנען אַ נעפּל־האַפֿט באַוואוסטזײַן פֿון אַן ערנסטן אָנווער. און נישט בלויז לידיען האָט ער אָנגעוואוירן, פֿאַרלוירן, נאָר עפּעס נאָך מער וויכטיקס פֿאַר אים. אָבער וועגן דעם האָט ער נישט געוואָלט קלערן און ווי נאָר ער האָט דערהערט, אַז לידיאַ איז צוריקגעקומען, איז ער אַנטשלאָסן אַוועק דורכצורעדן זיך מיט איר. אויב זי וויל שוין יאָ זיך פֿונאַנדערגיין, דאַן זאָל זי זיך אָנערקענען אַלס שולדיקע אינם איבעררײַס און בעטן פֿאַרצײַונג...

לידיאַ האָט געשריבן אַ בריוו, זיצנדיק בײַם טיש אין איר קליין צימער. זי האָט שווײַגנד אַ קוק געטון אויף קלימען איבערן אַקסל אַריבער און פֿרעגעריש אויפֿגעהויבן די זייער געדיכטע, אָבער לײַכטע ברעמען.

— מיר דאַרפֿן זיך דורכשמועסן, — האָט קלים געזאָגט, אַוועקזעצנדיק זיך צום טיש.

אַוועקגעלייגט די פֿעדער, האָט זי אויפֿגעהויבן די הענט איבערן קאָפּ, זיך אַ ציִ געטון און געפֿרעגט:

— וועגן וואָס?

— ס'איז נייטיק, — האָט געזאָגט קלים, באַמיִענדיק זיך צו קוקן איר אין פּנים אַרײַן מיט אַ שטרענגן בליק.

היינט איז זי באַזונדער ענלעך געווען צו אַ ציגײַנערין. די געדיכטע געקרויזטע האָר, וועלכע זי האָט קיינמאָל נישט געקאָנט גלאַטיק צוקעמען, דאָס טרוקענע, ברויגלעכע פּנים מיטן הייסן בליק פֿון די טונקעלע אויגן און מיט די לאַנגע ווײַס, אַרויפֿגעבויגענע אײַנדערהייך. די דינע נאָז און די בויגעוודיקע פֿיגור אין דעם באָרדאָ־פֿאַרביקן קלייד, די שמאָלע אַקסלען, אײַנגעהילטע אין אַראַנזששאַל מיט די העל־בלויע בלומען.

אײדער סאַמגין האָט באַוויזן צו געפֿינען גענוג וואָגיקע ווער־

טער צום אָנהייבן זיין רעדע, האָט לידיאַ אָנגעהויבן שטיל און ערנסט:

— מיר האָבן גערעדט אַזוי פיל...

— דערלויב! מ'קאָן זיך אַזוי נישט באַגיין מיט קיין מענטש, ווי דו מיט מיר, — האָט סוגעסטיוו אַ זאָג געטון סאַמגין. — וואָס באַטייט דערדאָזיקער אומגעריכטער באַשלוס — קיין פּאַריז?

אָבער נישט הערנדיק אים, האָט זי ווייטער גערעדט מיט אַזאַ טאָן, גלייך זי וואָלט אַלט געווען דרייסיק יאָר.

— אַ חוץ דעם, פּלעג איך שמועסן מיט דיר, ווען איך פּלעג אַוועקגיין פון דיר און בלייבן אַליין. איך האָב ערלעך גערעדט פאַר דיר אויך... ערלעכער, ווי דו אַליין וואָלסט געקאָנט זאָגן. יאָ, גלייב מיר! דו ביסט דאָך נישט זייער... דרייסט. דעריבער האָסטו טאַקע געזאָגט, אַז „ליבן דאַרף מען שווייגנד". אָבער איך וויל רעדן, שרייען, כ'וויל פאַרשטיין. דו האָסט מיר געראַטן צו לייענען אַ „לערבוך פון אַקושעריע"...

— געדענק נישט, וואָס כ'האָב געזאָגט אין כעס — האָט געזאָגט סאַמגין.

לידיאַ האָט אַ שמייכל געטון, פרעגנדיק:

— דו האָסט מיר דען אויס כעס געראַטן צו לייענען „היגיענע פון הייראַט"? אָבער איך האָב נישט געלייענט דאָסדאָזיקע בוך, דאַרטן ווערט דאָך זיכער נישט דערקלערט, פאַרוואָס דווקא איך בין דיר נייטיק פאַר דיין ליבע? דאָס איז — אַ נאַיִווישע שאלה? איך האָב אַנדערע נאָך נאַרישערע פון דער. מסתמא ביסטו גערעכט: איך בין אַ דעגענעראַטקע, אַ דעקאַדענטקע און איך טויג נישט פאַר קיין געזונטן, גלייכגעוויכטיקן מענטש. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך וועל געפינען אין דיר אַ מענטש, וואָס וועט מיר העלפן... איבעריקנס, איך ווייס נישט, וואָס איך האָב דערוואַרט פון דיר.

זי איז אויפגעשטאַנען, זיך אויסגעגלייכט, קוקנדיק אין פענצטער אַריין, אויף די וואָלקנס פון שמוציקן אייזקאָליר, אָבער סאַמגין האָט בייז אַ זאָג געטון:

— איך האָב דאָך אויך... געמיינט, אַז דו וועסט מיר אַ גוי־טער פריינד זיין...

פאַרטראַכטערהייט קוקנדיק אויף אים, האָט זי פאַרגעזעצט שטילער:

— דו גיב נאָר אַ קוק, ווי דאָס אַלץ איז שנעל... גלייך אַ סטריזשנע האָט אויפגעפלאַקערט... — און — נישטאָ.

דאָס ברוינלעכע געזיכט אירס איז טונקעלער געוואָרן, זי האָט אַראָפּגענומען דעם בליק פון קלימס פנים און זיך אויפגעשטעלט זיך אויסגעגלייכט.

סאַמגין איז אויך אויפגעשטאַנען, דערוואַרטנדיק ווערטער באַליידיקענדיקע פאַר אים.

— נישט פריידיק איז צו לעבן נישט פאַרשטייענדיק גאָר־נישט, אין עפּעס אַ נעפּל, וואו זעלטן־ווען פלאַקערט־אויף אויף אַ מינוט אַ ברענענדיק פייערל.

— דו ווייסט זייער ווייניק, — האָט ער געזאָגט, אָפּזיפצנ־דיק, קלאַפּנדיק מיט די פינגער איבער דער קני. ניין, לידיאַ האָט נישט דערלאָזט צו באַליידיקן זיך אויף איר, צו זאָגן איר וועלכע ס'איז שאַרפע ווערטער.

— און וואָס דאַרף מען וויסן ? — האָט זי געפרעגט.

— מ'דאַרף זיך לערנען.

— יאָ ? דאָס גאַנצע לעבן פילן זיך אַלס שילערין ?

זי האָט אַ שמייכל געטון, אַרויסקוקנדיק דורכן פענצטער, אין קאַלירטן הימל אַריין.

— מיר דאַכט זיך, אַז אַלץ, וואָס איך ווייס שוין — דאַרף מען נישט וויסן. אָבער כ'וועל פונדעסטוועגן זיך פּרוּוון לערנען, — האָט ער געהערט פאַרטראַכטע ווערטער. — נישט אין דער פאַר־האַוועטער מאָסקווע, נאָר, אפשר, אין פעטערבורג. און קיין פאַריז דאַרף איך פאָרן, וואָרים דאָרטן געפינט זיך אַלינאַ און איר איז — שלעכט. דו ווייסט דאָך, אַז איך האָב זי ליב...

— פאַרוואָס ? — האָט געוואָלט פרעגן סאַמגין, אָבער ס'איז אַריינגעקומען די דינסט און געבעטן לידיען אַראָפּצוגיין אונטן, צו וואַראַווקען.

פון די טרעפּ זענען זיי אַראָפּגעגאַנגען צוזאַמען און שווייגנ-דיק. קלים איז געשטאַנען אַ ביסל אין פּאַרצימער, קוקנדיק, ווי איבער דער וואַנט האָבן זיך אויסגעצויגן אויף דעם מלבושים-הענגער פּאַרשידענע מאַנטלען, ס'איז געווען אין זיי עפּעס, וואָס האָט דערמאָנט אַ מחנה בעטלערס אין קירכלעכן פּרוזדור, אָנקעפּיקע בעטלערס.

— ניין, דאָס אַלץ איז נישט אַזוי, נישט דערזאָגט, — האָט ער באַשלאָסן און אַריינקומענדיק אין זיין צימער, זיך געזעצט שרייבן אַ בריוו צו לידיען. ער האָט לאַנג געשריבן, אָבער איבער-לייענענדיק די אָנגעשריבענע בייגעלעך געפונען, אַז זיין שריפט האָבן פּאַרפּאַסט צוויי מענטשן, וואָס זענען אַלציינס נישט ענלעכע צו אים: איינער האָט אומגעלונגען און גראָב אויסגעלאַכט לידיען, דער אַנדערער האָט ווייַמוטיק און אומגעראָטן אין עפּעס זיך פּאַר-ענטפערט.

— אָבער איך בין דאָך אין גאַרנישט שולדיק קעגן איר, — האָט ער זיך עמפּערט; ער האָט צעריסן דעם בריוו און באַלד באַשלאָסן, אַז ער וועט אַוועקפאָרן קיין ניזשני-נאָווגאָראָד, אויף דער אַלרוסישער אויסשטעלונג. ער וועט אומגעריכט אַוועקפאָרן, ווי דאָס טוט לידיאַ און וועט אַוועקפאָרן פריער, איידער זי וועט זיך פּאַרנעמען קיין אויסלאַנד. דאָס וועט איר געבן צו פּאַרשטיין, אַז ער איז זיך נישט מצער פון דעם איבעררייס, און אפשר וועט זי פּאַרשטיין, אַז אים איז שווער, וועט ענדערן איר באַשלוס און מיטפאָרן מיט אים?

אָבער ווען ער האָט געזאָגט לידיען, אַז איבערמאָרגן פּאָרט ער אַוועק, האָט זי באַמערקט זייער גלייכגילטיק:

— ווי גוט דאָס איז, וואָס ס'איז בא אונז אַרויסגעקומען אָן דראַמאַטישע סצענעס. איך האָב דאָך געקלערט, אַז ס'וועלן זיין סצענעס.

אַרומנעמענדיק, האָט זי אים שטאַרק אַ קוש געטון אין די ליפּן.

— מיר שיידן זיך אַלס גוטע פריינד? דערנאָך, ווען מיר

וועלן זיך אויפסניי טרעפן, וועלן מיר קלוגער זיין, יאָ? און אפשר וועלן מיר אַנדערש אַ קוק טון איינער אויפן אַנדערן?

קלים איז געווען אַ ביסל געריירט אָדער פאַרוואונדערט הן פון אירע ווערטער הן פון די טרערעלעך אין די אויגן-ווינקעלעך, ער האָט אַ זאָג געטון שטילערהייט, בקשהדיק:

— איז דען נישט גלייכער דו זאָלסט פאָרן מיט מיר?

— ניין! — האָט זי אַנטשלאָסן געזאָגט. — ניין, מ'דאַרף נישט! דו וועסט מיר שטערן.

און שנעל אויסגעווישט די אויגן. מורא האָבנדיק, אַז ער וועט איר זאָגן עפּעס נישט פּאַסיקס, האָט קלים אויך שנעל אַ קוש געטון איר טרוקענע, הייסע האַנט. דערנאָך, אַרומגייענדיק איבער זיין צימער, האָט ער געטראַכט:

— אין תוך גענומען, איז זי אַן אומגליקלעכע, נישט מער. אַ ליידיק בלימל. זי איז אָן נשמה. גריבלט זיך, אָבער פילט נישט...

ער איז געבליבן שטיין אינמיטן צימער, האָט אַראָפּגענומען די ברילן און שאָקלענדיק זיי, אַ קלער געטון כמעט אויפן קול:

— אָבער ווי שנעל דאָס אַלץ האָט זיך אָפּגעשפּילט. ווירקלעך, ווי סטריזענעס פאַרברענט געוואָרן.

ער האָט זיך געפילט פאַרלוירן, אָבער אין דערזעלבער צייט געפילט, אַז פאַר אים זענען אָנגעקומען טעג פון אָפּרו, אין וועלכן ער האָט זיך שוין נישט געניייטיקט.

אין עטלעכע טעג אַרום איז קלים סאַמגין צוגעפאָרן צו ניזשני-נאָווגאָראָד. אַן ערך דריי וויאָרסט פאַרן באַנהויף האָט דער צוג, פול אָנגעפּאַקט מיט מענטשן, גענומען זיך קייקלען פאַמעלעכער, גלייך דער מאַשיניסט וואָלט געוואָלט, אַז די פּאַסאַזשירן זאָלן בעסער באַטראַכטן אויפן מרה-שחורהדיקן פעלד, צווישן די געלע זאַמד-פליכן און די ברודיק-גרינע גראָז-אינזלען — די בונטע חברה פינק-נייע, פאַרשידנאַרטיק באַצאַצקעטע געביייען.

גלייך מיט די רעלסן, עטוואָס נידעריקער פון באַן-פלאַנט, האָט בלענדנדיק געלויכטן אויף דער זון די געביידע פון מ אַ ש י.

נ ע ן-אַפּטייל, געבויט אויס אייזן און גלאָז, ענלעך מיט דער פאָרם צו אַ ריזיקער קאַריטע, וואָס איז איבערגעקערט מיט דער דנאָ אַרויף; דורך די שויבן האָט מען געזען, אַז אינעווייניק אין דער געביידע באַוועגט זיך לאַנגזאַם אַ געזעמל מעטאַלענע ריזן-פּאַרזענע-נישן, ס'שטויסן איינס דאָס אַנדערע געפּאַנגענע אייזן-חיות. ווי אַ האַלבער רינג האָט זיך אויסגעבויגן דער איינשטאָקיקער פּאַוויליאָן פון לאַנד-ווירטשאַפט, באַפּוצט מיט האַלץ-שניצוונגען אין יענעם רוסישן סטיל, וועלכן ס'האָט אויסגעטראַכט דער דייטש ראָ פּ ע ט. ס'האָבן זיך דערהויבן, קוועטשנדיק איינס דאָס אַנדערע, נאָך פיל קאַפּריזיש פונאַנדערגעוואָרפענע געביידן פון אומגעוויינלעכער אַר-כיטעקטור, מאַנכע פון זיי האָבן דערמאַנט אָן דער אַנגענעמער קונסט פון אַ צוקער-בעקער און ממש ווי אַ גיגאַנטיש שטיק צוקער האָט זיך אויסגעטיילט פון זייער בונטער מענגע דער ווייסער אָפּ-געזונדערטער בנין פון ק ו נ ס ט-אָפּטייל. ס'האָט געבליצט און גע-שמאָלצן זיך אויף דער זון דער צווייקעפּיקער גאָלדענער אָדלער אויפן שפּיץ פון קייזערלעכן פּאַוויליאָן, ער איז געבויט געווען אין סטיל פון די טורעמס, וואָס ווערן געמאָלט אויף די בילדלעך פון מעשה-ביכלעך. און איבערן גאָלדענעם אָדלער אין דער בלוילעכער לופט האָט זיך אָנגעבלאָזן אַ גרויער פּענכער פון אַ לופט-באַלאָן, וואָס איז אָנגעבונדן געווען אויף אַ לאַנגן שטריק.

דאָס נישט אייליקע באַוועגן זיך פון צוג האָט געצוואונגען דאָסדאָזיקע שטעטל פּאַמעלעך צו דרייען זיך: ס'האָט זיך געדאַכט, אַז אַלע זיינע אומגעוויינלעכע געביידן דרייען זיך אַרום אַ נישט אָנזעעוודיקן פּונקט, ביים זייערע ערטער, פאַרשטעלנדיק איינס דאָס אַנדערע, גליטשן זיך צווישן די זאַמדיקע וועגלעך און נישט גרויסע פּלעצער. דעמדאָזיקן איינדרוק פון אַ פאַרפלאָנטערטן קאַראַהאָד, פון פּאַמעלעכן, נאָר מעכטיקן געדראַנג, האָבן פאַרשטאַרקט די קליינטשיקע מענטשן-פיגורלעך, וואָס האָבן פאַרזיכטיק געשפּאַנט צווישן די גע-ביידעס, איבער די אויסגעבויגענע וועגן; מענטשן איז געווען נישט פיל און בלויז זעלטענע פון זיי זענען בחפזונדיק געלאָפן אין פאַר-שידענע ריכטונגען, דער גרעסטער טייל אָבער האָט אַרויסגערופן דעם געדאַנק וועגן פאַרבלאָנזשעטע, זוכנדיקע. די מענטשן האָבן

אויסגעזעען ווייניקער רירעוודיק, ווי די געבײַדעס. די געבײַדעס האָבן געוויזן און באַהאַלטן זיי הינטער זייערע ראָגעס.

דערדאָזיקער האַלבֿ לעגענדאַרער אײַנדרוק פֿון אַ שטילן, אָבער מעכטיקן קאַראַהאָד איז פֿאַרבליבן בײַ סאַמגינען כּמעט די גאַנצע צײַט פֿון זײַן אויפֿהאַלטן זיך אין דער אויסטערלישער שטאָט, וועלכע איז אויפֿגעבויט געוואָרן אויפֿן ראַנד פֿון דעם אומפֿרוכטבאַרן, טרויעריקן פֿעלד, וואָס אינדערווײַטנס האָבן עס אָפּגעשלאָסן די בלוילעכע שפּיציקייט פֿונם סאָסנע-וואַלד, — „סאַוועלאָווער גריווע“ און — נאָך דער נישט אָנזעעוודיקער אָ ק ע די „דיאַטלאָווער בערג“, וואו צווישן גרינקייט פֿון סעדער האָבן זיך באַהאַלטן די הײַזלעך און צערקוועס פֿון ניזשני-נאָווגאָראָד.

אָפּגעשטעלט זיך אין אײנעם פֿון די הילצערנע, אויף גיך צוזאַמענגעקלאַפּטע גאַסטהײַזער, אין וועלכן אַלץ האָט געסקריפּעט, געקנאַקט און אין יעדן קלאַנג האָט זיך געפֿילט עפּעס צאַפּלדיקס, האָט סאַמגין שנעל זיך אָפּגעוואַשן, זיך איבערגעטון, אויסגעטרונקען אַ גלאָז וואַרעמע טיי און איז תּיכּף אַוועק אויף דער אויסשטעלונג; צו איר איז געווען נישט מער ווי אַ דרײַ הונדערט טריט.

צוריקגעקומען איז ער אָוונט-צו, אַ פֿאַרבלענדטער, אַ באַטויבטער, פֿילנדיק זיך אַזוי, גלײַך ער וואָלט געווען אין אַ ווײַטער, אים אומבאַקאַנטער מדינה. אָבער דידאָזיקע עמפּינדונג פֿון אַנגעגעזעטיקטקייט האָט נישט באַשווערט, נאָר, אַזויווי אויסברייטנדיק קלימען, עקשנותדיק געפֿאָדערט אַ פֿאָרם און פֿאַרשפּראָכן צו באַשענקען מיט אַ גרויסער פֿרייד, וועלכע ער האָט שוין געפֿלהאַפּט געפֿילט.

אויסגעפֿאָרמט האָט זי זיך נישט גיך, אין אײנעם פֿון די מיאוסע טעג פֿון דעם נישט זייער ליבלעכן זומער. קלים איז געלעגן אין בעט, הילנדיק זיך אין אַ שיטערער קאָלדרע, אויף וועלכער ער האָט געהאַט אַרויפֿגעוואָרפֿן דעם פּאַלטן. ס'האָט געשמיצט איבער די הילכנדיקע דעכער אַ בייזער רעגן, ס'האָבן געקנאַלט דונערן, צעטרייסלענדיק די געבײַדע פֿון גאַסטהויז, און שפּאַלט פֿון די פֿענצטער האָט געפּייפֿט און געפּאָרסקעט אַ נאַסער ווינט. אויף

דריי ערטער זענען פון סופֿיט גלייכמעסיק צעראַפּגעפֿאַלן אויף דער פּאַדלאָגע שווערע טראָפּנס וואַסער, פֿון וואָס ס'האָט זיך געשפּירט אַ ריח פֿון קלעפּיקער פֿאַרב און זומפּיקער פֿוילונג.

קלים סאַמגין האָט געזען, אַז פֿאַר אים האָט זיך פֿונאַנדערגעוויקלט אַ ריזיקע, פֿאַנטאַסטיש רייכע מדינה, וואָס ער האָט וועגן איר עקזיסטענץ נישט געאַנט; אַ מדינה פֿון פֿאַרשידנאַרטיקסטער אַרבעט. אָט האָט זי צונויפֿגעקליבן די פּראָדוקטן פֿון דערדאָזיקער אַרבעט און ווייזט זי ווי אויף דער האַנט שטאָלץ זיך אַליין. מ'קאָן מיינען, אַז די שיינע געביידעס זענען בכיוון געבויט געוואָרן אויף דעם מרהשחורהדיקן פֿעלד, בשכנות מיטן אָרעמען און שמוציקן הינטערשטאָטישן קוואַרטאַל, וואָס זיינע קריפּלהאַפּט פּרצופּלאָזע דירות זענען אומעטיק צעזייעט איבערן זאַמד, אַרומגעשווענקטן פֿון דער וואָלגע און דער אָקע און פֿונוואַנען אין כמאַרנע טעג, ווען פֿון דער וואָלגע פֿלעגט בלאָזן אַ הייסער „טאָליקער" ווינט, איז געפֿלויגן גרויער, שטעכיקער שטויב.

אין דערדאָזיקער שכנות פֿון דעם עשירות פֿון לאַנד און דער דלפֿנישקייט פֿון עפּעס מענטשן מ'שטיינס געזאָגט איז אַזויווי פֿאַרבאָרגן געווען אַ באַרימערישער רמז:

— מיר לעבן — שלעכט, אָבער אַרבעטן — זע, ווי גוט!

נישט אַזוי אויסגעצירט און באַרימעריש, אָבער נאָך מער איבערצייגנד האָט געשריגן וועגן דעם עשירות פֿון לאַנד דער יאַריד. די נידעריקע, איינאַרטיק געלע רייען פֿון זיינע שטיינערנע געוועלבער האָבן דורך די צעעפֿנטע ברייטע פּיסקעס פֿון די טירן געוויזן אין הייל־טונקלקייט הויפֿנס פֿאַרשידנאַרטיקע אויסגעאַרבעטע מעטאַלן, קופּעס לייוונטן, ציץ, וואָל־שטאָפֿן. ס'האָט געגלאַנצט בלומיק־געמאָלטער פֿאַרצעליי, ס'האָבן געלויכטן שפּיגלען, אָפּשפּיגלענדיק אַלץ, וואָס האָט זיך באַוועגט פֿאַרביי זיי. איינעם מיטן האַנדל פֿון קירכלעכע חפֿצים האָט מען געהאַנדלט מיט פֿיין געשליפֿן גלאָז, און קעגנאיבער ריזיקע וויטרינעס, ענג אָנגעשטעלטע מיט באָקאַלן און כוסהלעך, האָט געבלישטשעט פֿאַיאַנס, וואָס איז אויסגעפּאַרטיקט געוואָרן פֿאַר גאַרדעראָב־צימערן. אין דערדאָזיקער שכנות

פֿון קירכלעכס מיט שטוביקס האָט קלים סאַמגין לײַטזעליק איינגעוועקן די ברייט פֿאַרמאָסטענע פֿאַרשייטקייט פֿונם מסחר.

מענטשן איז אויפֿן יאַריד געווען מער, ווי אויף דער אויסשטעלונג, זיי האָבן זיך געהאַלטן פֿרייער, טומלדיקער און האָבן אַלע אויסגעזעען, אַז זיי דינען דעם מסחר מיט פֿרייד. ס'האָט איבערראַשט די פֿאַרשידנאַרטיקייט פֿון די טיפּן, דער שלל פֿון אויסלענדער, פֿון מענטשן פֿון פֿאַרשידענע נאַציעס, פֿון די וואַרעם געקליידטע איינוואוינער פֿון מזרח. דאָס אויער האָט אויפֿגעכאַפּט פֿרעמדע שפּראַך, דאָס אויג — אומגעוויינלעכע פֿיגורן און געזיכטער. צווישן די רוסן האָבן זיך נישט זעלטן געטראָפֿן דאַרע, באַבערדיקטע לײַט, וועלכע האָבן נישט אָנגעגעבן דערמאָנט אָן דיאַקאָן. דעמאָלט פֿלעגט סאַמגין נישט אויף לאַנג, אויף מינוטן, אָבער אומרויִק זיך דערמאָנען, אַז אַזאַ מעכטיק לאַנד חילן איבערבויען אויף זייער שטייגער מענטשן מיט דריי פֿינגער, דעמיסיאָנירטע דיאַקאָנעס, היסטערישע שכּורים, פֿרײַלעכע סטודענטן, ווי מאַראַקועוו און דעסגלײַכן; פֿאַיאַרקאָוו, וועמען קלים האָט געהאַלטן אַלס פֿאַרבלאָז, דער גאַלאַנטער, סאָלידער פּרייס, וועלכער וועט זיכער זײַן אַ פּראָפֿעסאָר, דידאָזיקע צוויי האָבן נישט באַאומרויִקט קלימען. דער זעלבסטזיכערער, ציפּערהאַפּטער קוטוזאָוו האָט אָפּגעוועלקט אין זכּרון, און קלים האָט אויך נישט ליב געהאַט צו טראַכטן וועגן אים.

קוקנדיק אויפֿן הילצערנעם פּאָלאָפּ, האָט ער נאָכגעפֿאָלגט, ווי דאָס וואַסער רינט איבער די שפּאַרונעס און, צונויפֿנעמענדיק זיך אין גלעזערנע, היפּשע קײַלעכלעך, פֿאַלט עס אַראָפּ אויף דער פּאָדלאָגע, אָנמאַכנדיק קאַלוזשעס.

ס'איז געקומען אויפֿן זכּרון דער בליאַסק פֿון קאַלטן געווער פֿון ז ל אַ ט אָ ו ס ט; די פּאַנצערס אויס מעסערס, גאָפּלען, שערלעך און שלעסער פֿון פּ אַ ו ל אָ ו, וו אַ ט ש אַ, וו אָ ר ס מ אַ; אין פּאַווילאָן פֿון ק ר י ג ס - פּ ל אָ ט, וואָס איז אָרנאַמענטירט מיט ביקסן-פּאַטראָנעס, שווערדן און באַגנעטן, האָט מען געוויזן אַ לאַנג-האַלזיקן, גלאַטיקן הארמאַט פֿון מ אָ ט אָ וו י ל י כ אַ, אַ גלאַנציקן און קאַלטן, ווי אַ פֿיש. אַ פּעסט געבויטער, ממש אויס

בראָנז געגאָסענער מאַטראָס, האָט, גלעטנדיק די בלויע גאָמבע, דרייענדיק די שוואַרצע וואָנסעס, גענעדיק און קאָמיש אויסגעטייטשט דעם פּובליקום:

— דער דאָזיקער האַרמאַט ווערט אָנגעלאָדן פון דאָזיקן אָרט, אָט מיט דעם גראַנאַט, וועלכן איר וועט אפילו נישט קאָנען דערהייבן און שיסט אין דער אָנגעשטעלטער ריכטונג אין ציל, ס'הייסט — אויפן שונא. מיין הער, שטאָמפּערט נישט מיטן שטעקעלע, מ'טאָר נישט!

ס'האָט געגלאַנצט גאָלדענער בראָקאַט, ווי קאָרן־פעלד אין אַ יולי־פאַרנאַכט בעתן זון־פאַרגאַנג, די פּאַסן גלאַזעט האָבן דערמאַנט אָן בלוילעכן ליכט פון לבנהדיקע ווינטער־נעכט, די פאַרשידנפאַרביקע שטאָפן — די האַרבסטיקע קאָלירטקייט פון די וועלדער; דידאָזיקע פּאָעטישע פאַרגלייכונגען זענען דערשינען באַ קלימען נאָכדעם, ווי ער האָט באַזוכט דעם אָפּטייל פון מאָלעריי, וואו אַן „אויסטייטשנדיקער הער", אַ שטערנהאַפּטער, לאַנגהאָריקער און מאָגערער, מיט אַ צעשרויפטן גוף, האָט התלהבותדיק דערציילט דעם פּובליקום וועגן ניעסטעראָווס, לעוויטאַנס פּייזאַזש, אָנגערופן רוסלאַנד — בראָקאַטיש, ציצן לאַנד און צום סוף:

— „דאָס לאַנד, וואָס איז וואונדערבאַר אויסגעהאָפטן מיט פאַרשידנפאַרביק זיידנס אויף ערדישן סאַמעט, דורך דער האַנט פון דעם גרעסטן קינסטלער — דורך גאָטס האַנט".

קלים האָט איבערגעלעבט פּאַטריאָטישן שטאָלץ, באַקוקנדיק אין פּאַוויליאָן פון מ י ט ל ־ אַ ז י ע די גראָבע דייטשע נאָכמאַכונגען פון רוסישן בראָקאַט פאַר כיווע און בוכאַרע, פון די מאָראָזאָווס קאָלירטע ציצן און קוזניעצאָווס געבלומטן פאַרצעליי.

די שפּילצייגן און מאַשינען, די גלעקער און עקיפּאַזשן, די יובעליר־אַרבעטן און קלאַווירן, דער קאָלירטער קאַזאַנער סאַפּיאַן, אַזאַ גלאַטיקער באַם אָנטאַפּן, די בערג צוקער, די אומגעהייערע קופּעס פּאַקעלעס־שטריק און געפּעכטע קאַנאַטן, אַ קאַפּעלע, אויפגעבויט פון סטעאַרין־ליכט, די וואונדער־שיינע פוטעוואַרגן סאָראָקאָומאָווסקיס און דאָס אייזן פון אוראַל, די טורעמלעך פון שמעקעדיקן זייף, די אויסגעצייכנט געגאַרבערטע פעלן, אויסגעאַרבעטע

פון חזיר-האָר, — פאַר דידאָזיקע הויפנס אומציילבאַרע רייכטימער האָבן זיך געזאַמלט קליינע גרופּעס מענטשן און, קוקנדיק אויף דער גראַנדיעזער אַרבעט פון זייער געבורט-לאַנד, האָבן זיי געבּרענגט אַ ביסל אין פאַרלעגנהייט סאַמגינען, אָפּקילנדיק מיט זייער שווייגן זיין געהויבענע שטימונג.

זעלטן האָט ער געהערט אויסרופן פון התפעלות, און אויב ער האָט געהערט, איז עס על פּי רוב געווען אויס די מיילער פון פרויען פאַר די וויטרינעס פון טעקסטילאַנטן און געשיר-פאַבריקאַנטן, קאָסמעטיקער, יובעלירן און פוטער-פאַבריקאַנטן. מ'האָט, איבעריקנס, געקאָנט קלערן, אַז באַם רוב מענטשן איז אָפּגענומען געוואָרן דאָס לשון מחמת דעם שלל פון איינדרוקן. אָבער טיילמאָל האָט זיך קלימען אויסגעוויזן, אַז בלויז די שבחים פון די פרויען קלינגען מיט אויפריכטיקער פרייד, און אין די מיינונגען פון די מענער איז נישט געלונגען פאַרבאַרגן קנאה. ער האָט אפילו אַ קלער געטון, אַז ס'קאָן זיין, מאַקאַראָוו איז גערעכט: די פרוי פאַרשטייט בעסער פון מאַנסביל, אַז אַלץ אין דער וועלט איז פאַר איר.

זיין פּאַטריאָטיש געפיל פלעגט באַזונדער הויך שטייגן, בעת ער פלעגט באַגעגענען גרופּעס אַנדערשטאַמיקע מענטשן, וואָס זענען זיך צונויפגעקומען אויפן יום-טוב פון דער איבער זיי הערשנדיקער נאַציע פון ווייסן ים ביזן קאַספּישן און שוואַרצן און פון העלזינגפאָרס ביז וולאַדיוואָסטאָק. געלאַסן זענען געגאַנגען די כיווינער, בוכאַרער און די דיקע סאַרטן, וועמענס שווימענדיקע באַוועגונגען האָבן זיך אויסגעוויזן פלעגמאַטיש יענע מענטשן, וואָס האָבן נישט געוואוסט, אַז שנעלקייט — איז די מעלה פון טייוול. אויסגעצערטלטע פּערסיאַנער, מיט געפּוצטע בערד, זענען געשטאַנען באַ די בלומען-קלאָמבן, אַ הויכער זקן מיט אַן אָראַנזש-באָרד און פּורפּור-נעגל, אָנווייזנדיק אויף די בלומען מיט אַ לאַנגן פינגע רפון דער געקעכלטער האַנט, האָט ריטמיש, אַזוי ווי דעקלאַמירנדיק אַ ליד, גערעדט עפּעס דרך-ארצדיק פאַר זיין אַרומיקער סוויטע. אַ משונהדיק גרויסער רינג מיט אַ רובין האָט געפינקלט אויפן פינגער, צוציענדיק צו זיך דעם פאַרכשופטן בליק פון אַ דאַרן פאַרשוין אין אַ שוואַרצער, שיף פאַרשניטענער קאַראַ-

קולענער מיץ. נישאָ אָפּרייסנדיק פון רובין די נאַסע, רויטע אויגן, האָט דער פאַרשוין באַוועגט מיט די גראָבע ליפּן און ס'האָט זיך געדאַכט ער האָט מורא, אַז דער שטיין וועט אַרויסשפּרינגען פון דער שווערער, גאָלדענער איינפאַסונג.

אָפּט האָבן זיך אָנגעטראָפן הדרת-פּנימדיקע קאַזאַנער טאָטערס און טאָטערס פון קרים, ענלעכע צו רומענישע מוזיקאַנטן; רוישיק זענען געלאָפן די גרוזינער און אַרמענער, נישט געאײַלט זענען געגאַנגען די פאַרכמורעטע, ווייסלעכע פינלענדער, די בויערס פון טראַמוויי און פוניקולערן אין שטאָט. בײַם פּאַוויליאָן פון אַרכאַנגעלסקער באַן, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן אינם סטיל פון די אַלטערטימלעכע קירכעס פון צפון-קאַנט דורך סאַוואַ מאַמאָנטאָוו, דעם מעצענאַט און בויער פון דערדאָזיקער באַן, האָט געלעבט אַ משפחה קורנאָסע סאַמאָיעדן, וויזנדיק דעם פּובליקום אַ וואַלראָס, וואָס האָט זיך געפונען אין דעם צום פּאַוויליאָן צוגעבויטן באַסיין און וואָס אין מינוטן פון אויפגעלייגטער שטימונג פלעגט ער כּלומרשט זאָגן:

— כ'דאַנק, סאַוואַ!

אין אַ קאַשן-יורטע זענען געזעסן טשיפּקע ניין מאַן קירגיזן פון גאָס-אײַזן-קאַליר; זיבן פון זיי האָבן מיט גרויסער קראַפט געבלאָזן אין לאַנגע טראָמפּייטן פון אַ מין האָלץ, טויבס צו מוזיק; אַ בחור מיט אַן אומוואַרשײַנלעך ברייטער נאָז און שוואַרצע אויגן ערגעץ בײַ די אויערן, האָט דרימלדיק געקלאַפּט אין אַ גרויסער פּויק אַרײַן, און אַ מאָדנע קלײנטשיקער זקן מיט אַ פּנים, באַוואַקסן מיט גרינלעכן מאָך, האָט קינדיש געכמאַליעט מיט די הענט אין אַ קעסל, באַצויגן מיט אייזל-פעל. טיילמאָל האָט ער ברייט אויפגעעפנט דאָס אָנצייניקע מויל, וואָס איז פאַרנייט געווען מיט די האָר פון די שיטערע וואָנסעס, און אַ צווייי, דריי מינוט געצויגן מיט אַ דינער, אויערן-שנײַדנדיקער האַלז-שטים:

— איע-ע-אי-י-יאָ-ע-ע-אָ-אי-אי-אי....

וולאַדימירער פּאַסטוכער-האָרן-שפּילער, מיט אַסקעטישע פּנימער פון הייליקע און מיט אויגן פון רויבפייגל, האָבן גרויסאַרטיק געשפּילט אויף הערנער רוסישע לידער, און אויף אַ צווייטער

עסטראַדע, קעגנאיבער דעם קריגס־פּלאַץ־פּאַווילאָן האָט דער שוואַרצ-
בערדיקער שײנער גלאַוואַטש דיריגירט מיט זײַן סטרונען-
אָרקעסטער אַן אויסטערלישע זאַך, וואָס האָט געהייסן אין פּראָ-
גראַם „מוזיק פון הימלישע ספערן". דידאָזיקע זאַך האָט גלאַוואַטש
געשפּילט צו דריי מאָל אין טאָג. דאָס פּובליקום האָט זי שטאַרק
ליב געהאַט. און מענטשן מיט פאַרשנדיקן שכל פלעגן לויפן אין
פּאַווילאָן אַרײַן הערן, ווי די שטילע מוזיק קלינגט אין דעם שטאָ-
לערנעם קוימען פון לאַנגן האַרמאַט.

— אַ מערקווירדיקער אַקוסטישער פענאָמען, — האָט קלי-
מען מיטגעטיילט אייגער זײַער אַ ליבלעכער און צו אַ פרוי ענלע-
כער מענטש מיט שיינע אויגן. סאַמגין האָט נישט געגלייבט, אַז
דער האַרמאַט קאָן זיך אָפּרופן אויף דער „מוזיק פון הימלישע ספערן",
אָבער אין זײַן איצטיקער גוטמוטיקער שטימונג האָט ער זיך געלאָזט
אַרײַנגנאַרן און איז געגאַנגען הערן דעם האַרמאַט. נישט דערהערנ-
דיק גאָרנישט אין זײַן קאַלטן לאַך, האָט ער זיך דערפילט זײער
נאַריש און באַשלאָסן מער נישט אונטערצוגעבן זיך דער שטים פון
עולם, וואָס האָט זיך אָנדערציילט נסים ונפלאות וועגן אָרינאַ פעדאָ-
סאָווא, דער דערציילערין פון די פאַרצייטישע מעשיות פון צפון־
קאַנט.

טאָג־טעגלעך, אין דער צייט פון אָוונט־תּפילה אין די קלויס-
טערס, פלעגט צו די הילצערנע איבערגעלייגטע בעלקעס, אויף
וועלכע ס'זענען געהאָנגען די גלעקער פון אָקאָנישניקאָוו און פון
אַנדערע פאַבריקן, צוגיין אַ באַיאָרטער מענטש אין אַ קאַפּטן, אין
אַ וואַרעם היטל. אָפּדעקנדיק דעם פליכיקן שאַרבן, ענלעך מיט דער
פאָרם צו אַ באַניע, פלעגט ער דריי מאָל זיך צלמען, קוקנדיק אין
הימל אַרײַן מיט אכזוריש פאַרברייטערטע אויגן ; די אויגן זענען
בײַ אים געווען ווייסע און ליידיקע, ווי בײַ אַ בלינדן. דערנאָך
האָט ער ביזן גאַרטל זיך געבוקט פאַר די צוקוקער און צוהערער,
וואָס האָבן אים אָפּגעוואַרט. איז אַרויפגעקראָכן אויף דעם איבער-
געלייגטן בעליק און האָט צעוויגט די פינפפודיקע צונג פון גרויסן
גלאָק. וויכטיק זענען געשוואומען די ווייך בוכענדיקע, זאַפטיקע
זיפצן פון עמפינדלעכן מעש ; ס'האָט זיך געדאַכט, אַז די אייזערנע

שוואַרצע צונג איז באַלעבט געוואָרן און אַליין, מיט אייגענער קראַפט, וויגט זי און לעקט גיריק דאָס מעש; דער קלינגער כאַפּט זי אָן דערפאָלג מיט די לאַנגע הענט, קאָן זי נישט אָנכאַפּן און פון פאַרצווייפלונג קלאַפּט ער זיך אַליין מיטן פליכיקן שאַרבן אָן ראַנד פון גלאָק.

ענדלעך האָט זיך איינגעגעבן אָפּצושטעלן די צעוויגטע צונג, ז'עמאָלט איז ער איבערגעגאַנגען אויף אַ צווייטן בעליק, צו די קליינע גלעקער און, אַ שוואַרצער, אָנגעהויבן פיבערהאַפּט צו וואַרפן מיט די הענט און די פיס, אויסקלינגענדיק „זיי געריִמט, זיי געריִמט, אונזער רוסישער קייסער". דער קלינגער האָט זיך אַזוי געוואָרפן, אַז ס'האָט זיך געדאַכט, — ער הענגט אויף אַן אומגעזעענעם שטריק, וויל זיך באַפרייען פון אים, דרייט מיטן קאָפּ, זיין דאַר, לאַנג פנים לויפט-אויף, גיסט זיך אָן מיט בלוט, אָבער וואָס ווייטער, אַלץ הילכיקער רימט דעם קייסער דאָס געהאָרכזאַמע מעש פון די גלעקער. אָפּגעקלונגען, האָט ער אָפּגעווישט דעם פאַרשוויצטן שאַרבן, דאָס נאַסע פנים מיט אַ גרויס טיכל אין אַ בלוי און ווייס קראַטקעלע, האָט אויפסניי געקוקט אין הימל אַריין מיט די שרעקלעכע, ווייסע אויגן, זיך געבוקט פאַרן פובליקום און איז אַוועקגעגאַנגען, נישט ענטפערנדיק אויף די שבחים, אויף די פראַגעס. מ'האָט געזאָגט, אַז אים האָט דערשלאָגן עפּעס אַן אומגליק און ער האָט אַ נדר געטון צו שווייגן ביזן סוף פון זיינע לעבנסטעג.

קלים סאַמגין האָט עטלעכע מאָל געקוקט אויפן קלינגער און פלוצלינג באַמערקט, אַז דער קלינגער איז ענלעך צום דיאַקאָן. פון דער מינוט אָן האָט ער אָנגעהויבן קלערן, אַז דער קלינגער איז באַגאַנגען עפּעס אַ פאַרברעך און, אַט, — טוט ער שווייגנד תשובה. קלימען האָט זיך פאַרגלוסט צו זען דעם דיאַקאָן אויפן אָרט פון קלינגער.

אָבער בכלל האָט סאַמגין געלעבט אין שטילן נחת פון דעם שלל און פאַרשידנאַרטיקייט פון די זאַכן, סחורות, געשאַפענע מיט די הענט פון אָט דידאָזיקע, פאַרשידנאַרטיק פּראָסטע מענטשלעך, וואָס גייען נישט געאיילט איבער די וועגלעך, באַשאָטענע מיט ריין

זאַמד, באַקוקן עניוותדיק די פּראָדוקטן פון זייערע אַרבעטן, לויבן נישט הויך דאָס געזעענע, אָבער מערסטנטייל שווייגן זיי פאַרטראַכט. און סאַמגין האָט אָנגעהויבן צו פילן זיך אין עפּעס שולדיק פאַר די שטילע מענטשלעך, ער האָט געקוקט אויף זיי פריינדלעך, אפילו מיט אַ שאָטן פון אַכטונג צו זייער אויסערלעכער אומבאַדייטנדיקייט, הינטער וועלכער ס'איז פאַרבאָרגן אַ לעגענדאַרער, אַלץ־שאַפנדיקער כּוח.

— אָט דאָס איז — אַן אוניווערזיטעט, — האָט ער געטראַכט, איבערוועגנדיק זיינע איינדרוקן. — דערקענען רוסלאַנד — דאָס איז די וויכטיקסטע לעבעדיקע וויסנשאַפט.

אים האָט זייער געשטערט אינאָקאָוו, וועמענס משונהדיקע פיגור אין דער ברייטער פעלעריגע, אין קאַפּעלוש פון אַ שטורקאַצן־טרעגער האָט פונדערווייטנס געצויגן די אויפמערקזאַמקייט, איבעראַל אַרומשוועבנדיק ווי אַ פאַנטאַסטישער און הונגעריקער פויגל, וואָס זוכט שפּייז. אינאָקאָוו איז שטאַרק מעניש געוואָרן, זיינע באַקן זענען באַוואַקסן געוואָרן מיט דראָבנע רינגעלעך טונקעלע האָר. דאָס האָט עטוואָס ווייכער געמאַכט זיין בייזיק און בונט, גרעבלעך פּנים.

אָפּזאָגן זיך פון די טרעפונגען מיט אינאָקאָוון האָט קלים זיך נישט אָנטשלאָסן, וואָרים דערדאָזיקער קנאַפּ אָנגענומענער בחור האָט, פּונקט ווי דער ברודער דמיטרי, אַ סך געוואוסט און געקאָנט זאַכלעך דערציילן וועגן די קוסטאַרישע אויסאַרבעטונגען, וועגן פישצוכט, כעמישער אינדוסטריע, וועגן שיף־פאַרקער־וועזן. דאָס איז נוצלעך געווען פאַר סאַמגינען, אָבער אינאָקאָווס רייד האָבן תּמיד אַ ביסל געמינערט זיין גוטמוטיקע און נחתדיקע שטימונג.

— אין דידאָזיקע אַלע הערלעכקייטן איז פאַראַן עפּעס... אַלמנהדיקס, — האָט געזאָגט אינאָקאָוו. — איר פאַרשטייט: גלייך אַ באַיאָרטע און נישט זייער קלוגע אַלמנה פון צווייפלהאַפטער שיינקייט וואָלט זיך געריימט מיטן נדן, זי וויל פאַרנאַרן אַ מאַנסביל אויף אַ שידוך...

אַזוי־ווי לעזנדיק אַ פאַרוויקלטע אויפגאַבע, האָט ער פאַר־

ביסן די ליפּן, זיין מויל האָט זיך אויסגעצויגן אין אַ דינער ליניע.

דערנאָך האָט ער וואָרטשעגדיק געזידלט:

— שדים אומגעלומפּערטע! האָבן צוגעטראַכט איינצואָרדנען אַן אויסשטעלונג פון זייערע אוצרות אויף זאַמד און בלאָטע. פון איין זייט — די אויסשטעלונג, פון דער צווייטער — דער יאַריד, און אינמיטן — דאָס לוסטיקע דאָרף קופּאווינאַ, וואו פון דריי הייזער זענען צוויי אָנגעפּאַקט מיט בעטלערס און טייך־גנבים, און איינס — מיט גאָסנמיידלעך.

ווען סאַמגין האָט זיך אָנטציקט מיט דער אַנטוויקלונג פון דער טעקסטיל־אינדוסטריע, האָט אינאָקאָוו אָנגעוויזן, אַז דאָס דאָרף קליידט זיך אַלץ ערגער הן לויטן איכות הן לויט די קאָלירן פון שטאָף, אַז באַנוול פּירט מען פון מיטל־אַזיע קיין מאָסקווע, כדי איבערצואַרבעטן אים אויף סחורה און צוריקשיקן אין מיטל־אַזיע. ער האָט אָנגעוויזן, אַז נישט געקוקט אויף דעם שלל פון וועלדער אין רוסלאַנד, קויפט מען פּאַפּיר אין די מיליאָנען פּודן אין פינלאַנד.

— צעדער־האָלץ אין אוראַל — איז וויפיל דו ווילסט, גראַפיט — דעסגלייכן, אָבער בליישטיפטן מאַכן קאָנען מיר נישט.

נאָך מער אומאָנגענעם איז געווען צו הערן אינאָקאָווס דערציילונגען וועגן עפּעס אַזעלכע שלימזלדיקע דערפינדערס:

— איר זענט געווען אין לאַנדווירטשאַפטלעכן? — האָט ער געפרעגט, שפּאָטיש קרימענדיק די ליפּן. — דאָרטן האָט איין רוסישער גאון אַ וועלאָסיפּעד אויסגעשטעלט, אַקוראַט אַזעלכן, אויף וואָסערע די ענגלענדער האָבן נאָך אין 18־טן יאָרהונדערטס געפרוווט צו פאָרן. און אַן אַנדער חמור האָט אַ פּיאַנינאָ אָנגעמייקט: האָט אַלץ אַליין געמאַכט, די קלאַוויאַטור, די סטרונעס, צוויי דריטל סטרונעס זענען, נאַטירלעך, אָדערדיקע. גרעגערט דידאַקטישע מוזיק, ממש אַן אַלטער טאַראַנטאַס. עפּעס אַ געוועזענער נאָטאַריוס עקספּאָנירט אַ פליגנטרייבער, די בייס־פליגן אויף די פערד צו הרגענען, דער פליגנטרייבער ווערט צוגעפעסטיקט צו דער פאָדערשטער אַקס פון דער פור און ער פּאַטשט דאָס פערד, דאָס

פערד, נאַטירלעך, קריגט שיער די נכפה. אונטער די הרי חושך וואָלט מען די טפשים געדאַרפט באַהאַלטן, און מיר ווייזן זיי גאָר פאַר גאַנץ קהל.

סאַמגין האָט יעדן טאָג געפרישטיקט מיט אים אינם שוועדישן קאַרטאָן־הייזל באַם איינגאַנג אויף דער אויסשטעלונג. אינאָקאָוו האָט באַשיידן זיך געגערט, צו אַ שטיקל שינקע געגעסן אַ סך ברויט, אויסגעטרונקען אַ פלאַש שוואַרץ ביר און, גלעטנדיק זיין פנים מיט דער האַנט, אַזויווי אָפּווישנדיק דערפון די זומערשפּרענקעלעך, האָט ער דערציילט:

— אַ פאַנאָ אַ געוויסן ווערובעלס, אַ קינסטלער, אַפנים, פון גרויסער קראַפט, האָט מען זיך אָפּגעזאָגט אָנצונעמען אויף דער אויסשטעלונג. איך בין אויף מאָלעריי גאָר נישט קיין מבין, אָבער אויף קראַפט בין איך אומעטום אַ מבין. סאַוואַ מאַמאָנטאָוו האָט אויפגעבויט פאַר ווערובעלן אַ באַזונדער קעמערל מחוץ די גרענעצן פון דער אויסשטעלונג. אָט דאָרטן — איר זעט? דער איינגאַנג איז אָן אָפּצאָל, אָבער דאָס פּובליקום באַזוכט קנאַפּ דאָס קעמערל, אפילו אין יענע טעג, ווען דאָרטן זינגט דער כאָר פון מאַמאָנטאָווס אָפּערע. איך זיץ דאָרטן אָפּט און קוק: אויף איין וואַנט — „פּרינצעסין טרוים", און אויף דער צווייטער — מ י ק ו ל אַ ס ע ל י אַ נ י נ אָ ־ וו י ט ש און וו אָ ל ג אַ. זייער מאָדנע. איין ציימונגס־מענטש האָט אַ קוק געטון דורך דער פּויסט אויף ט ר ו י ם, אויף מ י ק ו ל אַ און געזאָגט: — „פּאָליטיק. אַליאַנס פראַנקאָ־ריוס. כ'פּיל נישט מיט. קונסט דאַרף זיין פריי פון פּאָליטיק"...

אינאָקאָוו האָט נישט ווילנדיק אַ שמייכל געטון, אָבער ער האָט גלייך אָפּגעווישט דעם שמייכל פון די ליפּן מיט דער האַנט. ער האָט כסדר מיטגעטיילט פאַרשידענע נייעסן:

— וויטע איז געקומען צו פאָרן. נעבכן גייט ער מיטן אינזשיניער קאַזי און דער קווינטיליאַן ציטירט: „ס'איז גרינגער צו מאַכן מער, ווי אַזוי פיל". אַ זעלבסטצופרידענער פויער. מען ברענגט צו פירן אַרבעטער מקבל פנים צו זיין דעם קייסער. די היגע זענען אוודאי ווינציק אָדער מ'פאַרלאָזט זיך נישט אויף זיי. מ'ווער־

בירט איבעריקנס אין סאָרמאָוו און אין ניזשני. בּאַ דאָבּראָוו־נאָבּגאָלץ.

— ווי אַזוי בּאַציט איר זיך צום קייסער? — האָט געפרעגט קלים.

אינאָקאָוו האָט אויף אים פאַרוואונדערט אַ קוק געטון.

— כ'האָב קיינמאָל נישט געקלערט וועגן דעם.

קלים סאַמגין האָט געוואָרט אויפן קייסער מיט אַן אומרו, וואָס האָט אים אַזש געבּרענגט אין פאַרלעגנהייט, אָבער וועלכע ער האָט נישט געקאָנט בּאַהאַלטן פאַר זיך. ער האָט געפילט, אַז אים איז נייטיק צו זעען דעם מאַן, וואָס שטייט בּראש פון דעם ריזיקן, רייכן רוסלאַנד, פון דעם לאַנד, וואָס איז בּאַוואוינט מיט עפּעס אַ גליטשיק פאָלק, וועגן וועלכן ס'איז שווער צו זאָגן עפּעס בּאַשטימטס. שווער דערפאַר, וואָס אין דאָזיקן פאָלק זענען מיט צופיל שפע אַריינגעטריפט געוואָרן עפּעס אַזעלכע לאַבּוזעוואַטע מענטשן. בּאַ סאַמגינען איז געווען אַ נעפּלהאַפטע האָפנונג, אַז אין דער מינוט, וואָס ער וועט דערזעען דעם קייסער, וועט אַלץ, וואָס ער האָט איבערגעלעבּט און דורכגעטראַכט, בּאַקומען אַן ענדגיל־טיקע פאַרענדיקונג. מעגלעך, אַז דידאָזיקע געשעעניש וועט האָבּן די בּאַדייטונג פון יענעם ערשטן זונען־שטראַל, מיט וועלכן ס'הייבּט זיך אָן דער טאָג, אָדער פון יענעם לעצטן שטראַל, נאָך וועלכן די ערד ווערט ליבּלעך אַרומגענומען פון דער וואַרעמע זומער־נאַכט. אפשר איז דיאָמידאָוו גערעכט: דער יינגער קייסער איז אַן אויסערגעוויינלעכער מענטש. נישט אַזעלכער, ווי זיין פאָטער איז געווען. ער, וואָס האָט אַוועק דרייסט צו נישט געמאַכט די דער־וואַרטונג פון די מענטשן, וועלכע ווילן בּאַגרענעצן זיין מאַכט, פאַרמאָגט אפשר אַ מער אַנטשלאָסענעם כאַראַקטער, ווי דער כאַ־ראַקטער פון זיין זיידן. יאָ, מעגלעך, אַז ניקאָלאַי דער צווייטער איז מסוגל צו שטיין אייבּער קעגן אַלע און זיין יונגע האַנט איז גענוג שטאַרק, כּדי צו בּאַוואָפענען זיך מיטן שטעקן פון פּיאָטר דעם גרויסן און אַ געשריי טון אויף די מענטשן:

— „אָבער וואָס רודערט איר אַרום?"

אויף אַ צווײַ טעג האָט אינאַקאָוו אים אַוועקגעשטויסן אין אַ זײַט פֿון דידאַזיקע מחשבות.

— איר ווילט נישט הערן אַרינאַ פּעדראָסאָווען? — האָט ער דערשטוינט אַ פֿרעג געטון. — אָבער זי איז דאָך אַן אמתדיק וואונדער.

— איך בין נישט קיין בעלן אויף קיין וואונדער, — האָט סאַמגין געזאָגט, דערמאָנענדיק אָן האַרמאָט און אָן דער „מוזיק פֿון הימלישע ספֿערן".

אָבער אינאַקאָוו האָט געמאַכט מיט דער האַנט און אויפֿגעגט געטענהט:

— קענען איר איז דאָס אַלץ — אַ שפּיל.

און אָנכאַפּנדיק קלימען בײַם אַרבל פֿון דער מאַנאַרקע, האָט ער פֿאַרגעזעצט:

— איר געדענקט די „מוטערס" אין צווייטן טייל פֿאַוסט. אָבער זיי רעדן דאָרט עפּעס פֿאַרטראַגנס, און דידאַזיקע... נײַן, קומט.

קלים האָט דאָס ערשטע מאָל געזעען אינאַקאָוון אין אַזאַ שטימונג און, פֿאַרינטערעסירט דערמיט, איז ער מיט אים געגאַנגען אין זאַל, וואו מ'האָט געהאַלטן פֿאַרלעזונגען, רעפּעראַטן און גלאַוואַטש האָט אויסגעצייכנט געשפּילט אויף אַן אָרגאַן.

— איר וועט זען, — דאָס איז אַ וואונדער, — האָט איבערגעחזרט אינאַקאָוו.

אויף דער עסטראַדע איז אַרויסגעקומען אַ גרויסער, בערדיקער מענטש, אין אַ לאַנגער און ממש ווי אויס בלעך צוגויפֿגעקלאַפּטער מאַנאַרקע. מיט אַן אָפּהילכנדיקער שטימע האָט ער אָנגעהויבן רעדן, ווי ס'רעדן מענטשן, וואָס ווייזן דרעסירטע מאַלפּעס און ים-הינט.

— איך, — האָט ער געזאָגט; — אי-י-יך, — האָט ער אַלץ אָפּטער איבערגעחזרט, מאַכנדיק מיט די הענט באַוועגונגען פֿון אַ שווימער. — איך האָב אָנגעשריבן אַ הקדמה. דאָס בוך פֿאַרקויפֿט זיך בײַם איינגאַנג. זי קאָן נישט שרייבן. קען אויף אויסנווייניק אַן ערך דרייסיק טויזנט געדיכטן... איך, מער, ווי אין

איליאַדע. פּראָפעסאָר זשדאַנאָוו... ווען איך. פּראָפעסאָר באַרסאָוו...

— נישקשה, — האָט באַרויקענד געזאָגט אינאָקאָוו, — דער דאָזיקער איז תּמיד — אַ שוטה.

אויף דער עסטראַדע איז מיט דראָבנע טריט, שאָקלענדיק זיך, אַרויסגעגאַנגען אַ קרומזייטיקע זקנה, געקליידט אין טונקעלן ציץ, אַרומגעבונדן מיט אַ קאָלריט, אָפּגעטראָגן טיכל, אַ קאָמישע, נוסע מכשפה, צונויפגעקלעפּט פון רונצלען און פאַלבן, מיט אַ שמאָטעוואַטע, קײלעכיק פּנים און שמייכלדיקע, קינדערישע אויגן.

קלים האָט אַ קוק געטון בײַז אויף אינאָקאָוון, אַ זיכערער, אַז פּונקט ווי באַם האַרמאָס, וועט ער ווידער זיך מוזן פּילן אַלס נאַר. אָבער אינאָקאָווס פּנים האָט געשײַנט מיט התלהבותדיקער פרייד, ער האָט מוראַדיק געפּאַטשט מיט די הענט און געמורמלט:

— אַך, דו, ליבע...

דאָס איז געווען קאָמיש, סאָמגין איז אַ ביסל ווייכער געוואָרן און, באַשליסנדיק איבערצוטראָגן וואָס ס'איז אין משך פון אַ צען מינוט, האָט ער אַרויסגענומען דעם זייגער און אָנגעבויגן דעם קאָפּ. אָבער באַלד האָט ער האַסטיק אים אויפגעהויבן, — פון דער עסטראַדע האָט זיך אַ גאָס געטון אַן אומגעוויינלעך מעלאָדיש קול, ס'האָבן געבומען קלינגען וואָגיקע, אַלטפּרענקישע ווערטער. דאָס קול איז געווען פון אַ פויערטע, אָבער ס'האָט נישט געקאָנט אײַנפאַלן, אַז די גערידכטן לייענט אַ זקנה. חוץ דער האַרציקער שײַנקייט פון די ווערטער איז געווען אין דעמדאָזיקן קול עפּעס נישט מענטשיש ליבלעכס און פּקחדיקס. אַ מאַגישע קראַפט, וואָס האָט געצוואונגען סאָמגינען פאַרשטאַרט צו ווערן מיטן זייגער אין דער האַנט. אים האָט זיך זייער געגלוסט אַרומצוקוקן זיך, זעען מיט וואָסערע פּנימער הערן די מענטשן די קרומזייטיקע זקנה. אָבער ער האָט נישט געקאָנט אָפּרייסן דעם בליק זײַנעם פון דעם שפּיל פון די רונצלען אויף דעם צעקנייטשטן, גוטן געזיכט, פון דעם וואונדערבאַרן גלאַנץ אין די קינדישע אויגן, וועלכע האָבן אויסדריקלעך דערזאָגט איטלעכע שורה פון געדיכט און צוגעגעבן די·

פּאַרצייטישע ווערטער אַ לעבעדיקן גלאַנץ און אַ צוויבערהאַפטן, ווייכן קלאַנג.

איינאַרטיק צומאַכנדיק מיט דעם וואַטענעם הענטל, ענלעך צו אַ משונהדיקער, אויס שמאַטעס אויפגענייטער ליאַלקע, האָט די אַלטע פרוי פון אַלאַניעצקער קאַנט דערציילט וועגן דעם, ווי די מוטער פונעם גבור דאַבריני האָט זיך געזעגנט מיט אים, אַוועקשיקנדיק אים אין פעלד אַריין, אויף העלדישע גבורות. סאַמגין האָט געזען דידאַזיקע געפּאַשעטע מוטער, געהערט אירע פעסטע ווערטער, הינטער וועלכע ס'האָט זיך פונדעסטוועגן געהערט אי שרעק אי צער. ער האָט געזען דעם ברייט־פּלייציקן דאַבריני: ער שטייט אויף די קניען און האַלט די שווערד אויף די אויסגעשטרעקטע הענט, קוקנדיק מיט הכנעהדיקע אויגן אין דער מוטערס פּנים אַריין.

מינוטנווייז האָט זיך קלימען געדאַכט, אַז ער איז אַליין אין זאַל, מער איז קיינער נישטאָ, ס'קאָן אפילו זיין דידאַזיקע גוטע מכשפה איז אויך נישטאָ, נאָר דורכן געררויש מחוץ די גרענעצן פון זאַל קומט צו פליען צו אים פון די פאַרגאַנגענע דורות, דורך אַן אמתדיקן נס, אַ בת־קול פון הערלישן אַלטערטום.

— נו, וואָס? — האָט פייערלעך אַ פרעג געטון אינאַקאָוו, זיין פּנים איז ברייטער געוואָרן פון פריידיקן שמייכל, די אויגן זענען געווען פייכט.

— וואונדערבאַר, — האָט געענטפערט קלים.

— ס'וועט ערשט זיין! באַמערקט: זי איז נישט קיין אַקטריסע, זי שפּילט נישט קיין מענטשן, נאָר שפּילט מיט די מענטשן.

דידאָזיקע אויסטערלישע ווערטער האָט קלים נישט פאַרשטאַנען, אָבער ער האָט זיי זיך דערמאָנט, ווען פעדאָסאָוואַ האָט אָנגעהויבן דערציילן וועגן דער מחלוקה פון דעם ריאַזאַנער פויער איליאַ מוראָמעץ מיטן קיעווער פירשט וולאַדימיר. אויפסניי אַ באַצויבערטער, האָט סאַמגין געקוקט אויף דעם מכשפדיקן, מיט אַלע רונצלען רעדעוודיקן פּנים, אַ געגלעטער דורך דעם ווייכן גלאַנץ פון די אומפאַרלעשבאַרע אויגן. מיטן שכל האָט ער פאַרשטאַנען,

אַז דער ריזיקער גבור פֿון דאָרף קאַראַטשאַראָוו. דערצערנט דורכן צעבאַלעוועטן פּירשט, האָט דאָך נישט אַזוי, נישט מיט דערדאָזי־קער שטימע גערעדט און אין זיינע שאַרפֿע סטעפּישע אויגן האָט, אוודאי, נישט געקאָנט זיין אַזאַ שאַרף איראָניש שמייכעלע, וואָס דערמאַנט עפּעס אָן די כיטרע און פּקחדיקע פונקען אין די אויגן פֿון דעם היסטאָריקער וואַסילי קלוטשעווסקי.

אָבער דערמאַנענדיק זיך אָן דעם גרויזאַמען געלערנטן האָט סאַמגין פּלוצלינג און שוין נישט מיטן שׂכל, נאָר מיט זיין גאַנצן וועזן מסכּים געווען, אַזאַ דידאָזיקע, שלעכט אויפגענייטע ציצע־נע ליאַלקע איז עס די סאַמע וואָרהאַפּטיקסטע געשיכטע פֿון אמת פֿון גוטס און אמת פֿון שלעכטס, וועלכע דאַרף און קען טאַקע דערציילן וועגן עבר אַזוי, ווי ס'דערציילט די אָלאָנעצקער קרומ־זייטיקע זקנה, — אַלציינס ליבפֿול און פּקחדיק וועגן צאָרן און וועגן צאַרטקייט, וועגן דעם אומגעשטילטן צער פֿון די מוטערס און די גבורישע טרוימען פֿון די קינדער, וועגן אַלעם, וואָס ס'איז דאָס לעבן. און, ס'קאָן זיין, אָט פּונקט אַזוי מעלאָדיש גלעטנדיק די מענטשן, אויך מיט אַזאַ צויבערהאַפּטער שטימע, — צי וועלן זי רעדט וועגן אמת, צי וועגן אויסגעטראַכטס, — וועט די געשיכטע אַמאָל דערציילן אויך וועגן דעם, ווי ס'האָט געלעבט אויף דער ערד דער מענטש קלים סאַמגין.

דערנאָך האָט סאַמגין דערפֿילט, אַז נאָך קיינמאָל איז ער נישט געווען אַזוי גוט, קלוג און כּמעט ביז טרערן אומגליקלעך, ווי אין דערדאָזיקער אויסטערלישער שעה, אין די רייען פֿון די מענטשן, ביז שטומקייט פֿאַרכּשופֿטע דורך דער אַלטער, ליבער מכשפֿה, פֿון די פֿאַרצייטישע מעשׂיות מגלגול־געוואָרענער אין דער ווירק־לעכקייט, וואָס איז בריהשדיק אויף גיך און אויף חדושים אויפגע־בויט געוואָרן.

צו פֿילן זיך אומגעוויינלעך, ווי נאָך קיינמאָל נישט, האָט קלימען געשטערט איבאָקאָוו. אין די קורצע הפסקות צווישן דער פּעדאָסאָוואַס אגדות, בעת זי פּלעגט, אָפּרוענדיק זיך, אַרומלעקן מיט דעם שפּיץ צונג די טונקעלע ליפּן, גלעטן די קרומע זייט, צופּן די עקן פֿון קאָפּ־טיכל, וואָס איז פֿאַרבונדן געווען אונטער איר

באַמבע — די ענגלעכע צו אַ שוואַם־היטעלע; בעת זי פלעגט, נייגנדיק זיך אויף אַ זייט, שמייכלען און שאָקלען מיטן קאָפּ צום התלהבותדיק שרייענדיקן עולם, — אין דידאָזיקע מינוטן פלעגט אינאַקאָוו צעברעכן קלימס שטימונג, ווילד פּאַטשנדיק מיט די הענט און שרייענדיק מיט אַ יאָמערדיקער שטימע:

— יישר כּוחו! באַבעשי, ליבע — יישר כּוח!

ער איז געווען אויפגערעגט ווי אַ שכּורער, איז אונטערגעשפּרונגען אויף דער שטול, פּאַרטויבנדיק געשנייצט די נאָז, געטופּעט מיט די פיס, די פּעלערינע איז אים אַראָפּגעקראָכן פון די אַקסלען און ער האָט זי געטרעטן.

די רעשט טאָג האָט קלים דורכגעלעבט אין אַ צושטאַנד — אויסגעטון פון דער ווירקלעכקייט, דער זכּרון האָט אומאויפהערלעך אונטערגעזאָגט די פּאַרצייטישע ווערטער און געדיכטן, פאַר די אויגן האָט זיך געוויגט די ליאַלקישע פיגור, ס'איז געשוואומען די הייכע, וואַטענע האַנט, ס'האָבן געשפּילט די רונצלען אויף דעם גוטן און קלוגן פּנים. ס'האָבן געשמייכלט די גרויסע, זייער לויטערע אויגן.

און אין דריי טעג אַרום אינדערפרי איז ער געשטאַנען אויפן יאַריד אין אַן עולם, וואָס האָט אַרומגערינגלט די קאַפּעלע, אויף וועלכער מען האָט אויפגעהויבן אַ פאַן, עפנענדיק דעם אַלרוסישן ריזן־מאַרק. אינאַקאָוו האָט געזאָגט, אַז ער וועט זיך באַמיען דורכצופירן אים צו דער אויסשטעלונג אין דעם מאָמענט, ווען דאָרט וועט זיין דער קייסער, אָבער דאָס וועט אפשר זיך נישט איינגעבן; דערפאַר אָבער וועט דער קייסער זיכער באַזוכן דאָס צ ע נ ט ר אַ ל ע הויז פון יאַריד און ס'וועט בעסער זיין צו זעען אים דאָרטן.

קעגנאיבער סאַמגינען, רעכטס און לינקס פון אים, זענען אין צוויי אומענדלעכע ליניעס געשטאַנען קרעפּטיקע, וואוקסיקע, פיין־געקליידטע מענער, מאַנכע — אין נייע סוקמאַנעס און קאַפּטנס, דאָס רוב — אין מאַנאַרקעס. דאָרטן און דאָ האָבן זיך שאַרף אויסגעטיילט די רויטע פלעקן פון די רויטפאַרביקע ב"וזעס, ס'האָבן געגלאַנצט אויף דער זון די פּליסענע שאַראַוואַרן, ס'האָבן געבלישטשעט די כאַלעוועס פון די גלאַנציק אָפּגעפּוצטע שטיוול. קלים

האָט דאָס ערשטע מאָל געזעען אַזוי נאָענט און אין אַזאַ מאָס
דאָס פֿאָלק, וועגן וועלכן ער האָט פֿון קינדווייז אויף אַזויפֿיל וויכּוחים
געהערט און געלייענט צענדליקער טרויעריקע דערציילונגען וועגן
זיין שווער לעבן. ער האָט באַטראַכט די הונדערטער קוטשמעוואַטע
גלאַטיק צוגעקעמטע און פֿליכיקע קעפּ, די קורנאָסע, בערדיקע
געזונטע פּנימער, אַזוינע סאָלידע מיט שיינע אויגן, ליבלעכע און
שטרענגע, גוטע און קלוגע. די מענטשן זענען געשטאַנען גלייך־
האַרט אייגער לעבן אַנדערן, און זייערע ברייטע ברוסטן האָבן זיך
צונויפֿגעגאָסן אין איין ברוסט. ס'איז קלאָר געווען, אַז דאָס איז
דאָס אייגענע, גרויסע רוסישע פֿאָלק, וועמענס קלוגע הענט ס'האָבן
געשאַפֿן די אומצייליבאַרע רייכטימער, שיין פֿונאַנדערגעוואָרפֿענע
דאָרטן, אויפֿן מרה־שחורהדיקן פֿעלד. יאָ, דאָס האָט טאַקע דאָס
פֿאָלק אָפּגעקליבן און אַרויסגעשטעלט פֿאָרויס זיינע בעסטע און
ס'איז גוט, וואָס אַלע איבעריקע מענטשן, די עלעגאַנטער געקלייד־
טע, אָבער קלענערע, נישט אַזוינע אָנזעעוודיקע, האָבן אונטער־
טעניק זיך אַוועקגעשטעלט הינטער דער פּלייצע פֿון די אַרבעטס־
מענטשן, אָפּטרעטנדיק זיי דעם אויבנאָן. וואָס מער קלים האָט זיך
איינגעקוקט אין די מענטשן פֿון דער ערשטער ריי, אַלץ העכער
איז געשטיגן דער אָנגענעם אויפֿרעגנדער דרך־ארץ צו זיי. ס'איז
לחלוטין נישט מעגלעך געווען זיך פֿאָרצושטעלן, אַז אַזוינע פּראָסטע,
באַשיידענע מענטשן, רויק זיכערע אין זייער כּוח, קאָנען גיין נאָך
די פּריילעכע סטודענטן און עפּעס אַזעלכע האַלב משוגענע כּבוד־
זוכער.

דידאָזיקע מענטשן זענען אַזוי ווייט באַשיידן, אַז מאַנכע פֿון
זיי איז מען געניט אַרויסצורוקן, אַרויסצושלעפּן פֿאָרויס, — דאָס
האָט טאַקע געטון דער מעכטיקער, וואָנסיקער פּאָליציי־באַאַמטער
אין גאָלדענע ברילן און עפּעס אייגער אַ ספּריטנער, דינפּיסיקער
פּאַרשוין, אין אַ שטרויענעם הוט מיט אַ דריי־קאָליריקער באַנד
אויף אים. זיי זענען לאַנגזאַם געגאַנגען לענגאויס דער מענטשן־
וואַנט און האָבן אַלע מאָל ליבלעך אַ געשריי געטון, דאָ איינער,
דאָ דער אַנדערער.

— פֿליכיקער, רוק זיך אַרויס, פֿאָרויס!

— דו, ריז, וואָס באַהאַלטסטו זיך עפּעס? שטעל זיך דאָ.
— אויערינגל אין אויער — אַהער!
דער ספּריטנער פּאַרשוין האָט, אַ קוק געבנדיק אויף קלימען, זיך צוגערירט צו זיין אַקסל מיט דער הענטשקע.
— אַ ביסעלע צוריק, יונגערמאַן!
דער בחור מיטן זילבערנעם אויערינגל אין אויער האָט מיטן שטאַרן פון זיין אַקסל אַראָפּגערוקט סאַמגינען צו זיך הינטער דער פּלייצע און געזאָגט נישט הויך, הייזעריק:
— אין ברילן וועסטו פונדאַנען אויך זעען.
אָבער פון הינטער זיין ברייטער פּלייצע אַפער האָט מען גאָרנישט געקאָנט זעען.
סאַמגין האָט געפּרוווט זיך אַנידערשטעלן צווישן אים און דעם פּליכיקן מיט דער באָרד, אָבער דער בחור האָט אַרויסגע־שטעלט אַן אייזערנעם עלנבויגן און אַ פרעג געטון:
— וואוהין?
און אַן עצה געגעבן:
— שטיי אויף דיין אָרט!
קלים האָט זיך אונטערגעגעבן.
— יאָ, — האָט ער אַ קלער געטון. — דערדאָזיקער קאָן יעדן אָוועקשטעלן אויפן אָרט.
און ער האָט געפרעגט:
— פוּנ־וואַנען זענט איר?
דער מענטש מיטן אויערינגל אין אויער האָט אויסגעדרייט דעם פעסטן האַלז, אָנגעבויגן דאָס רויטע פּנים מיט שוואַרצע וואָנסעס.
— פון צווייטן באַצירק, — האָט ער געזאָגט.
— אַן אַרבעטער?
— אַ העקמאַכער.
סאַמגין האָט געשוויגן אַ ווײַלע, אַ קלער געטון, און ווידער געפרעגט:
— פאַרוואָס זשע זענט איר נישט אין אוניפאָרם?
דער מענטש מיטן אויערינגל אין אויער האָט נישט געוועגט־

פערט. אַנשטאָט אים האָט גערן גענומען רעדן זיין שכן, אַ שלאָנ־קער שיינער מענטש אין אַ געלער, זיידענער בלוזע:

— די אַרבעטער, די באַלמעלאָכעס וועט מען נישט ווייזן. דאָס איז נישט קיין אויסשטעלונג פאַר יענע חברה־לייט. וויבאַלד אַ באַלמעלאָכע איז נישט באַ דער אַרבעט, איז ער — שכור, און דעם קייסער צו ווייזן שכּורים איז נישטאָ נאָכוואָס.

— ריכטיק, — האָט געזאָגט עמעצער זייער הויך. — אונזער העסלעכקייט איז אים נישט אינטערעסאַנט.

ביי"ז האָט זיך אַריינגעמישט דער פליכיקער ריז:

— מען דאַרף מאַכן אַ חילוק: ווער ס'איז אַן אַרבעטער, ווער — אַ באַלמעלאָכע. אָט בין איך אַן אַרבעטער פון וואָקזאַל מאַראָזאָוון, מיר זענען דאָ ניינציק מאַן. און פון ניקאָלסקער מאַנו־פאַקטור זענען אויך דאָ.

ס'האָט זיך פאַרבונדן אַ נישט אייליקער שמועס און אינגיכן איז קלים געוואָרן, אַז דער מענטש אין דער געלער בלוזע — איז אַ טענצער און אַ זינגער פון סניטקינס כאָר, וואָס איז באַליבט אַרום דער וואָלגע, און דעם טענצערס שכן — דער שוואַרצבערדיקער, פעסטגעבויטער פאַרשוין מיט אויגן פון אַ פילין, — איז אַ יעגער אויף בערן, אַ וואַלד־שומר פון מלוכה־וועלדער.

פילנדיק, אַז דער שמועס פון דידאַזיקע צופעליקע מענטשן קווילט אים, האָט סאַמגין געוואָלט איבערטוישן דאָס אָרט און זייטיק זיך דורכגעגליטשט פאָרויס צווישן אַ פייערלעשער און דעם טענצער. אָבער דער פייערלעשער האָט מיט אַ שווערער האַנט אים אַ כאַפּ געטון באַם אַקסל, צוריק געשטופּט און געזאָגט דרך־ארצדיק:

— שפּאַצירן קאָן מען נישט, זעסט, אַלע שטייען?

דער טענצער האָט אַ קוק געטון אויף קלימען מיט אַ שמייכלע און דערקלערט:

— היינט ווייזט מען נישט אַרויס קיין אויפמערקזאַמקייט צום פּובליקום.

— שאַ, ער פאָרט.

עמעצנס באַפעלערישע שטימע האָט אַ געשריי געטון:

— טרעסקין! מ'זאָל נישט וואַגן צו קריכן אויף די דעכער!

אַלע זענען אַנטשוויגן געוואָרן, האָבן זיך איינגעצויגן, צוהערנדיק זיך, קוקנדיק צו דער אָ ק ע, אויפן טונקעלן פּאַס פונם אָרט, וואו צוויי ליניעס קינדעריש־קליינע מענטשן האָבן געפּאָכעט מיט דינע הענט און אָפּרייסנדיק די קעפּ פון זייערע אַקסלען, זיך געשפּילט מיט זיי, געוואָרפן אינדערהייך, ס'האָט זיך געהערט גלאָקן־געקלאַנג, באַזונדער סוגעסטיש האָט געהודזשעט דער סאָבאָרן־גלאָק אין ק ר ע מ ל און צוזאַמען מיטן מעשענעם רעש איז געוואַקסן, שנעל דערקייקלענדיק זיך אַלץ נענטער, אַ צווייטער, אַ ברילנדיקער. קלים האָט געהערט, ווי מאָסקווע, באַגעגנענדיק דעם קייסער, האָט געברילט הוראַ, נאָר דעמאָלט, מיאוס אַריינגעיאָגט אין הויף צוזאַמען מיט אַ שכור און אַ טאַשנציער, האָט דערדאָזיקער געבריל אים נישט אויפגערעגט. אָבער היינט האָט ער געפילט, אַז די אויפרעגונג וויגט אים אַזש און מאַכט פינצטער אין די אויגן.

מ'האָט געקאָנט מיינען, אַז דעמדאָזיקן מעכטיקן געבריל שלעפּט נאָך זיך די אָפּטיילונג שנעל רייטנדיקע פּאָליציאַנטן, דאָס קלינגען פון די פּאָדקאָוועס איבער די קיזלשטיינער האָט נישט פאַרטויבט, נאָר פאַרשטאַרקט דעם געבריל. די אָפּטיילונג האָט פּלינק זיך צעשאָטן, באַ איטלעכע צען, צוואָנציק טריט איז פון איר אָפּגעשפּרונגען אַ רייטער און שטעלנדיק זיין פערד מיט דער זייט צו די מענטשן, געשטופּט זיי אויפן טראָטואַר אַרויף, אָפּגעשטופּט זיי נאָך דער קאַפּעלע, צום נישט פאַרבויטן ברעג פון דער אָ ק ע.

אויס דער צונויפגעקוועטשטער מענטשן־וואַנט אויף יענער זייט גאַס, פון הינטער דעם גראָבן קרופּ פון אַ פערד, איז שווער אַרויסגעקראָכן דער קלינגער פון דער אויסשטעלונג און מיט דריי שפּרייז דערגרייכט דעם מיטן פון ברוק. צו אים זענען גלייך צוגעלאָפן צוויי, אויסשרייענדיק דערשראָקן און קאָמיש:

— וואוהין, שד? וואוהין, פאַרזעעניש?

אָבער דער קלינגער האָט אָפּגעשטופּט די מענטשן מיט דער האַנט, אויפגעהויבן אין הימל אַריין די אכזרישע אויגן און, ברייט

פּאָכענדיק מיט דער רעכטער האַנט, דריי מאָל איבערגעצלמט דעם וועג.

— זעסטו שוין, — האָט לייטזעליק אויסגערופן דער וועבער. דעם קלינגער האָט מען איילִיק אַרייַנגעקוועטשט אין עולם, און זיין וואָרעם היטל איז פאַרבליבן אויף די ברוק־שטיינער.

סאַמגינען האָט זיך געדאַכט, אַז די לופט ווערט טונקל, צונויפגעדריקט פון דעם מעכטיקן געוואַלי פון טויזנטער מענטשן, פון דעם געוואַלי, וואָס האָט זיך דערנענטערט, ווי אַ נישט אַנזעעוודיקע כמאַרע, אַפּווישנדיק אַלע קלאַנגען, פאַרשלינגענדיק דעם גלאָקן־געקלאַנג און די קולות פון די מעשענע טראָמפּייטן פונם מיליטערישן אָרקעסטער אויפן פּלאַץ פון צ ע נ ט ר א ל ן הויז. ווען דער דאָזיקער געוואַלי און געבריל האָט זיך אַרויפגעקייקלט אויף קלימען, האָט ער אים פאַרטויבט, אויפגעהויבן אינדערהייך און דערגלייכן געצוואונגען צו ליאַרמען מיטן גאַנצן כוח פון די לונגען:

— הוראַ!

דער עולם איז אונטערגעשפּרונגען, פאָכענדיק מיט די הענט, געוואָרפן אינדערלופטן די היטלען. דאָס געשריי האָט אַזוי פאַרהילכט, אַז מען האָט לחלוטין נישט געהערט, ווי דעם גובערנאַטאָר באַראַנאָווס פאַר פייערדיקע פערד' האָבן געקלאַפּט מיט די קאָפּיטעס איבער די קיזלשטיינער. דער גובערנאַטאָר איז געשטאַנען אין עקיפּאַזש, אָוועקגעשטעלט די קני אויפן געזעס, קוקנדיק הינטערווייַלעכץ, פאָכענדיק מיטן היטל. ער איז געווען פון שטאָלקאָליר, אַ פאַרצווייפלטער און העלדישער, די גאָלדענע פּלאַטלעך פון די אָרדנס האָבן געגלאַנצט אויף זיין רעליעפער ברוסט.

נאָך אים, אויף אַ געוויסן מהלך איז שנעל געלאָפן אַ טראָיקע ווייסע פערד. פון איר זילבערנעם געשפּאַן זענען געפלויגן ווייסע פונקען. די פערד האָבן געטופּעט קלאַנגלאָז, דער ברייטער עקיפּאַזש האָט זיך געקייקלט אומהערבאַר; ס'איז געווען מאָדנע צו זען, אַז די פערד וואַרפן מיט די צוועלף פיס, וואָרים ס'האָט זיך געדאַכט דעם קייסערס עקיפּאַזש גליטשט זיך אינדערלופטן, אָפּגעריסן פון דער ערד דורכן מעכטיקן געשריי פון התלהבות.

קלים סאַמגין האָט דערפילט, אַז אויף אַ געוויסן מאָמענט האָט אַלץ אַרום, און אויך ער אַליין, זיך אָפּגעריסן פון דער ערד און פליט אינדערלופטן אין ווירבל פון סטיכישן ברי־לעריי.

דער קייסער, אַ קלייניקער, קלענער פון גובערנאַטאָר, אַ בלוילעך־גרויער, איז ווייך אונטערגעשפרונגען אויפן ראַנד פון געזעס אין עקיפּאַזש, מיט איין האַנט האָט ער זיך אָנגעשפּאַרט אין דער קני, און די אַנדערע האָט ער מעכאַניש געהויבן צום היטל, רעגלמעסיק געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף רעכטס, אויף לינקס און געשמייכלט, קוקנדיק אין די אומצייליקע קיילעכיק צעעפנטע, צייגהאַפּטע מיילער, אין די רויטע פון אָנגעשטרענגטקייט פּנימער. ער איז געווען זייער אַ יונגער, אַ ציכטיקער, מיט אַ שיין, ווייך פּנים, און געשמייכלט האָט ער שולדיק.

יאָ, ער האָט געשמייכלט שולדיק, טאַקע מיט דיאַמידאָווס ווייכן שמייכל. און אויך די אויגן זיינע זענען געווען די אייגענע, שאַפּירענע. און ווען מ׳וואָלט אים אָפּגעגאָלט דאָס קליינע, בלאָנדע בערדל, וואָלט ער געוואָרן אינגאַנצן ווי דיאַמידאָוו.

ער איז דורכגעפלויגן, באַגלייט פון אַ טויזנטקעפּיקן ליאַרם, פונקט אַזאַ ליאַרם האָט אים אויך באַגעגנט ווייטער. ס׳זענען גע־לאָפן נאָך עפּעס געוויסע עקיפּאַזשן, ס׳האָבן געגלאַנצט מונדירן און אָרדנס, אָבער מ׳האָט שוין געהערט, אַז די פערד קלאַפּן מיט די פּאַדקאָוועס, די רעדער קאָלערן זיך איבער שטיין און אַלץ בכלל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד.

אויפן וועג איז אויפסניי אויסגעוואַקסן דער קלינגער, מיט שווערע האַנט־פּאָכען האָט ער געצלמט די לופט נאָך די עקיפּאַזשן, די מענטשן האָבן אים אַרומגעקרייזלט ווי אַ סלופּ. אַ רויט־פּרצופּ־דיקער מענטש אין אַ גרוי רעקל האָט זיך איינגעבויגן, אויפגע־הויבן דאָס היטל און דערלאַנגט עס דעם קלינגער. דעמאָלט האָט דער קלינגער, אַ קלאַפּ געבנדיק מיטן היטל איבער דער קני, מיט ברייטע שפּאַן זיך געלאָזט גיין אינמיטן ברוק.

קלימס אויגן, וואָס האָבן דורשטיק פאַרשלונגען דעם קייסער, האָבן נאָך אַלץ געזעען זיין בלוילעך־גרויע פיגור און אויף דעם

שיינעם פנים — דעם שולדיקן שמייכל. סאַמגין האָט געפילט, אַז דערדאָזיקער שמייכל האָט אים צוגענומען אַ האָפנונג און טרויעריק געמאַכט ביז טרערן. די טרערן האָבן זיך באַוויזן בײַ אים פריער, אָבער דאָס זענען געווען טרערן פון פרייד, וועלכע האָט ארומגע־כאַפּט און אויפגעהויבן איבער דער ערד אַלע מענטשן. אָבער אַצינד, נאָכקוקנדיק דעם קייסער און דעם אינדערוווייטנס זיך איינע־שטילנדיקן געשריי, האָט קלים געוויינט מיט טרערן פון צער און באַליידיקונג.

ס׳איז נישט מעגלעך געווען שלום צו שליסן דערמיט, אַז דער קייסער איז ענלעך צו דיאָמידאָוון, ס׳איז אומדערלאָזבאַר געווען דער שולדיקער שמייכל פון פאַרלעגנהייט אויפן פנים פונם מושל פון הונדערטמיליאָניקן פאָלק. און ס׳איז אומפאַרשטענדלעך געווען, מיט וואָס האָט דערדאָזיקער יונגער, שיינינקער און ווייכער מענטש געקאָנט אַזאַ אויפטרייסלענדיקן ליאַרם?

ווילנסלאָז און צעקלעמט האָט סאַמגין זיך באַוועגט אין דעם המון מענטשן, וואָס זענען איבער עפּעס פּלוצלינג רוישיק און פריי־לעך געוואָרן, געהערט זייערע הייטערע קולות:

— פאַרצייטנס וואָלט מען אויף די קני זיך געשטעלט...

— העי, אונזערע, קומט טרינקען ביר!

הינטער קלימס פּלייצע האָט עמעצער הויך זיך אַנטציקט:

— נו, ווי גאָר פּשוט מען שלאָגט!

— ועמען?

— איטלעכן.

אַ סאָלידע שטימע האָט סוגעסטיוו געזאָגט:

— די קריטיקער דאַרף מען טאַקע שלאָגן.

— ראָמאַן, — וויפיל האָסטו געגעבן פאַר די שטיוול?

וועגן קייסער האָט מען נישט גערעדט, בלויז איין פראַזע האָט אויפגעכאַפּט סאַמגין:

— שווער וועט אים זיין מיט אונז.

דאָס האָט געזאָגט אַ פעסטגעבויטער בחור, הפּנים אַ שטאָפּן־פאַרבער, זיינע הענט זענען אָפּגעפאַרבט געווען מיט געדיכט־בלויער פאַרב. ער איז געגאַנגען, פירנדיק אונטער דער האַנט אַן אָפּגעהיי־

טענעם אַלטן מאַן, האָט העזהדיק צעשטופּט די מענטשן און געשריגן אויף זיי:

— שפּרייז!

אָבער אויך דער האָט, קאָן זיין, נישט געהערט װעגן קייסער.

— און אפשר פילן זיך די אַלע מענטשן אויך אָפּגענאַרט און באַהאַלטן עס בלויז קונציק? — האָט אַ קלער געטון קלים.

אַ שאַרפאויגיקער מענטש האָט אַ בליק געטון אין זיין פּנים אַריין און אָן צוטרוי געפרעגט:

— וואָס זשע ווייַנט איר, יונגער האַר? וואָס זשע פאַר אַ סיבה האָט איר היינט צו וויינען?

סאַמגין האָט זשענירט אויסגעווישט די אויגן, פאַרגיכערט דעם טריט און אַראָפּגעדרייט אין איינער פון די גאַסן פון ק ו ג א ו י נ אַ, וועלכע איז דורכויס פאַרנומען געווען מיט שאַנדהייזער. כמעט אין יעדן פענצטער האָבן, צוזאַמען מיט די דרייקאָליריקע פאַסן פון די פענצטער, אַרויסגעקוקט האַלב אָנגעטוענע פרויען, ווייזנדיק נאַקעטע אַקסלען, ברוסטן, ציניש איבערשרייענדיק זיך פון פענצטער צו פענצטער. און אַ חוץ די פענער איז אַלץ אין דער גאַס געווען אַזוי געוויינלעך, גלייך ס'וואָלט גאָרנישט געשעען, און דער קייסער און דאָס התלהבות פון פאָלק — איז אַ חלום.

— ניין, דיאָמידאָוו האָט אַ טעות געהאַט, — האָט קלים געטראַכט, נעמענדיק אַ דראָזשקע צו דער אויסשטעלונג. — דערדאָזיקער קייסער וועט אוודאי זיך נישט אַנטשליסן אַ געשריי צו טון, ווי דאָס האָרבאַטע מיידעלע.

באַם איינגאַנג אויף דער אויסשטעלונג האָט אים געטראָפן אינאָקאָוו.

— מ'קאָן דורכגיין! — האָט ער איילִיק אַ זאָג געטון. — אַ שאָד. איר האָט פאַרשפּעטיקט.

אינאָקאָוו האָט זיך אָפּגעשוירן, אָפּגעגאָלט די באַקן און פאַרבייטנדיק די פעלערינע מיט אַ ביליקן אַנצוג פון מיין-קאָליר איז ער געוואָרן אומבאַמערקבאַר, ווי איטלעכער אָנשטענדיקער מענטש. בלויז די זומערשפּרענקלעך אויפן פּנים זענען אַרויסגעקומען נאָך

שאַרפער, אָבער אין איבעריקן האָט ער זיך כמעט מיט גאָרנישט אונטערגעשיידט פון די אַלע אַנדערע, אַ ביסל איינאַרטיק אָנשטענדיקע מענטשן. זיי זענען געווען נישט קיין סך, אויף דער אויסשטעלונג האָבן זיי זיך זייער אינטערעסירט מיט דער אַרכיטעקטור פון די געביידן, געוואָרפן בליקן אויף די דעכער, האָבן אַריינגעקוקט אין די פענצטער, הינטער די ראָגעס פון די פּאַוויליאָנען און ליבלעך געשמייכלט איינער צום אַנדערן.

— געהיים־אַגענטן? — האָט שטילערהייט אַ פרעג געטון קלים.

— מסתמא, נישט אַלע, — האָט בייז און נישט פּאַסיק הויך געענטפערט אינאָקאָוו, ער איז געגאַנגען, האַלטנדיק דעם קאַפּעליוש אין דער האַנט, אָנגעכמורעט, קוקנדיק אויף דער ערד אַראָפּ.

— דאָ האָבן שוין זיי אָפּגעשפּילט אַ וואָדעוויל, — האָט ער דערציילט. — בײַם אַריינגאַנג אין קייזערלעכן פּאַוויליאָן, האָבן דעם קייסער מקבל־פּנים געווען די ג ר י ד י נ ע ר, איר ווייסט, — אַזוינע רוסישע שיין־געשטאַלטיקע יונגען אין ווייסע קאַפּטנס מיט זילבער, אין ווייסע, הויכע היטלען, מיט לאַנגע העק אין די הענט; מ׳זאָגט, דאָס האָט דער אַלטער ליטעראַט דמיטרי גריגאָראָוויטש זיי צוגעטראַכט. זיי זענען געשטאַנען אין צוויי רייען. דער קייסער פרעגט איינעם: „אייער פאַמיליע־נאָמען?” „נאַבגאַלץ”. ער פרעגט דעם צווייטן: — „עלוכען”. דעם דריטן: — „דיטמאַר”. דער פערטער האָט זיך אָנגערופן שולצע. דער קייסער האָט אַ שמייכל געטון, איז פאַרבייגעגאַנגען עטלעכע שווייגנדיק; זעט ער, עפּעס איין קורנאָסע צורה האָט זיך אָנגעשטעלט אויף אים מיט פאַרגעטערונג, האָט ער אַ שמייכל געטון צו דער צורה: „און אייער פאַמיליע־נאָמען?” מילא, האָט אים די צורה אַ ריטש געטון מיט אַ באַס: „אַנטאָר!” דאָס פלעגט אַזוי די צורה פאַרקירצט די שענק־חשבונות אונטערשרייבן, אָבער דער אמתער נאָמען און פאַמיליע־נאָמען אירער איז — אַנדרעי טאָרסוייעוו.

אינאָקאָוו האָט דאָס דערציילט מיט אַ האַלב קול, אָן חשק און פאַרטראַכט.

— דאָס איז אמת? — האָט אָן צוטרוי געפרעגט סאַמגין.

— נו, געוויס. וויבאַלד ס'איז נאַריש, — הייסט עס — ס'איז אמת.

קלים איז אַנטשוויגן געוואָרן, ד'ערמאַנענדיק זיך אָן דעם פייערלעשער און דעם טענצער, וועלכע ער האָט אָנגענומען פאַר אַרבעטער.

די אָנשטענדיקע לייט זענען פּלוצלינג פאַרשטאַרט געוואָרן, אַראָפּנעמענדיק די הוטן. פון פּאַוויליאָן פון כעמישער אינדוסטריע איז אַרויסגעקומען דער קייסער, אין באַגלייטונג פון דריי מיניסטאָרן: וואָראָנצאָוו־דאַשקאָוו, וואַנאָווסקי און וויטע. דער קייסער איז געגאַנגען פּאַמעלעך, שפּילנדיק זיך מיט דער הענטשקע, און געהערט, וואָס ס'האָט גערעדט צו אים דער הויף־מיניסטער, לייכט ציענדיק אים באַם אַרבל און אָנווייזנדיק אויף דעם פּאַוויליאָן פון ווייַן־אויסאַרבעטונג, אַ נישט הויכער באַרג, אַרומגעלייגט מיט דאַרניגע. פונדערווייטנס און אויף דער ערד האָט דער קייסער זיך אויסגעוויזן קלימען נאָך קלענער, ווי ער איז געווען אין עקיפּאַזש. אים האָט זיך, הפּנים, נישט געגלוסט אַראָפּצוגיין אין וואָראָנצאָווס פּאַוויליאָן, ער האָט אָפּגעקערט דאָס פּנים אין אַ זייט און שמייכלענדיק פאַרלעגן, האָט ער עפּעס גערעדט צום קריגס־מיניסטער, וואָס איז געווען ציוויל געקליידט און מיט אַ שטעקעלע אין דער האַנט.

זיי, דריי, זענען געשטאַנען האַרט איינער לעבן אַנדערן, און אויף זיי האָט פון דער הייך פון זיין שווערן קערפּער אַראָפּגעקוקט דער ברייט־פּלייציקער וויטע; אין זיינע אַקסלען איז נאַכלעסיק און אויף גיך אַריינגעשטעקט געווען אַ קליינער קאָפּ מיט אַ נישט קענטיק נעזל און אַ נישט געדיכט מאָרדוויניש בערדל. ער האָט געקוקט אויפן קליינינקן אין פאַרגלייך מיט אים קייסער און אויך אַזעלכע קליינע מיניסטאָרן, פאַרזאָרגט האַלטנדיק צעשפּרייט די ליפּן, באַהאַלטנדיק די אויגן אונטער די ברעמען־בערגלעך, געקוקט אויף זיי און אויפן גאָלדענעם זייגער, וואָס האָט געבלינצלט אין זיין האַנט. סאַמגינען האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן, ווי־

האַרט און שטאַרק וויטע האָט צוגעקוועטשט צו דער ערד די לאַנגע און ברייטע סטאָפּעס פון זיינע שווערע פיס.

עטלעכע טריט פון דערדאָזיקער גרופּע האָבן רעספּעקטפול זיך אָפּגעשטעלט דער בראַווער, מאָגערער און שטעכעדיקער גובערנאַטאָר באַראַנאָוו און דער גרויבערדיקער קאָמיסאַר פונם אָפּטייל פון קונסט-אינדוסטריע גריגאָראָוויטש, וועלכער האָט געמאַכט מיט דער האַנט אינדערלופטן ברייטע קרייזן און באַוועגט מיט די פינגער, אַזויווי זאָלצנדיק די ערד אָדער זייענדיק עפּעס. אין אַן ענגער, שטומער גרופּע זענען געשטאַנען די קאָמיסאַרן פון די אָפּטיילן, נאָך עפּעס סאָלידע מענטשן אין אָרדנס, אַ גרויסער מענטש מיט אַ פּנים פון אַ נאַרישעוואַטן פויער, אָנגעטון אין אַ קאַפּטן, געהאָפטן מיט גאָלד.

— ניקאָלאַי בוגראָוו, אַ מיליאָנער, — האָט געזאָגט איבאַקאָוו. — אים רופט מען אָן — ניזשעגאָראָדער קרוינפּירשט. — און דאָס איז — סאַוואַ מאַמאָנטאָוו.

פונם פּאַוויליאָן פון צפון-קאַנט איז געגאַנגען אַ פעסט פּליכעוואַטע מענטשל מיט אַ ווייס בערדל און אַ פריילעך ראָזע פּנים, ער איז געגאַנגען און, לאַכנדיק, זיך אָפּגעפּאָכעט פון „אַן אויסטייטשנדיקן הער”, אַ הויכשטערנדיקן און לאַנגהאָריקן.

— שטותים, מיין ליבער, בפירושע שטותים, — האָט ער הויך געזאָגט, צווינגענדיק דעם גובערנאַטאָר באַראַנאָוו שטרענג אַ קוק צו טון אין זיין זייט אַריין. אַלע אָנשטענדיקע מענטשן זענען אויך אויף אים אויפמערקזאַם געוואָרן. ס'האָט אַ קוק געטון דער קייסער אַלץ מיטן זעלביקן שולדיקן שמייכל, און וואָראָנצאָווּדאַשקאָוו האָט אַלץ נאָך געצויגן אים באַם אַרבל, אויפרעגנדיק דערמיט קלימען.

— אַדאַשעוו, — האָט ער זיך דערמאַנט און געוואונטשן דעם מיניסטער דעם גורל פון איוואַן דעם גרויזאַמענס מורה-דרך.

אויף דער אויסשטעלונג איז געווען שטיל און אומעטיק, ווי אין מיאוסע וואָכנטעג. וואָכעדיק האָבן געפּייפט די לאָקאָמאָטיוון אויפן וואַגאָנען-הויף, ס'האָבן געקריצט די רעלסן בא די וועקסלען.

ס'האָבן געבוכעט די בופּאַרן און מרה־שחורהדיק האָבן געזונגען די האָרנס פון די וועקסלער.

דער טאָג, פונדערפרי אַ העלער, איז אויך אומעטיק געוואָרן, דעם הימל האָבן מיט אַ גלייכן שיכט פאַרצויגן גרוילעכע שיטערע וואָלקנס, די זון, צוגעדעקט פון זיי איז געוואָרן ווינטערמעסיק — מאַט־ווייס און איר צעזייעטע ליכטיקייט האָט איינגעמידט די אויגן. די קאָלירטקייט פון די געבייען האָט אָפּגעבלאַקירט, אומבאַוועגלעך און פאַרבלאָז זענען געהאָנגען די אומצייליקבאַרע פענער, די אָנ־שטענדיקע מענטשן האָבן געשפּרייזט פלעגמאַטיש. און דעם קייסערס בלוילעכע, באַשיידענע פיגור, טונקלער ווערנדיק, איז נאָך וויניקער קענטיק געוואָרן אויפן פאָן פון די היפּשע, סאָלידע מענטשן, געקליידטע אין שוואַרצן און אין מונדירן, אויסגעבייטע מיט גאָלד, באַצירטע מיט אָרדנס.

דער קייסער איז לאַנגזאַם געגאַנגען צום קריגס־פּלאַט־אַפּטייל פאַרויס די אַלע מענטשן, אָבער ס'האָט זיך געדאַכט, אַז זיי שטופּן אים. אָט האָט דער גובערנאַטאָר באַראַגאַוו פלינק זיך אָנגעבויגן, אויפגעהויבן עפּעס פון דער ערד, פון אונטער דעם קייסערס פיס אַפּער און אַוועקגעשליידערט אין אַ זייט.

— נו, געגנוג פאַר אייך? — האָט געפרעגט אינאָקאָוו, שמייכלענדיק.

סאַמגין האָט שווייגנד אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ. ער האָט זיך געפילט פיזיש מיד, געוואָלט עסן און ס'איז אים געווען טרויעריק. אַזאַ טרויעריקייט האָט ער געשפּירט אין דער קינדהייט, ווען מ'האָט אים געשאָנקען פון דער ווייַנאַכט־כאַינקע נישט יענע זאַך, וועלכע ער האָט געוואָלט האָבן.

— איר ווייסט, צו וועמען דער קייסער איז ענלעך? — האָט געפרעגט אינאָקאָוו. — קלים האָט שווייגיק אַ קוק געטון אין זיין פּנים אַריין, דערוואַרטנדיק אַ גראָב וואָרט. אָבער אינאָקאָוו האָט געזאָגט פאַרטראַכט:

— צו באַלזאַמינאָוו, געקליידט אַלס אָפיציר.

— אַ יצחק, — האָט אַ מורמל געטון סאַמגין.

— וואָס?

— יצחק, — האָט קלים איבערגעחזרט העכער און מיט פאַרדראָס, וועלכן ער האָט נישט געקאָנט איינהאַלטן.

— אַך, יאָ, דאָס איז פון דער ביבעל, — האָט זיך דערמאָנט אינאָקאָוו. — נו, און ווער זשע איז דאָן אברהם?

— כ'ווייס נישט.

— אַ מאָדנער פאַרגלייך, — האָט אַ שמייכל געטון אינאָקאָוו און, אָפּזיפּצנדיק, געזאָגט:

— מיינע קאָרעספּאָנדענצן — דרוקט מען נישט. דער רעדאַקטאָר, דער אַלטער מערין, שרייבט מיר, אַז איך שטרייך צופיל אונטער די נעגאַטיווע זייטן, און דאָס געפעלט נישט דעם צענזאָר. ער לערנט: איטלעכע קריטיק מוז אַרויסגיין פון אַ געוויסער אַלגעמיינער אידעע און אָנשפּאַרן זיך אויף איר. אָבער דער טייוול װעט זי געפינען, דידאָזיקע אַלגעמיינע אידעע.

קלים האָט אויפגעהערט הערן זיינע וואָרטשענדיקע רייד, קלערנדיק וועגן דעם יונגן מאַן, אָנגעטון אינם בלוילעך-גרויען מונדיר, וועגן זיין פאַרלעגענעם שמייכל. וואָס וואָלט געזאָגט דערדאָזיקער מענטש, ווען מ'זאָל פאַר אים אַוועקשטעלן קוטוזאָוון, דעם דיאַקאָן, ליוטאָוון? יאָ, וואָסערע קרעפּטיקע ווערטער וואָלט ער געקאָנט זאָגן דידאָזיקע מענטשן? און סאַמגין האָט זיך דערמאָנט — נישט מיט חוזק, ווי ער פלעגט שטענדיק זיך דערמאָנען, נאָר מיט בישערניש:

— „אָבער — צי איז גאָר געווען אַ ייִנגל? אפשר איז גאָר קיין ייִנגל נישט געווען?“

אָבער איבערגעלאָדן פון איינדרוקן, האָט ער בכלל אָנגעוואוירן די פעיקייט צו טראַכטן; ס'איז אָפּגעשטאָרבן דער שפּין, וואָס שפינט דאָס געוועב פון געדאַנק. ס'האָט זיך געגלוסט אַוועקצופאָרן אַהיים, אויף דער זומערוואוינונג, אָפּצורוען.

אָבער אַהרן האָט ער נישט געקאָנט, וואַראַווקאַ האָט דורך אַ טעלעגראַמע געבעטן צוצוװאַרטן אויף זיין קומען.

און צוואַרטנדיק אויף וואַראַווקען, האָט קלים סאַמגין דערזען אַ כאַן.

דאָס איז געווען אַ מענטש פון מיטעלן וואוקס, געקליידט אין

ברייטע, לאַנגע מלבושים, פון אַ מין אומבאַשטימטן קאָליר, וואָסערן ס׳קריגן די בלעטער פון די ביימער אין שפּעטן האַרבסט, ווען זיי האָבן שוין פאַרזוכט אַ זענג פון פראָסט. דידאָזיקע גרינגע, ווי שאָטנס, מלבושים האָבן צוגעדעקט דעם מאָגערן, בייניקן גוף פון אַ זקן מיט אַ צווייפאַרביק פּנים: דורך דער מאַט-געלער הויט פונם געזיכט האָבן זיך דורכגעשלאָגן ברוינע פלעקן פון אַ מין אַלטן ראָסט. דאָס שטיינערנע פּנים האָט פאַרלענגערט אַ גרוי בערדל. די האָר אינם בערדל האָט מען לייכט געקאָנט איבערציילן. ביינטעלעך אויף אַזעלכע גרויע האָר האָבן, אַראָפּלאָזנדיק זיך, געשטאַרט אין די מויל-ווינקלען. די אונטערשטע ליפּ, אויך פון זשאַווער-קאָליר, איז מיט אַ מינע פון עקל נאָכגעהאָנגען, און איבער איר — אַ נישט גלייכע שורה געלע, ווי בורשטין, ציין. זיינע אויגן זענען שיף אויפגעהויבן געווען צו די שלייפן, די אויערן, שפּיציקע ווי בא אַ חיה, האַרט צוגעדריקט צום שאַרבן. געטראָגן האָט ער אַ קאַפּעלוש מיט קיילעכלעך און שנירלעך, דער קאַפּעלוש האָט ענלעך געמאַכט דעם מענטש צו אַ פּריסטער פון עפּעס אַן אומבאַקאַנטער קירכע. ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז די אַפּלען פון זיינע שמאָלע אויגן זענען נישט קיילעכיק און נישט גלאַטיק, ווי בא אַלע געוויינלעכע מענטשן, נאָר זענען צונויפגעקלעפּט פון דראָבנע, שפּיציקע שטיקעלעך קרישטאָל. און ווי פון אַ פּאָרטרעט, וואָס איז געמאָלט פון אַ מייסטערהאַפטן קינסטלער, האָבן דידאָזיקע אויגן נאָכגעפאָלגט קלימען אומאויפהערלעך, פון וואָסער פּונקט ער האָט נישט געקוקט אויף דעם אַלטן, באַלעבטן פּאָרטרעט. די סאַמעטענע, ברייט-שפּיציקע שטיוול אויף די משונהדיק גראָבע פּאָדעשוועס זענען אוודאי זייער שווער, אָבער דער מענטש האָט געשפּאַנט רוישלאָז, זיינע פיס, נישט אויפהייבנדיק זיך פון דער ערד, האָבן זיך געגליטשט איבער איר, ווי איבער פּוטער אָדער איבער גלאָז.

נאָך אים האָט דרך-ארצדיק זיך באַוועגט אַ גרופּע מענטשן, צווישן וועלכע ס׳זענען געווען פיר כינעזער אין נאַציאָנאַלע קאָסטיומען. אומעטיק איז געגאַנגען דער בראַווער גובערנאַטאָר באַראַנאָוו צוזאַמען מיטן גענעראַל פאַבריציוס — דעם קאָמיסאַר פון קייזערלעכן קאַבינעט-פּאַוויליאָן, וואו ס׳זענען אויסגעשטעלט גע-

חען די אוצרות פון די נערטשינער און אַלטאַיער מעטאַל־גרובנס, איידלשטיינער, שטיקער גינגאָלד. מענטשן מיט אָרדנס און אָן אָרדנס זענען רעספּעקטפול. אין אַן ענגער גרופּע, אויך נאָכגעגאַנגען פונהינטן דעם אויסטערלישן באַזוכער.

מיט זיין שווימענדיקן גאַנג איז דערדאָזיקער וויכטיקער מאַן געגאַנגען פון איין בנין אין אַנדערן; זיין שטיינערן פּנים איז געווען אומבאַוועגלעך, בלויז קוים־קוים פלעגן אויפציטערן די ברייטע נאָזלעכער פון דער מאָנגאָלישער נאָז און קירצער ווערן די נאָכהענגענדיקע ליפּ. אָבער איר באַוועגונג איז געווען צו מערקן בלויז דערפון, וואָס ס׳האָבן זיך אויפגעשטעלט די גרויע האָר אין די מויל־ווינקלען.

— לי־כונג־טשאַנג, — האָבן געפליסטערט די מענטשן איינער דעם אַנדערן, — לי־כונג־טשאַנג.

און זענען, רעספּעקטפול זיך נייגנדיק, אָפּגעשפּרונגען. אויף די מענטשן האָט דער באַרימטער מאַן פון כינע נישט געקוקט. די זאַכן האָט ער באַקוקט כּלאחר יד און בלויז פאַר מאַנכע פון זיי אָפּשטעלנדיק זיך אויף סעקונדעס, אויף אַ מינוט, פלעגט ער צעבלאָזן די נאָזלעכער, באַוועגן מיט די וואָנסעס.

זיינע הענט זענען געלעגן אויפן בויך, באַהאַלטן אין די ברייטע אַרבל. אָבער טיילמאָל, משמעות אָנשטויסנדיק זיך, אָדער, פאָלגנדיק אַן אומבאַמערקבאַרן צייכן, האָט איינער פון די כינעזער אָנגעהויבן רעדן מיטן קאָמיסאַר פונם אָפּטייל, און דערנאָך, נאָך מער אַראָפּלאָזנדיק די שטימע, גערעדט צו לי־כונג־טשאַנג, אונטערטעניק אָנבויגנדיק דעם קאָפּ, נישט קוקנדיק אין זיין פּנים אַריין.

אין אָפּטייל פון קריגס־פלאָט האָט ער אים געזאָגט וועגן דעם האַרמאַט; דער אַלטער כינעזער, שטייענדיק אומבאַוועגלעך און זייטיק צום האַרמאַט, האָט געשיקלט אויף אים עטלעכע סעקונדעס — און אַ שווים געטון ווייטער.

דער גענעראַל פאַבריציוס האָט גלייך געמאַכט די זאַפּאָראָזשער וואָנסעס, איז אַרויסגעטרעטן פאָרויס פאַרן הויכגעשטעלטן

באַסט און מיט אַ זשעסט פון אַ מיליטער-שעף אים אָנגעוויזן אויפן קייסערס פּאַוויליאָן.

לי-כונג-טשאַנג איז געבליבן שטיין. דער כינעזער—דער איבערזעצער האָט אָנגעהויבן אין פאַרלעגנהייט זיך צו דרייען, בייגן און פליסטערן עפּעס, צעפּירנדיק מיט די הענט, שמייכלענדיק.

— מ'טאָר נישט גיין פאַר אים? — האָט הויך געפרעגט אַן אימפּאָזאַנטער מאַן מיט אַ סך אָרדנס, געפרעגט און אַ שמייכל געטון. — נו, און גלייך מיט אים — מעג מען? ווי? מ'טאָר אויך נישט? קיינער?

— יאָ, אייער עקסעלענץ! — האָט געענטפערט עמעצער מיט אַ קול פון אַ באַלעגאָלע-יונג.

דער אימפּאָזאַנטער מאַן האָט רויט אָנגעבלאָזן די באַקן, אַ קלער געטון און געזאָגט אויף פראַנצויזיש:

— פרעגן דעם איבערזעצער: ווער זשע האָט דאָס רעכט צו גיין גלייך מיט אים?

אַלע זענען אַנטשוויגן געוואָרן. נאָכדעם האָט די שטימע פון באַלעגאָלע-יונג אַ זאָג געטון, אָבער שוין נישט הויך:

— דער איבערזעצער זאָגט, אייער עקסעלענץ, אַז ער ווייסט נישט; ס'קאָן זיין אייער, — ד. ה. אונזער — אימפּעראַטאָר, זאָגט ער.

דער אימפּאָזאַנטער מאַן האָט אָנגערירט די אָרדנס אויף זיין ברוסט און אַרויסגעמורמלט בייז:

—ווירקלעך... צערעמאָניעס!

דער גענעראַל פאַבריציוס האָט גענומען גיין הינטער לי-כונג-טשאַנג, אויך פאַררויטלענדיק זיך און ציפּנדיק די וואָנסעס.

אין אַלטאַי-פּאַוויליאָן האָט לי-כונג-טשאַנג זיך אָפּגעשטעלט פאַר דער וויטרינע איידלשטיינער, אַ ריר געטון מיט די וואָנסעס; דער איבערזעצער האָט תיכף געבעטן צו עפענען די וויטרינע. און ווען מ'האָט אויפגעהויבן איר שווערע שויב, האָט דער אַלטער כינעזער, נישט געאיילט, באַפרייט פון אַרבל די האַנט; דער אַרבל איז אַזוי ווי אַליין, מיטן אייגענעם כוח, אַרויפגעפאָרן צום עלנבויגן, די דינע, ביינערדיקע פינגער פון דער זקנישער, אייזערנער האַנט האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אין דער וויטרינע אַריין, צעפּגעראַבלט

פון אַ ווייס מירמלשטיינערן פּלאַטל אַ גרויסן דימענט — דעם שטאָלץ פון פּאַוויליאָן; לי־כונג־טשאַנג האָט אויפגעהויבן דעם שטיין אויף דער הייך פון זיין אויג, איבערגעטראָגן אים צום אַנ־דערן אויג און, קוים קענטיק אַ שאָקל געבנדיק מיטן קאָפּ, באַהאַלטן די האַנט מיטן שטיין אין אַרבל אַריין.

— ער נעמט אים זיך, — האָט דער איבערזעצער ליבלעך שמייכלענדיק אויסגעטייטשט דעמדאָזיקן זשעסט.

דער גענעראַל פּאָבריציוס איז בלאַס געוואָרן און אַרויס־געמורמלט:

— אָבער דערלויבט! איך האָב דאָך נישט קיין רעכט צו געבן מתנות!

דער באַרימטער כינעזער איז שוין אַרויסגעשוואומען פון דער פּאַוויליאָן־טיר און געגאַנגען צום אַרויסגאַנג פון דער אויסשטעלונג.

— לי־כונג־טשאַנג, — האָבן די מענטשן געזאָגט איינער דעם אַנדערן און זיך נידעריק געבויגט פאַרן מאַן, וואָס איז ענלעך גע־ווען צו אַן אַלטן מאַגיק. — לי־כונג־טשאַנג!

דער טאָג איז געווען אַן אומאָנגענעמער. בהלהדיק האָט גע־פּלאַטערט דער ווינט, צעבלאָזנדיק דאָס זאַמד פון וועג, אַרויס־שפּרינגענדיק פון הינטער די ראָגעס. אויפן הימל האָבן אַרומגע־שמייעט דראָבנע צעריסענע וואָלקנס, די זון איז אויך געווען אומרויק פאַרשמייעט, ווי זאָרגנדיק זיך וואָס בעסער צו באַלייכטן די אויסטערלישע פיגור פונעם כינעזער.